STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08552

AMAZONEN, ODER, DER KAMPF TSVISHEN DI PRISTER FUN VESTA UN AMOR

M. Mikhaylovitsh

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַמאַזאָנען

אָדער

דער קאמפף צווישען די פריסטער פון "וועסטא" און "אמאָר"

ראָמאַן פון דעם לעבען פון דער הויכער
געזעלשאַפט אין אַמעריקא און ענגלאנד

פון

מ. מיכאַילאָוויטש

NEW YORK
JEWISH PRESS PUBLISHING CO.
1913

1טעם קאפיטעל.

ניו יאָרק אויפגעשטורעמט

דעם 12טען אפריל ...18 איז גאנץ ניו יאָרק געווען אויפגערודערט. שוין פון גאנץ פריה אָן האָבען זיך מאסען מענשען געצויגען צום ניו יאָרקער האפען און שוין ארום 8 א זייגער איז דער האפען געווען פערפלייצט פון א ים מענשען־קעפּ.

דאָס וועטער איז געווען שעהן, אָבער קאַלט. דער הימעל איז געווען לויטער, דיא זון האָט העל געשיינט, אָבער א קאַלט ווינטעל האָט דורכגענומען דורך און דורך. דער עולם, וואס איז שוין געווען אָנגעטהאָן האַלב־זומערדיג, האָט געכאפּט א היבשען ציטער, אָבער קיינער האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט. פערקעהרט, אַלץ נייע און נייע מאסען מענשען זיינען אָנגעקומען און יעדער האָט מיט נייגעריגקייט זיך געשטופּט צום פּראָנט.

וואָס האָט דיעזע מענשען אהער צונויפגעבראכט? ווארום דריקט יעדענס געזיכט אוים אזוי פיעל נייגעריגקייט?

דיא אורזאכע פון דעם גערודער איז געווען א וואונדערבארע מעלדונג, וועלכע איז ערשיענען אין דיא נעכטיגע ניו יאָרקער צייטונגען.

איינע פון דיא גרעסטע און פערשפּרייטעסטע ניו יאָרקער צייטונגען האָט נעכטען געשריעבען פאָלגענדעס:

„ענדליך איז אונז געלונגען אויסצוגעפינען, צו וועמען עס בעלאַנגט דיא מאָדנע שיף, וועלכע ציהט צו אַלעמענס אויפמערקזאמקייט אין דעם ניו יאָרקער האפען. שוין לאַנג האָט מען זיך ביי אונז געבראָכען דיא קעפּ, צו וועמען עס געהערט דיא ווייסע יאכט־שיף, וואס טראָגט דעם נאָמען „וועסטא". דיא פּעהיגסטע רעפּאָרטערס האָבען אָנגעווענדעט אַלע קרעפטען עפּעס צו דערגעהן וועגען איהר, אָבער אַלעס איז געווען אומזיסט. דאָס הויפּט געהיימניס וועגען דער „וועסטא" איז געווען דאָס וואָס מען האָט דיא שיף צוגעגרייט צו א באַלדיגער רייזע און דאָך האָט מען ניט געהערט, אז מען זאָל אויף איהר אָנשטעלען א קאַפּיטאַן און מאַטראָזען.

„אָבער ענדליך איז אונז געלונגען דאָס געהיימניס אויפצודעקען. און דאָס

וואס מיר האבען ענטדעקט איז ווירקליך אזעלכעס וואס האט זיך קיין מאל קיינעם ניט געקענט אפילו חלום'ען.

"אבער לאמיר געהן כסדר.

"צוריק מיט א יאהר האט אין ניו יארק עקזיסטירט א גוט־בעקאנטער פרויען־יאכט־קלוב. דער קלוב האט געהייסען "עלען־יאכט־קלאב" נאך דעם נאמען פון דער גרינדערין עלען פעטערסאן. דער קלוב איז געווען בעריהמט איבער גאנץ אמעריקא און זאגאר אין אייראפא. דיא לעזער וועלען זיך װאהר־שיינליך נאך דערמאהנען, וויא דער קלוב האט אמאל געהאט א רייס אין רו־דערען מיט דעם בעריהמטעסטען יאכט־קלוב פון ענגלאנד און דער פרויען־קלוב האט געוואונען דעם רייס. צווישען דיא מיטגליעדער פון דעם "עלען־קלאב" האבען זיך אויך געפונען דיא בעסטע שווימערינס וואס דאס לאנד פערמאגט. דיא גוט־בעקאנטע שווימערין יאהאנא לינד, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר רעטונגס־ארבייט ביי דעם אונטערגאנג פון דער שיף "גרענט", האט אויך בעלאנגט צו דיעזען קלוב. קינדער פון דיא אריסטאקראטישסטע און רייכסטע פאמיליען האבען דארט בעלאנגט.

"צוריק מיט א יאהר האט זיך דער "עלען־קלאב" פלוצלונג אויפגעלעזט. דיא אורזאכע דערפון האט קיינער ניט געוואוסט. עס איז געבליבען א געהיימ־ניס. און נאך מעהר וואונדער: דיא מיטגליעדער זיינען פערשוואונדען פון ניו יארק, אייניגע — מיט דעם וויסען פון זייערע עלטערען און אייניגע — אהן זייערע עלטערען'ס וויסען. דיא עלטערען, וואס האבען געוואוסט דעם סוד, האבען איהם אויך ניט ארויסגעגעבען.

"א גאנץ יאהר איז דער "עלען־קלאב" געווען פערמאכט. ערשט נעכטען אבענד האט זיך דער קלוב פלוצלונג נאך אמאל פערזאמעלט. אלע 25 מיטגליע־דער זיינען אנוועזענד געווען. זיי האבען זיך פערזאמעלט, אום וויעדער אמאל צו פערשווינדען אויף דער ווייסער יאכט־שיף "וועסטא", וואסווארט אויף זיי שוין זייט א פאר וואכען אין דעם ניו יארקער האפען.

"פאר דעם יאהר, וואס זיי זיינען פערשוואונדען פון ניו יארק, האבען זיי זיך געלערענט צו זיין מאטראזען און שיפס־קאפיטאנען. זיי האבען דאס גע־לערענט אויף א גאנץ פראקטישען שטייגער אויף פערשיעדענע שיפען. עלף פון זיי האבען אויסגעהאלטען עקזאמען אויף שטייערמאן, דיא פרעזידענטין מיסס עלען פעטערסאן האט אויסגעהאלטען עקזאמען אויף שיפס־קאפיטאן און דיא איבריגע זיינען אויסגעצייכענטע מאטראזען.

"דיא 25 פרויען האבען בעשלאסען צו מאכען א רייזע ארום דער וועלט אויף זייער שיף. וואוהין זיי פאהרען פון דאנען, האלטען זיי בסוד. וויא זייער שיף איז איינגעריכטעט, ווייס אויך קיינער ניט, ווייל לויט דיא פאר־

שריפטען פון זייער קלוב טאָר קיינער ניט בעטרעטען דיא שיף אויסער דיא קלוב-מיטגליעדער, הויפטזעכליך איז עס פערבאָטען פאר מענער.

"דיא יונגע פרויען וועלען אליין פיהרען זייער שיף. קיין זייטיגער מענש, וועט אויף דער שיף ניט ארויפקומען. זיי נעהמען אויך ניט מיט קיין דיענער, ניט קיין מענער און ניט קיין פרויען.

"דיא שיף פאָהרט אָב פון ניו יאָרקער האפען מאָרגען אום צעהן אוהר אין דער פריה".

אָט-דאָס איז עס געווען דיא מעלדונג, וואָס האָט היינט צונויפגעטריבען צום ניו יאָרקער האפען אזא גוואלדיגע מאסע מענשען.

אויף אַלעמענ'ס ליפען זיינען געווען דיא נעמען "וועסטא", "עלען-קלאָב" און "מיסס פעטערסאָן".

דער עולם איז געווען אויפגעלעגט און דיא מעהרסטע האָבען זיך גע-האַלטען אין איין וויצלען.

— איך שטעל מיר פאָר, וויא דיא ווייבער אויף דער "וועסטא" וועלען אויסזעהן אין זייערע קאָרסעטען און זיידענע קליידער, ווען עס וועט נעהמען שטורמען אויף'ן ים — האָט זיך געוויצעלט איינער.

— נו, פאר וואסער האָבען זיי שוין גראָדע קיין מורא ניט — האָט גע-ענטפערט אַ צווייטער — וואָס וועט אָבער זיין, אַז זיי וועלען דערזעהן אויף דער שיף אַ מויז?

פיעלע אָרום האָבען אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער.

אין אַ צווייטען אָרט האָט איינער ערקלערט, וואָרום דיא שיף הייסט "וועסטא" און וואָרום דיא מיטגליעדער פון דעם יאַכט-קלוב רופען זיך וועס-טאַלקעס. דאָס איז געווען אַ רעפּאָרטער פון אַ צייטונג און אַלע האָבען זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, וואָס ער רעדט.

— וועסטא — האָט דער רעפּאָרטער געזאָגט — איז, לויט דיא אַלט-רוימישע לעגענדען, געווען דיא געטין פון דער ערד און פון פייער. דער רוי-מישער ים-גאָט "נעפּטון" אָדער "פּאָסיידאָן" האָט זיך צו איהר גע'שדכנ'ט, אָבער זיא האָט געשוואָרען ביי איהר ברודער צעאוס אָדער יופּיטער, דעם הויפּט-רוימישען גאָט, זיא זאָל בלייבען אַ בתולה.

— איז, הייסט עס, דיא שיף דיא הייליגע בתולה? — האָט אימיצער אריינ-געוואָרפען אַ בעמערקונג.

— און דערפאַר וואהרשיינליך איז זיא געפּאַרבט אין ווייסען — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— און דיא 25 מענער-פיינדליכע מיידלעך ווילען אויך זיין וועסטאָס?

— האָט אַ דריטער זיך אריינגעמישט — כ'לעבען, ס'איז אַ חכמה, וואָס זיי' אַנטלויפען אויף'ן ים. ווייטער האָב איך מורא, אַז זיי וואָלטען זייער שבועה

ניט געקענט האַלטען. אז מען פערמאָגט עלטערען מיליאָנערען, איז זעהר שווער צו בלייבען אַלטע מוידען.

— זיי רופען זיך ניט וועסטאָס, נאָר וועסטאַלקעס — האָט ווידער אָנגעהויבען דער רעפּאָרטער — דיא וועסטאַלקעס אין אַמאָליגען רוים זיינען געווען פּריסטערינס (גלח'טעס) וואָס האָבען געהאַט דיא אויפזיכט איבער דעם שטענדיגען פייער אין דיא וועסטאַ־טעמפּלען און האָבען קיין מאָל ניט געהייראַט.

דער רעפּאָרטער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער דאָ איז געוואָרען א טומעל. דער עולם פון הינטען האָט זיך גענומען בעוועגען, עס האָבען זיך געהערט בייזע קולות און זידלערייען.

דיא אורזאַכע פון דעם טומעל איז געווען א מאָדנער פּאַרשוין, וואָס האָט אויסגעזעהן וויא א טערק אָדער ארמעניער. זיין פּנים איז געווען בעדעקט מיט גרויסע לעבער אויסגעגעסען פון פּאָקען, איבער זיין פּנים האָבען זיך געצויגען צוויי לאַנגע נעט פון א מעסער־שניט און איין אויג איז ביי איהם געווען פערמאַכט. ער האָט נור געקוקט מיט איין אויג, אָבער דאָס דאָזיגע איינציגע אויג האָט געקוקט אזוי דורכדרינגענד, אז יעדער האָט ניט ווילענדיג איהם אָבגעטראָטען דעם וועג. אויף אזא אופן איז עס דעם געשטופּעלטען איין־אויגיגען געלונגען זיך דורכצושטופּען צום סאַמע פראָנט.

דאָרט האָט ער שנעל גענומען זוכען אימיצען מיט דיא אויגען. ענדליך האָט ער געפונען דעם יעניגען וואָס ער האָט געזוכט.

ער איז צוגעגאַנגען צו א מאַן פון א יאָהר 40 און האָט ארויפגעלעגט דיא האַנד אויף זיין אַקסעל.

— קוים געפונען! — האָט ער געזאָגט.

דער צווייטער מאַן האָט זיך פערדעכטיג ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען און האָט שטיל געזאָגט:

— זיי פאָהרען, אַלזאָ, טאַקע אָב. זיינט איהר גרייט באַלד נאָכצופאָהרען?

— יא, איך פאָהר ארויס אין אָבענד. אָבער מיר מוזען זיך נאָך פריהער וועגען פיעלע זאַכען גענוי דורכרעדען. קענט איהר מיט מיר דאָ ניט ווייט ארייגעהן אין א געוויסען פלאַץ? דאָרט וועלען מיר אונגעשטערט קענען אַלעס ארומריידען.

— גוט! — האָט דער צווייטער מאַן געענטפערט — געהט און וואַרט אויף מיר אָט־דאָרט (ער האָט איהם אָנגעצייגט וואו). איך וועל אייך באַלד נאָכפאָלגען.

קיינער פון זיי האָט ניט בעמערקט, אז דעם איין־אויגיגען האָט דיא גאַנצע צייט נאָכגעפאָלגט א יונגערמאַן פון א יאָהר דרייסיג מיט לעבעדיגע, בריי־

נענדע אויגען. זיי האבען אויך ניט בעמערקט, אז ער איז געשטאנען ניט ווייט פון זיי, ווען זיי האבען געפיהרט זייער געהיימניספאלען געשפרעך.

דער עולם איז ענדליך געווארען אונגעדולדיג ווארטענדיג.

— דיא מאנשאפט פון דער "וועסטא" איילט זיך לחלוטין ניט — האט אימיצער צווישען עולם בעמערקט.

— דיא מאנשאפט וואלט זיך שוין געאיילט — האט געענטפערט א צווייטער — דער אונגליק איז, אז דאס איז גאר ניט קיין מאנשאפט, נאר א פרויענשאפט.

דעם עולם איז דער וויץ שטארק געפעהלען.

און דא האט זיך אויף דער "פרויענשאפט" גענומען שיטען א האגעל מיט וויצען.

— זיי מאכען זייער טואלעט.

— זיי ווארטען אויף'ן פאריקמאכער.

— זיי שרייבען ליעבע-בריוועלעך.

— זיי האבען שוין מסתמא חרטה אויף זייער שבועה ניט חתונה צו האבען.

— עס איז זיי אומעטיג ארויסצופאהרען אהן קאוואליערען.

אזעלכע און עהנליכע בעמערקונגען האבען זיך געהערט פון איבעראל.

פלוצלונג האט אימיצער א געשריי געטהאן:

— זיי קומען!

ניט ווייט פון דער "וועסטא" האבען זיך בעוויזען צוויי שיפלעך. אין איינעם פון דיא שיפלעך איז געזעסען דיא קאפיטאנשע פון דער וועסטא, מיסס עלען פעטערסאן, מיט נאך דריי מיידלעך, אין צווייטען שיפעל איז געווען דיא בעריהמטע שווימערין מיסס יאהאנא לינד. זיא איז געווען דער "צווייטער אפיציער" פון דער "וועסטא". מיט איהר זיינען אויך געזעסען דריי מיידלעך.

דאס זיינען אלע געווען יונגע מיידלעך, בלוט און מילך. דער ספארט און דיא ארבייט אויף דיא שיפען האט אויף א האר ניט פערמינדערט זייער צארטקייט און שעהנקייט. זיי זיינען אלע געווען געקליידעט אלס מאטראזען. דיא מענער־קליידער האבען זיי געמאכט אויסזעהן נאך יונגער און שעהנער. אויף זייערע מאטראזען-היטלען איז געווען אויפגעשריעבען דאס ווארט "וועסטא".

דיא שעהנסטע צווישען אלע איז געווען דיא קאפיטאנשע פון דער שיף, מיסס עלען פעטערסאן.

זיי האבען קרעפטיג גערודערט צו דער "וועסטא". דאס זעלטענע ביילד האט וויא עלעקטריזירט דעם עולם און א הילכיגער הורדא האט בעגריסט דיא בראווע מיידלעך.

דער עולם איז געווען אַזוי פערנומען מיט זיי, אַז קיינער האָט ניט בע־מערקט איין מערקווירדיגען פאַל, וועלכער וואָלט פיעלע געקענט אַנשטויסען אויף אינטערעסאַנטע געדאַנקען.

עס איז נעמליך פאָרגעקומען פאָלגענדעס:

אין דער צייט, ווען דער קאַפּיטאַנשע׳ס שיפעל איז שוין געווען ביי דער "וועסטאַ" און מיסס לינד׳ס שיפעל איז עטוואָס אָבגעשטאַנען, איז אַ יונגער־מאַן אין אַ צווייטען שיפעל פאַרבייגעלאָפען מיסס לינד׳ס שיפעל און האָט מיט זיין ווענלע (לאָפּעטע) ארויסגעשלאָגען איהר ווענלע פון איהר האַנד. ער האָט דיא ווענלע באַלד אונטערגעכאַפּט און האָט זיא איהר דערלאַנגט. איבערנעה־מענדיג ביי איהם דיא ווענלע, האָט מיסס לינד אונבעמערקט ארייגעלעגט אין זיין האַנד אַ שטיקעל פּאַפּיער און דער מאַן איז באַלד אַוועק צום ברעג.

וויא ער איז נור אַרויס אויף׳ן ברעג האָט ער דאָס שטיקעל פּאַפּיער גע־עפענט און האָט איבערגעלייענט פאָלגענדעס:

"שיק באַלד אַוועק אַ טעלעגראַמע צו לאָרד האַרלינגטאָן נאָך לאָנדאָן, אַז דיא "וועסטאַ" פאָהרט היינט אַרויס און אַז איהר ערשטע סטאַנציע וועט זיין אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל".

אין דער צייט, ווען דער אונבעקאַנטער איז אַוועקגעגאַנגען ערפילען זיין אויפגאַבע וועגען דער טעלעגראַמע, האָט דערווייל דער עולם ביים האַפען גע־האַלטען אין איין שרייען הורראַה פאַר דיא וועסטאַלקעס.

דיא קאַפּיטאַנשע מיט איהרע בעגלייטערינס זיינען אַרויף אויף דער שיף. דאָרט האָט זיא, איהר "ערשטער אָפיציער" מיסס טהאָמפּסאָן און איהר "צווייטער אָפיציער" מיסס לינד צום לעצטען מאָל בעטראַכט אויב אַלעס אויף דער שיף איז אין אָרדנונג און עס איז געגעבען געוואָרען דיא קאָמאַנדע אויפצו־הויבען דיא זעגלען.

דיא "וועסטאַ" איז געווען אַ זעגעל־שיף. זיא האָט אָבער אויך געהאַט אַ דאַמפּף־מאַשין, וועלכע זאָל טרייבען דיא שיף, אין פאַל דער ווינד זאָל ניט זיין קיין גינסטיגער. אַרויספאָהרען האָבען זיי בעשלאָסען מיט דער הילף פון דיא זעגלען.

דיא קאַפּיטאַנשע איז געשטאַנען אויף דעם קאַפּיטאַן׳ס בריקעל און האָט געגעבען דיא קאָמאַנדע. פלינק האָבען זיך עטליכע פון דער "פּרויענשאַפט" אַ וואָרף געטהאָן צו דיא מאַסטען און גענומען צורעכט מאַכען דיא זעגלען.

אַן אויסגעשריי פון בעגייסטערונג האָט בעגריסט זייער ארבייט.

ביי אַ האַלבע שטונדע האָבען געדויערט דיא פאָרבערייטונגען. ענדליך האָט זיך דיא "וועסטאַ" גענומען ריהרען. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט זיך איהר וויסער קערפּער גענומען בעוועגען. דיא קאַפּיטאַנשע מיט עטליכע מיידלעך

זיינען געשטאַנען אויף'ן דעק. דער עולם האָט גענומען פּאַכען מיט טיכלעך און מיט העטס. פון דער שיף האָט מען געענטפערט מיט ווייסע טיכלעך.

הויך, איבער דער אויבערשטער מאַסט האָט געפלאַטערט דיא פאָהן פון דער "וועסטאַ".

דיא וועסטאַלקעס זיינען ארוים אויף זייער ווייטער רייזע, וואו עס האָבען אויף זיי געלויערט געהיימע פיינד און וואו עס האָבען זיי ערוואַרטעט פיעלע געפאַהרען.

לאַנג, לאַנג איז נאָך דער גרויסער עולם געשטאַנען ביים האַפען. איצטער האָט זיך שוין קיינער ניט געוויצעלט וועגען דיא וועסטאַלקעס.

2טעם קאַפּיטעל.

אַ מערדערישע פערשווערונג

דעם איין־אויגיגען טערק אָדער אַרמעניער, וועלכען מיר האָבען בעגעגענט אין לעצטען קאַפּיטעל, איז ניט לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטען אויף דעם מאַן, מיט וועלכען ער האָט זיך אָבגעשמועסט צו בעגעגענען זיך.

וויא יענער איז נור צוגעקומען צו איהם, האָט איהם דער איין־אויגיגער שנעל אָנגעצייגט אויף אַ ביער־סאַלון און האָט איהם געזאָגט:

— מר. סטיווענס, עס איז אפשר ניט זעהר בעקוועם, מיר זאָלען זיך ביידע צוזאַמען ארומשלעפּען אין דיא גאַסען. אַלזאָ, איך וועל אַהין, אָט אין יענעם סאַלון אריינגעהן און איהר קומט צו אין אַ פּאָר מינוט אַרום. אויב איהר קענט אויספיהרען, אַז קיינער זאָל ניט בעמערקען, וויא איהר קומט אַהין אריין, איז נאָך בעסער. געהט ניט אריין דורך'ן סאַלון, נאָר דורך דער זייטיגער טהיר. געהט גלייך אַרויף אויף'ן ערשטען שטאָק און קלאַפּט אָן אין דער טהיר נומער צוויי.

מיט דיזע ווערטער האָט ער שנעל זיך אומגעדרעהט און זיך געלאָזט געהן צום סאַלון. סטיווענס האָט זיך געלאָזט געהן צוריק צום האַפען, האָט זיך אויף אַ ווייל פערמישט מיט דער מאַסע, איז צוריק אַוועק פון'ם האַפען און איז אָבגעגאַנגען אַ שטיק וועג ניט אין דער ריכטונג פון דעם סאַלון. דאַן האָט ער זיך פּלוצלונג צוריקגעקעהרט און האָט זיך געלאָזט געהן צום סאַלון־צו.

ווען ער איז שוין געווען ביים סאַלון, איז פאַרביי איהם דורכגעלאָפען אַ יונגערמאַן, האָט איהם שאַרף אָנגעקוקט און איז פערשוואונדען אין דער־זעלבער טהיר, אין וועלכער סטיווענס האָט זיך געקליבען אריינצוגעהן.

סטיווענס האָט דעם יונגען מאַן געשענקט ווייניג אויפמערקזאַמקייט.

מיר אָבער, ווען מיר ווע‎לען זיך צו איהם גוט צוקוקען, וועלען מיר אין איהם דערקענען דעמזעלבען יונגערמאַן וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דעם איין־אויגיגען ביים האַפען. דער יונגער מאַן איז אַרויף אויף'ן ערשטען שטאָק און האָט זיך שנעל און אונבעמערקט אריינגעכאַפּט אין דעם צימער, וואָס איז געווען לעבען דעם צימער נומער צוויי, וואו סטיווענס האָט זיך געזאָלט בעגעגענען מיט דעם טערק אָדער אַרמעניער.

דער יונגערמאַן האָט אין זיין צימער אויפגעהויבען אַ ברעטעל פון דער וואַנד אַזוי אַז אין דעם פּלאַץ זיינען דיא צוויי צימערען געווען אָבגעטהיילט נור מיט דעם דינעם שפּאַליר־פּאַפּיער. ער האָט זיך לעבען דעם פּלאַץ אַוועקגעזעצט, האָט צוגעלעגט דעם אויער און גענומען הערען.

און הערען איז ווירקליך געווען וואָס.

— האָט איהר זיך איבערלעגט? — האָט געפרעגט דער איין־אויגיגער.

— יאַ! — האָט געענטפערט סטיווענס — איהר קריעגט דיא פערלאַנגטע סומע געלד. מיט וואָס וועט איהר מיר אָבער גאַראַנטירען, אַז איהר וועט אַלעס ערפילען?

דער איין־אויגיגער האָט אַ שמייכעל געטהאָן, האָט זיך צוגעבויגען צו סטיווענס'ען און האָט געזאָגט:

— מיין נאָמען איז דער ים־וואָלף.

סטיווענס האָט אַ ציטער געטהאָן און האָט זיך מיט שרעק אָבגערוקט.

— זיינט איהר עס... — האָט סטיווענס קוים ארויסגעמורמעלט.

— בין איך עס — האָט קאַלט און מיט פעראַכטונג געענטפערט דער ים־וואָלף.

— און איהר האָט קיין מורא ניט ווען עס איז אויסצוזאָגען אייער שרעקליכען נאָמען? — האָט מיט ציטערענדע ליפּען געפרעגט סטיווענס.

— אַם וועניגסטען פאַר אייך האָב איך קיין מורא ניט — איז געווען דער ענטפער — און אַז איהר ווייסט מיין נאָמען, וועט איהר שוין אויך פערשטעהן, אַז פאַר מיר איז אַלעס מעגליך. איהר ווייסט אויך, אַז דער ים־וואָלף קען האַלטען וואָרט.

— דאָס איז אמת — האָט געזאָגט סטיווענס.

ער איז שוין איצט אַביסעל געקומען צו זיך און האָט צוריקגעקראָגען זיין מוטה.

— מען האָט דאָך געזאָגט, אַז איהר זיינט שוין לאַנג פערשוואונדען — האָט ער ווייטער אָנגעהויבען.

— נו, ניין! — האָט זיך צולאַכט דער ים־וואָלף — דאָס בין איך נור פערשוואונדען פאַר דיא אַמעריקאַנער און ענגלישע קריעגס־שיפען, וועלכע האָ־

בען זיך נאָך מיר געיאָגט אויף אַלע ימים. אָבער אַזוי בין איך, דאַנקען גאָט, שטאַרק און געזונד. איהר זעהט דאָך.

ער האָט זיך צולאַכט מיט אַ הייזעריגען, עקעלדיגען געלעכטער.

— הייסט עס, זיינט איהר שוין מעהר ניט קיין ים־רויבער?

— ניין, דאַנקע שעהן, דיעזע מלאכה איז שוין איצטער אַביסעל צו געפעהרליך.

ער האָט זיך אַ ווײלע פערטראַכט און האָט וויא צו זיך אַליין געזאָגט:

— מאָדנע זאַכען קומען איצטער פאָר אויף'ן ים. ביי מיין איצטיגער רייזע נאָך ניו יאָרק האָב איך זיך אָנגעשטויסען אָן אַן ערשיינונג, וואָס דער טייוועל אַליין האָט נור געקענט אויסטראַכטען. פאַרביי מיין שיף איז וויא אַ בליץ דורכגעפלויגען עפּעס אַ שיף, פון וועלכער עס האָבען זיך אַרויסגעזעהן נור דיא אויבערשטע טהיילען, עטוואָס עהנליכעס צו אַ קיילעכדיגען דעק. קיין מאַסטען האָט מען אויף דער שיף ניט געזעהן און קיין מענשען אויך ניט, אָבער געפלויגען איז דיא שיף וויא טויזענדע טייוואָלים וואָלטען זיא געשלעפּט. וויא אַ בליץ איז זיא דורכגעפלויגען אַזוי, אַז מיר האָבען קיין צייט ניט געהאַט זיא צו בעטראַכטען וויא עס בעדאַרף צו זיין. דערצו, זיינען אַלע מיינע לייטע אַזוי דערשראָקען געוואָרען, אַז זיי האָבען מורא געהאַט דעם קאָפּ אויפצוהויבען לאַנג, לאַנג נאָכדעם וויא דיא שיף איז פערשוואונדען... יאָ!

— איז עס פיליכט געווען אַזאַ מין דאַמפּפער? — האָט סטיווענס געפרעגט.

דער געוועזענער ים־רויבער האָט איהם אָנגעקוקט מיט פעראַכטונג.

— דענקט איהר — האָט ער געזאָגט מיט כעס — אַז דער ים־וואָלף האָט קיין מאָל ניט געזעהן קיין דאַמפּף־שיף? ניין, יענע גייסטער־שיף איז ניט געווען קיין דאַמפּפער. קיין סימן פון קיין קוימען איז אויף איהר ניט געווען.

ער האָט זיך ווידער פערטראַכט און זיינע אויגען האָבען געקוקט אין דער ווייטקייט אַזוי צושראָקען וויא ער וואָלט איצטער אויך געזעהן פאַר זיך יענע געהיימניספאָלע שיף.

— היינטיגע צייטען זיך פערנעהמען מיט ים־רויבעריי — האָט ער וויעדערהאָלט — ניין, דאַנקע שעהן!

— האָט איהר זיך, הייסט עס, איצטער גענומען צום האַנדעל מיט פרויען? אַזוי, אַם וועניגסטען, האָט מיר געזאָגט דער מאַן, וואָס האָט מיר געראַטהען זיך צו ווענדען צו אייך.

— און ער האָט אייך קיין ליגען ניט געזאָגט. פריהער האָב איך געהאַנדעלט מיט שוואַרצע שקלאַפען. היינט איז אָבער אויך דער מסחר שוין אונטערגעגאַנגען אַפילו אין קובאַ און אויף דיא פיליפּינען אינזלען. נו, אַ

לעבען מוז מען דאך מאכען, האב איך זיך גענומען צום ווייסען־שקלאפעריי־האנדעל.

דיא אפענהערציגקייט פון דעם אמאליגען ים־רויבער און שקלאפען־הענד־לער האט אביסעל איבערראשט סטיווענס׳ען. דער נאמען ״ים־וואלף״ האט אמאל אנגעווארפען א שרעק אויף אלעמען. קיין שיף אויף קיין ים איז ניט געווען זיכער פון איהם. דיא אמעריקאנער און דיא ענגלישע רעגיערונג האבען ניט איין מאל ארויסגעשיקט קריעגס־שיפען איהם צו כאפען, אבער דאס איז זיי קיין מאל ניט געלונגען. דיא רעגיערונגען פוןביידע לענדער האבען ערקלערט, אז זיי וועלען געבען א גרויסע בעלוינונג צו דעמיעניגען וואס וועט דעם באנדיט כאפען, אבער קיינער האט גאר ניט געוואגט אזא זאך צו אונטערנעהמען.

סטיווענס׳ען האט, ווייזט אויס, שוין באנג געטהאן וואס ער האט זיך אנגעהויבען מיט אזא געפעהרליכען מענשען. ער האט שוין אבער מורא געהאט זיך צוריקצוציהען און ער האט בעשלאסען איינצוגעהן אויף אלעס.

— אלזא? — האט איהם דערוויל אונטערגעטריבען דער ים־וואלף.

— גוט! — האט געענטפערט סטיווענס — איהר קריעגט צעהן טויזענד דאלאר, וויא איהר פערלאנגט — פינף טויזענד באלד און פינף טויזענד דא־לאר דעמאלט, ווען איהר וועט מיר ברייננגען א בעוויז, אז זיא איז בעזארגט אזוי, אז זיא וועט קיין מאל ניט קענען קומען צוריק.

אין דער מינוט האט זיך דערהערט א שטילער רויש. דאס האט דער יונגערמאן פון יענער זייט וואנד אונפארזיכטיג זיך א שפאר געטהאן אן דער וואנד.

סטיווענס האט א ציטער געטהאן.

— אימיצער הערט זיך פיליכט אונטער? — האט ער א פרעג געטהאן און איז בלאס געווארען.

אין אמת׳ען האט ער פילייכט ניט אזוי שטארק מורא געהאט דערפאר, טאמער הערט זיך אימיצער אונטער וויא דערפאר, טאמער האט מען איהם דא ארייגעכאפט איז א פאסטקע. נאכדעם וויא ער האט זיך דערוואוסט, אז ער האנדעלט דא מיט׳ן ים־וואלף, האט זיך איהם דאס ערגסטע פארגעשטעלט פאר מעגליך.

דעם ים־וואלף האט אבער דער פערדעכטיגער רויש אויף א האר ניט בעאונרוהיגט.

— דאס לויפען וואהרשיינליך ארום ראטען — האט ער קאלטבלוטיג געענטפערט — דאס גאנצע הויז איז דא פול מיט ראטען.

— זיינט איהר אזוי זיכער, אז דא איז אונמעגליך א פערראטה? — האט זיך מר. סטיווענס אלץ ניט געקענט בערוהיגען.

— א פערראַטה? — האָט איבערגעפרעגט דער ים־וואָלף, און אויף זיין שטערן האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ שאַרפער, בייזער קנייטש.

— אַ פערראַטה? — האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט און האָט דורכ־געגומען סטיווענס׳ען מיט זיין שאַרפען בליק — ביי אונז זיינען קיין פערי־רעטהער ניטאָ.

— קיין מאָל ניט? — האָט געפרעגט סטיווענס.

— קיין מאָל ניט! און אז עס געפינט זיך אַ פעררעטהער, ווערט ער אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט נאָך איידער ער האָט צייט זיין פערראַטה צו בעגעהן... פאַר אייך איז דאָס הויפּטזעכליך אינטערעסאַנט צו געדענקען, מר. סטיווענס.

מר. סטיווענס האָט פערשטאַנען דעם וואונק, אָבער ער האָט זיך ניט ווי־סענדיג געמאַכט, אַז איהם מיינט מען דאָס.

יעדע מינוט אין דיעזען פערפלוכטען הויז, אויג אויף אויג מיט׳ן ים־וואָלף, איז פאַר סטיווענס׳ען איצטער געוועזן פּשוט אונערטרעגליך. ער האָט וואָס גיכער זיך געוואָלט אַרויסרייסען פון דאַנען.

ער האָט דעריבער אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ פּעקעל באַנק־בילעטען און האָט דאָס געלד אַוועקגעלעגט אויף׳ן טיש.

דער ים־וואָלף האָט דאָס געלד צוגעשאַרט צו זיך, האָט עס לאַנגזאַם איבער־געצעהלט און האָט ענדליך געזאָגט:

— ריכטיג! פינף טויזענד דאָלאַר. און יעצט זאָגט: וואָס זאָל איך טהאָן מיט מיסס פּעטערסאָן? אויפרייסען דיא שיף? זיא דערטרינקען אין ים? אייך ברייגגען איהר קאָפּ?...

— איך גלויב ניט, אויב איך זאָל געלינגען דיא "וועסטאַ" צו זינקען. דאָס איז אַ שטאַרק־געבויטע שיף. און דערצו וועט דיא "וועסטאַ" דאָך וואהרשיינליך אַלץ פאָהרען אין אַזעלכע ים־געגענדען, וואו שיפען געהן אויף און אַב.

— אהא! — האָט דער ים־וואָלף אויסגעשריען — אויב אַזוי, ווייזט אויס, האָט מען אייך נאָך ווייניג אָנגעשראָקען מיט׳ן נאָמען ים־וואָלף. דער ים איז מיין היים. איך בין אַרויף אויף אַ שיף, ווען איך בין אַלט געוועזן צעהן יאָהר. איבער פיערציג יאָהר בין איך אויף׳ן ים. יעדעס שטיקעל וואַסער אין אַלע ימים איז מיר בעקאַנט וויא מיינע פינף פינגער. דער ים־וואָלף קען יעדע כוואַליע אין ים און יעדע ים־כוואַליע קען דעם ים־וואָלף. ניט ווייניגער וויא צעהן מאָל האָבען דיא פערפלוכטע ענגלענדער מיין שיף געזונקען. וויא אַ ווילדע חיה האָט מען מיך געיאָגט איבער אַלע ימים און אונטער דער סאַמע נאָז פון דיא ענגלישע און אַמעריקאַנישע קריעגס־שיפען האָב איך געזונקען און בערויבט שיפען.

דיא עראינערונגען וועגען זיינע אמאליגע ים־רויבערייען האבען אריינ־געבראכט דעם ים־וואלף אין בעגייסטערונג.

— לעבען זאנזיבאר, אין אפריקא — האט ער ווייטער גערעדט וויא צו זיך אליין — איז אמאל געשטאנען מיין שיף פול מיט נעגער־שקלאפען, וועל־כע איך האב בעדארפט ברייננגען נאך בראזיליען, אין זיד אמעריקא. איך האב דיא שקלאפען געקראגען אומזיסט. קיין איינציגען סענט האב איך פאר זיי ניט בעצאהלט. עס איז אונז געלונגען זיך אריינצוכאפען אין א נעגערשען דארף און פערכאפען אלע איינוואהנער. עס איז מיר געשטאנען פשוט רייך צו ווערען. איך בין אבער קיין הונדערט מייל ניט אבגעפאהרען פון ברעג, וויא מיר האבען זיך אנגעשטויסען אויף אן ענגלישער שיף.

ער האט זיך אויף א ווייל אבגעשטעלט און דאן זיך פלוצלונג געווענדעט צו סטיוועגס'ען:

— איהר ווילט וויסען, וואס דיא ענדע איז געווען? פשוט. מיר האבען זיך געשלאגען ביז'ן לעצטען. און אז מיר האבען געזעהן, אז דיא שפיעל איז פאר'ן טייפעל, האבען מיר זיך אונטערגעגעבען. מיר האבען אבער פריהער אויסגעקוילעט אלע אונזערע נעגערען, אלע ביז איינעם.

א קאלטער שווייס האט בעדעקט סטיוועגס'ען קוקענדיג אויף דעם ים־וואלף. דער באנדיט האט איצטער אויסגעזעהן וויא א ווילדע חיה, וועלכע דורשט נאך בלוט. זיין איינציג אויג האט געברענט, זיין גאנצער קערפער האט געציטערט פאר בלוטדורשטיגער אויפרעגונג, זיינע נאז־לעכער זיינען געווען ווייט צושפרייט און ער האט שווער און שנעל געאטהעמט.

— יא — האט ער ווייטער גערעדט — אלע ביז איינעם אויסגעקוילעט. דער ים ארום איז רויט געווארען פון בלוט. און נאכדעם האבען מיר זיך אונטערגעגעבען.

ער איז צוגעגאנגען נאהענט צו סטיוועגס'ען און האט איהם געזאגט:

— איהר ווילט וויסען, וויא מיר האבען זיך בעפרייט? אויך אויף א גאנץ פשוט'ען שטייגער. איך און מיינע מענשען האבען איבערגעשניטען דיא קייטען, אין וועלכע מען האט אונז געשמידט, האבען אויסגעקוילעט דיא מאטראזען פון דער ענגלישער שיף און זיינען געווארען איהרע בעלי הבתים. מיר האבען זיא איבערגעפארבט, האבען איהר געגעבען אן אנדער נאמען און נאכדעם זיינען מיר דריי יאהר אויף איהר ארומגעפאהרען — אונטער'ן ענגלי־שען פלאג... האַ־האַ־האַ! א טהייערע שיף געווען!

מר. סטיוועגס איז געזעסען ניט טויט, ניט לעבעדיג. דער ים־וואלף האט עס בעמערקט.

— איהר האט זיך דערשראקען, מר. סטיוועגס? יעדענפאלס דארפט איהר זיך איצטער פאר מיר ניט שרעקען. היינט איז דער ים־וואלף א פריעדליבער

קויפמאַן. ער קויפט אויף שעהנע מיידלעך אין אַמעריקאַ, טערקיי, פראַנקרייך און וואו ניט? און צופיהרט זיי נאָכדעם איבער דער גאַנצער וועלט... ביי דהי וויי, האָט איהר אפשר ביי זיך אייער שטיפטאָכטער׳ס בילד?

סטיוועגס האָט זיך גענומען צו דער קעשענע און האָט ארויסגעשלעפט א בילד.

דער ים־וואָלף האָט זיך אין דעם בילד איינגעקוקט וויא א פאַכמאַן א מבין און האָט ערנסט געזאָגט:

— אזא מיידעל איז ווערטה שעהנע עטליכע הונדערט דאָלאַר. צום טייפעל! פאַר אזעלכע צוויי ברענענדיגע אויגען וועט א טערקישער אָדער עגיפּטישער פּאַשאַ מיר אוועקגעבען אַלע זיינע ווייבער מיט זייער גאַנצער ציערונג. איז דאָס, הייסט עס, דיא בעריהמטע מיסס פעטערסאָן, דיא קאַפּיטאַנשע פון דער "וועסטאַ"? מר. סטיוועגס, איך גראַטוליר אייך מיט אזא שטיעפּטאָכטער!

— אָבער, מר.... מר.... — האָט אָנגעהויבען סטיוועגס.

— רופט מיך: מר. בריג.

— אַלזאָ, מר. בריג, איהר פערגעסט ניט, אז מיסס פעטערסאָן מוז אזוי בעזאָרגט ווערען, אז זיא זאָל קיין מאָל ניט קענען צוריקקומען קיין אַמעריקאַ. און אום צו זיין זיכער דערמיט... וועלל...

— רעדט, רעדט, שעהמט זיך ניט! — האָט איהם אונטערגעהאָלפען דער ים־וואָלף — זאָגט פשוט, אז איהר ווילט, איך זאָל זיא אוועקשיקען אויף יענער וועלט.

— איך דענק, אז דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע — האָט ענדליך אָפּען צוגעגעבען סטיוועגס.

— איז דאָס אייער בעדינגונג? — האָט געפרעגט דער ים־וואָלף.

— אונבעדינגט.

—גוט! גע׳פועל׳ט! — האָט צוגעשטימט דער ים־וואָלף.

— און מיט וואָס וועט איהר מיר קענען בעווייזען, אז איהר האָט אייער פערשפּרעכען ערפילט?

— מיט דער ידיעה, אז דיא "וועסטאַ" מיט אַלע מיידלעך איז געזונקען געוואָרען. גוט?

— גוט.

סטיוועגס האָט זיך אויפגעהויבען. ער האָט זיך געקליבען אוועקצוגעהן.

— ווען דענקט איהר אָנצוזאָגען דיא "וועסטאַ"? — האָט ער געפרעגט.

— דאָס העגגט אָב דערפון, אויב איהר וועט מיר קענען אָנגעבען גענוי, וואוהין דיא שיף איז איצטער אוועק — האָט געענטפערט דער ים־וואָלף.

— געני קען איך עס אייך ניט זאָגען — האָט גֿעענטפערט סטיוועגס — איין זאַך ווייס איך אָבער זיכער, אַז זייער ציעל איז דער מיטעללענדישער ים.

— דאָס איז גענוג פאַר מיר — האָט דער ים־וואָלף געזאָגט — אין צווייׄ, העכסטענס אין דריי מאָנאַטען אַרום וועט איהר הערען פון מיר.

— ווען פאָהרט איהר אַרוים מיט אייער שיף?

— מאָרגען אָדער איבערמאָרגען.

סטיוועגס האָט זיך לייכט פערנייגט און זיך געלאָזט אַרויסגעהן. דער ים־וואָלף האָט איהם נאָכגעקוקט. פּלוצלונג האָט זיין איינציג אויג אַ בליץ געטהאָן מיט אַ מאָדנעם פייער און ער האָט אויסגעשריען:

— וואַרט!

סטיוועגס, וועלכער איז שוין געווען ביי דער טהיר, האָט זיך אומגעקעהרט.

דער ים־וואָלף איז צו איהם צוגעגאַנגען, האָט אָבגעבויגען דעם קאָלנער פון סטיוועגס'עס העמד, האָט זיך איינגעקוקט אין אַ צייכען אויף זיין האַלז און האָט גראָב געזאָגט:

— ווער ביזטו?

סטיוועגס איז געשטאַנען וויא אַ פעראורטהיילטער צום טויט און האָט גאָר ניט געענטפערט.

דער ים־וואָלף האָט אויף איהם געקוקט מיט אַ מאָדנעם שמייכעל.

— איך קען זיך ניט דערמאָהנען, וויא דוא הייסט — האָט ער געזאָגט — איך ווייס אָבער זיכער, אַז דוא ביזט אַמאָל געווען אַ מאַטראָז אויף מיין שיף.

— איהר האָט אַ טעות, מר. בריג! — האָט מיט ציטערענדע ליפּען געפּרובט פּראָטעסטירען סטיוועגס.

— נו, ברודער, דעם ים־וואָלף וועסטו ניט נאַרען. אַט־דעם אויסגע־ברענטען צייכען אויף'ן האַלז האָסטו זיכער געקראָגען אַמאָל אין אַפריקא, ווען דיא נעגערס האָבען אונז געכאַפּט און האָבען אונז געברענט און גע־בראָטען... וואַרט!... דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר 20 צוריק. דיין נאָמען איז געווען... צום טייפעל, איך וויל וויסען דיין נאָמען!

סטיוועגס האָט געזעהן, אַז דאָס לייקענען וועט איהם גאָר ניט העלפען און ער האָט שטיל געזאָגט:

— בען סמאָל.

— ריכטיג! — האָט מיט פרייד אויסגעשריען דער ים־וואָלף — בען סמאָל! דאָנערוועטער! און איך האָב דיך ניט דערקענט!

— איך אייך אויך ניט — האָט געזאָגט סטיוועגס אָדער בען סמאָל.

— נו, מיך איז שווער צו דערקענען — האָט געזאָגט דער ים־וואָלף — פאַר דיא לעצטע צוויי צעהנדליג יאָהר האָב איך זיך שטאַרק געענדערט.

צו דעם האָט נאָך צוגעהאָלפען דאָס וואָס דיא פערדאמטע ענגלענדער האָבען אין א קאמפף מיר אויסגעשטאָכען דאָס אויג.

— יא, איך האָב אייך לחלוטין ניט אָנגעהויבען צו דערקענען — האָט צוגעגעבען סטיווענס.

עס איז איצטער כדאי געווען אָנצוקוקען דיא צוויי באנדיטען. אויף דעם געזיכט פון דעם ים־וואָלף האָט מען געקענט דערקענען, אז איהם פרעהט זעהר שטארק, וואָס ער האָט ענטדעקט זיין גאַסט'ס סוד. סטיווענס אָדער בען סמאָל האָט אָבער, ווייזט אויס, זעהר וועניג זיך געפרעהט דערמיט וואָס דער ים־וואָלף האָט איהם דערקענט. ער האָט מיט אַלע כחות געוואָלט פערדעקען זיין אונ־צופריעדענהייט און שרעק, אָבער דאָס איז איהם ניט שטארק געלונגען.

דער ים־וואָלף איז צוגעגאנגען צו א שראנק, האָט פון דאָרטען ארויס־גענומען א גרויסע פלאַש בראַנפען מיט צוויי גלעזער און האָט זיי אוועקגע־שטעלט אויף'ן טיש. נאָכדעם האָט ער לאנגזאם אָנגעגאָסען פול ביידע גלעזער און האָט שטרענג געזאָגט:

— טרינק!

— איך טרינק איצטער מעהר ניט קיין בראנפען — האָט געזאָגט סטי־ווענס.

—טרינק! — האָט נאָך שטרענגער געזאָגט דער ים־וואָלף.

סטיווענס האָט פערשטאַנען, אז עס איז געפעהרליך זיך צו עקשנ'ען און ער האָט אויסגעטרונקען דיא גלאָז בראנפען. דער ים־וואָלף האָט געטהאָן דאָסזעלבע. דאַן האָט ער ווידער דיא גלעזער אָנגעפילט און ווידער קורץ און שארף בעפוילען:

— טרינק!

זיי האָבען ווידער אויסגעטרונקען.

נאָך דער צווייטער גלאָז האָט דער ים־וואָלף זיך ברייטליך אוועקגעזעצט און האָט געגעבען א בעפעהל:

— דערצעהל!

— וואָס זאָל איך דערצעהלען?

— אַלעס וואָס מיט דיר האָט פאסירט זינט דוא ביזט אוועק פון מיין שיף. אָבער אַלעס. דערצעהל דעם אמת. האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען. איך וויים, אז דוא ביזט איצטער רייך און ביזט א גאנץ אָנגעזעהענער מענש. אָבער איך וויל פון דיר גאָרניט. דערצעהל נור דעם אמת. איך וויל וויסען.

סטיווענס'ען איז קאַלט געוואָרען אין יעדען אבר. ער האָט אָבער פער־שטאַנען, אז ער וועט זיך דאָ ניט אַרויסדרעהען. ער האָט גוט געקענט דעם ים־וואָלף נאָך פון דיא אַמאָליגע צייטען און ער האָט געוואוסט, אז אויב ער

נעהמט זיך עפּעס אריין אין קאָפּ, מוז ער עס אויספיהרען. ער האָט דעריבער אָהן לאַנגע טענות אָנגעהויבען:

— ווען דיא נעגערס האָבען אונז דעמאָלט געכאַפּט און גענומען ברענען און בראָטען, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז מיין לעצטע מינוט איז געקומען. זיי האָבען אויך וואהרשיינליך געדענקט, אַז איך בין טויט, און זיי האָבען מיך איבערגעלאָזט אין מיטען וואלד.

— יא — האָט אַ בורטשע געטהאָן דער ים־וואָלף — איך האָב דיך ניט געקענט רעטען. איך האָב זיך אַליין קוים געראַטעוועט.

— וויא לאַנג איך בין אַזוי געלעגען האַלב־טויט, ווייס איך ניט — האָט ווייטער דערצעהלט סטיווענס — ווען איך בין אָבער געקומען צו זיך, האָב איך גענומען געהן. איך בין ענדליך געקומען צו אַ פּלאַץ, וואו איך האָב גע־טראָפען עטליכע אַמעריקאַנער שקלאַפּען־הענדלער, וואָס האָבען איינגעהאַנדעלט שקלאַפּען פאַר אַ זיד־אַמעריקאַנישער מדינה. זיי האָבען מיך געבראַכט נאָך מעקסיקאָ. פון דאָרטען בין איך אַוועק נאָך קאַליפאָרניע. מענשען זיינען דע־מאָלט שטאַרק רייך געוואָרען פון דיא גאָלד־מיינס. איך האָב זיך אויך גענומען דערצו און בין רייך געוואָרען.

— און דוא ביזט מיט איין מאָל געוואָרען אַן אַנשטענדיגער מענש — האָט מיט אַ בייזען שמייכעל געזאָגט דער ים־וואָלף — און האָסט חתונה געהאַט מיט אַ רייכער אלמנה. האַ?

— יאַ! — האָט צוגעגעבען סטיווענס — איך האָב געהייראַט דיא רייכע אלמנה פון אַ געוויסען סעמיועל פּעטערסאָן.

— און דוא האָסט גע׳ירשנ׳ט פּעטערסאָן׳ען צוזאַמען מיט זיין ווייב און מיט זיין שעהנער טאָכטער?

— אָט דאָס איז דער אונגליק וואָס איך האָב איהם ניט גע׳ירשנ׳ט — האָט זיך פערקרימט סטיווענס — דער אַלטער פּעטערסאָן האָט נאָך פאַר זיין טויט פערדעכטיגט, אַז איך שאַרף זיך דיא ציינער אויף זיין פערמעגען און ער האָט מיר אָבגעטהאָן אויף טערקיש: ער האָט דיא גרעסטע טהייל פון זיין פער־מעגען איבערגעלאָזט פאַר זיין טאָכטער.

— חאַ־חאַ־חאַ! — האָט זיך פרעהליך צולאַכט דער ים־וואָלף — אָט־דאָס הייסט: אָנגעפייפט!

ער האָט נאָך אַמאָל אָנגעגאָסען דיא גלעזער אוןביידע אַמאָליגע ים־רויבער און שקלאַפּען־הענדלער האָבען אויסגעטרונקען.

איצטער האָט שוין סטיווענס ווייטער דערצעהלט ניט געבעטענערהייד.

— איך האָב גערעכענט, אַז מיר וועט זיין לייכט אַריינצוקריעגען אין מיינע הענד מיין שטיפטאָכטער׳ס ירושה. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעצייגט, אַז זיא איז זעהר אַ האַרטער ביסען צום צוקנאַנקען. זיא האָט מיך פיינד געהאַט וויא דעם

טויט. און צוליעב מיר האט זיא אויך געהאסט איהר מוטער: זיא האט פער־דעכטיגט, אז מיר האבען איהר פאטער אבגעראמט פון דער וועלט.

— מסתמא ווייס זיא — האט א זאג געטהאן דער ים־וואלף.

סטיווענס האט דארויף גאר ניט געענטפערט און האט ווייטער דער־צעהלט:

— זיא איז אוועק קיין ניו יארק און האט דארט געפונען איהר פאטער׳ס אלטע פריינד. דורך זיי האט זיא אויסגעפיהרט, אז מען זאל זיא בעפרייען פון איהר מוטער׳ס און פון מיין אויפזיכט. ווען זיא איז געווארען פאליעהריג, האט זיא איבערגענומען אלע מיליאנען און איז איצטער אוועק אויף איהר משוגע׳נער וועלט־רייזע.

א פאר מינוטען זיינען ביידע געוועזענע רויבער געבליבען זיצען שטיל.

יעצט איז דעם ים־וואלף געווען קלאר, ווארום סטיווענס וויל אומברייננגען זיין שטיפטאכטער. איין זאך אבער האט ער ניט פערשטאנען, און דאס איז, וואס פאר נוצען סטיווענס וועט ציהען פון מיסס פעטערסאן׳ס טויט. ער האט עס אפען געפרעגט ביי זיין געוועזענעם אונטערגעארדענטען. סטיווענס האט געזעהן, אז ער מוז אלעס ערקלערען, און ער האט געזאגט:

— לויט איהר פאטער׳ס צוואה קומט אויס אזוי: אז נאכ׳ן טויט פון זיין פרוי, דאס הייסט פון מיין איצטיגער ווייב, זאל זיא ירשן׳ען מיסס פעטער־סאן; פערקעהרט אבער, אויב מיסס פעטערסאן וועט שטארבען פאר איהר מו־טער איידער זיא, מיסס פעטערסאן, וועט זיין פערהייראט, זאלען איהרע מיליא־נען איבערגעהן צו איהר מוטער.

— פערשטאנען! — האט געזאגט דער ים־וואלף — דיא געשיכטע, ברוד־דער, וועט דיך אבער קאסטען עקסטרא פינף טויזענד דאלאר. דוא מוזט צו־געבען, אז איך האנדעל נאך מיט דיר זעהר אנשטענדיג.

סטיווענס האט אויך דאס געמוזט צוגעבען.

דיא באנדיטען האבען זיך ענדליך צושיידט. סטיווענס איז אוועק א פערצווייפעלטער. אמת, ער איז געווען זיכער, אז דער ים־וואלף וועט אומ־ברייננגען זיין שטיפטאכטער און ער וועט אויף אזא אופן ירשן׳ען איהרע מיליא־נען. ער האט אבער אויך געוואוסט, אז דער ים־וואלף וועט איהם שוין ניט לא־זען צו־רוה און וועט פון איהם צאפען געלד זיין גאנצען לעבען לאנג. עס איז איהם אפילו איינגעפאלען צו פערראטהען דעם ים־וואלף און איהם איבערגעבען צו דער אמעריקאנער רעגיערונג נאכדעם וויא ער וועט אומברייננגען מיסס פע־טערסאן; ער האט זיך אבער באלד בעטראכט, אז בעגראבענדיג דעם ים־וואלף וועט ער אויך בעגראבען ווערען. דיא האפנונג צו קריגען מיסס פעטער־סאן׳ס מיליאנען איז איהם פערשטערט געווארען.

דערפאר איז געוועז העכסט צופריעדען דער ים־וואלף. סטיווענס איז פאר איהם איצטער פשוט געוועז א גאלד־גרוב.

העכסט צופריעדען איז אויך געוועז דער יונגערמאן, וואס האט אין צווייטען צימער אונטערגעהערט דעם געשפרעך פון דיא באנדיטען.

"אלזא — האט ער צו זיך אליין געזאגט — אלזא, איז דער ים־וואלף דאך געפונען געווארען. מיט פינף־און־צוואנציג יאהר צוריק פלעגט מיך מיין מוטער שרעקען מיט דעם נאמען "ים־וואלף", ווען איך בין געוועזן שלעכט און האב זיא ניט געוואלט פאלגען.

"הייסט עס, האט לארד הארלינגטאן דאך געהאט רעכט — האט ער ווייטער געטראכט — און איך האב איהם ניט געגלויבט, אז דער ים־וואלף איז אין ניו יארק. דיעזע ענטדעקונג איז ניט אבצושאצען אין גאלד. איצטער מוז איך זיך נור דערשלאגען צום ערשטען האפען, וואו דיא "וועסטא" וועט זיך אבשטעלען. און דאן וועלען מיר זיך בעגעגענען, הערר ים־וואלף! צום ווידערזעהן!"

און שטיל און אונבעמערקט האט זיך דער אונבעקאנטער ארויסגעכאפט פון זיין בעהעלטעניש.

3טעם קאפיטעל.

לארד הארלינגטאן

אין וועסטמינסטער, דעם פארנעהמסטען טהייל פון לאנדאן, דיא הויפט שטאדט פון ענגלאנד, האט אין יענער צייט, צו וועלכער עס בעלאנגט אונזער ערצעהלונג, געצויגען אויף זיך ספעציעלע אויפמערקזאמקייט איין געביידע. זיא האט אויסגעזעהן זעהר רייך און שעהן פון דרויסען. זיא איז אבער געוועזן נאך רייכער און נאך שעהנער פון אינעווייניג. דאס איז געוועזן אן אמת'ער פאלאץ מיט פיעלע רייך־בעפוצטע זאאלען.

דאס איז געוועזן דער לאנדאנער יאכט־קלוב, צו וועלכען עס האבען בעלאנגט דיא רייכסטע און פארנעהמסטע יונגע לייט פון לאנדאן. דער נאמען פון דעם יאכט־קלוב איז געוועזן "נעפטון".

צו זיד־צו פון לאנדאן געפינט זיך א קליינער אינזעל מיט'ן נאמען "ווהייט". ביי דיעזען אינזעל האבען דיא רייכע לייט פון לאנדאן זייערע יאכט־שיפען. פון דאנען פלעגען זיי אויפנעהמען קירצערע און לענגערע רייזען.

דא האבען געהאלטען זייערע יאכט־שיפען אויך דיא פערשיעדענע יאכט־קלובס פון גאנץ ענגלאנד. פון דאנען פלעגען זיי זיך ארויסלאזען אויף רייזעס.

דיא הויפּט ראָלע צווישען דיא אַלע יאַכט־קלובס האָט געשפּיעלט דער קלוב "נעפּטון". ערשטענס, האָבען דאָרט, וויא שוין געזאָגט, בעלאַנגט דיא רייכסטע און פּאָרנעהמסטע יונגע לייט פון לאָנדאָן. צווייטענס, האָט דער קלוב פערמאָגט דיא בעסטע שיפען. דריטענס, האָט דער קלוב מעהרסטענטהייל געוואָרנען אַלע רייסעס ניט נור אין ענגלאַנד, נאָר אויך אין אַמעריקאַ.

דיא הויפּט זאַך אָבער וואָס האָט דעם קלוב "נעפּטון" אַזוי דערהויבען איז געווען דאָס וואָס אַן דער שפּיצע פון דעם קלוב איז געשטאַנען דער רייכער, פּראָמינענטער יונגער לאָרד האַרלינגטאָן.

ער איז געווען אונגעהייער רייך און האָט פערמאָגט דיא בעסטע שיפען. ער האָט שוין עטליכע מאָל געמאַכט ווייטע רייזען אויף זיינע אייגענע שיפען אונטער זיין אייגענער פיהרערשאַפט.

היינט אבענד איז אין דעם נעפּטון־קלוב געווען אַן עקסטראַ פערזאַמלונג. די פערזאַמלונג האָט איינבערופען דער פּרעזידענט פון דעם קלוב, לאָרד דזשיימס האַרלינגטאָן. קיינער פון דיא מיטגליעדער האָט ניט געוואוסט דעם צוועק פון דער פערזאַמלונג. דיא איינלאַדונגען צו דיא מיטגליעדער זיינען אָבער געשריבען געוואָרען אין אַזאַ טאָן, אַז אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען עפּעס זעהר וויכטיגעס און קיינער האָט ניט פערפעהלט צו קומען.

אַלע זיינען שוין געווען פערזאַמעלט, אויסער דעם פּרעזידענט. דער עולם האָט זיך פיין אונטערגעהאַלטען ביי רייך געדעקטע טישען. אַלע האָבען גערעדט וועגען דעם צוועק פון דער פערזאַמלונג, אָבער קיינער האָט קיין בעשטימטעס ניט געקענט זאָגען, כאָטש פיעלע האָבען זיך אָנגעשטויסען, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ.

שוין פאַר אַ לאַנגער צייט האָט זיך לאָרד האַרלינגטאָן אַרומגעטראָגען מיט אַ געדאַנק צו מאַכען מיט'ן גאַנצען קלוב אַ רייזע אַרום דער וועלט. ער האָט צו דיעזען צוועק ספּעציעל געלאָזט בויען אַ שטאַרקע גרויסע שיף. ער האָט געוואָלט, אַז קיין געדונגענע מענשען זאָלען אויף דער שיף ניט זיין, נאָר זיא זאָל אין גאַנצען געפיהרט ווערען פון דיא קלוב־מיטגליעדער.

ער האָט וועגען דעם פּלאַן שוין אַ פּאָר מאָל גערעדט אין קלוב, אָבער בלויז איינציגע האָבען איינגעשטימט מיטצופאָהרען.

דער לאָרד האָט זיך אָבער ניט געלאָזט ענטמוטיגען. ער האָט זיך געאיילט, דיא שיף זאָל וואָס גיכער פאַרטיג ווערען און ער האָט זיך געגרייט צו דער רייזע. קיינער האָט אָבער ביי איהם ניט געקענט דערגעהן, צוליעב וואָס ער וויל מאַכען דיא רייזע. און איבערהויפּט האָט ער זיך געהאַלטען זעהר געהיימניספאָל. דאָס האָט אַלעמען געמאַכט זעהר נייגעריג.

מען האָט זיך דעריבער אָנגעשטויסען, אַז היינט אַבענד וועט מען עפּעס הערען וועגען דעם פּלאַן פון אַ וועלט־רייזע.

דער עולם האט שוין אבגעגעסען און אלע זיינען אריין אין רויך־זאל. מען האט געווארט אויף לארד הארלינגטאן.

וויא אימער, איז דער הויפט רעדנער געווען דער רייכער יונגער סער טשארלס וויליאמס, א גרויסער וויצלינג און א לוסטיגער יונג.

— איך וועט — האט ער געזאגט — אז לארד הארלינגטאן האט פאר היינט אנגעגרייט עפעס אן אויסערגעוועהנליכע איבערראשונג. גרייט זיך צו, עס וועט פלאצען א באמבע.

— אבער ווארום קומט ער ניט אזוי שפעט? — האט געפרעגט וויליאמס'עס בוזים־פריינד, דער יונגער עדגאר הענדריקס — ער איז איבערהויפט דיא לעצטע צייט אזוי געהיימניספאל. שטענדיג ליעגט ער איבער ביי זיין נייער שיף אויף'ן אינזעל "ווהייט".

— אפשר קלייבט ער זיך צו ווערען א ים־רויבער? — האט געזאגט וויליאמס — איך האב יענע וואך געזעהן זיין נייע יאכט, זעהט זיא פשוט אויס וויא א קריעגס־שיף. ער האט זאגאר אויף איהר צוויי הארמאטען.

— אויב אזוי, האב איך א פארשלאג — האט זיך נאך איינער אריינגעמישט — מיר וועלען ערוועהלען לארד הארלינגטאן פאר אונזער רויבער־קאפיטאן, לארד הייסטינגס און וויליאמס'ען אלס אפיצירען און מיר וועלען זיך אוועקלאזען אין כינא האקען צעפ ביי דיא זיהן פון דער הימלישער מלוכה (כינא).

אין דער מינוט האט א דיענער געמעלדעט:

— לארד הארלינגטאן!

דער לארד איז געווען הויך געוואקסען און זעהר שעהן. זיין געזיכט האט אויסגעדריקט מוטה און ענטשלאסענהייט.

ער איז אריין מיט א צייטונג אין האנד און מיט א געהיימניספאלער מינע אויף'ן געזיכט.

אלע האבען זיך א לאז געטהאן צו איהם, אבער ער האט כמעט קיינעם ניט געענטפערט אויף דיא פיעלע פראגען און בעגריסונגען און האט באלד געעפענט דעם מיטינג.

— מיינע הערען — האט לארד הארלינגטאן אנגעהויבען ריידען — פאר דעם לעצטען האלבען יאהר האב איך שוין א פאר מאל פארגעשלאגען אונזער קלוב צו מאכען א וועלט־רייזע. דער קלוב האט זיך ענטזאגט. איך מאך אבער איצטער דעמזעלבען פארשלאג נאך אמאל און בין זיכער, אז ער וועט אנגענומען ווערען.

— גלויבען האט יעדער א רעכט — האט איהם דא איבערגעשלאגען וויליאמס — אפילו לארד הייסטינגס האט א רעכט צו גלויבען, אז ער טרייבט אויף קיינעם ניט אן קיין אומעט מיט זיין שטענדיגען שווייגען.

— וויליאמס, שלאגט ניט איבער — האט איהם אבגעשטעלט לארד הארלינגטאן און האט פארטגעזעצט:

— מיינע העררען, דיא לעצטע אויסגאבע פון דער "טיימס", וועלכע קיי־נער פון אייך האט נאך ניט געזעהן, ברייננגט א וויכטיגע נייעס. איהר וועט מיר ערלויבען אייך עס פארצולעזען.

ער האט גענומען דיא צייטונג און האט אנגעהויבען לעזען:

"ניו יארק, אפריל 12. — היינט איז פון דאנען ארויסגעפאהרען אויף א וועלט־רייזע דער דאמען־קלוב "עלען". דיא מיטגליעדער פון דעם קלוב, אלע יונגע מיידלעך, האבען בעשלאסען אהן וועמענס עס איז הילף דיא רייזע צו מאכען. זייער שיף, דיא "וועסטא" איז היינט אין דער פריה ארויסגע־פאהרען".

לארד הארלינגטאן האט אויף א ווילע אויפגעהערט צו לייענען און האט בעטראכט זיינע חברים.

— צום טייפעל, איך וואלט געוואלט זיין דערביי! — האט אויסגעשריען הענדריקס.

— איהר וואלט זיך דארט אויסגעצייכענט געפאסט — האט זיך אבגערור־פען טשארלס וויליאמס — איהר וואלט געווען דיא איינציגע אמת'ע פרוי צווי־שען יענע מיידלעך.

דאס איז געווען א גוט־געציעלטער שטאך, ווארים הענדריקס האט ווירק־ליך אויסגעזעהן וויא א געצערטעלטע פרוי, כאטש אין אמת'ען איז ער געווען שטארק וויא א ריעז.

— רוהיג! — האט הארלינגטאן זיי איבערגעשלאגען — מיר לייענען ווייטער.

און ער האט ווייטער געלייענט:

"עס איז געווען אינטערעסאנט צו זעהן דאס אבפאהרען פון דער "וועס־טא". אלע יונגע וועסטאלקעס זיינען געווען פערזאמעלט אויף'ן דעק און מיסס עלען פעטערסאן האט אפיציעל איבערגענומען דיא קאמאנדע איבער דער שיף.

"עס איז געווען אן אמת'ער פערגניגען צו זעהן, מיט וואס פאר א פינקט־ליכקייט און געשיקטקייט דיא יונגע מיידלעך זיינען געקראכען אויף דיא מאסטען און געארבייט ארום דיא זעגלען. זיי האבען זייער ארבייט געטהאן אזוי וויא זיי וואלטען דעם גאנצען לעבען זייערען פערבראכט אויף שיפען. אלע ארומיגע שיפען און א מאסע מענשעןביים האפען האבען זיי געוואונשען א גליקליכע רייזע.

מיט אן איינגעהאלטענעם אטהעם האבען אלע מיטגליעדער פון דעם יאכט־

קלוב "נעפּטון" אויסגעהערט דיא פּאָרלעזונג. אפילו דער אימער פערשלאָפּע־נער, רוהיגער לאָרד הייסטינגס איז שטאַרק פעראינטערעסירט געוואָרען.

ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ און האָט אויסגעשריען:

— איך גיב אייך מיין עהרען־וואָרט, אַז איך וועל זיך אָנטהאָן פרויען־קליידער און זיך אַרויפשמוגלען אויף דער "וועסטאַ". דאָרט דאַרף זיין פּער־דאָמט אינטערעסאַנט און דאָ שטאַרב איך פּשוט פאַר אומעט.

אַלע האָבען איהם אַפּלאָדירט.

לאָרד האַרלינגטאָן האָט געזעהן, אַז איצטער וועט איהם שוין ניט שווער זיין איבערצורײדען זיינע חברים, זיי זאָלען מיט איהם מיטפאָהרען. ער האָט דעריבער ווייטער געזאָגט:

— עס וועט זיין אויסגעצייכענט! וויא איך איז בעקאַנט, האָט דיא "וועסטאַ", דיא רוימישע געטין צוריקגעוויזען דיא ליעבע פון דעם ים־גאָט "נעפּטון" און זיא האָט געשוואָרען קיין מאָל ניט צו הייראַטען. יענע אַמעריקאַ־נער מיידלעך פאָהרען אויף דער שיף "וועסטאַ", אונזער קלוב הייסט "נעפּ־טון".

— הייסט עס — האָט איהם איבערגעשלאָגען וויליאַמס — אַז דער צוריקגעוויזענער פערליעבטער "נעפּטון" וועט זיך נאָכיאָגען נאָך זיין געליעב־טער "וועסטאַ".

— און וועט זיא צווינגען צו ברעכען איהר שבועה — האָט פאַר איהם געענדיגט הענדריקס.

לאָרד האַרלינגטאָן האָט מיט אַ שמייכעל צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— און נאָך איין זאַך — האָט ער צוגעגעבען — מיין שיף, אויף וועלכער מיר וועלען זיך יאָגען נאָך דער "וועסטאַ", הייסט "אַמאָר". "אַמאָר" איז אין אַמאָליגען רוים געוועזען דער גאָט פון ליעבע.

— הורראַה! — האָט איינער פון דיא מיטגליעדער אויסגעשריען — דאָס הייסט: דער פערליעבטער "נעפּטון" וועט זיך יאָגען נאָך דער געליעבטער "וועסטאַ" אויף דיא פליעגלען פון ליעבע. הורראַה!

עס איז געוואָרען אַן אַלגעמיינער טומעל. אַלע האָבען גערעדט צוזאַמען. איינִיגע האָבען זיך געוויצעלט, אַנדערע האָבען אויסגעדריקט זייערע מיינונ־גען. איינער האָט איבערגעשריען דעם צווייטען און לאָרד האַרלינגטאָן האָט געהאַלטען אין איין קלאַפּען מיט'ן האַמער, אום צוריקצושטעלען דיא אָרדנונג. דאָס איז איהם געלונגען מיט גרויס מיה. ערשט ווען דער עולם האָט זיך בערוהיגט, איז לאָרד האַרלינגטאָן צוגעטראָטען צו דעם וויכטיגסטען פּונקט. ער האָט געזאָגט:

— איך זעה, אַז איהר זיינט אַלע בעגייסטערט. אַלזאָ, נעהמט איהר אָן מיין פאָרשלאַג אויפצונעהמען דיא רייזע און נאָכפאָלגען דער "וועסטאַ"?

— מיר נעהמען אָן! מיר נעהמען אָן! — האָבען זיך פון אַלע זייטען געהערט געשרייען.

— נעהמט איהר אַלע אָן?

— אַלע! אַלע! — האָבען זיך געהערט קולות.

— ניין, ניט אַלע! — האָבען זיך דערביי דערהערט א פּאָר שטימען.

— יא אַלע און ניט אַלע! — האָט זיי איבערגעשריען לאָרד האַרלינגטאָן — אזוי געהט עס ניט! מיר מוזען וויסען, ווער עס נעהמט יא אָן און ווער ניט.

עס איז פאָרגענומען געוואָרען אַן אָבשטימונג און עס האָט זיך ארויסגע־צייגט, אַז פון דיא 27 מיטגליעדער פון דעם יאַכט־קלוב "נעפּטון" האָבען 25 צוגעשטימט מיטצומאַכען דיא רייזע. בלויז צוויי האָבען זיך ענטזאגט.

נאָך דער אָבשטימונג האָט מען גענומען בעשפּרעכען דיא איינצעלהייטען וועגען דער רייזע און עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז אזוי וויא דיא שיף "אמאָר" איז פאַרטיג צו דער רייזע, זאָל מען ארויספאָהרען וואָס אַם שנעלסטען, ניט שפּעטער וויא אין א וואָך ארום. עס איז בעשלאָסען געוואָרען מיטצונעה־מען ניט מעהר וויא א צעהנדליג דיענער און ארבייטער און דיא הויפּט־ארבייט אויף דער שיף זאָל געטהאָן ווערען פון דיא קלוב־מיטגליעדער.

ערשט ווען אַלעס איז שוין געווען אָבגערעדט און אָבגעמאַכט, האָט זיך איינער פון דיא קלוב־מיטגליעדער געכאַפּט, אַז זיי ווייסען אייגענטליך ניט, וואוהין דיא "וועסטאַ" איז געפאָהרען.

— וועגען דעם זאָרגט ניט — האָט בערוהיגט זיינע חברים לאָרד האַרלינג־טאָן — איך ווייס אַלעס נויטיגעס וועגען דער "וועסטאַ" און איך וועל אייך גלייך בריינגען צו איהר. וויא איך ווייס עס, איז אַ סוד. אפשר וועל איך אייך אַמאָל דעם סוד אויסזאָגען, דערוויילע אָבער מוז עס בלייבען אַ געהיימנים. עס וועט דערווייל געגוג זיין פאַר אייך צו וויסען, אַז איך שטעה אין שטענדיגע פערבינדונגען מיט מענשען, וועלכע ווייסען אַלעס וועגען דער שיף, נאָך וועל־כער מיר ווילען זיך נאָכיאָגען.

— איז גוט! — האָט זיך אָבגערופען דער פרעהליכער טשאַרלס וויליאַמס — און איך שווער אייך, אַז אזוי שנעל וויא מיר וועלען צוקומען צו דער "וועס־טאַ", וועל איך אָנטהאָן אַ קאָרסעט און וועל ווערען אַ וועסטאַלקע.

— און איך וואָלט בעסער געוואָלט, זיי זאָלען זיך רופען ניט וועסטאַלקעס, נאָר אמאַזאָנקעס—האָט געזאָגט הענדריקס—אַ וועסטאַלקע איז אַ נאָנע און איך וויל האָבען צו טהאָן מיט אמאַזאָנקעס (קריעגערישע פרויען, פרויען־סאָלדאַטען).

— יעדע פרוי, אפילו אַ נאָנע, איז אין דער נאַטור אַן אמאַזאָנקע — האָט געלאַכט וויליאַמס — און קען אייך געבען שמעקען פּולווער.

— אויב אזוי, דאַרפען מיר, הייסט עס, יעדענפאַלס זיך צוגרייטען און זיין אמאַזאָנען — האָט הענדריקס געזאָגט.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבען דיא קלוב־מיטגליעדער פערבראַכט און אַלץ גערעדט וועגען זייער פאַרשטעהענדער רייזע.

ביים אַרויסגאַנג פון קלוב האָט לאָרד האַרלינגטאָן אָבגעשטעלט דעם לאָרד הייסטינגס און האָט איהם געזאָגט:

— אויב איהר האָט חשק, פאָהרט מיט מיר אין מיין קאַרעטע. איך וועל אייך אָבפיהרען אהיים און דערווייל וועלען מיר זיך אַביסעל דורכשמועסען.

וויא עס האָט אויסגעזעהן, האָט לאָרד האַרלינגטאָן געהאַט עפּעס וויכטיגעס מיטצוטיילען זיין חבר, דעם לאָרד הייסטינגס און צוליעב דעם האָט ער איהם איינגעלאַדען מיטצופאָהרען מיט איהם אין זיין קאַרעטע. ווען עס איז אָבער געקומען דערצו, ער זאָל אָנהויבען דעם געשפּרעך, האָט זיך האַרלינגטאָן דער־פיהלט אין א פערלעגענהייט. לאָרד הייסטינגס, וועלכער האָט כמעט געוואוסט, וועגען וואָס זיין פריינד וויל מיט איהם ריידען און וועלכער האָט געזעהן זיין פריינד׳ס פערלעגענהייט, האָט ענדליך בעשלאָסען איהם אַרויסצוהעלפען.

— יא, איך האָב אייך געוואָלט פרעגען — האָט ער אָנגעהויבען — אויף וויפיעל איך געדענק, האָבען מיר פאַר צוויי־יאָהרען אין ניו יאָרק געהאַט א יאַכט־רייס מיט א מיידעל, וואָס האָט אויך געהייסען מיסס פּעטערסאָן און וועל־כע האָט אונז דאַן בעזיעגט. דיא קאַפּיטאַנשע פון דער "וועסטאַ" הייסט אויך פּעטערסאָן. זאָל עס מעגליך זיין, אַז דאָס איז איינע און דיעזעלבע פּערזאָן?

לאָרד האַרלינגטאָן האָט א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ אויף "יא".

— אַזוי? — האָט א בורטשע געטהאָן הייסטינגס — יא, דאָס איז א טייפעל א מיידעל! אָבער דאָך איז עס א שאַנדע פאַר אונזער קלוב, וואָס א פרוי האָט אונז בעזיעגט. א שאַנדע! אָבוואָהל, דעם אמת געזאָגט, פערשטעה איך נאָך ביז איצטער ניט, וויא אַזוי דאָס איז איהר געלונגען. נאָך אין מיטען וועג האָט מען געזעהן, וויא מיסס פּעטערסאָן פערלירט דיא כחות און אייער שיפעל איז געווען ווייט, ווייט פאָראויס. מען איז געווען זיכער, אַז איהר וועט געווינען, ווען פּלוצלונג, ביים סאַמע ענדע פון דער רייס, האָט איהר שיפעל דורכגעבליצט פאַרביי אייערען און זיא איז געקומען צום ציעל פאַר אייך. א שאַנדע!

לאָרד האַרלינגטאָן האָט א זיפץ געטהאָן און האָט שטיל געזאָגט:

— אייך וועל איך אויסזאָגען דעם אמת: איך האָב דיא רייס אָבזיכט־ליך פערלאָרען. פאַר מיר איז עס געווען אַזוי לייכט צו געווינען וויא א האָר פון דער מילך אַרויסצונעהמען, איך האָב אָבער אומיסטנע איינגעהאַלטען מיין שיפעל און אויף אַזא אופן געגעבען מיסס פּעטערסאָן דיא געלעגענהייט מיך איבערצוויאָגען.

לאָרד הייסטינגס האָט איבערראַשט א ברום געטהאָן און האָט געוואָרפען אויף האַרלינגטאָן׳ען א בייזען בליק.

— איך האָב אַנדערש ניט געקענט האַנדלען — האָט זיך שטיל פערענט־פערט האַרלינגטאָן — איך האָב ניט געקענט! ווען איך האָב געזעהן, וויא מיסס פּעטערסאָן גליהט ממש פאַר אָנשטרענגונג; ווען איך האָב געזעהן, וויא איהר צאַרטער קערפּער בויגט זיך הין און צוריק אויף׳ן שיפעל, וויא איהרע קליינע, צאַרטע הענטלעך ארבייטען מיט אַלע כחות מיט דיא רודערס; ווען איך האָב געקוקט אויף איהר שעהנעם געזיכט, האָב איך אָן אַלעס פערגעסען. איך האָב פערגעסען, אַז איך ברייננ שאַנדע אויף זיך און אויף אונזער קלוב און האָב געפיהלט איין זאַך: אַז איך מוז איהר העלפען צו דערגרייכען איהר גליק. און אַזוי וויא איך האָב געוואוסט, אַז זיא וועט זיך פיהלען העכסט גליקליך, ווען זיא וועט געווינען דיא רייס, האָב איך איינגעהאַלטען מיין שיפעל.

א פּאָר מינוטען האָבען ביידע געשוויגען. ביידע האָבען זיי ווייטער גע־וואָלט פאָרטזעצען דעם געשפּרעך, זיי האָבען אָבער ניט געוואוסט, פון וואָס אָנצופאַנגען.

פּלוצלונג האָט לאָרד האַרלינגטאָן אָנגענומען הייסטינגס׳ האַנד, האָט זיא פעסט א דריק געטהאָן און האָט געזאָגט:

— איך וויים, אַז איהר זיינט מיין בעסטער פריינד.

ער האָט עפּעס ווייטער געוואָלט זאָגען, אָבער ער האָט קיין ווערטער ניט געפונען.

— נו, צו אַל־די רוחות! — איז שוין בייז געוואָרען הייסטינגס — וואָס מאַכט איהר קונצען, וויא איהר וואָלט געווען א זעכצעהן־יעהריגער בחור׳על. זאָגט, אַז איהר זיינט פערליעבט אין מיסס פּעטערסאָן און — שוין!

דיעזער בייזער געשריי איז ביי הייסטינגס׳ען ארויסגעקומען אַזוי אומ־געלומפּערט, אַז האַרלינגטאָן האָט זיך ניט־ווילענדיג צולאַכט.

— וואָס לאַכט איהר? — האָט זיך נאָך מעהר צובייזערט הייסטינגס — א סוד אַביסעל! איך האָב דאָך געהערט, אַז איהר האָט זיך דערמאַלט, נאָך דיא רייסעס, גע׳שדכן׳ט צו מיסס פּעטערסאָן און... און...

— און זיא האָט מיך צוריקגעוויזען — האָט מיט א זיפץ פערענדיגט האַרלינגטאָן — יאָ, זיא האָט מיר ענטזאָגט. צוויי יאָהר זיינען זייט דאָן פאַריבער. איך האָב געמיינט, איך וועל זיא קענען פערגעסען. איך האָב אָנגע־ווענדעט אַלע מעגליכקייטען זיא ארויסצורייסען פון מיין הארצען. איך האָב געמאַכט רייזען, איך האָב אַנטייל גענומען אין פערשיעדענערליי ספּאָרטס, איך בין אימער געווען אין געזעלשאַפט פון דיא שעהנסטע פרויען. זיא האָב איך אָבער ניט געקענט פערגעסען.

— אָבער וואָס וועט דען זיין, אַז זיא וועט אייך איצטער אויך צוריק־ווייזען? — האָט געפרעגט הייסטינגס.

— ניין, זיא וועט מיך איצטער ניט צוריקווייזען! — האָט מיט זיכער־

הייט געזאָגט האַרלינגטאָן — הערט מיך אויס, הייסטינגס! ווען איך האָב זיך איהר ערקלערט אין ליעבע, האָב איך געפיהלט, אַז זיא ליעבט מיך, און ווען זיא האָט מיר ענטזאָגט, בין איך שוין געווען זיכער, אַז זיא ליעבט מיך.

— הייסט עס, אַז זיא האָט אייך ענטזאָגט, ווייל זיא ליעבט אייך צו שטאַרק?

— וויצעלט זיך ניט, הייסטינגס — האָט מיט וועהטאָג געזאָגט האַר־לינגטאָן — דאָ האַנדעלט זיך וועגען שרעקליכע מענשליכע ליידען. מיסס פעטערסאָן האָט דורכגעלעבט אַ שרעקליך פאַמיליען־לעבען אין דעם הויז פון איהרע עלטערען. זיא האָט געזעהן בעטרוג, שווינדעל, אונטרייהייט, ניעדער־טרעכטיגקייט און דאָס אַלעס האָט אויפגעשווידערט איהר עדעלע נשמה און זיא האָט זיך דאָס וואָרט געגעבען זיך צו האַלטען ווייט פון דעם פאַמיליען־לעבען. ווען איך בין מיט איהר געוואָרען היימישער, האָט איהר פערביטערטקייט גע־גען דער וועלט, געגען מענשען און געגען מענער אַנגעהויבען צו פערשווינדען, זיא האָט זיך דערפיהלט צו שוואַך צו האַלטען איהר נדר, קיין מאָל ניט צו ליע־בען; זיא האָט אָבער געקעמפּפט מיט זיך אַליין און האָט אויף אַ ווײַלע גע־זיעגט. זיא האָט מיר ענטזאָגט, אָבער זיא אַליין האָט זייט דעמאָלט קיין רוהע ניט געקענט געפינען. און אַז זיא האָט מיך ביז איצטער ניט פערגעסען — דאָס וויים איך זיכער. דאָס וואָס זיא האָט איצטער פאַרגענומען איהר משוגע'נע רייזע, איז אויך ניט מעהר וויא צוליעב דעם, זיא זאָל זיך צער־שטרייען, אפשר וועט זיא דיא ליעבע צו מיר קענען אַרויסרייסען פון איהר האַרצען.

— האָט איהר אַמאָל געפּרובט שרייבען צו איהר?

— ניין. ווען איך האָב זיך איהר ערקלערט אין ליעבע און זיא האָט מיר ענטזאָגט, האָב איך איהר געמוזט פערשפּרעכען, אַז איך וועל איהר קיין מאָל ניט שרייבען און וועל ניט זוכען קיין געלעגענהייט מיט איהר זיך צו בעגעגנען. ביז יעצט האָב איך מיין פערשפּרעכען געהאַלטען און וואָלט איהם אפשר אויך ווייטער געהאַלטען און וואָלט איהר איצטער אויך ניט נאָכגעפאָה־רען, ווען ניט איין זאַך. איך האָב זיך נעמליך דערוואוסט, אַז אויף'ן ים וועט זיא זיין אין געפאַהר.

— אָבער צו וועלכע שוואַרצע יאָהר דאַרפט איהר האָבען דעם גאַנצען קלוב? — האָט געפרעגט הייסטינגס — אויב אַזוי, וואָלט איהר דאָך געווען געקענט פאָהרען אַליין.

— ווען איך זאָל פאָהרען אַליין, וואָלט עס געהייסען אָפען צוגעגעבען, אַז איך לויף איהר נאָך; ווען איך פאָהר אָבער צוזאַמען מיט'ן קלוב, וועט עס אויסזעהן, אַז אונזער בעגעגעניש מיט דער "וועסטאַ" איז ניט מעהר וויא אַ צופאַל.

דער אימער קאַלטער, שווייגענדיגער און כמורנער לאָרד הייסטינגס איז איצטער געווען שטארק געריהרט און ער האָט מיט רחמנות און מיט מיטגעפיהל געקוקט אויף זיין פריינד. ער האָט געוואוסט, אז לויט זיין נאַטור איז האַר־לינגטאָן פעהיג שטארק צו ליעבען און האָט פערשטאַנען, אז זיינע ליידען זיינען אונערטרעגליך. ער האָט מיט עפּעס געוואָלט אויסדריקען זיין מיטגע־פיהל, אָבער האַרלינגטאָן איז איצטער געזעסען טיעף פערטראַכט, מיט אַ גע־זונקענעם קאָפּ און ער האָט איהם ניט געוואָלט שטערען.

ערשט ביים געזעגענען זיך האָט ער איהם געזאָגט:

— נו, ניט געזאָרגט! מיר וועלען מיסס פעטערסאָן ברייננען פון דער רייזע גלייך קיין ניו יאָרק און מיר וועלען פּראָווען אַ פרעהליכע חתונה. אָבער דערווייל קען איך אייך פערזיכערען אין איין זאַך: איך וועל אייך ביישטעהן אין אַלע נויטען און וועל זיין צוזאַמען מיט אייך אין אַלע געפאַהרען. אָבער ווייסט איהר זיכער, אַז מיסס פּעטערסאָן איז אין געפאַהר אָדער דאָס איז ניט מעהר וויא אייערע אַן אייגענע פאַנטאַזיע?

— אזוי זיכער וויא דאָס, אַז איך רעד יעצט מיט אייך. איך ווייס אַלעס וואָס איז שייך צו מיסס פּעטערסאָן. וויא אַזוי איך ווייס עס, קען איך אייך נאָך איצטער ניט זאָגען. אויב איהר ווילט, קען איך אייך געבען אַ בעווייז.

ער האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ טעלעגראַמע און האָט זיא דער־לאַנגט הייסטינגס'ען. דאָס איז געווען דיא טעלעגראַמע וואָס דיא "וועסטאַל־קע" יאָהאַנאַ לינד האָט איהם געשיקט איידער דיא "וועסטאַ" איז אָבגע־פאַהרען פון דעם ניו יאָרקער האַפען. דאַן האָט ער איהם דערלאַנגט אַ צווייטע טעלעגראַמע. אין יענער טעלעגראַמע איז געשטאַנען:

"דיא באַנדיטען זיינען אויף'ן וועג נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זעהט, אַז איהר זאָלט זיך בעגעגענען מיט דער "וועסטאַ" איידער זיא וועט קומען נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל. מיך וועט איהר שוין דאָרט טרעפען, ווען איהר וועט אהין קומען. ניק."

הייסטינגס האָט מיט פערוואונדערונג געקוקט טאָ אויף דער טעלעגראַמע, טאָ אויף האַרלינגטאָן. אָבער האַרלינגטאָן האָט זיך אין איילעניש מיט איהם געזעגענט און האָט איהם פערלאָזען.

לאַנג, לאַנג איז הייסטינגס געשטאַנען נאָך האַרלינגטאָן'ס אָבפאַהרען און האָט וועגען עפּעס געטראַכט. נאָכדעם האָט ער צו זיך אַליין אַ זאָג געטהאָן: "וויא עס ווייזט אויס, וועלען מיר האָבען אַן אינטערעסאַנטע רייזע" און האָט זיך לאַנגזאַם געלאָזט געהן ווייטער.

עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען.

4טעם קאפיטעל.

דער וועסטאלקע׳ם ודוי

עטליכע מייל פון דעם גיבראלטאר, דיא וואונדערבארע נאטירליכע פעסטונג ביים שפאנישען ברעג, וועלכע בעלאנגט צו ענגלאנד און ווערט גערעכענט אלס אונבעזיעגבאר, האט זיך לאנגזאם, אבער מאיעסטעטיש געגליטשט דיא "וועסטא".

דער הימעל איז געוועזן לויטער און דער ים איז געוועזן שטיל. א לייכט ווינטעל האט געבלאזען און דיא "וועסטא" האט זיך בענוצט מיט איהרע זעגלען. זיא איז געגאנגען אזוי רוהיג און לאנגזאם, אז עס האט זיך געדוכט, אז זיא ריהרט זיך גאר ניט פון ארט, נאר זיא וואקעלט זיך שלעפעריג אויף דעם בלוי־גרינעם אונענדליכען ים־שפיעגעל.

מיסס פעטערסאן, דיא קאפיטאנשע פון דער שיף, איז געשטאנען אויף׳ן קאפיטאן׳ס בריקעל און האט דורך א טעלעסקאפ פערטראכט געקוקט אויף׳ן ים. נעבען איהר איז געשטאנען מיסס טהאמפסאן, איהר "ערשטער אפיציער", אבער, וויא עס ווייזט אוים, האט מיסס פעטערסאן גאר פערגעסען, וואו זיא געפינט זיך און האט גאר ניט בעמערקט, אז זיא איז ניט אליין. וויא עס שיינט, קוקט זיא נור אזוי אין טעלעסקאפ, אבער זעהן זעהט זיא גאר ניט.

א שווערער געדאנק ליעגט אויסגעגאסען אויף איהר צארטען שטערן און איין שווערער זיפץ נאך׳ן צווייטען רייסט זיך ארוים פון איהר ברוסט.

א היבשע צייט איז מיסס טהאמפסאן געשטאנען לעבען איהר קאפיטאנשע און פריינדין און האט ניט געוואגט צו ציהען אויף זיך איהר אויפמערקזאמקייט.

זיא האט אבער בעמערקט, וויא א טרעהר גליטשט זיך שטיל אראב פון מיסס עלען פעטערסאן׳ס אויג און זיא האט ניט־ווילענדיג מיט רחמנות ארויפגעלעגט איהר האנד אויף עלען׳ס אקסעל.

עלען האט א ציטער געטהאן און האט שנעל אבגעווישט דיא טרעהר.

— אה, דוא ביזט דא? — האט זיא דערשראקען געזאגט און האט זיך אנגעשטרענגט א שמייכעל צו טהאן.

מיסס טהאמפסאן האט גאר ניט געענטפערט און האט אלץ געקוקט אויף איהר מיט ליעבע און מיט רחמנות.

א פאר מינוטען האבען זיי ביידע געשוויגען.

— מאריע — האט עלען געזאגט — איך האב שוין לאנג געוואלט ריידען מיט דיר. עס איז מיר ווייטער שוין אונמעגליך אליין צו טראגען דיא שווערע

לאַסט. איך פיהל, אַז איך וועל איינפאַך צודריקט ווערען אונטער איהר, אויב איך וועל זיך ווייטער צוריקהאַלטען און קיינעם ניט אויסזאָגען וואָס מיך מאַטערט.

— יא, איך גלויב, אַז דיר וועט ווערען לייכטער — האָט געענטפערט מאַריע — נאַטירליך, אויב דוא גלויבסט, אַז אין מיר קענסטו געפינען אַן אמת'ען פריינד...

— איך האָב עס שוין ניט איין מאָל געוואָלט טהאָן — האָט מיט אַ פער־שטיקטער שטימע געזאָגט עלען.

זיא האָט אָנגענומען איהר פריינדין ביי דער האַנד און האָט זיא אַראָב־געפיהרט אונטען אין איהר צימער. פאַרביינגעהענדיג האָט זיא געגעבען אַ פּאָר בעפעהלע דיא וועסטאַלקעס וואָס האָבען גראָדע דעמאָלט ערפילט געוויסע פפליכטען אויף דער שיף און איז דאַן מיט מיסס טהאָמפּסאָן אַריין אין איהר צימער.

זיא האָט פערשלאָסען דיא טהיר, האָט אַוועקגעזעצט איהר פריינדין אַנט־קעגען זיך און האָט אָנגעהויבען:

— דאָס וואָס איך וויל דיר איצטער דערצעהלען האָט נאָך קיינער פון מיין מויל ניט געהערט. איך האָב געדענקט, אַז איך וועל מיט מיין געהיימניס שטאַרבען. דער שיקזאַל האָט אָבער אַנדערש געוואָלט און דוא — אַזוי גלויב איך אַם וועניגסטען — וועסט זיין דיא איינציגע, וואָס וועסט דאָס הערען פון מיין מויל.

זיא איז דערביי געוואָרען אַזוי אויפגערעגט, אַז זיא איז אויפגעשטאַנען פון איהר פּלאַץ און האָט גענומען אונרוהיג אַרומגעהן איבער'ן צימער. מאַריע האָט איהר ניט געשטערט מיט קיין איינציגער בעוועגונג. ענדליך האָט זיך עלען עטוואָס בערוהיגט, האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף איהר פּלאַץ און האָט מיט שרעקליכער אָנשטרענגונג אָנגעהויבען ווייטער צו ריידען:

— מיין פאָטער איז געוועזען אַ מערקווירדיגער מענש. ביז יעצט שטעהט ער מיר נאָך פאַר דיא אויגען. אַ הויכער, אַ שעהנער, אַ שטאָלצער און מיט אַ מאָדנעם קוק אין זיינע יונגע, אימער פערטראַכטע אויגען. אויף וויפיעל איך געדענק איהם, איז זיין קאָפּ אימער געוועזען גרוי. זיינע אויגען זיינען אָבער תמיד געוועזען יונג. ער איז תמיד געוועזען פרעהליך, לוסטיג, בערעדעוודיג, אָבער אפילו אין זיינע פרעהליכסטע מינוטען האָט פון זיינע אויגען אַרויסגעקוקט אַ שטילער טרויער. זיינע אויגען זיינען תמיד געוועזען פערטראַכט. תמיד האָבען זיי געקוקט ערגיץ ווייט, ווייט.

„פון וואָס פאַר אַ לאַנד ער איז געקומען קיין אַמעריקאַ און וואָס עס האָט איהם אַהער געטריבען, האָב איך קיין מאָל ניט געקענט דערגעהן. ווען ער האָט נאָך געלעבט, בין איך נאָך געוועזען צו יונג איהם וועגען דעם צו פרעגען. איך

האָב אייגענטליך גאָר וועגן דעם קיין מאָל ניט געטראַכט. און נאָך זיין טויט האָב איך עס פון מיין מוטער ניט געוואָלט דערגעהן. וואָרום — ווערטו שפּע־טער וויסען.

"מיין מוטער האָב איך קיין מאָל ניט ליעב געהאַט. עס זיינען געווען פערשיעדענע אורזאכען, וואָרום איך האָב זיא ניט געליעבט, הויפּטזעכליך אָבער דערפאַר, ווייל זיא האָט אַזוי שלעכט בעהאַנדעלט מיין פאָטער. זיא איז געווען יונגער פון איהם אפשר מיט אַ יאָהר צוואַנציג און האָט געהאַט אַ ווילדען כאַ־ראַקטער. ביי דער קלענסטער געלעגענהייט פלעגט זיא אַרויספאַלען אויף איהם און ער פלעגט אויפנעהמען איהרע געשרייען מיט דעמזעלבען פערטראַכטען, טרויעריגען בליק.

"מיין פאָטער איז געווען זעהר רייך. ער איז געווען פון דיא ערשטע וואָס זיינען געקומען קיין קאַליפאָרניע, ווען דאָרט זיינען ענטדעקט געוואָרען דיא גאָלד־מינען און ער איז מיט איין מאָל געוואָרען אַ מיליאָנער. מיין מוטער ווידער איז דעמאָלט געווען פערהייראַט פאַר אַן אָרימען אַרבייטער. איבריגענס האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז גאָר געווען איהר ברודער. וויא איך האָב אַמאָל געהערט פון אַ געשפּרעך צווישען שכנים, האָט מען געזאָגט, אַז מיין מוטער'ס פריהעריגער מאַן אָדער ברודער איז עפּעס אויף אַ געהיימניספאָלען אופן פער־שוואונדען געוואָרען און דיא עגונה אָדער דיא אלמנה האָט געהייראַט מיט מיין פאָטער.

"און דאָ קומט דאָס שערקליכסטע...

ביי דיעזע ווערטער האָט דער מוטה פערלאָזען עלען פּעטערסאָן. מען האָט פשוט געזעהן, אַז דיא ווערטער ענטזאַגען זיך אַרויסצוקומען פון איהר מויל. זיא האָט אָבער ענדליך אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, וויא איינער זאָגט: אַלץ איינס, עס קען שוין ערגער ניט ווערען! און זיא האָט ווייטער אָנגעהויבען דערצעהלען:

"און דאָ קומט דאָס שרעקליכסטע. ווען איך בין געווען אַ קינד פון אַ יאָהר 7 אָדער 8, האָב איך שוין פיינד געהאַט מיין מוטער אַזוי וויא מען קען נור פיינד האָבען דעם ערגסטען שונא. עס האָט עפּעס וויא פון זיך פּאַסירט, אַז איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט אויף מיין פאָטער'ס זייט און האָב גערעכענט, אַז איך דאַרף זיך נוקם זיין אָן מיין מוטער, אַז איך מוז זיך אָננעהמען מיין פאָטער'ס קריוודע און אויך מיין אייגענע, וואָרים מיך אליין האָט זיא אויך ניט איבריג גוט בעהאַנדעלט.

"איך האָב איהר אָנגעהויבען נאָכצוקוקען. און — גאָט מיינער! — וואָס פאַר אַ שוידער, וואָס פאַר אַ שרעק!

עלען האָט פערדעקט איהרע אויגען מיטביידע הענד פונקט וויא זיא וואָלט אָנגעכאַפּט אַ שוידער פאַר דיא בילדער, וועלכע האָבען אויפגעלעבט

אין איהר   זן. איהר געזיכט האָט אין דער מינוט אויסגעדריקט דיא שרעק־ליכסטע ליידען.

געריהרט פון מיטלייד האָט איהר פריינדין זיא גענומען בעטען, זיא זאָל ווייטער ניט דערצעהלען. מאַריע האָט זאָגאַר געוואָלט אַרויסגעהן פון צימער. אָבער עלען האָט זיא ניט געלאָזט. זיא מוז ענדיגען — האָט זיא געזאָגט — זיא מוז ענדליך פאַר וועמען עס איז זיך אויסריידען דאָס האַרץ. זיא מוז!

און וויא אַ פערצווייפעלטער געשריי נאָך הילף האָט זיך ביי איהר אַרויס־געריסען:

— איך האָב געזעהן, וויא מיין מוטער האָט זיך געקושט מיט אַ פרעמדען מאַן! מיט דעם ערגסטען אויסוואורף! מיט דעם נידערטרעכטיגסטען באַנדיט, מיט דעם ערגסטען פון אַלע וואָס זיינען זיך דאָן אַזוי פיעל אָנגעלאָפען אין דער יאַגעניש נאָך דעם ענטדעקטען גאָלד!

איהרע אויגען האָבען דערביי געברענט, אין איהר גאַנצען געזיכט איז ניט געווען קיין טראָפּען בלוט און איהרע הענד זיינען געווען צונויפגעדריקט אין פויסטען.

— יאָ, איך האָב עס געזעהן — האָט זיא ווייטער גערעדט — איך, אַן אַכט־יעהריג קינד און איך האָב עס דערצעהלט דעם פאָטער.

זיא האָט אַ קוק געטהאָן אויף מאַריע׳ן, אום צו זעהן דעם איינדרוק וואָס זיא האָט אויף איהר געמאַכט. ביי יענער זיינען טרעהרען געשטאַנען אין דיא אויגען.

עלען האָט דאַן ווייטער גענומען דערצעהלען.

״איך האָב עס דערצעהלט מיין פאָטער. ער איז אין אָנהויב בלאַס געווען וויא דער טויט, זיינע ציינער האָבען דערביי אַ קריץ געטהאָן אַזוי, אַז איך האָב געמיינט, אַז ער האָט אַלע ציינער אויסגעבראָכען און זיינע אויגען האָבען אַ בליץ געטהאָן אַזוי, אַז מיר דוכט זיך, זיי וואָלטען אַ וועלט געקענט פערברענען. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען, דאָס ערשטע און אויך דאָס לעצטע מאָל, האָב איך געזעהן, וויא דיזע פערטראַכטע און פערטרויערטע אויגען קענען וואַרפען בליצען. דאָס האָט אָבער געדויערט בלויז אַ פּאָר סעקונדען. באַלד האָט ער צוריק בעקומען זיין געוועהנליכען אויסזעהן. ער האָט מיך מיט אַ שמייכעל אָוועקגעזעצט אויף זיינע קניע און האָט מיר גענומען דערצעהלען אַ מעשה׳לע וועגען אַ קינד וואָס האָט נאָכגעקוקט דער מאַמען און עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זיא זעהט גאָט ווייס וואָס פאַר נאַרישקייטען און אַז דאָס קינד האָט נאָכדעם אַליין געזעהן, וויא שלעכט זיא האָט געהאַנדעלט און האָט געמוזט בעטען ענטשולדיגונג ביי דער מאַמען. איך געדענק, אַז איך האָב זיך דערביי צוואויינט און ער האָט מיך געגלעט. איך האָב געוויינט לאַנג, לאַנג און אַזוי וויינענדיג בין איך איינגעשלאָפען.

„פון דאַן אָן האָט עפּעס פון זיך פּאַסירט, אַז איך און מיין פּאָטער האָבען אָנגעהויבען פיהרען אַ בעזונדערען לעבען און האָבען זיך זעהר וועניג אָנגע־קעהרט מיט מיין מוטער. אפילו עסען פלעגען מיר ניט אימער צוזאַמען. איך פלעג אויך שלאָפען אין אַ צימער, וואָס איז געווען נעבען מיין פּאָטער׳ס שלאָף־צימער. ניט איין מאָל פלעג איך זיך אויפכאַפּען ביינאַכט און דערזעהן, וויא מיין גרויער שעהנער פּאָטער שטעהט איבערגעבויגען איבער מיר. מיין מוטער האָט געהאַט איהרע צימערען אין צווייטען טהייל פון הויז,וואוהין ניט איך און ניט מיין פּאָטער פלעגען אריינקומען. צווישען דיא דיענער פלעג איך אָפט אונטערהערען אַזעלכע געשפּרעכען וועגען מיין מוטער, אַז איך פלעג נאָכדעם גאַנצע שטונדען אָבזיצען ערגיץ אין אַ פינסטערען ווינקעל און וויינען, וויינען, וויינען.

עלען האָט זיך דאָ אָבגעשטעלט, האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער, האָט זיך אויף אַ פּאָר מינוטען פערטראַכט און האָט דאַן ווייטער דערצעהלט.

„מיין פּאָטער איז געשטאָרבען, ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָהר 12. גע־שטאָרבען איז ער פּלוצלונג. איין מאָל ביינאַכט, ווען איך בין שוין געשלאָפען, האָב איך דערהערט אַ טומעל. איך האָב זיך מיט שרעק אויפגעכאַפּט און גע־נומען זיך צוהערען. דער טומעל איז געקומען פון מיין פּאָטער׳ס שלאָף־צימער. ניט טויט, ניט לעבעדיג בין איך אַהין אריינגעלאָפען און האָב דערזעהן אַ שרעק־ליך בילד. מיין פּאָטער איז געלעגען אַ טויט־בלאַסער אויף׳ן בעט מיט אַ דורכגעשאָסענער ברוסט.

„מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זיינען איהם רויבער בעפאַלען נעבען זיינע גאָלד־מיינס און האָבען איהם דערשאָסען. עס קען זיין, אַז עס איז אמת. מיר איז אָבער באַלד אין יענער מינוט איינגעפאַלען, אַז דאָס האָט איהם דער־שאָסען מיין מוטער׳ס געליעבטער, וועלכער האָט טאַקע גאָר אין גיכען נאָך מיין פּאָטער׳ס טויט געהייראַט מיט מיין מוטער. עס האָבען זיך ארומגע־טראָגען קלאַנגען, אַז מיין פּאָטער איז אַליין בעגאַנגען זעלבסטמאָרד. וואָס דער אמת איז, ווייס איך ניט. ביז יעצט אָבער קען איך מיך ניט בעפרייען פון דעם געדאַנק, אַז מיין מוטער איז שולדיג אין זיין טויט.

„אַז מיין פּאָטער האָט ערוואַרטעט דעם טויט, דאָס ווייס איך זיכער. נאָך מיט אַ פּאָר וואָכען פריהער פאַר זיין טויט, האָט ער מיר דערצעהלט, אַז ער האָט אין ניו יאָרק אַ פריינד און צו דיעזען פריינד וועל איך מיך קענען ווענדען נאָך הילף אין יעדער צייט. ער האָט מיר געזאָגט דעם נאָמען פון יענעם פריינד און האָט מיך געצוואונגען אויף אויסוועניג איינצולערנען זיין נאָמען און זיין אַדרעס. איך האָב איהם געפאָלגט און האָב דעם נאָמען און דעם אַדרעס גוט געדענקט. עס איז מיר גאָר אין גיכען גוט צוניץ געקומען.

„אין אַ פּאָר טעג נאָך מיין פּאָטער׳ס טויט איז דער גאַנצער בעל הבית

ביי אונז אין הויז געוואָרען א געוויסער סטיווענס. ער איז געווען גאנץ רייך. רייך געוואָרען איז ער אויך פון גאָלד־מיינס. ער האָט אָבער איבעראַל גע־האט א שלעכטען נאָמען. עס האָט זיך זאָגאר געהערט, אז איידער ער איז געקומען קיין קאַליפאָרניע, באַלד נאָך דער ענטדעקונג פון גאָלד, איז ער געווען א ים־רויבער אָדער א שקלאַפען־הענדלער. פון וואַנען דיזער קלאַנג האָט זיך גע־נומען, האָט קיינער ניט געוואוסט, אָבער אַלע האָבען דעם קלאַנג געהערט.

"פון דעם ערשטען טאָג אָן האָב איך אָט־דעם סטיווענס'ען אָנגעהויבען צו האסען וויא דעם טויט און ווען ער האָט אין גיכען געהייראַט מיט מיין מוטער, האָב איך זיך אין גאַנצען פערגראָבען אין מיין צימער, אום זיך קיין מאָל מיט איהם ניט צו בעגעגענען. אָבער אויך צו מיין צימער האָבען געקומען דערגרייכען קלאַנגען, אז סטיווענס רעכענט זיך אָפּ מיט מיין מוטער שוין אויף פאַר איהרע זינד געגען מיין פאָטער. דיא דיענער פלעגען זיך זאָגאר שושקען, אז סטיווענס שלאָגט מיין מוטער. איך האָב פון אַלעם דעם שרעקליך געליטען, אָבער — וואָס האָב איך געקענט טהאָן? איך האָב עטליכע מאָל געטראַכט וועגען מיין פאָטער'ס פריינד אין ניו יאָרק, אָבער איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט קיין געלד אויף הוצאות און זאָגאר טראַכטען וועגען אַנטלויפען פון דער היים האָב איך ניט געקענט.

"אַזוי זיינען אַוועק צוויי לאַנגע, שווערע יאָהר נאָך מיין פאָטער'ס טויט. און דאָ האָט פּלוצלונג פּאַסירט עטוואָס וואָס האָט שוין אין גאַנצען געמאַכט אונמעגליך מיין לעבען אין מיין מוטער'ס הויז.

"איך בין אַלט געווען א יאָהר 15. איך בין געווען געוויקסיג און גוט ענטוויקעלט. מען האָט אויך געזאָגט, אז איך בין זעהר שעהן. מיין שעהנ־קייט און מיין פריהע ענטוויקלונג זיינען געווען מיין אונגליק. מיין שטיף־פאָטער האָט זיך גענומען צו מיר צוקוקען און איך בין איהם שטאַרק געפעהלען. ער האָט גענומען אָנווענדען פערשיעדענע מיטלען צו ווערען נעהענטער און היימישער מיט מיר און כאָטש איך האָב איהם אימער אויסגעמידען, האָב איך איהם דאָך פון זיך ניט געקענט אָבטרייבען. עס איז איין מאָל געקומען אַזוי וויית, אַז ער האָט מיך געכאַפּט אין א פינסטערען צימער, האָט מיך אַרומגע־נומען און האָט מיך אָנגעהויבען קושען. איך בין דערביי אַזוי צוטומעלט געוואָ־רען, אַז איך האָב גאָר ניט געקענט טהאָן, כאָטש איך האָב אימער אַרומגעטראָגען מיט זיך א קליינינקען רעוואָלווער. מיר טהוט נאָך ביז איצט באַנג, וואָרום איך האָב איהם דעמאָלט ניט אריינגעיאָגט א קויל אין קאָפּ. אין יענער מינוט אָבער האָב איך זיך אַזוי פערלאָרען, אַז איך האָב גאָר פערגעסען אָן מיין רעוואָלווער. איך האָב נור גענומען שרייען און עס זיינען זיך צונויפגעלאָפען אַלע דיענער און אויך מיין מוטער איז געקומען צולויפען. דער סקאַנדאַל איז געווען א שרעקליכער.

"ביינאַכט, ווען איך בין געלעגען אין בעט און האָב זיך בעגאַסען מיט ביטערע טרעהרען, איז צו מיר פּלוצלונג אריינגעקומען מיין מוטער. זיא איז געווען בלאַס און פערוויינט. זיא האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף דיא קניע לעבען מיין בעט און האָט לאַנג, לאַנג געוויינט. ענדליך האָט זיא זיך אויפגע־הויבען, האָט אויסגעווישט דיא אויגען און האָט געזאָגט:

— עלען, פאַר דיין אייגענעם גליק ראַטה איך דיך: אַנטלויף פון דאַנען! אַנטלויף וואוהין דיא אויגען וועלען דיך טראָגען! גלויב מיר, אַז איך מיין דאָ ניט מיין טובה. איך ראַטה דיר צו אַנטלויפען ניט וויל איך האָב מורא, אַז סטיווענס איז פערליעבט אין דיר. עס איז שווער פאַר אַ מוטער צו ריידען מיט אַ טאָכטער וועגען אַזעלכע זאַכען, אָבער איך מוז עס טהאָן. עלען, איך האָב פיעל געזינדיגט אויף מיין לעבען, אָבער דיא שולד איז ניט אין גאַנצען מיינע. ווען דוא זאָלסט וויסען דיא געשיכטע פון מיין אונגליקליכען לעבען, וואָלסט דוא וועגען מיר אַנדערש געדענקט. אָבער איצטער קען איך דיר נאָך ניט אויפדעקען מיין גאַנצען אונגליק, ווייל איך וויל ניט פערגיפטען דיין יונגע, עהרליכע נשמה. איך האָב דיר קיין מאָל ניט אַרויסגעצייגט קיין מוטער־ליעבע, איצטער אָבער, גלויב מיר, מיין איך נור דיין טובה. אַנטלויף פון דאַנען, אויב דוא ווילסט ניט פיהרען אַזאַ אונגליקליך לעבען וויא דיין אָרימע, עלענדע מאַמע. איך וועל זעהן, אַז דיא ירושה פון דיין טאַטען זאָל בלייבען אונבעריהרט. איך האָב דיר געבראַכט געלד אויף הוצאות. מיט דעם געלד וועסטו קענען קומען קיין ניו יאָרק, וואו דוא וועסט קענען אויסגעפינען דיין פאָטער'ס פריינד און זיי וועלען דיר העלפען אַרויסקריגען דיא ירושה.

"ביי דיעזע ווערטער האָט מיין מוטער אוועקגעלעגט אויף מיין בעט אַ פּעקעל געלד און איז מיט אַ שטאַרקען געוויין אַרויסגעלאָפען פון מיין צימער, איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט צו קומען צו זיך פון איבערראַשונג און איהר עפּעס זאָגען.

"אין צוויי טעג אַרום בין איך אַנטלאָפען קיין ניו יאָרק. איידער אָבער איך בין אוועקגעפאָהרען, האָב איך זיך אָבגערעכענט וויא עס בעדאַרף צו זיין מיט מיין שטיעפפאָטער, מר. סטיוועגס. עפענטליך, אין מיטען גאַס, פאַר צעהנדליגע מענשען אין דיא אויגען, האָב איך מיט אַ בייטש איהם אַזוי צובלוטיגט און צושלאָגען, אַז ער וועט מיך, דאַכט זיך, געדענקען זיין גאַנצען לעבען לאַנג.

עלען האָט זיך אָבגעשטעלט. צוויי גרויסע טרעהרען האָבען זיך לאַנג־זאַם געקייקעלט איבער איהר שעהנעם געזיכט, איהר קאָפּ איז געווען געזונקען און דיא הענט פערבראָכען מיט וועהטאָג און שמערץ. מען האָט געזעהן, אַז זיא לעבט איצטער ווידער אַמאָל איבער אַלע איהרע ליידען פון אַמאָל. מאַריע האָט ניט געוואַגט זיך אַ ריהר צו טהאָן אָדער אַ וואָרט אויסצורעדען.

"ווען איך בין געקומען קיין ניו יאָרק — האָט עלען אין אַ פּאָר מינוטען

אַרום ווייטער גענומען רעדען — האָב איך אויסגעפונען, אַז מיין פאָטער׳ס פריינד איז איינער פון די רייכסטע און אָנגעזעהענסטע ניו יאָרקער לייט. מיין קומען האָט איהם ניט איבערראַשט. וויא איך פערשטעה, האָט ער געוואוסט אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט ביז יעצט אין אונזער פאַמיליע און ער האָט ערוואַרטעט איך זאָל צו איהם קומען. ער און זיין גאַנצע פאַמיליע האָבען מיך פריינדליך אויפגענומען. ער איז באַלד אָבגעפאָהרען נאָך קאַליפאָרניע און ער האָט אויסגעווירקט, אַז אַנשטאָט מיין מוטער און מיין שטיעפּפאָטער זאָלען זיין די אַפּעקונען איבער מיר און איבער מיין פערמעגען, זאָל ער בע־שטימט ווערען פאַר מיין אַפּעקון.

"אין זיין הויז האָב איך געהאַט פאָלשטענדיגע פרייהייט און האָב געקענט טהאָן וואָס מיין הארץ האָט געגלוסט. די לייטע האָבען מיך שטאַרק ליעב געהאַט און איך האָב זיי אַלע געליעבט פונקט אַזוי שטאַרק וויא איך האָב אַמאָל געליעבט מיין פאָטער. ניט אָבגערעדטערהייד האָבען מיר אימער אויסגעמידען צו ריידען וועגען מיינע פאַמיליען־פערהעלטניסע.

"איך האָב זיך געגעבען דאָס וואָרט קיין מאָל ניט צו הייראַטען און אום אָנצופילען די פּוסטקייט פון מיין לעבען, האָב איך אַ פּאָר יאָהר געלערענט און נאָכדעם זיך גענומען צו ספּאָרטס און האָב געגרינדעט דעם יאַכט־קלוב. איך וואָלט שוין וויא עס איז אַזוי געווען אָבגעלעבט מיין לעבען, ווען ניט איין צופאַל־טאַקע אין דעמזעלבען יאַכט־קלוב.

"מיט צוויי יאָהר צוריק האָט אונזער קלוב, וויא דוא געדענקסט נאָך מסתמא, געהאַט רייסעס מיט׳ן לאָנדאָנער מענער־קלוב "נעפּטון". דער פּער־טרעטער פון יענעם קלוב ביי איין רייס אין רודערען איז געווען לאָרד האַרלינגטאָן און איך האָב פערטראַטען אונזער קלוב. וויא איך האָב נור צום ערשטען מאָל דערזעהן דעם לאָרד, האָב איך באַלד דערפיהלט, אַז אונזערע ביידענס הערצער הויבען אָן צו הויך צו ריידען. איך האָב געוואונען די רייס, איך בין אָבער ביז איצט זיכער, אַז געוואונען האָב איך בלויז דערפאַר, ווייל לאָרד האַרלינגטאָן האָט געוואָלט, איך זאָל געווינען. אָבער דאָס איז ניט וויכטיג. די הויפּטזאַך איז, וואָס לאָרד האַרלינגטאָן האָט מיר דאַן געמאַכט אַ ליעבעס־ערקלערונג און האָט דערמיט צובראָכען מיין גאַנץ לעבען.

מיסס פּעטערסאָן האָט דערביי אַ ציטער געטהאָן און האָט אַ פיהר געטהאָן מיט דער האַנד איבער׳ן שטערן, וויא זיא וואָלט געוואָלט פערטרייבען עפּעס אַ בילד.

— איך וויים וועגען דעם לאָרד׳ס פאָרשלאַג — האָט געזאָגט מיסס טהאָמפּסאָן.

— אָבער איך האָב איהם ענטזאָגט — האָט פאָרטגעזעצט עלען — איך האָב איהם ענטזאָגט, ווייל וויא אַ ווילדער, שרעקליכער חלום פערפאָלגט מיך דאָס

פאמיליען-לעבען פון מיינע עלטערען; ווייל איך טאר ניט געניסען גליק נאכ־
דעם וויא מיין פאטער איז אויף אזא געהיימניספאלען אופן געשטארבען און
מיין שטיעפפאטער איז דער באנדיט סטיווענס; ווייל נאכדעם וויא איך בין
געבארען געווארען פון אזא מוטער, האב איך ניט קיין רעכט צו ווערען דיא
פרוי פון אן אנשטענדיגען מענשען, ווייל...

איהר שטימע איז אבגעהאקט געווארען וויא אימיצער וואלט זיא אין
מיטען ריידען אנגעכאפט מיט אייזערנע פינגער ביים גארגעל.

— יא — האט זיא ווייטער גערעדט — איך טאר ניט! אבער דאס הארץ
וויל פון קיין זאך ניט וויסען און עס ביינקט און עס רייסט זיך און עס פערלאנגט
גליק. לארד הארלינגטאן האט מיר פערשפראכען קיין מאל מיר ניט צו שריי־
בען און קיין מאל מיט מיר זיך ניט בעגעגנען און ער האט דיא גאנצע צוויי
יאהר געהאלטען ווארט. איך אליין קען אבער ניט האלטען קיין ווארט, איך
אליין בין גרייט יעדע מינוט איהם צו שרייבען און צו לויפען צו איהם. איך
האב אנגעווענדעט אלע מיטלען צו פערגעסען אן איהם און דאס לעצטע מיטעל
איז אט־דיא רייזע. אבער — גאט מיינער! — אויך דיעזער מיטעל העלפט
ניט! אימער שטעהט מיר פאר דיא אויגען לארד הארלינגטאן און דאס הארץ
ביינקט, ביינקט, ביינקט... עפעס זאגט מיר דאס הארץ...

עלען איז דא איבערגעריסען געווארען אין מיטען, ווייל עס האט זיך דער־
הערט א קלאפ אין דער טהיר. ווען מאריע האט דיא טהיר געעפענט, איז
אריינגעלאפען א וועסטאלקע און האט אויסגעשריען:

— שנעלער, שנעלער קומט ארויס אויף'ן דעק!

— וואס איז דארט? — האבען מיט שרעק געפרעגט עלען און מאריע.

— א שיף! א שיף! — האט יענע אויסגעשריען און איז צוריק ארויף
אויף'ן דעק.

דיא קאפיטאנשע און "דער ערשטער אפיציער" האבען איהר נאכגעפאלגט.

5טעם קאפיטעל.

זיך בעגעגענט אויף'ן מיטעללענדישען ים

דיא שיף, וועלכע האט זיך בעוויזען ניט ווייט פון דער "וועסטא" און
צוליעב וועלכער דער געשפרעך צווישען מיסס פעטערסאן און מיסס טהאמפ־
סאן איז איבערגעריסען געווארען אין מיטען, האט זיך שטיל געוואקעלט אויף
דיא שטילע, רוהיגע וואסערען פון דעם ים. זיא האט זיך, פונקט וויא דיא
"וועסטא", קוים בעוועגט, אזוי אז איינער פון דער מאנשאפט האט זיך גאר

פערגונען, צי אין שפּאַס, צי אין ערנסט, צו זיצען מיט אַ ווענטקע און פּרובען כאַפּען פיש.

די מאַנשאַפט פון דער שיף איז אין אַלגעמיין געווען אַ מערקווירדיגע.

קיין שיף האָט זיך נאָך ביז איצטער ניט געקענט בעריהמען מיט אַזעל־כע מאַטראָזען. אַבוואָהל די אַלע וואָס זיינען געווען בעשעפטיגט אויף'ן דעק פון דער שיף, ביי די זעגלען, ביי דער מאַשינעריע, ביים רודער און אַזוי ווייטער, האָבען געטהון זייער אַרבייט וויא געניטע מאַטראָזען, דאָך האָט מען געזעהן, אַז זיי זיינען ניט קיין מאַטראָזען. פיעלע פון זיי זיינען געגאַנגען באָרוועס און ביי אַלע זיינען געווען פערקאַשערט די אַרבעל אַזוי, אַז עס האָ־בען זיך אַרויסגעזעהן זייערע ריעזיגע מוסקעלען. זיי האָבען גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון וואַגאַבונדען (טרעמפּס) איידער פון מאַטראָזען.

און דאָך האָט מען זיי ניט געקענט אָננעהמען פאַר וואַגאַבונדען. זייערע קליידער זיינען געווען גענעהט נאָך דער לעצטער מאָדע און פיעלע האָבען זאָ־גאַר געטראָגען שוואַרצע פראַקען.

ניט ווייט פון שטייער־רודער איז געזעסען אַ ריעזיגער מאַן, מיט אַ צי־לינדער־הוט אויף'ן קאָפּ און מיט די באָרוויסע פיס אַריבערגעהאַנגען איבער'ן באָרט.

אָבער די אָריגינעלסטע פיגור פון אַלע איז געווען דער מאַן, וואָס איז גע־שטאַנען ביים שטייער־רודער. די הויזען זיינען ביי איהם געווען פערקאַשערט ביז די קניע און די אַרבעל פון דעם העמד ביז צו די סאַמע פּאַכועס. איין האַנד האָט ער געהאַלטען אויף דעם שטייער־ראָד. ער איז געשטאַנען פאַר אַ פאָטאָגראַפישען אַפּאַראַט און האָט אָנגעווענדעט אַלע כחות צו מאַכען אַן ערנסטע מיענע.

דער לעזער שטויסט זיך שוין מסתמא אָן, אַז דאָס האָבען מיר פאַר זיך די שיף "אַמאָר" פון דעם לאָנדאָנער אַריסטאָקראַטישען יאַכט־קלוב "נעפּטון".

די בעשטעלטע מאַטראָזען־קליידער האָבען ניט געקענט פאַרטיג ווערען צו זייער רייזע און חברה אַריסטאָקראַטען האָבען זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אין וואָס זיי זיינען געווען אָנגעטהאָן; פיעלע זיינען אַוועק אויף דער שיף גלייך פון בעלער אין זייער באַל־קליידער. לאָרד האַרלינגטאָן האָט זיך שטאַרק געערגערט דערפון, אָבער די איבריגע איז דער מאַסקאַראַד זעהר שטאַרק גע־פעהלען געוואָרען. איבריגענס האָבען זייערע מאַטראָזען־קליידער פאַר זיי בע־דאַרפט צוגעשיקט ווערען צום נעכסטען האַפען.

אין דעם מאַן, וואָס שטעהט ביים שטייער־רודער גרייט פאָטאָגראַפירט צו ווערען, דערקענען מיר אונזער אַלטען פריינד, דעם יונגען סער הענדריקס. דער צווייטער, דעריענינער, וואָס שטעהט ביים פאָטאָגראַפישען אַפּאַראַט, איז דער לוסטינער באַראָן טשאַרלז וויליאַמס.

— האַלט אייער קאָפּ ניט אַזוי הויך, הענדריקס! — האָט דער לוסטיגער וויליאַמס אויסגעשריען — פון אייער גאַנצען געזיכט קען איך זעהן נור אייערע נאָז-לעכער.

— און איך זעה אפילו ניט דיא ליכטיגע שיין פאר דיא אויגען — האָט בייז געענטפערט הענדריקס — איהר האָט מיך-שוין אזוי פערמאַטערט מיט אייער פאָטאָגראַפירען, אַז עס שווינדעלט מיר שוין ממש פאַר דיא אויגען.

— גיט צו אייער פנים אַ קלוגערען אויסדרוק — האָט געשריען וויליאַמס פון הינטער דעם שווארצען טוך פון דעם פאָטאָגראַפישען אפּאַראַט — זעהט כאָטש איין מאָל אין לעבען אויס קלוג. קוקט אין דער ווייטקייט, וועט מען מיינען, אַז איהר קענט אויך אַמאָל וועגען עפּעס טראַכטען. זאָלען מענשען כאָטש פון אייער בילד האָבען וועגען אייך אַ גוטע מיינונג.

עדגאַר הענדריקס האָט וויא ווייט מעגליך אויפגעריסען דיא אויגען און האָט געפּרובט אויסזעהן וויא אַן אמת׳ער מאַטראָז.

— אויסגעצייכענט! — האָט דערווייל וויליאַמס אַ געשריי געטהאָן — איצט האַלט זיך רוהיג!... איינס... צוויי...

אין דיעזער מינוט האָט זיך דערהערט לאָרד האַרלינגטאָן׳ס קאָמאַנדע צו געבען דער שיף אַן אַנדער ריכטונג. הענדריקס האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן צו דער שטייער-ראָד. אין דערזעלבער סעקונדע האָט וויליאַמס אויסגערופען:

— דריי!

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער פאָטאָגראַפישער גלאָז און האָט בייז אויסגערופען:

— הימעל-דאָנערוועטער! סאַקראַ... אייער קאָפּ איז דאָך צעהן מאָל אַזוי ברייט וויא הויך, פון אייער גאַנצען געזיכט קען מען דאָך זעהן ניט מעהר וויא דיא שפּיץ נאָז און דאָן האָט איהר, דאַכט זיך, 25 הענד.

ער האָט אַ שלײדער געטהאָן דיא פאָטאָגראַפישע גלאָז אין ים גלייך אויף דעם פּלאַץ, וואו לאָרד הייסטינגס איז געזעסען מיט דער ווענטקע.

— געהט צום טייפעל! — האָט אַ געשריי געטהאָן הייסטינגס — איהר צוטרייבט מיר אַלע פיש!

— וויפיעל פיש האָט איהר געכאַפּט אין דיא לעצטע זעקס שטונדען, לאָרד? — האָט געפרעגט וויליאַמס.

— געכאַפּט האָב איך נאָך גאָר ניט — האָט יענער געענטפערט — אָבער אין דער מינוט, ווען איהר האָט אריינגעוואָרפען דאָס גלאָז, האָב איך שיער, שיער ניט געכאַפּט אַ גרויסען פיש.

— דאָנערוועטער, שנעע און שטורם! — האָט זיך צולאַכט וויליאַמס — ווען מיר, הייסט עס, היינט בלייבען אָהן פיש?

— זאָגט נור, סער וויליאַמס — האָט זיך אָבגערופען הענדריקס — וואו

האָט איהר זיך עס אויסגעלערענט אזוי צו שעלטען? איהר זיינט דער איינציגער ביי אונז, וואָס קען פלוכען כמעט וויא אַן אמת'ער מאַטראָז.

— זעהט איהר דאָך! — האָט געזאָגט וויליאמס — דאָס קומט דערפון, וואָס אַ מענש קען ריכטיג אויסנוצען זיין פרייע צייט. פאַר דער וואָך, וואָס מיר האָבען זיך געגרייט צו דער רייזע, האָט איהר אַלע אין זינען געהאַט פערשיע־דענע נארישקייטען און איך בין דיא וואָך אַבגעזעסען אין דיא שענקען, וואו עס קומען זיך צונויף דיא מאַטראָזען, און האָב געלערענט זייערע קללות.

ער האָט דערביי בעוויזען אַ קונץ און האָט מיט איין מאָל אויסגעשאָטען אַ גאַנצען בארג מאַטראָזען־קללות.

אין דער מינוט האָט לאָרד האַרלינגטאָן, וועלכער איז געשטאַנען און גע־קוקט דורך אַ טעלעסקאָפּ, אַ געשריי געטהאָן:

— מיינע הערען, אַ שיף!

אַלע האָבען געכאַפּט טעלעסקאָפּען און האָבען גענומען קוקען. וואָס מעהר זיי האָבען אָבער געקוקט, אַלץ מעהר איבערראַשט זיינען זיי געוואָרען. דיא שיף, אויף וועלכער זיי האָבען געקוקט, האָט זיך צו זיי דערנעהנטערט מיט אַן אונגלויבליכער שנעלקייט. דערצו האָט זיא אין אַלגעמיין אויסגעזעהן זעהר מאָדנע. פון איהר האָט זיך אַרויסגעזעהן בלויז אַ קליינע טהייל, ניט וויא גע־וועהנליך ביי אַנדערע שיפען. דער דעק איז געווען אַ קייילעכדיגער און אויסער דעם דעק האָט מען קיין זאַך ניט געזעהן: ניט קיין מענשען, ניט קיין מאַסטען און ניט קיין קוימענס.

דיא מענער פון דעם "אמאָר" האָבען נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו קומען צו זיך פאַר איבערראַשונג, וויא יענע געהיימניספאָלע שיף איז שוין פאַרביי־געפלויגען דעם "אמאָר" וויא אַ בליץ און אין עטליכע מינוטען אַרום איז זיא שוין פערשוואונדען.

אַ לאַנגע צייט זיינען נאָכדעם אַלע געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און האָבען קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידען פאַר איבערראַשונג.

— דאָנערוועטער! — האָט ענדליך אויסגעשריען וויליאמס — אויב ניט טייוואָלים פאָהרען אויף יענער שיף, וויים איך ניט, וועך נאָך עס קען אויף איהר פאָהרען.

אַ פאָר שטונדען האָבען זיי אַלץ ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען יענער שיף און זיי וואָלטען נאָך לאַנג, לאַנג גערעדט וועגען איהר, ווען לאָרד האַרלינג־טאָן וואָלט ווידער ניט געמעלדעט:

— אַ שיף! און דאָס מאָל שוין דיא "וועסטאַ". אין אַ האַלבער שטונדע אַרום וועלען מיר האָבען דיא עהרע זיך פאָרצושטעלען פאַר דיא דאַמען.

אַלע האָבען ווידער געכאַפּט דיא טעלעסקאָפּען און גענומען קוקען אין דער ריכטונג, וואוהין האַרלינגטאָן האָט זיי אָנגעצייגט.

— וויליאמס — האט געפרעגט הענדריקס — דארף איך אנטהאן א וויסען קאלנער?

— דער קאלנער איז צו דערליידען — האט געענטפערט וויליאמס — אבער איהר דארפט נעהמען א פוץ אויף אייערע שיך.

ער האט דערביי אנגעוויזען אויף הענדריק'ס בארוויסע פיס.

— און איהר, געעהרטער לארד — האט ער זיך געווענדעט צו לארד הייסטינגס — זייט אזוי גוט און נעהמט צו אייערע בארוויסע פיס פון דעם שיפס־בארט. טהוט אם וועניגסטען אן א פאר זאקען. איהר בלאמירט דאך גאנץ ענגלאנד.

אלע האבען זיך א ווארף געטהאן אין זייערע קאיוטען אום זיך צוצופוצען לכבוד דיא דאמען.

און אין דער צייט, פון דעם גאנצען טומעל איז לארד הארלינגטאן געשטאנען א בלאסער און אן אויפגערעגטער און אלץ געקוקט אויף דער "וועסטא", צו וועלכער ער איז צוגעקומען אלץ נעהענטער.

ער האט זיך געפרעגט: וויא וועט פארקומען זייער בעגעגעניש? וויא וועט עלען פעטערסאן אננעהמען זיין פארשלאג זיא צו בעגלייטען? ערשט איצטער האט איהם א געדאנק א קלאפ געטהאן אין קאפ: אפשר וועט זיא איהם פער־באטען איהר נאכצופאלגען.

און אין דערזעלבער צייט האט מען דעם "אמאר" אויך בעמערקט פון דער "וועסטא", אבער דיא וועסטאלקעס האבען ניט געוואוסט, מיט וועמען זיי האבען דא צו טהאן. דאס איינציגע, וואס זיי האבען געקענט בעמערקען, איז, אז זיי האבען צו טהאן מיט אן ענגלישער יאכט־שיף. ערשט, וועןביידע שיפען זיינען שוין געווען גאר נאהענט, האבען זיי בעמערקט דעם פלאג פון דעם יאכט־קלוב "נעפטון".

דיא וועסטאלקעס, וועלכע האבען פונקט וויא דיא הערען פון "אמאר" אלע געקוקט אין טעלעסקאפען, האבען מיט פרייד בעגריסט דיא ערשיינונג פון "אמאר". זיי האבען זיך פערזענליך געקענט מיט דיא מעהרסטע פון דיא ענג־לענדער נאך פון דיא רייסעס פון פאר־צוויי־יאהרען.

דיא איינציגע וואס האבען זיך ניט געפרעהט זיינען געווען מיסס פע־טערסאן און מיסס טהאמפסאן. עלען פעטערסאן האט זיך געשראקען, פיליכט איז אויף דער שיף אויך פאראן לארד הארלינגטאן, און מיסס טהאמפסאן האט געליטען פאר מורא, אז דיא בעגעגעניש זאל ניט ווירקען שלעכט אויף עלען.

אבער בעדענקענדיג זיך מעהר, איז אויך מיסס טהאמפסאן געווען צו־פריעדען פון דער בעגעגעניש. זיא האט גערעכענט, אז אפשר וועט דאס דאך ווירקען אויף איהר פריינדין און זיא וועט דאך צושטימען צו זיין גליקליך מיט הארלינגטאן'ען. אויסערדעם, איז זיא נאך פערזענליך אויך געווען פעראינטע־

רעסירט אין דעם יאכט־קלוב "נעפטון". ביי דיא פאר־צוויי־יאָהריגע רייסעס אין ניו יארק האט איהר אויפמערקזאמקייט שטארק צוגעצויגען דער לוסטיגער, פרעהליכער טשארלס וויליאמס און ניט איין מאל האט זיא גע'חלום'ט, אז זיא וועט זיך נאך אמאל מיט איהם בעגעגנען.

איצטער זיינען שויןביידע שיפען געווען אזוי נאהענט, אז דורך זייערע טעלעסקאָפען האבען דיא רייזענדע פון ביידע שיפען געקענט זיך דערקענען.

אלע וועסטאלקעס זיינען געשטאנען אויף'ן דעק פון דער "וועסטא" מיט טעלעסקאָפען און אלע "נעפטונער" זיינען געשטאנען אויף'ן דעק פון "אמאר" מיט טעלעסקאָפען.

דיא מיידלעך זיינען געווען געקליידעט אין שנעע־ווייסע מאטראָזען־אוני־פארמען. דיא פיער־וואָכיגע רייזע אויף'ן ים און דיא שווערע ארבייט אויף דער שיף האט אין גאנצען אומגעענדערט דיא רייכע אריסטאָקראטישע מיידלעך. זיי זיינען אלע געווען פערברענט פון דער זון, דיא הויט אויף זייערע הענד איז פערהארטעוועט געוואָרען; דערפאר אָבער האבען זיי אלע געאָטהעמט מיט גע־זונד און מיט לעבענסלוסט.

— וואס פאר זאנדערבארע מאטראָזען זיינען דארט אויף יענער שיף! — האט זיך פלוצלונג צולאכט דיא לעבענסלוסטיגע דזשעסי מוריי, דיא פרעהליכ־סטע וועסטאלקע — איינער טראָגט א רויטען פראק און דער צווייטער האט זיך פערפוצט אין א צילינדער־הוט.

ווען דיא שיפען זיינען נאך נעהענטער זיך צונויפגעקומען, האט דיזעלבע מיסס מוריי ווידער אויסגערופען:

— זאל איך ניט הייסען דזשעסי מוריי, אויב דיעזער מאן את דארטען איז ניט דער לארד הארלינגטאן, דערזעלבער, וועלכען איהר, מיסס פעטערסאן, האט בעזיעגט ביי דיא רייסעס אין ניו יארק.

זיא האט א וואָרף געטהאן אויף מיסס פעטערסאן א ביטרען בליק, אבער ווען זיא האט דערזעהן, וויא יענע שטעהט בלאס און אונבעוועגליך, האט זיא מיט איין מאל אבגעהאקט איהר געלעכטער און איז אנשוויגען געוואָרען.

אויך דיא אנדערע וועסטאלקעס האבען ניט אויפגעהערט צו מאכען פער־שיעדענע אויסרופען.

— זעהט נור את יענעם מאן! — האט איינע געזאגט — איך קען שווערען, אז דאס איז לארד הייסטינגס, דער בעסטער באקסער (פייטער) אין ענגלאנד.

— חא־חא־חא! — האט נאך איינע געלאכט — זעהט נור דעם מאן ביים שטייער־ראד מיט דעם רויטען רייטער־פראק. דאס איז, קען איך שווערען, ניט קיין אנדערער וויא סער הענדריקס, וועלכער האט זיך ביי אונזער באל, פאר־צוויי־יאָהרען נאך דיא רייסעס איינגערעדט, אז מיר אלע זיינען פערליעבט אין איהם. מען זאגט אויף איהם, אז ער איז אזא ליידענשאפטליכער רייטער־

און יעגער, אז ער שלאפט אין זיינע רייטער־שפארען און אלס קישען דיענט איהם א זאטעל.

— און דארט שטעהט סער וויליאמס! — האט זיך דערהערט נאך א שטימע.

— יא — האט מיסס טהאמפסאן געזאגט — מיר האבען זיי דא אלע, דעם גאנצען "נעפטון"־קלוב. אבער וויא קומען זיי אהער? מאכען זיי פיליייכט אויך א וועלט־רייזע וויא מיר?

— את דאס וועלען מיר זיי באלד פרעגען! — האט יאהאנא לינד, דיא וועלט־בעריהמטע שווימעריין, געזאגט.

דיא שיפען זיינען איצט צוגעקומען אזוי נאהענט, אז ניט מעהר וויא א שטרעקע פון עטליכע צעהנדליגע יארד האט זיי צוטהיילט. דאס האט זיך דער "אמאר" דערנעהנטערט צו דער "וועסטא" און האט זיך אוועקגעשטעלט אזוי, אזביידע שיפען זאלען קענען שווימען איינע נעבען דער צווייטער.

דיא שיפס־קאפיטאנען פון ביידע שיפען זיינען געשטאנען בלאס און ניט געוואגט א קוק צו טהאן איינער אויף'ן צווייטען.

דער לוסטיגער וויליאמס האט דער ערשטער בעגריסט דיא וועסטאלקעס.

ער האט זיך עלעגאנט פערנייגט און האט מיט אן ערנסטער מיענע אויס־געררופען:

— אין נאמען פון דעם יאכט־קלוב "נעפטון" האב איך דיא עהרע צו בעגריסען דיא נאבעלע וועסטאלקעס און זיי ווינשען, אז גאט זאל זיי געבען געזונד און כחות צו האלטען זייער וועסטאלקעס־שבועה.

דיא איבריגע מיטגליעדער פון קלוב האבען געפאכט מיט טיכלעך. דיא דאמען פון דער "וועסטא" האבען געטהאן דאסזעלבע.

וויליאמס האט געזוכט מיט דיא אויגען מיסס טהאמפסאן און ווען ער האט זיא ענדליך בעמערקט, האט ער מיט אמת'ער פרייד אויסגערופען:

— אה, מיסס טהאמפסאן! וועט מיר ערלויבט זיין צו פרעגען, וויא איהר פיהלט זיך?

— אויסגעצייכענט! — האט געענטפערט מיסס טהאמפסאן און איז עט־וואס רויט געווארען.

אויך זיא האט זיך שטארק דערפרעהט מיט וויליאמס'ען.

א פאר מיידלעך האבען זיך אנגעזעצט מיט זייערע פראגען אויף'ן כמור־נעם לארד הייסטינגס און ער האט מיט א געמאכטער בייזער מיענע געענט־פערט אויף זייערע פראגען.

— און איהר, מיסס ניקעלסאן? — האט דערוויל הענדריקס פערפיהרט א געשפרעך מיט אן אנדער וועסטאלקע — וואס מאכט איהר?

— איהר זעהט דאך — האט יענע געענטפערט — מיר האבען פעראנ־

שטאַלטעט אַ מאַסקען־באַל און איהר וועט מיט אייערע זעלטענע מאַטראָזען־קליידער זיין דיא בעסטע מאַסקעס.

— קען איך אייך איינלאַדען צום ערשטען טאַנץ? — האָט געפרעגט הענ־דריקס.

— ליידער בין איך שוין פערנומען — האָט זיך מיסס ניקעלסאָן צולאַכט.

— סער הענדריקס — האָט אַן אנדער וועסטאַלקע געזאָגט — פאָהרט איהר דאָ אויך אַרום רייטענדיג אויף אייער פערד?

— און דיא שפּאָרען האָט איהר אויך נאָך ניט אויסגעטהאָן? — האָט נאָך איינע זיך געוויצעלט אויף זיין רעכענונג.

— זיינע שפּאָרען ליידען פון ים־קראַנקהייט — האָט זיך אריינגעמישט וויליאַמס.

אַזעלכע און עהנליכע בעמערקונגען האָבען ניט אויפגעהערט צו פליהען פון איין שיף צו דער צווייטער. לאָרד האַרלינגטאָן און מיסס פּעטערסאָן האָבען זיך דערוויילי בענוצט מיט דעם אַלגעמיינעם טומעל און האָבען פערפיהרט אַ גאַנץ ערנסטען געשפּרעך.

— איך האָף, אַז אונזער בעגעגעניש איז אַ צופאַל — האָט געזאָגט עלען פּעטערסאָן.

— איז עס אייך אונאַנגענעהם? — האָט געפרעגט לאָרד האַרלינגטאָן, אויסמיידענדיג אַן ענטפער אויף איהר פראַגע.

אויך מיסס פּעטערסאָן האָט אויף דער פראַגע ניט געענטפערט.

זיא האָט בלויז געזאָגט:

— האָט איהר אַ בעשטימטען וועג אין אייער רייזע?

— ניין — האָט האַרלינגטאָן געענטפערט — מיר זיינען בלויז אַרום אויף אַ לוסטרייזע און אויב דאָס וועט אייך זיין ניט איבעריג אונאַנגענעהם, וועט דער "אמאָר" קענען בעגלייטען דיא "וועסטאַ".

ער האָט מיט ליעבע און ערוואַרטונג אַ קוק געטהאָן אויף עלען פּעטערסאָן.

עלען איז אַ פּאָר סעקונדען געבליבען אין פערלעגענהייט. אַ שטאַרקער קאַמפף איז אָנגעגאַנגען אין איהר נשמה. וויא מיט אַ מאַגנעט האָט עס זיא איצטער געצויגען צום שעהנעם לאָרד. זיא האָט געפיהלט, אַז אויב זיא וועט זיך איצטער באַלד צושיידען מיט איהם, וועט זיא שטאַרק ליידען. זיא האָט זיך אָבער דערמאָהנט אָן איהר בעשלוס, אַז זיא טאָר קיין מאָל, קיין מאָל ניט טראַכטען וועגען ליעבע און גליק און זיא האָט מיט אַ פערשטיקטער שטימע, אָבער פעסט און ענטשלאָסען געזאָגט:

— ניין, ניין, לאָרד האַרלינגטאָן! פּאָר קיין פאַל ניט.

לאָרד האַרלינגטאָן האָט טרויעריג אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

אָבער דאָ איז איהם צו הילף געקומען לאָרד הייסטינגס, וועלכער האָט גע־הערט דעם גאַנצען געשפּרעך.

— מיסס פּעטערסאָן — האָט ער געזאָגט — קיינער צווייפעלט ניט, אַז דיא וועסטאַלקעס זיינען בראווע מאַטראָזען און האָבען פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט. דיא "וועסטאַ" איז אָבער ניט מעהר וויא א יאַכט־שיף און אויף'ן ים קען אַלעס פּאַסירען. עס וועט דעריבער פּשוט זיין א זיכערהייטס־מיטעל, ווען ניט ווייט פון דער "וועסטאַ" וועט זיך געפינען נאָך א שיף. דאַסזעלבע איז אויך דער פאַל מיט אונזער "אַמאָר".

— מיר זיינען אָבער ניט אַרויסגעפּאָהרען אויף'ן ים מיט'ן צוועק צו האָבען וועכטער — האָט מיסס פּעטערסאָן געזאָגט.

— זאָל זיין אַזוי — האָט צוגעגעבען לאָרד הייסטינגס — דאָ איז אָבער פאַראַן נאָך אַן אומשטאַנד. אויב עס איז אמת, אַז איהר זיינט ניט אַרויסגע־פּאָהרען אויף אייער רייזע צו האָבען שומרים, זיינט איהר אָבער אויך ניט אַרויסגעפּאָהרען מיט'ן צוועק צו טהאָן תשובה. א לאַנגע רייזע אויף'ן ים איז לאַנגווייליג און עס איז אימער בעסער צו האָבען פריינד ביי דער זייט.

ביסלעכווייז זיינען אויך דיא איבריגע מיטגליעדער פוןביידע קלובס צו־געקומען און האָבען זיך פּעראַינטערעסירט מיט'ן געשפּרעך.

דיא פראַגע וועגען דעם, אויב עס זאָל דעם "אַמאָר" זיין ערלויבט נאָכצו־פאָלגען דער "וועסטאַ" איז איצטער געוואָרען אַן אַלגעמיינע פראַגע. אַלע מע־נער זיינען נאַטירליך געווען דאַפיר, פון דיא פרויען זיינען אייניגע געווען דאַפיר און אַנדערע דאַגעגען.

אונבעמערקט האָט לאָרד האַרלינגטאָן א וואונק געטהאָן צו יאָהאַנאַ לינד און יענע האָט געזאָגט:

— איך שלאָג פאָר, אַז דער "אַמאָר" זאָל זיך אויף א ווייטע דערווייטערען און מיר וועלען זיך דערווייל בעראַטהען.

— גוט! — האָבען אַלע איינגעשטימט.

ביי דער בעראַטהונג האָט יאָהאַנאַ לינד שטאַרק אַגיטירט, אַז מען זאָל אַננעהמען דעם פאָרשלאַג פון דיא מענער. איהר מיינונג האָט ענדליך געזיעגט, ניט קוקענדיג דארויף, וואָס מיסס פּעטערסאָן איז געווען שטאַרק דאַגעגען.

אפילו מיסס טהאָמפּסאָן איז געווען אויף יאָהאַנאַ לינד'ס זייט.

— אויך דוא, מאַריע? — האָט מיט א פאָרוואורף שטיל געזאָגט עלען — נאָכדעם וויא דוא ווייסט אַלעס...

— יא, נאָכדעם וויא איך ווייס אַלעס — האָט געענטפערט מאַריע — ווייל איך גלויב, אַז דוא האָסט רעכט אויף גליק.

מיסס פּעטערסאָן האָט געוואָלט נאָך עפּעס אָנווענדען, אָבער מיסס טהאָמפּ־

סאַן האָט איהר פערשטעלט דאָס מויל, האָט זיא אַרומגענומען און האָט זיא שטאַרק, שטאַרק געקושט.

מיסס פעטערסאָן איז געוועזן בעזיעגט. עס איז בעשלאָססען געוואָרען צו ערלויבען דיא מענער נאָכצופאָלגען דער "וועסטאַ".

ווען מיסס פעטערסאָן האָט אין אַ פיערטעל שטונדע אַרום געלאָזט וויסען דיא הערען פון "אַמאָר", אַז זייער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען, האָט אויף'ן "אַמאָר" אויסגעבראָכען אַ גוואַלדיגער "הוררא".

ווען דער "הוררא" איז שטיל געוואָרען, האָט מיסס פעטערסאָן ווייטער געזאָגט:

— אייער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען, אָבער איך האָב דערביי צו שטעלען געוויסע בעדינגונגען.

— אָהן בעדינגונגען! אָנגענומען איז אָנגענומען! — האָט אַ געשריי געטהאָן וויליאַמס.

— לאָזט הערען! — האָט איהם אָבגעשטעלט האַרלינגטאָן.

און מיסס פעטערסאָן האָט ווייטער גערעדט:

— דער "אַמאָר" וועט בייטאָג נאָכפאָלגען דער "וועסטאַ" אויף אַ געוויסער שטרעקע, אַזוי אַז אפילו דורך אַ שטאַרקען טעלעסקאָפּ זאָלט איהר ניט קענען זעהן, וואָס אויף אונזער שיף קומט פאָר. נור ביינאַכט איז אייך ערלויבט צו־צוקומען גאָר נאָהענט צו אונז.

— אָנגענומען! — האָט מיט פרייד צוגעשטימט לאָרד האַרלינגטאָן.

— און דאַן נאָך איין זאַך — האָט פאָרטגעזעצט עלען פעטערסאָן — אויב איהר וועט אונז פערלירען פון אויג און איהר וועט אונז אין פערלויף פון אַ וואָך ניט קענען אויסגעפינען, פערלירט איהר דאָס רעכט אונז נאָכצופאָלגען און איהר וועט אַליין מוזען לאָזען וויסען אין אַלע צייטונגען, אַז אין אַ רייס אויף'ן ים איז דער לאָנדאָנער יאַכט־קלוב "נעפּטון" בעזיעגט געוואָרען פון דעם ניו יאָרקער יאַכט־קלוב "עלען" אָדער "וועסטאַ".

— אָנגענומען! — האָבען אַלע מענער אויסגעשריען.

— איהר וועט פון אונז ניט אַנטלויפען! — האָט געזאָגט וויליאַמס.

— פון שיקזאַל איז שווער צו אַנטלויפען — האָט מיט ברענענדע אויגען און מיט אַ ציטערענדער שטימע געזאָגט לאָרד האַרלינגטאָן.

עלען האָט דערביי אַ ציטער געטהאָן און האָט צושראָקען אַ קוק געטהאָן אויף'ן לאָרד.

ביידע שיפען האָבען זיך גענומען צושיידען. דער "אַמאָר" איז ווייטער געגאַנגען לאַנגזאַם וויא ביז איצט און דיא "וועסטאַ" האָט גענומען געהן שנעלער, אום, לויט דיא בעדינגונגען, צו זיין בייטאָג גאַנץ ווייט פון דעם "אַמאָר".

דיא גאַנצע צייט איז מיסס עלען פעטערסאָן געשטאַנען אויף'ן קאַפּיטאַן'ס

בריקעל מיט דעם רוקען צום "אמאָר". זיא האָט אָבער אַלץ געפיהלט אויף זיך לאָרד האַרלינגטאָן'ס בליק און איהר האַרץ האָט שטאַרק, שטאַרק געשלאָגען.

ערשט ווען דיא "וועסטאַ" איז שוין געווען ווייט פון דעם "אמאָר" איז דיא קאַפּיטאַנשע אַריין אין איהר קאַיוטע, האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איהר בעטעל און האָט זיך היסטעריש צוואויינט.

— גאָט, גיב מיר כחות בייצושטעהן דעם נסיון! — האָט זיא געבליפּעט.

זיא האָט אָבער געפיהלט, אַז אין קאַמפּף מיט זיך אַליין וועלען איהר אויספּעהלען כחות און איהר פאַנטאַזיע האָט איהר געמאָהלען שרעקליכע בילדער פון עפּעס אַ שוידערליכען אונגליק, וועלכער הייגנט איבער איהר קאָפּ און אי־בער'ן קאָפּ פון איהר געליעבטען.

— מיין ליעבער, מיין טהייערער! — האָט זיא געשעפּטשעט — ווארום האָט גאָט ניט געוואָלט מיר זאָלען זיין גליקליך?

ביי אַ האַלבער שטונדע איז זיא אַזוי אָבגעלעגען. ענדליך איז זיא גע־קומען צו זיך.

זיא האָט זיך אויפגעהויבען. איהרע אויגען האָבען געברענט מיט אַ שטאָה־לענעם גלאַנץ, איהר גאַנצע פיגור האָט אויסגעדריקט ענטשלאָסענהייט.

— ניין, דאָס קען קיין מאָל ניט זיין — האָט זיא געזאָגט צו זיך אַליין גאַנץ הויך — ער וועט מיך פעראַכטען, ווען ער וועט זיך דערוויסען, ווער איך בין. און איך וויל איהם ניט אָבנאַרען און וויל ניט פערלירען זיין אַכטונג. דיא אָרימע וועסטאַלקע וועט אויף אייביג בלייבען אַ וועסטאַלקע.

אָבער דאָך האָט טיעף ביי איהר אין האַרצען עפּעס אַ שטימע שטיל גע־זאָגט:

— אָרימע וועסטאַלקע, דוא ביזט ניט מעהר וויא אַ שוואַכע פרוי.

6טעם קאַפּיטעל.

דיא באַנדיטען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל

קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דיא הויפּט שטאָדט פון טערקיי, איז אַ זעהר אַלטע שטאָדט, און דאָרט געפינען זיך קוואַרטאַלען, וואָס ווארפען אַפילו בייטאָג אָן אַ שרעק אויף דיא בעזוכער מיט זייער פינסטערניש, ענגשאַפט און שמוץ.

עס זיינען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַראַן אויך פּראַכטפאָלע קוואַרטאַלען מיט טויזענד־יעהריגע אַלטע קריסטליכע קלויסטערם און ריעזיגע מאָשעען (מאהאָמעדאַנישע טעמפּלען). עס איז דאָרט אויך פאַראַן אַן "אייראָפּעאישער" קוואַרטאַל, וואו עס וואָהנען דיא פערטרעטער פון דיא קריסטליכע מלוכות,

אַמבאַסאַדאָרען (געזאַנדטע), קאָנסולען, און סתם רייכע קריסטען. אָבער דיזע קוואַרטאַלען אינטערעסירען אונז איצטער ניט.

מיר וועלען מאַכען אַ שפּאַציער אין אַ שמוציגען קוואַרטאַל ביים סאַמע האַפען.

דאָ געפינען זיך דיא מעהרסטע שענקען, וואו עס קומען זיך צונויף דיא מאַטראָזען פון דיא פערשיעדענע שיפען, וואָס קומען אהער פון דער גאַנצער וועלט. דאָ קען מען הערען פערשיעדענע שפּראַכען און ניט נור דיא שפּראַכען, נאָר דיא ערגסטע אויסדריקע און קללות אויף דיזע שפּראַכען. אויסער דיא שענקען געפינען זיך דאָ אויך אַמוזירונגס־פּלעצער פאַר דיא מאַטראָזען און הייזער פון שאַנדע.

עס איז שוין שפּעט ביינאַכט, און אין דיא שענקען זיינען פאַראַן נור געצעהלטע בעזוכער, מעהרסטענטהייל אַזעלכע, וואָס זיינען שוין אַזוי שכור, אַז זיי קענען זיך ניט ריהרען פון זייערע פּלעצער.

יעדער שענק אין דיזען קוואַרטאַל האָט געמישטע בעזוכער פון פערשיעדענע נאַציאָנען און לענדער. דאָך טראָגט יעדער שענק בעזונדער דעם נאָמען פון איין פאָלק אָדער לאַנד און דיא מעהרסטע בעזוכער דאָרט זיינען פון אַ בעשטימטען לאַנד אָדער פאָלק.

אין איינעם פון דיא שענקען, אין וועלכען עס פערזאַמלען זיך מעהרסטענטהייל גריכישע מאַטראָזען, זיצען איצטער ביי אַ טישעל צוויי פּערזאָן. איינעם פון זיי דערקענען מיר באַלד נאָך זיין איינציגען אויג. דאָס איז דער ים־וואָלף אָדער, וויא ער רופט זיך געוועהנליך, מר. בריג. דער צווייטער איז געווען אַ גריכע פון אַ יאָהר 40, אַ הויכער, געזונדער מאַן.

זיי האָבען געטרונקען איין גלאָז וויין נאָך דער צווייטער, אָבער דער וויין האָט אויף זיי, ווייזט אויס, קיין ווירקונג ניט געהאַט. זיי זיינען געזעסען רוהיג און האָבען שטיל און געמיטליך געפיהרט זייער געשפּרעך.

— איך בין שיער ניט אַריינגעפאַלען — האָט דערצעהלט דער גריכע — אָבער איך האָב זיך אַרויסגעדרעהט. דאָס איז געווען ביי מיין לעצטער רייזע נאָך אַלזשיר (אין אפריקא). איך האָב דאָרט געקראָגען אַ טראַנספּאָרט מיידלעך, וועלכע איך האָב בעדאַרפט אָבפיהרען נאָך שפּאַניען און פראַנקרייך. עס איז מיר געלונגען און איך האָב געקראָגען סחורה — ערשטער סאָרט! איז אָבער דיא פראַנצויזישע רעגיערונג פּלוצלונג געוואָרען אויף מיר אויפמערקזאַם. עס איז נאָך גוט, וואָס איך האָב זיך בעצייטענס וועגען דעם דערוואוסט און האָב געמאַכט פּליטה. אין מיטען וועג האָב איך מיין שיף איבערגעפאַרבט, האָב געענדערט דעם נאָמען "מכשפה" אויף "אינדיאַנאַ" און אויף אַזאַ אופן איז מיר געלונגען זיך אויסצודרעהען.

— און איצטער? — האָט געפרעגט דער ים־וואָלף.

— איצטער, ברודער — האט זיך צולאכט דער גריכע — איצטער בין איך אן ארענטליכער ווײן־הענדלער און פיהר אויף מײן שיף ווײן. דמיטרי, ברודער, פערשטעהסט זיך אויף ווײן אויך. אויבען ווײן און אונטען מײדלעך. און דוא ?

— איך האנדעל מיט ווייץ — האט זיך צולאכט דער ים־וואלף.

— אבער וואס האט דיך געבראכט קיין קאנסטאנטינאפאל ? — האט גע־פרעגט דמיטרי.

— אט וועגען דעם וויל איך דאך מיט דיר ריידען — האט געענטפערט דער ים־וואלף.

ער האט איהם דערצעהלט, אז פאר איהם איז זעהר נויטיג צו "כאפען א פויגעל", וויא ער האט זיך אויסגעדריקט, פון דער שיף "וועסטא", וועלכע געפינט זיך איצטער אין דעם האפען פון קאנסטאנטינאפאל ; אז אויף דער "וועסטא" געפינען זיך בלויז פרויען און ער האט געדענקט, אז ער וועט אליין קענען דורכקומען מיט זיי ; אבער אזוי וויא זייט א שטיק צייט שלעפט זיך נאך דער "וועסטא" נאך עפעס א שיף מיט ענגלענדער, מוז ער דעריבער האבען דיא הילף פון זיין פריינד דמיטרי.

— דיעזע לומפען — האט געזאגט דער ים־וואלף — מאכען מיר קאליע אלע פלענער. וואו מען זעהט אין קאנסטאנטינאפאל איינע פון דיא אמעריקאנער מיידען, זעהט מען שוין באלד, אז נאך איהר שלעפען זיך נאך וויא שאטענס א פאר פון דיא ענגלענדער. אויף'ן ים האבען זיי אויסגעזעהן וויא וואגא־בונדען און דא האבען זיי זיך אויסגעפוצט אין זייערע מאטראזען־יוניפארמען און וואו מען זעהט נור דיא קאפיטאנשע פון דער "וועסטא", קען מען זיכער זיין, אז א גאנצע באנדע ענגלענדער שטעקען ערגיץ נאהענט ארום.

— וויפיעל קריעגסטו פאר דיעזען שטיקעל ארבייט ? — האט געפרעגט דמיטרי.

— נו, ברודער — האט געענטפערט דער ים־וואלף — ווען עס קומט צו געלד־אנגעלעגענהייטען, ענדיגט זיך אונזער פריינדשאפט. פאר דיין הילף וועסטו קריגען בעצאהלט און ווייטער מיש זיך ניט.

דמיטרי האט זיך פרעהליך צולאכט. ביי איהם אין קאפ איז שוין גע־בוירען געווארען עפעס א געהיימער פלאן.

— אלזא, טא וואס ווילסטו פון מיר ? — האט ער געפרעגט.

— הער — האט אנגעהויבען דער ים־וואלף — דוא קענסט מיך, דאכט זיך, שוין ניט פון נעכטען און דוא ווייסט, אז איך שרעק זיך ניט פאר קיין זאך. היים מיר זינקען וועלכע ניט איז שיף און איך וועל זיא זינקען ; היים מיר אריינשטעקען א מעסער אין ברוסט אפילו דעם טערקישען סולטאן און

איך וועל געהן און וועל עס טהאָן. וויא עס קומט אָבער דערצו, אַז מען דארף געברויכען שמד־שטיק און הינטער־פיסלעך, דאָרט בין איך אויף צרות.

— דאָס איז שוין אַן אַלטע געשיכטע מיט דיר — האָט זיך ווידער צו־לאַכט דמיטרי — אַז עס קומט צו שכל, איז ניטאָ קיינער אין דער היים.

— שוויינ! — האָט בייז אַ ברום געטהאָן דער ים־וואָלף.

— נו, נו, רעד ווייטער!

— אַלזאָ, וויא איך האָב דיר שוין געזאָגט — האָבען דיא פערפלוכטע ענגלענדער פון דעם "אַמאָר" מיר צושטערט אַלע פּלענער. צוטרעטען צו דער "וועסטאַ" איז אַבסאָליוט אונמעגליך. זיי בעוואַכען זיא וויא געטרייע הינד. עס זיינען פאַראַן זייערע לייט אויף'ן "אַמאָר" ניט וועניגער פון 25 שטיק, אויסער דיענער און איך פערמאָג אין גאַנצען 17 מענשען. עס וועט, אַלזאָ, אויסקומען צו האָבען מיט זיי אַן אמת'ע שלאַכט און דאָס לוינט זיך מיר ניט. דיא קאַפּיטאַנשע פון דער "וועסטאַ" מוז איך אריינקריגען אין מיינע הענד אָדער זיא אַראָבלאָזען אויף'ן גרונט פון ים און דאָ קען איך זיך קיין עצה ניט געבען.

דער ים־וואָלף האָט אַ קוק געטהאָן אויף דמיטרי'ן און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— נו — האָט יענער געזאָגט — מיר שיינט, אַז דוא פערשטעהסט נאָך ניט דיא גאַנצע לאַגע.

— וואָס הייסט?

— פּשוט: דוא האָסט דאָ נאָך אַ שטאַרקערען שונא, וועלכען דוא האָסט אין גאַנצען פערזעהן.

— ווער איז דאָס? — האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן דער ים־וואָלף.

— האָסטו בעמערקט אין האַפען דיא שיף "דער בליץ"?

— "דער בליץ?" געוויס האָב איך זיא בעמערקט. עס איז אַ מערקוויר־דיג־שנעלע און שטאַרקע שיף. איך האָב אָבער ביז איצט ניט געקענט דער־געהן צו וועמען זיא בעלאַנגט.

— איך אויך ניט. איין זאַך ווייס איך אָבער זיכער, אַז דיא שיף פיהרט אַ סך מענשען, איך האָב מורא, אויב ניט מעהר פון פופציג, און דיא לייטע פון יענער שיף אינטערעסירען זיך אויך צו שטאַרק מיט דיא אַמעריקאַנער מיידלעך.

דער ים־וואָלף איז געבליבען זיצען וויא אַ דונער וואָלט איהם דערשלאָגען.

— ווירקליך — האָט ער געזאָגט — איך האָב עס אויך בעמערקט, אָבער עפּעס האָט עס זיך מיר ביז איצט ניט געלעגט אויף'ן שכל.

— אָבער — האָט ער זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטהאָן — עפּעס ווייסטו מיר אויך צו־פיעל.

— איך האב אויגען, זעה איך — האט קאלט בעמערקט דמיטרי.

ביידע באנדיטען האבען זיך א ווײלע אנגעקוקט מיט דורכדרינגענדע בליקען.

דער ים־וואלף האט פערשטאנען, אז זיין פריינד האט דא זיינע אייגענע פלענער, אבער ער האט זיך ניט געקענט העלפען. ער האט זיך געמוזט איינפערטרויען דעם כיטרען גריכע.

— טא וואס איז דיין עצה? — האט ער ענדליך געפרעגט.

— מיין עצה?...

דמיטרי האט זיך פערטראכט און האט פלוצלונג געפרעגט:

— וואס דענקסטו צו טהאן מיט דיא מיידלעך?

— דיא קאפיטאנשע, דיא מיסס פעטערסאן, מוז ערמארדעט ווערען.

— א שעהן מיידעל, אן עברה! מען קען פאר איהר קריגען שעהנע עטליכע דאלאר, ווען מען זאל זיא פערקויפען אין א הארעם.

— זיא קען ניט פערקויפט ווערען! — האט אונגעדולדיג א ברום געטהאן דער ים־וואלף — איהר קאפ מוז איך צושטעלען צו א געוויסען מאן.

— און דיא איבריגע מיידלעך?

— זיי קען מען פערקויפען.

— און וואס קריעג איך דערפאר?

— דוא וועסט קריעגען פינף הונדערט פראנק (א פראנק איז אונגעפעהר צוואנציג סענט).

דמיטרי האט זיך דערביי אזוי צולאכט, אז דיא שויבען האבען אנגעהויבען צו קלינגען.

— וואס כאכאטשעסטו וויא א משוגע'נער? — האט איהם דער ים־וואלף געפרובט איינשטילען.

— ביזט געווארען א ווײצלינג אויף דער עלטער, וויא איך זעה — האט שוין איצטער דמיטרי בעמערקט גאנץ ערנסט.

— טא וויפיעל ווילסטו?

— העלפט אויף העלפט.

— העלפט אויף העלפט! — איז אזש אויפגעשפרונגען דער ים־וואלף.

— העלפט אויף העלפט — האט איבערגע'חזר'ט דמיטרי — איך מיין אייגענטליך אזוי: דיא קאפיטאנשע נעהם דיר און כאפט דיך דער טייוועל צוזאמען מיט איהר! אבער מיט דיא איבריגע מיידלעך וועלען מיר זיך צוטהיילען: דיר א העלפט און מיר א העלפט.

א שטיק צייט האט זיך דער ים־וואלף געהיצט, געדונגען און ניט געוואלט נאכגעבען. ענדליך האט ער אבער געמוזט איינשטימען.

איבריגענס האט ער איינגעשטימט נור לפנים. אין הארצען ביי זיך האט

ער בעשלאָסען, אַז ווען עס וועט קומען צו דער טהיילונג, זאָל ער זיין פריינד גאָר ניט געבען.

דמיטרי ווידער, פון זיין זייט, האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע פּלענער, וועלכע מיר וועלען דערגעהן שפּעטער.

דערוויל אָבער האָבען זייביידע גענומען בעשפּרעכען דיא פּלענער, וויא צו בעזייטיגען דיא ענגלענדער פון "אמאָר" און אריינכאַפּען אין זייערע הענד דיא וועסטאַלקעס.

דעם ים־וואָלף'ס פּלאַן איז געוועזן, אַז זיינע מענשען און דמיטרי'ס מענשען זאָל בעפאַלען דיא "וועסטא" און דעם "אמאָר" אַזוי שנעל וויא זיי וועלען פערלאָזען קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער קלוגער דמיטרי האָט אָבער דאַרויף ניט איינגעשטימט.

אין יענע געגענדען, האָט ער געזאָגט, געהן שיפען אויף און אָפּ און עס איז אַ געפעהרליכע אונטערנעהמונג אָנצוהויבען אַן אָפענעם קאַמפּף. דערצו, וויסען זיי נאָך ניט, ווער עס וועט ארויסקומען דער זיעגער, וויל עס קען דאָך זיין, אַז "דער בליץ" זאָל זיי אויך נאָכפאָלגען.

— אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן זיי צו בעפאַלען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל? — האָט געפרעגט דער ים־וואָלף.

— נו, און דיא פּאָליציי? — האָט געפרעגט דמיטרי.

— חאַ־חאַ־חאַ! — האָט זיך צולאַכט דער ים־וואָלף — עס האָט מיר אַ שעהנעם ווערטה דיא טערקישע פּאָליציי! מען קען דאָך גאַנץ טערקיי אויסקוילען און אין דיא אויגען קיין פּאָליציסט ניט אָנקוקען.

— זאָל זיין אַזוי — האָט צוגעגעבען דמיטרי — פּערגעס אָבער ניט, אַז זיי געהן דאָך ניט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַלע צוזאַמען און אויב בעפאַלען, קען מען דאָך נור איינעם אָדער עטליכע פון זיי.

— גערעכט! — האָט געמוזט צוגעבען דער ים־וואָלף.

— דאַן נאָך איין זאַך. ביי אַן אָפענעם איבערפאַל, קען זיין, אַז דיא מיידלעך וועלען זיך פערטהיידיגען; זיי זייכען דאָך אַלע אַזעלכע, וואָס קענען זייער שטערטעל בעשטעהן און דאַן וועט מען פיליכט מוזען אייניגע פון זיי ערמאָרדען.

— אויך ריכטיג! — האָט ווייטער געמוזט צוגעבען דער ים־וואָלף — טאָ וואָס איז דאָך דיין עצה?

— מיין עצה איז: קיין אָפענער איבערפאַל.

— וויא דען?

— טאָ הער מיט'ן קאָפּ.

— גוט!

— מיר וועלען דאָ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַנגען איינע אָדער אַ פּאָר פון דיא מיידלעך.

— דאָס איז לייכט. נו, און ווייטער?

— און ווייטער וועלען מיר לאָזען אין געהיים וויסען דיא איבריגע, וואו זיי קענען געפינען זייערע חבר'טעס.

— און זיי וועלען אריינפאַלען אין אונזער פּאַסטקע — האָט פּאַר איהם פערענדיגט דעם ים־וואָלף.

— אבי דוא פערשטעהסט כאָטש.

— און וואָס וועט זיין, אַז דיא ענגלענדער וועלען זיך אויך אָנהענגען אָן זיי?

— דיא ענגלענדער וועלען מיר בעזונדער אָבטהאָן דאָס זעלבע שפּיצעל.

— אויסגעצייכענט! אָבער וויא וועלען מיר עס טהאָן?

— לאָז דאָס איבער צו מיר.

— און נאָכדעם וועסטו מיר אין גאַנצען אָנפּייפען... ניין, דאָס געהט ניט!

— איך וועל קיין זאַך ניט טהאָן, ביז איך וועל דיר ניט לאָזען וויסען, וואָס, וואו און ווען.

— אזוי איז שוין עפּעס אַנדערש.

— אָבער מישען זאָלסטו זיך ניט אין קיין זאַך.

— וואָרום?

— וואָרים דוא ביזט צו היציג און וועסט מיר נאָך צושטערען אַלע מיינע פּלענער.

— גוט, איך שטים איין. ווען דענקסטו עפּעס אָנהויבען צו טהאָן?

— טאָקע מאָרגען.

זיי האָבען זיך געהייסען דערלאַנגען נאָך אַ פלאַש וויין און האָבען גע־נומען קאַלטבלוטיג אויסרעכענען, וויא פיעל דיא געשיכטע קען זיי אריינ־ברייננגען.

זיי האָבען פערשטאַנען, אַז דיא ענגלענדער פון דעם "אמאָר" זיינען פּראָמינענטע לייט און אויב עס זאָל נור געלינגען זיי צו פערשלעפּען ערגיץ אין אַ וויסטעניש און קריעגען פאַר זיי אויסלייז־געלד, וועלען זיי מיט איין מאָל ווערען מיליאָנערען. דאָס איז אויסער דעם, וואָס זיי האָבען גערעכענט צו קריעגען פאַר דיא אַמעריקאַנערינס, וועלכע זיי האָבען בעשטימט צו פער־קויפען אין פערשיעדענע הארעמען אין טערקיי און אין אפריקאַ.

— איך פאָהר קומענדע וואָך אָב נאָך אַלזשיר מיט אביסעל לעבעדיגער סחורה — האָט געזאָגט דמיטרי — און איך וועל אויך קענען מיטנעהמען דיא אַמעריקאַנערינס. אויב דוא וועסט וועלען, וועל איך בײַ דיר דיין חלק אויך אָבקויפען.

— מיר וועלען שוין זעהן — האָט אַ בורטשע געטהאָן דער ים־וואָלף — געדענק־זשע, פערנאַכלעסיג עס ניט. נעהם זיך שוין מאָרגען צו דער ארבייט.

— זיי רוהיג! — האָט איהם פערזיכערט דמיטרי — דיא פויגעלעך וועלען זיך שוין פון מיינע הענד ניט אויסדרעהען.

שוין פאַרטאָג האָבען זיך דיא באנדיטען צושיידט פול מיט האָפנונג, אַז זיי וועט געלינגען מיט איין מאָל אַריינצוכאַפּען אַ גאַנצען אוצר.

7טעם קאַפּיטעל.

אַ מאָדנע בעגעגעניש

דער ענגלישער געזאנדטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געגעבען אַ באָל און צווישען דיא איבריגע געסט זיינען אויך איינגעלאַדען געוואָרען אַלע רייזענדע פון דעם "אמאַר" און דורך זיי אויך דיא וועסטאַלקעס.

אין אָנפאַנג האָבען דיא וועסטאַלקעס אפילו ניט קיין חשק געהאַט אָנצונעהמען דיא איינלאַדונג, לאָרד האַרלינגטאָן און דיא איבריגע האָבען אָבער אזוי פיעל גערעדט איבער זיי, אַז זיי האָבען ענדליך בעשלאָסען דיא איינלאַדונג אָנצונעהמען.

הויפּטזעכליך איז געגען דעם געווען מיסס פּעטערסאָן. זיא האָט זיך געשראָקען צו פערברייננגען אַ גאַנצען אָבענד צוזאַמען מיט לאָרד האַרלינגטאָן. אָבער זיא איז ענדליך געווען געצוואונגען נאָכצוגעבען.

לאָרד האַרלינגטאָן האָט זיך פאַר דער גאַנצער צייט געהאַלטען אזוי, אַז זיא האָט געגען איהם גאָר ניט געהאַט אויסצוזעצען. ער פלעגט זיא וויא וויט מעגליך אויסמיידען און ער האָט איהר קיין מאָל ניט געגעבען קיין אָנצוהערעניש וועגען זיין הייסער ליעבע צו איהר. דאָך פלעגט זיא אָפט פיהלען אויף זיך זיין ברענענדען בליק און דאָס הארץ פלעגט איהר פערקוועטשען פאַר וועהטאָג און רחמנות אי אויף זיך אי אויף איהם.

עס האָט ניט איין מאָל פּאַסירט, אַז זיא האָט געפיהלט, אַז דער קאַמפּף מיט זיך אַליין איז איבער איהרע כחות, און זיא האָט זיך געמוזט אָבהאַלטען מיט אַלע איהרע קרעפטען, אום זיך ניט אַרויפצוואַרפען אויף זיין האַלז. אין דיעזע מינוטען פלעגט אָבער פאַר איהר אויפשטעהן דאָס בילד פון איהר מוטער, וויא זיא האָט זיא דעמאָלט געזעהן זיך קושען מיט סטיוועגס'ען און זיא פלעגט זיך דערמאָנען אָן איהר שטיעף־פאָטער און מיט איין מאָל פלעגט זיא בעגרייפען, וויא נידריג זיא איז געפאַלען, אַז זיא וויים גאָר אייגענטליך ניט, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איהר פאָטער און אַז זיא האָט גאָר מורא אַ טראַכט צו טהאָן וועגען איהר מוטער'ס פערגאַנגענהייט.

עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז זיא האָט געטראַכט, אַז זיא וואָלט שוין פעהיג געווען אָבצונאַרען הארלינגטאָן׳ען, ווען דאָס וואָלט נור מעגליך געווען. וועט עס אָבער מעגליך זיין? זיין ערשטע פראַגע קען דאָך זיין: ווער זיינען דיינע עלטערען? וועט זיא קענען פערלייקענען איהר מוטער און שטיפפאָטער? און אויב זיא זאָל זיי אפילו פערלייקענען, וועט דען דער סוד אמאָל ניט ארויס־קומען?

איהרעליידען זיינען געווען אונערטרעגליך.

און דאָ האָט זיא זיך פּלוצלונג געכאַפּט, אַז זיא אליין וויים אייגענטליך ניט, וואָס עס שטעלען מיט זיך פאָר איהרע עלטערען.

איהר פאָטער׳ס פריינד, וועלכער וויים פיליכט עטוואָס, האָט איהר נאָך קיין מאָל וועגען דעם ניט דערציעהלט.

איהר איז פּלוצלונג איינגעפאַלען א געדאַנק, אַז אין איהר פאָטער׳ס פער־גאַנגענהייט ליעגט בעהאַלטען א געהיימניס. דיעזע געהיימניס האָט זיא אַלע מעהר און מעהר געמאַטערט. איהר האָט זיך גענומען פאָרשטעלען, אַז איהר פאָטער איז געווען עפּעס א גרויסע פּערזאָן, וועלכער האָט צוליעב עפּעס אַן אונגליק זיך בעגראָבען לעבעדיגערהייד צווישען דיא גאָלד־מינען אין קאַלי־פאָרניען.

זיא האָט אָפּט געטרוימט וועגען דעם, אַז זיא דערוויסט זיך איהר פאָטער׳ס גרויסקייט און דיעזע גרויסקייט פערדעקט שוין אויך איהר מוטער׳ס שאַנדע. זיא קומט דאַן צו לאָרד הארלינגטאָן און זאָגט איהם...

— יא, אָבער וואָס וועט זיא איהם זאָגען וועגען דעם, אַז וועגען איהר שטיפפאָטער זאָגט מען, אַז ער איז א געוועזענער ים־רויבער און שקלאַפּען־הענדלער?

טראַכטענדיג אָט־דאָס אַלעס, פלעגט זיא גאָר אליין ניט בעמערקען, אַז וועגען דעם אַלטען פּלאַן איהרען קיין מאָל אונטער קיינע אומשטענדען ניט צו ליעבען — אַז וועגען דיעזען פּלאַן פערגעסט זיא אין גאַנצען.

זיא פלעגט אַליין ניט בעמערקען, אַז אויב זיא זאָל ניט מורא האָבען, אַז לאָרד הארלינגטאָן וועט זיא צוריקשטויסען, ווען ער וועט זיך דערוויסען וועגען איהר פאַמיליע, וואָלט זיא שוין קיין צוויי מינוטען ניט געוואַרט און וואָלט זיך אריינגעוואָרפען אין זיינע אָרעמס.

איהר אַנגסט און איהרע ליידען זיינען געווען נאָך שטאַרקער וויא אי־מער, ווען זיא האָט זיך היינט אבענד געגרייט צום באָל ביים ענגלישען אַמ־באַסאַדאָר.

אָבער גראַדע אויף׳ן באָל האָט זיא ערוואַרטעט א מאָדנע בעגעגעניש.

אויף דעם באָל זיינען אָנוועזענד געווען דיא געזאַנדטע פון אַלע אייראָ־פּעאישע לענדער מיט זייערע פאַמיליען. עס איז אויך אָנוועזענד געווען דער

אמעריקאַנער געזאַנדטער (אמבאַסאַדאָר) מיט זיין פרוי און טאָכטער. דיעזע אמעריקאַנער האָבען גערעכענט פאַר זייער פפליכט צו נעהמען אונטער זייער שוץ דיא וועסטאַלקעס און האָבען זיי מיט ספּעציעלער אַכטונג פאַרגעשטעלט פאַר דיא איבריגע געסט.

איבריגענס האָבען אונזערע וועסטאַלקעס אָהן דעם אמבאַסאַדאָר'ס הילף געצויגען אויף זיך דיא אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. דיא געשיכטע וועגען זייער געוואַגטער רייזע אויף אַן אייגענער שיף אָהן וועמענס עס איז הילף איז דאָ געווען יעדען בעקאַנט און יעדען איז געווען אינטערעסאַנט מיט זיי זיך נעהענטער צו בעקענען.

אויסער דיא וועסטאַלקעס האָט יעדענס ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט געצויגען אויף זיך אַ הויכער מאַן מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ טרויעריגען שמייכעל אויף דיא ליפּען.

דאָס איז געווען אַ בעריהמטער דייטשער אינזשיניר בערנאַרד האָפמאַן.

עס האָט זיך געהערט, אַז ער האָט ערפונדען אַ נייע מין שיף און אַז איצטער האָט ער זיין נייע ערפינדונג פערקערפּערט אין אַ קליינער שיף און מאַכט מיט איהר אַ וועלט־רייזע, אום זיא אויסצופּרובען.

עס האָט זיך אויך געהערט, אַז אין זיין רייזע, אין וועלכער ער וועט בע־זוכען אַלע וויכטיגסטע האַפענס פון דער וועלט, האָט ער אַ ספּעציעלע פּאָ־ליטישע אויפגאַבע און אַז ער איז געשיקט פון דער דייטשער רעגיערונג.

ער איז שוין לאַנג בעריהמט געווען מיט זיינע ערפינדונגען. זיין נאָמען איז אויך גוט בעקאַנט געווען אין דער דיפּלאָמאַטישער וועלט, ווייל ער איז אַ שטיק צייט געווען דער מיליטערישער פערטרעטער (מיליטערישער אטאַשע) פון דייטשלאַנד אין פערשיעדענע לענדער, צווישען אַנדערע אויך אין דיא פער־אייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקאַ.

דער קלאַנג וועגען זיין נייער ערפינדונג האָט גאָר אויפגערודערט דיא גאַנצע פּאָליטישע וועלט. מען האָט געזאָגט, אַז אויב דייטשלאַנד זאָל בויען איהרע קריעגס־שיפען לויט האָפמאַן'ס ערפינדונג, וועט זיא האָבען דיא מעכ־טיגסטע פלאָטע.

דיעזער קלאַנג האָט ספּעציעל בעאונרוהיגט ענגלאַנד, ווייל ענגלאַנד איז דיא גרעסטע מאַכט אויף'ן ים און איהר גאַנצע קראַפט בעשטעהט אין איהר פלאָטע. ענגלאַנד טאָר ניט דערלאָזען, אַז אַן אַנדער מלוכה זאָל ווערען אויף'ן ים פונקט אַזוי מעכטיג וויא זיא.

דאָך האָט דער ענגלישער אמבאַסאַדאָר גערעכענט פאַר זיין פפליכט איינ־צולאַדען צו זיין באַל דעם גרויסען ערפינדער.

עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז צום באַל איז מיסס פעטערסאָן געקומען צוזאַמען מיט יאָהאַנאַ לינד.

ווי נור יאָהאַנאַ לינד האָט דערזעהן דעם דייטשען אינזשיניר, האָט זיא אַ ציטער געטהאָן און איז געוואָרען בלאַס וויא דער טויט.

צו איהר גליק האָט עס קיינער ניט בעמערקט, און זיא איז באַלד געקומען צו זיך און האָט זיך בערוהיגט.

צווישען דיא געסט, וואָס זיינען צוגעגאַנגען זיך פאָרשטעלען פאַר דיא נור־וואָס אָנגעקומענע וועסטאַלקעס, מיסס פעטערסאָן און מיסס לינד (דיא איבריגע זיינען געקומען פריהער), איז אויך געווען הערר האָפמאַן.

נאָך פון ווייטען האָט ער דערזעהן מיסס לינד און אויף זיין געזיכט האָט זיך פריהער בעוויזען אַן אויסדרוק פון איבעררעשונג און נאָכדעם — פון העכסטער פרייד.

פערגעסענדיג אָן אַלע צערעמאָניעס, האָט ער נאָך פון ווייטען אויסגע־שטרעקט ביידע הענד און האָט מיט פרייד אויסגעשריען:

— אה, פריילייך לינד, וויא מיך פרעהט, וואָס איך זעה אייך! אַלזאָ, האָבען מיר זיך דאָך בעגעגענט און גראָד אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל!

אַלע האָבען איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט.

אָבער נאָך אויפפאַלענדער איז יעדען געוואָרען, ווען פריילייך לינד האָט איהם איהר האַנד ניט געגעבען און האָט קאַלט בעמערקט:

— ווירקליך, וואָס פאַר אַן אונערוואַרטעטע בעגעגעניש!

— איך האָב ערוואַרטעט מיט גרויס אינטערעס צו בעגעגענען דיא וועס־טאַלקעס — האָט שוין אין פערלעגענהייט בעמערקט דער אינזשיניר — אָבער איך האָב קיין אַהנונג ניט געהאַט, אַז איהר זיינט איינע פון זיי. איך האָב געררעכענט, אַז אויף דער "וועסטאַ" געפינען זיך בלויז...

אָבער דאָ האָט ער זיך אין מיטען אָבגעשטעלט, ווייל פריילייך לינד האָט אויף איהם אַזוי אַ קוק געטהאָן, אַז ער האָט פערשטאַנען, אַז מעהר ריידען איז איבריג.

פון דער פערלעגענהייט האָט איהם אַרויסגעבראַכט דיא ווירטהין פון הויז, וועלכע האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר מיסס עלען פעטערסאָן.

ער האָט געוואָרפען אויף מיסס פעטערסאָן אַ שנעלען בליק און האָט געזאָגט:

— אַלזאָ, האָב איך דיא גרויסע עהרע צו ריידען צו דער קאַפּיטאַנשע פון דער "וועסטאַ"?

— נו, דאָס איז ניט אַזאַ גרויסע עהרע פאַר אַ מאַן, וואָס האָט, וויא מען זאָגט, ערפונדען אַ שיף, וועלכע וועט זיין דער גרעסטער וואונדער אין דער וועלט — האָט געזאָגט מיסס פעטערסאָן.

אַנדערע געסט זיינען צוגעקומען און דער אינזשיניר האָט אָבגעטראָטען אָן אַ זייט.

ערשט שפּעטער, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען דיא טענץ, האָט ער בע־מערקט יאָהאַנאַ לינד זיצענדיג אַליין און ער איז צו איהר צוגעגאַנגען.

— וועט איהר מיר ערלויבען זיך אַוועקזעצען לעבען אייך? — האָט ער געפּרעגט.

זיא האָט ניט קוקענדיג אויף איהם וויא ניט־ווילענדיג אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ אויף "יא" און ער האָט זיך לעבען איהר אַוועקגעזעצט.

— פריילײן לינד... — האָט ער אָנגעהויבען און האָט זיך אַליין אָבגע־שטעלט.

זיא האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבען אויף איהם דיא אויגען און האָט געזאָגט:

— וואָס טהוט איהר יעצט?

— איך פאָהר אַרום אויף מיין אייגענער שיף אויסקוקען דיא וועלט.

— אויף דער שיף, וועלכע איהר האָט ערפונדען?

— יא.

— אין וואָס בעשטעהט דיא ערפינדונג?

— דאָס איז אַ סוד, וואָס אפילו איהר טאָרט ניט וויסען.

— קען מען קומען אויף אייער שיף, זיא אָנקוקען?

— קומען — יא, זיא אָנקוקען — ניט. אי דאָס, קומען מעגט נור איהר און ווייטער קיינער ניט.

— איהר פיהרט, אַלזאָ, אַ גאַנץ אינטערעסאַנט לעבען?

— וואָס פאַר אַ ווערטה האָט ביי מיר דאָס לעבען... — האָט ער אַ זאָג געטהאָן וויא צו זיך אַליין.

— הערר האָפמאַן! — האָט פריילײן לינד שטרענג אַ זאָג געטהאָן.

הערר האָפמאַן האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן מיט אַ בעטענדען בליק און האָט געזאָגט:

— מיסס לינד, איהר ווייסט, אַז איך ליעב אייך און וועל אייך קיין מאָל ניט אויפהערען צו ליעבען. איך ווייס, אַז איהר ליעבט מיך אויך. איך קען אָבער פאַר קיין פאַל ניט דערגעהן, וואָרום איהר ווילט ניט מאַכען גליקליך אי זיך, אי מיך... פריילײן לינד...

זיא האָט מיט שרעק אַ קוק געטהאָן אויף איהם.

— גאָט מיינער — האָט זיא געזאָגט — מיר זיינען דאָך דאָ ניט אַליין.

זיא האָט איהם נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער דאָ האָט זיא בעמערקט, אַז עס קומט צו זיי צו עלען פּעטערסאָן און דזשעסי מוריי, אַ צווייטע וועס־טאַלקע.

— הערט! — האָט יאָהאַנאַ לינד שנעל און שטיל געזאָגט צו האָפמאַן׳ען — עס זאָל הייסען, אַז מיר האָבען זיך אַמאָל צופעליג ערגיץ בעגעגענט אין ניו יאָרק. ווייטער קיין וואָרט ניט.

— יא, אָבער וויא קומט איהר אין דיעזער געזעלשאפט? — האָט ער געפרעגט.

— ניט איצטער איז דיא צייט דאָס צו ערקלערען.

— אָבער וועט איהר מיר פיליכט געבען אַ געלעגענהייט אויסצורעדען אויג אויף אויג אַ פּאָר ווערטער מיט מיסס פעטערסאָן?

— וואָס פאר געשעפטען האָט איהר מיט מיסס פעטערסאָן?

ער האָט שוין קיין צייט ניט געהאַט צו ענטפערען, ווייל עלען און דזשעסי זיינען שוין געווען לעבען זיי.

דיא וועסטאַלקעס האָבען זיך געקליבען זיך צוריק אומצוקעהרען אויף זייער שיף.

האָפמאַן האָט געבעטען ערלויבניס זיי צו בעגלייטען. ער האָט בעדאַרפט געהן מיט זייער וועג, ווייל ער האָט אויך ניט געוואָהנט אין אַ האָטעל, נור אויף דער שיף.

עלען איז געגאַנגען מיט האָפמאַן'ען. זיא האָט געוואָלט וואָס מעהר דער־געהן וועגען זיין וואונדערבאַרער שיף און אויך זיך נעהנטער בעקענען מיט דעם אינזשיניר אליין.

דער אינזשיניר האָט אויף איהר געמאַכט אַזאַ גוטען איינדרוק, אַז זיא האָט איהם איינגעלאַדען אַנטהייל צו נעהמען אין אַ רייס, וועלכער דאַרף פּאָר־קומען אין אַ פּאָר טעג אַרום און אין וועלכען עס וועלען זיך בעטהייליגען דיא "וועסטאַ", דער "אמאָר" און איינע אַ פראַנצויזישע יאַכט־שיף.

צו עלען'ס גרויסער איבערראַשונג האָט זיך דער אינזשיניר ענטזאַגט. דער אינזשיניר האָט איהר ענדליך געמוזט ערקלערען, אַז זיין שיף ווערט געטריבען מיט אַ בעזונדערער קראַפט און זיא איז דיא שנעלסטע אין דער וועלט, ניט קאָנ־קענדיג דערויף, וואָס זיא איז ניט זעהר גרויס. ווען ער זאָל אַנטהייל נעהמען אין דעם רייס, וועט ער זיכער געווינען.

געהענדיג מיט מיסס פעטערסאָן, האָט דער אינזשיניר געציעלט, אַז זיי זאָלען וואָס ווייטער אָבשטעהן פון דיא איבריגע און ווען דאָס איז איהם ענדליך געלונגען, האָט ער אויף עפּעס אַ קונציגען אופן אַרויפגעפיהרט דעם געשפּרעך דאַרויף, אַז מענשען קענען זיך זייער גאַנצען לעבען אַרומטראָגען מיט אַ טעות וועגען דיא נאָהענטסטע מענשען און דאָך קיין מאָל זיך ניט געבען דיא מיה אויסצוגעפינען דעם אמת.

מיסס עלען פעטערסאָן האָט אין אָנפאַנג ניט בעמערקט, וויא דער גע־שפּרעך האָט זיך געענדערט, ווען זיא האָט עס אָבער בעמערקט און האָט זיך אַלץ מעהר איינגעהערט אין דעם אינזשיניר'ס רייד, איז איהר פּלוצלונג קלאָר געוואָרען, אַז זיין געשפּרעך האָט אַ געוויסען ציעל.

וואָס דער ציעל איז, האָט זיא ניט געקענט פערשטעהן.

אין אמת'ען, וואס פאר געמיינשאפטליכעס קען זיא האבען מיט דיעזען מאן, וועלכען זיא זעהט צום ערשטען מאל? דאך האט זיא וואס ווייטער, אלץ מעהר אנגעהויבען צו בעגרייפען, אז זיי ביידען בינדט צוזאמען א געמיינ־שאפטליכער סוד.

זיא האט דעריבער בעשלאסען איהם ניט צו שטערען און זאגאר איהם וויא ווייט מעגליך אונטערהאלטען אין זיין געשפרעך.

— אפילו אין ענגע פאמיליען־קרייזען — האט גערעדט דער הערר האפמאן — אפילו דארט, וואו מענשען קענען זיך אזוי נאהענט און וויסען אלעס איינער וועגען צווייטען — אפילו דארט, זאג איך, איז עס מעגליך, אז עס זאלען זיך גע־פינען אונגליקליכע, וועלכע מען פערשטעהט ניט און וועלכע ליידען דער־פון זייער גאנצען לעבען לאנג און שוויינען דאך און דולדען, כאטש זיי וואל־טען מיט איין ווארט געקענט פערטרייבען דעם טעות.

ער האט זיך אויף א ווייליע אבגעשטעלט און געווארט, וואס עלען וועט דארויף זאגען, אבער זיא איז געגאנגען פערטראכט און האט גאר ניט גע־ענטפערט.

— הויפטזעכליך — האט ער פארטגעזעצט — זיינען אזעלכע מארטירער פאראן צווישען פרויען. דענקט איהר ניט אזוי, מיסס פעטערסאן?

— איך קען אייך ניט זאגען, אויף וויפיעל דאס איז ריכטיג — האט זיא געענטפערט און האט זיך אלץ מעהר און מעהר געוואונדערט.

— גאט מיינער, צו וואס ציעלט דא דער מאן? — האט זיא זיך געברא־כען דעם קאפ און האט קיין ענטפער ניט געקענט געפינען.

און דער דייטשער אינזשיניר האט דערווייל ווייטער גערעדט:

— איך האב אמאל געקענט א פרוי, וועלכע איז געווען א מוסטער פון ליעבע, טרייהייט און איבערגעבענהייט. זיא האט איהר גאנץ לעבען רואינירט אוים ליעבע צו א מאן — א נאבעלען מאן, דאס איז אמת, אבער דער מאן האט זיא דאך ניט געקענט שעצען און האט איהר ניט געקענט שענקען דיא ליעבע, אהן וועלכער זיא האט ניט געקענט לעבען, וויא עס קען ניט לעבען א פיש אהן וואסער. וויא א צארטע בלום האט זיא געשמאכט אהן זון און טהוי ביי זיין קאלטער ליעבע. און עס האט פאסירט דאס וואס מען האט געקענט ער־ווארטען. דיא יונגע פרוי האט ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון, ווען עס איז ערשיענען אן אנדער מאן און האט דערוואַרעמט איהר הארץ... איך האף, אז איהר הערט מיך אויפמערקזאם, מיסס פעטערסאן?

— מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט, מר. האפמאן.

— איהר מעגט עס הערען, מיסס פעטערסאן, דיא געשיכטע איז זעהר ריהרענד. קען איך פארטזעצען?

— געווים.

— פערגעסט ניט איין זאך: דיא פרוי האט ניט געזינדיגט, זיא האט זיך נור, וויא מען זאגט, עטוואס א גליטש געטהאן. און דער סך הכל איז געווען: דער מאן, וועלכער האט איהר קיין מאל קיין ליעבע ניט געשענקט, האט זיא איצטער אזוי שווער בעשטראפט. ניט נור האט ער זיא אין גאנצען מעהר ניט געוואלט קענען, נאר ער האט אויך ביי איהר גערויבט דיא ליעבע פון איהר טאכטער...

מיט גרויס מיה האט זיך איצטער עלען פעטערסאן איינגעהאלטען, זיא זאל ניט א געשריי טהאן פאר שרעק.

זיא איז געווען בלאס וויא דער טויט און האט געציטערט מיט אלע אברים.

— וואס איז דאס? — האט זיא זיך אליין געפרעגט מיט שרעק — איז עס מעגליך, אז דיעזער פרעמדער מאן זאל איהר דערצעהלען דיא טרויעריגע געשיכטע פון דעם פאמיליען־לעבען פון איהרע אייגענע עלטערען? אבער ווער איז ער דאן און וויא ווייסט ער דאס אלעס?

זיא האט ניט געוואגט א קוק צו טהאן אויף איהר בעגלייטער.

דער אינזשיניר האט אויף איהר א קוק געטהאן פון דער זייט און האט גוט בעמערקט דעם איינדרוק וואס זיין געשפרעך מאכט אויף דער קאפיטאנשע פון דער "וועסטא".

— שטעלט זיך פאר — האט ער ווייטער אנגעהויבען — א יונגע פרוי, א פערשטויסענע; שטעלט זיך פאר א יונגע מוטער אהן ליעבע — פערשטויסען פון איהר איינציגען קינד. שטעלט זיך ווייטער פאר, אז דיעזעלבע מוטער האט געקענט מיט איין ווארט, מיט איין ערקלערונג זיך ריינוואשען אין איהר קינד'ס אויגען. זיא האט אבער ניט געוואלט פערשמוצען דעם קינד'ס אונשולדיגע נשמה; זיא האט ניט געוואלט צוברעכען דעם קינד'ס הארץ דורך דעם, וואס זיא וועט ביי איהר רויבען דעם רעספעקט צו איהר פאטער, וועלכען דאס קינד האט ממש פערגעטערט... איהר זאגט עפעס, מיסס פעטערסאן?

— ניין, איהר קענט ווייטער דערצעהלען — האט מיט ציטערענדע ליפען געזאגט עלען.

— און ווייסט איהר, וואס דער סוף איז געווען? דער סוף איז געווען א שרעקליכער. פערשטויסען אין איהר אייגענער היים, האט דיא ארימע פרוי זיך געלאזט ארייננארען אין א פאסטקע פון א לומפ און...

אבער דא האט זיך האפמאן געמוזט אבשטעלען.

עס איז צו זיי צוגעקומען לארד הארלינגטאן, טשארלס וויליאמס, מיסס טהאמפסאן און יאהאנא לינד.

— מר. האפמאן — האט זיך אבגערופען לארד הארלינגטאן — מיר רעדען דא וועגען אייער איינפאל אבצופארבען אייער שיף אין שווארצען און וועגען דעם גאנצען מאדנעם געבוי פון אייער "בליץ".

— און דיא מיינונגען וועגען דעם האָבען זיך צוטיילט — האָט זיך אריינ־געמישט טשאַרלס — מיין מיינונג איז, אז דאָס האָט איהר מיט אייער ער־פינדערישען קאָפּ פאַראויסגעזעהן דעם אונגליק, אז אַ פּאָר צעהנדליג פון דיא שעהנסטע אַמעריקאַנער מיידלעך וועלען ווערען וועסטאַלקעס און איהר האָט אייער שיף אַנגעטהאָן אין טרויער.

דער אינזשיניר האָט זיך צולאַכט און האָט האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס געזאָגט:

— איך האָב מורא, אז אין אייער שפּאַס קען אַמאָל ליגען אַ שטיק ערנסט.

— אָבער וואָס איז דער צוועק פון אייער רייזע? — האָט געפרעגט האַר־לינגטאָן.

— פּשוט אַ רייזע — האָט האָפמאַן וויא ניט־ווילענדיג געענטפערט.

דערביי האָט ער געכאַפּט אויף זיך מיסס לינד'ס בליק, וועלכער האָט גע־שיינט איהם דורכצונעהמען.

וויא עס האָט אויסגעוויזען, האָט יאָהאַנאַ געוואוסט זעהר פיעל וועגען דיא געהיימניסע פון דיעזען מאַן און ער האָט עס אויך זעהר גוט פערשטאַנען, זיי האָבען זיך אָבער ביידע ניט־וויסענדיג געמאַכט וועגען דעם. זיא איז אויך פיליירכט געווען דיא איינציגע וואָס האָט עפּעס געוואוסט וועגען איהם.

דער געשפּרעך איז איצטער געוואָרען אַן אַלגעמיינער. לעבען עלען פּע־טערסאָן איז איצטער געגאַנגען לאָרד האַרלינגטאָן. ער האָט עפּעס גערעדט צו איהר, אָבער זיא האָט איהם כמעט ניט געענטפערט און, וויא עס האָט גע־שיינט, האָט זיא גאָרניט געהערט, וואָס ער רעדט צו איהר.

לאָרד האַרלינגטאָן האָט מיט פערוואונדערונג געקוקט אויף איהר. וואָס איז מיט איהר? — האָט ער זיך געוואונדערט. ער האָט פערדעכטיג אַ קוק געטהאָן אויף'ן דייטשען אינזשיניר, אָבער יענער איז געגאַנגען רוהיג און האָט אַלץ געשמייכעלט מיט זיין רעטהזעלהאַפטען, טרויעריגען שמייכעל.

און עלען איז געגאַנגען און האָט זיך אַלץ געבראָכען דעם קאָפּ וועגען איהר פריהעריגען געשפּרעך מיט האָפמאַן'ען.

עס איז ביי איהר איצטער ניט געווען דער קלענסטער צווייפעל, אַז דער מאַן האָט זיך איהר פּלוצלונג אַוועקגעשטעלט אין וועג און וועט שפּיעלען אַ וויכ־טיגע ראָלע אין איהר לעבען. אָבער ווער איז ער און וואָס זיינען זיינע ציעלען?

ביים צושיידען זיך האָט עס עפּעס וויא דורך אַ צופאַל פּאַסירט, אַז דער דייטשער אינזשיניר און עלען פּעטערסאָן זיינען געבליבען שטעהן עטוואָס דער־ווייטערט פון דיא איבריגע.

דריקענדיג איהר האַנד ביים געזעגענען זיך, האָט ער זיך צוגעבויגען צו איהר און האָט איהר שטיל געזאָגט:

— מיסס פעטערסאָן, איך האָב צו אייך א גרוס פון אייער מוטער.
עלען איז געבליבען אָהן לשון.
ער האָט דאַן נאָך שטילער ווידערהאָלט:
— איך האָב צו אייך אַ גרוס פון אייער אונגליקליכער מוטער.
— ווער זיינט איהר? — האָט זיא געפרעגט מיט שרעק.
— איך בין אַן אַלטער פריינד פון אייער מוטער.
— גאָט מיינער, ווער זיינט איהר? — האָט זיא זיך וויא געבעטען — און וואָס ווילט איהר פון מיר?
— איך וויל אומקעהרען אַ מוטער צו איהר טאָכטער.
— אָבער ווער האָט אייך געגעבען דאָס רעכט דערצו?
— דאָס רעכט האָב איך זיך גענומען אליין אַלס עהרליכער מאַן.
— אָבער איך וויל גאָר ניט הערען... לאָזט מיך! לאָזט מיך!
ער האָט זיך לאַנגזאַם צוריקגעצויגען און האָט געזאָגט:
— ענטשולדיגט, מיט גוואלד וועל איך אויף אייך קיין זאַך ניט ארויפצווינגען. איך האָף אָבער, אַז מיר וועלען זיך ערגעץ אויף אונזערע רייזען נאָך בעגעגענען. איך וויל דעריבער, איהר זאָלט געדענקען: ווען איהר וועט האָבען דעם מוטה עהרליך צו אורטיילען אייער אונגליקליכע מוטער, לאָזט מיר וויסען. אדיע!
דיעזען אבענד, ווען לאָרד האַרלינגטאָן האָט בעגלייט מיסס פעטערסאָן אויף דער "וועסטא", האָט ער לאַנג, לאַנג געהאַלטען איהר האַנד אין זיינער און האָט זיא צערטליך געדריקט. אָבער זיא האָט גאָר ניט געזעהן און גאָר ניט געפיהלט.
זיא איז געוועז נאָהענט צו היסטעריקע.

8טעם קאַפּיטעל.

אַ פּאַסטקע

דיא וועסטאַלקעס האָבען זיך בענוצט מיט זייערע מענער-קליידער און דערמיט וואָס אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט דער עולם ניט געוואוסט, אַז זיי זיינען פרויען, און זיי זיינען אימער געוועזן פערנומען אויסקוקענדיג דיא מערקווירדיגע הויפּט שטאָדט פון טערקיי, וועלכע איז אַמאָל געוועזן אַ הויפּט שטאָדט פון אַ גרויסען קריסטליכען קעניגרייך.
זיי האָבען אונגעשטערט בעזוכט דיא היסטאָרישע פּלעצער, מיט וועלכע

די שטאָדט איז אַזוי רייך און האָבען געטרוימט ווען־עס־איז זיך אריינכאַפּען אין אַ מאָשעע (אַ מאַהאָמעדאַנישער קלויסטער), דער צוטריט צו וועלכער איז אין טערקיי שטרענג פערבאָטען פאַר ניט־מאַהאָמעדאַנער.

אין דער צייט, ווען זיי זיינען געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז גראָדע געווען אַ גרויסער מאַהאָמעדאַנישער יום טוב און אין די מאָשעען זיינען פאָרגעקומען פערשיעדענע גאָטעס־דיענסטע, און גראָדע דאַן איז עס געפעהרליך פאַר אַ ניט־מאַהאָמעדאַנער זיך אריינצוכאַפּען אין אַ מאָשעע. פאַר אַ פערזוך אין אַזאַ צייט אריינצוקומען אין אַ מאָשעע וואָלט אַ קריסט אָדער אַ איד זיכער בעצאָהלט מיט׳ן לעבען.

די וועסטאָלקעס איז אָבער דאָך געווען אינטערעסאַנט צו בלאָנדזשען ארום דער שטאָדט און זיך צוקוקען צום מאָדנעם, נייעם לעבען, בעטראַכטען די פערשלייערטע טערקישע פרויען, וועלכע, וויא בעקאַנט, טאָרען זיך ניט בעווייזען אין גאַס מיט אַ ניט־צוגעדעקטען געזיכט, און הערען פון די מינאַרעטען (די אויבערשטע טהיילען פון די מאָשעען) וויא די מאַהאָמעדאַנישע מולאַס (גלחים) רופען אַ פּאָר מאָל אין טאָג צו גאָטעס־דיענסט.

הויפּטזעכליך האָט זיי נאַטירליך אינטערעסירט דאָס לעבען פון די טערקישע פרויען, וועלכע דאַרפען זייער גאַנצען לעבען פערברייגגען אין די האַרעמען.

די פרייע אַמעריקאַנערינס האָבען פאַר קיין פאַל ניט געקענט פערשטעהן, וויא אַזוי די טערקישע פרויען זיינען ניט מעהר וויא שקלאַפינען און דיענען פאַר זייערע מענער ניט מעהר וויא אַלס מיטעל צו בעפרידיגען זייער ליידענשאַפט.

— דאָס לעבען פון די מאַהאָמעדאַנישע פרויען מוז זיין אַ שווידערליך לעבען — פלעגען אָפט די וועסטאָלקעס ריידען צווישען זיך — עפּעס אַן אַלטער אָבגעלעבטער טערק פערמאָגט עטליכע יונגע פרויען, וועלכע ער האָלט פערשפּאַרט און קען מיט זיי טהון וואָס ער וויל. מען זאָגט, אַז אויף דעם קלענסטען פערדאַכט אין אונטרייהייט מעג אַ טערק ערמאָרדען זיין פרוי.

די איינציגע וואָס פלעגט ניט זיין אַזוי שטאַרק פערביטערט געגען די טערקען פאַר זייערע האַרעמען, איז געווען עלען פעטערסאָן.

זיא פלעגט ביי אַזעלכע געשפרעכען אָפט זאָגען:

— נאַטירליך איז עס אַ שאַנדע, וואָס מען האָלט דאָ פרויען פערשפּאַרט וויא ווילדע חיות. איז אָבער אונזער פאַמיליען־לעבען בעסער? ווען ביי אונז איז די פרוי פרייער, בעגעהט זיא אָפט ניעדערטרעכטיגקייטען געגען איהר מאַן און איהרע קינדער.

אַלע איהרע פריינדינען האָבען מיט ערשטוינונג צוגעהערט אַזעלכע רייד פון עלען פעטערסאָן און פלעגען מיט איהר דעבאַטירען וועגען דעם. בלויז

מאריע טהאמפסאן פלעגט ביי אזעלכע פעלע שווייגען, ווייל זיא איינע האט געוואוסט דעם סוד פון דעם פאמיליען־לעבען פון עלען'ס עלטערען און זיא האט פערשטאנען, פון וואנען עס קומט עלען'ס פערביטערטקייט געגען דיא פרויען.

און עלען איז איצטער ניט נור געווען פערביטערט, נאר, נאך'ן געשפרעך מיט דעם דייטשען אינזשיניר האפמאן, איז זיא פשוט געווען אויסער זיך.

— ווער איז ער און וואס פאר א שייכות האט ער מיט איהר מוטער? — פלעגט זיא זיך פרעגען — און איז כאטש פאראן א ברעקעל אמת אין זיינע רייד? אבער, גאט אין הימעל, ווייסט זיא דען אליין ניט גענוג וועגען איהר מוטער, אז זיא זאל דארפען גלויבען עפעס א פרעמדען?

— און ווידער — פלעגט איהר אפט איינפאלען א געדאנק — אפשר האט ער דאך רעכט? אפשר איז דאך איהר מוטער ניט אזוי שולדיג וויא זיא האט זיך איינגערעדט? און דאן... דאן וואלט זיא אפשר געקענט קוקען דער וועלט גלייך אין דיא אויגען און וואלט נאך געקענט האפען צו זיין גליקליך?

אבער זאל זיא געהן צו האפמאן'ען און אויסהערען דאס וואס ער האט איהר צו זאגען? פאסט עס פאר איהר? און ווידער ווער וויים ווער דיעזער מאן איז און וואס פאר צוועקען ער פערפאלגט.

אין דיעזע געדאנקען האט זיא זיך געמאטערט א פאר טעג און האט צו קיין בעשלוס ניט געקענט קומען. אום צו שטילען דעם וועהטאג און זיך כאטש א ביילע פערגעסען, פלעגט זיא גאנצע טעג און נעכט זיך ארומשלעפען איבער קאנסטאנטינאפאל.

איין מאל געהענדיג ביינאכט צו דער שיף צוזאמען מיט יאהאנא לינד און מיט א צווייטער וועסטאלקע דזשעסי מוריי, האט עלען א פרעג געטהאן יאהא־נא'ן:

— וויא איך האב בעמערקט, קענט איהר זיך שוין פון פריהער מיט דעם הערר האפמאן. קענט איהר מיר ניט זאגען, ווער ער איז?

ווען עס וואלט ניט געווען דונקעל, וואלט עלען דערביי בעמערקט, וויא יא־האנא האט ביי דיעזער פלעצליכער פראגע א לייכטען ציטער געטהאן. זיא איז אבער באלד געקומען צו זיך און האט רוהיג געזאגט:

— איך קען איהם זעהר ווייניג. ער איז אמאל געווען א דייטשער מילי־טערישער פערטרעטער אין אמעריקא און איך האב זיך אמאל מיט איהם ערגעץ בעגעגענט.

— און מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז איהר זיינט מיט איהם אין גאר פריינדליכע פערהעלטניסע. אם וועניגסטען האט זיך מיר אזוי אויסגעדאכט, ווען ער האט זיך אויף'ן באל ביים ענגלישען געזאנדטען צו אייך א ווארף גע־טהאן מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס.

— אָה, ניין! — האָט יאָהאַנאַ לינד געענטפערט אין פערלעגענהייט.

עלען האָט אויף איהר געוואָרפען אַ פערדעכטיגען בליק.

ערשט איצטער איז איהר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק, אַז קיינער פון איהרע פריינדינען ווייס אייגענטליך ניט, ווער דיעזע יאָהאַנאַ לינד איז און אַז זיא איז צווישען זיי דיא איינציגע, וועלכע איז ניט רייך, וועמענס עלטערען קיינער קען ניט און ,אויסערדעם, ווייס קיינער ניט פון וואָס זיא לעבט און מיט וואָס זיא בעשעפטיגט זיך.

אַ נייער פערדאַכט איז ביי איהר געבאָרען געוואָרען, אָבער זיא האָט איהם בעהאַלטען אין זיך און האָט בעשלאָסען אין געהיים אַלעס נאָכצופאָרשען.

זיי זיינען וויַיטער געגאַנגען שטיל און האָבען קיין וואָרט ניט גערעדט.

זיי זיינען אריין אין אַ האַלב־פינסטערען געסעל ניט ווייט פון האַפען. פון ביידע זייטען האָבען זיך געצויגען הויכע פינסטערע ווענד אָהן פענסטער. דיא הייזער אין דיא מאַהאָמעדאַנישע לענדער ווערען געבויט אַזוי, אַז אין גאַס קומען נור אַרויס דיא ווענט; דיא פענסטער קומען אַרויס אין אַ פערשטעלטען הויף.

מאָדנע מרה־שחורה׳דיג האָבען אויסגעזעהען דיעזע בלינדע און טויבע ווענד און אַפילו אין דיא הערצער פון דיא דריי מוטהיגע ווערסטאַלקעס האָט זיך אריינ־געַ׳גנב׳עט אַ מורא.

פלוצלונג איז עפּעס אַראָבגעפאַלען נעבען זייערע פיס. דאָס וואָס עס איז אַראָבגעפאַלען האָט ניט געמאַכט קיין שטאַרקען גערויש, אָבער אַזוי וויא אַלעס אַרום איז געוועזען טויט־שטיל און דיא דריי מיידלעך זיינען געגאַנגען פערטיעפט אין זייערע אייגענע געדאַנקען, האָט דער גערויש פון׳ם פאַלען זיי געצוואונגען גענען זייער אייגענעם ווילען אַ געשריי צו טהאָן פאַר שרעק.

ערשט ווען זיי זיינען אין אַ פּאָר מינוטען אַרום געקומען צו זיך, האָבען זיי בעמערקט, אַז נעבען זיי ליעגט עפּעס אַ קליינער געגענשטאַנד. עלען פּער־טערסאָן האָט דעם געגענשטאַנד אויפגעהויבען און גענומען בעטראַכטען. עס איז געוועזען עפּעס איינגעוויקעלט אין אַ שמאַטקע. זיא האָט דיא שמאַטקע אַראָבגענומען און האָט אַרויסגענומען אַ שטיקעל פּאַפּיער.

אויף דעם פּאַפּיער, האָט מען געזעהן, איז עפּעס אָנגעשריעבען, וואָס אָבער — דאָס האָט מען אין דער פינסטער ניט געקענט איבערלייענען.

— וואָס זאָל דאָס בעדייטען? — האָט ערשטווינט געפרעגט עלען.

— קומט אַרויס פון דיעזען געסעל — האָט לינד געזאָגט — דאָרט איז ליכטיגער, ווען מיר עס קענען איבערלייענען.

זיי האָבען זיך געלאָזט שנעל געהן, אָבער פּלוצלונג האָט אַ שטילער גערויש זיי געצוואונגען זיך אומצוקוקען.

זיי האָבען בעמערקט ניט ווייט פון זיך עטליכע טונקעלע געשטאַלטען און

איידער זיי האָבען נאָך צייט געהאַט צו קומען צו זיך, זיינען זיי געווען אין דיא הענט פון עטליכע קרעפטיגע מענער, וועלכע האָבען זיי פערשטאָפּט דיא מיילער און האָבען אין איין סעקונדע אריבערגעוואָרען איבער זייערע קעפּ שווערע זעק.

בלויז יאָהאַנאַ לינד האָט צייט געהאַט אַ געשריי צו טהאָן.

עלען האָט ניט געקענט שרייען, זיא האָט אָבער צייט געהאַט אַזאַ זעץ צו טהאָן דעם מאַן, וועלכער איז געשטאַנען לעבען איהר, אַז ער איז אומגעפאַלען. זיא האָט זיך דאַן אַ כאַפּ געטהאָן צו איהר רעוואָלווער, זיא האָט איהם אָבער ניט געקענט דערגרייכען, ווייל דאָ איז אויף איהר ארויפגעפאַלען אַן אַנדער מאַן און זיא איז באַלד געווען פערבונדען אין אַ זאַק.

דער זאַק איז געווען אַזוי פעסט ארומגעבונדען ארום איהר, אַז זיא האָט מיט קיין איינציגען אבר ניט געקענט אַ ריהר טהאָן.

זיא האָט געפיהלט, וויא מען האָט זיא אויפגעהויבען. זיא האָט נאָכדעם געפיהלט, אַז זיא זיצט אויף אַ קרעפטיגער האַנד, וועלכע פערמאָגט אַ גאַנצען בארג מיט מוסקעלען.

ביי אַ פינף מינוט צייט זיינען דיא רויבער אַזוי אָבגעגאַנגען מיט דיא געפאַנגענע ווערסטאַלקעס.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון לויפענדע מענשען. דיא רויבער האָבען גענומען לויפען. זיי זיינען אָבער ניט ווייט אָבגעלאָפען.

דורך דיא זעק האָבען דיא מיידלעך געהערט, וויא עס קומט פאָר אַ קאַמפּף. זיי האָט מען שוין מיט דיא זעק אראָבגעוואָרפען אויף דער ערד, אָבער דער קאַמפּף האָט ניט אויפגעהערט. עס זיינען געפאַלען שווערע קלעפּ, עס זיינען געפלויגען אין דער לופט קללות און עלען האָט קלאָר פערנומען לאָרד האַרלינג־טאָן'ס טיעפע באַס־שטימע:

— נאַ־דיר, באַנדיט, צום לעצטען מאָל!

דאַן האָט זיך געהערט, וויא מענשען לויפען.

דאָס זיינען אַנטלאָפען דיא באַנדיטען. אין איין מינוט זיינען דיא זעק אויפגעשניטען געוואָרען און עלען אליין האָט ניט געוואוסט, וויא דאָס האָט פּאַסירט, נאָר זיא האָט זיך פּלוצלונג דערפיהלט אין האַרלינגטאָן'ס אָרעמס.

— מיין טהייערע! — האָבען געשעפּטשעט זיינע ליפּען.

און זיא האָט זיך, געגען איהר אייגענעם ווילען, שטאַרק, שטאַרק געדריקט צו זיין ברוסט.

אין דער מינוט זיינען אויך בעפרייט געוואָרען איהרע פריינדינען און זיא האָט זיך ארויסגעריסען פון האַרלינגטאָן'ס אָרעמס.

דער לוסטיגער טשאַרלס וויליאַמס האָט בעפרייט דזשעסי'ן און אויך דאָ האָט ער ניט פערגעסען צו מאַכען אַ שפּאַס.

ער האָט זיך קאָמיש פערנייגט, האָט אַראָבגענומען דעם הוט און האָט מיט אַ געמאַכטען ערנסטען טאָן געזאָגט:

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, וואָס איך האָב זיך אַזוי פּשוט אריינגע־ריסען אין אייער בעהעלטעניש.

וויא דערשראָקען און צוטומעלט דזשעסי איז ניט געוועז, האָט זיא דאָך געמוזט זיך צולאַכען קוקענדיג אויף וויליאַמס׳ען.

דיא לייטע, וואָס האָבען בעפרייט דיא וועסטאַלקעס, זיינען געווען אַכט מיטגליעדער פון דער מאַנשאַפט פון "אמאָר" מיט לאָרד הארלינגטאָן אן דער שפּיצע. צווישען זיי איז אויך געווען דער דייטשער אינזשיניר האָפמאַן.

עלען האָט אין קורצען דערצעהלט וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט, זיא האָט אָבער קיין וואָרט ניט דערמאָהנט וועגען דעם בריוועל וואָס אימיצער האָט זיי צוגעוואָרפען. ווארום זיא האָט וועגען דעם פערשוויגען, האָט זיא אליין ניט געוואוסט.

לאָרד הארלינגטאָן, פון זיין זייט, האָט דערצעהלט, וויא עס האָט פּאַסירט, אַז ער און זיינע חברים האָבען געקענט דיא מיידלעך קומען צו הילף.

— מיר האָבען אייך נאָכגעפאָלגט דיא גאַנצע צייט — האָט ער אָפען צוגעגעבען — איך ווייס אָבער ניט, וויא אַזוי, גאָר פּלוצלונג האָבען מיר אייך פערלאָרען פון אויג. מיר האָבען אייך ארומגעזוכט אין דיא ארומיגע גאַסען און מיר האָבען אייך אין ערגיץ ניט געקענט געפינען.

— וואונדערבאַר! — האָט ער געזאָגט וויא צו זיך אליין, קוקענדיג מיט ליעבע אויף עלען פּעטערסאָן — דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב פער־לאָרען אייער שפּור, אי דאָס גראָד דאַן, ווען איהר זיינט געווען אין געפאַהר.

— אָבער וויא אַזוי האָט איהר אונז דאָך אויסגעפונען? — האָט געפרעגט יאָהאַנאַ לינד.

— דורך אַ צופאַל. צופעליגערווייזע האָבען מיר זיך בעגעגענט מיט דעם הערר האָפמאַן און ער האָט אונז אָנגעוויזען, וואו איהר זיינט. מיר זיינען נאָך קיין צעהן מינוט ניט אָבגעגאַנגען, וויא מיר האָבען דערהערט אייער הילפס־רוף. מיר האָבען זיך גענומען לויפען, אָבער דער הערר האָפמאַן איז שוין גע־ווען ווייט פאָראויס און נאָך איידער מיר זיינען צוגעקומען, האָט ער שוין צייט געהאַט צוצושלאָגען אַ פּאָר באַנדיטען אַזוי אַז זיי וועלען איהם קיין מאָל ניט פערגעסען.

— אָבער וואו איז מר. האָפמאַן? — האָט עלען געפרעגט און זיך גענומען ארומקוקען.

אַלזאָ, ווידער דערזעלבער האָפמאַן! האָט איהר דערביי אַ קלאַפּ געטהאָן אין קאָפּ.

— אַט דאָס איז דאָך דאָס רעטעניש — האָט זיך אָבגערופען וויליאַמס —

אזוי שנעל וויא דיא באנדיטען זיינען זיך צולאפען, איז דער דייטש פערשוואונדען וויא דיא ערד וואלט איהם איינגעשלונגען.

— א מאדנער מענש! — האט שטיל געזאגט עלען און האט א קוק געטהאן אויף יאהאנא לינד, אבער יאהאנא לינד איז געבליבען שטעהן אזוי וויא ניט זיא מיינט מען.

— א שאד וואס מיר האבען א פאר רויבער ניט פערהאלטען — האט געזאגט איינער פון דיא מענער.

— לאזט זיי לויפען — האט געענטפערט וויליאמס — פערגינט זיי זייער פרייהייט. זיי האבען אזוי אויך אריינגעכאפט אזא פארציע, אז איך בין גאר ניט זיכער, אז א פאר פון זיי וועלען נאך היינט ביינאכט זיך ניט אריבערפעקלען אויף דער אמת'ער וועלט. אבער קומען וועלען זיי אהין אהן צייהנער. אט וועל איך אייך ציינען . . .

ער האט זיך אנגעבויגען, וויא ער וואלט געזוכט דיא אויסגעשלאגענע צייהנער פון דיא באנדיטען און האט עפעס אויפגעהויבען.

ער האט אנגעריבען א שוועבעלע, האט בעטראכט דיא געפונענע זאך און האט זיך געווענדעט צו מיסס פעטערסאן:

— דאס האט איהר וואהרשיינליך פערלארען. דאס איז אייערס א פאטאגראפישעס בילד.

— מיין בילד! — האט עלען העכסט ערשטוינט אויסגערופען.

וויליאמס האט נאך אמאל אנגעריבען א שוועבעלע און בעלויכטען דאס בילד.

עלען האט זיך אין דעם איינגעקוקט און האט דערשראקען אויסגעמורמעלט:

—ווירקליך, דאס איז מיין בילד.

— ווייסט איהר ווירקליך ניט, ווער עס האט דאס בילד געקענט פערלירען? — האט לארד הארלינגטאן שטיל געפרעגט.

— איך האב קיין אהנונג ניט — האט עלען געענטפערט.

— אלזא, קומט, מיר וועלען בעגלייטען דיא דאמען צו דער שיף — האט הארלינגטאן פארגעשלאגען.

געהענדיג איז ער מיט עלען אבגעשטאנען אביסעל פון דיא איבריגע און האט איהר פעסט ערקלערט:

— מיסס פעטערסאן, וועגען דיעזען בילד מוז איך זיך מיט אייך דורכריידען. וועט איהר מיר ערלויבען ארויפקומען אויף אייער שיף? דער געשפרעך מוז פארקומען אזוי, אז קיינער זאל ניט הערען.

עלען האט אויף איהם א קוק געטהאן וויא זיא וואלט געוואלט זאגען: גאט מיינער, אויך ער וויים עפעס געהיימניסע וועגען מיר, וועלכע איך אליין וויים ניט!

זיא האט א פאר סעקונדען געטראכט. ביז יעצט איז נאך קיינער פון דיא מענער פון דעם "אמאר" ניט ארויפגעקומען אויף דער "וועסטא". דיא איבריגע וועסטאלקעס וואלטען גאר ניט געהאט געגען דעם, אבער עלען האט זיך געשטעלט געגען און זיא האט אויסגעפיהרט.

זיא איז געווען געגען דיא בעזוכען פון דיא מענער, ווייל זיא האט ניט געוואלט, אז הארלינגטאן זאל האבען דיא געלעגענהייט צו ווערען נעהענטער מיט איהר. אלזא, דער פערבאט געגען דיא מענער איז געקומען צוליעב הארלינגטאן'ען און דא, פלוצלונג, וועט זיא אליין דיא ערשטע ארויפלאזען אויף דער "וועסטא" ניט קיין אנדערען וויא דעם מאן, וועלכען זיא האט אזוי שטארק געליעבט און פאר וועמענס ליעבע זיא האט אזוי מורא געהאט!

פון דער צווייטער זייט אבער מוז זיא זיך מיט איהם דורכריידען. זיא מוז וויסען, וואס ער ווייסט וועגען דעם בילד. עס קען דאך זיין, אז ער ווייסט וועגען איהר זאכען, וועלכע זיא וויל האלטען פון איהם פערבארגען.

און זיא האט ענדליך צוגעשטימט.

— גוט — האט זיא געזאגט — איהר קענט ארויפקומען.

זיי האבען זיךביידע אומיסטנע פערשפעטיגט, אום אבצואווארטען, ביז דיא איבריגע מענער וועלען אוועקגעהן.

אונבעמערקט האט עלען אריינגעפיהרט הארלינגטאן'ען אין איהר צימער.ביידע זיינען געווען שרעקליך אויפגערעגט. צום ערשטען מאל אין זייער לעבען האבען זיי זיך געפונען אליין אויג אויף אויג און ביידע האבען זיך דערפיהלט זעהר אונבעקוועם. בייביידען האבען דיא הערצער שטארק געשלאגען און ביידע האבען זיי אויסגעמידען צו קוקען איינער אויף'ן צווייטען.

הארלינגטאן האט דערפיהלט, אז ער פערליערט דיא קאנטראל איבער זיך און אז עס ציהט איהם מיט אונמענשליכער קראפט זיך א ווארף צו טהאן אויף דיא קניע פאר דיעזען וואונדערבארען מיידעל און עפענען פאר איהר דעם גאנצען קוואל פון זיין ברויזענדער ליעבע.

עלען, ווידער, האט אויך דערפיהלט איהר גאנצע שוואכקייט צו קעמפפען געגען איהר ליעבע. זיא האט געפיהלט, אז אויב הארלינגטאן זאל נור בעריהרען דיא פראגע פון זייער דערשטיקטער ליעבע, וועט זיא ניט אויסהאלטען איהר ראלע און איהר ליעבע וועט אויסברעכען וויא א שטורם.

אבער וואס וויים ער פאר סודות און וואס וויל ער מיט איהר ריידען? אט דאס איז דערווייל געווען דיא הויפט פראגע. און מיט דיעזער פראגע האט זיא זיך איצטער געווענדעט צו הארלינגטאן'ען.

—מיסס פעטערסאן — האט הארלינגטאן געזאגט — איך פרעג אייך נאך אמאל: האט איהר ווירקליך קיין בעגריף ניט, ווער עס האט אייער בילד געקענט פערלירען?

— ניין! — האט בעשטימט געזאגט עלען.

— קענט איהר זיך ניט פארשטעלען, אז דאס בילד האט פערלארען איינער פון דיא באנדיטען, וועלכע זיינען אייך בעפאלען?

דיעזע פראגע האט געווירקט וויא א דונער אויף עלען. אין איהר מוח האט פלוצלונג א בליץ געטהאן א געדאנק, פון וועלכען עס איז דורך איהר גאנצען לייב דורכגעפלויגען א קאלטער שוידער.

זיא האט שנעל ארויסגעכאפט דאס בילד און האט זיך אין דעם גענומען איינקוקען. און וואס מעהר זיא האט זיך איינגעקוקט אין דעם, אלץ בלאסער און בלאסער איז זיא געווארען. זיא האט דאס בילד דערקענט. דאס איז געווען דאס בילד, וואס זיא האט איבערגעלאזט איהר מוטער, ווען זיא איז אנטלאפען פון דער היים. זיא האט עס דערקענט נאך א געוויסען צייכען ביים ראנד.

— לארד — האט זיא קוים אויסגעשטאמעלט — דאס איז... דאס איז א שרעקליכער געדאנק... גאט מיינער, איז דאס מעגליך?... לארד...

דער געדאנק, אז איהר מוטער וויל זיא ירשנן׳ען און האט דעריבער אונטערגעקויפט מערדער זיא צו טויטען, איז געווען אזוי שרעקליך, אז דיא קרעפטיגע עלען האט בעקומען היסטעריקע.

זיא האט געוויינט און געלאכט און האט זיך געווארפען אין קאנוואולסיעס. לארד הארלינגטאן האט זיך אין אנפאנג פערלארען פון דיעזען אונערווארטעטען אויסברוך פון היסטעריקע, ער איז אבער באלד געקומען צו זיך און האט גענומען אנווענדען אלערליי מיטלען זיא צו בערוהיגען. דאס איז איהם אין אנפאנג ניט געלונגען. ארייגרופען אימיצען צו הילף האט ער ניט געוואלט, פיליכט וועלען עלען׳ס פריינדינען שלעכט אויסטייטשען איהר אויפגערעגטען צושטאנד, ווען מען וועט איהם געפינען אין איהר צימער.

ער האט זיא גענומען אין זיינע ארעמס, האט גערעדט צו איהר צערטליכע רייד און, געגען זיין ווילען, זיא גענומען גלעטען און קושען. ער האט געוואוסט, אז ער בעגעהט א נידערטרעכטיגקייט דערמיט, וואס ער בענוצט זיך מיט איהר האלב־בעוואוסטלאזען צושטאנד, אבער זיך צוריקהאלטען איז שוין געווען איבער זיינע כחות.

און ווען עלען איז ענדליך געקומען צו זיך, האט זיא צו איהר ערשטוינונג זיך געפונען פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט און מיט זיינע ליפען איינגעזויגען אין איהרע. זיא האט אין אנפאנג אייגענטליך גאר ניט פערשטאנען, וואס דא קומט פאר און איז געבליבען אין דערזעלבער לאגע וויא א פאראליזירטע. און ווען זיא האט שוין פערשטאנען דיא גאנצע ווארהייט, איז זיא שוין געווען אזוי פער׳שכור׳ט פון זיינע קושען און פון זיין נאהענטקייט, אז עס האבען איהר געפעהלט כחות זיך אבצורייסען פון איהם.

אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער האָט זיא זיך גענומען דריקען צו איהם, וויא זיא וואָלט אין גאַנצען וועלען זיך אריינדריקען אין זיין מעכטיגער ברוסט. איהרע הענד האָבען קאָנוואולסיוו געבלאָנדזשעט אין זיינע גערדיכטע לאָקען און איהר מויל האָט זיך ניט געקענט אַברייסען פון זיינעם.

א ווילדער פייער האָט זיך אָנגעצונדען אין איהר גאַנצען קערפּער, וועלכען עס האָט נאָך קיין מאָל ניט בעריהרט א מענערשע האַנד.

ביידע האָבען קיין וואָרט ניט גערעדט. זיי האָבען זיך געפיהלט וויא אין א גן־עדן און וויא פער׳שכור׳ט זיי זיינען ניט געווען, האָבען זיי דאָך געוואוסט, אַז אויב דיא שטילקייט וועט נור געבראָכען ווערען, וועט זייער גן־עדן חרוב ווערען.

וויא לאַנג זיי זיינען געווען אין דיעזען צושטאַנד, האָבען זיי אליין ניט גע־וואוסט.

צום ערשטען איז געקומען צו זיך עלען. וויא אָבגעשטויסען פון אַן עלעק־טרישען שטראָם, האָט זיא זיך א ריס געטהאָן פון איהר געליעבטען.

— גאָט מיינער, וואָס האָט איהר געטהאָן? — האָט זיא קוים ארויס־געמורמעלט.

— עלען — האָט אָנגעהויבען הארלינגטאָן — אַזוי האָט עס געמוזט זיין. אונזערע ליידען האָבען דאָך אַמאָל זיך געמוזט ענדיגען; אונזער ליעבע...

עלען האָט איהם ווייטער ניט געלאָזט ריידען.

— שווייגט, שווייגט! — האָט זיא זיך געבעטען — שווייגט! בלויז אין א מינוט פון שוואַכקייט האָב איך זיך ערלויבט זיך צו פערגעסען, אָבער מעהר טאָר אַזאַ זאַך ניט פּאַרקומען.

— אָבער, אום גאָטעס ווילען, דוא ליעבסט מיך דאָך...

— יאַ, איך ליעב אייך — האָט זיך וויא געבעטען עלען — איך זאָג עס אייך אָפען: איך ליעב אייך. אָבער טאַקע דערפאַר טאָרען מיר זיך ניט פערגעסען. לאָרד, אונזער ליעבע וועט צו קיין זאַך ניט פיהרען. און איך בעט אייך: אוים ליעבע צו מיר, אוים רעספּעקט צו מיין ליעבע צו אייך — פער־לאָזט מיך! פערגעסט מיך!

— אָבער...

— לאָרד, האָט אויף מיר רחמנות און הערט אויף צו ריידען וועגען דעם. איך בין איצטער צו שוואַך צו קעמפּפען געגען זיך אַליין. איך האָב מורא, אַז עס וועט פּאַסירען איינס פון דיא ביידע: אָדער איהר וועט מיך ווידער בע־הערשען, אָדער איך וועל זיך אין ים אריינוואַרפען. אַלזאָ, ניט א וואָרט מעהר...

הארלינגטאָן האָט איינגעזעהן, אַז ער וועט מיט עלען איצט גאַרניט מאַ־כען און ער האָט טרויעריג געזאָגט:

— גוט. אָבער וועט איהר מיר ערלויבען מיט מיין שיף אייך ווייטער צו בעגלייטען?

— ניין, פאר קיין פאל ניט! — האָט זיא דערשראָקען אויסגערופען.

— זעהט איהר, אָט דאָס וועט איהר שוין ניט פועל'ען — האָט ער פעסט געזאָגט — דאָס געפונענע בילד קען אייך איבערצייגען, אַז איבער אייך שוועבט אַ טויט־געפאהר און דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אייער לעבען, קען אפילו אייער בעפעהל מיך ניט צווינגען זיך צוריקצוציהען.

עלען האָט אַ שוידער געטהאָן. איז עס מעגליך, אַז ער ווייס אַלעס?

— ווייסט איהר — האָט זיא איהם געפרעגט מיט אַ פערשטאַרבענעם אָטהעם — ווייסט איהר, ווער עס האָט דאָס בילד געגעבען דיא מערדער?

זיא האָט געוואַרט אויף זיין ענטפער מיט טויט־שרעק. וואָס וועט זיין, אויב ער ווייס?

אָבער אַזוי גלייכגילטיג וויא מעגליך האָט האַרלינגטאָן געענטפערט:

— דאָס ווייס איך ניט.

האָט ער עס ווירקליך ניט געוואוסט אָדער ער האָט זיך בלויז געמאַכט, אַז ער ווייס ניט? דאָס האָט מען ניט געקענט דערגעהן פון זיין ענטפער. עלען אָבער האָט געשיינט, אַז ער ווייס ווירקליך ניט פון קיין זאַך, און זיא האָט זיך בערוהיגט.

ביי איהר אַליין, ווידער, איז קיין צווייפעל ניט געוועזען, אַז איהר מוטער האָט געמאַכט אַ פערשוועררונג זיא צו ערמאָרדען, אום צו ירשן'ען איהרע מיליאָנען, וויל, לויט איהר פאָטער'ס צוואה, האָט איהר חלק ירושה בעדאַרפט איבערגעהן צו איהר מוטער, אויב זיא זאָל שטאַרבען אונפערהייראַטה און, פערקעהרט, אויב איהר מוטער זאָל שטאַרבען פריהער, דאַרף דער מוטער'ס חלק ירושה איבערגעהן צו איהר.

אמת, זיא האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז איהר מוטער זאָל זיא וועלען ערמאָרדען. זיא האָט אָבער געהאַט אַ בעווייז דאָס בילד. און דערצו: איז דען איהר פאָטער ניט געשטאָרבען אויף אַזאַ געהיימניספאָלען אופן? איז דען איהר מוטער'ס ערשטער מאַן ניט פערשוואונדען אויף אַ זעהר געהיימניספאָלען אופן? געפינט זיך דען ניט איהר מוטער אונטער דעם איינפלוס פון איהר איצטיגען מאַן, דעם באַנדיט סטיווענס?

עלען האָט זיך איצטער אויך דערמאָנט אָן איהר געשפרעך מיט האָפמאַן'ען און איהר איז איינגעפאַלען, אַז האָפמאַן איז פיל־לייכט אויך איינער פון איהר מוטער'ס פריינד, וואָס דאַרפען זיא, עלען, אומברענגען. אמת, האָפמאַן האָט אַליין געבראַכט האַרלינגטאָן'ען און זיינע פריינד זיא צו רעטען פון דיא רויבער און האָפמאַן אַליין האָט געקעמפפט מיט דיא רויבער, אָבער

וואָרום איז ער פערשוואונדען באַלד נאָכדעם וויא דיא רויבער זיינען זיך צולאָפען?

און דאָ איז איהר אויך איינגעפאַלען, אַז יאָהאַנאַ לינד קען זיך שוין פון לאַנג מיט האָפמאַן׳ען און וויל עס דאָך ניט צוגעבען. און איבערהויפט האָט זיא שוין פון זינט דער ערשטער בעגעגעניש מיט האָפמאַן׳ען געהאַט אַ פערדאַכט אויף יאָהאַנאַ לינד און עס איז פאַר איהר כמעט קלאָר געווען, אַז יאָהאַנאַ נעהמט אויך אַן אַנטהייל אין דער פערשוועהרונג. זיא איז, אַלזאָ, אַרומגערינגעלט מיט שונאים פון אינוועניג און פון דרויסען.

וועט זיא זיך לאָזען פערניכטען אָהן אַ קאַמפף? אָה, ניין! אום אָבער צו בעקעמפפען דיא שונאים, מוז זיא האָבען אימעצענס הילף. צו וועמען זאָל זיא זיך אָבער ווענדען, ווען זיא האָט קיינעם ניט אויסער האַרלינגטאָן׳ען?

דיעזע געדאַנקען זיינען וויא אַ שטורם דורכגעפלויגען אין איהר מוח אין איינינע געצעהלטע סעקונדען און זיא האָט דעריבער געזאָגט צו האַרלינגטאָן׳ען:

— איך נעהם אָן אייער שטיצע. אָבער געדענקט: מיר בלייבען דערביי בלויז ווייטע גוטע פריינד. עס מוז אַזוי זיין, וועיל דאָ שטעהט אין קאָן אייער גליק.

— אָבער לאָזט מיר אייך ערקלערען — האָט זיך געבעטען האַרלינגטאָן.

— קיינע ערקלערונגען — האָט זיא געענטפערט — צוברעכט מיר ניט מיין האַרץ. אַזוי מוז עס זיין.

מיט אַ צובראָכענעם געמיטה האָט ער זיא פערלאָזען.

ערשט דאַמאָלס, ווען ער איז אַוועק, האָט זיא פריי געעפענט דעם קוואַל פון טרעהרען. איבער אַ שטונדע צייט האָט זיא אָהן אויפהער געוויינט.

ענדליך האָט זיא, ווייזט אויס, געפאַסט עפּעס אַ בעשלוס. זיא האָט אָבגעווישט דיא טרעהרען, האָט זיך אויסגעגלייכט און אין איהרע אויגען האָט געברענט אַ מאָדנער פייער פון פערצווייפלונג און ענטשלאָסענהייט.

זיא האָט בעשלאָסען זיך אויסצורוהען און האָט זיך גענומען אויסטהאָן. פון איהר בלוזע איז פּלוצלונג אַרויסגעפאַלען אַ שטיקעל פּאַפּיער.

דאָס פּאַפּיער איז געווען דאָס בריוועל וואָס זיא האָט אויפגעהויבען אין גאַס איידער דיא באַנדיטען זיינען זיא בעפאַלען. עלען האָט שוין געהאַט פערגעסען אָן דעם און האָט איצטער מיט ערשטוינונג בעטראַכט דאָס צוקנייטשטע שטיקעל פּאַפּיער. זיא האָט זיך באַלד דערמאָנט פון וואַנען עס קומט צו איהר, און האָט עס מיט פיבערישער אונגעדולד גענומען לייענען.

זיא האָט איבערגעלייענט פאָלגענדעס:

„איך וואַרף דאָס בריוועל אַראָב צו דער ערשטער פּערזאָן וועלכע איך העך רעדען ענגליש, וועיל איך וויים, אַז דיא ענגלענדער זיינען געגען יעדער

סאָרט שקלאַפעריי, און איבערהויפּט געגען ווייסער שקלאַפעריי, געגען דעם האנדעל מיט אונשולדיגע פרויען. איך בין א טאָכטער פון א גרויסען אראַבישען שייך (הויפּטלינג) פון עגיפּטען (מצרים). מען האָט מיך געראויבט פון מיין פאָטער און מיך געבראַכט נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל. איך האָב צופעליגערווייזע אונטערגעהערט א געשפּרעך, פון וועלכען איך האָב זיך דערוואוסט, אז מאָרגען וועט מען מיך מיט נאָך אַנדערע אונשולדיגע מיידלעך אוועקפיהרען מיט דער שיף "אינדיאַנא" נאָך סמירנא, וואו מען וועט אונז פערקויפען אין הארעמען אָדער אונאַנשטענדיגע הייזער. דער בעל הבית פון דער שיף איז א גריכע מיט'ן נאָמען דמיטרי. האָט רחמנות, גוטע מענשען, און ראַטעוועט פון א שרעקליכען שיקזאַל עטליכע אונשולדיגע פרויען.

סולימא."

עלען האָט דאָס בריוועל געלעזען און האָט איהרע אויגען ניט געגלויבט. צום ערשטען איז איהר איינגעפאַלען א געדאַנק, אז דאָס בריוועל איז געשריבען געוואָרען מיט דעם צוועק זיא אריינצונאַרען אין א פּאַסטקע. ווען זיא האָט אָבער דאָס בריוועל איבערגעלייענט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, איז זיא אַלץ מעהר איבערצייגט געוואָרען, אז זיא האָט ווירקליך א געלעגענהייט צו ראַטעווען פון שאַנדע און אונגליק עטליכע אונשולדיגע מיידלעך.

זיא האָט גענומען אונרוהיג אַרומגעהן איבער'ן צימער און טראַכטען. זיא האָט ענדליך, ווייזט אויס, אויסגעאַרבייט א פּלאַן און האָט צו זיך אַליין געזאָגט:

— יא, עלען, איידער דוא געזעגענסט זיך מיט דער וועלט, קענסטו נאָך אויפטהאָן א גוטע זאַך. ווען שטאַרבען מיט'ן בעוואוסטזיין, אז דוא האָסט געראַטעוועט פון שאַנדע ניט נור זיך און דזשיימס'ען (אַזוי האָט זיא זיך ערלויבט אָנצורופען אין דיא געדאַנקען האַרלינגטאָן'ען), נאָר אויך עטליכע פרויען. דוא וועסט מיטנעהמען אין קאַלטען קבר דיא הייליגע קושען פון דזשיימס'ען און דיא ברכות פון דיא אונגליקליכע מיידלעך. יא, אַזוי וועט עס זיין!

9טעם קאַפּיטעל.

דיא ווייסע שקלאַפינען בעפרייט

מיט אונגעדולד האָט עלען פּעטערסאָן ערוואַרטעט, עס זאָל טאָג ווערען, כדי זיא זאָל קענען צוגרייטען איהרע פריינדינען אויסצופיהרען דעם פּלאַן, וועלכען זיא האָט געמאַכט, וויא צו בעפרייען דיא אונגליקליכע פרויען, וועלכע האָבען זיך צו איהר געווענדעט נאָך הילף דורך זייער בריוועל.

אזוי שנעל וויא דיא וועסטאַלקעס זיינען ארויס פון זייערע בעטען, האָט זיי עלען צוזאַמענגערופען, האָט זיי פאַרגעלייענט דאָס בריוועל און האָט זיי איבער־געגעבען דעם פּלאַן, וויא צו בעפאַלען דיא רויבערישע שיף און בעפרייען דיא פרויען.

איהר פּלאַן איז געווען באַלד צו פערלאָזען דעם האַפען און וואַרטען אויף דער "אינדיאַנאַ" אַ פּאָר מייל ווייטער, דאַן בעפאַלען יענע שיף און מיט גוואַלד צונעהמען דיא פרויען. דער חשבון איז געווען, אַז אין צוזאַמענשטויס מיט דער "אינדיאַנאַ" וועט דיא "וועסטאַ" זיכער זיעגען, ווייל דיא ווייסע שקלאַפען הענדלערישע שיף איז ניט געווען בעוואַפענט און דיא "וועסטאַ" האָט פער־מאָגט צוויי קליינע האַרמאַטען. עלען האָט אויך גערעכנעט, אַז אויב עס זאָל קומען צו אַ האַנד־קאַמפּף, וועלען אויך דיא וועסטאַלקעס ארויס דיא זיעגערינס, ווייל, לויט אַלע וואַהרשיינליכקייטען, איז דיא צאָהל מענשען אויף דער "אינ־דיאַנאַ" זעהר קליין און דיא וועסטאַלקעס זיינען אַלע געווען אויסגעצייכענטע שיסערינס.

אַלע וועסטאַלקעס האָבען איינגעשטימט, אַז מען מוז דיא געפאַנגענע פרויען פון דער "אינדיאַנאַ" בעפרייען, דיא מעהרסטע פון זיי זיינען אָבער גע־ווען געגען אַן אָפענעם קאַמפּף. אייניגע האָבען פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל זיך ווענדען צו דער טערקישער פּאָליציי; אַנדערע ווידער, וועלכע זיינען געווען איינפערשטאַנען מיט עלען, אַז קיין שטיצע קען מען ניט ערוואַרטען פון דער טערקישער פּאָליציי און זיינען גרייט געווען צו בעפאַלען דיא שקלאַפען־הענד־לערישע שיף, האָבען אָבער גערעכנעט, אַז זיי קענען דיא זאַך אַליין ניט אונ־טערנעהמען און אַז מען דאַרף רופען צו הילף דעם "אָמאָר".

עלען האָט אָבער וועגען קיין זאַך ניט געוואָלט הערען. זיא איז געשטאַנען אויף איהרען, אַז זיי וועלען מיט זייערע אייגענע כחות אַלעס דורכפיהרען.

— מיר מוזען איין מאָל פאַר אַלע מאָל בעווייזען — האָט זיא גע'טענה'ט — אַז מיר קענען זיך בעגעהן אָהן דער הילף פון דיא מענער.

זיא האָט אזוי לאַנג און אזוי בעגייסטערט גערעדט, אַז דיא מעהרסטע פון די וועסטאַלקעס האָבען מיט איהר איינגעשטימט. יאָהאַנאַ לינד האָט מיט אַלע כחות געקעמפּפט געגען דעם פּאָרשלאַג, אָבער זיא האָט גאָר ניט געקענט אויס־פיהרען. דיא וועסטאַלקעס האָבען זיך געפרעהט וויא קינדער וואָס זיי קענען טהון עטוואָס אַזעלכעס וואָס דערוואַקסענע מענשען טהוען און זיי האָבען צולעצט גאָר ניט געוואָלט הערען וועגען קיין געפאַהר.

מיט בעגייסטערונג האָבען זיך אַלע גענומען צוגרייטען אויסצופיהרען דעם ריזיקאַלישען פּלאַן. אַלע זיינען געווען אזוי פערטהאָן אין דער אַרבייט, אַז מען האָט גאָר ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט דערצו, וואָס יאָהאַנאַ לינד טהוט.

און געטהאָן האָט זיא פאָלגענדעס: זיא איז אריין אין איהר צימער און האָט אָנגעשריבען צוויי בריוולעך. זיא איז דאַן אַרויף אויף'ן דעק און גענומען זוכען מיט דיא אויגען אַ שיפעל. עס איז איהר ניט לאַנג אויסגעקומען צו וואַר־טען. עס איז פאַרבייגעפאָהרען אַ פישער־שיפעל און זיא האָט דעם פישער גע־געבען אַ פאָר קליינע מטבעות און האָט איהם בעפוילען גלייך אָבצופיהרען דיא בריוולעך אויף'ן "אַמאָר" און אויף'ן "בליץ". איין בריוועל איז געווען אדרע־סירט צו לאָרד האַרלינגטאָן און דאָס צווייטע צום דייטשען אינזשיניר האָפמאַן.

* *
*

דיא "אינדיאַנאַ" איז לאַנגזאַם געשוואומען אויף'ן ים. **זיא איז געפאָה־רען** נאָך סמירנאַ, אַן אַנדער טירקישע שטאָדט. דער אייגענטהימער און קאַפּיטאַן פון דער שיף, אונזער בעקאַנטער גריכע דמיטרי האָט פריהער געזאָלט אָבפיה־רען דיא געפאַנגענע פרויען נאָך אפריקא, עס האָט זיך איהם אָבער געמאַכט, אַז ער האָט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געקראָגען אַ סוחר אויף אַלע פרויען און ער האָט זיי נור בעדאַרפט צושטעלען נאָך סמירנאַ.

דמיטרי איז זעהר צופריעדען געווען פון דעם מסחר. ערשטענס, האָט ער פערשפּאָרט צו פיהרען זיין "סחורה" צו וויט; צווייטענס, איז ער אויף אַזאַ אופן געוואָרען פריי זיך אָבצוגעבען צוזאַמען מיט'ן ים־וואָלף מיט דער פערפאָלגונג פון דיא ווערסטאַלקעס.

אמת, דער ערשטער איבערפאַל אויף עלען פעטערסאָן און אויף איהרע פריינדינען האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען, דאָס האָט אָבער דעם פרויען־הענדלער ניט ענטמוטהיגט. ער איז געווען זיכער, אַז ענדליך וועט ער זיי אריינקריגען אין זיינע הענד.

פול מיט פרעהליכע געדאַנקען און האָפנונגספאָלע פּלענער איז איצטער געשטאַנען דמיטרי אויף'ן דעק פון זיין שיף צוזאַמען מיט דעם טערק, וועלכער האָט ביי איהם דיא פרויען אָבגעקויפט.

פּלוצלונג האָבען זיינע שאַרפע אויגען בעמערקט פון וויטענס אַ שיף. ער האָט געכאַפּט דעם טעלעסקאָפּ און האָט זיך גענומען איינקוקען. אויף זיין פּנים האָט זיך צולייגט אַ צופריעדענער שמייכעל.

— וואָס זעהט איהר דאָרט? — האָט איהם דער טערק געפרעגט.

— גאָרניט — האָט דמיטרי געענטפערט — דאָרט זעה איך אַ שיף. מיט דער שיף האָט, וויא עס ווייזט אויס, פּאַסירט עטוואָס זאָנדערבאַרעס. זיא ריהרט זיך ניט פון אָרט און וואַקעלט זיך נור אויף'ן וואַסער. מיר דאַכט, אַז מיט דער שיף האָט עפּעס פּאַסירט אַן אונגליק.

ער האָט געגעבען אַ קאָמאַנדע, מען זאָל דיא "אינדיאַנאַ" פיהרען אין דער ריכטונג פון יענער שיף.

— וואָס טהוט איהר? — האָט אויסגעשריען דער טערק — מיר זיינען דאָ יעדע מינוט אין געפאַהר פערהאַלטען צו ווערען פון אַ רעגיערונגס־שיף און אונטערזוכט ווערען און איהר ווילט דאָ זיך אַוועקשטעלען און פערבינדען גאַנצע געשעפטען מיט אַ פרעמדער שיף.

— נו, איהר דאַרפט ניט זאָרגען — האָט דמיטרי בייז געענטפערט — איך שטעל איין מעהר פון אייך און אַז איך האָב קיין מורא ניט, דאַרפט איהר אודאי קיין מורא ניט האָבען.

— אָבער וואָס האָט דאָרט פּאַסירט מיט יענער שיף?

— איך וויים ניט, מיר וועלען באַלד זעהן.

— ווייסט איהר, אַם ווענינגסטען, וואָס פאַר אַ שיף דאָס איז?

— דערווייל ניט.

דמיטרי האָט געזאָגט אַ ליגען. ער האָט גוט געוואוסט, אַז דיא שיף איז דיא "וועסטאַ". לויט דעם אויסזעהן פון דער שיף האָט ער געוואוסט, אַז דאָס איז דיא "וועסטאַ" און לויט דער לאַגע פון דער שיף און לויט דיא סיגנאַלען וואָס דיא "וועסטאַ" האָט געגעבען דורך איהרע פלאַגען און זעגלען, האָט ער געוואוסט, אַז ביי דער "וועסטאַ" איז דער רודער צובראָכען.

עס איז ביי איהם באַלד בעשאַפען געוואָרען אַ פּלאַן, וויא צו האַנדלען.

ער האָט בערעכענט, אַז אויף דער "וועסטאַ" געפינען זיך נור פרויען, וועלכע אַרבייטען אַלס מאַטראָזען בלויז אוים פערגניגען. האַ־האַ־האַ, פרויען וועלכע קוויטשען פאַר שרעק, ווען זיי דערזעהן אַ מויז! און יעצט, ווען דער רודער איז ביי זיי צובראָכען געוואָרען, האָבען זיי וואַהרשיינליך גאָר פערלאָרען דיא קעפּ. פאַר אַן ערפאַהרענעם מאַטראָז איז עס אַ זעהר קליינע אַרבייט צו פערריכטען אַ רודער, אָבער פאַר דיעזע מאַטראָזען אין אונטער־קליידלעך איז עס אַזאַ אונגליק, וועלכען זיי קענען ניט בייקומען.

— נו — האָט ער וויי‌טער געטראַכט — וועלען מיר זיי העלפען. איך מיט אַ פּאָר לייט וועלען אַריבערפאָהרען אויף דער "וועסטאַ", אום צו פערריכטען דעם רודער און ווען מיר וועלען דאָרט זיין, וועלען שוין דיא פויגעלעך זיין אין אונזערע הענד.

ער האָט געוואָרפען אַ רויבערישען בליק אַרום און אַרום. קיין שיף האָט זיך אין ערגיץ ניט געזעהן. נאָך אין אַ פיערטעל שטונדע אַרום וועט ער, דמיטרי, זיין אויף דער "וועסטאַ" און — און ער וועט זיין אַ רייכער מאַן.

מיט אַ העסליכען שמייכעל האָט ער צו זיך אַליין געמורמעלט צווישען דיא צייהן:

— אַהאַ, מיין פריינד ים־וואָלף, דאָס מאָל וועל איך פון דיינע וואָלפישע צייהן אַרויסרייסען אַ פעטען ביסען. וויפיעל האָבען מיר דאַמאָלס גערעכענט פאַר אַ מיידעל? דריי הונדערט דאָלאַר. אויף דער "וועסטאַ" זיינען פאַראַן,

זאָגט ער, פינף און צוואַנציג שטיק. 25 מאָל 300 מאַכט א קימאַ לן פון...
פון זיעבען טויזענד פינף הונדערט. היינט וועט דאָך דיא קאַפּיטאַנשע איינ־
ברייננען אַן עקסטרא פאַר טויזענד דאָלאַר. נו, פריינד ים־וואָלף, דאָס מאָל
וועסטו מיר מוזען ענטשולדיגען. איצטער וועל איך שוין פאַר זיך נעהמען דעם
הויפּט ביסען און דיר צוואוואַרפען א פאַר פּראָצענט. אָבער וואָס קען איך זיך
העלפען? ווער עס קומט פריהער, דער נעהמט מעהר. אַזוי!

דיא "אינדיאַנאַ" איז שוין געווען ניט ווייט פון דער "וועסטאַ". דמיטרי
האָט געגעבען א בעפעהל, מען זאָל אַרונטערלאָזען צוויי שיפלעך און ער מיט
נאָך פיער מאַטראָזען האָבען זיך געלאָזט פאָהרען צו דער "וועסטאַ".

נאָך אין דער לעצטער מינוט האָט דער טערק געפּרובט פּראָטעסטירען גע־
גען דמיטרי'ס אונטערנעהמונג, אָבער דמיטרי האָט איהם בלויז געענטפערט
מיט א כיטרען שמייכעל:

— בעדענקט אייך נור, וויא שעהן עס וועט קלינגען, אז מען וועט איבע־
ראָל דערצעהלען, אז דער קאַפּיטאַן פון דער "אינדיאַנאַ" האָט געראַטעוועט פון
אונטערגאַנג א שיף. וויא־ניט־וויא וועט א שטיקעל כבוד אויך אייך צופאַלען.

ער האָט א וואונק געטהאָן צו דיא מאַטראָזען און זיי האָבען זיך גענומען
רודערען צו דער "וועסטאַ".

אויף'ן וועג האָט ער זיי אין קורצען איבערגעגעבען, וואָס זיי האָבען צו
טהאָן אויף דער "וועסטאַ".

— איהר וועט באַלד אַרויפקלעטערען אויף'ן דעק — האָט ער זיי געזאָגט
— און ווען מיר וועלען שוין זיין אויבען, וועט איהר אַרויסציהען אייערע רע־
וואָלווערען און זיי אָנשטעלען אויף דיא מאַטראָזען פון יענער שיף. איהר
זאָלט אָבער ניט שיסען. וועה וועט זיין צו דעם וואָס וועט וואַגען אויסצושיסען.
דאָס איבריגע וועל איך שוין אליין בעזאָרגען. איבריגענס, אויב עס וועט נויטיג
זיין, וועל איך אייך שוין געבען בעפעהלע אויף'ן פּלאַץ.

דער כיטרער גריכע האָט ניט אויסגעזאָגט זיינע מיטהעלפער, אז זיי וועל־
לען דאָ האָבען צו טהאָן מיט פרויען. ער האָט גערעכענט, אז דאָס איז פאַר
זיי ניט נויטיג צו וויסען. דאָס האָט איהם אָבער שפּעטער צו טהייער געקאָסט.

אַלע מאַטראָזען אויף דער "אינדיאַנאַ" זיינען געווען פּונקט אַזעלכע באַנ־
דיטען וויא זייער קאַפּיטאַן, דאָך האָבען זיי געציטערט פאַר איהם וויא פאַר'ן
טייוועל. אויף זיין בעפעהל פלעגען זיי געהן אין פייער און אין וואַסער, ניט
אוים איבערגעבענהייט צו איהם, נאָר פּשוט אוים מורא. דערפאַר פלעגען זיי
זיך ניט לאַנג האַלטען אויף דמיטרי'ס שיף און קריעגען נייע מיטהעלפער איז
איהם אימער אָנגעקומען זעהר שווער. זיין מאַנשאַפט פלעגט דעריבער אימער
זיין א קליינע, ניט מעהר וויא א צעהן אָדער צוועלף מענשען. און איצטער,
אויף זיין קורצער רייזע נאָך סמירנאַ, האָט ער זאָגאַר פון דיעזער קליינער צאָהל

ניט אַלע מיטגענומען. אויסער דיא פיער מאטראָזען וואָס זיינען מיט איהם מיט־געפאָהרען צו דער "וועסטא" איז אויף דער "אינדיאַנא" פערבליבען בלויז דער שטייערמאַן, דער טערק און נאָך איין מאטראָז.

אין עטליכע געצעהלטע מינוטען איז דמיטרי מיט זיינע מאטראָזען געווען ביי דער "וועסטא". דיא וועסטאַלקעס, וועלכע זיינען אַלע געווען אויסגעשטעלט אויף'ן דעק האָבען זיי אַראָבגעוואָרפען שטריק, מיט וועלכע דמיטרי און זיינע ארויסהעלפער האָבען זיך ארומגעבונדען, און דיא וועסטאַלקעס האָבען זיי גע־האָלפען ארויפקריכען אויף'ן דעק פון דער "וועסטא".

אָבער אזוי שנעל וויא דיא באנדיטען זיינען ארויף אויף'ן דעק און איי־דער זיי האָבען נאָך צייט געהאַט זיך ארויסצופּלאָנטערען פון דיא שטריק, האָבען זיך פינף און צוואַנציג רעוואָלווערען אויסגעשטעלט אַנטקעגען זייערע ברוסטען און אַ קלינגענדע שטימע האָט בעפאָהלען:

— קיין בעוועגונג, אויב איהר ווילט ניט דערשאָסען ווערען וויא דיא הינד!

דיעזער איבערפאַל איז געווען אַזוי אונערוואַרטעט, אַז דיא מאטראָזען האָ־בען זיך אַזוי פערלאָרען, אַז זיי האָבען איבערגעגעבען זייערע רעוואָלווערען און האָבען זיך געלאָזט פעסט ארומבינדען מיט דיא שטריק.

— לומפּען! — האָט געדונערט דמיטרי — דאָס זיינען ניט מעהר וויא פרויען!

אָבער אַלעס איז שוין געווען פערפאַלען. וואָלטען דיא מאטראָזען פון פריהער געוואוסט, אַז זיי האָבען דאָ צו טהאָן מיט פרויען, וואָלטען זיי זיך דאָך ניט געווען אַזוי פערלאָרען, כאָטש דער איבערפאַל איז געווען אַן אונערוואַרטע־טער. זיי האָבען אָבער גערעכענט, אַז געגען זיי שטעהן פינף און צוואַנציג יונגע קרעפטיגע מענער און זיי האָבען זיך געלאָזט פאַנגען וויא מייז.

דמיטרי אַליין האָט נאָך דער ערשטער איבערראַשונג דאָך אַ כאַפּ געטהאָן זיין רעוואָלווער, עס האָט אָבער אין דערזעלבער מינוט געקנאַלט אַ שאָס און דמיטרי'ס רעוואָלווער איז אין זיין האַנד צושאָסען געוואָרען אויף שטיקלעך.

דיעזען געלונגענעם שאָס האָט געציעלט דזשעסי מוריי, וועלכע האָט אַ שטיק צייט פערבראַכט אין דער "ווילדער וועסט" פון אַמעריקאַ און איז דאָרט בעטראַכט געווען פאַר דער בעסטער שיסערין.

באַלד איז אויך דמיטרי געווען געבונדען און איז געשטאַנען וויא אַ טיגער, האָט געקריצט מיט דיא ציין, האָט געפלוכט מיט דיא ערגסטע קללות, העלפען אָבער האָט ער גאָרניט געקענט.

דיא לעזער פערשטעהן שוין מסתמא, אַז דיא געשיכטע מיט'ן צובראָכענעם רודער איז געווען ניט מעהר וויא אַ קונץ ארויפצונאַרען דעם פרויען־הענדלער אויף דער "וועסטא". דיעזער פּלאַן איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פון דיא וועס־

טאָלקעס נאָך פון פריהער און ער האָט זיך גלענצענד איינגעגעבען, פיעל בעסער וויא זיי האָבען ערוואַרטעט.

ווייטער איז עס שוין צוגעגאַנגען גאַנץ שנעל. דמיטרי׳ס מאַטראָזען זיינען געבליבען אויף דער ״וועסטא״ און דמיטרי׳ן אַליין האָבען דיא וועסטאָלקעס מיטגענומען מיט זיך אין פיער שיפלעך אין וועלכע עס האָבען זיך אריינגע־זעצט 15 וועסטאָלקעס. דאָס זיינען זיי געפאָהרען צו דער ״אינדיאַנאַ״ אוועק־נעהמען פון דאָרטען דיא געפאַנגענע פרויען.

אין דערזעלבער צייט זיינען דיא צוויי קאַנאָנען פון דער ״וועסטא״ אָנגע־שטעלט געוואָרען געגען דער ״אינדיאַנאַ״ און דורך אַ שפּרעך־ראָהר האָט מיסס פעטערסאָן געלאָזט וויסען דעם טערק און דיא צוויי מאַטראָזען וואָס זיינען נאָך געווען אויף דער ״אינדיאַנאַ״, אַז זיי זאָלען ניט וואַגען זיך אַ ריהר צו טהאָן, אויב זיי ווילען ניט צושמעטערט ווערען צוזאַמען מיט דער שיף.

יענע האָבען זיך ניט שטאַרק געהאַמפּערט און האָבען באַלד געפאָלגט אַלע בעפעהלע. נאָך אַלעמען האָבען זיי דאָך געזעהן, אַז דיא שפּיעל איז פאַר׳ן טייוועל און אַז מיט זייער ווידערשטאַנד וועלען זיי גאָר ניט אויספיהרען. אין אמת׳ען, נאָכדעם וויא דער שרעקליכער דמיטרי מיט דיא מעהרסטע מאַטראָזען איז געפאַנגען און אויף דער ״אינדיאַנאַ״ זיינען פאַראַן נור דריי מענער, איז דאָך לעכערליך זיך צו שטעלען געגען אַ פאָר צעהנדליג מענשען און צוויי קאַ־נאָנען. דערצו האָבען זיי נאָך אויך ניט געוואוסט, אַז זיי האָבען צו טהאָן מיט פרויען.

דער שטייערמאַן האָט דעריבער באַלד פערלאָזען דיא ראָד און ער צוזאַמען מיט׳ן טערק און מיט דעם מאַטראָז האָבען זיך אַוועקגעשטעלט אויף׳ן דעק אַזוי, אַז דיא וועסטאַלקעס זאָלען אויף זיי דיא גאַנצע צייט קענען האָבען אַן אויג. אויף׳ן בעפעהל פון מיסס פעטערסאָן האָבען זיי אויך אַוועקגעוואָרפען זייערע וואַפען.

דיעזע אַלע בעפעהלע זיינען געגעבען געוואָרען נאָך איידער דיא מיידלעך זיינען צוגעקומען צו דער ״אינדיאַנאַ״. דמיטרי האָט זיך עטליכע מאָל געפּרובט צו ריידען צו זיינע לייט אויף דער שיף, אָבער דזשעסי מוריי און נאָך אַ מיידעל, אַ גוטע שיסערין, זיינען געשטאַנען ביי איהם פון ביידע זייטען מיט רעוואָל־ווערס ביי זיינע שלייפען און האָבען איהם געוואָרענט, אַז אויב ער וועט נור אויסריידען אַ וואָרט, וועט ער דערשאָסען ווערען אויף טויט.

דער פרויען־הענדלער האָט אויסגעזעהן וויא אַ צורייצטער ווילדער טי־גער, זיין כעס איז אָבער געווען אַזאַ וואָס האָט קיינעם ניט געקענט שאַדען.

איהם, דעם ביטרען דמיטרי׳ן זאָלען נארישע פרויען אָפּטהאָן אַזאַ שפּי־צעל! דאָס האָט דמיטרי זיך פאַר קיין פאַל ניט געקענט מוחל זיין. פאַר דיא עטליכע מינוטען וואָס עס האָט גענומען ביז דיא שיפלעך מיט דיא וועסטאַלקעס

זיינען צוגעקומען צו דער "אינדיאנא", האט זיך דמיטרי געבראכען דעם קאפ און געזוכט א פלאן, וויא זיך אויסצודרעהען פון זייערע הענד, אבער, וויא אויף להכעיס, איז איהם קיין זאך ניט איינגעפאלען.

דמיטרי'ן האט געמאטערט נאך איין פראגע: ווארום האבען איהם דיא מיידלעך געפאנגען און וואס איז דער צוועק פון זייער קומען אויף דער "אינדיאנא"? איהם האט גאר ניט געקענט איינפאלען, אז זיי ווייסען וועגען דיא געפאנגענע פרויען אויף זיין שיף.

ווען דיא פיער שיפלעך מיט דיא וועסטאלקעס און מיט דמיטרי'ן זיינען צוגעקומען צו דער "אינדיאנא" האבען זיי געגעבען א בעפעהל, אז דיא גאנצע מאנשאפט זאל ארויס אויף'ן דעק. זיי האבען זיך פאר קיין פאל ניט געקענט פארשטעלען, אז מעהר וויא דיא דריי מענער זיינען דארטען ניטא. ווען זיי האבען זיך אבער איבערציינגט אין דעם, זיינען זיי ארויף אויף'ן דעק. זעקס וועסטאלקעס מיט רעוואלווערען אין דיא הענד האבען ארומגערינגעלט דיא דריי לייטע און מיסס פעטערסאן מיט דיא איבריגע האבען אראפגעפיהרט דעם געבונדענעם שיפס־קאפיטאן אונטען און האבען איהם אונערווארטעט א פרעג געטהאן:

— וואו זיינען דיא פרויען?

דמיטרי איז בלאס געווארען וויא דער טויט. ער איז אבער באלד געקומען צו זיך, האט זיי פרעך אנגעקוקט און האט גאר ניט געענטפערט.

— וואו זיינען דיא פרויען? — האט שטרענג ווידערהאלט מיסס פעטערסאן, און ווען ער האט אויך דאס מאל ניט געענטפערט, האט זיא א וואונק געטהאן צו דזשעסי מוריי.

עס האט א קנאל געטהאן א רעוואלווער און וויא א פייערדיגער בליץ איז פארבייגעפלויגען דמיטרי'ס אויגען אזוי נאהענט, אז ער האט געמיינט, ער איז בלינד געווארען. דאס האט איהם דזשעסי געציינגט איהר קונסט צו שיסען מיט א ווארנונג, אז דיא צווייטע קויל וועט קומען צו איהם נאך נעהנטער.

דמיטרי האט געזעהן, אז ער איז פערלארען, און ער האט בעשלאסען כאטש עטוואס צו ראטעווען. ער האט אנגעהויבען שטעלען בעדינגונגען:

— גוט! — האט ער געזאגט — איך וועל אייך דיא פערדאמטע פרויען ארויסגעבען, אבער בלויז אונטער דער בעדינגונג, אז איהר וועט מיך און מיינע מאטראזען לאזען פריי. דיא פרויען זיינען אזוי גוט בעהאלטען, אז איהר וועט זיי קיין מאל אין אייער לעבען אליין ניט געפינען, און אויב איהר ווילט זיי בעפרייען, קענט איהר זייער פרייהייט קויפען נור מיט אונזער פרייהייט.

דיא וועסטאלקעס איז אייגענטליך גאר קיין מאל ניט איינגעפאלען צו נעהמען געפאנגען דיא מאנשאפט פון דער "אינדיאנא" און זיי האבען איינגעשטימט צו דמיטרי'ס פארשלאג. זיי האבען אין דער מינוט קיין צייט ניט גע־

האט זיך צו בעטראכטען, אז ווען דיא פרויען־הענדלער וועלען בלייבען פריי, וועלען זיי זוכען א געלעגענהייט צוריק צו קריגען זייערע שקלאפינען און זיך אברעכענען מיט דיא וועסטאלקעס.

זיי זיינען אין דער מינוט געווען אזוי פער׳שכור׳ט פון זייער געלונגענעם איבערפאל, אז זיי האבען פון קיין זאך ניט געטראכט.

דמיטרי האט זיי אראבגעפיהרט אין אונטער־דעק פון שיף. האט אויפגע־הויבען א געהיימע טהיר אין דער וואנד און פאר דיא ערשטוינטע וועסטאלקעס האט זיך פארגעשטעלט א שרעקליך בילד: אין אן ענגען, שמוציגען, פינסטערען קעמערל זיינען געלעגען צוזאמענגעדריקט עפעס מענשליכע געשטאלטען; זיי זיינען געווען אזוי צוזאמענגעדריקט, אז עס איז געווען א וואונדער, וויא זיי זיי־נען דארט ניט דערשטיקט געווארען.

דיעזעס בילד האט אזוי אויפגערעגט דיא אמעריקאנער מיידלעך, אז זיי זיינען גרייט געווען דעם שקלאפען־הענדלער צוצורייסען אויף שטיקער. עס איז אבער קיין צייט ניט געווען איצטער זיך אבצורעכענען מיט איהם, ווייל עס איז געווען פיעל וויכטיגער וואס גיכער צו בעפרייען דיא אונגליקליכע פרויען.

מיט גרויס מיה איז עס דיא וועסטאלקעס געלונגען צו בעווייזען יענע אונגליקליכע בעשעפעגישען, אז זיי זיינען פריי, און ווען זיי זיינען שוין ענדליך איבערצייגט געווארען אין דעם, זיינען זיי שיער פון זינען ניט אראב פאר פרייד. זיי האבען זיך געווארפען צו דיא פיס פון זייערע בעפרייער און מיט גאנצע שטראמען טרעהרען זיי געדאנקט אין פערשיעדענע שפראכען.

מיר זאגען: "אין פערשיעדענע שפראכען", ווייל דיא דאזיגע אכטצעהן אונגליקליכע פרויען האבען בעלאנגט צו פערשיעדענע נאציאנען, זיינען גע־קומען פון פערשיעדענע לענדער און האבען גערעדט דיא פערשיעדענסטע שפרא־כען. בלויז א פאר פון זיי האבען גערעדט ענגליש. דאך האבען זיי זיך וויא עס איז פערשטאנען.

איין פרויענצימער, געקליידעט וויא א טערקין אדער אראבערין, האט אין היסטערישער פרייד אויסגערופען:

— אה, איך האב געוואוסט, אז גוטע מענשען וועלען אונז בעפרייען. דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז מיין בריוועל איז אנגעקומען אין ריכטיגע הענד.

— אלזא, ביזטו עס דיא סולימא? — האט עלען געפרעגט.

— יא, מיין הערר! איך האב געוואוסט, אז דיא העררען, צו וועלכע איך האב אראבגעווארפען דאס קוויטעלע, זיינען ענגלענדער, ווייל איך האב זיי געהערט ריידען ענגליש. איך וויים, אז איהר, ענגלישע מענער, ליידעט ניט קיין שקלא־פעריי און איהר טהוט אלעס פאר אונגליקליכע פרויען.

— נו, מיר זיינען גראד ניט קיין ענגלענדער — האָט מיט אַ שמייכעל גע־ענטפערט עלען — און...

אָבער דאָ האָט זיך סולימאַ איינגעקוקט אין איהר און האָט מיט ערשטוי־נונג אויסגעשריען:

— גאָט מיינער, איהר זיינט דאָך גאָר אַ פרוי!

און דאַן בעטראַכטענדיג דיא איבריגע וועסטאַלקעס איז זיא נאָך מעהר ער־שטוינט געוואָרען.

— און אויך זיי זיינען פרויען — האָט זיא קוים אויסגעשטאַמעלט פאַר איבעררעשונג — זיינט איהר אפשר טאַקע דיעזעלבע דאַמען, צו וועלכע איך האָב מיין בריוועל אַראָבגעוואָרפען?

— וועגען דעם אַלעמען וועלען מיר שפּעטער ריידען — האָט געזאָגט עלען — קומט!

אַלע זיינען אַרויס אויף'ן דעק. אין איילעניש האָט מען אַלע אַכטצעהן בעפרייטע מיידלעך אריינגעזעצט אין דיא שיפלעך, נאָך זיי זיינען אריין אין דיא שיפלעך אויך דיא וועסטאַלקעס און האָבען מיטגענומען אויך דעם גע־בונדענעם דמיטרי'ן. דאָס האָבען זיי געטהאָן צוליעב זיכערהייט, אויס מורא, אַז ווען ער וועט בלייבען אויף דער שיף, זאָל ער הינטען־אַרום זיי עפּעס ניט אָבטהאָן.

מיט יובעל־געשרייען זיינען דיא פרויען בעגעגענט געוואָרען אויף דער "וועסטאַ".

מען האָט באַלד געמאַכט אויף דער "וועסטאַ" אַלע פאָרבערייטונגען אָב־צופאָהרען און ערשט, ווען דיא שיף האָט זיך שוין געריהרט פון אָרט, האָט מען אַרונטערגעלאָזט אין דיא שיפלעך דיא געבונדענע מאַטראָזען. מען האָט זיי אַראָבגעלאָזט געבונדענערהייד צוליעב זיכערהייט.

אָבער דיעזע פאָרזיכטיגקייט איז ניט נויטיג געווען. פון דער ווייטענס האָבען זיך בעוויזען צוויי שיפען. דאָס זיינען געווען דער "אַמאָר" און דער "בליץ".

ביידע שיפען זיינען געגאַנגען מיט דער גרעסטער שנעלקייט אין דער ריכטונג פון דער "וועסטאַ".

עלען פעטערסאָן האָט באַלד געקראָגען אַ פערדאַכט, אַז דיעזע רייזע פון דיא צוויי שיפען מוז האָבען אַן אורזאַכע, אַז אויף ביידע שיפען מוז מען וויסען וועגען דעם פּלאַן פון דער "וועסטאַ" און אַז דאָס קומען דיא מענער זיי צו הילף.

דיא גאַנצע בעגייסטערונג צוליעב דעם געלונגענעם איבערפאַל אויף דער־שקלאַפען־הענדלערישער שיף און צוליעב דער בעפרייאונג פון דיא פערשקלאַפטע פרויען, איז ביי איהר מיט איין מאָל פערשוואונדען. זיא האָט זיך ווידער

דערמאָהנט, אַז זיא איז אַרומגערינגעלט מיט געהיימניסע און פערךעטהער און ווידער אמאָל איז איהר פערדאכט געפאַלען אויף יאָהאַנאַ לינד.

זיא האָט דורכדרינגענד אַ קוק געטהאָן אויף יאָהאַנאַ'ן, אָבער יענע איז געשטאַנען קאַלטבלוטיג און ניט געריהרט.

דער ערשטער געדאַנק ביי עלען איז געווען צו נעהמען יאָהאַנאַ'ן אויף אַ שטרענגען פערהער און איין מאָל פאַר אַלע מאָל וויסען, וואו זיא איז אין דער וועלט. זיא האָט זיך אָבער באַלד איבערלעגט און בעשלאָסען ווייטער צו שווייגען און שטילערהייד אַלעס אויסצוגעפינען.

זיא האָט זיך אויך דערמאָהנט אָן איהר בעשלוס צו שטאַרבען נאָך דער בעפרייאונג פון דיא ווייסע שקלאַפינען, אָבער אַ שטימע טיעף אין איהר הארצען האָט געזאָגט:

— ניין, עלען, ווערסט ניט שטאַרבען! זעה, וויא פיעל גוטעס דוא קענסט אויפטהאָן! זעה, וויא מענשען זיינען אונגליקליך און וואָס בעדייטעט דיין אונגליק אין פערגלייך מיט זייערען! אום צו מאכען גליקליך בלויז אָט־דיעזע עלענדע פרויען איז ווערטה צו ליידען און לעבען!

עלען האָט געפיהלט, אַז איהר בעשלוס צו שטאַרבען ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער.

10טעם קאַפּיטעל.

אַ פערשקלאַפטע ווילדע קעניגין

ווען דיא וועסטאַלקעס האָבען דערזעהן פון ווייטענס דעם "אמאָר" און דעם "בליץ", זיינען זיי אַלע ערשטוינט געוואָרען ניט וועניגער פון זייער קאַפּי־טאַנשע. זיי זיינען אָבער געווען העכסט צופריעדען, וואָס דיא מענער קומען איצטער און וועלען קענען בעוואונדערען זייער העלדענטהאַט. זיי האָבען גע־וואָלט לאָזען דיא "וועסטאַ" געהן לאַנגזאַמער, אום יענע שיפען זאָלען צו איהר קענען צוקומען, אָבער עלען פעטערסאָן האָט שטרענג בעפוילען צו טרייבען ווייטער דיא שיף מיט דער פולער שנעלקייט צו אַ געוויסען האַפען ביי איינעם פון דער גרופּע אינזלען, וועלכע מען רופט דיא גריכישע אינזלען. דעם האַפען האָ־בען זיי געקענט דערגרייכען העכסטענס אין אַ שטונדע אַרום.

פון דער "אינדיאַנאַ" האָט מען אויך בעמערקט דיא אָנקומענדע "אמאָר" און "בליץ" און דמיטרי האָט גערעכענט, אַז עס לוינט זיך איהם וואָס גיכער צו פערשווינדען און זיך ניט בעגעגענען מיט זיי.

אַזוי שנעל וויא דיא "אינדיאַנאַ" איז פערשוואונדען, האָט אויך דער "בליץ" זיך צוריק אומגעקעהרט נאָך דעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער האַפען. נור דער "אמאָר"

האט נאכגעפאלגט דער "וועסטא", ער האט זיא אבער ניט געקענט אניאגען, ביז זיא איז ניט אריינגעקומען אין האפען.

ערשט דא זיינען לארד הארלינגטאן און פיעלע, פון דער מאנשאפט פון דעם "אמאר" ארויף אויף דער "וועסטא".

— גוט מארגען! — האט דער פרעהליכער וויליאמס אויסגעשריען ארויפ־קומענדיג אויף'ן דעק פון דער "וועסטא", וואו עס זיינען געווען אויסגעשטעלט אלע וועסטאלקעס און דיא פרויען וואס זיינען בעפרייט געווארען פון דער "אינדיאנא" — גוט מארגען, וואס האט איהר דארט געהאט צו טהאן מיט עפעס א שיף, ווען מיר זיינען אנגעקומען? איהר האט-אויפגענומען פאסאזשירען אדער איהר האט דיא שיף בערויבט?

— מיר האבען דיא שיף בערויבט — האט מיסס טהאמפסאן פרעהליך געענטפערט.

— פשוט בערויבט?

— יא, פשוט בערויבט.

און דא האט זיא פאר אלע גענומען דערצעהלען, וויא אזוי זיי האבען זיך דערוואוסט, אז דיא "אינדיאנא" פיהרט געפאנגענע פרויען, וויא זיי האבען בעשלאסען דיא פרויען צו בעפרייען און וויא זיי האבען זייער בעשלוס דורכ־געפיהרט.

דערצעהלען דיא געשיכטע האט ביי איהר גענומען זעהר לאנג, ווייל זיא האט אלעם דערצעהלט מיט דיא גענויעסטע איינצעלהייטען און דערצו האבען דיא איבריגע וועסטאלקעס אלע מאל איהר איבערגעשלאגען דיא רייד און גע־מאכט פערשיעדענע בעמערקונגען און פיעלעס איבערגעגעבען נאך אמאל אויף זייער אייגענעם שטייגער.

דיא אמעריקאנער מיידלעך זיינען פשוט געווען פער'שכור'ט פון זייער זיעג און זיי האבען געוואלט ארויסוויייזען וואס מעהר שטאלץ געגען דיא מענער.

לארד הארלינגטאן האט זיך מיט א פארוואורף שטיל געווענדעט צו עלען פעטערסאן:

— ווארום האט איהר מיר ניט געלאזט וויסען וועגען דעם פלאן? איהר זיינט דאך געשטאנען אין דער גרעסטער געפאהר. איהר האט גאר קיין בעגריף ניט וואס עס וואלט געווען, ווען אייך וואלט אייער פלאן ניט געווען געלונגען. מיך שוידערט פשוט, ווען איך טראכט נאך איצטער וועגען דעם.

— לארד! — האט עלען שטיל געזאגט — דא האט עס זיך העכסטענס געהאנדעלט וועגען מיין לעבען.

— איז דאס וועניג?

— זעהר וועניג.

— גאט מיינער, האט איהר אם וועניגסטען געטראכט וועגען מיר, אויב

איהר האָט שוין ניט געטראַכט וועגען זיך? ווייסט איהר, אז איך וואָלט אזא אונגליק קיין מאָל ניט איבערגעלעבט?

עלען האָט בלויז אַ מאַך געטהאָן מיט דער האנד.

— אָבער — האָט ער ווייטער געזאָגט — דיא געפאַהר איז דאָך געוועזען שרעקליכער וויא איהר קענט זיך גאָר פאָרשטעלען. דאָ האָט זיך געהאַנדעלט ניט נור וועגען לעבען און טויט, נאָר וועגען... פיעל ערגערס.

— נאָך ערגערס? וואָס איז דאָס?

— פשוט: איהר וואָלט געטהיילט דעם שיקזאַל פון דיעזע אונגליקליכע, איהר און אַלע אייערע פריינדינען.

ער האָט דערביי אָנגעצייגט אויף דיא בעפרייטע פרויען.

עלען האָט אַ ציטער געטהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער.

— לאָרד — האָט זיא געזאָגט מיט אַ פערשטיקטער שטימע — אַלץ מעהר און מעהר איבערצייג איך זיך, אַז איהר ווייסט וועגען מיר פיעל מעהר וויא איך אַליין. איז דאָס אמת?

האַרלינגטאָן האָט געשוויגען.

עלען האָט איהם בעטראַכט אַ ווייל און דאַן געזאָגט:

— וועט איהר מיר פיליכט ענטפערען אויף אַן אַנדער פראַגע?

— מעגליך.

— האָט איהר געוואוסט וועגען דעם, אַז מיר קלייבען זיך צו בעפאַלען דעם פרויען־הענדלער?

האַרלינגטאָן האָט אַ פאָר מינוט וויא געקעמפפט מיט זיך, אָבער ער האָט ענדליך פעסט געזאָגט:

— ניין.

אַן זיין ענטפער האָט עלען פערשטאַנען, אַז ער האָט איהר ניט געזאָגט דעם אמת, זיא האָט זיך אָבער געמאַכט ניט וויסענדיג און האָט קאַלט געזאָגט:

— יאַ, איך האָב שיער ניט פערגעסען. איך האָב צו אייך אַ בקשה. צווישען דיא פרויען וואָס געפינען זיך דאָ איז פאַראַן איינע אַ ניגערטע, מיט וועלכער קיינער קען זיך ניט צוזאַמענרעדען. מיר האָבען דאָ פרויען וואָס רעדען דיא פערשיעדענסטע שפּראַכען: טערקיש, אַראַביש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, רוסיש, דייטש און אידיש. מיט זיי אַלע האָבען מיר זיך וויא עס איז צונויפגערעדט. דיא ניגערטע איז אָבער דיא איינציגע וואָס פערשטעהט ניט קיינע פון דיא דערמאָנטע שפּראַכען. אימיצער האָט מיר געזאָגט, אַז אייער שוואַרצער דיענער, וועלכען איהר פיהרט מיט זיך, איז אַ געבוירענער פון אַפריקאַ און אַז ער פערשטעהט נאָך דיא שפּראַכען פון איינינע נעגער־שבטים, אויף

וועלכע זיי ריידען ביי זיך אין דער היים, אין אפריקא. איך וואָלט אייך דערי־בער געוואָלט בעטען אריבערצובריינגען אהער אייער דיענער.

— אה, מיט פערגניגען! — האָט געזאָגט הארלינגטאָן און איז אוועק ערפילען עלען׳ס ביטע.

עלען איז צוגעגאנגען צו דיא בעפרייטע פרויען.

אין דער צייט וואָס עלען האָט גערעדט מיט הארלינגטאָן׳ען און דיא איבריגע וועסטאלקעס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דיא בעפרייטע פרויען, האָבען זיך ווי־ליאמס, הענדריקס און נאָך א פּאָר אביסעל דערוויטערט און זיך גענומען טהיי־לען מיט זייערע איינדריקע וועגען דיא בעפרייטע.

— אַלע קאַלירען און פארבען זיינען דאָ פערטראָטען — האָט וויליאמס געזאָגט — פון שנעע־וויים ביז׳ן טיעפסטען שווארץ. אָבער זעהט נור דאָרט דיא ריעזיגע ניגערטע! זעהט נור איהרע אויגען! זיי ברענען ווי ביי א ווילדע חיה. איך ווייס ניט, וויא איהר — איך וואָלט מורא געהאט צו איהר זיך צוצוריהרען. איך בין זיכער, אז זיא בייסט זיך.

דאָ האָט ער בעמערקט, וויא עלען קומט צו זיי צו און ער האָט איהר געזאָגט:

— מיסס פעטערסאָן, אויב איהר האָט ניט גענוג פּלאץ פאר זיי, וועלען מיר א טהייל פון זיי אריבערנעהמען אויף׳ן ״אמאָר״. זיי וועלען ביי אונז לעבען וויא גאָט אין פּאריז.

— נאָך דאָס פעהלט אונז — האָט א בורטשע געטהאָן לאָרד הייס־טינגס — טאָמער פיהלען מיר זיך פריי און בעקוועם, וועט ער דאָרט מאכען א דאמען־סאלאָן.

עלען האָט דערהערט הייסטינגס בעמערקונג און האָט מיט א שמייכעל געזאָגט:

— זייט רוהיג, לאָרד הייסטינגס, אפילו ווען איהר זאָלט זיי וועלען, וועלען מיר זיי אייך אויך ניט געבען. מיר קענען אליין זאָרגען וועגען זיי.

— און אונז וועט איהר אפילו קיין ברעקעל מצוה ניט לאָזען פערדיענען? — האָט מיט א געמאכטער וויינענדער שטימע געזאָגט הענדריקס.

עלען האָט זיך ניט־ווילענדיג צולאכט.

— אויב אייך ווילט זיך דוקא פערדיענען א שטיקעל מצוה, וועלען מיר אייך טהון א טובה און אייך ערלויבען אונז צו בעגלייטען אויף אונזער רייזע, וועלכע מיר קלייבען זיך צו מאכען, אום אָבצופיהרען א פּאָר פון דיעזע פרויען אין זייערע היימען.

— הורראה! — האָבען אויסגעשריען דיא ענגלענדער.

זיי זיינען אלע צוגעגאנגען צו דיא פרויען, וועלכע זיינען געווען פער־זאמעלט ארום דער נעגערין. דיא בעפרייטע פרויען זיינען שוין אביסעל געקור־

מען צו זיך און אייניגע האָבען זיך שוין דאָ געפיהלט גאַנץ היימיש. איבער־הויפּט האָט זיך געהאַלטען היימיש סולימאַ, וועלכע איז געווען דיא איבערזעצערין און פערמיטלערין, ווייל זיא האָט גערעדט ענגליש, פראַנצויזיש, טערקיש און אַראַביש און דורך איהר האָבען זיך דיא וועסטאַלקעס צוזאַמענגערעדט מיט דיא מעהרסטע בעפרייטע פרויען.

בלויז דיא ניגערטע האָט זיך געהאַלטען וויא אַ ווילדע חיה. איצטער האָט מען ווידער געפּרובט רעדען צו דער ניגערטע אין פערשיעדענע שפּראַכען, אָבער זיא האָט, וויא עס האָט געשיינט, גאָר ניט פערשטאַנען. זיא האָט אויף יעדען געקוקט מיט איהרע ברענענדע אויגען און האָט קיין איינציגען קלאַנג ניט אַרויסגעלאָזט פון מויל.

— אַט אַזוי האָט זיא זיך פערהאַלטען אויך צו אונז וועהרענד דער גאַנצער צייט וואָס מיר זיינען געווען געפאַנגען צוזאַמען — האָט סולימאַ געזאָגט — זיא האָט דיא גאַנצע צייט ניט אַרויסגערעדט קיין איין־איינציג וואָרט.

— וויא האָט זיא זיך איבערהויפּט געהאַלטען? — האָט איינע פון דיא וועסטאַלקעס געפרעגט.

— זיא איז געווען צוריקגעהאַלטען און שטאָלץ — האָט סולימאַ געענטפערט — בעזאָנדערס האָט זיא זיך געהאַלטען שטאָלץ מיט דיא שקלאַפען־הענדלער און מיט דיא וועכטער, וועלכע האָבען אונז געבראַכט עסען און האָבען אונז בעדיענט. עס פלעגט זיך טרעפען, אַז איינער פון דיא לומפּען פלעגט וועלען ווערען מיט איהר היימישער, פלעגט זיא וואַרפען אויף איהם אַזאַ ווילדען בליק, אַז ער פלעגט מיט מורא צוריקטרעטען. אַ דאַנק דעם וואָס מען האָט פאַר איהר מורא געהאַט, האָט מען אונז אויך געלאָזט צו־רוהע, וואָרים אויך דאַן, ווען מען פלעגט בעליידיגען איינע פון אונז, פלעגט זיא אויפשפּרינגען מיט אַזאַ כעס, אַז מען האָט מורא געהאַט מיט איהר זיך אָנצופאַנגען.

— איך האָב אַמאָל געזעהן — האָט נאָך איינע פון דיא בעפרייטע פרויען בעמערקט — אַז דיא ניגערטע האָט אַמאָל אַרויסגעשלעפּט פון איהרע האָר אַ קליינינקען קינזשאַל און האָט איהם אויפמערקזאַם בעטראַכט. ווען זיא האָט בעמערקט, אַז איך זעה אַלעס, איז זיא צו מיר צוגעגאַנגען, האָט דראָהענד אויסגערעדט עטליכע ווערטער און מיר אָנגעצייגט אויף׳ן קינזשאַל. איך האָב זיך אָנגעשטויסען, אַז זיא וויל מיך וואָרענען, איך זאָל זיא ניט פערראַטהען, אַלא ניט, וועט זיא מיך טויטען. נאַטירליך איז מיר קיין מאָל ניט גאָר ניט איינגעפאַלען זיא צו פערראַטהען.

אין דער מינוט האָט זיך לאָרד האַרלינגטאָן אומגעקעהרט אויף דער „וועסטאַ" מיט זיין שוואַרצען דיענער האַניבאַל.

האַניבאַל איז געווען אַ מערקווירדיגער ניגער און ער האָט נאָך אַלס יונגער

בחור'על זיך בעטהייליגט אין א פּאסירונג, וועלכער האָט אין יענער צייט, צוריק מיט א יאָהר עטליכע און דרייסיג, אויפגערודערט גאנץ אמעריקא.

דאָס איז געווען אין יאָהר 1839, ווען א שיף מיט ניגער־שקלאַפען, וועל־כע מען האָט פערשלעפּט פון א געגענד אין וועסט אפריקא, איז אָנגעקומען אין קובא. דאָרט זיינען זיי פערקויפט געוואָרען צו צוויי שפּאַניער, וועלכע האָבען זיי איבערגעפיהרט אויף אַן אנדער שיף און געלאָזט זיי אָבפיהרען נאָך זיד אמעריקא. דעם קוכער פון דער שיף איז איינגעפאלען צו מאכען א שפּאַס מיט דיא ניגערס און ער האָט זיי דערצעהלט, אז ווען זיי וועלען קומען אויף'ן פּלאַץ, וועט מען זיי קוילען און אויפעסען. דאָס האָט דיא אונגליקליכע שקלאַפען געבראַכט צו דער העכסטער שטופע פון פערצווייפלונג.

צווישען דיא שקלאַפען האָט זיך אויך געפונען א הויפּטלינג (טשיעף) פון א שבט. ער האָט זיך צוזאמענגערעדט מיט דיא איבעריגע חברים זיינע און זיי זיינען אונגערוואָרטעט בעפאלען דיא אָנגעשטעלטע אויף דער שיף, האָבען ערמאָרדעט דעם קאַפּיטאַן און פיעל מאַטראָזען און האָבען פערכאַפּט דיא שיף. דיא צוויי שפּאַנישע בעלי הבתים פון דער שיף האָבען זיי געלאָזט לעבען.

דער ניגערשער הויפּטלינג, וועלכער האָט נאָך דער זון בעמערקט, אז פון אפריקא זיינען זיי געפאָהרען נאָך מערב (וועסט), האָט איצטער געצוואונגען דיא מאַטראָזען צו פיהרען דיא שיף צוריק נאָך מזרח (אָסט). אָבער אזוי וויא ער האָט קיין בעגריף ניט געהאַט וועגען דעם געברויך פון קאָמפּאַס און האָט בײנאַכט, נאָך זונען־אונטערגאַנג, ניט געקענט וויסען, וואו ער איז אין דער וועלט, האָבען איהם דיא שפּאַניער אָבגענאַרט און האָבען דיא שיף געבראַכט נאָך דיא פעראייניגטע שטאַאטען (אין ניו לאָנדאָן).

דאָ האָט מען זיי ארעסטירט, ווייל זיי זיינען פאָרגעקומען צו פערדעכטיג. דאָס איינציגע, וואָס מען האָט פון זיי געקענט דערגעהן, איז געווען: "סיערא לעאָנע!" (א לאַנד אין וועסט אפריקא, וואָס בעלאַנגט איצטער צו ענגלאַנד). לויט דער פאָדערונג פון דיא שפּאַניער, האָט מען דיא ניגערס געשטעלט צום געריכט פאַר רויבעריי אויף'ן ים און עס וואָלט מיט זיי געהאַלטען שמאָל, ווען פיעלע פראָמינענטע פערזאָנען וואָלטען זיך ניט פעראינטערעסירט מיט זיי.

עס איז געלונגען צו געפינען א נעגער, וואָס האָט פערשטאַנען זייער שפּראַך און דיא גאַנצע געשיכטע איז קלאָר געוואָרען. אין געריכט זיינען דיא אָרימע שקלאַפען פערטהיידיגט געוואָרען פון דיא בעריהמטעסטע אדוואָקאַטען. איינער פון זייערע אדוואָקאַטען איז געווען דער געוועזענער פּרעזידענט פון דיא פער־איינינגטע שטאַאטען, דזשאָהן קווינסי עדעמס.

געלד איז געזאמעלט געוואָרען איבעראַל און מיט דעם געלד האָט מען געפיהרט דעם פּראָצעס און מען האָט דערמיט אויך אויסגעהאַלטען און געלערענט דיא שקלאַפען.

אין צוויי יאָהר ארום האָט דאָס העכסטע אמעריקאַנער געריכט ענדליך אַרויסגעגעבען אַן אורטהייל, דיא סיעראַ־לעאָנער זאָלען בעפרייט ווערען און עטליכע מיסיאָנערען זיינען מיט זיי אָבגעפאָהרען צוריק נאָך סיערא לעאָנע.

צווישען דיעזע בעפרייטע סיעראַ־לעאָנער האָט זיך אויך געפונען אונזער האַניבאַל. ער איז נאָך דאַמאָלס געווען גאָר אַ יונגער בחור'על און האָט ניט געהייסען האַניבאַל. דעם נאָמען "האַניבאַל" האָט ער געקראָגען פון לאָרד האַר־לינגטאָן, ווען ער איז צו איהם אָנגעקומען אַלס דיענער.

דיא רייזע, וואָס האַניבאַל האָט אין זיין יוגענד דורכגעמאַכט אויף דער שקלאַפען־שיף האָט איהם פערשמעקט און ער האָט זייט דאַן פיעל געוואַנדערט, דיענענדיג ביי פערשיעדענע רייזענדע איבער אַפריקאַ.

ביי דיא מיסיאָנערען האָט ער זיך אויסגעלערענט ענגליש און רייזענדיג איבער פערשיעדענע געגענדען פון אַפריקאַ האָט ער זיך אויסגעלערענט פיעלע ניגערשע שפּראַכען.

ווען ניגער־שקלאַפעריי איז אָבגעשאַפט געוואָרען אין דער גאַנצער צי־וויליזירטער וועלט, האָט האַניבאַל זיך אויך אַרויסגעלאָזט רייזען איבער אייראָפּאַ און אַמעריקאַ. לאָרד האַרלינגטאָן האָט איהם בעגעגענט ערגיץ אין זיד־אַמעריקאַ, וואו האַניבאַל איז געווען בעשעפטיגט אַלס קונצען־מאַכער. דער פרעהליכער ניגער, אָבוואָהל ער איז שוין געווען ביי 50 יאָהר אַלט, האָט שטאַרק אויסגע־נומען ביים לאָרד און ער האָט איהם גענומען צו זיך אַלס דיענער און האָט זיך מיט איהם ניט צושיידט פאַר דיא לעצטע פינף יאָהר.

מיט אונגעדולד האָבען אַלע ערוואַרטעט אויסצוגעפינען דורך האַניבאַל'ען דאָס געהיימניס פון דער בעפרייטער ניגערטע. אָבער דאָס וואָס עס איז פאָר־געקומען צווישען האַניבאַל'ען און זיין לאַנדס־פרוי האָט איבערגעשטיגען אַלעס וואָס מען האָט נור געקענט ערוואַרטען.

ווען דיא ניגערטע האָט דערזעהן האַניבאַל'ען, האָט זיא זיך שנעל אויפ־געהויבען און האָט איהם בעטראַכט אַביסעל מיט ערשטוינונג, אַביסעל מיט פרייד. באַלד האָט זיא זיך אָבער צוריק אוועקגעזעצט און האָט אָבגעקעהרט פון איהם דעם קאָפּ.

האַניבאַל איז צו איהר לאַנגזאַם צוגעגאַנגען, האָט זיא בעטראַכט און האָט איהר עפּעס געזאָגט. וויא אַן אונטערגעשאָסענע איז דיא ניגערטע אויפ־געשפּרונגען. וויא עס האָט געשיינט, האָט זיא פערשטאַנען, וואָס האַניבאַל רעדט צו איהר און האָט איהם באַלד געענטפערט. זיי האָבען גענומען ריידען צווישען זיך.

דער געשפּרעך איז, וויא עס האָט אויסגעוויזען, געווען אַ גאַנץ פריעדלי־כער און זאָגאַר אַ פריינדליכער. פּלוצלונג אָבער איז דיא ניגערטע אויפגע־שפּרונגען, האָט אַרויסגעכאַפּט פון צווישען איהרע גערדיכטע, געקרייזעלטע האָר

א קליינינקען קינזשאַל, האָט וויא א טיגערין א שפּרונג געטהאָן צו האניבאל'ען און האָט הויך אויפגעהויבען דעם קינזשאַל איבער זיין קאָפּ.

אַלע האָבען זיך פערלאָרען פון דיעזען אונערוואַרטעטען איבערפאַל. בלויז לאָרד הארלינגטאָן האָט שנעל וויא א בליץ זיך א וואַרף געטהאָן צווישען זיין דיענער און דער צורייצטער ניגערטע. ער האָט זיא געוואָלט אָנכאַפּען ביי דער האנד און ביי איהר אַרויסרייסען דעם קינזשאַל, אָבער האניבאל האָט איהם אָבגעשטויסען, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דיא קניע פאַר דער ניגערין און האָט געעפענט דיא ברוסט אַנטקעגען איהר קינזשאַל.

דיא ניגערטע איז א פּאָר מינוט געשטאַנען לעבען איהם מיט אַן אויפ־געהויבענער האנד און האניבאל האָט געהאַלטען אין איין ריידען צו איהר. ענדליך האָט דיא ניגערטע דיא האנד אַראָבגעלאָזט, האָט געזאָגט עפּעס האני־באל'ען אויף זייער אונפערשטענדליכער שפּראַך און האָט זיך אויפגעהויבען.

— וואָס טהוט זיך דאָ, האניבאל ? — האָט מיט ערשטוינונג געפרעגט לאָרד הארלינגטאָן.

— לאָרד — האָט מיט עהרפורכט געזאָגט האניבאל — דאָס איז דיא קע־ניגין מעדאָבאַ פון סיערא לעאָנע.

— דיא קעניגין ? — האָבען אַלע ערשטוינט אויסגערופען.

— יא — האָט געענטפערט האניבאל — און מיט איהר ערלויבניס וועל איך אייך דערצעהלען איהר געשיכטע.

— דערצעהלט ! — האָבען אַלע געבעטען.

און האניבאל האָט גענומען דערצעהלען :

„אין דיא דאַמאָלדיגע צייטען, ווען עס איז נאָך געווען אין פולען ברען דער האנדעל מיט שקלאַפען, איז סיערא לעאָנע געווען איינער פון דיא רייכסטע מאַרקען פאַר דיעזען האנדעל. שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע שיפען פלעגען אָהן אויפהער קומען צום וועסטליכען ברעג פון אַפריקא און פון דאָרטען אָבפאָהרען אָנגעלאָדען מיט הונדערטע שקלאַפען. קויפען דיא שקלאַפען פלעגט מען ביי דיא הויפּטלינגע פון דיא שבטים און דיא הויפּטלינגע פלעגען דיא סחורה קריע־גען אין מלחמה. דיא לוסט צו געלד האָט זיך ביי דיא הויפּטלינגע אַלץ מעהר צוברענט און אום דיא לוסט צו בעפריעדיגען פלעגען, זיי אָהן אויפהער פיהרען מלחמות צווישען זיך, פערכאַפּען שקלאַפען און זיי נאָכדעם פערקויפען צו דיא אייראָפּעאישע שקלאַפען־הענדלער. טויזענדער סיערא־לעאָנער פלעגען אויף אַזאַ אופן אַוועקגעשלעפּט ווערען אין שקלאַפעריי און צעהנדליגע טויזענדע פלעגען צוליעב דעם שקלאַפען־האנדעל ערמאָרדעט ווערען אין דיא שטענדיגע מלחמות.

„אויסערדעם פלעגען פון דיא נאָהענטע מחמד'נישע לענדער אָפט פּאַרקו־מען איבערפאַלען אויף סיערא לעאָנע און גאַנצע געגענדען פלעגען מיט איין מאָל פערוויסטעט ווערען און פיעלע איינוואָהנער ערמאָרדעט וועָרן און אַוועק־

געפיהרט ווערען אין שקלאַפעריי. דער שקלאַפען־מארק אין סודאַן און אין דיא ארומיגע מחמד'אנישע לענדער איז אימער געווען איבערפילט מיט דיא שקלאַפען פון סיערא לעאָנע און נאָהענטע געגענדען.

"אויך נאָכדעם וויא ענגלאנד, וועלכע האָט פריהער געהאַט בלויז דיא אויבערזיכט איבער סיערא לעאָנע, האָט פערבאָטען דיא שקלאַפעריי, זיינען נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען דיא בלוטיגע מלחמות צוליעב שקלאַפען.

"איהר דאַרפט וויסען, אַז אין סיערא לעאָנע האָבען דיא פרויען גלייכע רעכטע מיט דיא מענער און זיי קענען גלייך מיט דיא מענער ערוועהלט ווערען אַלס הויפּטלינגע און קענען ווערען קעניגע גלייך מיט דיא מענער.

"אַזאַ קעניגין פון אַ געוויסער געגענד אין סיערא לעאָנע איז אויך געווען מעדראַבאַ'ס מוטער, וועלכע האָט אויך געהייסען מעדראַבאַ. זיא איז געווען זעהר אַ קריעגערישע פרוי און זיא האָט שטענדיג געפיהרט מלחמות מיט דיא ארומיגע שבטים, אויך מיט דעם שבט, צו וועלכען איך האָב בעלאַנגט.

"איין מאָל איז מעדראַבאַ אונערוואַרטעטערהייד בעפאַלען אונזער שבט, האָט פיעלע פון אונז ערמאָרדעט און דיא איבריגע געפאַנגען צוזאַמען מיט אונזער הויפּטלינג. צווישען דיא געפאַנגענע בין איך אויך געווען. מען האָט אונז פערקויפט צו שפּאַניער, אָבער אויף'ן וועג האָבען מיר געמאַכט אַ בונט און האָבען פערבאַפט דיא שיף. דיא איינצעלהייטען וועגען דעם, ווייסט איהר שוין, מיינע העררען און דאַמען, איך האָב עס שוין פיעלע מאָל דערצעהלט. איהר ווייסט, אַז מיר זיינען געקומען קיין אַמעריקאַ און אַז מיסיאָנערען האָבען אונז נאָכדעם צוריק אָבגעפיהרט נאָך סיערא לעאָנע.

"ווען מיר זיינען צוריקגעקומען, זיינען בלויז איינינע פון אונז געוואָרען קריסטען און האָבען זיך בעזעצט צוזאַמען מיט דיא מיסיאָנערען. דיא איבריגע אָבער און הויפּטזעכליך אונזער הויפּטלינג האָבען בעשלאָסען זיך אָבצורעכענען מיט מעדראַבאַ'ס שבט. עס האָבען וויעדער אויסגעבראָכען צווישען אונז בלוטיגע מלחמות, אָבער דער שבט, איבער וועלכען מעדראַבאַ האָט געהערשט, האָט אונז אימער בעזיעגט.

"דיא מלחמות האַלטען אָן נאָך ביז איצטער. ווען דיא אַלטע מעדראַבאַ איז געשטאָרבען, האָט איהר פּלאַץ פערנומען איהר טאָכטער, אָט דיעזעלבע וואָס איהר זעהט פאַר זיך. זיא איז אויך געווען זיעגרייך אין איהרע מלחמות. דיא שונאים זיינען זיא אָבער בעפאַלען אונערוואַרטעט, האָבען זיא געפאַנגען און האָבען זיא פערקויפט צו פרויען־הענדלער.

"ווען זיא האָט מיך דאָ דערזעהן און האָט זיך דערוואוסט, צו וועלכען שבט אין סיערא לעאָנע איך האָב געהערט, האָט זיא מיך געוואָלט ערמאָרדען. איך האָב איהר אָבער ערקלערט, אַז איך האָב קיין אנטהייל ניט גענומען אין דיא

מלחמות מיט איהר שבט און זיא האט מיר מוחל געווען מיט דער בעדינגונג, איך זאל ביי אייך פועל'ען, איהר זאלט זיא ברייננגען צוריק נאך סיערא לעאנע.

אזוי האט האניבאל געענדיגט זיין געשיכטע און האט מיט געבעט געקוקט אויף איטליכען.

אלע זיינען געווען טיעף גערירט.

—מיר זיינען צופריעדען איהר ביטע צו ערפילען — האט ענדליך געזאגט מיסס פעטערסאן — זאג איהר, האניבאל, אז מיר וועלען אלע בעפרייטע פרויען בריינגען אדער איבערשיקען אין זייערע היימען און דאסזעלבע וועלען מיר אויך טהאן מיט דער קעניגין מעדאבא.

דיעזען ענטפער האט האניבאל באלד איבערגעגעבען דער ניגערשער קעניגין און זיא האט מיט דאנקבארע בליקען געקוקט אויף אלע פערזאמעלטע.

— נו, און איצטער לאמיר דיא בעפרייטע לאזען צו־רוהע — האט געזאגט עלען — מיר וועלען זיי אראבשיקען אין דיא קאיוטען זיך אויסרוהען, ווייל מארגען וועלען מיר אנפאנגען אונזער רייזע נאך עגיפטען, וואוהין מיר האבען זיך אייגענטליך אליין געקליבען צו פאהרען און יעצט וויל איך זיך צואיילען, ווייל איך וויל וואס גיכער בריינגען צו איהר פאטער דיא ארימע סולימא.

אלע בעפרייטע פרויען זיינען ארונטער אין דיא קאיוטען. דיא וועסטאלקעס און דיא ענגלענדער פון "אמאר" זיינען געבליבען אליין. זיי האבען זיך פאנאנדערגעזעצט און פאנאנדערגעשטעלט אין פערשיעדענע גרופען און האבען זיך געטהיילט מיט זייערע איינדריקע וועגען דיא בעפרייטע פרויען און וועגען דעם איבערפאל אויף דער שיף פון דיא פרויען־הענדלער.

לארד הארלינגטאן האט וויעדער געפונען א געלעגענהייט צו בלייבען מיט עלען פעטערסאן אבגעזונדערט פון דיא איבריגע. עלען האט פערשטאנען, אז ער וויל מיט איהר וויעדער רעדען וועגען זיין ליעבע. און איבערהויפט נאך יענער נאכט, ווען ער האט זיא געהאלטען אין זיינע ארעמס און זיא אנגעצונדען מיט זיין ליעבע, האט זיא פערשטאנען, האט ער דאך ממש א רעכט אויף אזא געשפרעך. זיא האט אבער צו אזא געשפרעך פאר קיין פאל ניט געוואלט דערלאזען.

זיא האט דעריבער דיא ערשטע אנגעהויבען צו רעדען.

— לארד — האט זיא געזאגט — מיר פאהרען מארגען ארויס נאך אלעקסאנדריע. איך גיב אייך דיא ערלויבניס אונז נאכצופאלגען, אויב איהר ווילט. איך שטעל אבער איין בעדינגונג: לאמיר זיין בלויז פריינד — פריינד און ניט מעהר. איך וויל פאר אייך קיין זאך ניט פערבארגען, איבערהויפט נאך יענעם אבענד — זיא איז דערביי רויט געווארען — יא, איך ליעב אייך. צווישען אונז ליעגט אבער א שרעקליכער אבגרונד. עס קען זיין, אלעס וועט מיט דער צייט קלאר ווערען און איך וועל אויך האבען רעכט אויף מיין גליק — אויף

אונזער גליק. דערוויל אָבער בעט איך איך: האָט רחמנות, צוברעכט ניט נאָך מעהר מיין הארץ. שענקט מיר נאָך דריי מאָנאַט צייט, ביז — נו, ביז איך וועל אייך קענען בעשטימט זאָגען, וואָס פאַר בעציהונגען עס קענען זיין צווישען אונז. לאָרד, גיט מיר דאָס וואָרט קיין מאָל ניט צו ריידען וועגען אונזערע געפיהלען! בלויז דריי מאָנאַט!

ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער זיא האָט איהם ניט געלאָזט.

— האָט רחמנות! — האָט זיא זיך געבעטען — מאַטערט מיך ניט! בלויז דריי מאָנאַט!

ער האָט זיך אָהן א וואָרט אַרויסצוריידען ווידער אונטערוואָרפען אונטער איהר בעשלוס.

— אָבער מיר בעגלייטען אייך נאָך אַלעקסאַנדריע, אין עגיפּטען (מצרים)?

— האָט ער בלויז געזאָגט.

— יא, מיר פאָהרען אהין ארוים מאָרגען.

11טעם קאַפּיטעל.

אַ אידישער קרבן פון פרויען־הענדלער

פיעלע שרעקליכע געשיכטען האָבען זיך דיא וועסטאַלקעס אָנגעהערט פון דיא בעפּרייטע פרויען וועגען דעם וויא זיי זיינען פערנאַרט געוואָרען פון זייערע היימען און וויא זיי זיינען שיער ניט אריינגעשליידערט געוואָרען אין אָבגרונד פון אונגליק און שאַנדע.

צום גליק זיינען זיי אַלע נאָך געוועזען ריין. מען האָט זיי צונויפגעשלעפּט פון אַלע עקען וועלט און מען האָט זיי בעשטימט פאַר דיא פערשיעדענע האַ־רעמען אין טערקיי און אין אַפריקאַ. דעריבער האָט מען זיי געשאַנעוועט און מען האָט זיי דערוויל ערלויבט צו בלייבען אונשולדיג און ריין.

מיט דיא געשיכטען פון דער פערפיהרונג פון איינינע פון דיזע פרויען וועלען מיר נאָך צייט האָבען זיך צו בעקענען אין פערלויף פון דיא ווייטערע פאַסירונגען, וועלכע וועלען בעשריבען ווערען אין דיא ווייטערע קאַפּיטלעך.

בלויז איין־איינציגע פון דיזע נור־וואָס בעפּרייטע אונגליקליכע מיידלעך האָט שוין געהאַט דאָס אונגליק צו פערברייננגען איינינע וואָכען אין א הויז פון שאַנדע אין שיקאַגאָ, זיא האָט אָבער אַזוי ביטער געקעמפּפט פאַר איהר עהרע, אַז דיא לומפּען וואָס האָבען זיא אריינגעכאַפּט אין זייער נעץ, האָבען איינגעזעהן, אַז זיי וועלען מיט איהר גאָר ניט מאַכען און האָבען בעשלאָסען זיא צו פערקויפען צום ים־וואָלף און פון איהם איז זיא איבערגעגאַנגען צו

דמיטרי'ן וועלכער האָט זיא געזאָלט פערקויפען צו שאנדע אָדער אין טערקיי, אָדער אין אפריקא.

דיעזע אונגליקליכע איז געווען אַ יונגע אידישע מיידעל פון רומעניען.

אויסהערענדיג דיא געשיכטע פון איהר אונגליק, האָבען דיא מייסטע וועס־טאַלקעס זיך ניט געקענט אָבהאַלטען פון טרעהרען.

אָט־וואָס זיא האָט דערצעהלט:

איהר פאָטער און איהר מוטער האָבען געפיהרט אַן אונגליקליכען פאַמי־ליען־לעבען. זיי זיינען פערהייראַטה געוואָרען געגען זייער ווילען און האָבען זיך פשוט ניט געקענט פערטראָגען. אַ פּאָר יאָהר האָבען זיי דאָך אָבגעלעבט צו־זאַמען און פאר דער צייט איז ביי זיי געבאָרען געוואָרען אַ טעכטערל. דאָס איז געווען דיא יעצטיגע אונגליקליכע דערצעהלערין פון דיעזער געשיכטע. איהר נאָמען איז געווען שרה.

ווען שרה איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר צוויי, איז איהר מוטער געבליבען אַן עגונה. דער פאָטער איז אין איין שעהנעם פריהמאָרגען פערשוואונדען גע־וואָרען און קיינער האָט אַ שטיק צייט ניט געוואוסט, וואו זיין געביין איז אהינגעקומען. מען האָט געוואוסט, אַז ער איז אַוועק נאָך אַמעריקאַ, מען האָט איהם אָבער אין ערגיץ ניט געקענט אויסגעפינען.

ערשט אין עטליכע יאָהר אַרום איז פּלוצלונג אָנגעקומען פון שיקאַגאָ אַ גט פאַר איהר מוטער, וועלכע האָט זיך מיט דעם גט בענוצט און האָט גאָר אין גיכען געהייראַט אַ צווייטען מאָל. שרה איז שוין דאַן אַלט געווען אַ יאָהר 7 אָדער 8 און אַזוי וויא איהר שטיעף־פאָטער האָט זיא ניט געוואָלט האָבען ביי זיך אין הויז, האָט זיך אויף איהר דערבאַרעמט איהר פאָטער'ס אַ שוועסטער, וועלכע האָט קיין קינדער ניט געהאַט, און האָט זיא אריינגענומען צו זיך אין הויז.

אין איהר מוהמע'ס הויז האָט זיך שרה אָנגעליטען אַלערליי צרות, אַזוי אַז זיא איז אַמאָל צו־פּוס אַנטלאָפען פון איהר מוהמע און איז געקומען אַ האַלב טויטע צו איהר מוטער, וועלכע האָט געוואוינט אין אַ צווייטען שטעדטעל, אַ פּאָר מייל ווייט.

דאָס אַנטלויפען האָט שרה'ן גאָר ניט געהאָלפען. איהר מוטער האָט זיך גוט אויסגעווויינט קוקענדיג אויף איהר, זיא האָט אָבער גאָר ניט געקענט טהאָן פאַר איהר אונגליקליכען קינד און זיא האָט זיא צוריק אָבגעפיהרט צו איהר מוהמען.

און דאָ האָבען זיך פאַר שרה'ן גענומען ציהען אָהן אויפהער שווערע טעג, מאָנאַטען און יאָהרען — יאָהרען פון ליידען און פייניגונגען. זיא האָט פערשטאַ־נען איהר שרעקליכע לאַגע און האָט אַלעס געדולדיג איבערגעטראָגען. ווען זיא איז אָבער אַלט געוואָרען אַ יאָהר 17, איז איהר בעכער פון ליידען פשוט שוין

געווען איבער־פול און זיא האט בעשלאסען צו מאכען אן ענדע צו איהרע צרות.

זיא האט בעשלאסען צו פאהרען נאך אמעריקא אויסזוכען איהר פאטער. אביסעל האט איהר געגעבען אויף הוצאות איהר מוטער, אביסעל האבען ארויס־געהאלפען קרובים, און אזוי וויא פון זייער שטעדטעל איז דאן געפאהרען א בע־קאנטע פאמיליע נאך קענעדע, איז שרה מיט זיי מיטגעפאהרען.

דער פלאן איז געווען, אז זיא וועט בלייבען מיט דיא לאנדסלייט אין קענעדע און פון דארט וועט זיא דורך דיא לאנדסלייט און דורך דיא צייטונגען פרובען אויסגעפינען איהר פאטער און אויב דאס וועט איהר אפילו ניט געלינ־גען, וועט זיא אליין אויך ניט פערפאלען ווערען אין דעם רייכען אמעריקא, וואו יעדער וואס וויל נור ארבייטען קען מאכען א לעבען.

שרה מיט איהרע לאנדסלייט זיינען אנגעקומען נאך מאנטרעאל, אבער דא האבען איהרע געצעהלטע לאנדסלייט איהר ערקלעהרט, אז זיי האבען קיין מאל איהר פאטער ניט געקענט און האבען קיין מאל פון איהם ניט געהערט. זיי האבען איהר דעריבער געראטהען צו לאזען וויסען דורך דיא ניו יארקער צייטונגען, אז זיא זוכט איהר פאטער מיט דעם און דעם נאמען און פון דער און דער שטאדט.

דיא אדווערטייזמענטס אין דיא צייטונגען האבען געווירקט.

אין א וואך ארום האט שרה געקראגען א בריעף פון שיקאגא. אין דעם בריעף האט איהר איהר פאטער געשריעבען, אז ער איז העכסט גליקליך וואס ער וועט זיך קענען זעהן מיט זיין טהייערער טאכטער און אז ער בעט זיא למען השם באלד צו קומען צו איהם נאך שיקאגא.

שרה האט זיך אזוי דערפרעהט מיט דיעזען בריעף, אז זיא איז באלד גרייט געווען צו פאהרען, אבער דיא לאנדסלייט האבען זיא צוריקגעהאלטען. זיי האבען איהר ערקלערט, אז עס איז געפעהרליך פאר א מיידעל זיך צו לאזען גלאט אין דער וועלט אריין אויף א בריעף פון א מאן, וועלכען זיא האט קיין מאל ניט געזעהן און אז עס קען זעהר מעגליך זיין, אז דער בריעף איז גאר ניט פון איהר פאטער.

אין דעם בריעף האט איהר איהר פאטער געשריעבען, אז ער איז זעהר רייך און איז ניט פערהייראטהע און זיא וועט ביי איהם לעבען וויא א גרעפין. דיא לאנדסלייט האבען דעריבער מיט איהר גע'טענה'ט:

—אויב דיין פאטער איזווירקליך אזוי רייך און וויל דיך אזוי שטארק זעהן, טא זאל ער קומען אהער און דיך נעהמען.

שרה האט געפאלגט און האט געענטפערט איהר פאטער, אז זיא האט מורא אליין צו פאהרען און אז ער זאל קומען נאך מאנטרעאל זיא אבנעהמען.

דער פאטער האט קיין חשק ניט געהאט צו קומען. ער האט זיך פערענט־

פערט דערמיט, אַז ער איז זעהר שטאַרק בעשעפטיגט און קען אויף קיין איינציגער מינוט ניט פערלאָזען זיינע גרויסע געשעפטען. שרה האָט אָבער דאָך ענדליך אויסגעפיהרט.

אין אַ וואָך־צוויי אַרום איז צו איהר געקומען אַ שעהנער מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און פיערציג, רייך געקליידעט און איז איהר אַרויפגעפאַלען אויף׳ן האַלז מיט טרעהרען אין דיא אויגען. דאָס איז געווען שרה׳ס פאָטער. קיינער פון דיא לאַנדסלייט האָט איהם ניט געקענט, דער מאַן איז זיי אָבער דאָך פאַרגעקומען פערדעכטיג. זיי האָבען דעריבער שרה׳ן געראַטהען, זיא זאָל נעהמען זיין בילד און אַוועקשיקען אַהיים און ערשט דעמאָלט, ווען מען וועט איהר פון דאָרט שרייבען, אַז דאָס איז ווירקליך איהר פאָטער, זאָל זיא מיט איהם פאָהרען נאָך שיקאַגאָ.

שרה האָט אָבער מעהר פון קיין זאַך ניט געוואָלט הערען. איהר גליק דערפון וואָס זיא האָט צוריקגעקראָגען איהר פאָטער, וועלכען זיא האָט פערלאָרען, ווען זיא איז געווען אַ קינד פון צוויי יאָהר — דיעזעס גליק האָט זיא אַזוי פער׳שכור׳ט, אַז זיא האָט פון קיין זאַך גאַר ניט געוואָלט הערען.

איהר פאָטער האָט איהר אַרויסגעצייגט פיעל ליעבע און האָט זיא בעשאָטען מיט מתנות. שרה איז געווען אין זיבענטען הימעל.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען זיי אָבגעפאָהרען נאָך שיקאַגאָ און דאָ האָבען זיך שרה׳ס אויגען געעפענט.

אמת איז, אַז איהר פאָטער האָט שרה׳ן געבראַכט אין אַ רייך הויז, ער איז אָבער באַלד פערשוואונדען און מעהר האָט זיא איהם ניט געזעהן. אַנשטאָט איהר פאָטער האָט אַרום איהר גענומען אַרומטאַנצען אַן עלטערע פרוי, וועלכע האָט איהר ערקלערט, אַז זיא איז אַנגעשטעלט ביי איהר פאָטער אַלס אויפזעהערין פון הויז.

עס איז אָבער אַוועק אַ שטונדע נאָך אַ שטונדע, שרה האָט זיך אַלץ נעהנטער גענומען צו צוקוקען צו אַלעם אין הויז און איהר פערדאַכט איז אַלץ געוואַקסען.

אין קורצען, עס זיינען ניט פאַריבער קיין זעקס שטונדען זינט שרה׳ס אַנקומען נאָך שיקאַגאָ, און זיא האָט שוין ענטדעקט דיא שרעקליכע וואַרהייט, אַז זיא איז אין אַ הויז פון שאַנדע.

זיא איז דער עלטערער פרוי געפאַלען צו דיא פיס און האָט זיא מיט ביטערע טרעהרען געבעטען, זיא זאָל זיא אָבלאָזען, אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען.

— נאַרעלע — האָט דיא פרוי איהר גענומען איינריידען — אַזאַ שעהן מיידעל וויא דוא דאַרף ניט פערפינסטערט ווערען אין אַ שאַפּ, פערעלטערט ווערען און געבראָכען ווערען פאַר דער צייט, אין דער צייט, ווען זיא קען לעבען אין

רייכקייט, ניט טהון קיין האַנד אין קאַלט וואַסער, עסען און טרינקען פון דעם בעסטען און פון דעם שעהנסטען און געהן געקליידעט וויא אַ גרעפין.

זיא האָט פאַר איהר געמאָהלען דאָס פרעהליכע לעבען וואָס זיא וועט פיה־רען און צו ענדע האָט זיא איהר נאָך געזאָגט:

— מיינסט אַן אמת, אַז דוא וועסט אָט דאָ דאַרפען פערברייננגען דאָס גאַנצע לעבען? עס קומען אהער אַריין אַלץ רייכע לייט און אויב דוא וועסט איינעם פון זיי געפעהלען, קענסטו נאָך גאָר אין גיכען חתונה האָבען פאַר אַ מאַנגאַט און זיך עלטערן מיט איהם אין עושר און אין כבוד. זאָל איך האָבען אַזוי פיעל גוטע יאָהרען מיט דיר צוזאַמען, וויפיעל מיידלעך עס זיינען שוין דאָ אַזוי בעגליקט געוואָרען.

דיעזע אַלע רייד זיינען אָבער שרה'ן לחלוטין ניט געקראָכען אין קאָפּ. זיא איז געווען אַן עהרליך קינד און דער געדאַנק, אַז זיא איז אין אַ הויז פון שאַנדע האָט זיא פשוט געטריבען פון זינען.

ווען מען האָט געזעהן, אַז מיט גוטען קען מען מיט איהר גאָר ניט מאַכען, האָט מען זיך צו איהר גענומען מיט בייזען. מען האָט זיא אויסגעטהאָן מוטער־נאַקעט, מען האָט זיא צוגעבונדען צו דער וואַנד און אַ געזונדער גיגער האָט אָהן רחמנות זיא געשמיסען מיט אַ בייטש, אַזוי אַז דאָס בלוט האָט פון איהר גענומען רינען.

אַזוי האָט זיך ווידערהאָלט אַ פּאָר טעג. איין טאָג, ווען זיא איז שוין גע־ווען שטאַרק אָבגעשוואַכט אי פון הונגער — מען האָט איהר קיין עסען אויך ניט געגעבען — אי פון דיא קלעפּ, איז זיא געפאַלען חלשות. שטונדען לאַנג האָט עס גענומען, איידער מען האָט זיא אָבגעמינטערט און ערשט נאָכדעם האָט זיא עטליכע טעג געשוועבט צווישען לעבען און טויט.

אין דער צייט פון דער קראַנקהייט האָט זיא דיא אַלטע פרוי ווידער גע־נומען בעהאַנדלען גוט און האָט ווידער גענומען איהר איינריידען, זיא זאָל ניט זיין קיין עקשן. שרה האָט דערביי געדעכענט פאַר איבריג איהר צו ענטפער־רען, און דיא אַלטע האָט דעריבער בעשלאָסען, אַז דאָס פער'עקשנ'טע מיידעל גיט זיך אונטער.

דיא פריינדשאַפט צווישען זיי האָט נאַטירליך געקענט אָנהאַלטען נור אַזוי לאַנג וויא שרה איז געלעגען צו בעט, און דיא סקאַנדאַלען האָבען ווידער געמוזט אויסברעכען אַזוי שנעל וויא זיא וועט קומען צו זיך און וועט ווידער צוריק־ווייזען דער אַלטער'ס נידערטרעכטיגע פאָרשלעגע.

שרה האָט עס גוט פערשטאַנען און זיא האָט זיך דעריבער געוואָלט בע־נוצען מיט דיעזער פרייער צייט, אום צו געפינען אַ מיטעל וויא זיך צו רעטען.

אַ דאַנק דעם וואָס מען האָט איהר איצטער ווענינער נאָכגעקוקט, האָט

זיא גערעכענט, אַז איהר וועט געלינגען אָנצושרייבען אַ פּאָר ווערטער וועגען איהר שרעקליכער לאַגע, אָבוואַרטען ביים פענסטער, ווען זיא וועט זעהן פאַרביי־געהן עטליכע מענשען, און זיי דאָס בריוועל אַראָבוואַרפען. איינער וועט עס דאָך מוזען בעמערקען און לאָזען וויסען דער פּאָליציי.

איהרע וועכטער זיינען אָבער געווען קליגער פון איהר און זיא האָט אין ערגיץ ניט געקענט קריגען ניט קיין פּאַפּיער, ניט קיין שרייב־געצייג. זיא איז געווען פערצווייפעלט. אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז אַוועק, זיא איז אַלץ מעהר געקומען צו זיך און ווען זיא וועט געזונד ווערען, וועט זיא שוין קיין אויסזיכט ניט האָבען זיך צו רעטען.

שרה האָט זיך ענטשלאָסען אויף אַ פערצווייפעלטען שריט: אָבוואַרטען אַ גינסטיגען מאָמענט און זיך אַרויסוואַרפען פון פענסטער פון איהר צימער אויף'ן דריטען שטאָק. זיא האָט געוואוסט, אַז אַזא שפּרונג קען איהר קאָסטען דאָס לעבען, אָבער וואָס פאַר אַ ווערטה האָט פאַר איהר דאָס לעבען?

אין אָבענד־צייט, ווען דיא אַרבייטער געהן געוועהנליך פון דיא פאַבריקען און אפילו דורך דעם שטילען געסעל, וואו שרה איז געווען איינגעשפּאַרט, פלעגען דורכגעהן אַ סך מענשען, האָט שרה זיך בענוצט מיט דיא פּאָר מינוט, ווען זיא איז געבליבען אליין אין צימער, איז צוגעלאָפען צום פענסטער, האָט עס געעפענט און — אָט וועט זיא זיך אַראָבשליידערען פון דער הויך אויף דיא האַרטע ברוק־שטיינער, אָן וועלכע זיא וועט זיכער צושמעטערט ווערען.

פאַר דיא אויגען האָט עס איהר גענומען שווינדלען, דער קאָפּ האָט זיך איהר גענומען דרעהען, דאָס בלוט אין איהרע אָדערען איז מיט איין מאָל פער־קיהלט געוואָרען און דאָס האַרץ איז געבליבען שטיל.

זיא האָט נור געזעהן אונטען עטליכע מענשען. איינער פון דיא פאַרביי־געהער האָט אַרויפגעקוקט, האָט בעמערקט שרה'ן און האָט פאַר שרעק אַ געשריי געטהאָן. אַלע האָבען זיך אומגעקוקט און דער מאַן וואָס האָט שרה'ן צום ערשטען בעמערקט, האָט אָהן ווערטער זיי אָנגעצייגט אויף איהר. ער האָט זיך אַזוי דערשראָקען, ווען ער האָט דערזעהן דאָס אונגליקליכע מיידעל הייגענדיג איבער'ן פענסטער, אַז ער האָט פערלאָרען דאָס לשון.

שרה האָט זיך צום לעצטען מאָל אַ וויעג געטהאָן אין דער לופט און האָט זיך אָבגעלאָזט....

זיא איז אָבער ניט געפאַלען. אַ שטאַרקע האַנד האָט זיא אָנגעכאַפּט פון הינטען.

ביי דעם עולם אונטען האָט זיך אַרויסגעריסען אַ שרעקליכער געשריי. אָבער אַלעמענ'ס געשריי האָט פערטויבט שרה'ס גוואַלד:

— מענשען, ראַטעוועט!

מעהר האָט זיא קיין צייט ניט געהאַט אויסצושרייען. מען האָט זיא פון

הינטען אַריינגעשלעפּט צוריק אין צימער און מיט איין שטאַרקען קלאַפּ האָט מען זיא פערטויבט.

וואָס עס איז ווייטער פאָרגעקומען האָט זיא שוין ניט געוואוסט. ווען זיא האָט ערוואַכט פון איהר בעוואוסטלאָזיגקייט, האָט זיא דערפיהלט, אַז זיא שטעהט ערגיץ אין אַן ענגען פּלאַץ און איז צונויפגעדריקט אַזוי, אַז זיא קען זיך קיין ריהר ניט טהאָן. זיא האָט געפיהלט, אַז עס פעהלט איהר לופט צום אָטהעמען.

דער ערשטער געדאַנק איהרער איז געווען, אַז זיא איז טויט און איז בעגראָבען. דער צווייטער געדאַנק איז געווען, אַז מען האָט זיא לעבעדיגערהייד בעגראָבען, און זיא האָט דערפיהלט אַ טויט-קעלט איבער'ן גאַנצען לייב.

זיא איז אָבער ביסלעכווייז געקומען צו זיך, האָט גענומען אַרומטאַפּען אַלעס אַרום זיך און האָט באַלד פערשטאַנען, וואו זיא געפינט זיך.

זיא איז געווען פערשטעקט אין אַן אַלמער.

זיא האָט דעם אַלמער געפּרובט עפענען, אָבער זיא האָט ניט געקענט. זיא האָט גענומען קלאַפּען אין דער טהיר, אָבער קיינער איז איהר ניט געקומען צו הילף.

זיא האָט זיך דערמאָנט אָן דער גאַנצער סצענע, וויא זיא האָט זיך געוואָלט אַרויסוואַרפען דורך'ן פענסטער, וויא מען האָט זיא אָבגעהאַלטען דערפון און וויא זיא האָט אַ געשריי געטהאָן: ראַטעוועט!

זיא האָט פערשטאַנען, אַז דיא מענשען פון גאַס וועלען מסתמא אַרויפ־לויפען אין הויז און זיא האָט דעריבער מיט אַלע כחות געקלאַפּט אין דער טהיר, כדי זיי זאָלען דערהערען.

איהרע האָפנונגען האָבען זיא אָבער אָבגענאַרט. קיינער האָט ניט דער־הערט און קיינער איז איהר צו הילף ניט געקומען. ערשטענס, איז שוין אוועק איבער אַ האַלבע שטונדע זינט זיא האָט זיך געוואָלט אַרויסוואַרפען פון פענ־סטער; צווייטענס, האָבען דיא לייטע פון גאַס גאַר ניט געקענט אַריינקומען אין הויז, ווייל עטליכע געזונדע דיענער האָבען זיי פערשטעלט דעם וועג.

איינינע פון דיא לייט האָבען טעלעפאָנירט נאָך פּאָליציי, אָבער דיא פּאָ־ליציי האָט ערקלערט, אַז זיא האָט גאַר ניט געפונען קיין מיידעל אין הויז.

דיא בעלי הבתים פון הויז האָבען נאָך דיעזער געשיכטע דאָך מורא געהאַט צו האַלטען שרה'ן ביי זיך.

פון דער געשיכטע מיט דער פּאָליציי האָט שרה נאַטירליך ניט געוואוסט. דאָס איינציגע וואָס זיא האָט יא געוואוסט, איז געווען, אַז דיעזעלבע נאַכט האָט מען זיא אין אַן אויטאָמאָביל איבערגעפיהרט אין אַ צווייטען פּלאַץ און פון דאָרטען אויף אַ שיף.

דאָס האָט מען זיא איבערגעגעבען צום ים־וואָלף.

12טעם קאַפּיטעל.

דער אַמעריקאַנער דעטעקטיוו

— וואָס, דוא ביזט שוין דאָ צוריק, געאָרג? אזוי שנעל? — האָט דער ברייט־פּלייציגער באָאטסמאַן פון "בליץ" געפרעגט אַ יונגען מאַן, וועלכער איז נור־וואָס אַרויפגעשטיגען דורך דיא שטריק־טרעפּ אויף דער שיף מיט אַ לע־דערנעם רייזע־טאַש אויף דיא אַקסעל.

— אזוי שנעל! — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, אָבווישענדיג דעם שוויים פון דעם שטערן — עס איז גאָר ניט אזוי שנעל. פון'ם האַפען נאָך דער פּאָסט פון אַלעקסאַנדריע איז אַ גאַנץ קורצע שטרעקע; אויסערדעם בין איך נאָך געפאָהרען מיט'ן טראַמוואַי (קאַר) און דיא אַלעקסאַנדריער טראַמוואַיען געהן זעהר שנעל.

— אָה, דוא ביזט אַ ממזר אַ יונג! — האָט איהם גוטמוטהיג אַ קלאַפּ גע־טהאָן איבער דער פּלייצע דער באָאטסמאַן.

— אָבער, באָאטסמאַן — האָט איהם געאָרג איבערגעשלאָגען — איז דער קאַפּיטאַן אין סאַלאָן אָדער אין זיין קאַיוטע?

— ער מוז זיכער זיין אין זיין קאַבינעט — איז געווען דער ענטפער.

געאָרג האָט זיך געלאָזט אַרונטערגעהן אונטען אין שיף, און מיט איין שאַרפען בליק האָט ער דערווייל בעטראַכט אַלעס וואָס עס טהוט זיך אויף'ן דעק פון דעם "בליץ".

אויף דער שיף האָט, וויא עס האָט געשיינט, געהערשט אַ פאָלשטענדיגע מי־ליטערישע אָרדנונג, גאָר ניט וויא אויף אַ פּריוואַטער יאַכט. דיא דיסציפּלין איז געווען זעהר אַ שטרענגע און אַלעס איז געטהאָן געוואָרען שטרענג און פּינקט־ליך. עס איז אויך אויף'ן "בליץ" געשטאַנען אַ שטענדיגע וואַך.

דער יונגערמאַן, וועלכען דער באָאטסמאַן האָט אָנגערופען געאָרג, האָט דאָס אַלעס גוט בעמערקט, אַראָבגעהענדיג אויף דיא שטיגען.

דאָרט ביי דיא שטיגען איז ווידער געשטאַנען אויף דער וואַך אַ מאַטראָז.

— מעלדע מיך צום קאַפּיטאַן, האַנס! — האָט געאָרג געזאָגט צום וועכטער.

געאָרג איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אויף דער שיף און איז געווען דער קאָמערדיענער פון הערר האָפמאַן, דעם קאַפּיטאַן פון "בליץ". איהם האָט אַלזאָ בעדאַרפט זיין גוט בעקאַנט דיא שיף און דיא אָרדנונג אויף איהר. דאָך האָט ער מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט בעטראַכט אַלעס, ווען האַנס איז אַוועק מעלדען דעם קאַפּיטאַן וועגען זיין אָנקומען.

ער האָט זיך ניט בעגנוגענט בלויז מיט קוקען. ער האָט יעדע זאַך אויך ארומגעטאפּט, און דיא שלעסער וואָס זיינען געהאנגען אויף איינינע קאסטענס און טהירען האָט ער זאָגאר עטליכע מאָל ארומגעדרעהט אין דיא הענט.

האנס האָט איהם אָבער לאנג ניט געלאָזט ווארטען. ער האָט זיך באלד צוריקגעקעהרט און איהם ערקלעהרט, אז דער קאפּיטאן וויל איהם זעהן.

געאָרג איז אריין אין האָפמאן׳ס קאבינעט.

דער קאבינעט איז געווען קליין, אָבער אלעס האָט געגלאנצט מיט רייכ־קייט. אלעס, פון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער זאַך, איז געווען פון דעם בעסטען סאָרט. גרויסארטיגע בילדער זיינען געהאנגען אויף דיא ווענט. טהייערע קלייניגקייטען און שפּיעלכלעך האָבען זיך איבעראל געוואלגערט. אי־בער׳ן גרויסען שרייב־טיש, וועלכער איז געווען פערוואלגערט מיט ביכער און מאפּען (געאָגראפישע קארטען), איז געהאנגען א גרויסער פּראכטפולער עלעק־טרישער הענג־לייכטער.

איבערהויפּט דאָס לעצטע האָט שטארק איבערראשט געאָרג׳ען. אין יע־נער צייט האָט מען נאָך פון עלעקטרישער בעלייכטונג אויף שיפען ניט גע־וואוסט.

אין אלגעמיין האָט דאָ, ווייזט אויס, עלעקטריציטעט געשפּיעלט א גרויסע ראָלע. דאָס האָט מען גלייך געקענט בעמערקען פון דיא פערשיעדענע מאָדנע אינסטרומענטען און אפּאראטען וואָס האָבען זיך דאָ געפונען. דאן זיינען דאָ בכלל געווען פיעלע זאכען, וועלכע מען האָט אויף קיין אנדער שיף ניט געזעהן.

דאָס אלעס האָט געאָרג שנעל בעקוקט און דאן געווענדעט זיין בליק צום קאפּיטאן האָפמאן, וועלכער איז געזעסען ביים שרייב־טיש און האָט בעטראכט א מאפּע.

— נו, געאָרג — האָט האָפמאן געפרעגט — האָסטו געפונען דיא פּאָסט־קאנטאָר?

— געוויס — האָט געאָרג געענטפערט — צווייפעלט נאָך דער קאפּיטאן אין דעם?

— האָסטו געבראכט עפּעס בריעף?

— איינינע, קאפּיטאן! — האָט געענטפערט געאָרג, ארויסנעהמענדיג פון רייזע־טאש א פּעקעל בריעף — עס זיינען דאָ פאראן בריעף פון דער גאנ־צער וועלט: פון דייטשלאנד, פון אמעריקא, פון פראנקרייך און זאָגאר איין בריעף, דאכט זיך, פון מעקסיקאָ. עס זיינען אויך פאראן א פּאָר פון אלעק־סאנדריע גופא.

האָפמאן האָט צוגענומען ביי איהם דאָס פּעקעל בריעף, האָט זיי אָוועקגע־

לעגט אויף'ן טיש און געווארט, אז זיין דיענער זאל ארויסגעהן. יענער איז אבער ניט ארויסגעגאנגען.

— האסט מיר עפּעס צו זאגען, געארג? — האט פריינדליך געפרעגט דער קאפּיטאן.

— יא — האט געזאגט דער דיענער מיט א ציטרען שמייכעל — איך האב זיך אין אלעקסאנדריע בעקאנט מיט א יונגען מאן, וועלכער וואלט זעהר געוואלט אנקומען אויף אייער שיף.

האפמאן האט א שמייכעל געטהאן.

— נו, דאס מאל וועל איך דיין ביטע ניט קענען ערפילען — האט ער געזאגט— ערשטענס, קען איך אויף'ן "בליץ" ניט ארויפנעהמען יעדען איינעם, ווער עס וויל נור אהער אנקומען; און צווייטענס, דארף איך מעהר ניט קיין מענשען.

דער קאפּיטאן האט זיך גענומען לייענען דיא בריעף, דענקענדיג, אז זיין דיענער וועט שוין איצטער פערלאזען דיא קאיוטע, אבער יענער האט זיך אלץ פון ארט ניט גערירט.

— וואס הייסט עס, געארג? — האט האפמאן א זאג געטהאן שוין גאנץ בייז — איך האב דיר דאך שוין געזאגט, אז מיר איז אונמעגליך ארויפצונעהמען דיין פריינד אויף דעם "בליץ".

— אויך ניט, ווען יאהאנא לינד רעקאמענדירט איהם? — האט מיט א שמייכעל א פרעג געטהאן דער דיענער.

דער קאפּיטאן האט זיך אויפגעהויבען און האט א קוק געטהאן אויף זיין דיענער. ער האט עפּעס געוואלט זאגען, אבער זיין מויל האט זיך פּשוט ניט געוואלט אויפמאכען: אזוי ערשטוינט איז ער געווארען.

וואס איז דאס? זעהט ער עס אין חלום?

פאר איהם איז איצטער געשטאנען ניט געארג, נאר עפּעס א פרעמדער, אונבעקאנטער מאן. דיא וואנסען זיינען פון דעם פריהעריגען געארג'ס געזיכט פערשוואונדען, דאס ברוינע געזיכט איז שוין מעהר ניט געוועזען ברוין, דער שטערן איז געווארען העכער, דאס מויל איז געווארען קלענער, דיא ליפּען מעהר צוזאמענגעצויגען.

דיא איבערראשונג האט אבער ביי האפמאן'ען געדויערט בלויז א פּאר געצעהלטע סעקונדען. באלד האט ער אנגענומען א שטרענגע, בייזע מיענע און מיט א דראהענדען ערנסט האט ער געזאגט:

— וואס בעדייטעט דיעזע קאמעדיע? וויא קומט איהר זיך צו פערשטעלען פאר מיין דיענער? ווער זיינט איהר? ענטפערט, אדער...

האפמאן האט אויסגעצויגען דיא האנד צו עפּעס א געהיימען אפּאראט, אין דערזעלבער צייט ניט אראבלאזענדיג קיין אויג פון דעם אונבעקאנטען.

דער פערשטעלטער האט זיך אבער אויף קיין איינציגער סעקונדע ניט פערלארען. ער האט געמאכט א בערוהיגענדע בעוועגונג מיט דער האנד און האט מיט א פריינדליכען שמייכעל געזאגט:

— האט איך דען פריליין יאהאנא לינד ניט געלאזט וויסען, אז א געוויסער הערר וועט זיך אייך פארשטעלען? זיא האט בעשטימט געגלויבט, אז איהר וועט איהר ביטע ערפילען און וועט דעם מאן אויפנעהמען.

— אה — האט האפמאן געזאגט — זיינט איהר עס יענער מאן?

ער האט צוריקגעצויגען דיא האנד פון דעם אפאראט, האט זיך צוריק אוועקגעזעצט און האט געזאגט:

— איך פערשטעה אלץ אבער ניט, וויא אזוי איהר קומט צו מיר אין דער געשטאלט פון מיין דיענער געארג. אויף וויפיעל מיר האט איבערגעגעבען פריילין לינד, האט איהר בעדארפט צו מיר קומען נאך אין קאנסטאנטינאפאל. אין אלעקסאנדריע האב איך אייך שוין ניט ערווארטעט, איבערהויפט נאך אין אזא מאסקע. און דיא הויפט זאך וואס איך וויים נאך ביז איצטער ניט, איז אייער נאמען. קען איך האבען דיא עהרע צו וויסען...

דער אונבעקאנטער האט לאנגזאם ארויסגענומען פון קעשענע א וויזיט־קארטע און האט זיא דערלאנגט דעם קאפיטאן.

— ניקאלאס שארפ — האט האפמאן לאנגזאם איבערגעלייענט דיא קאר־טע און האט מיט בעוואונדערונג א קוק געטהאן אויף דעם יונגען מאן.

— וויא? — האט ער אויסגעשריען — זיינט איהר עס דער בעריהמטער אמעריקאנער דעטעקטיוו ניק שארפ, וועגען וועלכען איך האב זיך אנגעהערט אזוי פיעל וואונדערבארע זאכען, ווען איך בין געוועזען אין אמעריקא?

— איך האב דיא עהרע זיך פארצושטעלען — האט בעשיידען געזאגט דער בעריהמטער דעטעקטיוו.

— זייט מיר הערצליך ווילקאמען — האט האפמאן געזאגט מיט גע־צוואונגענער פריינדליכקייט און האט דעם דעטעקטיוו מיט א בעוועגונג פון דער האנד איינגעלאדען זיך אוועקצוזעצען — אבער, נאך אמאל: וויא קומט איהר אנצונעהמען דיא געשטאלט פון מיין דיענער?

וועגען דעם וואס ניק שארפ האט בעוויזען אזא קונץ, אז ער האט זיך געקענט פערשטעלען אזוי אז ער איז אין גאנצען געוועזען עהנליך צו געארג'ען — וועגען דעם האט זיך האפמאן ניט גע'חדוש'ט. זייענדיג אין אמעריקא, האט ער זיך אנגעהערט אזוי פיעל וואונדערבארע מעשות וועגען דעם דעטעקטיווס פעהיגקייט זיך צו פערשטעלען און ווערען עהנליך צו וועמען ער האט נור גע־וואלט, אז דאס האט איהם מעהר ניט געוואונדערט.

האפמאן'ען האט איצטער בעאונרוהיגט אן אנדער זאך.

ווען מיסס לינד האט איהם אין קאנסטאנטינאפאל געבעטען אויפצונעה־

מען אויף זיין שיף א מאַן, האָט זיא איהם דערצעהלט, אַז דער מאַן איז אַנגעשטעלט פון לאָרד האַרלינגטאָן נאָכצושפּירען נאָך מיסס פּעטערסאָן׳ס געהיימע פיינד. אַזוי וויא מיסס פּעטערסאָן טאָר אָבער וועגען דעם ניט וויסען און אויך צוליעב אַנדערע אורזאַכען, וועלכע מיסס לינד האָט האָפּמאַן׳ען ניט אָנגעגעבען, קען האַרלינגטאָן דעם מאַן ניט האַלטען אויף זיין שיף און דעריבער בעט זיא האָפּמאַן׳ען, ער זאָל ערלויבען דעם מאַן זיך צו געפינען אויף זיין שיף אַזוי לאַנג וויא דער "בליץ" וועט זיך געפינען אין דיזעלבע האַפענס וויא די "וועסטאַ" און דער "אַמאָר".

דיעזע ביטע איז האָפּמאַן׳ען געווען זעהר ניט אַנגענעהם. ער האָט געהאַט געוויסע סודות אויף דער שיף, וועלכע ער האָט געקענט פערטרויען נור גוט אויספּראָבירטע מענשען. דיעזע סודות, וועלכע מיר וועלען זיך דערוויסען אין דיא שפּעטערע קאַפּיטלעך, האָבען געבראַכט דערצו, אַז ער האָט קיינעם ניט ערלויבט צו בעזוכען זיין שיף. אַרויפנעהמען אויף דעם "בליץ" אַ פרעמדען מענשען איז דעריבער פאַר האָפּמאַן׳ען כמעט געווען אַן אונמעגליכקייט. דאָך איז ער געווען גענוג שוואַך און ער האָט יאָהאַנאַ לינד פערשפּראָכען איהר ביטע צו ערפילען.

ווען ער האָט איהר דאָס פערשפּראָכען, איז עס איהם לחלוטין ניט איינגעפאַלען, אַז מען וועט איהם שיקען אַ פּראָפעסיאָנעלען אַמעריקאַנער דעטעקטיוו און דערצו נאָך דעם גרעסטען דעטעקטיוו — דעם וועלט-בעריהמטען ניק שאַרפּ.

האָפּמאַן האָט געהאַט זיינע ספּעציעלע אורזאַכען זיך צו היטען פאַר אַמעריקאַנער דעטעקטיוועס, און דיא ענטדעקונג, אַז אויף זיין שיף וועט זיך געפינען ניק שאַרפּ, האָט איהם געמאַכט זעהר אונרוהיג.

דאָך האָט ער זיין אונרוהיגקייט ניט אַרויסגעציינט און האָט מיט אַ געמאַכטער פריינדליכער מיענע אויסגעהערט דעם דעטעקטיוו׳ס ערקלערונג.

— מיסס לינד האָט אייך שוין וועגען אַלעס געשריבען — האָט ניק שאַרפּ געזאָגט — און איהר האָט איהר פערשפּראָכען מיך אויפצונעהמען אויף אייער שיף און מיר געבען דיא פולע פרייהייט איבער מיינע האַנדלונגען.

— יאַ — האָט דער קאַפּיטאַן צוגעגעבען — אָבער, לויט מיסס לינד׳ס מיטטהיילונגען, האָב איך אייך ערוואַרטעט נאָך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

— איך בין דאָך געווען ביי אייך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל — האָט ניק געזאָגט.

— איהר... ביי מיר... אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל? — האָט זיך פערוואונדערט האָפּמאַן.

— נו, געוויס, איך האָב אייך דאָך מיט מיינע אייגענע הענד איבערגעגעבען מיסס לינד׳ס בריעף און געקראָגען פון אייך אַן ענטפער פאַר איהר. אוי-

סערדעם האָב איך נאָך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיך בעפריינדעט מיט אייער גע־
אָרג׳ען און...

— און איהר זיינט געוועזן אויף מיין שיף אָהן מיין וויסען און ערלויבניס?
— האָט זיך האָפמאַן אָנגעבמורעט.

— יא — האָט אָפענהערציג צוגעגעבען ניק.

— אָבער צוליעב וואָס האָט איהר זיך בעדאַרפט פערשטעלען, ווען איהר
האָט געקענט קומען צו מיר אין אייער אייגענער געשטאַלט?

— איך וועל אייך ערקלערען. ערשטענס האָב איך טאַקע שטאַרק פער־
גניגען פון דער פערשטעלעניש. צווייטענס — און דאָס איז דיא הויפּטזאַך —
האָב איך מורא געהאַט, אז דיא באַנדיטען, וועלכע איך האָב שפּיאָנירט און
וועלכע האָבען פערדעכטיגט, אז מען קוקט זיי נאָך, זאָלען מיך ניט דערקענען.
דיא באַנדיטען האָבען געקוקט מיט אַלע אויגען אויף אייער שיף פּונקט וויא אויף
דער "וועסטאַ" און פאַר מיר איז דאָס קומען אויף אייער שיף געוועזן אַביסעל
אונבעקוועם.

— אָבער וויא האָט זיך געאָרגט געקענט ערלויבען?...

— אה, איהר מוזט איהם ענטשולדיגען — האָט ניק ווייך געזאָגט — דער
יונג האָט אליין ניט געוואוסט, וואָס פאַר א ראָלע ער שפּיעלט דאָ.

— און איצטער וואו איז ער?

— איצטער זיצט ער אין מיין האָטעל אין אַלעקסאַנדריע און וואַרט אויף
מיר. איהר דאַרפט ניט זאָרגען פאַר איהם. ער זיצט ביי א גוטער גלאָז וויין
און רויכערט א טהייערען סיגאַר. נישקשה, עס איז איהם דאָרט ניט לאַנג־
וויילינ.

— ווען וועט ער קומען צוריק?

— פּשוט: ווען איך וועל קומען צוריק אין האָטעל, וועט ער קומען אויף
דער שיף.

— צו וואָס דאַרפט איהר נאָך איצטער אָט־דיא פאַרזיכטיגקייטען? —
האָט אונצופריעדען געפרעגט האָפמאַן.

— אה, זיי זיינען זעהר נויטיג. עס טאָר אויך דאָ ניט ערוועקט ווערען
קיין פערדאַכט, אז איך בין א דעטעקטיוו און אז איך בעזוך אייער שיף. מיר
דאַכט זיך, אז מען שפּירט מיר נאָך אין אַלעקסאַנדריע... אָבער זאָגט מיר,
הערר האָפמאַן, קען מען זיך פערלאָזען אויף אייער מאַנשאַפט?

— זיכער! — האָט געזאָגט האָפמאַן — זיי זיינען אַלע טריי וויא הינד
און קענען שווייגען וויא שטומע. איהר קענט זיך אויף זיי פערלאָזען. זיי
וועלען אייער צוטרויען קיין מאָל ניט פערראַטהען.

א פּאָר מינוט האָט אין דער קאַיוטע געהערשט א שטילקייט.

ביידע, דער דעטעקטיוו און דער דייטשער קאַפּיטאַן, זיינען געוועזן פער־

נומען מיט זייערע גערדאנקען אוןביידע האבען געפלאנעוועט איינער דעם צוויי־טען אבצונארען און איינער ביים צווייטען וואס מעהר אויסצופארשען.

וואס האפמאן'ען איז איצטער אם וויכטיגסטען געווען זיך צו דערוויסען, איז איינינע איינצעלהייטען וועגען יאהאנא לינד, וועלכע ער האט אזוי הייס געליעבט און וועגען וועלכער ער האט אזוי ווייניג געוואוסט.

— וויא עס ווייזט אויס — האט האפמאן אנגעהויבען — זיינט איהר גוט בעקאנט מיט מיסס יאהאנא לינד. דעם אמת געזאגט, איז פאר מיר דאס מיידעל א רעטעניש. אז איך האב זיך מיט איהר בעקאנט אין אמעריקא האב איך פערשטאנען אז זיא איז ניט פון'ם רייכען שטאנד. דא ווידער בעגעגען איך זיא אויף דער "וועסטא" וואו עס געפינען זיך בלויז דיא טעכטער פון דיא רייכסטע אמעריקאנער. וויא קומט, אלזא, צווישען זיי יאהאנא... איך מיין, פריילין לינד?

דער דעטעקטיוו האט געווארפען א ביטרען זייטיגען בליק אויף האפמאן'ען און האט איהם געפרעגט:

— האט איהר געפרובט דיעזע פראגע צו שטעלען מיסס לינד?

— יא.

— און וואס האט זיא אייך געענטפערט?

— זיא האט מיר גאר ניט געענטפערט.

— נו, אויב אזוי, האב איך אויך ניט וואס צו ענטפערען.

דער דעטעקטיוו האט דיעזע ווערטער ארויסגעזאגט אזוי, אז האפמאן האט געמוזט איינזעהען, וויא נאריש עס איז געווען פון זיין זייט צו פרובען עפעס אויסצופארשען ביי ניק שארפ. ער איז אבער געווען קלוג גענוג צו פער־וואנדלען דיא גאנצע געשיכטע אין א שפאס.

— וויא זיינט איהר געקומען נאך אלעקסאנדריע? — האט ער אין א מינוט ארום געפרעגט ניק'ען.

— איך בין געקומען מיט א פראנצויזישען שנעל־דאמפפער, ווייל איך האב אהער געוואלט אנקומען פריהער פאר דער "וועסטא". ווען איך בין ארויס־געפאהרען פון קאנסטאנטינאפאל, האט זיך אייער שיף, דער "בליץ" נאך ניט אנגעהויבען אפילו צו גרייטען אין וועג אריין. און דאך, ווען איך בין געקומען נאך אלעקסאנדריע, האב איך שוין אייער שיף געטראפען אין האפען. און איך בין דאך געפאהרען מיט דער שנעלסטער שיף. וויא אזוי האט איהר געקענט בעוויזען אזא וואונדער?

— נו, דאס מאל וועט איהר מיר שוין מוזען ענטשולדיגען — האט גע־זאגט האפמאן — ווען איהר בעהאלט אייערע געהיימניסע, האב איך דאך א רעכט צו בעהאלטען אויך מיינע.

— הם — האט ניק א ברום געטהאן און האט גענומען בעטראכטען דיא

פערשיעדענע מאָדנע אפּאראטען אין דער קאיוטע, וועלכע זיינען געווען אזוי ניט עהנליך צו דיא מאשינען און אפּאראטען, וואָס ער האָט געזעהן אויף אנדערע שיפען.

האָפמאַן האָט גאָר ניט געענטפערט. ניק האָט זיך דאַן אויפגעהויבען און האָט זיך געלאָזט געהן צו איינעם פון דיא אפּאראטען. האָפמאַן האָט איהם מיט א האנד־בעוועגונג אָבגעשטעלט.

— מר. שאַרפּ — האָט ער געזאָגט — ווען מיסס לינד האָט מיך געבעטען, איך אויפצונעהמען אויף מיין שיף, האָט זי מיר אויסדריקליך ערקלערט, אז איהר מוזט זיין פריי צו האנדלען מיט זיך וויא איהר ווילט און געהן און קומען, ווען איהר וועט וועלען. איך האָב דערצו איינגעשטימט. איך וויל אָבער אויך האָבען דיעזעלבע פרייהייט וואָס איך גיב אייך. איך וועל זיך ניט מישען אין אייערע געהיימניסע, איך פאָדער אָבער אונבעדינגט, אז איהר זאָלט זיך גאָר ניט פרובען אריינדרינגען אין מיינע געהיימניסע.

ער האָט א קוק געטהאָן אויף'ן דעטעקטיוו, אום צו זעהן, וואָס פאר אַן איינדרוק זיינע ווערטער האָבען אויף איהם געמאכט. אָבער יענער איז געזעסען און קאַלטבלוטיג צוגעהערט, גלייך וויא ניט איהם מיינט מען.

דאָס האָט אויפגעבראַכט דעם קאַלטבלוטיגען דייטש און ער האָט שוין אביסעל שטרענגער פאָרטגעזעצט:

— מיין שיף וועט זיין פאַר אייך פריי, אויסער מיין קאבינעט, אין וועלכען איהר וועט קענען אריינקומען נור מיט מיין ערלויבניס, און אויסער דער מאשינען־אָבטהיילונג, וואוהין איך וועל אייך קיין מאָל ניט ערלויבען אריינצוקומען.

דער דעטעקטיוו האָט געמאכט א בעליידיגטע מיענע, אָבער האָפמאַן האָט זיך וועגען דעם ניט געקימערט און האָט פאָרטגעזעצט:

— איהר וועט אויך ניט קענען ארויפקומען אויף'ן דעק פון דער שיף, ווען דער "בליץ" וועט זיין אין בעוועגונג. נעהמט איהר אָן דיא בעדינגונגען?

דער דעטעקטיוו האָט גאָר ניט געענטפערט און האָט זיך בלויז פערנייגט. ער האָט זיך אויפגעהויבען און זיך גענומען געזעגענען. אָבער ביי דער טהיר האָט ער זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט און האָט געזאָגט:

— יא, מר. האָפמאַן, איך האָב שיער ניט פערגעסען אייך צו דערצעהלען וועגען דעם וואונדער וואָס איך האָב ניט לאַנג געהערט פון סער טשאַרלס וויליאמס... איהר קענט איהם דאָך? אָט־דער פון דעם "אמאָר". נו, האָב איך נעכטען געהערט איהם דערצעהלען פאָלגענדעס: אז ווען דער "אמאָר" איז געווען אויף זיין רייזע נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבען זיי בעגעגענט א מאָדנע שיף, וועלכע איז כמעט אין גאַנצען געווען אונטער'ן וואסער. מען האָט אויף איהר ניט געזעהן קיין מאסטען, קיין קוימענס און קיין מענשען. דערצו

איז דיא שיף געפלויגען וויא א פייל פון בויגען און אין איינינע מינוטען איז זיא פערשוואונדען.

האפמאן האט ביי דיזער ערצעהלונג שארף אריינגעקוקט דעם דעטעקטיוו אין דיא אויגען, אבער יענער האט זיין געשיכטע דערצעהלט אזוי זארגלאז, אז ער האט זיך באלד בערוהיגט און האט מיט א שמייכעל בעמערקט:

— אייער סער וויליאמס איז, וויזט אויס, ניט קיין קליינער ליגנער אדער פיליכט איז ער געווען דערביי שכור און זיין פער'שכור'טע פאנטאזיע האט עס איהם אויסגעמאהלען אט־דיא גייסטער שיף.

— עס וויזט אויס אזוי — האט זיך פרעהליך צולאכט דער דעטעקטיוו — נו, איך געה שוין.

און פלוצלונג האט ער זיך א כאפ געטהאן, אז ער האט פערגעסען צוריק זיך צו פערוואנדלען אין דעם קאפיטאן'ס דיענער גערג'ען. ער איז צו צום שפיעגעל, האט א פאר מינוטען זיך געפארעט ארום זיין פנים און ווען ער האט זיך צוריק אומגעקעהרט צו האפמאן'ען, האט יענער ווידער פאר זיך דערזעהן זיין דיענער.

— און איצטער נאך איין זאך, הערר האפמאן — האט ניק געזאגט — גיט מיר א פאסיר־ווארט, מיט וועלכען איך זאל צו יעדער צייט אונגעשטערט קענען ארויפקומען אויף אייער שיף.

נאך ניק'ס אוועקגעהן איז האפמאן נאך לאנג געשטאנען אויף'ן זעלבען פלאץ און האט וועגען עפעס זיך טיעף פערטראכט.

13טעם קאפיטעל.

ניק שארפ'ס פערגאנגענהייט

ניק שארפ, דער בעריהמטעסטער אמעריקאנער דעטעקטיוו, האט געהאט זעהר אן אינטערעסאנטע פערגאנגענהייט. זיין פאטער איז געווען א שווארץ־קינסטלער און זיין מוטער איז געווען א וואדעוויל־אקטריסע. דער פאטער איז געווען א דייטש און דיא מוטער אן אמעריקאנערין. דעם פאטער'ס נאמען איז געווען יאקאב לינד און זיין מוטער'ס מיידעלשער נאמען איז געווען עליזאבעטה שארפ.

א געוויסע צייט איז דאס פארעל שארפ — דער מאן האט זיך גערופען נאך דער הייראט אויף דעם ווייב'ס נאמען — געווען שטארק בעריהמט אין גאנץ אמעריקא. זיי פלעגען ארומפאהרען פון שטאדט צו שטאדט און ביידע צוזאמען געבען פארשטעלונגען. ער איז געווען איינער פון דיא וואונדערבארסטע שווארץ־קינסטלער, וועלכער האט געמאכט דיא איבערראשענדסטע

קונצען, און זיא פלעגט זינגען, טאַנצען און פאָרשטעלען פערשיעדענע טיפּען מענשען. זיא פלעגט אַזוי שנעל קענען ענדערען איהר געזיכט, אַז פאַר'ן גאַנצען עולם אויף דער ביהנע פלעגט זיא מיט דער הילף פון אַ ביסעל פאַרב און אַ פּאַרוק פאָרשטעלען אַלע בעריהמטע מענשען פון איהר צייט.

דאָס פּאָר פאָלק האָט געהאַט צוויי קינדער: ניקאָלאַס, אונזער איצטיגער בעריהמטער דעטעקטיוו, און אַ טעכטערעל מיט'ן נאָמען יאָהאַנאַ. ביי דעם וואַנדערענדען לעבען פון דיא עלטערען זיינען דיא קינדער שטאַרק פערנאַכלעסיגט געוואָרען און האָבען געלעבט וויא זיי האָבען געוואָלט. ניק איז דעריבער געוואָרען אַן אמת'ער וואַגאַבונד, פלעגט קיין מאָל ניט נעכטיגען אין דער היים, פלעגט פערברייינגען זיין צייט מיט פערדאָרבענע חברים און פאַר גאַסען אַרום האָט מען געציטערט פאַר זיין נאָמען.

ער האָט זיך נאָך אַלס קינד בעקאַנט מיט דיא גנבים און רויבער פון שיקאַגאָ, וואו ער מיט זיין שוועסטער האָבען זיך געפונען, און דאָס איז איהם שפּעטער־צו, ווען ער איז געוואָרען אַ דעטעקטיוו, זעהר גוט צונוץ געקומען.

יאָהאַנאַ, ווידער, איז געווען פּונקט דאָס פערקעהרטע. זי איז געווען אָנשטענדיג, האָט געשטרעבט צו לערנען און אַלע האָבען זיא בעוואונדערט. אָבער וועגען יאָהאַנאַ'ן וועלען מיר זיך גענויער דערוויסען שפּעטער. דערווייל האָבען מיר צו טהאָן מיט ניק'ען.

ניק האָט אויף אַזאַ אופן געפיהרט אַ צולאָזענעם, ווילדען לעבען ביז ער איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר 15. זיינע עלטערען האָט ער געזעהן איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָהר און ווען ער פלעגט זיי זעהן, פלעגט ער אויך פון זיי קיין נחת ניט האָבען.

דאָס אַלטע פּאָר פאָלק פלעגט קיין מאָל ניט לעבען בשלום. דער שוואַרץ־קינסטלער פלעגט זיין זעהר אייפערזיכטיג אויף זיין פרוי, וועלכע איז שוין דאַן ניט געווען יונג, איז אָבער נאָך אַליץ געווען מערקווירדיג שעהן, און דיא סקאַנדאַלען צווישען זיי האָבען קיין מאָל ניט אויפגעהערט. דערצו, פלעגט ניק'ס פאָטער אָפט שכור'ען.

ניק פלעגט דעריבער אויסמיידען זיינע עלטערען, דאָך פלעגט עס איהם ציהען צו זיין פאָטער, ווייל ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט זיינע קונצען. ער פלעגט זיך אויך אָפט לערנען ביי דער מוטער איהר קונסט זיך צו פערשטעלען. ביידע זאַכען זיינען איהם צו־ניץ געקומען, ווען ער איז געוואָרען אַ דעטעקטיוו.

ווען ניק איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר 15, זיינען ער און זיין שוועסטער יאָהאַנאַ געבליבען יתומים. זייערע עלטערען זיינען געשטאָרבען מיט אַן אוננאַטירליכען טויט, ביידע אין איין צייט. דיא קינדער האָבען זיך וועגען דעם דערוואוסט פון דיא צייטונגען.

דאָס איז פּאַרגעקומען אין סאַן פראַנציסקאָ אין אַ האָטעל. צווישען דיא שאַרפּס (אָדער צווישען לינד'ען און זיין פרוי) האָט אויסגעבראָכען אַ סצענע פון אייפערזוכט און אַזוי וויא יאַקאָב לינד איז נאָך דערביי געווען שטאַרק שכור, האָט ער געכאַפּט אַ רעוואָלווער און האָט זיין פרוי דערשאָסען אויף טויט.

דעם שאָס האָט מען דערהערט אין גאַנצען האָטעל און מען איז זיך צו־נויפגעלאָפען פון אַלע צימערען. מען האָט דיא טהיר פון לינד'ס צימער גע־פונען פערשלאָסען און ווען מען האָט געגומען קלאַפען, האָט זיי לינד דורך דער טהיר ערקלערט, אַז ער וועט שיסען יעדען איינעם, ווער עס וועט וואַגען מיט געוואַלד זיך אריינצורייסען צו איהם אין צימער.

מען האָט געשיקט נאָך פּאָליציי, וועלכע האָט זיך גענומען אריינברעכען אין צימער מיט געוואַלד. דערביי האָט לינד געשאָסען און האָט פערוואונדעט עטליכע מענשען. ערשט אין דער מינוט, ווען דיא פּאָליציי האָט שוין לינד'ען כמעט געהאַלטען אין דיא הענד, האָט ער דיא לעצטע קויל פון זיין רעוואָלווער אריינגעשאָסען זיך אין קאָפּ. ער איז מאָמענטאַן געשטאָרבען. זיין פרוי האָט מען אויך שוין געפונען אַ טויטע.

פון דיא לינדס (אָדער שאַרפּס) איז געבליבען עטליכע הונדערט דאָלאַר. מען האָט דאָס געלד איבערגעגעבען פאַר דיא קינדער, אָבער ניק האָט זיך פון דעם געלד אין גאַנצען ענטזאָגט און האָט אויך זיין חלק אוועקגעגעבען פאַר דער שוועסטער.

— דוא וועסט זיך גיכער נויטיגען אין דעם געלד — האָט ער איהר געזאָגט — דערצו האָסטו נאָך דיא מעגליכקייט צו געהן אויף אַן אַנשטענדיגען וועג. איך, ווידער, בין שוין אַ פערלאָרענער מענש.

דער שרעקליכער טויט פון זיינע עלטערען האָט אויף ניק'ען געמאַכט אַ שוידערליכען איינדרוק און ער האָט בעשלאָסען אין גאַנצען צו ענדערען זיין אַרט לעבען. צו וואָס אָבער זאָל ער זיך נעהמען? ער האָט עטליכע טעג געטראַכט וועגען דעם און האָט ענדליך בעשלאָסען צו ווערען אַ מאַטראָז.

דריי יאָהר צייט איז ער געווען אַ מאַטראָז און האָט ארומגערייזט דיא גאַנצע וועלט. דיא איינטאָניגקייט פון דעם לעבען אויף'ן ים האָט זיך איהם אָבער צוגעגעסען און ער האָט בעשלאָסען זיך צוריק אומצוקעהרען אויף'ן לאַנד. אַ צופאַל האָט זיין בעשלוס אויסגעפיהרט נאָך פריהער, וויא ער האָט גערעכענט.

איין מאָל, אין אַ פינסטערער נאַכט, ווען דיא שיף, אויף וועלכער ער האָט זיך געפונען, איז געווען ניט ווייט פון דיא ברעגען פון בראַזיליען, איז זיא בעפאַלען געוואָרען פון אַ פיראַטען־שיף. אַ קאַמפף אויף טויט און אויף לעבען איז שטונדען־לאַנג אָנגעגאַנגען צווישען דער מאַנשאַפט פון דער שיף און צווי־שען דיא פיראַטען, און דיא פיראַטען האָבען ענדליך געזיעגט.

ניק איז א פערוואונדעטער אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דיא פיראטען. אלע איבריגע מאטראזען זיינען אהן רחמנות ערמארדעט געווארען, בלויז ניק'ען האט דער פיהרער פון דיא פיראטען, אונזער בעקאנטער ים־וואלף, בע־גנאדיגט, ווייל ער איז איהם שטארק געפעהלען.

א פאר מאנאט צייט האט ניק פערבראכט אויף דער פיראטען־שיף און האט געוואונען דעם ים־וואלף'ס צוטרויען אזוי אז ווען דיא פיראטען־שיף האט זיך אמאל אבגעשטעלט אין א האפען אין זיד־אמעריקא, האט ניק געקראגען דיא ערלויבנים צו בעזוכען דעם האפען.

ער איז באלד אוועק און געלאזט וויסען דער פאליציי וועגען דעם, אז אין האפען געפינט זיך א שיף מיט ים־רויבער און אליין איז ער אנטלאפען פון דער שטאדט. דער פאליציי איז ניט געלונגען צו כאפען דעם ים־וואלף, אבער ניק האט זיך גערעטעט.

עטליכע יאהר נאכדעם האט זיך ניק ארומגעשלעפט איבער זיד־אמעריקא און איז ענדליך געקומען נאך דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. זיין ציעל איז געווען צו קומען נאך שיקאגא, אויפזוכען זיין שוועסטער און אנהויבען צו לעבען אן אנשטענדיגען לעבען.

ער האט יאהאנא'ן אויפגעזוכט, אבער לעבען מיט איהר צוזאמען האט ער ניט געקענט.

זיא האט פאר דער צייט געענדיגט קאלעדזש און איז אנגעקומען אלס גו־בערנאנטין אין א רייכען הויז אין שיקאגא.

ווען ער איז צו איהר געקומען, האט זיא איהם געזאגט:

— ניק, איך האב קוים מיט צרות זיך דערשלאגען צו אן אנשטענדיגער בעשעפטיגונג און בין אויף'ן ריכטיגען וועג צו מאכען פאר זיך א גוטע צוקונפט. איך דרעה זיך דא אין א קרייז פון רייכע מענשען און איטליכער רעספעקטירט מיך.

— און איך קען דיר שטערען? — האט געפרעגט ניק.

— יא — האט אפען צוגעגעבען יאהאנא.

ניק האט זיך ניט בעליידיגט.

— גוט! — האט ער געזאגט — איך וועל דיין גליק ניט שטערען און וועל פערשווינדען. קענסטו מיר אבער זאגען, וואס דיינע אויסזיכטען זיינען?

— דאס וועל איך דיר זאגען — האט זיא איינגעשטימט — איך האב זיך דא בעקאנט מיט'ן דייטשען מיליטערישען פערטרעטער, א געוויסען אינזשיניר האפמאן און ער איז שטערבליך פערליעבט אין מיר.

— אויב אזוי, בין איך צופריעדען — האט געזאגט ניק — און איך פון מיין זייט וועל דיר פערשפרעכען, אז איך וועל אנווענדען אלע מיינע מעגליכקייטען, אז דוא זאלסט זיך מיט מיר ניט דארפען שעהמען.

יאָהאַנאַ האָט זיך מיט טרעהרען אין דיא אויגען איהם אַרויפגעוואָרפען אויף'ן האַלז.

ביים געזעגענען־זיך האָט זיא איהם געזאָגט:

— איך גלויב, אַז דוא וועסט דיין פערשפּרעכען ערפילען און איך וועל זיך מיט דיר ניט דאַרפען שעהמען, דאָך...

— נו, שעהם זיך ניט, רעד ווייטער — האָט איהר ניק צוגעגעבען מוטה.

— דיא מעשה דערפון איז אזוי — האָט אין פערלעגענהייט אָנגעהויבען יאָ־האַנאַ — דוא ווייסט דאָך, אַז אונזערע עלטערען האָבען געטראָגען אונזער מו־טער'ס נאָמען און זיי האָבען זיך גערופען שאַרפּ. איך האָב אָבער געענדערט מיין נאָמען און רוף זיך מיט'ן פאָטער'ס נאָמען: לינד. איך וואָלט דיך דערי־בער געוואָלט בעטען, אַז דוא זאָלסט ניט טראָגען דעם נאָמען לינד.

— איך וועל טראָגען דעם נאָמען "שאַרפּ" — האָט ניק שטאָלץ געזאָגט — און דוא וועסט זעהן, אַז דוא וועסט זיך מיט דעם נאָמען ניט דאַרפען שעהמען.

ניק האָט דאָ געהאַט זיינע אויסזיכטען.

אין שיקאַגאָ האָט זיך דעמאָלט געטומעלט מיט אַ שרעקליכען געהיימנים־פאָלען מאָרד. אַלע דעטעקטיווס און דיא פּאָליציי האָבען זיך געבראָכען דיא קעפּ און האָבען גאָר ניט געקענט אויסגעפינען. ניק האָט יעדען טאָג געלעזען דיא ציימונגען און האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם מאָרד. ער האָט בע־שלאָסען דאָס געהיימנים אויסצוגעפינען.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע אַלטע, אַמאָליגע בעקאַנטע צווישען דיא שיקאַגאָ'ער גנבים און רויבער און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט זיי אויפזוכען. ער האָט זיך מיט זיי צוריק בעפריינדעט און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט ער דורך זיי דאָך געפונען אַ שפּור צו דעם געהיימנים. ער האָט דאָס געהיימנים ענט־דעקט און איז מיט איין מאָל בעריהמט געוואָרען.

דער נאָמען "ניק שאַרפּ" האָט גענומען קלינגען איבער גאַנץ אַמעריקאַ און ער איז גאָר אין גיכען אַנגעשטעלט געוואָרען אַלס רעגיערונגס־דעטעקטיוו אין וואַשינגטאָן.

זיין בעריהמטקייט איז אָבער געוועזען אַן אונגליק פאַר זיין שוועסטער יאָהאַנאַ'ן.

דיא ציימונגען, וועלכע זיינען געווען פול מיט'ן נאָמען "ניק שאַרפּ", האָ־בען גענומען נאָכזוכען פון וואַנען ער שטאַמט און האָבען דאָס ענדליך אויס־געפונען. און ווען עס האָט פּאַסירט, אַז ניק האָט זיך ניט געקענט צוריקהאַלטען און האָט זיין שוועסטער געשיקט אַ בריוועל, האָבען יאָהאַנאַ'ס בעלי הבתים אויסגעפונען פון דעם בריוועל, פון וואַנען זיא שטאַמט.

יאָהאַנאַ'ס בעל הבית'טע האָט דאַן מיט איהר געהאַט אַ קורצען גע־

שפרעך, נאך וועלכען יאהאנא האט געמוזט פערלאזען איהר הויז, פערליערענדיג דערביי אויך דיא האפנונג ווען־עס־איז אריינצוקומען אין אן אנדער רייך הויז.

— מיסס לינד — האט דיא רייכע דאמע, יאהאנא׳ס בעל הבית׳טע צו איהר געזאגט — ווען איהר זיינט אנגעקומען צו אונז אלס לעהרערין, האט איהר מיר געזאגט, אז איהר שטאמט פון אן אדעליגער דייטשער פאמיליע. איהר האט אונז אבגענארט. ווען מיר וואלטען פריהער געוואוסט אייער אבשטאמונג, וואלט איהר פאר קיין פאל אין אונזער הויז ניט געקענט אריינקומען. איהר וועט אונזער הויז באלד פערלאזען און איך ראטה אייך באלד צו פערלאזען שיקאגא, ווארים איך וועל ניט דערלאזען, אז איהר זאלט אויך אנדערע לייטע בעשווינדלען.

יאהאנא האט זיך ביטער צואויינט און איהר בעל הבית׳טע איז ווייכער געווארען.

— איך פערשפרעך אייך, אז איך וועל קיינעם ניט ענטדעקען אייער סוד, אויב איהר וועט נור באלד פערלאזען שיקאגא. איך גיב אייך מייןווארט!

יאהאנא האט וועגען איהר אונגליק געלאזט וויסען איהר ברודער און איז אבגעפאהרען נאך ניו יארק. אהין איז אויך באלד אנגעקומען ניק מיט א שפאגעל־נייעם פלאן פאר זיי ביידע.

14טעם קאפיטעל.

יאהאנא לינד׳ס געהיימנים

דער טהעאטער און אפערא־סיזאן האט זיך דעם יאהר פערענדיגט אין דער רייכער ניו יארקער געזעלשאפט מיט א מאסקען־באלל. דער באלל, אויף וועלכען עס האט זיך פערזאמעלט דיא גאנצע סמעטענע פון דער ניו יארקער "געזעלשאפט", האט שטאטגעפונדען אין דער גרויסער, פראכטפאלער געביידע פון דער מעטראפאליטאן אפערא־הויז.

שוין אום ניין א זייגער אין אבענד זיינען דיא גאסען ארום דער אפערא־הויז געווען פערנומען מיט אויטאמאבילס און מאסען רייך־געקליידעטע הערען און דאמען האבען אנגעפילט דיא ריעזיגע געביידע. איינציגווייז און גרופענווייז זיינען אינווייניג געשטאנען מענשען, האבען געשפאסט און געלאכט און געמאכט פערשיעדענע בעמערקונגען וועגען זייערע בעקאנטע און נאך מעהר וועגען דיא אונבעקאנטע. דיא הויפט אויפמערקזאמקייט האבען אויף זיך נאטירליך געצויגען דיא מאסקען.

בלויז דיא פרויען האבען געטראגען מאסקען. דיא מענער, מיט איין

אויסנאהמע, האבען קיין מאסקען ניט געטראגען. און דעריבער האט זיך שטארק געווארפען אין די אויגען די איינציגע מענער־מאסקע. דיעזע מע־נער־מאסקע האט אהן אויפהער נאכגעפאלגט איינעם א יונגען פארעל, א מאן און א פרוי. די פרוי איז געווען מאסקירט און קיינער האט ניט געקענט וויסען, אויב זיא איז שעהן. דערפאר האבען אלע בעוואונדערט דעם מאן פאר זיין זעלטענער שעהנקייט.

דאס אינטערעסאנטע פארעל האט לאנגזאם ארומגעשפאציערט דורך די פערשיעדענע דורכגאנגע פון דער גרויסער געביידע און האט, וויא עס האט געשיינט, וועגען קיינעם זיך ניט געקימערט און קיינעם ניט בעמערקט.

זיי זיינען אזוי שטארק געווען פערטיעפט אין זיך אליין, אז זיי האבען גאר ניט בעמערקט, וויא יעדער קוקט זיי נאך און וויא יעדער אינטערעסירט זיך מיט זיי. שעהנע פרויען־מאסקעס האבען דעם יונגען מאן אפט אבגעשטעלט און איהם צוגעווארפען פיעל־פערשפרעכענדע ווערטלעך, אבער ער האט זיי אפילו ניט געענטפערט. פיעלע יונגע פרויען האבען איהם בעגלייט מיט הייסע בליקען, אבער ער האט דאס אפילו ניט בעמערקט. אויך די מענער האבען זיך שטארק פעראינטערעסירט מיט דעם שעהנעם יונגערמאן. אבער די מענער האבען זיך צו איהם פערהאלטען גאר אנדערש וויא די פרויען. זיי האבען איהם ניט פערגונען דעם ערפאלג, וואס ער האט געהאט ביי די פרויען, און זיי האבען זיך אן איהם נוקם געווען דערמיט, וואס זיי האבען זיך געוויצעלט אויף זיין חשבון.

איבערהויפט האט מען זיך געוויצעלט וועגען דעם, וואס אט־דעם יונגערמאן פאלגט נאך וויא א שאטען די איינציגע מענער־מאסקע. די מענער־מאסקע האט דעם יונגען מאן נאכגעפאלגט פון וויטענס, אבער אזוי, אז ער זאל איהם ניט פערלירען פון אויג.

דערפון האבען די געסט פון דעם מאסקען־באלל געדרונגען, אז דא שמעקט זיכער מיט א סקאנדאל. זיי האבען בעשלאסען, אז דער יונגערמאן שפאציערט דא מסתמא מיט א פרעמדער פרוי, און דער מאסקירטער מאן איז ניט קיין אנדע־רער וויא דער מאן פון יענער פרוי.

אין פערלויף פון געצעהלטע מינוטען איז דער שעהנער יונגערמאן מיט זיין געהיימניספאלען פערפאלגער געווארען דער מיטעלפונקט פון אלעמענס אויפ־מערקזאמקייט. די געסט האבען אן אלעס פערגעסען און נור נאכגעקוקט זיי ביידע.

דער שעהנער יונגערמאן האט געהאט אריסטאקראטישע מאניערען און איז געווען רייך געקליידעט. אבער א געניט אויג וואלט גלייך בעמערקט, אז ער איז ניט רייך און איז אויך ניט קיין אריסטאקראט, אבער אז ער איז געוואהנט

צו דער הויכער געזעלשאפט און קען זיך האלטען וויא איינער פון דיא "פיער הונדערט".

— וויא שעהן ער איז! — האט איין פרויען־מאסקע געזאגט צו איהר בע־גלייטער, ווען דער יונגערמאן איז פארבייגעגאנגען לעבען זיי — קומט, לאָ־מיר פערגעהן פון דער צווייטער זייט, וועלען מיר איהם גוט קענען אנקוקען.

— וואס, איהר קענט איהם דען ניט? — האט יענער געענטפערט — מרס. דזשעקסאן האט דאך אייך ערשט נעכטען דערצעהלט וועגען איהם — דאס איז דאך דער יונגער דייטשער באראן נאטהאניעל זיעגפריד.

— אה, דאס איז ער? — האט זיך פערוואונדערט דיא פרויען־מאסקע — אבער וויא וואגט ער עס נאך יענעם סקאנדאל ווידער זיך צו בעווייזען אין אונזער געזעלשאפט? און, דערצו, האט מען מיר דאך געזאגט, אז ער איז שוין אזוי שטארק געזונקען, אז ער האט אוים אָרימקייט און פערצווייפלונג געוואלט בעגעהן זעלבסטמארד.

— זעהט איהר דאך! עס ווייזט אויס, אז ער איז צוריק ארויפגעשוואומען.

דער סקאנדאל, וועגען וועלכען דיא פרויען־מאסקע האט נור־וואס דערמאנט, האטווירקליך ערשט ניט לאנג צוריק ארויסגערופען א שטורם אין דער רייכער געזעלשאפט. צוליעב אט־דעם סקאנדאל האבען זיך עס פאר דעם שעהנעם דייטשען באראן מיט איין מאל פערמאכט דיא טהירען פון אלע רייכע הייזער.

עס האט נעמליך פאסירט אט־וואס:

נאכדעם וויא דער באראן זיעגפריעד האט זיך צוריק מיט א יאהר פלוצלונג בעוויזען אין ניו יארק, איז ער מיט איין מאל געווארען אן אריינגעהער אין אלע רייכע הייזער און עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז ער זאל טהון גאר א געהויבענעם שדוך. מיט איין מאל אבער האט מען זיך דערוואוסט, אז דער באראן, וועלכער האט איבעראל דערצעהלט, אז ער איז א מיליאנער, האט ביי אלע זיינע ניו יארקער בעקאנטע געליהען געלט און קיינעם ניט אבגעגעבען. אין אנפאנג האט יעדער געהאלטען דעם סוד פאר זיך. ענדליך האט אבער אויסגעבראכען אן עפענטליכער סקאנדאל און דער באראן איז פערשוואונדען פון דער הויכער ניו יארקער געזעלשאפט פונקט אזוי אונערווארטעט וויא ער האט זיך דארט בעוויזען.

אט וועגען דעם סקאנדאל האט עס דערמאנט דיא פרויען־מאסקע.

יענער דערמאנטער סקאנדאל האט פאסירט צוריק מיט א מאנאט פיער־פינף און דעם באראן זיעגפריד'ס רייכע ניו יארקער בעקאנטע האבען שוין גע־האט אין גאנצען פערגעסען אן איהם, ווען ער האט זיך איצטער פלוצלונג נאך אמאל בעוויזען ביי דעם מאסקען־באל און האט מיט איין מאל ווידער געצויגען אויף זיך דיא אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט.

דיא וואָס האָבען איהם ניט געקענט האָבען בעוואונדערט זיין זעלטענע שעהנהייט, און דיא וואָס האָבען איהם יא געקענט האָבען זיך ניט געקענט אָב־וואונדערען, וויא אַזוי דער באַראָן האָט עס איצטער געוואגט נאָך אַמאָל צו קו־מען צווישען זיינע פריהעריגע בעקאַנטע. הויפּטזעכליך אָבער האָבען זיך אַלע געוואונדערט, וואָס נאָך דעם באַראָן געהט נאָך דער געהיימניספאָלער מאַס־קירטער מאַן.

וויא שוין געזאָגט, האָבען אַלע גערענקט, אַז דער באַראָן שפּאַציערט דאָ ארום מיט אַ געליעבטער און אַז דער מאַסקירטער מאַן איז עס דער מאַן פון יענער געליעבטער. אַלע האָבען דעריבער ערוואַרטעט אַ סקאַנדאַל. און אַזוי וויא מענשען האָבען געוועהנליך זעהר ליעב צוצוזעהן פרעמדע סקאַנדאַלען, האָט שוין קיינער פון דיא געסט ביים מאַסקען־באַלל ניט אַראָבגעלאָזט קיין אויג פון דעם יונגען שעהנעם דייטשען באַראָן און זיין מאַסקירטען פערפאָלגער.

איינער פון דעם באַראָן׳ס אַמאָליגע גוטע פריינד האָט דעם באַראָן אָב־געשטעלט:

— העללאָ, באַראָן זיעגפריעד! — האָט ער אויסגערופען איבערראַשט — איהר — דאָ? ניט ערוואַרטעט!

— אַלע גוטע זאַכען קומען אונערוואַרטעט, מר. טראַיוויס! — האָט גע־ענטפערט דער באַראָן.

מען האָט קלאָהר געזעהן, אַז דער געשפּרעך איז איהם זעהר ניט אַנגענעהם און אַז ער איז זעהר אונגערולדיג.

— זיינט איהר דיא גאַנצע צייט ניט געוועזען אין ניו יאָרק? — האָט מר. טראַיוויס געפרעגט.

— ניין! — האָט געענטפערט דער באַראָן — איך בין געוועזען אין דייטש־לאַנד.

— געפאָהרען אָבנעהמען אַ ירושה? — האָט מר. טראַיוויס מיט קוים צוגערעקטען שפּאָט געפרעגט.

דער באַראָן האָט איהם אָבגעמאָסטען מיט אַ שטאָלצען בליק און האָט געענטפערט, צעהלענדיג דיא ווערטער:

— יאָ, מר. טראַיוויס, איצטער איז עס שוין קיין סוד ניט און איך קען עס אייך זאָגען: יאָ, איך בין געפאָהרען אָבנעהמען אַ גרויסע ירושה. זיינט איהר צופריעדען?

— איך בין זעהר צופריעדען, באַראָן — האָט געזאָגט מר. טראַיוויס — און איך גלויב, אַז זעהר פיעל מענשען אין ניו יאָרק, אויסער מיר, וועלען אויך זיין העכסט צופריעדען...

— איהר מיינט עס מסתמא מיינע פריינד, וועלכע איך בין שולדיג געלד?... אָה, איהר זיינט אַ גיפטיגער מענש, מר. טראַיוויס! אָבער — נעוועך מאַינד!

זייט זיכער, אַז איך האָב איצטער דיא מעגליכקייט איטליכען צו בעצאָהלען ביז דער לעצטער פעני און איך וועל עס אויך טהאָן...

— זעהר אנגענעהם עס צו הערען, באַראָן! — האָט בעמערקט מר. טראַי־וויס.

— יא — האָט ווייטער גערעדט דער באַראָן — אָבער איהר וועט מיר ענטשולדיגען, מר. טראַיוויס. איך האָב זעהר קיין צייט ניט. איהר זעהט דאָך, אַז איך בין דאָ מיט אַ ליידי. ביי דהי הווי, לאָמיך אייך פאָרשטעלען: דאָס איז מיין קוזינע, פריילין לינד.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיך לייכט און שטאָלץ פערנייגט פאַר'ן ערשטווינטען מר. טראַיוויס און איז פערשוואונדען צווישען דיא מאַסקען.

ער איז אָבער ווייט ניט אָבגעגאַנגען, ווען אַ גרופּע יונגע לייט האָבען איהם אָבגעשטעלט. זיי זיינען שוין געוועזען אביסעל פרעהליך פון דער משקה, וואָס זיי האָבען שוין צייט געהאַט אריינצוגיסען אין זיך נאָך פאַר'ן באַל און זיי האָבען איצטער ארומגערינגעלט דעם באַראָן מיט פרעהליכע אויסגעשרייען.

און אויך זיי האָט דער באַראָן דערצעהלט, אַז ער איז געפאָהרען נאָך דייטשלאַנד אָבנעהמען אַ גרויסע ירושה.

— אויב אַזוי — האָט איינער פון דער פרעהליכער קאָמפּאַניע אויסגע־שריען — טאָ קומט שוין, באַראָן, און מיר וועלען אויסטרינקען פאַר אייער גע־זונד אַ פּאָר פלעשער שאַמפּאַניער.

— נו, ניין, איצטער קען איך ניט — האָט זיך פערענטפערט דער באַ־ראָן — מיין קוזינע, וועלכע איז נור וואָס געקומען פון דייטשלאַנד, אַ געוויסע שעהנהייט וואַרט דאָרט אוי מיר. מאָרגען, אויב איהר ווילט.

— אָבער פערגעסט ניט, באַראָן, מאָרגען!

— מאָרגען, מאָרגען! — האָט ער צוגעשטימט און איז אַוועק פון זיי.

און אין דער צייט, ווען באַראָן נאַטהאַניעל זיעגפריד האָט גערעדט מיט דער קאָמפּאַניע פרעהליכע יונגעלייט, איז דיא מענער־מאַסקע, וועלכע האָט דעם באַראָן נאָכגעפאָלגט, צוגעגאַנגען צו מר. טראַיוויס, האָט איהם ארויפגע־לייגט דיא האַנד אויף'ן אַקסעל און האָט איהם געזאָגט:

— ווייסט איהר, מר. טראַיוויס, אַז דער באַראָן איז איצטער שטיין־רייך?

מר. טראַיוויס האָט מיט פערוואונדערונג בעטראַכט דעם מאַסקירטען מאַן.

— יאָ, דער באַראָן איז איצטער שטיין־רייך, מר. טראַיוויס, און ער מוז ווידער פערנעהמען דעם פּלאַץ אין דער הויכער געזעלשאַפט, וואָס ער האָט אַמאָל פערנומען. איהר הערט, מר. טראַיוויס? ער מוז!

— אָבער וואָס געהער זיך דאָס אָן מיט מיר? — האָט ערשטווינט געפרעגט מר. טראַיוויס.

— איהר מוזט איהם דערצו העלפען! — האָט שטרענג בעמערקט דער מאַסקירטער.

— איך מוז איהם העלפען? — האָט נאָך מעהר ערשטוינט איבערגעפרעגט מר. טראַיוויס — וואָרום גראָדע איך? און דערצו — ווער זיינט איהר עס, וואָס איהר קומט מיר גיבען בעפעהלע?

— מר. טראַיוויס — האָט שטיל בעמערקט דער מאַסקירטער — איהר, וועט זיין אַזוי גוט מיט מיר אָבצוגעהן אָן אַ זייט.

מר. טראַיוויס האָט געפאָלגט. ווען זיי זיינען ביידע צוגעקומען צו אַ פּלאַץ, וואו קיינער האָט זיי ניט געקענט הערען, האָט דער מאַסקירטער געזאָגט:

— איהר מוזט העלפען דעם באַראָן זיעגפריד ווידער אַריינצוקומען אין דער הויכער געזעלשאַפט, ווייל איהר קענט עס טהאָן. דאָס איז איינס. און צווייטענס, וויל איך אייך דערמאָנען, אַז איהר האָט ערשט מיט עטליכע מאָ־נאַטען צוריק בעגאַנגען איינע פון די שווינדעלהאַפטע שווינדלען אין אייער באַנק און וועגען דעם ווייסען אייניגע מענשען.

טראַיוויס איז געוואָרען טויט־בלאַס.

— ווער זיינט איהר? — האָט ער געפרעגט מיט ציטערענדע ליפּען.

— אָה, דאָס איז פאַר אייך פאָרלויפיג ניט וויכטיג — האָט זיך צולאַכט די מאַסקע — וויכטיג איז יעצט פאַר אונז בלויז איין זאַך: העלפט דעם באַראָן! זעהט אַז זיינע אַלטע עבירות זאָלען פערגעסען ווערען. פיהרט איהם צוריק אַריין אין דיעזעלבע רייכע הייזער, וואו ער איז אַמאָל געווען בעקאַנט. און אויב איהר וועט דאָס טהאָן קענט איהר זיכער זיין, אַז איך וועל אויך האַלטען אייער סוד.

און איידער נאָך דער רייכער באַנקיר האָט צייט געהאַט צו קומען צו זיך, איז שוין דער פערמאַסקירטער פערשוואונדען צווישען די געדיכטע מאַסען מענשען און גענומען אַרומזוכען צווישען זיי דעם באַראָן, וועלכען ער האָט צוליעב זיין געשפּרעך מיט טראַיוויס'ען פערלאָרען פון אויג.

בלאָנדזשענדיג איבער דעם גרויסען זאַל, האָט זיך דער פערמאַסקירטער אָנגעשטויסען אויף צוויי יונגע פרויען אין מאַסקעס. פערבייגעהענדיג זיי, האָט ער געהערט, וויא איינע רופט אָן די צווייטעביים נאָמען: "מיסס דזשע־ראַלד".

— אָה, דאָס איז דאָס טעכטערל פון אונזער מיליאַרדשטשיק! — האָט אַ טראַכט געטהאָן דער פערמאַסקירטער.

ער האָט שוין פון איהר מעהר קיין אויג ניט אַראָבגעלאָזט און האָט איהר נאָכגעפאָלגט. ווען ער האָט בעמערקט, אַז זיא איז געבליבען שטעהן אַליין, איז ער צו איהר שנעל צוגעגאַנגען און האָט איהר שטיל און פאָרזיכטיג געזאָגט:

— פריילײן, באראָן זיעגפריד איז צוריקגעקומען פון דייטשלאנד מיט א רייכער ירושה. ער וועט איצט לייכט דערוויזען דער גאנצער וועלט, אז דיא אלע נארישע קלאנגען, וואס האבען זיך פערשפרייט וועגען איהם, זיינען ניט ווערטה קיין שמעק טאבאק. האט עס אין זינען, פריילײן, אז דער שעהנער באראָן איז אין אייך פערליעבט איבער דיא אויערען.

און ניט ווארטענדיג אויף קיין ענטפער, האט דער פערמאסקירטער דיא רייכע יורש'טע פערלאזען אין פערלעגענהייט און פערזונקען אין זיסע געדאנ־קען.

* * *

עס איז איבריג צו ערקלערען אונזערע לעזער, אז דער פערמאסקירטער איז געוועזן ניט קיין אנדערער וויא אונזער בעקאנטער דעטעקטיוו ניק שארפ.

אבער וואס האט בעדייטעט דיעזע גאנצע קאמעדיע?

אט־דאס ווילען מיר איצטער דעם לעזער דערצעהלען.

לארד הארלינגטאן האט זיך געווענדעט צו דעם בעריהמט־געווארענעם דעטעקטיוו, ער זאל נאכקוקען נאך דעם "עלען־קלאב", וואס מיסס פעטערסאן האט געגרינדעט. ער האט עס געטהאן מיט א דרייפאכען צוועק: ערשטענס, האט ער געהאט א פערדאכט, אז מיסס פעטערסאן שטעהט אין געפאהר, כאטש ער האט נאך דעמאלט ניט קלאר געוואוסט, פון וואנען דיא געפאהר קען קומען; צווייטענס, האט ער מורא געהאט, אז מיסס פעטערסאן זאל זיך אליין ניט אונטערווארפען עפעס א געפאהר צוליעב דעם וואס זיא ליעבט איהם (ער האט דאס זיכער געוואוסט) און צוליעב דעם וואס זיא קען, צוליעב פערשיעדענע געהיימע אורזאכען, איהם ניט הייראטען; און דריטענס, האט ער טאקע געוואלט וויסען אלעס וועגען איהר, כדי דאך ענדליך צו קענען גע־ווינען איהר איינשטימונג מיט איהם צו הייראטען.

ניק האט, אלזא, ניט געהאט דיא אויפגאבע אויסצופארשען עלען פעטער־סאן'ס געהיימניס, ער האט נור בעדארפט זיא בעוואכען. אט דאס איז געוועזן לארד הארלינגטאן'ס פלאן. ניק האט אבער ניט געקענט אריינקומען אין דעם פרויען יאכט־קלוב. ער האט דעריבער געמוזט אימעצען אהין אריינפיהרען. וועמען אבער האט ער אהין געקענט אריינפיהרען? און דא איז איהם געקומען צו הילף דער צופאל, וואס זיין שוועסטער יאהאנא איז געבליבען אהן א שטעלע און האט פערלארען דיא האפנונג צו מאכען א גלענצענדע קאריערע אין דער רייכער געזעלשאפט.

ניק האט פארגעשלאגען יאהאנא'ן אריינצוטרעטען אין דעם פרויען־קלוב, כדי צו קענען געבען לארד הארלינגטאן'ען פערשיעדענע אויסקינפטע וועגען עלען פעטערסאן.

אין אָנפאַנג האָט יאָהאַנאַ גאָר ניט געוואָלט הערען וועגען דעם. וואָס הייסט? זיא וועט ווערען אַ שפּיאָנין? פאַר קיין פאַל ניט! ניק האָט זיא אָבער ענדליך איבערגערעדט.

ער האָט איהר בעוויזען, אַז אין איהר שפּיאָנעווען ליעגט ניט קיין ברעקעל שאַנדע. זיא טהוט דערמיט קיינעם קיין שלעכטס ניט; פערקעהרט, זי וועט העלפען מיסס פּעטערסאָן צו קומען צו איהר גליק.

— און אויסערדעם — האָט ניק גע'טענה'ט מיט יאָהאַנאַ'ן — האָסטו איצטער אַ גלענצענדע געלעגענהייט צוריק אַריינצוקומען אין דער הויכער געזעלשאַפט.

— אָבער וויא אַזוי וועל איך דען קענען אריינקומען אין קלוב, ווען אַהין ווערען אַריינגענומען נור רייכע, אַריסטאָקראַטישע מיידלעך? — האָט געפרעגט יאָהאַנאַ.

— וועגען דעם לאָז שוין מיך זאָרגען — האָט זיא בערוהיגט ניק — דאָ, אין ניו יאָרק געפינט זיך אַ געוויסער דייטשער באַראָן זיעגפריד, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעריבען אין דער רייכער ניו יאָרקער געזעלשאַפט און האָט שיער ניט אויסגעכאַפּט אַ מיליאָנערקע פאַר אַ כלה. דוא ווייסט דאָך, וויא אונזערע מיליאָנערקעס שלאָגען זיך איבער דיא קבצנ'ישע אייראָפּעאישע באַראָנען, גראַפען און לאָרדען. אונזער באַראָן האָט אָבער געהאַט דאָס אונגליק צו זיין שוין גאָר אַ גרויסער קבצן און נאָך אַ גרעסערער שאַרלאַטאַן; האָט ער געליהען געלד רעכטס און לינקס און האָט קיין מאָל גאָר ניט געפּרובט אַפילו אָבצוצאָהלען. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט פון דער הויכער געזעלשאַפט געמוזט פערשווינדען.

— טאָ וויא זשע וועט ער קענען מיך אַהין אריינברענגען, ווען ער אַליין האָט אַהין ניט קיין צוטריט? — האָט יאָהאַנאַ אונגעדולדיג איהם איבערגעשלאָגען.

— טאָ הער־זשע ווייטער: מיר וועלען דעם באַראָן געבען אַ פאָר טויזענד דאָלאַר — איך מיין, ניט מיר, נאָר דער לאָרד האַרלינגטאָן — און דער באַראָן וועט וויעדער ערשיינען פאַר דער וועלט מיט אַ בבא־מעשה, אַז ער איז געווען אין דייטשלאַנד, אום דאָרטען אָבצונעהמען אַ גרויסע ירושה. איך וועל איהם אין דעם בלאָף צוהעלפען און עס וועט געהן וויא געשמירט. דיך וועט ער פאַר דער וועלט פאָרשטעלען אַלס זיין קוזינע. קיין בעסערע רעקאָמענדאַציע דאַרף מען גאָר ניט האָבען.

יאָהאַנאַ'ן איז דיעזער פּלאַן שטאַרק געפעהלען געוואָרען. אויף דעם דייטשען אינזשיניר און מיליטערישען פערטרעטער האָפמאַן'ען האָט זיא שוין יעצט קיין האָפנונגען ניט געהאַט. זיא איז געווען זיכער, אַז דיא רייכע פאַמיליע, וואו זיא איז פריהער געווען אַ לעהרערין און וואו זיא האָט זיך בעקענט מיט

האפמאן׳ען, האט איהם זיכער ענטדעקט איהר געהיימניס, כאטש זיי האבען איהר פערשפראכען עס צו האלטען בסוד.

זיא האט ענדליך איינגעשטימט און ביי דעם פריהער בעשריבענעם מאס־קען־באל איז זיא צום ערשטען מאל צוזאמען מיט׳ן באראן זיגפריד אריינגע־טראטען אין דער רייכער ניו יארקער געזעלשאפט. אריינקומען אין דעם ״עלען־קלאב״ און ווערען שפעטער איינע פון דיא וועסטאלקעס איז איהר שוין ניט שווער אנגעקומען.

ווען דיא וועסטאלקעס האבען זיך ארויסגעלאזט אויף זייער וועלט־רייזע, האט אין אנפאנג ניק ניט געוואלט פערלאזען זיין רעגיערונגס־שטעלע און זיי נאכפאהרען. ער האט זיך אבער אנגעשטויסען אויף דער פערשווערונג צו ער־מארדען עלען פעטערסאן און דורך דעם איז ער געקומען אויף׳ן שפור פון דעם ים־וואלף. ער האט דאן בעשלאסען מיטצופאהרען.

דערצו האט ער דיעזע פריוואט־ארבייט געקענט פערבינדען אויך מיט א רעגיערונגס־אויפגאבע, אין וועלכער עס איז געווען פערמישט האפמאן.

אויף אזא אופן זיינען אי דער ברודער אי דיא שוועסטער מיטגעפאהרען מיט דיא וועסטאלקעס.

15טעם קאפיטעל.

ווער איז עלען׳ס מוטער?

דיא וועסטאלקעס האבען בעשלאסען צו פערלאזען דיא ״וועסטא״ אין דעם האפען פון אלעקסאנדריע און בעזוכען עגיפטען (מצרים) אויף דער יבשה.

זיי האבען בעשלאסען אבצופיהרען סולימא׳ן צו איהר פאטער, אן אראַ־בישען שייך (עלטסטען) און אין דערזעלבער צייט בערייזען אביסעל דאס לאנד, אנפאנגענדיג פון דער שטאדט קאאירא.

ווען דיא רייזע אויף דער יבשה איז בעשלאסען געווארען, זיינען ענט־שטאנען שוועריגקייטען.

אלע וועסטאלקעס האבען געוואלט בעזוכען דאס לאנד און דעריבער איז ענטשטאנען דיא פראגע: אויף וועמען זאל מען איבערלאזען דיא שיף? אבער דאס איז נאך אויך ניט געווען אלעס. דיא הויפט שוועריגקייט איז בעשטאנען אין דעם, וואס מען האט ניט געקענט מיטנעהמען אויך דיא פרויען וואס דיא וועסטאלקעס האבען בעפרייט און עס איז געווען א געפאהר, אז אויב מען וועט זיי אליין איבערלאזען אויף דער ״וועסטא״, וועלען זיי נאך צוריק אריינפאלען אין דיא הענד פון דיא שקלאפען־הענדלער.

די וועסטאלקעס זיינען געווען זיכער, אז די פרויען־הענדלער שפירען זיי נאך און זוכען א געלעגענהייט צוריק צו קריגען די בעפרייטע פרויען.

אלע זיינען דעריבער געווען אין פערלעגענהייט און האבען ניט געוואוסט וואס צו טהאן. עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז אייניגע לייטע פון "אמאר" זאלען בלייבען היטען אי דעם "אמאר" אי די "וועסטא".

אבער דא איז זיי געקומען צו הילף יאהאנא לינד.

— ווארום זאלען מיר ניט בעטען דעם קאפיטאן פון "בליץ" הערר האפ־מאן, ער זאל האלטען וואך איבער דעם "אמאר" און איבער דער "וועסטא"? — האט זי געזאגט.

דיזער פלאן איז אין אנפאנג זעהר ניט געפעהלען געווארען עלען פע־טערסאן.

דעם אמת געזאגט, האט עס זי געצווינגען נאך אמאל זיך צו בעגעגענען מיט'ן דייטשען אינזשיניר און זיך דערוויסען דעם אמת וועגען איהר מוטער. פון דער צווייטער זייט האט זי אט־דיזע בעגעגעניש שטארק געשראקען. ערשטענס, האט איהר שטארק וועה געטהאן, וואס א פרעמדער מענש דארף זיך צוריהרען צו איהר וואונד; צווייטענס, האט זי מורא געהאט, אז זי זאל זיך ניט דערוויסען עפעס אזעלכעס וואס זאל איהר וועהטאג מאכען נאך שארפער.

זי האט דעריבער ניט געוואלט האבען קיינע פערבינדונגען מיט האפ־מאן'ען, אבער אזוי וויא אלע וועסטאלקעס און אויך די מענער פון דעם "אמאר" זיינען געווען דאפיר, אז מען זאל אננעהמען יאהאנא לינד'ס פארשלאג, האט עלען פעטערסאן ענדליך זיך געמוזט אונטערגעבען און צושטימען צום פארשלאג.

און דאן איז ביי איהר פלוצלונג געבארען געווארען א נייער פלאן און זי האט ערקלערט, אז זי אליין וועט אריבערפאהרען צו האפמאן'ען און זיך מיט איהם וועגען דעם דורכריידען.

זי האט גערעכענט, אז האפמאן וועט שטארק איבערראשט ווערען, ווען ער וועט זי דערזעהן ביי זיך אויף דער שיף; זי האט אבער געהאט א טעות. האפמאן איז אויף א האר ניט איבערראשט געווארען. וויא עס ווייזט אויס, האט ער זי ערווארטעט. דערפאר אבער איז קלאר געווען צו זעהן, אז עלען'ס וויזיט פרעהט איהם זעהר שטארק.

— ענדליך! — האט האפמאן אויסגערופען, געהענדיג איהר אנטקעגען — ענדליך זיינט איהר דאך געקומען!

עלען איז צוטומעלט געווארען.

— ענטשולדיגט! — האט זי גענומען שטאמלען — איך בין אייגענטליך געקומען צו אייך צוליעב אן אנדער זאך... איך האב צו אייך א בקשה.

האָפמאַן האָט זיך עטוואָס אָנגעכמורעט און האָט טרוקען געזאָגט:
— וויא איהר ווילט.
ער האָט זיא געבעטען זיצען און זיא געפרעגט, וואָס איהר בקשה איז.
— מיר ווילען מאַכען א רייזע איבער'ן לאַנד — האָט זיא אָנגעהויבען, נאָך אַלץ צוטומעלט פון האָפמאַן'ס אונערוואַרטעטער אויפנאַהמע — האָבען מיר אָבער ניט אויף וועמען איבערצולאָזען דיא שיף. אויסערדעם, האָבען מיר דאָרט איינינע פרויען, יענע וואָס מיר האָבען בעפרייט — איהר ווייסט דאָך?
האָפמאַן האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.
— אַלזאָ ווילען מיר אייך בעטען...
— אכטונג צו געבען אויף אייער שיף?
— יאָ.
— מיט פערגניגען. איך האָב גענוג מענשען און וועל עס קענען טהאָן. אויב דיא דזשענטעללייט פון "אמאָר" ווילען מיט אייך מיטפאָהרען, קען איך זיי אויך טהאָן דיעזעלבע טובה.
— יאָ — האָט עלען געזאָגט — מיר האָבען אייך אייגענטליך געוואָלט בע־טען אויך וועגען דעם... מיר דאַנקען אייך!
זיא האָט זיך אויפגעהויבען, אָבער זיא האָט זיך אַלץ ניט געלאָזט אוועק־געהן. אויך האָפמאַן איז אויפגעשטאַנען און ביידע זיינען א פּאָר סעקונדען אַזוי געשטאַנען איינער אַנטקעגען צווייטען.
ענדליך האָט האָפמאַן געמאַכט א פּאָר שריט נעהענטער צו עלען און האָט געזאָגט מיט א געריהרטער שטימע:
— מיסס פעטערסאָן, צו וואָס זאָלען מיר איינער דעם צווייטען נאַרען? איהר זיינט דאָך געקומען דערגעהן עטוואָס וועגען אייער מוטער. עס איז ניט מעהר וויא נאַטירליך און עס איז ליובענסווערטה. איהר דאַרפט דערמיט שטאָל־צירען און איהר שעהמט זיך גאָר... זעצט זיך אוועק, הערט מיך אויס, און איך פערזיכער אייך, אַז א שווערער שטיין וועט ביי אייך אַראָב פון האַרצען.
עלען איז געשטאַנען בלאַס וויא דער טויט און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן.
ענדליך אָבער האָט זיא זיך ענטשלאָסען. זיא איז מיט פעסטע טריט צוגעגאַנגען צום טיש, האָט צוגערוקט א ביינקעל, האָט זיך אוועקגעזעצט און האָט מיט א פעסטער שטימע געזאָגט:
— דערצעהלט!
— איהר וועט מיר ענטשולדיגען אויף איין מינוט, מיסס פעטערסאָן — האָט האָפמאַן געזאָגט מיט פרייד — איך וועל נור געבען א בעפעהל, מען זאָל אונז ניט שטערען... איין מינוט...

ער איז ארוים פון צימער. אין א פאר מינוטען ארום האט ער זיך אומ־געקעהרט, האט זיך אוועקגעזעצט אנטקעגען עלען און האט אנגעהויבען:

— מיסס פעטערסאן, ווען איך האב אייך צום ערשטען מאל דערזעהן, האב איך אייך דערקענט און דערקענט האב איך אייך ניט ווייל איך האב אייך שוין אמאל געזעהן, נאר ווייל איהר זיינט וויא צוויי טראפען וואסער עהנליך צו אייער מוטער. ווען איך האב אייך צום ערשטען מאל דערזעהן, האב איך געדענקט, אז איך זעה אייער מוטער אין דער צייט, ווען זיא איז געווען אין אייערע יאהרען.

"און געקענט האב איך אייער מוטער, ווען זיא איז געווען אין איהר בליי־הענדסטער יוגענד־צייט, ווען זיא איז אלט געווען א יאהר 18. איך בין דאן געווען א אינגעל פון א יאהר צעהן, איך האב זיא אבער געקענט און האב זיך מיט איהר שטארק אינטערעסירט, ווייל... נו, צוליעב מיין עלטערען ברודער. אבער וועגען דעם — שפעטער.

"אייער מוטער איז געווען דיא איינציגע טאכטער פון אן אלטען עהרלי־כען דייטשען אפיציער, וועלכער האט שוין מעהר ניט געדיענט און וועמענס איינציגע פרייד איז געווען זיין איינציג קינד, זיין טאכטער, אייער מוטער.

"דער נאמען פון אייער זיידען, פון דער מוטער'ס צד איז געווען מילער. זיין פרוי איז געשטארבען נאך אין דער יוגענד און אוים ליעבע צו זיין פרוי האט ער מעהר ניט געהייראטה, האט זיך ענטזאגט פון דיענסט און האט זיך אין גאנצען אבגעגעבען מיט דער ערציהונג פון זיין איינציגער טאכטער.

"אלע האבען געקענט דעם גוטען הערר מילער און אלע האבען איהם רעס־פעקטירט. אלע זיינען אויך געווען שטארק בעגייסטערט פאר זיין יונגער, שעהנער, געראטענער טאכטער.

"עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז דער אלטער מילער זאל האבען **נחת** פון זיין טאכטער.

"אייער מוטער — איהר וועט מיר ערלויבען זיא צו רופען ביי איהר **ערשטען נאמען**, ווייל אזוי בין איך פון קינדווייז אן געוואהנט געווארען זיא **צו רופען** — אלזא, אמאליא מילער האט געזאלט ווערען מיין שווענגערין. מיין עלטערער **ברודער** יאהאן איז געווען שטערבליך פערליעבט אין איהר און זיא האט איהם אויך געענטפערט מיט ליעבע. און אזוי וויא אונזערע פאמיליען זיינען פון לאנג אן געווען בעפריינדעט, איז דער שדוך פון ביידע צדדים בעגריסט געווארען מיט פרייד.

"יא, עס איז שוין געווען ניט ווייט צו דער חתונה און דיא פארבערייטונגען זיינען שוין געווען אין פולען גאנג, ווען...

האפמאן האט זיך ביי דיעזע ווערטער נערוועז אויפגעהויבען פון פלאץ און האט א פאר מאל דורכגעשפאנט דורך'ן צימער. וויא עס האט אויסגעזעהן,

איז איהם ניט לייכט אנגעקומען צו בעריהרען דעם פונקט, צו וועלכען ער איז איצטער צוגעקומען.

— מיסס פעטערסאן — האט ער ווידער אנגעהויבען, ווען ער האט זיך צו־ריק אוועקגעזעצט אויף זיין פריהריגען פלאץ — וויא איך פערשטעה, פערגע־טערט איהר שטארק דאס אנדענקען פון אייער פערשטארבענעם פאטער. איך ווייעדער האב ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו זעהן פון איהם אזעלכעס וואס זאל ארויסרופען פערגעטערונג. איהר וועט מיר דעריבער ענטשולדיגען, אויב עס וועט זיך אפשר ביי מיר ארויסכאפען אן אויסדרוק, וואס וועט אייך ניט געפעהלען. איך קען אייך נור פערזיכערען, אז איך וועל וויא ווייט מעגליך שאנעווען אייערע געפיהלען.

ער האט זיך אבגעשטעלט און געווארט אויף איהר ענטפער, אבער זיא איז געזעסען מיט צונויפגעדריקטע צייהן און שווער אטהעמענדיג.

האפמאן האט מיט מיטלייד א קוק געטהאן אויף איהר און האט שטיל געפרעגט:

— זאל איך ווייטער דערצעהלען?

— דערצעהלט! — האט עלען קורץ און אבגעהאקט געזאגט.

האפמאן האט ווייטער גענומען דערצעהלען:

— עס האט אלזא שוין געהאלטען נאהענט צו א חתונה, ווען עס איז אין אונזער פאמיליע ערשיענען אייער פאטער, מר. פעטערסאן. וויא אזוי ער איז געקומען אין אונזער פאמיליע, איז ניט וויכטיג. דאכט זיך, עס איז ניכער פון אלעמען געווען א בלויזער צופאל, וואס ער האט זיך בעקאנט און האט זיך בעפריינדעט מיט מיין ברודער יאהאן, אייער מוטער'ס אמאליגען חתן.

"אייער פאטער איז געווען אן ענגלענדער, איז נור־וואס געקומען פון אינדיען און האט איצטער געמאכט א רייזע איבער איירָאפא. א צופאל האט איהם אויך געבראכט אין אונזער שטאדט און א צווייטער צופאל האט איהם אריינגעבראכט אין אונזער פאמיליע.

"אייער פאטער איז שוין דאמאלס אויך ניט געווען קיין יונגער מאן און זיין קאפ איז שוין געווען האלב־גרוי. אבער זיין לייבען־קאפ און זיינע פער'חלום'טע טיעפע אויגען האבען לייכט געקענט אראבפיהרען פון זינען א פרוי, איבער־הויפט נאך א יונג מיידעל מיט א לעבעדיגער פאנטאזיע.

"עפעס געהיימניספאלעס האט געשוועבט ארום אייער פאטער, מיסס פע־טערסאן, אבער וואהרשיינליך ווייסט איהר עס גלייך מיט מיר, אויב איהר גע־דענקט איהם נור און אויב איהר זיינט שוין געווען גענוג דערוואקסען ביי זיין לעבען צו קענען איהם בעאבאכטען.

"ביז יעצט ווייס איך נאך ניט גענוי, ווער אייער פאטער איז געווען און

וואָס פאַר אַ געהיימניסע ער האָט אַרומגעטראָגען טיעף אין הארצען. ביי אונז אין שטאָדט האָבען זיך אָבער אַרומגעטראָגען קלאַנגען, אַז ער האָט אין זיין לעבען דורכגעליטען אַ שווערען אונגליק און זייט דאַן קען ער קיין רוה ניט גע־פינען אין ערגעץ און ער וואַנדערט נור פון איין לאַנד אין צווייטען. מען האָט אויך דערצעהלט פערשיעדענע געהיימניספאָלע געשיכטען, וואָס זיינען מיט איהם פאָרגעקומען אין אינדיען.

"פון וואַנען דיעזע אַלע געשיכטען האָבען זיך גענומען, האָט קיינער ניט געוואוסט. דאָך האָבען זיי געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף יעדען און אי־בערהויפט אויף פרויען. אין אַלעמענס אויגען איז אייער פאָטער פּלוצלונג געוואָרען אַ העלד פון פיעלע העכסט־שפּאַנענדע פּאַסירונגען. ווען מען זאָל נאָך דערצו צוגעבען, אַז אייער פאָטער איז, וויא שוין געזאָגט, אַן און פיר זיך געווען זעהר שעהן, אינטערעסאַנט און געהיימניספאָל, וועט איהר שוין לייכט אַליין פערשטעהן, וויא אַזוי עס האָט פּאַסירט, אַז אַלע אונזערע פרויען זיינען געווען פערליעבט אין אייער פאָטער ביז משוגעת.

האָפּמאַן האָט זיך ווידער אָבגעשטעלט, האָט בעטראַכט מיסס פּעטערסאָן, וויא זיא זיצט אַ בלאַסע און האָט זיא עפּעס געוואָלט פרעגען, אָבער זיא האָט נערוועז און אונגעדולדיג אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, און ער האָט ווייטער גענומען דערצעהלען:

— אייער מוטער איז ניט געווען קיין אויסנאַהמע. אויך זיא האָט פער־געסען אָן מיין ברודער און האָט זיך ביז משוגעת פערליעבט אין אייער פאָטער.

"אייער מוטער איז געווען אַ בת יחידה און זי איז געוואָהנט געווען צו טהאָן אַלעס וואָס זיא האָט נור געוואָלט. צוליעב דעם וואָס מען האָט איהר אַלעס נאָכגעגעבען, האָט זיא געהאַט אַ פעסטען כאַראַקטער און אויב זיא האָט נור עטוואָס בעשלאָסען, האָט זיא עס געמוזט אויספיהרען. און ווען זיא האָט ליעב בעקומען אייער פאָטער, האָט זיא ניט געמאַכט קיין לאַנגע טענות און האָט עס ערקלערט פריהער איהר פאָטער און נאָכדעם מיין ברודער. עס האָבען זיך אָנגע־הויבען סקאַנדאַלען, אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען.

— וויא האָט זיך דערביי געהאַלטען מיין פאָטער? — האָט מיט אַ ציט־טערענדער שטימע איהם איבערגעשלאָגען עלען.

— אויף דיעזער פראַגע איז מיר שווער צו ענטפערען — האָט גענומען שטאַמלען האָפּמאַן.

— איך וויל וויסען דעם גאַנצען אמת — האָט ענטשלאָסען געזאָגט עלען.

— אויב אַזוי, וועל איך אייך זאָגען. דעם אמת געזאָגט, קען איך עס אייך געווי ניט זאָגען, ווייל אייער מוטער אַליין האָט אין פערשיעדענע צייטען

פערשיעדען ערקלערט אייער פאטער'ס האלטונג. גאר אן אנדער מיינונג ווידער האב איך געהערט פון מיין ברודער און נאך א דריטע פון אייער זיידען.

— דאך?

— דאס הייסט, איהר ווילט וויסען, וויא איך פערשטעה דיא זאך?

— יא.

— מיר דאכט זיך, אז אייער פאטער איז אין אנפאנג אנגעצונדען געווא־רען מיט אייער מוטער'ס ליעבע. דאס איז אבער געוועזן בלויז אויף א קור־צער צייט. ער איז צו איהר באלד אבגעקיהלט געווארען אדער האט ניט געקענט זיא ליעבען טאקע צוליעב דערזעלבער טרויעריגער געהיימנים אין זיין לעבען, וועגען וועלכער מען האט דערצעהלט אזוי פיעל מעשיות און וועגען וועלכער קיינער האט ניט געוואוסט קיין בעשטימטעס. עס קען אויך זיין, אז ער האט מורא געהאט, אז א יונגע פרוי וועט איהם שטערען אין זיין פרייען וואנדער־לע־בען. ווער וויים? איך וויל אייך אויפמערקזאם מאכען, אז איך גיב אייך אן דיא שעהנסטע ערקלערונגען וואס איך קען געפינען. אנדערע דענקען, אז דיא אורזאכען האבען געקענט זיין פיעל מיאוס'ערע.

— דענקט איהר, אז ער האט געגען מיין מוטער געהאנדעלט ניט עהרליך?

— האט עלען געפרעגט און איהרע אויגען האבען דערביי געברענט.

— איך האב דאס ניט געזאגט, מיסס פעטערסאן! עס איז שווער צו אורטהיילען יענעם, ניט וויסענדיג אלעם גענוי... איך וויים נור, אז ער האט, ווייזט אויס, ניט געהאט דעם מוטה צו ליעבען אייער מוטער און האט ניט געהאט דאס הארץ איהר צו ערקלערען, אז ער ליעבט זיא ניט אדער אז ער טאר זיא ניט ליעבען. און דערפון האט זיך גענומען דער גאנצער אונגליק פון זייער ביידענס לעבען.

"איך וועל עס אייך מאכען בקצור, ווייל איך אליין וויים ניט גענוי וואס עס איז פארגעקומען דאן, ווען אייער מוטער האט ערקלערט, אז זיא ליעבט אייער פאטער. עס זיינען פארגעקומען סקאנדאלען צווישען אייער פאטער און אייער זיידען און דער סוף איז געווען, אז אייער פאטער איז אונערווארטעט פערשוואונדען, איבערלאזענדיג א בריוועל פאר אייער מוטער, אז אבוואהל ער ליעבט זיא, רעכענט ער דאך, אז עס איז גלייכער פאר זיי ביידע זיי זאלען זיך צושיידען.

"ווען דערזעלבער פאל וואלט פארגעקומען מיט אן אנדער מיידעל, וואלט זיך דיא געשיכטע דערמיט געווען געענדיגט. אייער מוטער איז אבער געווען אן אנדער סארט מענש. זיא האט בעשלאסען, אז זיא וועט אונטער אלע אומ־שטענדען זיין צוזאמען מיט איהר געליעבטען. זיא האט אפען ערקלערט איהר פאטער, אז זיא וועט פאהרען זוכען פעטערסאן'ען.

"נאטירליך האט מעהר וויא אונגליקען פון דער גאנצער געשיכטע ניט גע־

קענט ארויסקומען. און דער ערשטער אונגליק איז געווען, וואס אמאליא'ס פאטער, דאס הייסט, אייער זיידע האט בעקומען אפאפלעקסיע און איז אין עטליכע טעג ארום געשטארבען.

"מען האט גערעכענט, אז דיעזער קלאפ וועט אבהאלטען אמאליא'ן פון דעם בעשלוס נאכצולויפען פעטערסאן'ען און מיין אונגליקליכער ברודער יאהאן האט בעקומען נייע האפנונגען צוריק צו געווינען אמאליא'ס ליעבע. אלע ערווארטונגען האבען זיך אבער געענדיגט מיט גאר ניט. עס זיינען נאך קיין צוויי וואכען ניט אוועק נאך איהר פאטער'ס טויט און אמאליא האט זיך גענומען קלייבען אין וועג אריין.

דא האט זיך האפמאן ניט-ווילענדיג אבגעשטעלט, ווייל ער האט בעמערקט, וויא עלען ציטערט וויא אין פיבער. ער איז א דערשראקענער צוגעלאפען צו איהר און האט זיא געפרעגט:

— פיהלט איהר ניט גוט? זאל איך פילייכט אבלעגען דיא ענדע פון מיין ערצעהלונג אויף א צווייטען מאל?

עלען האט גאר ניט געענטפערט. אנשטאט אן ענטפער האט זיא אויסגעבראכען אין א היסטערישען געוויין, וועלכער האט אבער ניט לאנג אנגעהאלטען. עלען'ס שטארקע נאטור האט געזיעגט און זיא האט מיט איהרע לעצטע כחות זיך געצוואונגען זיך צו בערוהיגען.

דיא געשיכטע וואס זיא האט איצטער אויסגעהערט האט פאר איהר אוועקגעשטעלט איהר מוטער גאר אין אן אנדער שיין. דיא גאנצע ביטערקייט און האס וואס זיא האט זייט פיעלע יאהרען געפיהלט צו איהר מוטער, האט אנגעהויבען פערשווינדען. זיא האט זיך פלוצלונג דערפיהלט שרעקליך שולדיג געגען איהר מוטער. עס איז ביי איהר איצטער אויך געבוירען געווארען א שטארקער צווייפעל אין איהר פאטער, וועלכען זיא איז געוואהנט געווען צו פערגעטערען. עס איז איהר פארגעקומען, וויא איינעם, וועלכער האט זיך פלוצלונג איבערצייגט אין דער פאלשקייט פון זיין גלויבען אדער וויא איינעם, וועלכער האט פלוצלונג געעפענט דיא אויגען און האט בעמערקט, אז זיין גאט איז ניט מעהר וויא אן אבגאט.

אט דיא דאזיגע נייע געפיהלען האבען אזוי צוטרייסעלט עלען'ס נערווען, אז זיא האט ניט אויסגעהאלטען און האט זיך צוּוויינט.

ווען זיא האט זיך בערוהיגט, האט זיא געזאגט:

— מר. האפמאן, איהר האט מיט אייער ערצעהלונג מיך אין גאנצען צובראכען. דאך בין איך אייך זעהר דאנקבאר דערפאר. טהוט מיר דיא טובה און דערצעהלט ווייטער.

— אבער... — האט ער אנגעפאנגען.

זיא האט איהם ווייטער ניט געלאזט ריידען.

— איך וויל אַלעס וויסען מיט איין מאָל.

ער האָט געזעהן, אַז ער וועט מיט איהר גאָר ניט קענען מאַכען און איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין ערצעהלונג.

— איך מוז אייך, מיסס פעטערסאָן, איצטער עטוואָס בעקענען מיט מיין ברודער יאָהאַן. מיסס פעטערסאָן, איך האָב אויסגערייזט דיא גאַנצע וועלט און האָב אין מיין לעבען געהאַט דיא מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט דיא בעסטע קינדער פון דער מענשהייט. איך האָב אָבער ביז איצטער ניט בעגעגענט נאָך אַזאַ עדעלע נאַטור וויא מיין ברודער יאָהאַן איז געווען.

— איז געווען? — האָט איבערגעפרעגט עלען — הייסט עס...

— מיר וועלען שפּעטער קומען דערצו, מיסס פּעטערסאָן — האָט האָפּמאַן איהר איבערגעשלאָגען — לאָמיר געהן בסדר. איך וויל אייך ניט לויבען מיין גוטען יאָהאַן'ען. איך וועל אייך נור דערצעהלען טרוקענע פאַקטען וועגען דעם, וויא ער האָט געהאַנדעלט געגען אייער פאָטער און מוטער און איהר וועט אליין קענען אורטהיילען.

"יאָהאַן האָט שטערבליך געליעבט אייער מוטער, אָבער ניט מיט יענער ווילדער ליעבע וואָס טרייבט צו מאָרד און זעלבסטמאָרד, נאָר מיט אַ העכערער ליעבע, וואָס ברייננגט דערצו, אַז דער מענש זאָל אויס ליעבע אָפּפערען מיט זיך פאַר דעם גליק פון זיין געליעבטער.

"ווען אַמאַליא, אייער מוטער, האָט ערקלערט יאָהאַן'ען, אַז זיא ליעבט פּעטערסאָן'ען, האָט איהם דיעזע ערקלערונג געקלונגען וויא אַ טויט-אורטהייל, דאָך האָט ער פערשפּראָכען אַמאַליא'ן, אַז ניט נור וועט ער איהר ניט שטערען אין קיין זאַך, נור ער וועט איהר זאָגאַר העלפען, אויב זיין הילף וועט נור קענען פיהרען צו איהר גליק. און ער האָט געהאַלטען זיין פערשפּרעכען.

"ער האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו ווירקען אויף אַמאַליא'ס פאָטער, אַז ער זאָל איהר ניט שטערען אין איהר ליעבע צו פּעטערסאָן'ען; אָבער דאָס איז נאָך ווייניג. ער האָט געטהאָן פאַר אַמאַליא'ן נאָך פיעל, פיעל מעהר. ווען זיא האָט זיך בעשלאָסען צו פאָהרען זוכען אייער פאָטער, האָט יאָהאַן זיך פרייוויליג אַרויסגערופען זיא צו בעגלייטען.

"ער איז געווען אַן אינזשיניר און האָט פאַר זיך געהאַט אַ גלענצענדע צוקונפט. ער האָט שוין דאַן געהאַט געמאַכט עטליכע וויכטיגע ערפינדונגען און האָט געהאַט אַ גוט-בעצאָהלטע רעגיערונגס-שטעלע. און ער האָט אַלעס אַוועקגעוואָרפען, אום צו בעגלייטען אייער מוטער.

טרעהרען האָבען זיך דערבייי בעוויזען אין האָפּמאַן'ס אויגען. ער האָט אונבעמערקט זיי אָבגעווישט און האָט מיט אַ ציטערענדער שטימע ווייטער דערצעהלט:

— אַמאַליא און יאָהאַן זיינען אַוועק נאָך לאָנדאָן און נאָך לאַנגע מאַטער-

נישען און פלאַנענישען זיינען זיי דערגאַנגען, אַז אייער פּאַטער איז אַוועק נאָך אַמעריקאַ. אַמאַליאַ האָט קיין צוויי מינוטען ניט געטראַכט און האָט בע־שלאָסען, אַז זיא פאָהרט אויך אַהין. און יאָהאַן האָט נאָך וועניגער געטראַכט און האָט בעשלאָסען מיט איהר מיטצופאָהרען.

"עס וועט אייך אפשר אויסזעהן מאָדנע, עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז אַמאַליאַ האָט אָנגענומען יאָהאַן'ס פאָרשלאַג זיא צו בעגלייטען אַזוי לייכט, פּונקט וויא דאָס וואָלט געווען ניט איינער וואָס ליעבט זיא ביז משוגעת, נאָר פּונקט וויא דאָס וואָלט געווען איהר ברודער אָדער איהר פּאַטער. זיא איז געווען אַזוי יונג און ענגאָאיסטיש און זיא איז אַזוי געווען פערנומען מיט איהר אייגענער ליעבע צו אייער פּאַטער, אַז זיא האָט אין גאַנצען פערגעסען, אַז יאָהאַן ליידט שרעקליך און אַז פון זיין זייט איז עס אַן אונמענשליכער אָפּפער, ווען ער העלפט איהר זוכען איהר געליעבטען.

"עס קען זיין, אַז יאָהאַן האָט אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה געטראָגען אַ האָפנונג, אַז איהם וועט דאָך סוף כל סוף געלינגען צוריק צו געווינען אַמאַ־ליאַ'ן. דיא הויפּט זאַך ביי איהם איז אָבער געווען זיא צו היטען פון געפאַהר און איהר העלפען. מיין ברודער איז געווען אַ מערקווירדיגער מענש.

"אַמאַליאַ האָט אין דער בעגלייטונג פון מיין ברודער אַרומגערייזט אין פערשיעדענע שטעדט פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקאַ און האָט זיך ענדליך דערוואוסט, אַז אייער פּאַטער איז מיטגעשלעפּט געוואָרען מיט'ן שטראָם מענשען וואָס האָט זיך אַ לאָז געטהאָן זוכען גאָלד אין קאַליפאָרניע. ווען זיי האָבען איהם ענדליך אויסגעזוכט, האָט שוין אַמאַליאַ ניט געהאַט קיין סענט פון איהר פערמעגען וואָס זיא האָט גע'ירשנ'ט פון איהר פּאַטער, און יאָ־האַן איז שוין אויך געבליבען מיט לעדיגע קעשענעס.

"אַמאַליאַ האָט געדענקט, אַז אַזוי שנעל וויא זיא וועט געפינען איהר גע־ליעבטען, וועלען זיך איהרע צרות ענדיגען. זיא האָט אָבער געהאַט אַ גרויסען טעות. פּעטערסאָן, אייער פּאַטער, האָט גאָר ניט קיין חשק געהאַט מיט איהר צו הייראַטען. וואָרום? — דאָס איז פאַר מיר ביז איצטער געבליבען אַ סוד. יאָהאַן האָט יאָ געוואוסט דיא אורזאַכע אָדער פיללייכט האָט ער ניט געוואוסט, נאָר ער האָט זיך אָנגעשטויסען, אָבער ער האָט קיינעם דעם סוד ניט ענטדעקט.

"אַמאַליאַ איז אָבער ניט געווען פון יענע מענשען וואָס לאָזען זיך אָב־שרעקען. זיא האָט זיך בעזעצט אין דערזעלבער שטאָדט וויא אייער פּאַטער און האָט פון איהם קיין אויג ניט אַראָבגעלאָזט. געוואָהנט האָט זיא אין איין הויז מיט יאָהאַן'ען, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבען אַלס איהר ברודער, און וועלכער האָט געאַרבייט אַלס פּראָסטער אַרבייטער, אום צו ערנעהרען זיך און אַמאַליאַ'ן, ווייל אַמאַליאַ האָט זיך ענטזאַגט צו נעהמען וועלכע ניט איז שטיצע פון אייער פּאַטער.

„אַמאַליאַ האָט ענדליך איהרס אויסגעפיהרט. איך וויים ניט, וויא אַזוי עס האָט פּאַסירט, נאָר אייער פאָטער האָט דאָך געהייראַט אַמאַליאַ'ן, און מיין ברודער איז פערשוואונדען.

האָפּמאַן האָט אַ פיהר געטהאָן מיט דער האַנד איבער'ן שטערען, וויא ער וואָלט געוואָלט פערטרייבען פון זיינע אויגען אַ שרעקליך בילד, און האָט ווייטער דערצעהלט:

„מעהר האָב איך קיין מאָל ניט געהערט ניט פון יאָהאַן'ען און ניט פון אייער מוטער. ווען איך בין אָבער צוריק מיט אַ יאָהר דריי אַנגעקומען קיין אַמעריקאַ אַלס דייטשלאַנד'ס מיליטערישער פערטרעטער, בין איך אַוועק נאָך קאַליפאָרניע אום אויסצוזוכען מיין ברודער און אייער מוטער. מיין ברודער האָב איך ניט געפונען. מען האָט מיר דאָרט געזאָגט, אַז מען וויים ניט, וואוהין ער איז אַהינגעקומען. אייניגע האָבען געזאָגט, אַז ער האָט זיך אַליין דערשאָסען. אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז מען האָט איהם דערשאָסען און כמעט אַלע האָבען אין זיין טויט פערדעכטיגט אָדער אייער פאָטער אָדער אייער מוטער.

„איך בין דאַן אַוועק צו אייער מוטער און וויא איך האָב נור אויף איהר אַ קוק געטהאָן, האָב איך דערזעהן, אַז זיא איז אונגליקליך. אייער פאָטער איז שוין געווען טויט, איהר האָט אייער היים פערלאָזען און אייער מוטער איז געווען פערהייראַט פאַר סטיווענס'ען.

„יאַ, איך האָב געטראָפען אייער מוטער אַן אונגליקליכע, צובראָכענע פרוי. זיא האָט זיך פאַר מיר ניט געקלאָגט, אָבער איך האָב קלאָר געזעהר איהר עלענד און איהר אונגליק. פון דיא ווייניגע אָבגעהאַקטע ווערטער, וואָס איך האָב דאָך פון איהר אַרויסגעקראָגען, האָב איך פערשטאַנען, אַז איהר אַלע האָט גרויזאַם געהאַנדעלט געגען איהר... ווילט איהר וויסען וואָס איך האָב אויסגעפונען? איך זאָג אייך פאָראויס, אַז איך מוז דאָ בעריהרען עטוואָס פון אייער מוטער'ס פאַמיליען-לעבען וואָס וועט אייך פילייכט זיין זעהר ניט אַנגענעהם.

האָפּמאַן האָט דורכדרינגענד אַ קוק געטהאָן אויף עלען, וועלכע איז ביי דיזע ווערטער נאָך בלאַסער געוואָרען. עלען האָט פעסט געזאָגט:

— דערצעהלט.

— וויא געזאָגט — האָט האָפּמאַן ווייטער גערעדט — האָט מיר אייער מוטער ניט דערצעהלט וועגען איהרע ליידען. זיא איז צו שטאָלץ דערצו נאָך אפילו איצטער, ווען זיא איז שוין געבראָכען פון אונגליק. יאַ! אָבער איהר אונגליק איז אַזוי גרויס, אַז זיא האָט זיך ניט אין גאַנצען געקענט צוריקהאַלטען און ביי איהר האָבען זיך ווען-ניט-ווען אַרויסגעריסען פערשיעדענע אויסדריקע, פון וועלכע איך האָב פערשטאַנען אַלעס.

„אייער מוטער האָט שטערבליך געליעבט אייער פאָטער, עס קען זיין, שוין פשוט דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אימער פערהאַלטען קאַלט צו איהר און **אויך**

דערפֿאַר, ווייל זיא האָט פערדעכטיגט, אַז ער קען זיא ניט ליעבען, ווייל ער האָט עפּעס אַ סוד און אין דיעזען סוד איז פֿיליכט פערמישט אַ פרוי. דאָס האָט פערביטערט איהר לעבען. איהר שטאָלץ האָט זיך געראַנגעלט מיט איהר ליעבע און זיא איז אַמאָל געווען צו אונטערטהעניג און אַמאָל האָט איהר שטענדיגע פערביטערקייט געבראַכט דערצו, אַז זיא האָט אויך פערביטערט זיין לעבען.

„זיא איז געווען יונג און האָט געבענקט נאָך ליעבע; זיא האָט געליעבט און אויף איהר ליעבע האָט מען איהר ניט געענטפֿערט; זיא איז געווען עלענד און האָט זיך אַזוי גענויטיגט אין אַ פֿריינד. זיא האָט גערעכענט, אַז איהר קינד וועט פערלייכטערען איהרע צרות, אָבער אויך דאָס קינד, איך מיין: איהר, מיסס פּעטערסאָן, זיינט געווען אויף אייער פֿאָטער'ס זייט. און...

דאָ האָט זיך האָפֿמאַן אָבגעשטעלט. וויא עס האָט אויסגעזעהן, איז איהם ווייטער געווען שווער צו ריידען.

— און זיא האָט געפֿונען אַ טרייסט אין סטיווענס'ען — האָט פֿאַר איהם פערענדיגט עלען און האָט צוגעגעבען: עלענדע, אונגליקליכע פרוי!

— יאַ — האָט בעשטעטיגט האָפֿמאַן — איהר האָט רעכט: אייער מוטער איז אַן עלענדע, אונגליקליכע פרוי! און אויב מיר איז געלונגען אייך צו ברייני־גען צו דיעזען געדאַנק, פֿיהל איך, אַז איך האָב ערפֿילט אַ גרויסע מענשליכע פֿפליכט.

עלען האָט זעהר געוואָלט וויסען עטוואָס וועגען איהר מוטער'ס לעבען מיט סטיווענס'ען, אָבער זיא האָט עס ניט געוואַגט צו פֿרעגען.

זיא האָט זיך אויפֿגעהויבען. זיא איז געווען בלאַס וויא דער טויט און האָט זיך קוים געהאַלטען אויף דיא פֿיס.

— איך דאַנק אייך, הערר האָפֿמאַן — האָט זיא געזאָגט און האָט שוואַך אַ דריק געטהאָן זיין האַנד.

ער האָט זיא אַרויסבעגלייט און האָט איהר געהאָלפֿען אריינשטייגען אין שיפֿעל. ווען זיא איז שוין געווען אין שיפֿעל, האָט ער איהר נאָכגעשריען:

— אַלזאָ, אַזוי בלייבט עס. איהר קענט רוהיג פֿאָהרען וואוהין איהר ווילט. איך וועל שוין אַכטונג געבען אויף דער "וועסטאַ" און אויף'ן "אַמאַר".

לאַנג, לאַנג האָט ער נאָכגעקוקט עלען'ס שיפֿעל, אָבער זיא האָט זיך ניט אומגעקוקט.

האָפֿמאַן'ס ערצעהלונג וועגען איהר מוטער האָט געמאַכט אַ גאַנצע איי־בערקעהרעניש אין עלען'ס געדאַנקען און געפֿיהלען.

הייסט עס — האָט זיא געטראַכט — אַז אַנשטאַט דעם וואָס זיא האָט אימער געדענקט, אַז איהר מוטער האָט געזינדיגט געגען איהר און איהר פֿאָטער, צייגט זיך גאָר אַרויס, אַז זיא און איהר פֿאָטער האָבען געזינדיגט געגען דיעזער

אונגליקליכער פרוי. זיא מוז, אלזאָ, באַלד פערגלעטען איהר זינד! זיא מוז באַלד שרייבען צו איהר מוטער און בעטען ביי איהר אום פערצייהונג! דאָס איז איהר פפליכט!

אָבער וואָס איז געוועזען מיט איהר פאָטער? וואָס האָט ער מיט זיך פאַר־געשטעלט? איהר פאָטער איז תמיד געוועזען פאַר איהר אַ געהיימניס, איצטער אָבער, נאָך דעם געשפּרעך מיט האָפמאַן׳ען, איז ער פאַר איהר געוואָרען נאָך אַ גרעסערע געהיימניס, און דיזע געהיימניס האָט זיא איצטער געמאַטערט מעהר וויא אַלע מאָל. און דערצו האָט זיך נאָך ביי איהר געשטעלט אַן אַנדער פראַגע: איז טאַקע איהר פאָטער געוועזען אַזאַ הייליגער וויא זיא האָט זיך אימער פאָרגעשטעלט? האָפמאַן האָט איהר בעמערקט, אַז זיין ערצעהלונג וועט אפשר אַראָבנעהמען דיא הייליגקייט פון איהר פאָטער. ער האָט איהר קיין שענדליכע זאַכען וועגען איהר פאָטער ניט דערצעהלט, ווער וויים אָבער? אפשר האָט ער פאַר איהר פערלייקענט דעם אמת?

אַ שטורם האָט געבושעוועט אין עלען׳ס הארצען און זיא האָט זיך געמוזט פריהער בערוהיגען איידער זיא ווייזט זיך פאַר אימיצען. זיא איז דעריבער באַלד אריין אין איהר קאַיוטע, האָט זיך פערמאַכט און האָט אָנגעהויבען נערוועז ארומגעהן הין און צוריק.

ביי אַ שטונדע צייט איז זיא אַזוי אַרומגעגאַנגען און ענדליך האָט זיא ענטשלאָסען זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און האָט גענומען שרייבען פאָלגענדען בריעף צו איהר מוטער:

"טהייערע מוטער!

"מיין בריעף וועט דיך וואונדערען, ער וועט דיר אָבער פיללייכט פערשאַ־פען אביסעל פערגניגען און גליק און **דאָס** וועט אביסעל אויסקויפען מיין גרויסע שולד געגען דיר. יאָ, ליעבע מוטער, איך וויים, אַז איך בין שולדיג, חאָטש ביז ערשט מיט אַ פּאָר שטונדען צוריק האָב איך אַנדערש געדענקט. אויפגעדעקט דעם גאַנצען אמת האָט מיר דיין פריינד בערנאַרד האָפמאַן און איך בין איהם זעהר דאַנקבאַר דערפאַר.

"ליעבע מוטער! דוא קענסט זיך ניט פאָרשטעלען, וויא איך לייד ביים געדאַנק, אַז איך האָב דיר פערשאַפט אַזוי פיעל לײדען; בלויז איין טרייסט האָב איך דערביי, אַז דיא שולד איז ניט אין גאַנצען מיינע, אַז אויך דוא ביזט אביסעל שולדיג דערמיט, וואָס דוא האָסט קיין מאָל ניט געפּרובט מיר צו עפענען דיא אויגען אויף׳ן אמת.

"אַך, וויא איך וואָלט געוואָלט זיין נאָהענט צו דיר און זיך שטעלען פאַר דיר אויף דיא קניע און וויינען, וויינען פאַר דיר אויף אונזער ביידען׳ס אונגליק און אומזיסטיגע ליידען! ליידער קען איך עס ניט טהאָן איצטער און מוז עס אָבלעגען אויף אַ פּאָר מאָנאַט. איך וואָלט באַלד געפאָהרען צוריק אַהיים ספּע־

ציעל צוליעב דיר, אָבער, ליידער, האָבען מיר דאָ עטליכע אונגליקליכע פרויען, וועלכע מיר האָבען בעפרייט פון שקלאַפעריי און שאַנדע, און מיר מוזען זיי בעזאָרגען. איך וועל דעריבער פערבריינגען עטליכע טעג אין עגיפּטען און נאָכדעם פאָהרען נאָך אינדיען.

"איך וויל האָבען פון דיר אַ בריעף איידער איך קום אַהיים. שרייב מיר נאָך אינדיען אויף דעם אַדרעס פון אַ האָטעל אין קאַלקוטא, וועלכען איך שיק דיר דאָ.

"איך קוש דיך און בלייב דיין געטרייע זינדיגע טאָכטער.

עלען".

עלען האָט דעם בריעף פער'חתמ'עט און איז שוין גרייט געווען איהם אָבצופיהרען אויף דער פּאָסט, ווען איהר האָט אַ שלאָג געטהאָן אין קאָפּ אַ נייער געדאַנק: נו, און סטיוועגס? וויא וועט זיא זיך קענען ווייזען דער מוטער אויף דיא אויגען אַזוי לאַנג וויא זיא טראָגט דעם נאָמען סטיוועגס, אַזוי לאַנג וויא זיא טראָגט דעם נאָמען פון אַן אויסוואורף?

דאָס גאַנצע בלוט האָט דערביי אַ שלאָג געטהאָן עלען'ען אין קאָפּ און איהרע שעהנע באַקען זיינען בעדעקט געוואָרען מיט אַ רויטקייט פון שאַנדע.

סטיוועגס — איהר מוטער'ס מאַן! גאָט, וואָס פאַר אַן ערנידערונג!

און דאָ האָט זיא זיך דערמאָהנט נאָך איין זאַך, וועגען וועלכער זיא האָט כמעט אין גאַנצען פערגעסען ביז דער לעצטער מינוט, און דאָס איז: וועגען איהרע בעציהונגען צו לאָרד האַרלינגטאָן'ען.

ביז יעצט איז איהר געשטאַנען אין וועג צו איהר גליק איהר מוטער'ס פערגאַנגענהייט, מיט וועלכער זיא האָט זיך געשעהמט. איצטער איז דיעזע שטערונג פערשוואונדען, זיא קען מיט אָפענע אויגען קוקען דער וועלט אין דיא אויגען און קען אָננעהמען האַרלינגטאָן'ס הייראַטס-פאָרשלאַג. אָבער ווען וואָלט עס מעגליך געווען? ווען איהר מוטער זאָל ניט הייסען מרס. סטיוועגס.

ווידער האָט אַ שוואַרצער וואָלקען איינגעוויקעלט עלען'ס נשמה, אין וועלכער עס איז נור-וואָס אויף אַ קורצער צייט ליכטיג געוואָרען. אָבער דאָס גליק, וואָס האָט איהר נור-וואָס אַ שיין געטהאָן, איז געווען אַזוי העל און אַזוי צוציהענד, אַז זיא האָט ממש קיין כוח ניט געהאַט זיך צו שיידען דערמיט און זיא האָט זיך אליין גענומען טרייסטען.

עס קען דאָך זיין — האָט זיא געטראַכט — אַז דיא מעשיות וועגען סטיוועגס'ען זיינען אויך אַזוי פאַלש פּונקט וויא דיא מעשיות וועגען איהר מוטער. אי, ער האָט געגען איהר געהאַנדעלט ניט שעהן — קען זיין, אַז זיא האָט איהם שלעכט פערשטאַנען, ווייל זיא האָט שוין פון פריהער געקוקט אויף איהם מיט אַזעלכע אויגען; דערצו, איז זיא דאָך דאַמאָלס געווען אַ קינד און האָט געקענט האָבען אַ טעות.

עלען האט געפיהלט, אז זיא טאר וועגען דעם ניט פיעל טראכטען, אלא ניט, קען זיא נאך חרטה האבען און דעם בריעף ניט שיקען. זיא האט דריבער ארײנ־גערופען איינע פון איהרע פריינדינען און זיא געבעטען באלד אבצופיהרען דעם בריעף אויף'ן פאסט.

ערשט ווען דער בריעף איז אבגעפיהרט געווארען, האט זיא דערפיהלט, וויא א שווערער שטיין וואלט ביי איהר אראב פון הארצען. ענדליך! ענדליך וועט זיא קענען זיך אריינווארפען אין דיא ארעמס פון איהר געליעבטען און זיך פערגינען דאס גליק, פון וועלכען זיא איז גאנצע צוויי יאהר אנטלאפען. ענדליך!

און פלוצלונג האט זיא זיך דערמאהנט אן איהר בילד וואס זיא האט גע־פונען אין קאנסטאנטינאפאל נאך דעם איבערפאל אויף איהר. דאס איז געווען דאס איינציגע בילד פון דעם מין וואס זיא האט געהאט און דאס בילד האט זיך געפונען ביי איהר מוטער. וויא איז דאס בילד געקומען צו דיא באנדיטען? דאמאלס איז איהר איינגעפאלען, אז דאס האט סטיוועגס אדער פיליכט זאגאר איהר מוטער גערונגען דיא באנדיטען זיא צו ערמארדען. און איצטער? וויא זאל זיא זיך איצטער ערקלערען דאס געהיימניס?

דיעזער געדאנק האט זיא געווארפען אין היץ און אין קעלט.

ענדליך אבער האט זיא א מאך געטהאן מיט דער האנד.

מסתמא וועט זיך אלעס ערקלערען צום בעסטען — האט זיא צו זיך אליין געזאגט.

זיא האט ניט געוואלט האבען קיין שלעכטע געדאנקען, ווייל זיא האט אזוי שטארק געוואלט געניסען גליק!

16טעם קאפיטעל.

ביי דיא פיראמידען

אין דעם גרויסארטיגען "האטעל דע ניל" אין קאאירא, דיא הויפט־שטאדט פון עגיפטען (מצרים) געפינען זיך שוין זייט צוויי טעג דיא וועסטאל־קעס און דיא ענגלענדער פון "אמאר".

צוויי בעזונדערע וועלטען האבען אונזערע רייזענדע געזעהן אין קאאירא. איין טהייל פון דער שטאדט איז געבליבען ניט געריהרט זייט הונדערטע און הונדערטע יאהרען און דיא צווייטע טהייל, דיא נייע, מאכט דעם איינדרוק וויא דאס וואלט געווען א טהייל פון לאנדאן, פאריז אדער ניו יארק.

פאר אונזערע רייזענדע איז נאטירליך הויפטזעכליך געווען אינטערעסאנט דאס אלטע קאאירא מיט זיינע דריי טויזענד מאשעען (מחמד'אנישע קלויס־טערס) און מיט אנדערע אלטערטימליכקייטען און זעלטענהייטען.

הויפּטזעכליך האָבען זיי געוואָלט זעהן ארום קאאירא דיא זעלטענע זאכען וואָס זיינען געבליבען פון דיא אַלטע מצריים: דיא פּיראַמידען (ריעזיגע דריי־עקיגע געביידעס פון אונטען ברייט און וואָס העכער, אַלץ שמעלער און שמע־לער), דיא ספינקסען (ריעזיגע פיגורען פון ליגענדע לייבען מיט מענשען־געזיכטער) און דיא אָבעליסקען (פיערעקיגע זיילען, פערשמעלערט ארויף־צו).

פאַר דיזע צוויי טעג וואָס זיי זיינען אין קאאירא האָבען זיי געהאַלטען אין איין ארומלויפען איבער דער שטאָדט און זיי האָבען אַלעס בעוואונדערט.

היינט האָבען זיי ענדליך בעשלאָסען ארויסצופאָהרען הינטער דער שטאָדט און בעטראַכטען דיא פּיראַמידען און דיא איבריגע דערמאָהנטע געביידען און פיגורען, וועלכע זיינען אַלט פיליכט פיער אָדער פינף טויזענד יאָהר.

ביי דיא טויערען פון דעם "האָטעל דע ניל" זיינען געשטאַנען פיעלע אראַבער מיט זייערע עזלען און געוואַרט אויף דיא געסט, אום זיי צו פיהרען אין דער מדבר צו דיא פּיראַמידען.

איניגע געסט, מענער און פרויען זיינען שוין געזעסען אויף עזלען, דיא אַנדערע האָבען ערשט אָבגעקליבען פאַר זיך עזלען.

— איז דער עזעל גוט? — האָט געפרעגט טשארלס וויליאַמס איינעם פון דיא אראַבער, וועלכער איז צו איהם צוגעשטאַנען, ער זאָל פאָהרען אויף זיין עזעל.

— זעהר גוט, עפענדי — האָט דער אראַבער געענטפערט — ער געהט וויא דאָס בעסטע פערד.

— בריקעט ער ניט?

— קיין מאָל ניט.

— האָט ער מעהר שכל פון דעם בעל הבית?

דארויף האָט דער אראַבער ניט געפונען וואָס צו ענטפערען און האָט נור נאַריש געשמייכעלט.

— איז עס, הייסט עס, דער בעסטער עזעל אין קאאירא? — האָט גע־פרעגט וויליאַמס.

— אָה, דער עפענדי איז אַ מבין אויף עזלען — האָט זיך דערפרעהט דער אראַבער — מיין עזעל איז דער בעסטער עזעל.

— דער בעסטער?

— דער בעסטער.

— אָבער ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך וויל דעם בעסטען עזעל?

און וויליאַמס איז צוגעגאַנגען צו אַ צווייטען אראַבער און גענומען ביי איהם זיין עזעל.

פיעלע אַנוועזענדע האָבען זיך דערביי שטארק צולאַכט פון דיזען שפּאַס.

זעצענדיג זיך אויף דעם עזעל, האט וויליאמס ניט ווייט פון זיך בעמערקט דעם ריעזיגען לארד הייסטינגס זיצענדיג אויף א מאגערען עזעל.

— האלא, הייסטינגס! — האט ער אויסגעשריען — עס וואלט געווען מעהר יושר, דער עזעל זאל פאהרען אויף אייך, ער איז פיעל לייכטער פון אייך. איהר וועט איהם דאך איבערברעכען. פאלגט מיך, אום צו זיין זיכערער, פאהרט אם וועניגסטען אויף צוויי עזלען מיט איין מאל.

הייסטינגס האט עפעס בייז א בורטשע געטהאן און דער עולם האט גע־שמייכעלט אן א זייט, ווארים דער גרויסער שווערער הייסטינגס האט ווירקליך אויסגעזעהן זעהר קאמיש אויף דעם קליינעם, מאגערען עזעל.

מען האט נור געווארט אויף דיא וועסטאלקעס, אום דיא רייזע נאך דער מדבר אנצופאנגען.

אלע וועסטאלקעס זיינען דא געווען. אויך איז מיט זיי געווען סולימא, וועלכע איז צוזאמען מיט דיא אנדערע פרויען בעפרייט געווארען פון דעם פרויען־הענדלערס הענד, און מיסס גאלדסמיטה, אן אנדער בעפרייטע פרוי, פון אינדיען. דיא איבריגע זיינען געבליבען אויף דער "וועסטא" אונטער דעם שוץ פון דעם דייטשען קאפיטאן און אינזשיניר האפמאן.

דיא וועסטאלקעס האבען זיך פערשפעטיגט אין האטעל, וויל זיי האבען איצטער געלעזען אין א קאאירא'ער ענגלישער צייטונג א פולען בעריכט וועגען זייער איבערפאל אויף דער שיף פון דעם פרויען־הענדלער.

— עס איז אלעם אזוי גענוי בעשריבען — האט עלען פעטערסאן געזאגט — פונקט וויא א רעפארטער וואלט דערביי געווען און אלעס פערצייכענט אויף'ן פלאץ.

— ניט אנדערש! — האט געזאגט דזשעסי מוריי — אנדערש קען איך זיך ניט ערקלערען, וויא עס איז מעגליך געווען אזוי גענוי צו בעשרייבען, וויא איך האב צושאסען דעם קאפיטאן'ס רעוואלווער און וויא איך האב נאכדעם אויסגע־שאסען פונקט פאר זיינע אויגען.

— מערקווירדיג איז עס אויך — האט מאריע טהאמפסאן זיך אריינגע־מישט — וויא מיר זיינען אלע אויסגערעכענט ביי דיא נעמען. עס האט נור געפעהלט, אז דיא צייטונג זאל געבען אונזערע בילדער. איך שטעל מיר פאר, וויא דיא געשיכטע וועט באלד צופויקט ווערען אין אלע ענגלישע און אמע־ריקאנישע צייטונגען.

— אבער ווער האט דיא אלע געשיכטען דאך געקענט איבערגעבען אין דער צייטונג? — האט געפרעגט עלען — דענקט איהר ניט, אז דאס האט געטהאן איינע פון אונזערע?

— איך גלויב קוים — האט זיך יאהאנא לינד אריינגעמישט — און אזוי

וויא דיא פרויען־הענדלער האָבען עס ניט געטהאָן, בלייבט איבער איין סברה: אַז דאָס האָט געטהאָן איינער פון דיא לייטע פון דעם "אמאָר".

— ווער עס האָט עס ניט געטהאָן — האָט אַן אַנדער וועסטאַלקע געזאָגט.

— איין זאַך איז אָבער זיכער: מיר וועלען איצטער בעריהמט ווערען איבער דער גאַנצער וועלט.

— און מיך פרעהט עס דוקא ניט זעהר שטארק — האָט געזאָגט יאָהאַנאַ לינד.

— ווארום? — האָבען פיעלע געפרעגט.

— פּשוט — האָט יאָהאַנאַ געזאָגט — מיין הארץ זאָגט מיר, אַז מיר קענען דערפאַר זעהר מיאוס אָבשניידען. ערשטענס, וועלען דיא באַנדיטען דורך דער צייטונג זיך דערוויסען, וואו מיר זיינען, און זיי וועלען זיכער זוכען מיטלען זיך נוקם צו זיין און כאָטש ענגלאַנד האָט דאָ אַ גרויסע דעה, קען מען דאָך נאָך ניט אימער קריגען גענוג פּאָליציי־שוץ. דאָס איז איינס. צווייטענס, קען זעהר מעגליך זיין, אַז דיא עגיפּטישע רעגיערונג אליין זאָל זיך צו אונז צו־טשעפּען. לויט'ן געזעץ קומט עס דאָך אויס, אַז מיר זיינען פּשוט'ע ים־רויבער.

— נו — האָט זיך עלען אָבגערופען — מיר דאַכט זיך, אַז איהר זעהט שוין אַלעס אין אַ צו שוואַרצער פארב... אָבער גענוג וועגען דעם. קומט ארונ־טער. אַלע מענער וואַרטען דאָרט אויף אונז.

און ווירקליך האָבען שוין אַלע מיט אונגעדולד געוואַרט אויף זיי.

אַזוי שנעל וויא זיי זיינען אַרונטערגעקומען און האָבען זיך געזעצט אויף זייערע עזלען, האָט זיך דער קאַראַוואַן געריהרט אין וועג אריין.

בלויז אין עגיפּטען קען עס פּאַסירען, אַז אין דערזעלבער מינוט, ווען איהר פערלאָזט דיא רעש'יגע גרויסע שטאָדט כאַפּט אייך ארום אַ טויטע שטילקייט. איהר זיינט דיא מינוט אין דער מדבר, וואו עס הערשט דיא מדבר־זאַמד. דאָס־זעלבע איז אויך דער פּאַל מיט קאַאירא. און נאָך שאַרפער און נאָך דריקענדער ווערט אָט־דער פּלעצליכער איבערגאַנג, ווען מען פאָהרט ארויס אין דער זייט פון קאַאירא, וואו עס געפינען זיך דיא בית־עלמינ'ס; אַם מעהרסטען דריקענד איז דיעזער איבערגאַנג ביינאַכט.

אין דער טויטקייט פון דער מדבר הויבען פּלוצלונג אָן צו שוועבען פאר דיא אויגען הייזלעך, קליינע, ווייסע, איינפאָרמיגע הייזלעך, שטילע, טויטע, פינס־טערע. זייער שטילקייט אין דער מדבר מאַכט אַ שוידערליכען איינדרוק. און נאָך שוידערליכער, נאָך מעהר גייסטערהאַפט איז דיא ווייסקייט.

עס איז אַ מנהג ביי דיא אַראַבער אויפצובויען הייזלעך אויף דיא פאַמיליען־קברים. דיעזע הייזלעך דיענען אי אַלס קברים אי אַלס מצבות. און אויף אַזאַ אופן צוואַקסט זיך אַלץ מעהר און מעהר אין דער מדבר אַ שטאָדט — אַ שטאָדט פון מתים.

ניט ווייט פון קאאירא געפינט זיך אויך א בית־עלמין, וועלכער בעשטעהט שוין ניט פון קליינע הייזלעך, נור פון גאנצע פאלאצען. דאס זיינען דיא קברים־מאָנומענטען פון דיא מאמעליוקען־הערשער, וועלכע האָבען אמאָל פאר גאנצע דריי הונדערט יאָהר געהאַלטען עגיפּטען אונטער זייער מאכט. אין דער צייט אָבער ווען יענע קליינע וויסע טויטע שטאָדט ווערט אָפט בעזוכט פון מאסען מענשען, וואס קומען אהין מתפלל זיין, ווערען דיא קברים־פּאלאצען קיין מאָל ניט בעזוכט און ווערען וואס ווייטער אַלץ מעהר פערוואַנדעלט אין חורבות.

דיעזע קברים האָבען אויף אונזערע רייזענדע געמאכט אזא שווערען איינדרוק אין דער טונקעלהייט פון דער נאכט, אז קיינער האט ניט געוואגט קיין וואָרט ארויסצוריידען.

אָבער דיא הויפּט זאך, וועלכע זיי האָבען געוואָלט זעהן, האט ערשט בעדאַרפט קומען: דאס זיינען דיא פּיראמידען און דיא ספינקסען ארום קאאירא.

דיא נאַכט איז געווען וואונדערבאר קלאָהר און האט אַלעס געפארבט אין א קאָליר, וועלכען מיר זעהען ניט אין אונזערע לענדער. דיא לבנה ווארפט אויף אַלעס א שטארק־העלע זילבער־שיין און זיא בעלייכט א וועלט וואס איז מיט טויזענדע יאָהרען עלטער פון אונזערער; א וועלט, וואס איז פול מיט סודות און וואו קיין זאך ריהרט זיך ניט.

אָט זעהט מען פון וייטען א בארג. ער זעהט אויס וויא א ראָזעווע וואָלקען. און פון הינטער יענעם בארג קוקט ארויס א מאָדנע פיגור. זיא איז אויך בעגאָסען מיט א ראָזעווער פארב. זיא קוקט אויף אייך מיט א פערגלייווערטען בליק און מיט א שמייכעל ארום דיא ליפּען. דיא פיגור איז אזוי גרויס, אז עס גלויבט זיך ניט, אז זיא איז א ווירקליכקייט. דאס איז דער ריעזיגער ספינקס. און נאך ווייטער אריבער דעם ספינקס הויבען זיך אויף הויך, הויך און גיסען זיך צונויף מיט'ן הימעל דריי פּיראמידען. זיי זיינען אזוי אונגעהייער גרויס, אז זיי פילען אייך אָן מיט שרעק. זיי שיינען פון דער ווייטענס און אייך ווייזט זיך אויס, אז דאס ליכט קומט ארויס פון זיי גופא. דאס מאכט דעם איינדרוק נאך שטארקער.

און ארום און ארום זעהט מען נור זאמד. און לעבען דיעזע ריעזיגע פיגורען, אין דיעזען אונגעהייערען ים פון זאמד שלעפּען זיך ארום עטליכע מענשען. זיי זעהען אויס אזוי קליין, אזוי נישטיג, אז עס כאפּט אזש אָן א מורא. מען שטעלט זיך דאן פאָר, אז דער פערגליווערטער שמייכעל ביים ספינקס דריקט אויס שפּאס וועגען אָט־דיא קליינינקע מענשעלעך.

בעזוכען דיא פּיראמידען און דעם ספינקס בייטאָג איז איצט כמעט ניט אינטערעסאנט. עס זעהט אויס צו וואָכעדיג. ביי דער גרעסטער פּיראמידע געפינט זיך אָן אייראָפּעאישער האָטעל. דער ספינקס איז צובראָכען און בעדעקט

מיט אויסקריצונגען. צופיעל מענשען געפינען זיך צו נאהענט צו דיעזע טויזענד־יעהריגע מדבר־זקנים און דיא מדבר איז צו שטארק בעלעבט פון רייזענדע. נור ביינאכט פיהלט מען אין דער שטילקייט פון דער מדבר, וויא עס שוועבט דער גייסט פון א לעבען וואס איז פערשוואונדען מיט טויזענדער יאהרען צוריק.

בלויז ביינאכט קען מען זיך אריינטראכטען אין דעם געדאנק, אז איין פיראמידע איז געבויט געווארען צעהנדליגע און פילייכט הונדערטע יאהרען פון טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע מענשען בלויז מיט דעם איינציגען צוועק זיא זאל דיענען אלס קבר און מצבה פאר דעם באלזאמירטען קערפער (מומיע) פון איין קעניג. בלויז אין דער דונקעלהייט און שטילקייט פון דער נאכט כאפט איינעם אן א שוידער ביים אנבליק פון דיא ריעזיגע געביידעס און פון דיא ריעזיגע שטיינער פון וועלכע זיי זיינען צונויפגעשטעלט.

און אונזערע רייזענדע האבען זיך ווירקליך אריינגעטראכט אין דעם און א הייליגע מורא האט זיי ארומגעכאפט. קיינער האט ניט געוואגט א ווארט ארויסצוריידען און זאגאר זיך בעוועגען, כאטש דער אונענדליכער ים פון זאמד האט פערשלונגען דעם רויש פון דיא טריט און דיא מענשען וואס האבען זיך בעוועגט האבען דערביי קיין שום רויש ניט געמאכט אזוי אז זיי האבען אין דיעזער וואונדערבארער עגיפטישער נאכט געמאכט דעם איינדרוק פון גייסטער.

ניט־ווילענדיג האבען אונזערע רייזענדע זיך פלוצלונג דערפיהלט אזוי קליין און נישטיג און הילפלאז, אז יעדער האט געזוכט שוץ ביים צווייטען.

עפעס וויא פון זיך האט עס פאסירט, אז עס האבען זיך געבילדעט גרופען און פארלעך. טשארלס וויליאמס איז געשטאנען אבגעזונדערט מיט מאריע טהאמפסאן, הייסטינגס איז געשטאנען כמעט וויא צוגעדריקט צו דזשעסי מוריי און עלען פעטערסאן האט אליין ניט געוואוסט, וויא עס האט פאסירט וואס איהר האנד האט זיך געפונען אין הארלינגטאן׳ס האנד.

ווער ווייסט, וויא לאנג זיי וואלטען אזוי אבגעשטאנען, ווען דיא אראבער וואלטען זיי ניט געווען דערמאהנט, אז עס איז צייט זיך אומצוקעהרען צוריק אין שטאדט אריין.

לאנגזאם און שטיל האבען זיך אלע אויפגעזעצט אויף דיא עזלען און מען האט זיך געלאזט צוריק אין שטאדט אריין. דיא גרופען און דיא פארלעך וואס האבען זיך געבילדעט ביי דיא פיראמידען, האבען זיך אויך איצטער ניט צושלאגען, פונקט וויא דיא געדאנקען און דיא געפיהלען פון פריהער, פון דארט, ביי דיא פיראמידען, וואלטען זיי אויף אייביג פעראייניגט.

לארד הארלינגטאן און עלען פעטערסאן זיינען געפאהרען ווייט פאראויס. ערשט דעמאלט, ווען זיי האבען זיך דערווייטערט פון דיא פיראמידען אזוי אז זיי האבען זיי שוין מעהר ניט געזעהן, האט הארלינגטאן געוואגט צו ברעכען דיא שטילקייט.

— מאָרגנע — האָט ער געזאָגט — וויא קליין און נישטיג מען פיהלט זיך אנטקעגנען אָט־דיא דאָזיגע שטיינערנע ריעזען.

— און איבערהויפּט איז שרעקליך דער געדאַנק — האָט געענטפערט עלען — אַז דיעזע מעכטיגע פּרעה'ס וואָס האָבען דיעזע אייביגע פּיראַמידען געבויט האָבען ניט געקענט איבערלעבען אפילו קיין איין־איינציגען שטיין פון זייערע אייגענע געביידעס.

זיי זיינען ווידער אַנטשוויגען געוואָרען, אָבער יעצט האָט זיך שוין אַלעס געטומעלט. יעדער האָט צוריקגעקראָגען דאָס לשון. אַלע האָבען גערעדט און זיך געטהיילט מיט דיא איינדריקע און העכער פון איטליכען האָט גערעדט וויליאַמס, וועלכער האָט, וויא זיין שטייגער איז געווען, וועגען אַלעס זיך גע־וויצעלט.

— גאָט מיינער, וויא וואָכעדיג זיי מאַכען אַלעס — האָט אונצופריעדען געזאָגט עלען און זיא האָט אַ טרייב געטהאָן איהר עזעל.

האַרלינגטאָן האָט איהר נאָכגעפאָלגט און באַלד האָבען זיי אין גאַנצען פערלאָרען פון אויג דיא איבריגע מיטרייזענדע.

זיי האָבען זיך פּלוצלונג דערפיהלט אליין אין אַ גרויסער אונענדליכער זאַמד־מדבר.

— וויא שרעקליך און וויא הייליג איז אַלעס אַרום! — האָט אַ שעפּטשע געטהאָן עלען און איז לאַנגזאַם אַראָב פון'ם עזעל.

האַרלינגטאָן האָט געטהאָן דאָסזעלבע.

זיי זיינען געשטאַנען איינע נעבען צווייטען. ביידע האָבען געפיהלט, וויא עפּעס מאָדנע געפיהלען וואַקסען אָן אין זייערע הערצער.

— גיט מיר אייער האַנד — האָט עלען געזאָגט — איך האָב מורא.

האַרלינגטאָן האָט גענומען איהר האַנד, וועלכע האָט געציטערט וויא אין פיבער און איז געווען קאַלט וויא אייז.

— עלען! — האָט ער שטיל געזאָגט.

דיעזער קלאַנג האָט געווירקט וויא אַן עלעקטרישער שטראָם אויף עלען. עס איז אין איהר מיט איין מאָל וויא אַלעס אָבגעשטאָרבען, דאַן האָט פּלוצלונג מיט איין מאָל אַלעס גענומען זידען אין איהר.

דיא שטילע, צוריקגעהאַלטענע עלען האָט פּלוצלונג פערלאָרען דיא קאָנט־ראָלע איבער זיך. איהר גאַנצער קערפּער האָט געברענט, דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט, דיא הענד האָבען זיך פון־זיך געצויגען אומצואַרמען און דיא ליפּען האָבען געזוכט אַ צווייטען'ס ליפּען.

מיט אַ האַלב־פערשטיקטען געשריי פון גליק און זיסע ליידען צוזאַמען, האָט זיא זיך אַ וואָרף געטהאָן האַרלינגטאָן'ען אויף'ן האַלז און האָט זיך איינ־געזויגען אין זיינע ליפּען.

ארום און ארום איז געלעגען א זאמד־ים, פון אויבען האט געשיינט א גרויסע, ליכטיגע, ראזעווע לבנה און עס האבען געקוקט וויא גרויסע ליכטיגע אויגען טויזענדער שטערען און דא, פערלארען אין דער אונענדליכער טויטער ווייטקייט, האבען צוויי פאר ליפען געזויגען גליק, צוויי הערצער האבען כמעט אויפגעהערט צו שלאגען פאר אויפרעגונג און צוויי פאר הענד האבען זיך גע־דריקט פונקט וויא זיי וואלטען זיך געוואלט ארייגדריקען איינער אין דעם צוויי־טען.

צוויי מענשליכע נשמות האבען זיך אויפגעהויבען העכער פון דער ערד און זיינען פערפלויגען ערגעץ ווייט־ווייט. זיי האבען זיך אבער באלד געמוזט אומקעהרען צו דער זינדיגער ערד, ווייל פון ווייטענס האבען זיך דערהערט דיא קולות פון זייערע מיטרייזענדע.

— לאמיר פאהרען ווייטער — האט זיך א צאפעל געטהאן עלען — איך וויל איצטער קיינעם ניט זעהן.

זיא איז שנעל ארויף אויף׳ן עזעל און האט גענומען שנעל פאהרען. הארלינגטאן האט זיא קוים דעריאגט.

ער איז נאהענט צוגעפאהרען צו איהר און האט זיא פעסט ארומגענומען.

— ענדליך! — האט ער געזאגט מיט א ציטערענדער שטימע — ענדליך איז דאס גליק דאך געקומען!... אח, וויא שווער עס איז מיר געווען געדולדיג צו ווארטען צוויי לאנגע, שווערע יאהר אויף דיעזען גליקליכען מאמענט! איך האב אבער געוואוסט, אז דער מאמענט מוז קומען, און אין דער האפנונג האב איך געשעפט כחות צו ליידען, צו שוויינען און צו ווארטען. ענדליך!

עלען האט פעסט צוגעדריקט זיין האנד.

— און מיר מיינסטו איז עס געווען לייכט? — האט זיא מיט א ריהרענדער שטימע געזאגט — גאט מיינער! וויא פיעל כחות האב איך געמוזט אנווענדען, אום ניט ארויפצוווארפען זיך אויף דיין האלז! טהייערער, ווען דו וואלסט וויסען, וויא איך האב געליטען!

— איך וויים... — האט אנגעהויבען הארלינגטאן און האט זיך אב־געשטעלט.

— דוא ווייסט? — האט האלב־ערשטוינט געפרעגט עלען.

— עס הייסט, איך וויים ניט, אבער איך האב עס געזעהן אן דיר און איך האב עס פערשטאנען, און מיין הארץ איז ממש צוריסען געווארען פאר וועה־טאג. איך האב אבער ניט געוואלט ארויפצווינגען אויף דיר מיין ליעבע. איך בין געווען זיכער, אז דוא וועסט מיר ענדליך דיין ליעבע אליין שענקען.

— טהייערער! — האט געשעפטשעט עלען און זיא האט זיך צוגעבויגען צו הארלינגטאן׳ען און זייערע ליפען האבען זיך ווידער צונויפגעגאסען אין א לאנגען, ליידענשאפטליכען קוש.

זיא האָט זיך אָבער באַלד אָבגעריסען פון איהם און האָט אָנגעהויבען ריידען מיט א געענדערטער שטימע:

— איך בין אַזוי שוואַך און האָב ניט געקענט ווייטער ליידען... איך ווייס נאָך איצטער אויך ניט, אויב איך האָב א רעכט דיך צו ליעבען...

— עלען! — האָט זיא מיט געבעטט אָבגעשטעלט האַרלינגטאָן.

— לאָז מיך ענדיגען — האָט זיך עלען ניט געלאָזט איבערשלאָגען — איך מוז מיט דיר וועגען דעם לאַנג און פיעל ריידען. אַלעס מוז צווישען אונז קלאָר ווערען. יא, אַלעס! וואָרים אויף אונזער ליעבע, קען זיין, ליעגען נאָך אַזוי פיעל שוואַרצע פלעקען. איך האָב געוואָלט מיט דיר פריהער וועגען אַלעס ריידען. איך ווייס אָבער אַליין ניט וויא אַזוי עס האָט פּאַסירט, אַז איך האָב פערלאָרען דיא קאָנטראָלע איבער זיך און האָב דיר געגעבען מיין ליעבע נאָך ניט וויסענדיג קלאָר, אויב איך האָב רעכט דערצו. עס האָט זיך אָבער אַזוי געבענקט נאָך אַביסעל גליק...

צוויי גרויסע טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין איהרע אויגען.

האַרלינגטאָן האָט שטיל זיך צוגעדריקט צו איהר און האָט געזאָגט מיט א ווייכער שטימע:

— עלען, הער מיך אויס. ווען איך האָב זיך דיר אין ניו יאָרק צוריק מיט צוויי יאָהר ערקלערט אין ליעבע, האָסטו מיר געענטפערט, אַז דוא ליעבסט מיך, אָבער צוליעב געוויסע געהיימניסע קענסטו מיר דיין ליעבע ניט שענקען. דוא האָסט מיך געבעטען, איך זאָל דיר קיינע פראַגען ניט שטעלען און זאָל דיך ניט פערפאָלגען מיט מיין ליעבע. איך האָב דיין ביטע ערפילט. נאָכדעם האָבען מיר זיך בעגעגענט אויף אונזער רייזע און דוא האָסט מיר ווידער געזאָגט, איך זאָל דיך אויסמיידען וויא ווייט נור מעגליך. איך האָב דיין בקשה ווידער ערפילט, כאָטש גאָט ווייס דעם אמת, וויא שווער עס איז מיר אָנגעקומען. ענדליך נאָך יענער נאַכט — געדענקסט? — ווען מיר האָבען זיך ביידע פערלאָרען און האָבען איינער ביים צווייטען גע׳גנב׳עט א קוש — געדענקסט? — דאַמאָלט אין דיין קאַיוטע? — נאָך דעם איבערפאַל אויף דיר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל? האָסטו מיך געבעטען צו וואַרטען דריי מאָנאַטען. איך האָב ווידער געפאָלגט און געוואַרט. ניט וואָהר?

— אָבער וואָס ווילסטו דערמיט אויספיהרען? — האָט עלען געפרעגט.

— איך וויל אויספיהרען, אַז איך האָב איצטער א רעכט עפּעס צו בעטען ביי דיר און אויך האָפען, אַז דוא וועסט מיין ביטע ערפילען.

— און וואָס איז דיין ביטע?

— ניט קיין שווערע. איך וויל דיך בעטען, אַז איצטער זאָלסטו וואַרטען דריי מאָנאַטען און זיך ניט מאַטערען מיט קיינע געהיימניסע און מיט קיינע פראַגען צו דוא האָסט א רעכט מיך צו ליעבען. איך וויל, אַז דריי מאָנאַטען

זאָלסטו מיך ליעבען אָהן פראַגען און אָהן צווייפלען און מיך אויך ווענען קיין זאַך ניט פרעגען. דערפאַר פערזיכער איך דיך, אַז נאָכדעם וועל איך דיר קענען בעווייזען, אַז אַלע דיינע צווייפלען און מאַטערנישען זיינען געווען אומזיסטע. פערשפּרעכסטו עס מיר?

עלען האָט מיט ערשטוינונג און פערדאַכט אויף איהם אַ קוק געטהאָן.

— דוא ווערסט עס בעווייזען? — האָט זיא מיט אַ פערשטאַרבענעם האַר־צען איהם געפרעגט — ווייסטו, הייסט עס, מיינע געהיימניסע? איז עס...

— איך ווייס גאַר ניט און וועל דיר אויף קיין זאַך איצטער ניט ענטפערען. איך האָב דיר אימער געגלויבט און האָב ערפילט אַלע דיינע ביטען. איך האָב דעריבער אַ רעכט אויף מיין ביטע. ליעבסטע, טהייערסטע, גלויב מיר דאָס מאָל און פערלאָז זיך אויף מיר.

אַ שטורם מיט געדאַנקען איז אין געצעהלטע עטליכע סעקונדען דורכגע־לאָפען אין עלען'ס מוח. ווייסט ווירקליך האַרלינגטאָן איהרע געהיימניסע? יאַ, אַזוי שיינט עס. איז עס דאָך ניט קיין צופאַל, וואָס זיין שיף האָט זיך בעגעגענט מיט איהרער, כאָטש זיא האָט איהר רייזע ביז דער לעצטער מינוט גע־האַלטען אין געהיים! אָבער פון וואַנען ווייס ער? איהר פערדאַכט איז ווידער געפאַלען אויף יאָהאַנאַ לינד. אָבער צו דורך לינד אָדער דורך אימיצען אַנ־דערש — איין זאַך איז קלאָר: ער האָט געוואוסט ווענען איהר רייזע. און דאַן דיא בעגעגעניש מיט האָפמאַן'ען כמעט אין דערזעלבער צייט און האָפמאַן'ס ערקלערונג ווענען איהר מוטער. איז דאָס בלויז אַ צופאַל? און ענדליך נאָך איין זאַך: האָט זיא דען האַרלינגטאָן ניט געוואָרענט ווענען אַ געפאַהר, וואָס היינגט איבער איהר קאָפּ? ווייזט עס אויס, אַז ער ווייס אויך ווענען איהר שטיעף־פאָטער.

אָבער וואָס זאָל זיא איצטער טהאָן? זיא איז שוין אַוועק צו ווייט און קען זיך שוין ניט אומקעהרען. און אויסערדעם, אויב ער ווייס ווירקליך אַלעס און שלאָגט איהר דאָך פאַר זיין ליעבע און פערשפּרעכט איהר אַלעס צו ענטדעקען אַזוי, אַז אויף זייער ליעבע זאָל קיין פלעק ניט בלייבען, הייסט עס, אַז זיא מעג זיך אויף איהם פערלאָזען.

איבריגענס איז זיא איצטער לחלוטין ניט פעהיג געווען צו דענקען און צו מאַכען אַ ווידערשטאַנד. און אויף זיין פראַגע, צו וועט זיא זיין בקשה ערפילען, האָט זיא געענטפערט:

— יאַ.

פאַר איהר ענטפער האָט ער זיא בעדאַנקט מיט אַ הייסען קוש — דעם לעצטען קוש פאַר דיעזער נאַכט, ווייל זיי זיינען שוין אַריינגעפאָהרען אין שטאָדט.

דאָ האָט זיך געפונען אַ גרויסע מאַסע מענשען, וועלכע האָבען זיך אויף

צוריקגעקעהרט פון דער רייזע אין דער מדבר. צעהנדליגע רייזענדע, אַראַבער און עזלען האָבען זיך דאָ געשטופּט און געטומעלט ביי אַ קליינעם האָטעל, וואו מען האָט אויף שנעל צוגעביסען.

עלען און האַרלינגטאָן האָבען זיך דאָ אָבגעשטעלט וואַרטען אויף זייערע מיטרייזענדע, אָבער ווען יענע זיינען צוגעקומען, האָט עלען דערפיהלט, אַז זיא קען זיך מיט זיי ניט בעגעגנען איצטער, ווען אין איהר נשמה שטורמען אַזוי פיעל הייליגע געפיהלען. זיא האָט דעריבער אַ טרייב געטהאָן דעם עזעל און איידער אימיצער האָט זיך געכאַפּט, איז זיא פערשוואונדען צווישען דער מאַסע מענשען.

ווען מען האָט זיך אין עטליכע מינוטען אַרום געכאַפּט, אַז עלען איז ניטאָ, האָט מען זיא אין ערגיץ ניט געקענט געפינען.

— איך האָב מורא, אַז זי איז אריינגעפאַלען אין די הענד פון די שקלאַפען־הענדלער, פון וועמענס הענד מיר האָבען בעפרייט דיא פרויען — האָט יאָהאַנא לינד געזאָגט — מיין האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז פון דער בעשרייבונג אין דער צייטונג וועגען אונזער איבערפאַל אויף דיא שקלאַפען־הענדלער וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען.

אַלע זיינען געווען איינפערשטאַנדען, אַז לינד'ס ערקלערונג ליגט זיך אויף'ן שכל, און ביי אַלעמען איז דאָס בלוט אין דיא אָדערען פערקיהלט געוואָרען פאַר שרעק.

האַרלינגטאָן איז געווען אַזוי פערצווייפעלט, אַז ער איז גרייט געווען צו בעגעהן זעלבסטמאָרד.

— אַ שטיין אויף אַ שטיין וועלען מיר דאָ ניט איבערלאָזען, ביז מיר וועלען זיא ניט געפינען — האָבען אַלע ענגלענדער בעשלאָסען.

17טעם קאַפּיטעל.

אויף דער געהיימניספאָלער שיף

אונזער בעריהמטער אַמעריקאַנער דעטעקטיוו ניק שאַרפּ האָט זיך אויפגעהאַלטען אויף דער דייטשער שיף דער "בליץ". אַזוי האָט עס געהייסען, כאָטש ער פלעגט זעלטען אַהין קומען. ער פלעגט אַהין קומען אונערוואַרטעט און פלעגט פון דאָרטען פערשווינדען אונבעמערקט. מעהרסטענטהייל פלעגט ער קומען און פערשווינדען ביינאַכט. אויב עס פלעגט איהם אַמאָל אויסקומען צו קומען אויף דער שיף בייטאָג, פלעגט ער אימער קומען פערקליידעט אַלס האַפּמאַן'ס דיענער געאָרג.

האָפּמאַן פלעגט איהם זעלטען זעהן און אַזוי וויא ניק פלעגט קומען אויף דער שיף בלויז אויף אַ קורצער צייט, האָט האָפּמאַן ניט מורא געהאַט, טאָמער היט ניט דער דעטעקטיוו דעם אָבמאַך און בעזוכט זיין קאַבינעט אין זיין אָבוועזענהייט אָדער כאַפּט זיך אריין אין דער מאַשינען־אָבטהיילונג פון דער שיף.

כאָטש האָפּמאַן איז אין אָנהויב געווען זעהר אונצופריעדען, וואָס ער האָט פערשפּראָכען ארויפצולאָזען אויף זיין שיף אַ דעטעקטיוו און דערצו נאָך אַזאַ פעהיגען דעטעקטיוו, האָט ער זיך איצטער אין גאַנצען בערוהיגט, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז ניק האָט ווירקליך קיין אַנדער זאַך ניט אין זינען וויא נור צו היטען עלען פּעטערסאָן פון איהרע שונאים און ער אינטערעסירט זיך לחלוטין ניט מיט דיא געהיימניסע פון זיין שיף.

— נו, וויא געהט עס, מר. שאַרפּ? — האָט האָפּמאַן אַמאָל געפרעגט דעם דעטעקטיוו, ווען ער האָט זיך מיט איהם צוזאַמענגעשטויסען.

— אָה, אויסגעצייכענט, איך דאַנק אייך! — האָט געזאָגט ניק.

— קען איך וויסען, וואָס זיינען אייערע מעטהאָדען אויסצוגעפינען פערברעכער? — האָט האָפּמאַן געפרעגט — איך האָב זיך וועגען אייך אָנגעהערט וואונדער, אָבער איך האָב קיין מאָל ניט געקענט דערגעהן וויא אַזוי איהר טהוט עס.

— אויף דער פראַגע איז זעהר שווער צו ענטפערען — האָט געזאָגט ניק — אין פערשיעדענע פעלע, אונטער פערשיעדענע אומשטענדען האָב איך פערשיעדענע מעטהאָדען. דאָך האָב איך איין אויסגעפּרובירטע מעטהאָדע און ווענד זיא כמעט אימער אָן: איך געה גלייך צום שונא אין לאַגער. איך בין אימער בעפריינדעט מיט דיעניגע, וועלכע איך דאַרף אויפדעקען. דערביי העלפט מיר נאַטירליך מיין קונץ זיך צו פערשטעלען און אָננעהמען פערשיעדענע געשטאַלטען.

— יא, דאָס קען אייך ווירקליך פיעל העלפען — האָט צוגעגעבען האָפּמאַן.

— אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס — האָט מיט אַ קרומען שמייכעל געזאָגט דער דעטעקטיוו — עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז איך קום צו מיינע קרבנות ניט פערשטעלטערהייד און זיי וויסען, ווער איך בין. דיעזע מעטהאָדע איז אפילו זעהר אַ געפעהרליכע, דערפאַר אָבער אַן אינטערעסאַנטע.

— אָבער וויא איז דאָס מעגליך?

— וואָרום זאָל עס ניט מעגליך זיין? דער פערברעכער דענקט, אַז ער נאַרט מיך אָב. ער טראַכט זיך אַזוי: ווען ניק זאָל וויסען, אַז איך בין דער פערברעכער, וואָלט ער מיך דאָך באַלד געלאָזט ארעסטירען. ער לאַכט דעריבער אין דער שטיל פון דעם גרויסען דעטעקטיוו און איהם פרעהט עס, וואָס ער קען מיך פיהרען ביי דער נאָז.

— יא, דאָס דאַרף זיין פערדאַמט אינטערעסאַנט.

— זעהר אינטערעסאנט — האט ווידער א מאדנעם שמייכעל געטהאן ניק — ווייסט איהר דעם פערגניגען, וואס א קאץ האט, ווען זיא שפיעלט זיך מיט א מויז? אט אזא מין פערגניגען פיהל איך דערביי. דיא מויז געהט, דאכט זיך, ארום פריי, זאל זיא אבער וועלען צו פיעל בענוצען איהר פרייהייט און — הם! איך האב זיא ארייננעכאפט צווישען מיינע צייהן און עס קנאקען שוין איהרע ביינער.

האפמאן האט דערביי געווארפען א זייטיגען פערדעכטיגען בליק אויף'ן דעטעקטיוו, אבער יענער האט געהאט אזא אונשולדיגע מיענע און האט געפלוי־דערט אזוי זארגלאז, אז יעדער פערדאכט איז ביי האפמאן'ען באלד פערשוואונ־דען.

— ניין — האט ער בעשלאסען ביי זיך — ניק איז ניט געקומען אויס־פארשען מיינע סודות! און, איבריגענס, ווען אפילו יא, וועט ער אויך זיין צוועק דא ניט דערגרייכען.

— הייסט עס — האט האפמאן ווידער אנגעהויבען — אז אויך איצטער פיהרט איהר פריינדשאפט מיט דער באנדע, וואס פערפאלגט מיסס פע־טערסאן?

— יא.

— און האט איהר זיך עפעס דערוואוסט?

— זעהר פיעל. עס קען זיין, אז מיר וועלען גאר אין גיכען האבען גאר א גרויסע איבערראשונג. מיר דוכט זיך, אז דיא חברה קלייבען זיך צו מאכען אן איבערפאל אין קאאירא אויף עלען פעטערסאן און אויף איהרע פריינדינען.

— איז עס אמת? — האט דערשראקען געפרעגט האפמאן.

— כמעט זיכער.

— אויב אזוי, דארף מען דאך זיי ווארענען.

— דאס לאזט שוין איבער צו מיר. דאך, אום צו זיין זיכער, וואלט ניט געשאדט, אז מיר, דאס הייסט, איך, איהר און עטליכע פון אייערע לייט זאלען זיך ארויסלאזען נאך קאאירא אין איין צייט מיט דיא באנדיטען. ווילט איהר מיט מיר מיטפאהרען?

— יא.

— גוט, וועל איך אייך לאזען וויסען, ווען עס וועט נויטיג זיין. עס קען זיין, אז מיר וועלען דארפען ארויספאהרען נאך מארגען אין דער פריה.

— אויב אזוי, מוז איך באלד אראבפאהרען אויף'ן ברעג, וויל איך מוז מאכען אייניגע פעראָרדנונגען, טאמער קומט מיר אויס צו פערבלייבען אין קאא־ירא עטליכע טעג. און איהר געהט מיט, הערר שארפ?

— מיר וועט איהר ערלויבען דא נאך צו בלייבען און זיך אברוהען א פאר שטונדען.

— וויא איהר ווילט.

וויא האפמאן איז נור אוועק אין שטאדט, האט ניק אריינגערופען אין זיין קאיוטע געארג'ען.

— נו, געארג — האט ער געזאגט — האסטו עפעס געקראגען?

געארג האט פארזיכטיג זיך ארומגעקוקט, האט ארויסגעשלעפט פון קעשענע א פאפיער און האט עס דערלאנגט דעם דעטעקטיוו.

— וואס איז דאס? — האט ניק געפרעגט.

— דאס איז א בריעף פון דעם אמעריקאנער אפיציער וואס דיענט אלס האפמאן'ס שפיאן און פערראטה דיא אמעריקאנישע מיליטערישע געהיימניסע.

— ווידער געפאקט! — האט פרעהליך אויסגעשריען ניק און האט שנעל גענומען דורכלויפען דעם בריעף מיט דיא אויגען.

— דער בריעף איז ניט זעהר קיין וויכטיגער און מיר קענען זיך פערגינען איהם בלויז צו קאפירען. קיין סודות דערצעהלט דא דער פעררעטהער ניט. האסטו דעם בריעף פאטאגראפירט?

— יא.

— גוט. דאן פערקלעפ איהם צוריק און גיב איהם איבער האפמאן'ען. אבער צום טייוועל! ביז איצטער איז אונז נאך ניט געלונגען צו ענטדעקען דעם נאמען פון דעם פעררעטהער. איך האף אבער, אז דיא וואשינגטאנער רעגיערונג וועט עס שוין ענטדעקען לויט דיא קאפיעס וואס מיר שיקען איהר צו. נור גענוג וועגען דעם. איצטער האבען מיר וויכטיגערע ארבייט.

ער האט זיך שנעל גענומען איבערטהאן און זיך פערקליידען וויא געארג.

— דוא זיי אין דער קאיוטע און געה ניט ארויס ביז איך וועל ניט צוריקקומען. איך וועל זיך אריינכאפען אין דער מאשינען-אבטיילונג און פרובען אבווארטען א געלעגענהייט צו קענען פאטאגראפירען דיא גאנצע מאשינעריע.

ער איז פארזיכטיג ארויס פון דער קאיוטע.

יא, ניק שארפ האט קיין ליגען ניט געזאגט האפמאן'ען, ווען ער האט בעהויפטעט, אז זיין בעסטע מעטהאדע עפעס צו ענטדעקען איז צו געהן גלייך צום פערברעכער און, דערצו, ניט פערשטעלטערהייד און אונטער זיין אייגענעם נאמען. דעמזעלבען קונץ האט ער איצטער געשפיעלט מיט דעם דייטשען אינזשיניר.

נאך ווען האפמאן איז געווען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא אלס דייטשלאנד'ס מיליטערישער פערטרעטער, איז ביי דער אמעריקאנער רעגיערונג געבארען געווארען א פערדאכט, אז האפמאן האט שפיאנען אין דער אמעריקאנער ארמעע און פלאטע, דורך וועלכע ער דערגעהט געוויסע מיליטערישע געהיימניסע.

ניק שארפ, דער פעהיגסטער דעטעקטיוו איז אנגעשטעלט געווארען פון

דער רעגיערונג צו ענטדעקען דיא שפּיאָנען, אָבער איידער ניק האָט צייט גע־האַט עפּעס אָנצוהויבען צו טהאָן, איז האָפּמאַן אָבגעפאָהרען פון אַמעריקאַ. דיא אַמעריקאַנער רעגיערונג האָט גערעכענט, אַז דאָס נאָכשפּיאָנירען נאָך דיא פּעררעטהער איז איצטער גאַנץ איבריג און זיא האָט ניק׳ען געגעבען אַנדערע אַרבייט.

ניק איז אָבער געוועזן זיכער, אַז האָפּמאַן׳ס אַגענטען הערען אויך איצטער ניט אויף איהם אַרויסצוגעבען אַמעריקאַנישע רעגיערונגס־סודות און ער האָט בעשלאָסען אַליין אַלעס צו ענטדעקען. ער האָט בעשלאָסען צו פאָהרען נאָך אייראָפּאַ, זיך אַריינצושמוגלען אין האָפּמאַן׳ס צוטרוי און זיך דערוויסען אַלעס.

גאָר אין גיכען האָט מען זיך אין וואַשינגטאָן דערוואוסט, אַז האָפּמאַן האָט פערנומען אַ וויכטיגע שטעלע ביי דער דייטשער רעגיערונג. ער איז גע־וואָרען דער שעף (דער הויפּט) פון אַלע דייטשע מיליטערישע פערטרעטער אין אַלע פרעמדע לענדער און ער האָט אָרגאַניזירט און געהאַלטען אונטער זיין מאַכט אַלע דייטשע שפּיאָנען אין דעם מיליטער פון אַלע לענדער.

דיא וואַשינגטאָן׳ער רעגיערונג האָט זיך אויך דערוואוסט נאָך איין זאַך, און דאָס איז, אַז האָפּמאַן׳ען איז געלונגען צו ערפינדען אַ נייע וואונדערבאַ־רע שיף, אויף וועלכער ער מאַכט איצטער אַ פּראָבע־רייזע איבער דער וועלט. דער צוועק פון זיין רייזע איז, ערשטענס, אויסצופּרובירען דיא שיף; צווייטענס, אַרומפאָהרענדיג איבער דער וועלט, בעסער צו אָרגאַניזירען דיא שפּיאָנען־אַרבייט ביי פרעמדע רעגיערונגען.

דיא וואַשינגטאָן׳ער רעגיערונג האָט בעשלאָסען אויסצופאָרשען, וואָס פאַר אַ מין שיף האָפּמאַן האָט ערפונדען און אויך צו דערגעהן, ווער עס דיענט אין דער אַמעריקאַנער אַרמעע און פלאָטע אַלס דייטשלאַנד׳ס שפּיאָן. דיעזע אַרבייט איז איבערגעגעבען געוואָרען ניק שאַרפּ׳ען.

צום אַלעם ערשטען האָט ניק שאַרפּ אַריינגעשמוגעלט אויף האָפּמאַן׳ס שיף זיינעם אַ דעטעקטיוו, געאָרג׳ען, וועלכער איז אונז איצטער גוט בעקאַנט און וועלכער האָט גאָר אין גיכען געקראָגען האָפּמאַן׳ס פאָלשטענדיגען צוטרוי, אַזוי אַז ער איז געוואָרען זיין פּערזענליכען דיענער און שליח. דאָס איז אָבער ניט געוועזן גענוג. ניק אַליין האָט געמוזט קריגען אַ צוטריט צו האָפּמאַן׳ס שיף. אָבער וויא אַזוי? ניק האָט זיך לאַנג וועגען דעם געבראָכען דעם קאָפּ און האָט גאָר ניט געקענט אויסטראַכטען. ענדליך איז איהם אַ צופאַל געקומען צו הילף.

דער צופאַל איז געוועזן: לאָרד האַרלינגטאָן.

ווען לאָרד האַרלינגטאָן האָט זיך געווענדעט צו ניק׳ען, ער זאָל בעשיצען

עלען פּעטערסאָן פריהער אין אַמעריקאַ און נאָכדעם אויף איהר וועלט־רייזע, איז ביי ניק׳ען געבוירען געוואָרען אַ גאַנצער פּלאַן.

אָבער וואָס טהוט מען מיט זיין שוועסטער יאָהאַנאַ, וועלכע איז פערליעבט אין האָפמאַן׳ען? דאָס איז געווען אַ שווערע פראַגע פאַר׳ן דעטעקטיוו. אמת, ער האָט זיך אויף איין מינוט ניט פערטראַכט און האָט בעשלאָסען צו טהאָן זיין פפליכט, אָבער זיין ענטדעקונג קען רואינירען האָפמאַן׳ר קאַריערע און דאָס וועט איהם יאָהאַנאַ פיליכט קיין מאָל ניט מוחל זיין.

אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען דאָס וויכטיגסטע. אום ערפאָלגרייך צו דערגרייכען זיין ציעל, האָט ניק געמוזט האָבען דיא הילף פון זיין שוועסטער. וויא אזוי קריעגט מען אָבער דיעזע הילף?

ער האָט בעשלאָסען, אַז יאָהאַנאַ זאָל אַריינטרעטען אין דעם קלוב פון דיא וועסטאַלקעס און מיטמאַכען מיט זיי דיא רייזע. ער וועט זיי אויך נאָכפאָהרען און אויף׳ן וועג וועט ער זיך ערגיץ וואהרשיינליך אָנשטויסען אויף האָפמאַן׳ס שיף און מיט יאָהאַנאַ׳ס הילף און אונטער דעם אויסרייד, אַז ער דאַרף בעשיצען עלען פּעטערסאָן, וועט עס איהם געלינגען אַרויפצוקומען אויף האָפמאַן׳ס שיף און אַלעס אויספאָרשען. און אַזוי האָט עס ווירקליך פּאַסירט, וויא מיר האָבען עס שוין געזעהן.

ביי ניק שאַרפ׳ען איז נור געווען דיא פראַגע: זאָל ער ענטדעקען יאָהאַנא׳ן דעם גאַנצען סוד? ער האָט זיך אַ שטיק צייט געשלאָגען מיט דער דעה און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. פון איין זייט וואָלט געווען בעסער, זיא זאָל אַלעס וויסען, זיא וואָלט איהם דאַן געקענט פיעל העלפען, אויב עס זאָל איהם געלינגען זיא צו געווינען אויף זיין זייט. פון דער צווייטער זייט האָט ער אָבער מורא געהאַט, אַז יאָהאַנאַ׳ס ליעבע צו האָפמאַן׳ען זאָל ניט ברייגגען דערצו, אַז זיא אַליין זאָל צושלאָגען אַלע זיינע פּלענער.

ער האָט דעריבער אויסגעקליבען אַ מיטעל־וועג. ער האָט יאָהאַנא׳ן גאָר־ניט דערצעהלט וועגען זיינע פּלענער אויסצופאָרשען האָפמאַן׳ס שיף און ער האָט איהר בלויז געזאָגט, אַז ער וויל דורך האָפמאַן׳ען ענטדעקען אַ פּאָר אַמע־ריקאַנישע פערברעכער. ער האָט זיא דערביי פערזיכערט, אַז האָפמאַן וועט דער־פון גאָר ניט ליידען. ער האָט זיא אויך פערזיכערט, אַז דאָס וואָס האָפמאַן האָט צו טהאָן מיט פערברעכער און שפּיאָנען איז פאַר איהם לחלוטין קיין שאַנדע ניט, ווייל יעדע רעגיערונג האַלט שפּיאָנען אין פרעמדע לענדער פאַר מיליטערישע צוועקען און איבעראַל שטעהן אַזעלכע שפּיאָנען און פערברעכער אונטער דער אויפזיכט פון דעם מיליטערישען פערטרעטער אָדער אַטאַשע.

אין אַ מינוט פון פערצווייפלונג, ווען יאָהאַנאַ האָט שוין געהאַט פערלאָרען דיא האָפנונג אַריינצוקומען אין דער רייכער געזעלשאַפט און צו געווינען האָפ־מאַן׳ען, האָט זיא זיך ענטשלאָסען מיטצוהעלפען איהר ברודער.

איבעריגענס האָט זיא געהאָפּט, אַז איהר וועט גאָר ניט אויסקומען זיך צו בעגעגענען מיט האָפמאַן'ען און זיא וועט אויף אַזאַ אופן פערשפּאָרען פער־ראַטהען דעמיעניגען, פאַר וועלכען זיא איז גרייט געוועזען אוועקצוגעבען איהר לעבען.

זיא האָט זיך מיט איהם אָבער יאָ בעגעגענט און איהר לאַגע איז ווירקליך געוועזען אַ פערצווייפעלטע. זיא האָט איצטער מורא געהאַט פאַר איהר ליעבע שוין צוליעב דריי זאַכען: אי דערפאַר, ווייל עס קען זיין, האָפמאַן זאָל זיך דער־וויסען וועגען איהר אָבשטאַמונג; אי דערפאַר, ווייל זיא איז איצטער אייגענטליך ניט מעהר וויא אַ דעטעקטיוו צווישען דיא וועסטאַלקעס; אי, ענדליך, ווייל זיא העלפט דאָך איהר ברודער צו שפּיאָנירען האָפמאַן'ען אליין.

זיא האָט זיך דעריבער געמוזט האַלטען פון האָפמאַן'ען פון דער ווייטענס און ניט נאָכגעבען איהרע געפיהלען. פון דער צווייטער זייט האָט זיא איצטער שטאַרק געוואָלט פטור ווערען פון איהר אַנטהייל אין איהר ברודער'ס שפּיאָנ־סקער אַרבייט. זיא האָט דאָס אָבער איצטער שוין ניט געקענט טהאָן.

זיא האָט דערפון געליטען אונגעהייער. אָבער ניק שאַרפּ האָט זיך איצטער שוין וועגען קיין זאַך ניט געקימערט. ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם "בליץ" און האָט געטהאָן זיין אַרבייט.

ביז יעצט איז איהם געלונגען איבערצונעהמען אייניגע וויכטיגע בריעף וואָס דער אַמעריקאַנער פעררעטהער האָט געשיקט צו האָפמאַן'ען, אָבער אַזוי וויא יענער האָט זיך אונטערגעשריבען מיט אַ פערשטעלטען נאָמען, איז נאָך געבליבען צו דערגעהן זיין נאָמען. ניק האָט געהאָפּט, אַז דאָס וועט איהם אין גיכען געלינגען.

איצטער איז נאָך פאַר איהם געבליבען אַראָבצונעהמען דעם פּלאַן פון דעם "בליץ" און פון דער מאַשינעריע. דאָס איז געוועזען זעהר וויכטיג, ווייל עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם, אַז אויף דעם מוסטער פון דעם "בליץ" זאָל דייטשלאַנד אָנהויבען בויען גרויסע קריעגס־שיפען און דיא אַמעריקאַנער רע־גיערונג האָט געוואָלט פערכאַפּען און בויען פונקט אַזעלכע שיפען.

איצטער איז ניק'ען צום ערשטען מאָל געלונגען זיך אריינצוכאַפּען אין דער מאַשינען־אָבטהיילונג.

ער איז אָבער דאָרט ניט לאַנג פערבליבען. ער האָט געמוזט זיין פאָרזיכ־טיג, טאָמער וועט איהם דאָך אימיצער דערקענען.

ווען ער איז צוריק אַרויסגעקומען, האָט ער זיך איבערגעטהאָן און איז ווידער געוואָרען ניק שאַרפּ. ער האָט דערביי געזאָגט געאָרג'ען:

— דער אָנפאַנג איז געמאַכט! דעם פּלאַן פון דער הויפּט מאַשין האָב איך שוין.

18טעם קאפיטעל.

עלען פעטערסאן'ס געפאנגענשאפט

וויא אזוי איז עלען פעטערסאן פערשוואונדען?

ווען עלען איז אליין אהן איהרע בעגלייטער אריין אין דער מענגע מענשען, איז צו איהר צוגעקומען אן עגיפטישער אפיציער, האט זיך פאר איהר פערנייגט מיט רעספעקט און האט איהר פארגעשלאגען זיינע דיענסטע זיא ארויסצופיהרען פון דעם געדרענג. עלען, זייענדיג איבערציינט, אז דיא איבריגע פאלגען איהר נאך, האט מיט דאנקבארקייט אנגענומען דעם אפיציער'ס פארשלאג.

ערשט, ווען זיא איז שוין געווען אויף א פרייען פלאץ, האט זיא בעמערקט, אז איהרע בעגלייטער זיינען ניטא, און זיא האט זיך געוואלט אומקעהרען. אבער דער אפיציער האט פעסט געהאלטען דיא צוים פון איהר עזעל.

עלען האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט. זיא האט זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז דער אפיציער מיינט עפעס שלעכטס.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען — האט זיא געזאגט — איך האב מורא צו פערלירען מיינע פריינד און איך וויל זיך אומקעהרען צו זיי. איך דאנק אייך זעהר פאר אייער טובה.

דער אפיציער האט אלץ ניט אבגעלאזט דיא צוים.

— זיינט איהר מיסס עלען פעטערסאן? — האט ער געפרעגט.

— יא — האט ערשטוינט געזאגט עלען.

זיא האט לחלוטין ניט געקענט פערשטעהן, פון וואנען דער אפיציער ווייס איהר נאמען. זיא איז אבער נאך מעהר ערשטוינט געווארען, ווען דער אפי־ציער האט געזאגט:

—אויב אזוי, מוז איך אייך מיטטהיילען א זעהר ניט אנגענעהמע זאך.

אין דער מינוט זיינען וויא פון דער ערד אויסגעוואקסען עטליכע עגיפ־טישע סאלדאטען און האבען זיא ארומגערינגעלט. איצטער האט שוין דער אפיציער אבגעלאזען דעם עזעל.

— איך האב א בעפעהל אייך צו ארעסטירען, מיסס פעטערסאן.

— מיך?! — האט עלען אויסגעשריען.

— זיינט איהר דיא קאפיטאנשע פון דער "וועסטא"?

— איך!

— איז אייער שיף בעפאלען א טערקישע שיף?

עלען האט זיך איצטער דערמאהנט אן יאהאנא לינד'ס ווארנונג, אז דיא מעלדונג אין דער צייטונג וועגען זייער איבערפאל אויף דער פרויען־הענדלע־

רישער שיף קען זיי נאָך פערשאפען פיעל צרות. זיא איז געוואָרען אונרוהיג, דאָך האָט זיא זיך געמאַכט מוטה.

— איהר וועט זיין אזוי גוט מיט מיר צו געהן אין האָטעל "דע ניל" און איך וועל אייך אַלעס ערקלערען — האָט עלען געזאָגט.

זיא האָט געוואוסט, אז אין עגיפּטען קען מען יעדען בעאַמטען אונטער־קויפען, און זיא האָט געהאָפט פּטור צו ווערען פון דעם אָפיציער מיט א פּאָר מטבעות. אין יענער צייט איז עגיפּטען נאָך ניט געווען אונטער דער פּאָלשטענדיגער הערשאַפט פון ענגלאנד און דיא טערקישע בעאַמטע האָבען זיך קיין מאָל ניט ענטזאָגט פון כאַבאַר.

דאָס מאָל האָט אָבער עלען ניט געטראָפען. דער אָפיציער האָט ניט געוואָלט הערען פון קיין זאַך און איז געשטאַנען אויף זיינעם, אז ער מוז זיא ארעסטירען און אָבפיהרען אין דער פּאָליציי־ביוראָ.

דאָס וואָס זיא ווערט ארעסטירט ניט פון פּאָליציי, נאָר פון סאָלדאַטען, האָט עלען ניט געוואונדערט. זיא האָט געוואוסט, אז דיא מעהרסטע פּאָליציי־פּאָליכטען ווערען אין עגיפּטען געטהאָן פון סאָלדאַטען. זיא האָט דעריבער געגלויבט, אז דער אָפיציער האָט ווירקליך א בעפעהל זיא צו ארעסטירען און אזוי וויא זיא האָט קיין אנדער אויסוועג ניט געהאַט, האָט זיא בעשלאָסען מיט־צוגעהן מיט איהם אונטער דער בעדינגונג, אז מען זאָל וועגען איהר ארעסט לאָזען וויסען איהרע פריינד אין האָטעל "דע ניל". דער אָפיציער האָט עס איהר פערשפּראָכען.

— אַלזאָ פיהרט מיך שנעל! — האָט עלען געזאָגט.

זיי זיינען פארבייגעגאַנגען א פּאָר גאַסען און זיינען אריין אין א שמאָלען געסעל.

אויסקוקענדיג דיא שטאָדט קאאירא אין דיא פריהעריגע פּאָר טעג האָט עלען געזעהן אויך דאָס הויז, וואו עס האָט זיך געפונען דיא פּאָליציי־ביוראָ. זיא האָט דאַן דער געביידע און דער גאַס, וואו דיא געביידע האָט זיך געפונען, ניט געשענקט פיעל אויפמערקזאַמקייט. דאָך האָט זיא זיכער געדענקט, אז ניט מיט דעם וועג, דורך וועלכען מען פיהרט זיא יעצט, דאַרף מען געהן אהין.

דיא גאַנצע געשיכטע איז איהר געוואָרען פערדעכטיג, זיא האָט אָבער קיין ברירה ניט געהאַט און האָט געמוזט נאָכגעהן. אין דיעזען פערוואָרפענעם געסעל, האָט זיא געוואוסט, קען זיא פון קיינעם קיין הילף ניט קריעגען. זיא האָט זיך גענומען צוגרייטען צו דער געפאַהר, וועלכע, קען זיין, שטעהט איהר פאָר. זיא האָט בעשלאָסען צו האַלטען גרייט איהר געלאָדענעם רע־וואָלווער.

זיא האָט לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג צוגערוקט דיא האַנד צום פּלאַץ, וואו זיא האָט אימער געהאַלטען א געלאָדענעם רעוואָלווער, און האָט שיער ניט

א געשריי געטהאן פאר שרעק און פערצווייפלונג: דער רעוואלווער איז פער־שוואונדען. האט זיא איהם פערלארען אין געדרענג אדער האבען דיא סאל־דאטען איהם אוועקגעשלעפט? דאס האט זיא ניט געקענט וויסען. דערפאר איז שוין אבער ביי איהר איצטער קיין צווייפעל ניט געוועזן, אז איבער איהר קאפ הענגט א שווערע געפאהר.

מען האט זיא צוגעפיהרט צו אן אלטער איינגעהויקערטער צוויי־שטאקיגער געביידע און מען האט איהר געהייסען אראבגעהן פון עזעל.

— דאס איז דאך ניט דיא פאליציי־ביורא — האט זיא געזאגט צום אפי־ציער — וואוהין ווילט איהר מיך פיהרען?

— ניין, דאס איז ניט דיא פאליציי־ביורא — האט זיא געקראגען אן ענטפער — אבער דא מוז א בעאמטער אייך איבערנעהמען און ער וועט אייך שוין אבפיהרען צום פאליציי־דירעקטאר. זייט אזוי גוט און קומט אריין מיט מיר.

עלען האט געמוזט פאלגען.

דער אפיציער האט אין דער בעגלייטונג פון צוויי סאלדאטען זיא אריינ־געפיהרט אין א גרויסען צימער.

— איהר וועט זיין אזוי גוט דא צו צוואווארטען אויף׳ן בעאמטען — האט דער אפיציער געזאגט — איך וועל איהם באלד אריינשיקען.

דאס צימער איז עלען ביים ערשטען בליק פארגעקומען פערדעכטיג. דא איז ניט געוועזן קיין זאך, וואס זאל ציינען, אז דא איז א קאנצעלאריע פון א בעאמטען. זיא האט בעשלאסען, אז זיא וועט דא פאר קיין פאל ניט בלייבען. אבער איידער זיא האט צייט געהאט צו מאכען א בעוועגונג, איז שוין דער אפי־ציער ארויס און האט פערהאקט דיא טהיר הינטער זיך. עלען האט געהערט, וויא ער פערשליסט דיא טהיר פון יענער זייט.

— געפאנגען! — האט זיך ביי איהר ארויסגעריסען א קרעכץ — אה דוא נארישע עלען!

א פאר מינוט איז זיא געשטאנען וויא פערגליווערט און א שטורם פון געדאנ־קען האט גערוישט אין איהר קאפ.

אלזא, שוין דער צווייטער איבערפאל אויף איהר זינט זיא איז אויף דער רייזע! אבער אין וועמענס אינטערעסען איז עס זיא אומצובריינגען? אמאל האט זיא געהאט א פערדאכט אויף איהר מוטער, יעצט אבער, נאך האפמאן׳ס ערצעהלונג וועגען איהר מוטער, האט זיא דאס מעהר ניט געקענט גלויבען. ווער דען פערפאלגט זיא? איהר שטיעף־פאטער? וויא אזוי אבער דערגרייכט ער זיא אזוי ווייט פון אמעריקא? איז עס מעגליך, אז איהרע שונאים געפינען זיך נאהענט ארום איהר?

איהר איז ווידער געקומען אויף׳ן געדאנק יאהאנא לינד. מיט מעהר

קראַפט האָט געגעבערט איהר מוח דער פערדאַכט, אַז יאָהאַנאַ שפּיעלט עפּעס אַ צווייטיגע ראָלע. אָבער וויא אַזוי?

יאָהאַנאַ איז פון לאַנג שוין בעקאַנט מיט האָפמאַן'ען. זאָל עס מעגליך זיין, אַז זיי ביידע זיינען גאַר איהרע שונאים און האָפמאַן'ס געשיכטע וועגען איהר מוטער איז ניט מעהר וויא אַ בבא־מעשה פערפאַסט מיט דעם צוועק, זיא לייכטער אריינצונאַרען אין אַ פאַסטקע?

— אָבער גאָט אין הימעל! — וואָס פאַר אַ ראָלע שפּיעלט דאָ האַרלינג־טאָן? האַרלינגטאָן וויים וועגען דיא געפאַהרען וואָס הענגען איבער איהר קאָפּ, און ער בעהאַלט פאַר איהר דיא סודות און הייסט איהר וואַרטען דריי מאָנאַטען און ערשט דעמאָלט וועט ער איהר אַלעס ערקלערען!

מאַכטלאָז האָט זיך עלען אַ וואָרף געטהאָן אויף אַ שטוהל און האָט פער־בראָכען דיא הענד אין פערצווייפלונג.

זיא איז אָבער באַלד צוריק אויפגעשפּרונגען. זיצען מיט פערלעגטע הענד טויג ניט. מען מוז זוכען אַ וועג, וויא זיך צו רעטען.

זיא האָט גענומען ארומגעהן איבער'ן צימער און אַלעס גענוי בעטראַכטען.

דאָס צימער האָט אויסגעזעהן וויא אַ תפיסה. דיא פענסטער האָבען גע־האָט פון דרויסען אייזערנע גראַטעס, וועלכע עלען האָט אין אָנפאַנג ניט בע־מערקט, און זיי זיינען אַלע ארויסגעגאַנגען אין אַ גרויסען ליידיגען הויף, וועל־כער איז געווען אָבגעטהיילט פון דער גאַס מיט אַ הויכער שטיינערנער וואַנד. עס איז געווען זיכער, אַז קיין שרייען וועט דאָ ניט העלפען, ווייל דער געשריי וועט ניט דערגרייכען דיא גאַס; און אפילו ווען עלען'ס געשרייען וואָלטען יא געקענט געהערט ווערען אין גאַס, וואָלט דאָס אויך געבראַכט ווענינ נוצען, ווייל דיא גאַס איז געווען אַ פערוואָרפענע.

וואָס טהוט מען? האָט זיך עלען געבראָכען דעם קאָפּ. זיא האָט בעטראַכט דיא פענסטער און דיא גראַטעס. זיא האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז דורכ־ברעכען דיא גראַטעס איז אונמעגליך, און אפילו ווען דאָס זאָל שוין מעגליך זיין, וועט עס גאַר ניט העלפען. דיא פענסטער זיינען צו הויך און עס איז געפעהרליך אראָבצושפּרינגען פון זיי און, דערצו, צו וואָס איינשטעלען דאָס לעבען און שפּרינגען דורך דיא פענסטער, ווען עס איז אונמעגליך זיך ארויסצו־רייסען פון דעם הויף?

עלען האָט דאַן גענומען בעטראַכטען דאָס צימער גופא. זיא האָט בעטאַפּט דיא וואַנד, האָט אויפגעהויבען דיא קאַרפּעטס — אין ערגיץ האָט זיא ניט גע־פונען קיין וועג זיך צו רעטען.

פּלוצלונג האָט עלען דערפיהלט אַ מאָדנעם גערוך. זיא האָט גענומען אָטהעמען שנעל, אום זיך צו איבערצייגען, וואָס פאַר אַ גערוך דאָס איז. זיא האָט געפיהלט אַ מאָדנעם זיסליכען טעם.

זיא איז געוואָרען אַ פערציטערטע. דאָס איז כלאָראָפאָרם! מען וויל זיא דאָ פערשלעפערען! צוליעב וואָס? אָה, זיא פערשטעהט עס יעצט! מען וויל זיא וואהרשיינליך איבערפֿיהרען אין אַן אַנדער פּלאַץ, ווייל דאָ איז אפשר געפֿעהרליך זיא צו האַלטען, און מען האָט מורא זיא צו פֿיהרען אַ וואכענדע.

עלען האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן זוכען דעם שפּאַלט, דורך וועלכען דער גערוך קומט אין איהר צימער. זיא האָט אַלעס אין צימער איבערגעקעהרט מיט'ן קאָפּ אַראָב, און ענדליך האָט זיא געפֿונען וואָס זיא האָט געזוכט.

ווען זיא האָט אָבגערוקט אַ סאָפאַ, האָט זיא ביי דער וואַנד ענטדעקט אַ לופֿט־רעהר, דורך וועלכער דער גערוך איז געקומען. זיא האָט שנעל געכאַפּט וואָס עס איז איהר געקומען צו דער האַנד און האָט דיא רעהר פערשטעקט.

אָבער איז זיא איצטער גערעטעט? וועלען דען דיא באַנדיטען ניט געפֿינען אַן אַנדער מיטעל וויא זיא צו איבערוועלטיגען? וועלען זיי דען ניט אָנווענדען געוואַלט, ווען זיי וועלען זיך איבערצייגען, אַז זייערע קונץ־שטיק העלפֿען ניט?

אַ געדאַנק האָט אונערוואַרטעט אַ בליץ געטהאָן אין עלען'ס צוטומעלטען מוח און זיא האָט בעשלאָסען איהם טאַקע אויף'ן פּלאַץ דורכצופֿיהרען.

דער פּלאַן איז געווען: זיך אַוועקלעגען אויף דער סאָפאַ און מאַכען דעם איינדרוק פּונקט וויא דער כלאָראָפאָרם וואָלט געווירקט, און דאַן, ווען דיא באַנדיטען וועלען זיא אַרויסברייננגען אין גאַס, וועט זיא שוין פּילייכט וויא־ניט־איז געפֿינען אַ מיטעל זיך צו בעפֿרייען.

איידער זיא האָט נאָך צייט געהאַט געַנוי דעם פּלאַן צו בעטראַכטען האָט זיא דערהערט אַ גערויש הינטער דער טהיר. זיא האָט זיך שנעל אַוועקגעלעגט אויף דער סאָפאַ און האָט אָנגעווענדעט אַלע כחות זיך צו בערוהיגען און אָננעהמען דאָס אויסזעהן פֿון אַן איינגעשלעפֿערטער. אַז דיא באַנדיטען וועלען זיך ניט כאַפּען, אַז זיא האָט דיא רעהר פערשטאָפּט, אין דעם איז זיא געווען זיכער, ווייל דאָס צימער איז געווען פֿול מיט'ן גערוך פֿון דעם כלאָראָפאָרם, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט פֿאַר דער צייט איידער זיא האָט דיא רעהר אויסגעפֿורנען און האָט זיא וויא געהעריג פערשטאָפּט.

"אום גאָטעס ווילען, נור ניט איינשלאָפֿען אין אמת'ען!" האָט זיא געטראַכט.

וויא לאַנג זיא איז אַזוי אָבגעלעגען, האָט זיא אליין ניט געוואוסט, ווייל יעדע מינוט האָט זיך פֿאַר איהר אויסגעצויגען אין גאַנצע טעג. מיט אַ פערשטאָרבענעם הארצען האָט זיא זיך צוגעהערט צום קלענסטען גערויש הינטער דער טהיר. איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז פֿון יענער זייט טהיר בעוועגט מען זיך שטיל; נאָכדעם האָט זיא דערהערט שווערע מענער־טריט ביי דער טהיר; אָט נעהמט אימיצער אָן דאָס הענטעל פֿון דער טהיר; אָט פֿאָרעט מען זיך מיט'ן שלאָס; און אָט הערט זיא, וויא אַ מענער־שטימע זאָגט פֿון יענער זייט טהיר:

— איך גלויב, אז מען האט דאס פריילין איינגעשלאָסען.

עלען האט זיך בעקוועמער אוועקגעלעגט אויף דער סאָפאַ.

— מיסס פעטערסאָן, זיינט איהר אינוועניג? — האט דיעזעלבע שטימע געפרעגט.

עלען האט זיך קיין ריהר ניט געטהאָן.

זיא האט ווייטער געהערט, וויא מען שליסט אויף דיא טהיר און אייניגע פערזאָנען קומען אריין אין צימער.

— ענטשולדיגט, מיסס פעטערסאָן — האט זיך איינער אָבגערופען — ענטשולדיגט, וואָס עס האט מיט אייך פאַסירט אזא מיספערשטענדניס. דאָס האט פאַסירט געגען אונזער ווילען און דער וואָס האט אייך ארעסטירט וועט בעקומען זיין פערדיענטע שטראַף... מיסס פעטערסאָן, שלאָפט איהר?

עלען האט מיט קיין בעוועגונג ניט געצייגט, אז זיא איז וואַך.

— זיא איז פערשלעפערט — האט איינער פון דיא מענער שטיל געזאָגט — עס איז געלונגען.

— האט איהר אָבער ניט אריינגעלאָזט צו פיעל כלאָראָפאָרם? — האט נאָך איינער געפרעגט — איך האָב מורא, אז זיא איז טויט.

איין מאַן האט זיך אריבערגעבויגען איבער עלען און האט זיך איינגעהערט.

— זיא אָטהעמט — האט ער געזאָגט.

— אויב אַזוי, לאָמיר ניט פערלירען קיין צייט — האט איינער א קאָמאַנדעווע געטהאָן — זיא קען זיך נאָך אויפכאַפּען און אונז אָנמאַכען צרות.

ביי דעם קלאַנג פון דיעזער שטימע האט עס עלען שיער ניט-אראָבגעוואָרפען פון דער סאָפאַ. אין אָנפאַנג האט זיא אייגענטליך נאָך ניט קלאָר בעגריפען, וועמענס שטימע דאָס איז, ווייל זיא האט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, אז דער מאַן, וועמענס שטימע זיא האט איצטער דערקענט, זאָל זיך קענען געפינען דאָ, נעבען איהר. ווען זיא האט זיך אָבער דאָך איבערצייגט, אז זיא האט קיין טעות ניט, האט זיא, ניט-קוקענדיג אויף אַלע איהרע אָנשטרענגונגען, דאָך געמוזט א ציטער טהאָן, צום גליק האָבען עס דיא באַנדיטען ניט בעמערקט, ווייל זיי זיינען געווען פערנומען מיט דיא פאָרבערייטונגען ארויסצונעהמען עלען פון דעם הויז. עלען האט געמוזט פערקריצען מיט דיא צייהן, זיא זאָל ניט א געשריי טהאָן.

— וויא אַזוי וועלען מיר זיא ארויסטראָגען? — האט דערווייל איינער פון דיא מענער געפרעגט.

— מיר וועלען זיא טראָגען אויף א טראָג-בעטעל, וויא מען טראָגט געוועהנליך געפעהרליכע קראַנקע אין א האָספּיטאַל — האט א צווייטער געענטפערט — אויב מיר וועלען אימיצען בעגעגנען, וועט עס הייסען, אז מיר טראָגען א קראַנ־

קען אין האָספּיטאַל, כאָטש עס זיינען פאַראַן ווענינ אויסזיכטען, מיר זאָלען אימיצען בענעגענען. עס איז שוין אָבער באַלד טאָג און מיר מוזען זיך צואיילען.

— עס וועט אונז אין גאַנצען נעהמען א צעהן־פופצעהן מינוט ביז מיר וועלען אַרויסקומען אין דער מדבר — האָט זיך דערהערט נאָך א שטימע — און אַזוי שנעל וויא מיר וועלען זיין אין דער מדבר, פייפען מיר אויף דער גאַנצער וועלט.

מיט שוידער האָט עלען דערפיהלט, וויא גראָבע הענד נעהמען זיא אָן, הויבען זיא אויף און לעגען זיא אַוועק אויף א טראָג־בעטעל. עס איז איהר געוואָרען קאַלט אין יעדען אבר, דאָך איז איצטער אין איהר הארצען אַלץ מעהר געוואַקסען דיא האָפנונג, אַז אין גאַס וועלען איהרע געשרייען דאָך צוציהען אי־מיצענס אויפמערקזאַמקייט.

מען האָט זיא אויפגעהויבען מיט'ן טראָג־בעטעל און מען האָט זיך געריהרט פון'ם אָרט.

פּלוצלונג האָט זיך ווידער דערהערט דיא שטימע וואָס האָט פריהער אַזוי איבערגעשראָקען עלען.

— עס קען זיין — האָט ער געזאָגט — אַז דיא פרישע לופט וועט זיא ברייננען צו זיך און, אָבוואָהל גאַנץ קאַאירא שלאָפט איצטער, דאָך וועט עס זיין זיכערער, מען זאָל איהר פערבינדען דאָס מויל.

דאָס הארץ האָט זיך אָבגעשטעלט אין עלען'ס ברוסט.

"פערלאָרען! פערלאָרען!" האָט עס וויא מיט א האַמער א קלאַפּ געטהאָן אין איהר מוח און זיא האָט פערלאָרען איהר בעוואוסטזיין.

איצטער איז זיא אין גאַנצען געווען אין דיא הענד פון דיא באַנדיטען.

19טעם קאַפּיטעל.

דער צוזאַמענשטויס אין דער מדבר

דיא פּלעצליכע פערשווינדונג פון עלען פּעטערסאָן האָט איהרע פריינד און פריינדינען געבראַכט צו א שרעקליכער פערצווייפלונג און זייער פערצווייפ־לונג איז נאָך פערגרעסערט געוואָרען, ווען יאָהאַנאַ לינד האָט זיי אַרויפגע־בראַכט אויף'ן געדאַנק, אַז עלען איז אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דיא באַנ־דיטען, דיא פרויען־הענדלער.

הארלינגטאָן איז געווען מעהר פערצווייפעלט פון איטליכען אי צוליעב זיין שטאַרקער ליעבע צו עלען אי צוליעב דעם וואָס ער האָט מעהר פון אַלעמען געוואוסט, אין וואָס פאַר א געפאַהר זיא געפינט זיך.

זיין הארץ איז פשוט צוריסען געוואָרען אין צווייען. ערשט צוריק מיט

עטליכע מינוט האָט זיא איהם ענדליך בעגליקט מיט איהר ליעבע נאָך צוויי יאָהר שווערער וואַרטעניש און שוין האָט ער זיא פערלאָרען. יא, עס קען זיין אז ער האָט זיא פערלאָרען אויף אייביג. ער האָט געוואוסט וועגען דעם טייפעלשען פּלאַן פון איהר שטיעף־פאָטער זיא אומצובריינגען און איהם האָט זיך גאַנץ גוט געלעגט אויף'ן שכל, אז דאָס איז איצטער עלען אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דיא גרוילגנענע מערדער.

ער האָט זיך איצטער דערמאָנט, אז עלען'ס פערשווינדען איז ניט געווען קיין צופאַל, ווייל באַלד נאָכדעם וויא מען האָט זיך געכאַפּט, אז עלען איז ניטאָ, האָט וויא דורך א כשוף פּאַסירט, אז עטליכע עזעל־פיהרער און רייטער האָבען זיי פערשטעלט דעם וועג און זיי ניט געלאָזט זיך שנעל בעוועגען איבער דיא ענגע גאַסען, אום צו זוכען דיא פערשוואונדענע.

אַלזאָ, עלען איז געפאַנגען דורך א גוט אויסגערעכענטען פּלאַן.

אין דער צייט, ווען דיא ענגלענדער און דיא וועסטאַלקעס האָבען זיך ענדליך דורכגעריסען דורך דער מאַסע רייטער, איז צו זיי צוגעקומען א מאַן און האָט געזאָגט:

— איהר זוכט א דאַמע, וועלכע איז געריטען אויף אַן עזעל?

— יא — האָט האַסטיג געזאָגט האַרלינגטאָן — ווייסט איהר, וואו זיא איז?

— וואו זיא איז איצטער, ווייס איך ניט — האָט יענער געזאָגט — אָבער איך קען אייך זאָגען, וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט.

— אָבער, אום גאָטעס ווילען, שנעלער! — האָבען זיך אַלע אונגעדולדיג אַרויסגעוואָרפען אויף דעם אונבעקאַנטען.

— איך האָב געזעהן — האָט דער אונבעקאַנטער אָנגעהויבען — וויא צו איהר איז צוגעקומען אַן עגיפּטישער אָפיציער, האָט זיך העפליך פערנייגט פאַר איהר, האָט אָנגענומען איהר עזעל ביי דער צוים און האָט איהר געהאָלפען דורכפאָהרען דורך דער געדיכטער מאַסע מענשען.

— און דיא דאַמע האָט ניט פּראָטעסטירט? — האָט כמעט אָהן אָטהעם געפרעגט האַרלינגטאָן.

— אָנפאַנגס ניט. פערקעהרט, זיא האָט איהם בעדאַנקט פאַר זיין העפליכקייט. שפּעטער אָביסעל האָב איך אָבער בעמערקט, אז אויסער דעם אָפיציער האָבען דיא דאַמע אַרומגערינגעלט עטליכע סאָלדאַטען. וויא עס האָט געשיינט, האָט זיא ניט קיין חשק געהאַט צו געהן מיט זיי. זיא האָט ענערגיש פּראָטעסטירט און האָט זיך עטליכע מאָל אומגעקוקט צוריק, אָבער זיא האָט ענדליך געמוזט מיט זיי מיטגעהן.

— וואוהין?

— אָט אין יענעם געסעל. מעהר האָב איך שוין ניט געקענט זעהן.

— אָבער וואָס, דענקט איהר, איז דאָ פאָרגעקומען? — האָט זשעסי מורריי אויסגערופען.

— איך דענק, אַז מען האָט דיא דאַמע ארעסטירט — האָט דער אונבע־קאַנטער געזאָגט.

— ארעסטירט! — האָבען אַלע פערוואונדערט אויסגעשריען — אָבער פאַרוואָס?

— דאָס קען איך אייך שוין ניט זאָגען — האָט יענער אַ קנייטש געטהאָן מיט דיא פּלייצעס.

— מיין הארץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז פון דער צייטונגס־מעלדונג וועגען אונזער איבערפאַל אויף דיא באַנדיטען וועט קיין גוטס ניט ארויס־קומען! — האָט יאָהאַנא ליגד געזאָגט — אַלזאָ, קומט באַלד אין דער פּאָ־ליציי־ביוראָ. געהט אַלע אין האָטעל "דע ניל". מיר דארפען ניט אַלע געהן, בלויז איך, מיסס מורריי, לאָרד הארלינגטאָן און סער ווילאַמס וועלען געהן צו דער פּאָליציי. איהר ווארט אויף אויף אונז אין האָטעל. לאָרד הייסטינגס, אויף אייער פעראנטוואָרטליכקייט גיב איך איבער סולימא'ן.

זיא האָט גערעדט אין אַזאַ ענערגישען, בעפעהלענדען טאָן, אַז קיינער האָט ניט געוואגט ווידערצושפּרעכען, און אַלע האָבען געפאָלגט. דער גאַנצער עולם האָט זיך געלאָזט פאָהרען צום האָטעל און יאָהאַנא, מיסס מורריי, הארלינגטאָן און ווילליאַמס האָבען זיך אָוועקגעלאָזט צו דער פּאָליציי־ביוראָ.

ביים אריינגאַנג אין דעם פּאָליצמייסטער'ס הויף האָבען זיי זיך אָנגע־שטויסען אויף אַ סאָלדאַט, וועלכער איז רוהיג געשטאַנען און האָט גערויכערט אַ סיגאַרעטעל. עס האָט אויסגעזעהן, אַז דאָס איז אַ וועכטער און לאָרד האר־לינגטאָן האָט זיך צו איהם געווענדעט אין ענגליש:

— קענען מיר זעהען דעם פּאָליצמייסטער?

— צו וואָס דארפט איהר איהם? — האָט דער סאָלדאַט געענטפערט מיט אַ פראַגע און האָט קאַלטבלוטיג ווייטער גערויכערט זיין סיגאַרעטעל.

— איך מוז איהם באַלד זעהן — האָט אונגעדולדיג געזאָגט הארלינג־טאָן.

— צוליעב וואָס? — איז דער סאָלדאַט ווידער ארויס מיט דערזעלבער פראַגע.

— מיר מוזען איהם באַלד זעהן — האָט ווילליאַמס זיך אריינגעמישט און האָט דעם סאָלדאַט אריינגערוקט אין דער האַנד אַ גאָלד־שטיק.

דער סאָלדאַט האָט קאַלטבלוטיג ארויסגענומען דאָס סיגאַרעטעל פון'ם מויל, האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט דיא מטבע, האָט זיא לאַנגזאַם אריינגע־לעגט אין קעשענע און האָט קורץ געזאָגט:

— אַ דאַנק.

דאַן האָט ער ווידער גענומען רויכערען.

— אָבער אום גאָטעס ווילען, מיר ווילען דאָך זעהן דעם פּאָליציי־די־רעקטאָר! — האָט יאָהאַנאַ לינד בייז אויסגעשריען.

— דער פּאָליציי־דירעקטאָר וועט אייך גאָר ניט העלפען — האָט דער סאָלדאַט געענטפערט.

— פון וואַנען ווייסטו עס? — האָט וויליאַמס ערשטוינט געפרעגט.

— ווייל דער דירעקטאָר ווייס גאָר ניט וועגען דעם, צוליעב וואָס איהר זיינט צו איהם געקומען.

— וואָס ווייסטו דען פון דעם צוליעב וואָס מיר זיינען געקומען?

— פיעל מעהר פון דעם פּאָליציי־דירעקטאָר. פאָלגט מיך, פאָהרט זיך צוריק אין האָטעל און זייט רוהיג. מיסס עלען פּעטערסאָן איז געזיכערט און זיא וועט אין גיכען זיין אין האָטעל "דע ניל".

מיט דיעזע ווערטער האָט זיך דער סאָלדאַט אומגעדרעהט און האָט זיך געלאָזט אוועקגעהן.

— דאָנערוועטער! — איז וויליאַמס געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט — דאָס איז ניט קיין סאָלדאַט, נאָר אַ טייפעל! אָבער — וואַרט!

ער איז אַראָבגעשפּרונגען פון דעם עזעל און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן צום סאָלדאַט מיט פערדריקטע פויסטען. דיא דאַמען האָבען איהם נאָכגעפאָלגט.

דער סאָלדאַט איז אין דער מינוט צוגעשפּרונגען צו לאָרד האַרלינגטאָן און האָט שטיל און שנעל געזאָגט:

— זייט רוהיג! מיסס פּעטערסאָן איז אין זיכערע הענד. פאָהרט אין האָטעל. מען וועט זיא אייך באַלד צוריקברייננגען.

ערשט יעצט האָט דער לאָרד דערקענט דעם סאָלדאַט.

דאָס איז געווען ניק שאַרפּ.

אָבער איידער ער האָט צייט געהאַט איהם עפּעס צו פרעגען, איז ניק אַריין אין הויף און איז פערשוואונדען.

ניט־ווילענדיג האָט לאָרד האַרלינגטאָן געמוזט ערקלערען זיינע בעגלייטער, אַז דער סאָלדאַט איז זיינער אַ מענש און אַז עס בלייבט ווייטער קיין זאַך ניט צו טהאָן וויא זיך אומצוקעהרען אין האָטעל און וואַרטען. ער האָט זיי נור געבעטען, זיי זאָלען קיינעם ניט זאָגען וועגען זייער בעגעגעניש מיט דעם סאָלדאַט.

ווען זיי זיינען געקומען אין האָטעל, האָבען זיי דאָרט געטראָפען אין דרויסען וואַרטענדיג אויף זיי, ניט נור זייערע פריינד, נאָר אויך אַלע איבריגע געסט פון האָטעל. פאַר דיא פאָר טעג וואָס דיא וועסטאַלקעס האָבען דאָרט געוואָהנט, האָבען זיך אַלע פעראינטערעסירט מיט זיי און אַלע האָבען זיי שטאַרק ליעב בעקומען; ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, אַכטונג און ליעבע האָט אָבער גע־

וואונען עלען פעטערסאָן און איצטער זיינען אלע געווען שטאַרק אויפגערעגט פון דעם צופאל וואָס האָט מיט איהר פאַסירט.

אלע האָבען זיך א וואָרף געטהאָן מיט פראַגען צו דיא אָנגעקומענע און אלע זיינען געווען שרעקליך ענטוישט, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז לאָרד האַר־לינגטאָן און זיינע בעגלייטער האָבען עלען ניט געפונען. דיא אָנגעקומענע האָבען בלויז געקענט בעהויפּטען, אז עלען וועט אין גיכען זיין צוזאַמען מיט זיי; זיי האָבען אָבער ניט געקענט געבען קיין ערקלערונג, פאַרוואָס זיי דענקען אזוי. לאָרד האַרלינגטאָן'ס בעגלייטער האָבען קיין בעגריף ניט געהאַט, ווער עס איז געווען דער פערשטעלטער סאָלדאַט, וואָס האָט זיי פערזיכערט, אז עלען איז אויסער געפאַהר, און אפילו האַרלינגטאָן, אָבוואָהל ער איז געווען זיכער, אז מען קען זיך אויף ניק'ען פערלאָזען, האָט אויך קיין בעגריף ניט געהאַט, וויא אזוי עלען וועט בעפרייט ווערען און וואו זיא געפינט זיך איצטער. ניק איז אזוי שנעל און אונערווארטעט פערשוואונדען, אז ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו דערגעהן פון איהם מעהר איינצעלהייטען, און וואו צו זוכען ניק'ען האָט דער לאָרד ניט געוואוסט.

אזוי וויא עס איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען, נאָר געדולדיג צו וואַרטען, האָט מען זיך געמוזט בעגנוגענען דערמיט, וואָס מען איז ארומגעגאַנגען ארום דעם האָטעל און געקוקט אין אלע זייטען, פיליכט קומט שוין צוריק עלען.

דאָס איז געווען א שווערער פּרוב פאַר דעם געדולד פון עלען'ס פריינד און פריינדינען. דיא מינוטען האָבען זיך געצויגען וויא גאַנצע טעג און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז א גאַנצע אייביגקייט איז פאַראיבער זינט זיא איז פער־שוואונדען. ווען עס איז אוועק א שטונדע נאָך א שטונדע און עלען איז נאָך אלץ ניט צוריקגעקומען, זיינען אלע געוואָרען אזוי אונרוהיג, אז דיא מעהרסטע האָבען גענומען פאָדערען, מען זאָל זיך ארויסלאָזען איבער דער שטאָדט זיא זוכען. האַרלינגטאָן אליין האָט שוין אויך אָנגעהויבען פערלירען זיין צוטרויען צו ניק שאַרפּ.

עס איז שוין געווען טאָג און קיינער האָט אפילו ניט געטראַכט וועגען רוה און שלאָף. עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו נעהמען א שטאַרקע בעגליי־טונג פון פּאָליציי און סאָלדאַטען און זיך אוועקלאָזען זוכען דיא פערשוואונ־דענע. דיא וועסטאַלקעס און דיא ענגלענדער האָבען זיך איינגעטהיילט אין פינף קאָמפּאַניעס, האָבען זיך גוט בעוואָפענט און זיינען שוין גרייט געווען זיך ארויסצולאָזען איבער דער שטאָדט, ווען לאָרד הייסטינגס האָט אויף זיין שטיי־גער קאַלטבלוטיג בעמערקט:

— אָט איז זיא דאָך, אונזער אַנטלאָפענע!

פון דער מדבר האָט זיך בעוויזען א גרופּע מענשען. מען האָט נאָך ניט געקענט דערקענען, ווער און וואָס זיי זיינען, אָבער דיא זיכערהייט, אז עלען

מוז באַלד קומען צוריק און דיא האָפנונג, אַז זיא וועט באַלד קומען, האָט גע־בראַכט דערצו, אַז אַלע האָבען ניט אַנדערש גערענקט, אַז דאָס קומט דיא פערלאָרענע און אַלע האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן זיא צו בעגעגענען.

— לאָמיר האָפען — האָט שטיל בעמערקט וויליאַמס צו מיסס טהאָמפּסאָן — אַז אונטער דער ווירקונג פון דער נור־וואָס איבערגעלעבטער געפאַהר וועט עלען ענדליך ניט אויסהאַלטען און וועט זיך אַרויפוואַרפען אויף'ן האַלז אונז פריינד האַרלינגטאָן... אָט־דאָס וועט הייסען אַ שמחה!

— לאָמיר האָפען אַזוי — האָט טרויעריג אַ שמייכעל געטהאָן מאַריע.

— אָה, וויא איך וואָלט געוואָלט, איהר זאָלט פערשווינדען! — האָט ווייטער אַ שעפּטשע געטהאָן טשאַרלס וויליאַמס צו מיסס טהאָמפּסאָן און האָט זיא בעטראַכט מיט פערליעבטע בליקען.

— צוליעב וואָס? — האָט זיא געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

— איהר זעהט דאָך, וואָס עס פּאַסירט, ווען מען פערשווינדעט און מען קעהרט זיך אום צוריק.

— איהר מיינט, וואָס עלען וועט זיך, לויט אייער פאַנטאַזיע, האַרלינגטאָן'ען אַרויפוואַרפען אויף'ן האַלז?

— אָט־דאָס מיין איך טאַקע.

— טאָ וואָס וואָלט אייך אַרויסגעקומען פון מיין פערשווינדען?

— אפשר וואָלט איהר זיך מיר אויך אַרויפגעוואָרפען אויף'ן האַלז.

— און אַנדערש קענט איהר מיך ניט צווינגען דערצו? — האָט געזאָגט מאַריע און האָט זיך אַליין פערשעהמט.

וויליאַמס האָט אונבעמערקט אַ דריק געטהאָן איהר האַנד און זיא האָט געגען דעם ניט פּראָטעסטירט.

דערווייל איז דיא גרופּע מענשען פון דער מדבר צוגעקומען נעהענטער און אַלעמענס געזיכטער, וועלכע האָבען שוין געהאַט אויפגעלויכטען פאַר פרייד, זיינען ווידער בעדעקט געוואָרען מיט אַ שוואַרצען וואָלקען פון טרויער. מען האָט נאָך ניט געקענט דערקענען דיא אַנקומענדע, מען האָט שוין אָבער קלאָר געזעהן, אַז דאָ קומען בלויז מענער. עלען איז צווישען זיי ניט געווען.

מיט כמורנע, בייזע פּנים'ער האָבען אַלע געוואַרט דיא אַנקומענדע זאָלען זיך דערנעהענטערען. ווען זיי זיינען צוגעקומען גאַר נאָהענט, האָט האַרלינגטאָן, וועלכער איז געלאָפען פאָראויס, דערקענט האָפמאַן'ען, דעם פערשטעלטען ניק שאַרפּ און עטליכע מענשען פון האָפמאַן'ס מאַנשאַפט. איצטער איז שוין געווען קלאָר, אַז כאָטש דער דעטעקטיוו איז געווען אַזוי זיכער מיט עלען'ס בעפרייאונג, אַז ער האָט זאָגאַר קיין איינצעלהייטען וועגען דעם ניט געוואָלט איבערגעבען האַרלינגטאָן'ען, האָט ער זיין אויפגאַבע ניט אויסגעפיהרט.

דער קלוגער דעטעקטיוו האָט זיך מיאוס בענאַרישט.

— וואו איז עלען... איך מיין, מיסס פעטערסאָן? — האָט האַרלינגטאָן א פרעג געטהאָן דעם דעטעקטיוו און דערביי האָט זיין גאנצער קערפּער גע־ציטערט.

דער דעטעקטיוו האָט גאָר ניט געענטפערט, אָבער האָפמאן האָט געזאָגט:

— איך וויל אייך בעטען, מיינע הערען, אריינצוגעהן מיט אונז אין האָ־טעל. דאָרט וועט איהר זיך אַלעס דערוויסען און מיר וועלען זיך בעראַטהען וואָס ווייטער צו טהאָן.

מיט שווערע געמיטהער האָבען אַלע געפאָלגט. דיא געשיכטע וואָס זיי האָבען זיך דערוואוסט, האָט ביי פיעלע ארויסגערופען טרעהרען.

און פּאַסירט האָט פאָלגענדעס:

פיער מענער האָבען געטראָגען דאָס טראָג־בעטעל, אויף וועלכען עלען פּע־טערסאָן איז געלעגען אַ פּער'חלש'טע, און צוויי מענער האָבען זיי נאָכגעפאָלגט: איינער פון פאָרענט און איינער פון הינטען. דער וואָס איז געגאַנגען פאָראויס, איז אונזערער אַן אַלטער בעקאַנטער, מיט וועלכען מיר האָבען זיך שוין צוויי מאָל בעגעגענט, איין מאָל אין ניו יאָרק און דאָס צווייטע מאָל אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל. עס איז אונז גענוג בלויז אַ קוק צו טהאָן אויף זיין געזיכט, פון וועלכען עס האָט ווילד ארויסגעקוקט איין אויג, אום מיר זאָלען אין איהם דערקענען דעם אמאָליגען בעריהמטען ים־רויבער און שקלאַפען־הענדלער און דעם איצטיגען פרויען־הענדלער — דעם ים־וואָלף.

ער איז געגאַנגען פאָראויס און האָט מיט זיין שאַרפען איין־איינציגען אויג זיך ארומגעקוקט איבעראַל, אויבאימיצער קומט זיי ניט אַן אַנטקעגען, הויפּטזעכ־ליך איז ער געווען פאָרזיכטיג יעדעס מאָל, ווען מען האָט זיך בעדאַרפט פער־קירעווען אין אַ נייער גאַס.

דער וואָס איז געגאַנגען פון הינטען איז אויך אונזערער אַן אַלטער בע־קאַנטער. דאָס איז מר. סטיווענס, דער געוועזענער חבר פון דעם ים־וואָלף און דער איצטיגער רייכער קאַליפאָרניער איינוואָהנער, עלען פעטערסאָן'ס שטיעף־פאָטער. זיין שטימע האָט עס אזוי איבערגעשראָקען עלען אין דעם צימער ביי דיא באַנדיטען.

וויא קומען זיי ביידע אהער?

איידער מיר דערצעהלען וואָס עס האָט ווייטער פּאַסירט, וועט זיך לוינען זיך אביסעל אָבצושטעלען אויף דיעזע צוויי בלוטיגע העלדען.

אזוי שנעל וויא עלען איז מיט דער "וועסטא" אָבגעפאָהרען פון ניו יאָרק און דער ים־וואָלף האָט זיך אויף'ן צווייטען טאָג ארויסגעלאָזט מיט דעם צוועק זיא אומצובריינגען, האָט זיך אונזער מר. סטיווענס בערעכענט, אז ער האָט בע־גאַנגען אַ פעהלער דערמיט, וואָס ער האָט אָבגעמאַכט מיט'ן ים־וואָלף אומצו־בריינגען זיין שטיעף־טאָכטער אָדער זיא פערקויפען צו אַ לעבען פון שאַנדע.

וויא פערדאָרבען סטיוועגס איז ניט געווען און וויא ער האָט ניט געגאַרט נאָך עלען'ס פערמעגען, האָט ער דאָך אויף זיין שטייגער געליעבט זיין שעהנע שטיעף־טאָכטער און ווען זיא וואָלט איהם געשענקט איהר ליעבע, וואָלט ער זיך פיליכט צוליעב דעם ענטזאגט פון דעם פּלאַן זיא צו ירשן'ען.

ער האָט זיא ליעב בעקומען מיט אַ ווילדער ליידענשאַפט נאָך דאַמאָלס, ווען זיא איז געווען כמעט אַ קינד און, וויא מיר ווייסען שוין, האָט ער אַמאָל געפּרובט ווערען מיט איהר נאָהענט, אָבער דאָס האָט בלויז געבראַכט דערצו, אַז עלען זאָל פערלאָזען איהר מוטער'ס הויז.

סטיוועגס איז ווילד געוואָרען פון זיין ניט־בעפריעדיגטער ליידענשאַפט און ער האָט בעשלאָסען זיין שטיעף־טאָכטער אומצובריינגען און וועניגסטענס אריינכאַפּען אין זיינע הענד איהר פערמעגען, אויב ער האָט שוין ניט קיין האָפנונג זיא אַליין צו בעזיצען. ער האָט אַלץ געזוכט אַ געלעגענהייט דערצו און ער האָט געדענקט, אַז קיין פּאַסיגערען פאַל פאַר זיין פּלאַן קען ער ניט געפינען וויא עלען'ס וועלט־רייזע. ער האָט זיך פערבונדען מיט'ן ים־וואָלף און יענער האָט פערשפּראָכען אָבצוראַמען עלען.

אזוי שנעל וויא דיא "וועסטאַ" איז אַוועק אויף איהר רייזע און דער ים־וואָלף איז אויך אָבגעפאָהרען פון ניו יאָרק, האָט עס סטיוועגס'ען גענומען מאַטערען. מיט אַ דאָפּעלטער קראַפט האָט אין איהם ערוואַכט זיין אַלטע ליידענשאַפט און ער האָט גענומען טראַכטען, אַז עס וואָלט גאַר ניט געווען שלעכט, אויב איהם זאָל געלינגען ניט אומצובריינגען עלען, נאָר זיא אריינצוקריעגען אין זיינע הענד און זיך אַנצוזעטיגען מיט איהר ליעבע. דיעזער געדאַנק האָט אָנגעצונדען זיין בלוט און ער האָט געפיהלט, אַז אויב ער וועט זיין ליידענשאַפט ניט בעפרידיגען, וועט ער פּשוט אראָב פון זינען. ער האָט דעריבער בעשלאָסען זיך אַוועקצולאָזען אויף דער רייזע און זעהן דערגרייכען דעם ים־וואָלף, איידער עלען וועט אריינפאַלען אין זיינע הענד.

זיין רייזע איז געווען נויטווענדיג נאָך צוליעב איין אורזאַכע.

ווען ער האָט זיך געווענדעט צום ים־וואָלף, האָט ער נאָך ניט געוואוסט, מיט וועמען ער האָט צו טהאָן, ווייל מען האָט איהם דעם ים־וואָלף רעקאָמענדירט אונטער אַן אַנדער נאָמען. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, מיט וועמען ער האָט צו טהאָן, איז שוין געווען צו שפּעט זיך צוריקצוציהען. און צוריקציהען זיך האָט ער זעהר געוואָלט, ווייל פאַר איהם האָט זיך לחלוטין ניט געלוינט, אַז דער אַמאָליגער ים־רויבער זאָל וויסען זיין נאָמען.

איצטער איז סטיוועגס געווען, פאַר דער וועלט אַם וועניגסטען, אַ אַנשטענדיגער, רייכער, פּראָמינענטער מענש, און ער האָט געוואוסט, אַז דער ים־וואָלף וועט ניט דורכלאָזען דיא געלעגענהייט צו מאַכען פון איהם, סטיוועגס'ען, אַ

גאָלד־גרוב פאר זיך און אייביג צאַפּען פון איהם געלד אונטער דעם סטראַשונאַק, אז ער וועט בעקאַנט מאַכען זיין פערגאַנגענהייט.

עס איז, אַלזאָ, אונבעדינגט נויטווענדיג געווען אויף אייביג צו פערמאַכען דעם ים־וואָלף׳ס מויל אַזוי שנעל וויא ער וועט אָבטהאָן זיין ארבייט און פאַנגען עלען. סטיווענס האָט אויסגעארבייט אַזאַ פּלאַן: דער ים־וואָלף וועט נעהמען געפאַנגען עלען און וועט זיא איבערגעבען צו איהם, סטיווענס׳ען, און דאַן וועט ער דורך גערונגענע מערדער אָדער אין געהיים דורך דער פּאָליציי אָבראַמען דעם ים־וואָלף, און דאַן וועט ער זיין אַ פרייער פויגעל און קענען געניסען זיין זיעג איבער עלען.

ער האָט אָוועקגעשריעבען אַ בריעף צו עלען׳ס מוטער, אין וועלכען ער האָט איהר געלאָזט וויסען, אַז ער האָט זיך אין ניו יאָרק בעגעגענט מיט עלען און, וויא איהם שיינט, וועט איהם געלינגען זיא איבערצורעדען זיך אומצוקעהרען אַהיים און שלום ווערען מיט איהר מוטער; ער האָט דעריבער בעשלאָסען איהר נאָכצופאָלגען אויף איהר רייזע אום זיא צו איבערציינען, אַז דאָס בעסטע פאַר איהר איז זיך באַלד אומצוקעהרען אַהיים, און ער האָפט, אַז ער וועט האָבען ערפאָלג.

סטיווענס האָט דעם ים־וואָלף שוין ניט געטראָפען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; דיא מענשען פון זיין שיף האָבען איהם געזאָגט, אַז ער איז אָבגעפאָהרען נאָך אַלזשיר, און סטיווענס האָט איהם ווירקליך דאָרט געטראָפען אין דער צייט, ווען דער ים־וואָלף האָט זיך געקליבען אָבצופאָהרען נאָך קאַאירא, אום דאָרט צו פערכאַפּען עלען און איהרע בעגלייטערינס.

פאַר דעם ים־וואָלף זיינען איצטער געשטאַנען צוויי אויפגאַבען: פערכאַפּען עלען און דיא איבריגע ווערטאַלקעס און אריינקריגען אין זיינע הענד דיא פרויען, וועלכע עלען האָט בעפרייט פון דמיטרי׳ן. ער האָט איינגעשטימט איבערצוגעבען עלען צו סטיווענס׳ען מיט דער בעדינגונג, אַז דורך איהר געפאַנגענשאַפט זאָל ער פריהער אריינכאַפּען אין זיינע הענד דיא איבריגע מיידלעך און אַז אַלע מיידלעך, אויסער עלען, זאָלען בעלאַנגען צו איהם.

אויף דיעזען אָבמאַך זיינען דיא צוויי אויסוואורפען איינגעגאַנגען און עס איז אויסגעארבייט געוואָרען אַ פּלאַן וויא צו נעהמען געפאַנגען עלען דורך כלומר׳שטע סאָלדאַטען. דער פּלאַן איז זיי געלונגען, אָבער נור אַזוי לאַנג ביז זיי זיינען ניט אַרויס פון קאַאירא אין דער מדבר. דאָ האָט זיי ערוואַרטעט אַ ביטערע מפּלה.

ווען זיי זיינען אַרויס אין דער מדבר, האָבען זיי זיך פערגונען זיך אָבצושטעלען און זיך אָברוהען. דאָ זיינען זיי שוין געווען זיכער. אָבער וויא זיי האָבען זיך נור אָבגעשטעלט, זיינען הינטער זיי וויא פון דער ערד אויסגע־

וואַקסען אַ צעהנדלינג קרעפטיגע מענער, צווישען זיי עטליכע פּאָליציסטען און סאָלדאַטען און האָבען אויף זיי אַנגעשטעלט זייערע רעוואָלווערען.

— זיך ניט געריהרט פון אָרט! — האָט אַ דונער געטהאָן אַ שטימע, און איידער דיא באַנדיטען האָבען צייט געהאַט צו קומען צו זיך, האָבען זיך עטליכע מענער אויף זיי אַרויפגעוואָרפען.

דער דעטעקטיוו מיט דיא סאָלדאַטען און פּאָליציסטען האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן צום ים־וואָלף און האָפּמאַן מיט זיינע מענשען זיינען צוגעלאָפען צום טראַג־בעטעל, וואו עלען איז נאָך אַלץ געלעגען אַ פער'חלש'טע, און זיי האָבען זיא גענומען מונטערען.

דיעזער איבערפאַל איז געווען געפּלאַנעוועט פון ניק שאַרפּ און ער איז געווען גוט געפּלאַנעוועט.

ניק שאַרפּ האָט געהאַט אַ דאָפּעלטע אויפגאַבע: בעפרייען עלען פּעטערסאָן און נעהמען געפאַנגען דעם ים־וואָלף. ער האָט געוואוסט דעם ים־וואָלף'ס פּלאַן נאָך פון פריהער און ער וואָלט איהם לייכט געווען געקענט צושטערען, ווען ער וואָלט נור וועגען דעם געווען געלאָזט וויסען עלען און איהרע פריינד. ער האָט עס אָבער ניט געטהאָן, ווייל ער האָט דורך עלען'ס געפאַנגענשאַפט געוואָלט בעקומען דיא געלעגענהייט איבערצוגעבען דעם ים־וואָלף אין דיא הענד פון דער אַמעריקאַנער אָדער ענגלישער רעגיערונג.

ער האָט זיך געשטעלט אין פערבינדונג מיט דער ענגלישער רעגיערונג און האָט גע'פּועל'ט, מען זאָל איהם געבען פּאָליציסטען און סאָלדאַטען צו פער־פאָלגען דיא באַנדיטען. ער האָט געוואוסט, אַז מיט עלען וועלען אין דער מדבר זיין בלויז זעקס באַנדיטען און ער איז געווען זיכער, אַז דיא סאָלדאַטען און דיא פּאָליציסטען וועלען קיין שוועריגקייטען ניט האָבען. דאָך האָט ער דעם סוד פערטרויט האָפּמאַן'ען און איהם געבעטען מיטצוגעהן מיט אַ פּאָר פון זיינע לייט, אום צו זאָרגען וועגען עלען.

דער דעטעקטיוו איז אַזוי געווען זיכער מיט זיין ערפאָלג, אַז ער האָט וועגען דעם פּלאַן צו פאַנגען עלען און וועגען זיין אייגענעם פּלאַן זיא צו בע־פרייען, ניט געלאָזט וויסען דיא וועסטאַלקעס און זייערע פריינד, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז דורך דעם זאָל זיין פּלאַן ניט צושטערט ווערען. דערצו האָט ער געוואוסט, אַז לאָרד האַרלינגטאָן וועט ניט ערלויבען צו שטעלען אין גע־פאַהר עלען, אום דורך איהר צו כאַפּען דעם ים־וואָלף. ניק האָט גערעכענט, אַז ווען ער וועט בעפרייען עלען, וועט דערמיט אָבגעווישט ווערען זיין זינד, וואָרום ער האָט זיא געשטעלט אין געפאַהר, ווען מען זאָל זיך אַפילו שפּעטער דערוויסען וועגען דעם.

זיין פּלאַן איז געווען גוט, אָבער ניט אין גאַנצען, ווייל ער האָט ניט געוואוסט, אַז סטיווענס האָט בעשטעלט אַראַבער אויף פערד, זיי זאָלען וואַרטען

אין דער מדבר און וואָס שנעלער ברייננגען איהם און עלען אין אַ זיכערען פּלאַץ און אַז מעהרערע לייטע פון דעם ים־וואָלף'ס באַנדע האָבען אויך געזאָלט וואַר־טען אין דער מדבר.

אַ ביטערער קאַמפּף איז אָנגעגאַנגען צווישען דיא סאָלדאַטען און פּאָ־ליציסטען פון איין זייט און דיא באַנדיטען פון דער צווייטער זייט. דער ים־וואָלף האָט זיך פאַר קיין פאַל ניט געלאָזט נעהמען אַ לעבעדיגער, און ווען דיא סאָלדאַטען האָבען שוין כמעט געהאַט דיא אויבערמאַכט איבער איהם און איבער זיין חברה, זיינען זיי פּלוצלונג געקומען צו הילף נאָך עטליכע באַנדיטען, וועלכע זיינען מיט מעסערס אין דיא הענד בעפאַלען דיא סאָלדאַטען.

האָפּמאַן און זיינע עטליכע מיטהעלפער, וועלכע האָבען ביז איצט קיין אַנ־טהייל ניט גענומען אין קאַמפּף, האָבען געמוזט קומען צו הילף דיא סאָלדאַטען און פּאָליציסטען. איצטער האָט מען שוין געלאָזט אין געברויך רעוואָלווערען און מעסערס און פוןביידע זייטען האָט מען זיך געשלאָגען אויף טויט און אויף לעבען.

צוויי סאָלדאַטען זיינען שווער פערוואונדעט געוואָרען און פיער באַנדיטען זיינען שוין געוועזען טויט. דער ים־וואָלף אַליין האָט געקראָגען אַ שווערע וואונד אין קאָפּ פון אַ ביקס.

ערשט ווען אַלע באַנדיטען, וואָס זיינען געבליבען לעבען, האָבען זיך אונטערגעגעבען און מען האָט זיי געשמיעדט אין קייטען, האָבען זיך האָפּמאַן און ניק שאַרפּ דערמאָנט אָן עלען. אָבער וויא ערשטוינט זיינען זיי געוואָרען, ווען זיי האָבען דערזעהן, אַז עלען איז ניטאָ!

פון דער ווייטענס האָבען זיי געזעהן אַנטלויפען דריי רייטער. זיי האָבען אין איילעניש עטליכע מאָל אויסגעשאָסען, אָבער דיא רייטער זיינען געבליבען אונבעשעדיגט.

ניק שאַרפּ האָט זיך געכאַפּט, אַז אויך סטיווענס איז פערשוואונדען.

סטיווענס האָט זיך בענוצט מיט דעם טומעל, אין וועלכען מען האָט ניט בעמערקט דאָס אָנקומען פון דיא אַראַבער מיט זייערע פערד, וועלכע זיינען פון פריהער בעשטעלט געוואָרען, האָט געכאַפּט עלען, האָט זיא אַרויפגעוואָרפען צו איין אַראַבער אויף'ן פערד, איז אַליין אַרויפגעשפרונגען אויף אַ צווייטען און איז פערשוואונדען.

דיא האָפנונג צו רעטען עלען איז געוועזען אַ פערלאָרענע. נאָכלויפען צו־פוס אין דער מדבר נאָך דיא רייטער אויף זייערע פלינקע אַראַבישע פערד איז געוועזען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט.

דיא סאָלדאַטען זיינען מיט זייערע געפאַנגענע אַוועק אין איין זייט און האָפּמאַן און ניק זיינען אַוועק אין האָטעל "דע ניל" צו דיא וועסטאַלקעס.

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין האָטעל, ווען האָפּמאַן האָט דער־

צעהלט, וויא דער קאמפף אין דער מדבר איז אָנגעגאנגען. איינינע וועסטאַלקעס האָבען שטיל געוויינט און הארלינגטאָן איז געוועזען אזוי דערשלאָגען, אז ער האָט אפילו ניט געקענט מאכען קיין פּראָווירפע דעם דעטעקטיוו.

ערשט, ווען דיא ערצעהלונג איז געוועזען צו ענדע, איז הארלינגטאָן אויפגע־שפּרונגען און אויסגעשריען:

— מיר לאָזען זיך באלד אין וועג! ווער געהט מיט מיר?

— אַלע, אַלע! — האָבען זיך פון אלע זייטען גענומען הערען קולות.

— אויב אזוי, טאָ רוהט איהר זיך אוים און איך וועל ארויסגעהן קריעגען עזלען און אלעס נויטיגעס פאר דער רייזע — האָט געזאָגט האָפמאַן — אין א שטונדע ארום וועל איך זיין צוריק.

יאָהאנא לינד האָט איהם דערפאר צוגעוואָרפען א דאנקבארען בליק און הארלינגטאָן האָט איהם וואַרעם געדריקטביידע הענד.

האָפמאַן האָט בעפוילען זיינע לייטע זיך אומצוקעהרען נאָך אלעקסאנדריע און דאָפּעלט אָבהיטען דיא "וועסטא" און דעם "אמאָר" און איז אוועק צו פער־זאָרגען אלעס צו דער רייזע אין דער מדבר.

נאָך זיין אוועקגעהן איז אין האָטעל "דע ניל" אין איילעניש אָבגעהאלטען געוואָרען א בעראטהונג, ביי וועלכער עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אז פון דיא וועסטאַלקעס זאָלען מיטמאכען דיא רייזע בלויז מיסס טהאָמפּסאָן און מיסס מוריי, דיא איבריגע זאָלען זיך אומקעהרען אויף דער "וועסטא" און דאָרטע זיין אונטער דעם שוץ פון דיא ענגלענדער פון "אמאָר" און פון האָפמאַן'ען. פון דיא ענגלענדער זיינען מיטגעגאנגען הארלינגטאָן, טשארלס וויליאמס, הייסטינגס און נאָך זיעבען פּערזאָן. זיי האָבען אויך מיטגענומען סולימאַ'ן, אום זיא פאר איין וועג אָבצופיהרען צו איהר פאָטער, דעם אראבישען שייך.

20טעם קאפּיטעל.

אין דעם טהאָל פון קעניגע

פיעלע אַלטע מערקווירדיגקייטען זיינען פערבליבען פון דיא אַמאָליגע מצריים (עגיפּטער), וועלכע רופען ארוים בעוואונדערונג און ערשטוינונג נאָך ביז איצט. דיא מעהרסטע מערקווירדיגקייטען פון דעם אַלטען עגיפּטען ליעגען איצטער אין חורבות און נאָך מעהר זיינען פערשאָטען פון דעם אייביגען מדבר־זאמד, וועלכער האָט אויף אזא אופן געראטעוועט דיא אַלטע געביידעס און קברים פון פערניכטונג און אונטערגאנג. ערשט פאר דער לעצטער צייט האָט מען אויסגעגראָבען פון הינטער דעם זאמד ניט נור טעמפּלען, נאָר גאנצע שטעדט, צווישען זיי אויך דיא אַמאָליגע שטאָדט טהעבעס.

פאַר דיעזער צוריק אויסגעגראָבענער שטאָדט זיינען איצטער געשטאַנען עטליכע מענשען און האָבען ביים פּראַכטפאָלען עגיפּטישען זונען־אונטערגאַנג בעטראַכט דעם ווילדען מישמאַש פון רואינען, פון שטיקער זיילען, טהיילען פון אָבעליסקען און קעפּ פון ווילדע פיגורען פון געטער.

דאָס זיינען געווען לאָרד הארלינגטאָן און זיינע בעגלייטער.

שוין דיא דריטע וואָך, וויא זיי זיינען אין וועג אין דער מדבר אויף דיא שפּורען פון דער פערשוואונדענער עלען פּעטערסאָן. פון פערשיעדענע וואַנדע־רענדע אַראַבער האָבען זיי זיך דערוואוסט דורך סולימאַ'ן, אַז סטיווענס איז אַוועק מיט עלען אין דיעזער געגענד אין דער ליבישער מדבר און זיי האָבען איהם פערפאָלגט שריט נאָך שריט.

איינענטליך זיינען זיי געווען צופריעדען, וואָס סטיווענס האָט זיך גענומען אין דיעזער ריכטונג, ווייל דאָ האָט זיך געפונען דער שבט, צו וועלכען סולימאַ האָט בעלאַנגט און אונזערע רייזענדע האָבען געהאָפט, אַז אַ דאַנק סולימאַ'ן וועט עס זיי געלינגען מיט דער הילף פון דיא פריינדליכע אַראַבער צו בע־פרייען עלען.

— אויב מען זאָל זיא ניט טויטען, וועלען מיר זיא זיכער בעפרייען — האָ־בען גערעדט צווישען זיך דיא רייזענדע, ווען לאָרד הארלינגטאָן האָט זיי ניט געהערט.

"אויב מען זאָל זיא נור ניט טויטען!" — דיעזער געדאַנק האָט פערקיהלט דאָס בלוט אין זייערע אָדערען. זיי האָבען אָבער דאָך געהאָפט, אַז דיעזער אונ־גליק וועט זיי ניט טרעפען. זיי האָבען זיך געטרייסט דערמיט, אַז ווען דיא מער־דער וואָלטען געזוכט עלען'ס טויט, וואָלטען זיי זייער פערלאַנג שוין לאַנג געווען דורכגעפיהרט, און פון דיא וואַנדערענדע אַראַבער האָבען זיי געוואוסט, אַז עלען לעבט נאָך.

ארום דער האלב־בעגראָבענער שטאָדט טהעבעס האָבען זיי זיך אָבגעג־שטעלט, ווייל דאָ האָבען זיי פּערלאָרען סטיווענס'עס שפּורען און זיי איז איינ־געפאַלען, אַז ער בעהאַלט זיך מיט איהר ערגיץ ביי דיא ארומיגע אַראַבער־שבטים אָדער זאָגאַר אין איינעם פון דיא האָטעלען, וועלכע האָבען זיך אויסגע־בויט אַרום דיא חורבות פאַר דער בעקוועמליכקייט פון דיא טויזענדע רייזענדע, וועלכע קומען בעוואונדערען דיא טויטע שטאָדט.

וויא דיא רייזענדע זיינען אָנגעקומען אין יענער געגענד, האָבען זיך סו־לימאַ און ניק שאַרפּ ארויסגעלאָזט איבער דער געגענד אויספאָרשען עפּעס וועגען סטיווענס'ען און דיא איבריגע האָבען בעשלאָסען זיך צו בענוצען מיט דער צייט און בעזוכען דעם "טהאָל פון דיא קעניגע", דאָס הייסט, דיא געגענד וואו עס געפינען זיך דיא קברים פון דיא אַמאָליגע פּרעה'ס. הארלינגטאָן האָט זיך ענטזאָגט מיטצוגעהן.

— איך קען זיך קיין זאך ניט פערגינען — האט ער געזאגט מיט טרעה־רען אין די אויגען — אזוי לאנג, וויא די אונגליקליכע עלען געפינט זיך אין אזא שרעקליכער לאגע. גאט, ווארום קומט איהר אזוי פיעל ליידען און מא־טערנישען!

טשארלס וויליאמס האט איהם געריהרט געדריקט די האנד און האט געזאגט:

— מיר שווערען אייך, אז מיר וועלען ניט רוהען, ביז מיסס פעטערסאן וועט ניט זיין צוריק צווישען אונז און אז זיא וועט אין גיכען זיין פריי, אין דעם זיינט איהר דאך אליין זיכער.

— איך בין איבערצייגט, אז עלען דארף זיין ערגיץ ארום אין דער געגענד — האט זיך אריינגעמישט מיסס טהאמפסאן — און איך בין זיכער, אז מיר וועלען זיא זעהן נאך היינט, אדער שפעטסטענס מארגען. לארד, איהר מוזט האבען אביסעל צערשטרייאונג. איהר טארט ניט בלייבען אליין מיט אייערע פינסטערע מחשבות. קומט מיט אונז!

און לארד הייסטיגס האט אויף זיין שטייגער געזאגט מיט א בייזען טאן:

— נו, ברודער, דאס געהט ניט! מיר וועלען אייך דא ניט איבערלאזען אליין. איהר וועט נאך אנמאכען עפעס צרות און וועט נור שטערען סולי־מא'ן און ניק'ען. איהר וועט געהן!

וויא טרויעריג עס איז זיי ניט געווען אויף'ן הארצען, האבען אלע דאך געמוזט א שמייכעל טהאן; אפילו אויף לארד הארלינגטאן'ס בלאסען און אויס־געמאטערטען געזיכט האט זיך בעוויזען א שוואכער שמייכעל.

ער האט ענדליך איינגעשטימט מיטצוגעהן און בעזוכען די בעגראבענע שטאדט טהעבעס.

צוזאמען מיט א גאנצער מחנה רייזענדע האבען זיי אין דער "טהאל פון קעניגע" בעזוכט דעם קבר פון דעם עגיפטישען פרעה (קעניג) אמענאפיס דעם צווייטען.

די איינגעבאלזאמירטע קערפער אדער מומיעס פון די איבריגע עגיפ־טיש קעניגע זיינען שוין לאנג ארויסגעשלעפט פון די קברים און ווערען געהאל־טען אין די פערשיעדענע מוזעאומס. די איינציגע אויסנאהמע איז געמאכט געווארען מיט דער מומיע פון אמענאפיס דעם צווייטען. זיא האט מען אי־בערגעלאזט אויף איהר פלאץ. בלויז דיעזער מצרים'שער קעניג קען זיך פערגי־נען דריי טויזענד יאהר נאך זיין טויט יעדען טאג אויפצונעהמען ביי זיך א גרויסע מאסע געסט. דאס זיינען די צאהלרייכע רייזענדע, וואס קומען יעדען טאג איהם בעזוכען אין זיין מערקווירדיגען קבר.

און דער קבר איז ווירקליך א מערקווירדיגער. ער געפינט זיך אין אן אונ־געהייער טיעפער אויסהוילונג אין די ליבישע בערג, אין דער ליבישער מדבר.

מען רופט דיא געגענד "דיא טהאָל פון קעניגע", ווייל דאָ האָבען זיך געפונען דיא קברים פון דיא אמאָליגע עגיפּטישע הערשער וואָס האָבען געקעניגט אין טהעבעס. אין לוקסאר, א פאָרשטאָדט פון טהעבעס האָבען זיך ביים ברעג פון דעם טייך נילוס געפונען דיא ריעזיגע איוועגס, וואו מען פלעגט צוגרייטען דיא מאַטעריאלען, מיט וועלכע מען האָט באַלזאַמירט דיא טויטע קערפּער און פערפערטיגט דיא מומיעס. און פון דאַנען האָט מען דיא מומיעס געבראַכט אין "דער טהאָל פון קעניגע".

דיא גאַנצע געגענד צווישען לוקסאר און צווישען דיא ליבישע בערג איז פול מיט מאָנומענטען פון דיא אַלטע מצריים. דאָ געפינען זיך פערשאָטענע פון דער מדבר־זאַמד טעמפּלען. דאָ געפינען זיך דיא זאָגענאַנטע "קאָלאָסען", ריעזיגע שטיינערנע פיגורען פון עגיפּטישע קעניגע. און דאָ, ענדליך, געפינען זיך דיא קברים פון דיעזעלבע קעניגע.

צוקומען צו דיא קברים קען מען דורך א לאַנגער, שמאָלער, געדרעהטער, פינסטערער אויסהוילונג אין דיא בערג. דיא אויסהוילונג איז געמאַכט אזוי קונציג, אז פאַר פיעלע, פיעלע יאָהרהונדערטע האָט מען ניט געקענט געפינען דעם וועג צו דיא קברים. מען האָט זיי אָבער דאָך געפונען. איינמאָל זיינען צו דיא קברים צוגעקומען דיא אַלטע רוימער אָדער אַסיריער. זיי האָבען ארונטערגעריסען דיא ציערונג פון דיא מומיעס, האָבען פון פיעלע מומיעס געמאַכט א תל, האָבען צובראָכען און פערניכטעט פיעלע שטיינערנע פיגורען און האָבען דאַן צוריק פערמויערט דעם אריינגאַנג.

צום צווייטען מאָל האָבען דעם אריינגאַנג געפונען דיא ענגלענדער. זיי האָבען איהם בעלויכטען מיט עלעקטריציטעט און איצטער קומען אין א בעשטימטער צייט אין טאָג צעהנדליגע מענשען אָפּשטאָטען א בעזוך דעם קעניג אמענאָפיס דעם צווייטען, דעם איינציגען עגיפּטישען קעניג, וועלכען מען האָט ערלויבט צו בלייבען אין זיין קבר.

אין דער גאַנצער אונגעהייערער לענג פון דעם שמאָלען אריינגאַנג זיינען דיא וועגד בעדעקט מיט פיגורען פון געטער און טייוואָלים און מיט אויפשריפטען. ענדליך קומט מען אריין אין דעם גרויסען קברים פּלאַץ, וועלכער ווערט אונטערגעהאַלטען פון זעקס זיילען אויסגעהאַקט אין דעם באַרג גופא, פון דאַנען זיינען פאַראַן אריינגענגע צו פערשיעדענע אַנדערע קברים, אָבער יענע קברים זיינען שוין ליידיג.

פון דיא פיגורען אויף דיא זיילען און אויף דיא וועגד קען מען לערנען דיא בעגריפע פון דיא אַלטע מצריים וועגען לעבען און וועגען טויט.

נאָך'ן טויט, האָבען דיא אַלטע עגיפּטער געדענקט, דאַרף דיא נשמה דורכגעהן דורך א גאַנצע רייהע טייוואָלים, וועלכע שטערען איהר צוצוקומען צום לאַנד פון שאָטענס, צו יענעם לאַנד, וואו דיא זון און דיא לבנה געהען אונטער.

און ווען דיא נשמה איז ווערטה געווען צוצוקומען אהין צום גאט אזירים אדער צו "דער טויטער זון", האט זיא זיך פערשמאלצען מיט דער זון און האט שוין אויף'ן צווייטען טאג צוזאמען מיט איהר געלויכטען איבער דער וועלט. דיעזער טהייל פון דער נשמה האט שוין קיין מאל ניט געקענט צוריקקומען צום טויטען קערפער. ביים צושיידען זיך מיט'ן קערפער האט אבער דיא וועקפליהענדע נשמה אנגענומען צוויי פארמען: פון פלאם (קהו) און פון "באאי" (א פאלקען, א סאקאל). דיא "באאי" האט געקענט, אויב זיא האט נור געוואלט, פון צייט צו צייט בעזוכען דעם קבר.

דיא אלטע עגיפטער האבען אבער געוואוסט פון נאך א דריטער טהייל פון דער נשמה, וועלכע האט אויך נאך'ן טויט ניט פערלאזען דעם קבר. דאס איז געווען א מין קאפיע פון דעם פערשטארבענעם. דיעזע קאפיע האט זיך געפונען אין דער טרונע און האט אלעס געקענט זעהען דורך דיא צוויי אויס־געמאלטע אויגען אויף'ן צודעק פון דער טרונע. אפטמאל האט זיך דיעזער "קאפיע" געקענט פערגלוסטען ארויסצוגעהן פון דער טרונע און אביסעל וואנ־דערען. זיא האט דאן זיך געגוויטיגט אין שפייז און אין פערשיעדענע אנדערע זאכען. דעריבער האבען דיא אמאליגע מצריים אוועקגעלעגט אין דיא קברים פערשיעדענע באלזאמירטע שפייזען און פיעלע אנדערע זאכען, צווישען זיי אויך שטאפען, מיט וועלכע זיי פלעגען באלזאמירען דיא טויטע קערפער (מאכען פון זיי מומיעס). דיעזע שטאפען האט מען בעדארפט האבען אויף'ן פאל, טאמער וועט דיא מומיע דאך מיט דער צייט אנהויבען פוילען, זאל דיא קאפיע זיא נאך אמאל איבערבאלזאמירען. צוליעב דיעזער קאפיע האט מען עס אונטער אלע אומשטענדען געמוזט האלטען גאנץ דעם טויטען קערפער און דערפון האט זיך גענומען דער מנהג צו באלזאמירען טויטע קערפער, און דערפון שטאמען עס דיא מומיעס.

אט דיעזע אלע בעגריפע וועגען דעם לעבען נאך'ן טויט ווערען קלאר פארגעשטעלט אין דיא פערשיעדענע בילדער און פיגורען אין דעם אריינגאנג צום קבר פון דעם קעניג אמענאפיס דעם צווייטען, וועלכער איז געשטארבען אונגעפעהר מיט דריי טויזענד יאהר צוריק.

דיא מומיע פון דעם קעניג איז ארומגעריסען פון אלע בעציערונגען. עס איז אויף איהר געבליעבען בלויז איין בעציערונג, און דאס איז א בוקעט בלומען, אויך פערוואנדעלט אין א מומיע. דיא בלומען זיינען שוין טויט זייט דריי טויזענד יאהר. און דאך דערמאנען זיי אן לעבען. זיי דערמאנען, אז א ליעבענדע לעבעדיגע האנד האט זיי אנגעריסען און האט זיי אהער ארייג־געבראכט אלס צייכען פון ליעבע.

דיא שטיקענדע לופט, דאס בעוואוסטזיין, אז מען איז בעגראבען טיעף אונטער א ריעזיגען בארג, דיא אבגעריסענע מומיע פון דעם דריי־טויזענד

יעהריגען קעניג, דיא פינסטערניש און דיא פיגורען פון טייוואָלים און געטער — דאָס אַלעם צוזאַמענגענומען מאַכט אַזאַ שווערען איינדרוק אויף'ן בעזוכער, אַז מען ווינשט זיך וואָס שנעלער אַרויסצוקומען אויבען, אָטהעמען פרישע לופט און געניסען זון־ליכט. אין אַן אַבטהיילונג נעבען דעם זאַל, וואו עס געפינט זיך דיא מומיע פון אַמענאָפיס דעם צווייטען, האָבען זיך אַמאָל געפונען ניין מומיעס פון זיינע קינדער און אייניקלעך, אַלע קעניגע פון עגיפּטען. יעצט זיינען זיי שוין דאָרט ניטאָ. בלויז נאָך דריי מומיעס געפינען זיך איצטער אין שכנות מיט דעם קעניג'ס מומיע.

איין מומיע איז פון אַ פרוי, וואַהרשיינליך אַ קעניגין. דיא שטאָפען, אין וועלכע דער טויטער קערפּער איז ביים באַלזאַמירען איינגעוויקעלט געוואָרען, זיינען איצטער אַראָבגעריסען און דיא שמאַטעס הייגגען אויף'ן קערפּער פון אַלע זייטען. דאָך מאַכט דיא מומיע כמעט אַן אַנגענעהמען איינדרוק. דיא האָר פון דער טויטער זיינען צוואוואָרפען און דאָס געזיכט איז נאָך אפילו איצטער, נאָך אַ דריי־טויזענד־יעהריגען טויטען שלאָף, מערקווירדיג שעהן!

דיא צווייטע מומיע איז פון אַן אינגעל. דאָס איז אַ פּרינץ. אַז דאָס איז אַ פּרינץ קען מען דערקענען אָן דעם לאַנגען לאָקען האָר אויף איין זייט פון קאָפּ. ווייטער איז דער גאַנצער קאָפּ גלאַט ראַזירט.

דיא דריטע מומיע איז פון אַ מאַן. אַ שווידער לויפט דורך דורך'ן לייב, ווען מען בעטראַכט דיזע מומיע. זיא מאַכט דעם איינדרוק, וויא זיא וואָלט זיך געשטיקט פון געלעכטער, וויא זיא וואָלט געוואָלט אויספּלאַצען אין אַ געלעכטער און האַלט זיך איין מיט אַלע כחות.

דיזע מומיעס האָבען אויף אונזערע רייזענדע געמאַכט אַזאַ שווערען איינדרוק, אַז אפילו דער פרעהליכער, זאָרגלאָזער, אימער־לוסטיגער און וויציגער טשאַרלס וויליאַמס האָט ניט געוואָגט קיין וואָרט אַרויסצורייזען.

אינסטינקטיוו האָט יעדער איינער געזוכט שטיצע ביים צווייטען.

מיסס טהאָמפּסאָן האָט זיך פעסט אָנגעהאַלטען אָן וויליאַמס'ען און דזשעסי מוריי האָט זיך געדריקט צום כמורנעם, שווערען לאָרד הייסטינגס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען זעהר ניט בעקוועם פון דער נאָהענטקייט פון דיזער יונגער פרוי, וועלכע האָט נאָך אויסגעזעהן כמעט וויא אַ קינד.

בלויז האַרלינגטאָן איז געבליבען קאַלט צו אַלעם און קיין זאַך האָט אויף איהם ניט געמאַכט קיין איינדרוק, ווייל ער האָט אויף אַלעם געקוקט און גאָר ניט געזעהן: זיינע געדאַנקען זיינען אַלץ געווען ביי עלען.

צוריק מיט אַ פּאָר טעג האָט ער זיך דערוואוסט עטוואָס פון ניק שאַרפּ'ען, וואָס האָט איהם געשראָקען מעהר וויא עלען'ס טויט.

אין אַ געשפּרעך צווישען ניק'ען און האַרלינגטאָן'ען וואָס איז פאָרגעקומען אויג אויף אויג, האָט האַרלינגטאָן געפרעגט ניק'ען:

— זיינט איהר זיכער, אז סטיווענס איז געווען צוזאמען מיט דיא באנדיטען?

— אזוי זיכער וויא דאס, אז איך רייד איצטער מיט אייך.

— און דער צוועק פון זיין קומען אהער איז וואהרשיינליך אליין צוצו־זעהן, וויא מיסס פעטערסאן ווערט ערמארדעט?

— אה, ניין! — האט געזאגט דער דעטעקטיוו — זיין איצטיגער צוועק איז ניט צו ערמארדען מיסס פעטערסאן, נור...

ניק האט זיך אבגעשטעלט אין פערלעגענהייט.

— נאר? — האט איהם הארלינגטאן אונטערגעטריבען.

— קען איך אלעס ריידען?

— געוויס. דאס ערגסטע ווייס איך שוין. וואס קען שוין זיין ערגער פון טויט?

ניק האט א קנייטש געטהאן מיט דיא פלייצעס וויא איינער רעדט: אז דיר איז ליעב, איז מיר ניחא.

— זיין צוועק — האט ער געזאגט — איז... איז צו בעזיצען מיסס פעטערסאן.

— וואס?! — איז אויפגעשפרונגען וויא אן אונטערגעשאסענער האר־לינגטאן און איז באלד צוריקגעפאלען.

— איהר ווייסט דאך — האט וויטער געזאגט ניק — אז איך האב געהאט דיא נעהענטסטע פערבינדונגען מיט דיא באנדיטען און איך ווייס אלע זייערע פלענער. דער ערשטער אבמאך צווישען סטיווענס'ען און דעם ים־וואלף איז געווען צו ערמארדען מיסס פעטערסאן אדער זיא פערקויפען אין שקלאפעריי. ער האט זיך אבער איבערלעגט און האט בעשלאסען זיא צו צווינ־גען איהם צו ליעבען. דאס איז שוין אן אלטע ליידענשאפט, וועלכע ער פיהלט צו איהר.

אט דיעזען געשפרעך האט הארלינגטאן אלץ ניט געקענט פערגעסען. ער האט זיך אלע מאל פארגעשטעלט דאס שרעקליכע בילד, וויא עלען צאפעלט זיך אין דיא ארעמס פון דעם אלטען לומפ, רופט צו הילף און קיין הילף קומט ניט פון קיינעם.

וויא שוידערליך פאר איהם איז ניט געווען דער געדאנק, אז מען וויל עלען ערמארדען, האט ער דאך דערפון ניט אזוי שטארק געליטען, וויל וויא ער האט זיך ניט געמאטערט, האט ער זיך דאך ניט געקענט פארשטעלען עלען א טויטע. דיא ערמארדונג האט זיך איהם פשוט ניט געלעגט אויף'ן שכל און ער האט דעריבער וועניגער געליטען. אבער דאס בילד וויא עלען איז פערגוואלדיגט פון איהר לומפיגען שטיעף־פאטער איז וויא לעבעדיג געשטאנען פאר זיינע אויגען און האט איהם געבראכט צו משוגעת.

דיזעס שוידערליכע בילד האט ער פאר זיך געזעהן אויף אין דיא אלטע עגיפּטישע קברים און ער האט קיין זאך ניט געזעהן און קיין זאך ניט בע־מערקט.

וויא א פער'חלש'טער איז ער נאכגעגאנגען זיינע חברים אין דיא שרעק־ליכע קברים, וויא א פערשלאפענער האט ער צוזאמען מיט זיי פערלאזען דיא קברים און ער האט כמעט ניט געהערט זייער פארשלאג צו געהן בעקוקען אנ־דערע מערקווירדיגקייטען פון דער פערשאטענער שטאדט טהעבעס. ער האט גאר ניט פערשטאנען, וואס מען רעדט צו איהם, האט אהן ווילען איינגעשטימט צו אלעס און האט, אליין ניט וויסענדיג וואוהין ער געהט, זיי נאכגעפאלגט צו דיא פאלאצען און טעמפלען פון דער פערשאטענער שטאדט.

— מיר געהען איצטער עסען אבענד־ברויט אין דעם שפייז־זאאל פון דעם עגיפּטישען פרעה טהאטהעמעס דעם דריטען — האט איהם וויליאמס געזאגט.

— טהאטהעמעס דעם דריטען? — האט איבערגעפרעגט הארלינגטאן וויא פער'שכור'ט — איך קען איהם ניט.

אלע האבען זיך צולאכט.

— איך וויים, אז איהר קענט איהם ניט — האט זיך געוויצעלט ווי־ליאמס — ער איז געשטארבען מיט דריי טויזענד יאהר צוריק, איידער איהר, גנעדיגער לארד, האט בעעהרט דיא וועלט מיט אייער געבורט. ווען דער קעניג טהאטהעמעס האט אין דעם זאאל געפראוועט זיינע מאהלצייטען...

ער האט ניט געענדיגט, ווייל מיסס טהאמפסאן האט איהם איבערגע־שלאגען מיט דיא ווערטער:

— איז נאך קיינעם ניט איינגעפאלען צו ריידען אזוי פיעל דומהייטען, וויפיעל איהר רעדט איצטער, סער וויליאמס.

— אט דאס הייסט אריינגעפייערט! — האט צופריעדען א ברום געטהאן הייסטינגס, וועלכער האט גענומען פיהלען א ווארימע ליעבע צו דזשעסי מורייא און האט זיך דעריבער געפיהלט אין א שטארקער פערלעגענהייט פון איהר נאהענטקייט, ווייל זיא האט איהם נאך אלץ געהאלטען אונטער'ן ארם.

זיי זיינען אריין אין זאאל, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר א גאנצען וואלד מיט זיילען. דיא זיילען זיינען אונגעהייער גרויס, זייער צאהל שיינט צו זיין אונענדליך, דיא סטעליע בעשטעהט פון ריעזיגע שטיינער. און ווען מען געהט אריין אהין, דערפיהלט מען זיך פלוצלונג אזוי קליין, אזוי נישטיג, אזוי אונכווירדיג.

א טויטע שטילקייט הערשט דא. און פון אלע זייטען קוקען ארוים דיא שוין דערמאהנטע זיילען, אבעליסקען און סטאטוען, אויך דיא בעריהמטע אין דער ביבעל וויזעל־טהיערען (אזעלכע גרויסע בופעל־אקסען) און דיא געטינען מיט קעצישע קעפּ (בעסער געזאגט, קעפּ פון לייבען).

פיעלע פיגורען פון דיעזע קעץ-געטינען זיינען געבליבען נאך גאנץ. אין איין פלאץ געפינען זיך זאגאר עטליכע פון זיי צוזאמען.

זיי האבען א צארטען פרויען-קערפער. דער קאפ זייערער איז אבער פון א לייב. זיי זעהען אויס בלוטדורשטיג און מאכען אפט, הויפטזעכליך ביי דער שיין פון דער לבנה, א זעהר שווערען איינדרוק.

אזא מין קעציגע פיגור, נאר א ביסעל גרעסער, שטעלט מיט זיך אויף פאר דיא "סעקהעט" אדער דיא "אגרעס", דיא געטין פון מלחמה און אויך פון געשלעכטליכער ליידענשאפט.

דיא אגרעס געפינט זיך וויא איינגעמויערט אין א שמאלען טעמפעל. צווישען דיא פעלאכען (עגיפטישע פויערים) און אראבער האט דיעזע דריי-טויזענד-יעהריגע שטיינערנע עגיפטישע געטין א זעהר שלעכטען נאמען. מען דערצעהלט וועגען איהר, אז ביינאכט געהט זיא ארויס פון איהר טעמפעל און פרעסט מענשען.

שפעט ביינאכט האבען זיך אונזערע רייזענדע אומגעקעהרט אהיים, וואו עס האבען אויף זיי געוואַרט מיט אונגעדולד ניק שארפ און סולימא. זיי איז געלונגען צו דערגעהן זעהר וויכטיגע נייעס, וועלכע זיי האבען זיך געאיילט מיטצוטהיילען לארד הארלינגטאן. סולימא האט זיך אנגעשטויסען אויף אן אראבער און פון איהם האט זיא זיך דערוואוסט, אז דיא אראבער פון איהר שבט האלטען געפאנגען אן אמעריקאנער מיט א מיידעל. לויט דער בעשרייבונג, זיינען דאס געווען סטיווענס און עלען.

זיא האט אויך גע'פועל'ט ביים אראבער, ער זאל זיין זייער וועגווייזער און זאל זיי באלד פיהרען צו סולימא'ס פאטער דעם שייך (א הויפטלינג פון אן אראבישען שבט), ווייל אפילו סולימא האט ניט געוואוסט דעם וועג אין דער מדבר.

דיעזע נייעס האט אזוי געווירקט אויף הארלינגטאן'ען, אז ער איז שיער ניט אראב פון זינען פאר פרייד.

— אלזא, עלען לעבט נאך! עלען קען מען נאך רעטען! — האט ער גע-שריען אויסער זיך — קומט, קומט! מיר לאזען זיך שוין אין וועג.

אין א שטונדע ארום זיינען זיי שוין ווידער געווען אין דער וויסטע, בעגלייטעט פון דעם אראבער.

עזלען און קעמלען פאר דער רייזע האבען זיי שוין געהאט אנגעגרייט פון פריהער.

21טעם קאפיטעל.

פערפלוכטע ליעבע

ווייט אוןברייט האט זיך צעוואָרפען דער אונענדליכער ים פון זאמד, אויף וועלכען, דיא אויפגעהענדע זון האט געוואָרפען איהרע שטראהלען פון הינטער א ריעזיגער פיראמידע.

אלעס ארום איז געווען טויט און שטום. אין ערגיץ האט מען ניט געזעהן קיין בעוועגונג. דאס גרויזאמע שטילשווייגען פון דער מדבר איז אפילו ניט געשטערט געוואָרען פון דריי פערד, וועלכע האבען אויף זיך געטראָגען פינף רייטער. דיא מדבר־זאמד שלינגט איין יעדען גערויש און דאס גאלאפירען פון דיא פערד רופט ניט ארוים קיין שום קלאנג.

דיא רייטער זיינען אונזערע בעקאנטע. דאס זיינען דיא דריי אראבער, וועלכע האבען געהאלפען סטיוועגס'ען אוועקרויבען עלען, סטיוועגס אליין און עלען. סטיוועגס איז געזעסען מיט איין אראבער אויף זיין פערד, א צווייטער אראבער האט געהאלטען עלען.

— איז זיא נאך אלץ בעוואוסטלאז? — פרעגט אלע מאל סטיוועגס אונ־רוהיג.

און ווען ער הערט, אז זיא האט נאך ניט ערוואכט, פרעגט ער נאך אונרוהיגער:

— אבער לעבט זיא?

— זיא לעבט! זיא לעבט! — פערזיכערט איהם דער אראבער אין א געבראָכענעם ענגליש, און זיי יאגען זיך ווייטער אין דער מדבר.

אבוואהל זיי ווייסען, אז זייערע פערפאלגער קענען זיי ניט דעריאגען, ווייל זיי האבען ניט קיין פערד און אום צו קריעגען פערד, דארפען זיי זיך ערשט אומקעהרען אין קאאירא און אויף אזא אופן פערלירען שעהנע עטליכע שטונדען צייט, דאך ערלויבען זיי זיך ניט זיך אבצושטעלען, אזוי לאנג וויא דיא זון האט נאך ניט צוגליהט דיא זאמד און האט נאך ניט געמאכט אונמעגליך דיא רייזע.

זיי פאהרען שוין א פאר שטונדען און עלען ליעגט נאך אלץ בעוואוסטלאז.

ערשט ווען דיא זון איז שוין געווען גאנץ הויך און דיא פערד זיינען גע־וואָרען אזוי מיעד, אז זיי האבען קוים געשלעפט דיא פיס, האבען דיא וואנ־דערער בעשלאָסען צו זוכען ערגיץ א בעהעלטעניש. קיין וואהנונגען זיינען ארום ניט געווען. מען האט אויך אין ערגיץ ניט געזעהן קיין אנדער זאך אויסער זאמד און זאמד. בלויז איין זאך האט דא עקזיסטירט אין דער מדבר און דאס זיינען געווען קברים־שטיבלעך אין וועלכע דיא קאאירא'ער אראבער

בעגראָבען זייערע טויטע. ווייסינקע, רייניקע, זיינען זיי געשטאַנען שטיל און טויט אין דיזער טויטער מדבר. אַ גאַנצע שטאָדט האָבען פאַרגעשטעלט דיזע טויטען־הייזלעך — אַ טויטע שטאָדט אין אַ טויטער מדבר.

דאָ האָבען סטיווענס'עס אראַבער בעשלאָסען זיך אָבצורוהען. שפּייז און וואַסער פאַר זיך און פאַר דיא פערד זיינען זיי געווען פּאָרזיכטיג גענוג מיטצונעהמען אויף אַ פּאָר טעג, און עס האָט זיי בלויז געפעהלט רוה און אַ בעהעלטעניש פון דער גליהענדער זון.

מען האָט פּאָרזיכטיג אריינגעטראָגען עלען אין אַ טויטען־שטיבעל און סטיווענס האָט בעפוילען דיא אראַבער איהם צו לאָזען אליין מיט דער גע־פאַנגענער.

ער האָט בעטראַכט זיין שטיעף־טאָכטער מיט ברענענדע ליידענשאַפט־ליכע אויגען, דאָס בלוט האָט אין איהם געקאָכט און געזאָטען און יעדער אבר האָט איהם געציטערט. ער האָט פערגעסען, אַז זיא ליעגט שוין עטליכע שטונדען אַ גע'חלש'טע און האָט גאָר ניט געטראַכט וועגען דעם, אַז מען מוז זיא אויפמונטערען. ער האָט בלויז אין זינען געהאַט זיין טהיערישע ליי־דענשאַפט.

איהר הילפלאָזיגקייט האָט איהם געריצט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך אַלס גאָר יונג מיידעל האָט ער זיא אַמאָל געזעהן אַ האַלב נאַקעטע און איהר פּראַכטפאָלער קערפּער האָט איהם דאַן פּשוט פער'שכור'ט. ער האָט זיך איצטער ניט געקענט אָבזאָגען פון דעם פערגניגען, צו זעהן דיזען קערפּער אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט און מיט ציטערנדע פינגער האָט ער שנעל גענומען רייסען פון איהר דיא קליידער. דערביי איז ער געווען אַזוי גראָב און אומ־געלומפּערט, אַז זיינע בעוועגונגען אַליין האָבען דיא פער'חלש'טע אָנגעהויבען ברייגנען צו זיך.

עלען האָט גענומען ערוואַכען, אָבער זיא האָט נאָך אַלץ ניט געקענט קו־מען צום בעוואוסטזיין.

עפּעס האָט זיא געפיהלט, וויא מען שטויסט און מען וואַרפט זיא און וויא פרעמדע, גראָבע הענד וואַרפען זיך אַרום מיט איהר. זיא האָט געוואָלט זיך אויפהויבען און האָט ניט געקענט; זיא האָט געוואָלט אַ געשריי טהאָן און דאָס איז איהר פּונקט אַזוי ווענינ געלונגען.

איהר האָט געשיינט, אַז זיא ראַנגעלט זיך מיט'ן טויט און מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג האָט זיא געעפענט דיא אויגען.

אין אָנפאַנג האָט זיא קיין זאַך ניט בעגריפען. ביסלעכווייז אָבער האָט איין געפיהל נאָך'ן אַנדערען אויפגעוואַכט אין איהר און איין גליעד נאָך'ן צווייטען איז צוריקגערופען געוואָרען צום לעבען.

צום אַלעם ערשטען האָט זיא בעגריפען, אַז אימעצענס ליפען האָבען זיך

איינגעזויגען אין איהרע. זיא האט זיך איינגעקוקט: נעבען איהר איז געשטאנען אויף דיא קניע א מאן. זיא איז צוטומעלט געווארען. זיא האט לייכט א פיהר געטהאן מיט דער האנד און האט דערפיהלט, אז זיא איז האלבנאקעט.

זיא האט מיט איין מאל ערוואכט און מיט איין מאל האבען זיך צו איהר צוריקגעקעהרט איהרע קרעפטען. זיא האט דעם מאן א שטויס געטהאן אזוי, אז ער איז פערפלויגען אין צווייטען ענד פון צימער; וויא א צורייצטע טיגערין איז זיא אויפגעשפרונגען און גענומען ברייגנען אין ארדנונג איהרע קליידער.

זיא האט זיך ווילד ארומגעקוקט.

— גאט מיינער, וואו בין איך? — האט זיך ביי איהר ניט־ווילענדיג ארויסגעריסען א קרעכץ.

זיא האט אבער קיין צייט ניט געהאט פיעל צו טראכטען וועגען אן ענטפער אויף דיעזער פראגע. איהר געדאנק האט פיבעריש־שנעל געארבייט און זיא האט כמעט אינסטינקטיוו פערשטאנען, אז איידער וואס־ווען מוז זיא זוכען עטוואס מיט וואס זיך צו פערטהיידיגען.

זיא האט שנעל ארומגעקוקט דאס גאנצע צימער — עס איז געוועז לעדיג.

דערוויל איז סטיוועגס געקומען צו זיך און האט זיך אויפגעהויבען.

— איהר?! — האט עלען אויסגעשריען און פאר איבערראשונג האט זיא דערפיהלט, אז דיא כחות פערלאזען זיא ווידער.

זיא האט מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג בעהערשט איהר שוואכקייט און איז געוועזען גרייט אויף דאס ערגסטע. זיא האט זיך מיט איין מאל אן אלעס דערמאהנט: וויא מען האט זיא געפאנגען און מען האט זיא געוואלט פערטויבען; וויא זיא האט זיך פערשטעלט פאר א פער'חלש'טער; וויא זיא האט געהערט סטיוועגס'עס שטימע צוזאמען מיט דיא שטימען פון דיא איבריגע באנדיטען; וויא מען האט זיא ארויפגעלעגט אויף'ן טראג־בעטעל און וויא מען האט איהר פערבונדען דאס מויל און אויף אזא אופן געטריבט ביי איהר דיא לעצטע האפנונג זיך צו ראטעווען.

ווייטער האט זיא גאר ניט געדענקט. זיא האט שוין אבער פערשטאנען איהר לאגע און פיעלע געהיימניסע זיינען פאר איהר ערקלערט געווארען. יא, דאס האט סטיוועגס געפלאנעוועט זיא אומצובריינגען. דאס האט ער מיט זיינע העלפער געמאכט אויף איהר דעם ערשטען איבערפאל אין קאנסטאנטינאפאל און אויך דעם איצטיגען אין קאירא.

א ווילדער כעס האט זיך אנגעצונדען אין עלען'ס ברוסט אויף דעם לומפ וואס האט פערזונגליקט איהר פאטער, איהר מוטער און זיא. זיא האט בעגריי־

פען, אז דער לומפ האט ניט נור געוואלט זיא אומברייננגען און זיא ירשנ׳ען, נאר אויך זיא שענדען.

אה, ווען זיא וואלט געהאט עפעס א וואפע אין דיא הענד און וואלט ניט געווען אזוי שוואך!

דיעזע גערדאנקען זיינען וויא א שטורם דורכגעפלויגען אין עלען׳ס מוח אין דער סעקונדע, ווען זיא האט בעמערקט סטיוועגס׳ען און ביי איהר האט זיך ארויסגעריסען דער געשריי:

— איהר? !

אויף דיעזער פראגע האט סטיוועגס געענטפערט מיט א רוהיגען שמייכעל. ער איז אזוי זיכער געווען אין זיין מאכט איבער דער אונגליקליכער, אז ער האט זיך געקענט פערגינען צו זיין רוהיג און אננעהמען דיא ראלע פון א קאץ וואס שפיעלט זיך מיט א מויז.

— וויא עס ווייזט אוים — האט ער געזאגט — האסטו מיך דא ניט ערווארטעט? אבער, דוא ווייסט דאך, אלע גוטע זאכען קומען אונערווארטעטערהייד. דערפאר קענען מיר זיך איצטער אנזעטיגען איינער מיט׳ן צווייטען וויפיעל אונזערע הערצער ווען גלוסטען. מיר זיינען דא גענצליך אליין, ארומגערינגעלט אויף מיילען ווייט פון דער מדבר. ביזטו צופריעדען?

עלען האט ניט געענטפערט. זיא האט מיט אנגסט און פיבעריש־שנעל אנגעווארפען איין פלאן נאך׳ן צווייטען, וויא זיך ארויסצורייסען פון דער פערצווייפעלטער לאגע און קיינער פון דיעזע פלענער איז ניט געווען דורכפיהרבאר.

סטיוועגס האט זיך דערווייל ווייטער געוויצעלט:

— איך האב דיר געבראכט א גרוס פון דער מאמען. דיא אלטע האט נעבאך דיא אויגען שוין אויסגעוויינט זינט דעם טעכטערעל איז ניט געפעהלען געווארען דער מאמע׳ס שדוך און זיא איז אנטלאפען. און איך אליין האב אויך געבענקט. און באמת, וויא בענקט מען ניט נאך אזא שטיעף־טאכטער? שעהן, קלוג, בליהט וויא א רויז, ממש נעהם און פערליעב זיך.

ערמוטהיגט דורך עלען׳ס שווייגען איז ער צוגעטראטען נעהענטער צו איהר און האט זיא געוואלט ארומנעהמען. א קאלטער שוידער איז דורכגעלאפען דורך עלען׳ס גאנצען קערפער. דער געדאנק, אז דיעזער לומפ און דערצו נאך איהר מוטער׳ס מאן קוקט אויף איהר מיט ליידענשאפט, האט זיא געווארפען אין היץ און אין קעלט.

זיא איז אבגעשפרונגען און האט מיט א דראהענדער שטימע געזאגט:

— אויב איהר וועט וואגען זיך צוצוריהרען צו מיר...

זיא האט ניט געענדיגט, אבער דער אויסדרוק פון איהר געזיכט האט געזאגט מעהר וויפיעל איהר צונג וואלט געקענט אויסדריקען. סטיוועגס האט

גוט געקענט איהר ענטשלאָסענעם כאַראַקטער און ער האָט פון איהר איצטיגער מיענע פערשטאַנען, אַז איהם שטעהט פאָר אַ קאַמפּף אויף טויט און אויף לעבען. ער האָט דעריבער געענדערט דעם וויציגען טאָן און האָט גענומען ריידען ערנסט, האַלב מיט געבעט, האַלב דראָהענד.

— עלען — האָט ער געזאָגט — אויף דיין לעבען האָסטו אָבגעטהאָן גענוג משוגעת'ען. עס איז שוין צייט, אַז דוא זאָלסט קומען צום שכל. פערשטעה דיין לאַגע. מיר זיינען אין דער מדבר. דיינע געשרייען וועט דאָ קיינער ניט הערען און צו הילף וועט דיר קיינער ניט קומען. דוא ביזט אין גאַנצען אין מיינע הענד. איך קען הייסען מיינע אַראַבער און זיי וועלען דיך בינדען וויא אַ שאָף און אַ געבונדענע דיך איבערגעבען אין מיינע הענד, איך זאָל מיט דיר טהאָן, וואָס איך וויל. איך וויל אָבער ניט געברויכען קיין גוואַלט, ווייל איך ליעב דיך, עלען! איך האָב דיך געליעבט, ווען דוא ביזט נאָך געווען כמעט אַ קינד און מיין ליעבע איז זייט דאַן אויף אַ האָר ניט פערקלענערט געוואָרען. איך בין נאָך ניט גענוג אַלט, דוא זאָלסט מיר ניט קענען ענטפּערען מיט ליעבע.

וויא שלעכט עלען האָט ניט געדענקט פון סטיווענס'ען, האָבען דאָך זיינע איצטיגע רייד איהר געקלונגען אַזוי ווילד, אַזוי אונגלויבליך, אַז זיא האָט זיך פערלאָרען.

— גאָט מיינער! — האָט זיא בלויז געקענט אַרויסשעפּטשען — איהר... מיין שטיעף־פאָטער... מיין מוטער'ס מאַן.

סטיווענס האָט זיך פערקרימט.

— איך האָב קיין מאָל דיין מוטער ניט געליעבט — האָט ער געזאָגט — דיך האָב איך געליעבט...

ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו ענדיגען, ווייל אין דער מינוט האָבען אויף זיינע באַקען אָבגעקלונגען צוויי הילכיגע פּעטש. עלען, וועלכע איז ביז איצט געווען וויא פערטויבט, איז מיט איין מאָל בעהערשט געוואָרען פון שטורמדיגע געפיהלען פון שאַנדע, בעליידיגונג און ראַכע. וויא אַ טיגערין האָט זיא זיך אַרויפגעוואָרפען אויף סטיווענס'ען, וועלכער האָט דעם איבערפאַל ניט ערוואַרטעט.

זיא האָט איהם געשלאָגען, געריסען און געביסען און מיט יעדען קלאַפּ און מיט יעדען ריס איז איהר כעס אַלץ מעהר און מעהר געוואַקסען. סטיווענס האָט זיך פערלאָרען, דאָך האָט ער געקעמפפט געגען איהר מיט אַלע כחות. ער איז געווען פיעל שטאַרקער פון איהר און עס זיינען ניט פאַראיבער קיין פינף מינוטען וויא ער האָט זיא בייגעקומען. עלען האָט געפיהלט, אַז איהרע כחות זיינען צו ענדע און אַז זיא איז נאָהענט צו חלשות.

אַ האַלב־פער'חלש'טע האָט זיא געהערט סטיווענס'עס טייפעלשען גע־

לעכטער און זיא האט געפיהלט, וויא ער דריקט זיא צו זיין ברוסט אלץ קרעפ־טיגער און ליידענשאפטליכער.

פאר איהרע אויגען האבען געגומען פליהען דיא בילדער פון איהר פאטער, פון איהר מוטער און פון הארלינגטאן׳ען.

זיא האט געוואוסט, אז דער לומפ קלייבט זיך זיא צו שענדען און זיא האט קלאר פערשטאנען, אז נאך דיעזער שענדליכער פערגוואלדיגונג וועט איהר בלייבען צו טהאן איין זאך: בעגעהן זעלבסטמארד. זיא האט ווייטער פער־שטאנען, אז זיא מוז זיך אנשטרענגען און צו דער שאנדע ניט דערלאזען, אדער, אם וועניגסטען, אז דער זעלבסטמארד מוז קומען פאר דער שענדונג, ניט נאך איהר. זיא האט דאס אלעס פערשטאנען, אבער זיא איז געווען וויא פא־ראליזירט און האט מיט קיין אבר ניט געקענט א ריהר טהאן.

אבער אין דער מינוט, ווען דיא געפאהר איז שוין געווען אזוי נאהענט, איז עלען אונערווארטעט גערעטעט געווארען.

עס איז ארייגגעלאפען אן אראבער און האט אין שרעק געמעלדעט, אז א גרופע רייטער קומט אן פון קאאירא און אז מען מוז באלד אנטלויפען.

מיט א פלוך האט סטיוועגס א שליידער געטהאן פון זיך עלען, האט בע־פוילען דעם אראבער זיא ארויסצוגעהמען און זיא ארויפזועצען אויף׳ן פערד און אליין איז ער ארוים אין דרויסען. יא, פון ווייטענס האט זיך געזעהן א גרופע רייטער און מען האט קיין צייט ניט געהאט צו בעטראכטען, אויב דאס זיינען פריינד אדער פיינד. שנעל האט מען זיך אויפגעזעצט אויף דיא מיעדע פערד און מען איז געפאהרען ווייטער.

עלען האט זיך געריסען ביי דיא אראבער און האט געוואלט אנטלויפען, איה־רע הענד זיינען אבער געווען פעסט געבונדען און קרעפטיגע הענד האבען זיא שטארק צוגעהאלטען.

דיא רייטער, פאר וועלכע סטיוועגס און זיינע אראבער האבען זיך דער־שראקען, זיינען ניט געווען הארלינגטאן און זיינע פריינד. דאס זיינען געווען אראבער; ארויסגעצייגט האט זיך אבער, אז זיי זיינען פאר סטיוועגס׳ען און זיינע מיטהעלפער געווען ניט וועניגער געפעהרליך וויא הארלינגטאן.

22טעם קאפיטעל.

ווידער צווישען אייגענע

ביים אסטליכען ברעג פון דעם טייך ניל (נילוס), ניט ווייט פון דעם ארט, וואו עס זיינען אמאל געווען דיא בעריהמטע ניל־וואסערפאלען און וואו דער טייך לויפט איצטער רוהיג און מאיעסטעטיש צוליעב דעם וואס מען האט

דאָס וואַסער אָבגעפיהרט אָן אַ זייט; דאָרט, וואו עס שטעהט איינער פון דיא בעריהמטעסטע אַלטע עגיפּטישע טעמפּלען, וועלכער איז אַמאָל געווען פערשאָטען מיט זאמד און איז נאָכדעם אויסגעגראָבען געוואָרען, אום העכער העלפט פערטרונקען צו ווערען פון וואַסער, אַזוי אַז דיא רייזענדע פאָהרען אין איהם אַריין אין שיפלעך — אויף דיזען וואונדערבארען היסטאָרישען פּלאַץ האָט זיך אָבגעשטעלט אַ מיעדער אַראַבער, אום צו געבען רוה זיין אויסגעמאַטערטען פערד און אליין אויך געניסען אַביסעל רוה.

ער האָט אָבער נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו געניסען פון זיין מאָגערען אָנבייסען, וועלכער איז בעשטאַנען פון עטליכע טייטלען, וויא פון דער ווייטענס האָבען זיך בעוויזען עטליכע רייטער.

אַן אַראַבער אין דער מדבר איז זעהר פאָרזיכטיג, ווייל יעדע מינוט קען ער ערוואַרטען אַ פיינדליכען איבערפאַל פון דיא וואַנדערענדע שבטים אָדער, וויא מען רופט זיי געוועהנליך, בעדואינען, וועמעס הויפּט־בעשעפטיגונג איז רויבעריי. אפילו איצטער, ווען ענגלאַנד הערשט איבער עגיפּטען מיט אַן אייזערנער האַנד, איז מען אָפט ניט זיכער אין דער מדבר פון רויבערישע איבערפאַלען; אין דיא פריהעריגע צייטען איז דיא געפאַהר געווען נאָך גרעסער.

דיא רייזע אין דער מדבר איז פאַו אַן אַראַבער פריהער און אויך איצטע געפעהרליך צוליעב דער שטענדיגער פיינדשאַפט צווישען דיא פערשיעדענע שבטים.

דיא בלוט־ראַכע איז ביי דיא אַראַבער אויך איצטער פּונקט אַזוי איינגעוואָרצעלט וויא מיט טויזענדע יאָהרען צוריק און דער מנהג פון בלוט־ראַכע פאָדערט, אַז ווען אַן אַראַבער ווערט ערמאָרדעט, מוזען זיינע קרובים אָדער זיין שבט נעהמען ראַכע און ערמאָרדען דעם מערדער. דער מערדער האָט אָבער אויך קרובים און זיי, פון זייער זייט, זיינען אויך מחויב צו נעהמען ראַכע, און אויף אַזאַ אופן ענדיגט זיך קיין מאָל ניט דיא רייהע פון מאָרדען און דיא אייביגע בלוטפערגיסונגען צווישען דיא פיינדליכע שבטים ציהען זיך אָפט אַזוי לאַנג ביז דער שוואַכערער שבט ווערט אָבגעווישט פון דער ערד.

עס איז כמעט זיכער, אַז יעדער אַראַבער האָט שונאים פון אַן אַנדער שבט און יעדער אַראַבער האָט דעריבער געגונג אורזאַכען מורא צו האָבען פאַר אַ בעגעגעניש אין דער מדבר.

עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס דער אַראַבער, וועלכער האָט זיך נור־וואָס אָבגעשטעלט ביים ברעג פון ניל זיך אָבצורוהען, איז געוואָרען אונרוהיג, ווען ער האָט דערזעהן פון דער ווייטענס דיא רייטער. ער האָט אויפגעהויבען דיא האַנד צו דיא אויגען, אום זיי צו בעשיצען פון דער בלענדענדער זון, און האָט זיך גענומען איינקוקען. זיין מורא איז געווען אַ גוט־בעגרינדעטע. לויט דיא טורבאַנען (דיא טיכער וואָס דיא מחמדאַנער טראָגען

אויף דיא קעפּ), האָט ער דערקענט, אַז דאָס זיינען מיטגליעדער פון אַ שבט, מיט וועלכען זיין שבט איז אין אייביגער קריעג.

זיין ערשטער געדאַנק איז געווען זיך צו בעהאַלטען, אָבער אין דער מינוט האָבען דיא רייטער איהם אויך בעמערקט און, וויא עס האָט געשיינט, האָבען זיי, לויט זיין טורבאַן, אויך דערקענט, אַז זיי האָבען צו טהאָן מיט אַ שונא, ווייל זיי האָבען זיך וויא פייל פון בויגען אַ לאָז געטהאָן צו איהם אויף זייערע פלינקע פערד.

דער איינזאַמער אַראַבער האָט געזעהן, אַז זיין איינציגע רעטונג איז אין אַנטלויפען. ער איז אַרויף אויף זיין מיעדען פערד און איהם אָנגעהויבען טרייבען מיט אַלע כחות. פון הינטען האָט מען אויף איהם געשאָסען. קיינע פון דיא קוילען האָט איהם ניט געטראָפען, אָבער דיא שטרעקע צווישען איהם און זיינע פערפאָלגער איז געוואָרען אַלץ קלענער און קלענער. דיא לאַגע איז געוועזן אַ פערצווייפעלטע.

פלוצלונג האָט אַ קויל געטראָפען דעם פערפאָלגטען'ס פערד און דאָס פערד איז אַ פאַל געטהאָן צו דער ערד. דער פלינקער רייטער האָט אָבער געהאַט צייט פריהער אַראָבצושפּרינגען און צופאַלענדיג צו דער ערד און בעשיצענדיג זיך הינטער דעם פערד'ס קערפּער האָט ער גענומען שיסען אויף זיינע פערפאָלגער און פערוואונדעט צוויי פון זייערע.

דיא פערפאָלגער האָבען זיך אַביסעל צוריקגעצויגען און מיט דיעזער צייט האָט זיך דער פערפאָלגטער בענוצט, אום נאָך אַמאָל אָנצולאָדען זיין ביקס.

ער האָט פערשטאַנען, אַז דער קאַמפּף איז אַ פערלאָרענער, אַז ער מוז פאַלען אין דעם אונגלייכען קאַמפּף; אַזוי וויא אָבער ער איז געווען זיכער, אַז קיין גנאַדע פון זיינע שונאים קען ער ניט ערוואַרטען, האָט ער אָם וועניגסטען בעשלאָסען טהייער צו פערקויפען זיין לעבען.

ער איז געלעגען הינטער'ן פערד און געוואַרט אויף אַ נייעם איבערפאַל. צו זיין גרויסער איבערראַשונג האָט ער דערזעהן, אַז זיינע שונאים נעהמען זיך אונרוהיג אַרומקוקען און פלוצלונג נעהמען זיי וויא אונטערגעשאָסענע אַנטלויפען.

— איז עס מעגליך — האָט דער געראַטעטער אַראַבער אַ מורמעל געטהאָן צו זיך אַליין — איז עס מעגליך, אַז מיטגליעדער פון מיין שבט, בען־זאַאיפס זיינען מיר געקומען צו הילף? אָבער דאָס איז אונמעגליך. אין דיעזער געגענד זיינען איצטער, אויף וויפיעל איך וויים, קיינע בען־זאַאיפס ניטאָ.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און זיך גענומען איינקוקען אין דער ווייטקייט, וואו ער האָט בעמערקט אַ נייע גרופּע רייטער. זיין שאַרף אויג האָט באַלד דערזעהן, אַז דאָס זיינען ניט קיין אַראַבער, נאָר אייראָפּעער.

פאַר אײראָפּעער האָט ער שױן קײן מורא ניט געהאַט און האָט גענומען געהן אַנטקעגען זײ.

די אָנקומענדע זײנען געװען לאָרד האַרלינגטאָן און זײנע בעגלײטער.

— װאָס פאַר אַ שװאַרץ יאָהר! — האָט אױסגעשריען הענדריקס — אַלע אַראַבער, אױף װעלכע מיר שטױסען זיך אָן אין דער מדבר, צולױפען זיך אַזױ שנעל, װיא זײ דערזעהן אונז.

— דאָס איז דערפאַר — האָט געענטפערט װיליאַמס — װאָס איהר האָט זיך פערלאָזט באַנקענבאַרדען און זעהט אױס װיא אַ פיהרער פון אַ רױבער־באַנדע. איך האָב מורא, אז מיסס פּעטערסאָן װעט אױך פון אונז אַנטלױפען װאו דער שװאַרצער פּעפער װאַקסט, װיא זיא װעט אײך נור דערזעהן מיט אײערע באַקענבאַרדען.

— נו, יענער אָרימער טײפעל מעג גומל בענשען, װאָס מיר זײנען אָנגעקור־מען — האָט זיך אָנגערופען לאָרד הײסטינגס, אָנצײגענדיג אױף דעם אַראַבער, װעלכער האָט זיך דערנעהענטערט צו זײ.

— דאָס איז אַ בען־זאַאיף — האָט פּלוצלונג געזאָגט דער אַראַבער, װאָס איז געװען זײער װעגװײזער, נאָכדעם װיא ער האָט זיך אײנגעקוקט אין זײן לאַנדסמאַן.

בײ דיזע װערטער איז סולימאַ אױפגעשפּרונגען אױף איהר קעמעל. די בען־זאַאיפס — דאָס איז געװען איהר שבט. מיט זשערנע אױגען האָט זיא גענומען קוקען אין דער װײטקײט. אין אײן מינוט איז זיא בלאַס געװאָרען װיא דער טױט.

— װאָס איז מיט דיר, סולימאַ? — האָט מיסס טהאָמפּסאָן געפרעגט.

סולימאַ האָט די פראַגע שױן ניט געהערט. זיא איז אַראָבגעשפּרונגען פון דעם קעמעל און װיא אַ פײל פון בױגען האָט זיא גענומען לױפען צום אָנ־קומענדען אַראַבער.

— סאַלים! — האָט זיא אױסגעשריען ניט מיט איהר קול.

— סולימאַ! — איז געקומען אַלס ענטפער.

אין אַ מינוט אַרום זײנען זײ זיך געלעגען אין די אָרעמס. סאַלים איז געװען סולימאַ'ס ברודער. שװעסטער און ברודער האָבען זיך געפונען נאָך אַ שײדונג פון אײניגע מאָנאַטען, אין פערלױף פון װעלכע סולימאַ'ס פאַמיליע האָט גאָר ניט געהערט פון דער פערלאָרענער, װעלכע אַ פײנדליכער שבט האָט געראױבט און פערקױפט צו די פרױען־הענדלער.

די בעגעגעניש פון שװעסטער און ברודער איז געװען אַזױ ריהרענד, אַז טרעהרען האָבען זיך ניט־װילענדיג בעװיזען אין אַלעמענס אױגען.

װען סולימאַ און איהר ברודער האָבען זיך ענדליך בערוהיגט, האָט לאָרד

האַרלינגטאָן גענומען אויספרעגען סאַלים׳ען וועגען עלען און דער אַראַבער האָט דערצעהלט פאָלגענדעס:

ווען סולימאַ איז צוריק מיט א פּאָר מאָנאט פערשוואונדען, האָט עס אַרויסגערופען א געוואלדיגען טומעל ביי דעם גאַנצען בען־זאַאיף־שבט, ווייל סולימאַ איז געווען דיא איינציגע טאָכטער פון דעם אַלגעמיין־בעליעבטען שייך (עלטסטען, הויפּטלינג פון אַן אַראַבישען שבט) און ווייל מען האָט געוואוסט, אַז דאָס איז דיא אַרבייט פון דעם הויפּטלינג פון א פיינדליכען שבט, מיט וועלכען דיא בען־זאַאיפס זיינען געווען אין קריעג שוין זייט עטליכע דורות. מען האָט אָבער ניט געהאַט קיין דירעקטע בעווייזע, אַז יענער שבט האָט גערויבט סולי־מאַ׳ן און דעריבער האָבען קיין אָפענע פיינדליכקייטען ניט אויסגעבראָכען, נאָר אונדירעקטע בעווייזע זיינען יאָ געווען און דעריבער האָט זיך דיא פיינדשאַפט צווישעןביידע שבטים נאָך מעהר פערשטאַרקט.

דער שייך, סולימאַ׳ס פאָטער, האָט אַרויסגעשיקט עטליכע אַראַבער אין פערשיעדענע ריכטונגען נאָכצופאָרשען וועגען דער פערשוואונדענער און נעה־מען ראַכע פון יעדען בען־אואיטים (אַזוי האָבען זיך גערופען דיא פיינד פון דעם שבט בען־זאַאיף), וועלכער וועט אַריינפאַלען אין זייערע הענד.

אַלע אַרויסגעשיקטע אַראַבער האָבען זיך אין א פּאָר וואָכען אַרום צו־ריקגעקעהרט און האָבען געמעלדעט, אַז זיי האָבען סולימאַ׳ן ניט געקענט געפי־נען. בלויז יענע שליחים וואָס האָבען דערגרייכט דיא שטאָדט אַלעקסאַנדריע, האָבען געהערט, אַז אַן אַראַביש מיידעל איז פערקויפט געוואָרען צו שקלאַפען־הענדלער, וועלכע האָבען זיא אויף א שיף אוועקגעפיהרט — וואוהין, האָט קיי־נער ניט געוואוסט.

דיא האָפנונג צוריק צו קריגען סולימאַ׳ן איז איצטער אין גאַנצען פער־שוואונדען און דער שבט בען־זאַאיפס האָט זיך גענומען אויף זיין שטייגער דורך מאָרדען און רויבען זיך אָבצורעכענען מיט זייערע שונאים פאַר איהר פערשווינדונג. אויב איינער אָדער עטליכע פון איינעם פון דיעזע ביידע שבטים — בען־זאַאיפס און בען־אואיטים — האָבען זיך דערוווייטערט אין דער מדבר, זיינען זיי געווען זיכער בעפאַלען צו ווערען פון זייערע שונאים.

צוריק מיט א פּאָר וואָכען — האָט סאַלים ווייטער דערצעהלט — האָבען דיא בען־אואיטים וויעדער גערויבט א פּאָר פרויען פון דיא בען־זאַאיפס און האָבען זיי אַוועקגעפיהרט נאָך קאַאירא. עטליכע בען־זאַאיפס האָבען זיך א לאָז געטהאָן נאָך זיי, האָבען זיי אָבער ניט געקענט דעריאָגען. צוריקקעהרענדיג זיך, האָבען זיי זיך אָנגעשטויסען אויף דריי פון דיא בען־אואיטים, וועלכע האָבען בעגלייט אַן אַמעריקאַנער און א יונגע פרוי. אין קאַמפּף זיינען דיא דריי אַראַבער דער־שאָסען געוואָרען און דער אַמעריקאַנער איז שווער פערוואונדעט געוואָרען. דיא פרוי האָט זיך גערעטעט און אַזוי וויא זיא האָט געהערט, אַז זיא האָט צו

טהאן מיט בען־זאאיפס, האט זיא זיי דערצעהלט, אז זיא האט בעפרייט סולימא'ן און זיא קען אנצייגען, וואו זיא איז, אויב מען זאל זיא ברייגנען צוריק נאך קאאירא.

דיא בען־זאאיפס האבען דער אמעריקאנערין, דאס הייסט, עלען ניט גע־גלויבט. זיי האבען גערעכענט, אז דאס וויל זיא זיי אריינגנארען אין א פאסטקע און זיי האבען בעשלאסען זיא צו ברייגנען צום שייך און זאל ער אליין בעשליסען וואס צו טהאן. דער שייך האט עלען פערהאלטען און האט זיא בעהאנדעלט וויא דעם שעהנסטען גאסט און אין דערזעלבער צייט האט ער ארויסגעשיקט זיין זוהן סאלים'ען, ער זאל פאהרען נאך קאאירא און אויף עלען'ס אנצייגען אויסגעפינען סולימא'ן.

סאלים האט קיין בעגלייטער ניט מיטגענומען אויף דער רייזע נאך קאאירא, ווייל ער האט גערעכענט, אז איהם אליין וועט לייכטער זיין אויסצומיידען דיא פיינד, וויא ווען זיי וועלען פאהרען א גאנצע קאמפאניע. ער האט זיך ארויס־געלאזט אין וועג און שוין אין א פאר שטונדען ארום האט ער זיך אנגעשטויסען אויף זיינע שונאים, פון וועלכע סולימא'ס נייע פריינד האבען איהם גערעטעט.

— אבער וואס הערט זיך מיט דער אמעריקאנערין? — האבען אלע אונ־געדולדיג געפרעגט, ווען סאלים האט געענדיגט זיין ערצעהלונג.

— איהר קענט זיין זיכער, אז איהר וועט ביי אונז גאר ניט פעהלען און אז אלע פערהאלטען זיך צו איהר מיט'ן גרעסטען רעספעקט — האט סאלים פער־זיכערט — זיא געפינט זיך אונטער דעם פערזענליכען שוץ פון מיין פאטער דעם שייך.

— האט זיא אונז געהייסען עפעס איבערגעבען? — האט הארלינגטאן געפרעגט.

— זיא האט מיר בלויז געזאגט, אז איך זאל אייך בערוהיגען און אייך זאגען, אז זיא געפינט זיך אין זיכערהייט.

— האט זיא קיין בריוועל ניט מיטגעגעבען?

— ניין — האט געזאגט סאלים אין פערלעגענהייט — זיא האט געוואלט מיטגעבען א בריוועל, אבער איך האב ניט געוואלט נעהמען, ווייל מיר האבען איהר אלץ ניט געגלויבט און איך האב מורא געהאט, אז איך זאל דורך דעם בריוועל ניט אריינפאלען אין עפעס א צרה.

— האט איהר ניט געקענט דערקענען אן איהר נאבעלען געזיכט, אז זיא איז דיא עהרליכקייט אליין? — האט סולימא בעמערקט מיט א פארוואורף.

סאלים איז געקומען נאך אין א גרעסערער פערלעגענהייט און האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען.

— אבער זאל זיין גענוג וועגען דעם — האט אונגעדולדיג געזאגט האר־לינגטאן — וויא ווייט איז צו דעם פלאץ, וואו עלען געפינט זיך?

— אויף אַ גוטען פערד קען מען דאָרט זיין אין זעקס שטונדען צייט — האָט געענטפערט סאַלים — מיט די קעמלען וועט עס נעהמען ביי 15 שטונ־דען.

— אַלזאָ, נעהם פּלאַץ אויף אַ קעמעל און פיהר אונז — האָט בעפוילען האַרלינגטאָן.

דער צוג האָט זיך ווידער געריהרט אין וועג. סאַלים איז געזעסען נעבען סולימאַ׳ן און האָט איהר שטיל אין אַראַביש דערצעהלט פיעלע זאַכען פון דער היים. די ענגלענדער האָבען גערעדט וועגען עלען. וויא אַזוי זיא איז פערשוואונדען האָבען זיי שוין געוואוסט פון האָפּמאַן׳ען און ניק׳ען. אָבער וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט זינט מען האָט זיא אויסגעריסען פון האָפּמאַן׳ס הענד ביז די בען־זאַאיפס האָבען זיא בעפרייט, דאָס איז נאָך אַלץ געבליבען פאַר זיי אַ סוד, וועלכען סאַלים האָט ניט געקענט אויפקלערען.

דאַן איז זיי געווען אויפפאַלענד די געהיימניס וועגען סטיוועגס׳ען ווע־מענס נאָמען זיי האָבען געהערט און וועגען וועמען זיי האָבען קיין געגויערעס ניט געקענט דערגעהן, כאָטש זיי האָבען פערשטאַנען, אַז האַרלינגטאָן וויים יועגען איהם זעהר פיעל. די איינציגע, אויסער האַרלינגטאָן׳ען וואָס האָט געוואוסט דעם סוד איז געווען מיסס טהאָמפּסאָן.

זיי האָבען זיך ביסלעכווייז געגומען אָנשטויסען, אַז די איבערפאַלען אויף עלען זיינען ניט קיין צופאַל און זיינען ניט געמאַכט פון פּשוט׳ע רויבער, נאָר דאָ שטעקט אַ האַנד פון אַ מענשען וואָס האָט גאָר נאָהענטע פערבינדונגען מיט עלען און פיליכט גאָר פאַמיליען־פערבינדונגען.

דיעזע געדאַנקען האָט יעדער און יעדע פון האַרלינגטאָן׳ס מיטרייזענדע געהאַלטען אין זיך, אָבער גערעדט האָט מען נור וועגען דעם וואָס מען האָט געמעגט ריידען.

פריהר האָט מען גערעכענט זיך אָבצושטעלען אין אַ פּאָר שטונדען אַרום און געבען די עזלען און די קעמלען רוה; איצטער אָבער ווען מען האָט געוואוסט, אַז דער ציעל פון דער רייזע איז אַזוי נאָהענט, איז בעשלאָסען געוואָ־רען צו רייזען אָהן אַן אָבשטעל. מיט דיעזען בעשלוס זיינען געווען ניט איינ־פערשטאַנדען די עזלען און די קעמלען און ווען מען איז אָבגעפאָהרען אַ זעקס שטונדען צייט, האָבען זיי געגומען געהן אַלץ לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער. ניט־ווילענדיג האָט מען זיך געמוזט אָבשטעלען.

ערשט אויף׳ן צווייטען פריהמאָרגען האָבען זיך בעוויזען די געצעלטען פון דעם שבט בען־זאַאיפס און וויא נור מען האָט אין אַראַבישען לאַגער בע־מערקט די אָנקומענדע, זיינען פיעלע פון זיי אַרויס אַנטקעגען רייטענדיג און גוט בעוואַפענט, וויל צוליעב דעם ביטערען קריעג וואָס איז איצטער אָנגעגאַנ־

נען צווישען דיעזען שבט און זייערע שונאים, האבען זיי יעדע מינוט געקענט ערווארטען א פיינדליכען איבערפאל.

הארלינגטאן און סולימא האבען זיך מיט דיעזער געלעגענהייט בענוצט, אום פריהער פון דיא איבריגע אנצוקומען אין לאגער. זיי האבען איבער־געלאזט זייערע מיטרייזענדע אויף זייערע עזלען און קעמלען און אליין זיינען זיי אויף שנעלע פערד אין בעגלייטונג פון דיא אנגעקומענע אראבער אוועק וואס שנעלער צו אומארמען: הארלינגטאן — זיין געליעבטע און סולימא איהר אלטען פאטער.

דיא סצענע פון זייער בעגעגניש איז געוועזן אזא, אז זיא וואלט געקענט ריהרען א שטיין.

דער אלטער גרייז־גרויער שייך האט איינגעקלאמערט זיין טאכטער אזוי וויא ער וואלט מורא געהאט, אז אט נעהמט מען זיא ביי איהם ווידער צו; טרעהרען פון פרייד און פון איבערגעלעבטע צרות האבען זיך געגאסען איבער זיין אלטען געזיכט; זיינע ליפען האבען זיך בעוועגט, האבען געוואלט ארויס־ברייננען ווערטער פון גליק, אבער קיין קלאנג האט זיך ניט ארויסגעריסען פון זיין ברוסט.

ער האט זיך מיט געוואלד אבגעריסען פון זיין טאכטער און האט זיך אווארף געטהאן צו הארלינגטאן. ער האט איהם אויך אהן רייד אנגעקוקט מיט דאנקבארע בליקען און דאן איז ער פלוצלונג פערשוואונדען אין איינעם פון דיא געצעלטען.

הארלינגטאן האט איהם פערוואונדערט נאכגעקוקט, אבער דעם אלטען'ס האנדלונג איז איהם באלד קלאר געווארען, ווען יענער איז אין א פאר מינוטען ארום צוריק ערשיענען, פיהרענדיג פאר דער האנד עלען, פאר וועלכער דיא בעגעגניש איז אויך געוועזן אן אונערווארטעטע.

עלען האט אין אנפאנג ניט געגלויבט איהרע אייגענע אויגען, ווען זיא האט דערזעהן הארלינגטאן'ען, און איידער זיא האט נאך צייט געהאט זיך אבצוגעבען רעכענונג, אויב זיא זעהט איהם ניט אין חלום, איז זיא שוין גע־ווען פעסט איינגעקרעמפפט אין זיינע ארעמס.

— ענדליך, ענדליך זעה איך דיך ווידער אמאל! — האט געשעפטשעט הארלינגטאן — ליעבסטע! לאז מיך זיך זאט אנקוקען אין דיר...

אלע אראבער האבען זיך צוריקגעצויגען, אום ניט צו שטערען דיא גע־ליעבטע.

עלען האט פאר גליק און איבעראשונג קיין ווארט ניט געקענט ארויסריי־דען. זיא איז הילפלאז געלעגען אין דיא אומארמונגען פון איהר געליעבטען און טרעהרען האבען זיך אונבעמערקט און געגען איהר אייגענעם ווילען געגא־

סען, געגאָסען פון איהרע אויגען. זיא האָט אין דער מינוט פערגעסען אָן אַלע איהרע צווייפלען און ליידען און זיא איז געווען גליקליך.

אין גיכען זיינען אָנגעקומען עלען׳ס איבריגע פריינד און דיא שמחה איז געוואָרען אַן אַלגעמיינע. דער אַלטער שייך און דיא איבריגע אַראַבער האָבען זיך בעטהייליגט אין דער אַלגעמיינער פרייד.

פּלוצלונג האָט עלען וויא זיך דערמאָהנט אָן עפּעס און איבער איהר שעהנעם, שטראַהלענדען פּנים האָט זיך פערצויגען אַ שווערער טרויער־וואָלקען.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט דערשראָקען געפרעגט הארלינגטאָן.

— וואָס איז מיט אייך? — זיינען אויך דיא אַנדערע צוגעשטאַנען צו איהר.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען אויף איין מינוט — האָט זיא געזאָגט — איך דאַרף זאָגען אַ פּאָר ווערטער דעם שייך.

זיא איז מיט׳ן שייך אָבגעגאַנגען אָן אַ זייט און צווישען זיי האָט זיך פערבונדען אַ געשפּרעך. פון דער ווייטענס האָט מען געזעהן, אַז עלען בעט ביי איהם עפּעס און ער איז וויא אונצופריעדען פון איהר בקשה. נאָכדעם האָבען הארלינגטאָן און זיינע פריינד געזעהן, וויא דער שייך רופט צו אַ פּאָר אַראַבער, און דאַן, וויא עלען געהט מיט דיעזע אַראַבער אַוועק אין צווייטען עק פון דעם לאַגער.

אַלע האָבען פערוואונדערט נאָכגעקוקט עלען.

— וואָס טהוט זיך דאָ? — האָט הארלינגטאָן געפרעגט דעם שייך.

דער אַלטער האָט נור אַ קנייטש געטהאָן מיט דיא אַקסלען און האָט גע־מאַכט אַ בעוועגונג מיט דער האַנד וויא ער וואָלט געוואָלט זאָגען: איך בין ניט שולדיג.

אַ פּופצעהן מינוטען זיינען אַזוי פאַראיבער און מען האָט ניט געזעהן און ניט געהערט פון עלען. פּלוצלונג האָבען אַלע בעמערקט, וויא אַ רייטער, געקליידעט אייראָפּעאיש, פליהט אַרויס פון לאַגער וויא אַ פייל אויסען בויגען. איינינע אַראַבער זיינען בליצשנעל אַרויפגעשפּרונגען אויף זייערע פערד און געכאַפּט זייערע ביקסען, אָבער דער שייך האָט אַ וואונק געטהאָן און זיי האָבען זיך בערוהיגט און זיינען געבליבען אויף זייערע פּלעצער.

אין אַ פּאָר מינוטען אַרום האָט זיך צוריק בעוויזען עלען. זיא האָט גע־שמייכעלט מיט אַ טרויעריגען שמייכעל, ווען זיא האָט געזאָגט:

— און איצטער קומט, לאָמיר זיך דערצעהלען, וואָס מיט אונז האָט פּאַ־סירט זינט מיר האָבען זיך צושיידט. גאָט מיינער, מיר דאַכט זיך, אַז זינט אונזער צושיידונג זיינען שוין פאַראיבער פיעלע, פיעלע יאָהרען.

23טעם קאפיטעל.

געכאפט ביי דער האנד

זינט ניק שארפ איז צום ערשטען מאל ארויפגעקומען אויף האפמאן'ס שיף דער "בליץ", דאס הייסט, זינט ער האט זיך דארט בעוויזען אין זיין ריכ־טיגער געשטאלט און האט אנגעגעבען זיין נאמען, ווארים פערשטעלטערהייד אלס האפמאן'ס דיענער געארג, האט ער אויך פריהער בעזוכט דיא שיף — זינט דאן איז האפמאן אימער געווען אויף דער וואך און האט געהיט אי ניק'ען אי געארג'ען, זיי זאלען ביי איהם ניט דערגעהן קיינע סודות.

אמת, ער האט ניט געהאט דעם קלענסטען פערדאכט, אז ניק און געארג זיינען ארויפגעקומען אויף'ן "בליץ" מיט דעם צוועק אויסצופארשען זיינע סודות; ער האט אבער מורא געהאט, אז ניט־ווילענדיג זאלען זיי זיך עפעס ניט דערוויסען.

מיט ניק'ען האט ער אין פאראוים אויסגענומען, אז ער זאל ניט וואגען ארייגצוקומען אין זיין קאבינעט, ווען ער, האפמאן וועט דארט ניט זיין, און אין דער מאשינען־אבטהיילונג זאל ער קיין מאל, אונטער קיינע בעדינגונגען ניט אריינקומען. מיט געארג'ען האט ער אזעלכע בעדינגונגען ניט געמאכט, אבער עס האט וויא פון זיך פאסירט, אז זייט דאן, וויא האפמאן האט זיך דער־וואוסט, אז געארג האט אהן זיין וויסען געהאט פערבינדונגען מיט ניק'ען און האט איהם געגעבען דיא מעגליכקייט פערשטעלטערהייד צו בעזוכען דיא שיף, זיינען אלע געהיימע טהירען פערמאכט געווארען פאר דעם דיענער, צו וועלכען האפמאן האט פריהער געהאט פולען צוטרויען.

ער האט געארג'ען ניט פעריאגט פון דער שיף בלויז צוליעב דערזעלבער אורזאכע, צוליעב וועלכער ער האט ניק'ען ערלויבט צו בעזוכען דיא שיף, דאס הייסט, ווייל ער האט גערעכענט, אז זייביידע האבען אין זינען צו שפיאָ־נירען ניט נאך איהם, נאר נאך עלען פעטערסאן'ס שונאים. פארזיכטיג איז ער אבער יעדענפאלס געווען. זייענדיג זייט פיעלע יאהרען א מיליטערישער אטאשע, האט ער געוואוסט, אז דיא פרעמדע רעגיערונגען קוקען אויף איהם מיט שארפע אויגען און אז עס לעגט זיך גאנץ גוט אויף'ן שכל, אז מען זאל איהם אונטער פערשיעדענע פערשטעלטע אויסריידען ארומרינגלען מיט שפיאָנען. און נאך מעהר גרונד האט ער איצטער געהאט מורא צו האבען פאר שפיאָנען צוליעב זיין נייער שיף, וועלכע האט געזאלט מאכען אן איבערקעהרעניש אין דיא פלאַטען פון דיא וועלט־מעכטע.

עס איז איהם דעריבער איינגעפאלען אויף זיין רייזע צוריק צו זיין שיף,

נאכדעם וויא ער האט געהאט דעם צוזאמענשטויס נעבען קאאירא מיט דיא באנדיטען וואס האבען אוועקגערויבט עלען פעטערסאן, אז ער זאל אויסזוכען אן אויסרייד און נעהמען אויף'ן קרייץ־פערהער געארג'ען. אויספארשען עפעס ביי ניק שארפ'ען האט ער גאר ניט געהאפט: דער דעטעקטיוו איז געווען צו קלוג פאר איהם.

פאהרענדיג צו דער שיף האט זיך האפמאן אלץ געבראכען דעם קאפ, וויא אנצופאנגען דיא אונטערזוכונג און אזוי וויא קיין פאסיגער תירוץ דערצו איז איהם ניט איינגעפאלען, האט ער ענדליך בעשלאסען דערוויל דעם פלאן אויפצוגעבען און ווען ער וועט שוין זיין אויף דער שיף, וועט ער וויא־ניט־איז שוין געפינען א געלעגענהייט.

זיינע געדאנקען האבען גענומען אן אנדער ווענדונג.

ער האט גענומען טראכטען וועגען יאהאנא לינד און וועגען דער עקשנות, מיט וועלכער זיא מיידט איהם אויס און אויך וועגען דיא געהיימניסע וואס רינגלען זיא ארום.

ער האט זיא געקענט אלס פריוואט־לעהרערין און דא פלוצלונג בעגעגענט ער זיא אלס גלייכע צווישען דיא רייכסטע און אריסטאקראטישסטע אמעריקאנער מיידלעך. זיא איז אמאל געווען אזוי שטארק בעליעבט ביי איהרע בעלי־הבתים און פלוצלונג האט זיא זיי אזוי געהיימניספאל פערלאזען. פריהער האבען איהרע בעלי הבתים ניט געהאט גענוג ווערטער זיא אויסצולויבען און נאך דעם וויא זיא האט זיי פערלאזען האבען זיי אימער אויסגעמידען צו ריידען וועגען איהר. דאס אלעס איז געווען אונערקלערליך פאר האפמאן'ען.

אויסערדעם האט איהם געמאטערט נאך א געדאנק: ווארום מיידט זיא איהם אויס? זיא האט איהם דאך אמאל געליעבט. וואלט ער געדענקט, אז זיא ליעבט איצטער אן אנדערען, וואלט ער נאטירליך שטארק געליטען דערפון, אבער עס וואלט איהם געווען פערשטענדליך. ער מערקט אבער, אז זיא ליעבט איהם יא, נאר עפעס וואס ער וויים ניט ליעגט וויא אן אבגרונד צווישען איהם און איהר. וואס איז עס את־דער "עפעס"? וואס שטערט זייער ביידענס גליק?

האפמאן האט אויף דער פראגע קיין ענטפער ניט געקענט געפינען און איהם איז נור איבערגעבליבען צו בעשליסען, אז ביי זיין ערשטער בעגעגעניש מיט יאהאנא לינד זאל ער פרובען אלעס קלאר מאכען.

פערזונקען אין דיעזע געדאנקען, איז ער ארויף אויף זיין שיף און האט פערטראכטערהייד זיך געלאזט געהן צו זיין קאבינעט. ביי דער סאמע טהיר האט ער זיך אבער אבגעשטעלט, ווייל ער האט דערהערט א גערויש. ער האט זיך א וויילע צוגעהערט און דאן האט ער שטיל און פארזיכטיג דיא טהיר געעפענט.

ער האָט דערזעהן עטוואָס וואָס עס וואָלט זיך איהם קיין מאָל ניט גע־חלום'ט.

זיין שרייב־טיש איז געווען ווייט צועפענט, דיא פאַפּיערען זיינען געווען ארויסגענומען און אויסגעלעגט אויף'ן טיש און איבער זיי איז געשטאַנען איינגעבויגען זיין דיענער געאָרג, וועלכער איז געווען אַזוי פערטיעפט, אַז ער האָט גאָר ניט געהערט און גאָר ניט געזעהן.

האָפמאַן'ס ערשטער געדאַנק איז געווען זיך ארויפצוואַרפען מיטביידע פויסטען אויף זיין פעררעטהערישען דיענער. ער האָט זיך אָבער באַלד אי־בערגעלעגט, אַז האַנדלענדיג מיט טאַקט, קען ער פיליכט האָבען דיא מעג־ליכקייט צו דערגעהן פיעלע זאַכען וועלכע וואָלטען ביי אַן איבעראיילטער האַנד־לונג געבליבען פאַר איהם אַ סוד אויף אייביג.

ער האָט שטיל און לאַנגזאַם צוגעמאַכט דיא טהיר, האָט ארויסגענומען זיין רעוואָלווער, איז אויף דיא שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו געאָרג'ען, האָט מיט איין שנעלער בעוועגונג צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צו געאָרג'ס שלייף און אין דער זעלבער צייט מיט דער צווייטער האַנד איהם אָנגענומען ביים גאָרגעל אַזוי פעסט, אַז יענער האָט קיין צייט ניט געהאַט אַ געשריי צו טהאָן און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט צו קומען צו זיך און זיך אָבגעבען אַ רעכ־נונג וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען, האָט שוין האָפמאַן געבונדען זיינע הענד.

האָפמאַן האָט געאָרג'ען אַוועקגעשטעלט אַנטקעגען זיך און האָט איהם אָב־געמאָסטען מיט אַ בליק, וועלכער האָט דעם דערשראָקענעם דיענער וועניג גוטעס פערשפּראָכען.

— ווייסטו, וואָס דיך ערוואַרטעט? — האָט האָפמאַן געזאָגט.

געאָרג האָט גאָר ניט געענטפערט. ער איז געשטאַנען בלאַס וויא דער טויט און דיא ציין האָבען זיך איהם געטרייסעלט אין מויל פאַר שרעק.

— דוא פערשטעהסט דאָך — האָט האָפמאַן ווייטער גערעדט — אַז קיין לעבעדיגער קענסטו שוין דיא שיף ניט פערלאָזען. דיא סודות וואָס דוא ביזט דערגאַנגען פון מיינע שריפטען, וועלען שטאַרבען מיט דיר, זיי וועלען צוזאַמען מיט דיר פערשלונגען ווערען פון ים און קיין האָהן וועט ניט קרעהען.

געאָרג האָט נאָך אַלץ גאָר ניט געענטפערט און האָפמאַן האָט בייז גערעדט ווייטער:

— דאָס איז אָבער נאָך ווענעג. פּשוט דיך טויטען וואָלט געהייסען דיר געבען אַ צו קליינע שטראָף. פאַר דיין טויט וועסטו זיך נאָך דאַרפען אויס־שטעהן ליידען און מאַטערנישען. אויף אַ לאַנגזאַמען פייער וועסטו ביי מיר ברענען, שטיקער בלוטיג פלייש פון דיין פאַסקודנעם קערפּער וועל איך וואַר־

פען פאר מיין הונד ביז דוא וועסט מיר ניט זאגען ווער עס האט דיך אהער געשיקט און וואס פאר סודות דוא האסט שוין צייט געהאט אויסצוגעבען.

האפמאן האט צוגעשלאסען דיא טהיר און האט גענומען שנעל איבער־ווארפען דיא פאפיערען, מיט וועלכע עס איז נור־וואס געווען בעשעפטיגט געארג. איין פאפיער נאך'ן צווייטען איז ער שנעל דורכגעלאפען מיט דיא אויגען און איהם איז אלץ לייכטער און לייכטער געווארען אויף'ן הארצען: קיינע פון דיא וויכטיגע פאפיערען, פאר וועלכע ער האט מורא געהאט, האט ער דא ניט געפונען. ער האט געפעפענט נאך א פאר שופלאדען, וואו ער האט געהאלטען זיינע וויכטיגסטע דאקומענטען, און ער האט געפונען, אז זיי זיינען געווען ניט בעריהרט.

זאל עס, אלזא, הייסען, אז דאס האט געארג צום ערשטען מאל געפרובט עפעס אויפדעקען און אז ער וויים נאך לחלוטין גאר ניט? דאס מוז מען דער־געהן אונטער אלע בעדינגונגען.

האפמאן איז ווידער צוגעגאנגען צו געארג'ען און האט אהן צערעמא־ניעס גענומען זוכען אין זיינע קעשענעס, וועלכע ער האט איבערגעקעהרט; ער האט אבער גאר ניט געפונען.

ער האט זיך דאן ווידער געווענדעט צו געארג'ען:

— אלזא, דוא האסט דיא ברירה: אויב דוא ווילסט אויסמיידען אומ־זיסטיגע ליידען, ראטה איך דיר אלעס מודה צו זיין. איך וויל, דוא זאלסט קלאר פערשטעהן, אז קיין זאך קען דיך ניט ראטעווען פון מיינע הענד. דיא מעכטיגסטע רעגיערונג וועט דיך פון מיינע הענד ניט ארויסרייסען, אפילו זיא זאל עס וועלען, אבער זיא וועט עס גאר ניט וועלען. אויב דוא ביסט גענוג דומקאפ, עס ניט צו וויסען, וועל איך דיר עס ערקלערען. קיין רעגיערונג וועט זיך ניט מודה זיין, אז זיא האט אנגעשטעלט פאליטישע שפיאנען און ווען א פאליטישער שפיאן פאלט אריין, מאכט זיך זיין רעגיערונג גאר ניט וויסענדיג און אויב זיא קען נור, לייקענט זיא זאגאר שטיין און ביין, אז דאס איז ניט איהר שפיאן... אלזא...

— איך וועל אלעס מודה זיין — האט שטיל געזאגט געארג.

— אבער אלעס.

— אלעס.

— גוט! דערצעהל!

האפמאן האט קלאר געזעהן, אז געארג האט ניט קיין אונטערגעדאנקען, ווייל ער איז געווען אזוי דערשראקען, אז ער האט קוים געקענט ריידען. ער האט עטליכע מאל אנגעהויבען זיין ודוי, אבער דיא ווערטער האבען זיך ענטזאגט ארויסצוקומען פון זיין מויל. האפמאן האט זיך געפרעהט, וואס איהם איז לייכט אנגעקומען צו צווינגען געארג'ען זיך מודה צו זיין. קענענדיג געארג'ען

פון פריהער, האט זיך האפמאן איינגערעדט, אז ער איז א לעבענסלוסטיגער, אבער דומער יונג און אז ער קען זיך לחלוטין ניט פערשטעלען. האפמאן האט ניט געוואוסט, אז ער האט דא צו טהאן מיט א פראפעסיאנעלען שפיאן.

כאטש געארג האט אויסגעזעהן ניט איבריג קלוג, איז ער דאך געווען כיטרע וויא א טייפעל. אויסזעהענדיג נאאיוו און נאטירליך, איז ער אין אמת'ען געוועו כמעט אזא קינסטלער זיך צו פערשטעלען און שפיעלען א ראלע וויא ניק אליין. אפילו זיין איצטיגער שרעק איז אויך געווען א געמאכטער. געארג האט געזעהן, אז איהם איז שוין געלונגען אבצונארען האפמאן'ען און ער האט אויף שנעל אויסגעארבייט א פלאן, וויא איהם ווייטער צו נארען.

זיין פלאן איז געווען אויסצוגעבען האפמאן'ען א פאר סודות, אבער גראדע ניט יענע, וועלכע האפמאן דארף וויסען.

זעהענדיג, וויא צושראקען געארג איז, האט האפמאן איהם ערלויבט א פאר מינוט זיך צו בערוהיגען, און דאן האט געארג אנגעהויבען זיין ודוי.

— אין אלץ איז שולדיג ניק... — האט ער אנגעהויבען.

— אהא — האט א טראכט געטהאן האפמאן — עס געהט אויף א גאנג. דער בחור הויבט גלייך אן פון דעם תוך.

— גאט ווייס דעם אמת — האט ווייטער גערעדט געארג — אז מיר איז קיין מאל ניט איינגעפאלען צו זוכען אין אייערע שופלאדען. אבער ניק האט מיר גענומען איינריידען.

— וויא קומסטו צו איהם?

— איך? עס איז געווען אזוי. אין א שענק אין קאנסטאנטינאפאל האב איך זיך בעגעגענט מיט איהם. ער איז געווען אזוי פריינדליך און האט אזוי געווארפען מיט געלד רעכטס און לינקס, אז מיר האבען זיך באלד בעפריינדעט. ווען מיר זיינען שוין ביידע געווען גוט שכור (און אפשר האט ער זיך נור גע־מאכט, אז ער איז שכור), האט ער מיר געזאגט, אז ער קען מאכען פערשיע־דענע קונצען און זאגאר ענדערען זיין געזיכט אזוי, אז ער זאל ווערען עהנליך צו וועמען ער וויל נור.

— נו, ווער עהנליך צו מיר — האב איך איהם געזאגט.

— גוט — האט ער געזאגט — לאמיר אריינגעהן אין א בעזונדערען צימער, וועל איך דיר ווייזען דעם קונץ.

מיר זיינען אריין אין א בעזונדערען צימער. ער האט אנגעטהאן מיינע קליידער, האט זיך אביסעל צוגעשמירט דאס געזיכט און איך האב אזש א געשריי געטהאן פאר שרעק, ווען איך האב איהם דערזעהן אין זיין נייער גע־שטאלט. איך וואלט געשווארען, אז ער איז ניט ער, נאר איך. מיר האבען דאן ווייטער געטרונקען און ווען איך בין שוין געווען גאר שטארק שכור, האט ער מיר פארגעשלאגען צו מאכען מיט אייך א שפאס. ער וועט אוועקגעהן —

האט ער געזאגט — צו אייך און וועט אייך איבערגעבען דיא פאסט וואס איך האב פאר אייך אבגענומען, און איהר וועט מיינען, אז דאס בין איך. איך האב שוין דאמאלס ניט געוואוסט, וואס איך טהו, און איך האב איינגעשטימט.

האפמאן האט ביי דער גאנצער ערצעהלונג ניט אראבגעלאזט קיין אויג פון געארג׳ען. ער האט אליין ניט געוואוסט, צו זאל ער איהם גלויבען צו ניט, אבער ער האט איהם ניט־ווילענדיג געגלויבט, ווייל אלעס איז ביים שפיאן ארויסגעקומען אזוי נאטירליך, אז עס איז געווען אונמעגליך ניט צו גלויבען.

— ער האט דאך אבער דאסזעלבע געטהאן ניט איין מאל, נאר עטליכע מאל — האט האפמאן געזאגט.

— געוויס האט ער עס געטהאן — האט נאאיוו געזאגט געארג — איך האב עס איהם שוין ניט געוואלט ערלויבען, אבער ער האט מיך געסטראשעט, אז ער וועט אייך דערצעהלען וועגען דעם ערשטען מאל און אויס מורא האב איך עס איהם ערלויבט.

— און דאך האט ער ענדליך דערצעהלט.

— יא, אט דאס האט ער מיר דאך געזאגט: וועסט זעהן, אז איך וועל איהם אלעס אליין דערצעהלען און עס וועט גאר ניט זיין. און ער האט טאקע געזאגט דעם אמת: ער האט אייך אלעס דערצעהלט און — גאר ניט.

דיעזער ענטפער איז ביי געארג׳ען ארויסגעקומען אזוי נאריש, אז האפמאן׳ען האט געקאסט פיעל מיה, ער זאל זיך ניט צולאכען.

— האט ער דיר ניט געזאגט, צוליעב וועלכען צוועק ער קומט אויף׳ן "בליץ" פערשטעלטערהייד?

— יא.

— און וואס, האט ער דיר געזאגט, איז דיא אורזאכע?

געארג איז צוטומעלט געווארען.

— אהא! — האט א טראכט געטהאן האפמאן.

— נו? — האט ער אונטערגעטריבען געארג׳ען און זיין שטערן האט זיך ווידער בייז אנגעכמורעט — וואס ענטפערסטו ניט?

— איך ווייס ניט... האט זיך געדרעהט געארג — מעג איך אלעס זאגען?

— נו, געוויס.

— ער האט מיר געזאגט, אז איהר זיינט פערליעבט אין זיין שוועסטער און...

האפמאן איז אויפגעשפרונגען.

— וואס פלוידערסטו, אידיאט? וועלכע שוועסטער?

— וועלכע שוועסטער? אט־דיא וואס זיא פאהרט ארום מיט דיא וועס־טאלקעס... ווי רופט זיא זיך ביי זיי?... יא, מיסס לינד.

האפמאן איז אזש פערגליווערט געווארען פאר איבערראשונג.

— מיסס לינד?... האט ער, אליין ניט וויסענדיג וואס ער רעדט, נאכ־געזאגט נאך געארג'ען.

— מיסס לינד — האט תמ'עוואטע ווידערהאלט געארג — איצט געדענק איך שוין זיכער — יא, מיסס לינד.

— איז מיסס לינד שארפ'ס שוועסטער?

— יא.

— דאס איז א פערדאמטער ליעגען!

— ענטשולדיגט! דאס איז אמת.

— פון וואנען ווייסטו עס?

— אה, איך ווייס עס אויף זיכער. ניק האט מיר געזאגט, אז זיי טראגען פערשיעדענע נעמען, ווייל דיא שוועסטער האט זיך געשעהמט מיט איהם און האט מורא געהאט, אז איהר וועט קיין גוטס ניט ארויסקומען, ווען מען וועט זיך דערוויסען איהר אבשטאמונג. ער האט מיר אויך דערצעהלט, אז זיא האט שוין ווירקליך געליטען דערפון. זיא איז געווען א לעהרערין אין א הויז אין באסטאן אדער... איך קען זיך שוין ניט דערמאהנען, וואו... דאכט זיך, אין שיקאגא.

— נו? — האט מיט א פערשטיקטען אטהעם איהם אונטערגעטריבען האפמען.

ווען האפמאן וואלט איצטער ניט געווען אזוי אויפגערעגט, וואלט ער בעמערקט, וויא אין געארג'ס אויגען האט זיך אויף איין סעקונדע בעוויזען א ביטערער שמייכעל, וועלכער וואלט געקענט בעדייטען: נו, בחור, איצטער האב איך דיך געפאקט און דוא וועסט שוין טאנצען נאך מיין פייפעלע! געארג האט קלאר געזעהן, אז דער פלאן ארויסצופיהרען האפמאן'ען פון דעם ריכטיגען שפור איז איהם פאלשטענדיג געלונגען, און אז ער איז שוין א געראטעטער.

— נו — האט ער ווייטער גערעדט תמ'עוואטע און דערשראקען — האט מען זיך דארט דערוואוסט, אז ניק שארפ איז איהר ברודער און דורך דעם האט מען זיך אויך דערוואוסט, אז זיא שטאמט פון זעהר ניט קיין שעהנעם יחוס.

— ווייסטו, ווער איהרע עלטערען זיינען?

— זיי זיינען שוין לאנג געשטארבען. אבער ניק האט מיר געזאגט, אז זיין פאטער איז געווען א קונצען־מאכער און זיין מוטער אן אקטריסע, און ווען מיסס לינד'ס בעלי הבתים האבען זיך דערפון דערוואוסט, האבען זיי איהר ענטזאגט און האבען איהר בעפוילען, זיא זאל באלד אוועקפאהרען פון דער שטאדט, ווייל זיי וועלען ניט דערלאזען, זיא זאל אנקומען אין אן אנדער הויז; אויב זיא וועט פערלאזען דיא שטאדט, האבען זיי איהר פערשפראכען, וועלען זיי קיינעם ניט אויסזאגען איהר סוד.

האפמאן איז איצטער געזעסען וויא א פערשטיינערטער. ער איז געווען זיכער, אז דאס וואס ער האט נור־וואס געהערט פון געארג'ען, איז אמת פון דעם ערשטען ביז'ן לעצטען ווארט. ערשטענס, האט עס געארג דערצעהלט אין אזא טאן, אז עס איז אונמעגליך געווען איהם ניט צו גלויבען; צווייטענס, האט זיך דיא געשיכטע איהם טאקע גאנץ גוט געלעגט אויף'ן שכל.

א שטורם פון געדאנקען האט געשוועבט אין האפמאן'ס מוח און א גאנצער פלאנטער פון פערשיעדענע געפיהלען האט געריסען זיין הארץ.

ער האט מיטלייד געהאט מיט דער ארימער יאהאנא'ן, וועלכע האט גע־מוזט ליידען צוליעב איהר אבשטאמונג, ער האט אבער אין דערזעלבער צייט גאנץ ערנסט א טראכט געטהאן, אויב ער האט א רעכט זיא ווייטער צו ליעבען. ער אליין האט ניט געשטאמט פון אריסטאקראטישע עלטערען און לויט זיינע איבערצייגונגען, איז עס ניט געווען קיין שאנדע צו הייראטען מיט א מיידעל פון א נידריגערען שטאנד. ער פערנעהמט אבער איצטער א הויכע און פער־אנטווארטליכע רעגיערונגס־שטעלע און אויב עס וואלט איהם נאך ניט אויסגע־מאכט צו הייראטען מיט אן ארים מיידעל, איז עס אבער פאר איהם פשוט אונמעגליך זיך צו פערבינדען מיט א טאכטער פון א קאמעדיאנט און — וואס עס איז דיא הויפט זאך — מיט א שוועסטער פון א דעטעקטיוו, פון א שפיאן.

קיינער פעראכטעט ניט אזוי דעטעקטיווס און שפיאנען וויא איינער וואס מוז זיך אליין בענוצען מיט זייערע דיענסטע, איבערהויפט איינער וואס בענוצט זיך מיט דיא דיענסטע פון פאליטישע שפיאנען, וועלכע זיינען אפט פעררעטהער צו זייער אייגענעם פאטערלאנד. האפמאן האט געהאט צו פיעל פערהעלטניסע מיט פאליטישע שפיאנען, מיט סאלדאטען און אפיציערען פון פרעמדע לענדער, וועלכע האבען פאר א פאר לומפיגע מטבעות אויסגעגעבען דיא מיליטערישע סודות פון זייערע לענדער, און דיא ווערטער דעטעקטיוו און שפיאן זיינען ביי איהם געווען שרעקליך פערהאסט.

ער אליין וואלט זיך ניט געקענט ערלויבען צו הייראטען דיא שוועסטער פון א ניק שארפ און נאך וועניגער האט דאס איהם ערלויבט זיין אמט, וועלכען ער וואלט קיין איין־איינציגע מינוט ניט געקענט אנהאלטען, ווען ער זאל הייי־ראטען יאהאנא לינד און ווען מען זאל זיך דערוויסען אין דיא רעגיערונגס־קרייזען, ווער זיין פרוי איז.

האפמאן'ס האפנונג צו זיין גליקליך מיט יאהאנא לינד האט אויף אזא אופן געקראגען א טויט־קלאפ. אין דערזעלבער צייט האט ער דערפיהלט, אז דיא אונגליקליכע, אונשולדיגע יאהאנא ווערט איהם נאך טהייערער, נאך ליעבער און אז עס איז פשוט איבער זיינע כחות זיך צו ענטזאגען פון איהר.

ער איז אזוי שטארק געווען פערנומען מיט דיעזע געדאנקען און געפיהלען, אז ער האט גאר אין גאנצען געהאט פערגעסען אן געארג'ען, וועלכער איז גע־

שטאנען אנטקעגנען איהם און אין זיך געשעפּט נחת פון דעם איינדרוק וואס ער האט געמאכט אויף האפמאן'ען.

אלזא, איצטער ווייס ער שוין, ווארום יאהאנא מיידט איהם אויס, כאטש זיא ליעבט איהם — האט ווייטער געטראכט האפמאן — אונגליקליכע יאהאנא! יא, אבער וויא קומט זיא אויף דער "וועסטא"? — האט איהם פּלוצלונג א קלאפּ געטהאן אין קאפּ א געדאנק.

ער האט זיך מיט דער פראגע געווענדעט צו געארג'ען.

— דאס טאר איך ניט אויסזאגען — האט געענטפערט געארג — ניק שארפּ האט מיך פערשווארען, אז איך זאל עס קיינעם ניט דערצעהלען.

דיעזער ענטפער איז געווען א גוט-געציעלטע קונץ-שטיק. געארג, וועלכער האט געוואוסט אלע סודות וועגען יאהאנא לינד און האט דורך דער ענטדעקונג פון דיעזע סודות בעשלאסען צו ראטעווען וויכטיגערע סודות און אויך זיין אייגען לעבען, האט פון אנהויב אן בעשטימט, אז ער וועט אלעס דערצעהלען וועגען יאהאנא לינד. ער האט נור געדענקט, אז אויב ער וועט זיך איצטער איינעקשן'ען אביסעל, וועט ער פיעל געווינען. ערשטענס, וועט ער מאכען דעם איינדרוק פון אן עהרליכען מענשען, וואס וויל ניט ברעכען זיין ווארט און, צווייטענס, וועט דורך דעם אויסקומען נאטירליכער דיא געשיכטע, אז ער ווייס גאר ניט פון פּאליטישער שפּיאנעריי. דער כיטרער געארג האט קיין טעות ניט געהאט. זיין ערקלערונג, אז ער קען ניט אויסזאגען, וויא יאהאנא לינד קומט אויף דער "וועסטא", האט ווירקליך געמאכט אויף האפמאן'ען דעם איינדרוק, וועלכען געארג האט ערווארטעט.

האפמאן איז אבער געשטאנען אויף זיינעם, אז ער מוז אלעס וויסען, און געארג האט וויא געגען זיין ווילען און וויא בלויז אויס מורא פאר זיין לעבען ענדליך געזאגט:

— זיא איז אנגעשטעלט פון דעם לארד הארלינגטאן צו וואכען איבער עלען פעטערסאן און איהם לאזען וויסען אלעס וואס מיסס פעטערסאן פּלאנעוועט, כדי ער זאל זיא אין צייט קענען פערהיטען פון געפאהר. זיא דארף איהם אויך העלפען צו געווינען מיסס פעטערסאן'ס ליעבע.

האפמאן האט פערקריצט מיט דיא צייהן פאר וועהטאג. הייסט עס, אז ניט נור שטאמט זיא פון א קאמעדיאנט און ניט נור האט זיא א ברודער א שפּיאן, נאר זיא אליין איז אויך א שפּיאנין. האפמאן איז ביי דיעזען געדאנק גרייט געווען זיך צו צושפּאלטען דעם קאפּ פאר וועהטאג און שאנדע.

ער איז ענטשלאסען אויפגעשפּרונגען און גאר מיט אן אנדער טאן געזאגט צו געארג'ען:

— אבער דאס אלעס ערקלערט מיר נאך אלץ ניט, ווארום דוא האסט גע-

עפענט שופלאָדען און האָסט געזוכט צווישען מיינע פּאַפּיערען. געדענק: איך וויל וויסען דעם ריינעם אמת.

געאָרג האָט דערביי געמאַכט אַ נאָך מעהר צושראָקענע און תמ׳עוואַטע מיענע און האָט אַ מיט ווייגענדען קול געזאָגט:

— אַלץ דער פּערדאַמטער ניק שאַרפּ! ער האָט מיר געזאָגט, אַז זיין שוועס־טער איז זעהר אונגליקליך, אַז זיא ליעבט אייך ביז משוגעת, אָבער זיא וואָגט ניט אָנצונעהמען אייער ליעבע, ווייל זיא איז דורך נויטה און הונגער געצוואונ־גען געוועזן אָנצונעהמען דיא שטעלע פון אַ שפּיאָנין אויף דער "וועסטאַ" און ווייל זיא דענקט, אַז איהר וועט זיא פעראַכטען, אויב איהר זאָלט זיך דערוויסען וועגען איהר אָבשטאַמונג און וועגען איהר ראָלע אויף דער "וועסטאַ". אָבנאַרען אייך וויל זיא ניט און אייך אויסזאָגען דעם אמת קען זיא ניט. ניק האָט מיר אַזוי פיעל אָנדערצעהלט וועגען מיסס לינד׳ס ליידען, אַז ער האָט ממש צו־בראָכען מיין הארץ.

— צום טייפעל! — האָט איהם אונגעדולדיג איבערגעשלאָגען האָפמאַן

— אָבער וואָס געהערט זיך דאָס אַלעס אָן מיט מיינע פּאַפּיערען?

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, קאַפּיטאַן! — האָט זיך צוואוויינט געאָרג — איך וועל אייך אָפען אַלעס ערקלערען און דאַן טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט... עס איז געוועזן אַזוי: איך האָב אַמאָל זיך אונטערגעקוקט, אַז איהר פיהרט אַ טאָגעבוך, האָב איך עס דערצעהלט שאַרפּ׳ען. ער האָט מיר דאַן גענומען איינריידען, איך זאָל פאַר איהם אויסגעפינען אייער טאָגעבוך. ער איז געוועזן זיכער, אַז דאָרט געפינט זיך עפּעס וועגען זיין שוועסטער. פון דעם טאָגעבוך האָט ער געוואָלט אויסגעפינען, וויא ווייט עס דערגרייכט אייער ליעבע צו איהר און אויב עס איז נאָך דאָ אַ האָפנונג, אַז ווען איהר וועט זיך אַלעס דערוויסען וועגען איהר, זאָלט איהר זיא דאָך הייראַטען. ניק האָט מיר געזאָגט, אַז זיין שוועסטער וויים קיין זאַך ניט וועגען דעם, אַז זיא וואָלט דאָס קיין מאָל ניט ערלויבט, נאָר אַז ער אַליין טהוט דאָס אַלעס, ווייל ער קען שוין ניט צוזעהן איהרע ליידען. ער האָט מיר אַזוי צובראָכען מיין הארץ מיט דער שילדערונג פון איהרע מאַטערנישען, אַז איך האָב בעשלאָסען דאָס צו טהאָן.

דיעזע לעצטע ווערטער האָבען אין גאַנצען בעזיעגט האָפמאַן׳ען. ער איז איצטער געוועזן זיכער, אַז געאָרג האָט איהם געזאָגט דעם ריינעם אמת, און זיין הארץ איז פּשוט צוריסען געוואָרען טראַכטענדיג וועגען זיינע און יאָהאַנאַ׳ס ליידען.

— גוט! — האָט ער ענדליך געזאָגט — איך וועל דיך בעפרייען, אָבער דיין פוס טאָר זיך מעהר ניט געפינען אויף מיין שיף. ווען דוא האָסט זיך

איין מאָל ערלויבט צו שפּיאָנעווען צוליעב א גוטער אורזאכע, וועסטו עס זיך צום צווייטען מאָל ערלויבען צוליעב א לומפּעריי.

— האָט רחמנות! — האָט זיך גענומען בעטען געאָרג.

— שווייג! — האָט א טופּע געטהאָן מיט'ן פוס האָפּמאַן.

ער האָט אויפגעבונדען געאָרג'ס הענד און האָט א קלונג געטהאָן. עס איז אריינגעקומען א הויכער, געזונדער מאטראָז.

— זעץ אריין געאָרג'ען אין א שיפעל — האָט האָפּמאַן בעפוילען — און פיהר איהם צו צום ברעג. גיב איבער א בעפעהל צו יעדען, אז מעהר זאָל מען איהם און ניק שאַרפ'ען אויף'ן "בליץ" ניט ארויפלאָזען.

דער בעפעהל איז באלד ערפילט געוואָרען. געאָרג איז גרייט געווען צו טאנצען פאר פרייד, ער האָט אָבער נאָך אלץ געמאכט דעם אָנשטעל, אז ער איז שרעקליך נידערגעשלאָגען. ער איז געווען זיכער, אז ניק שאַרפּ וועט מיט איהם בלייבען צופריעדען: אי ער האָט גראַטעוועט זיך און איהם, אי ער האָט זיין שוועסטער'ס סוד אויסגעגעבען אויף אזא אופן, אז דאָס קען איהר גיכער א טובה טהאָן וויא שאַדען.

דערפאר איז האָפּמאַן איצטער געווען נאָהענט צו משוגעת. ער איז ארומגעלאָפען איבער זיין קאיוטע און האָט זיך אלע מאָל געכאַפּט מיט ביידע הענד פאר'ן קאָפּ.

— איך קען ניט, איך קען ניט! — האָט ער געמורמעלט — אונגליקליכע יאָהאַנאַ! איך קען מעהר ניט האָפען צו זיין מיט דיר גליקליך! איך קען אָבער אויך ניט לעבען אָהן דיר! יאָהאַנאַ, טהייערע, ווארום האָט עס בעדארפט אזוי פּאַסירען?

עס האָבען אין איהם געקעמפּפט זיין ליעבע און זיין פפליכט און ער האָט געפיהלט, אז ער ווערט צודריקט אין דיעזען קאַמפּף. זיין פפליכט צו זיין פאָטערלאנד האָט געפאָדערט, ער זאָל אויסרייסען דיא ליעבע פון זיין הארצען, און זיין ליעבע האָט געפאָדערט, ער זאָל אויפגעבען זיין קאריערע און אויפהערען דיענען זיין פאָטערלאנד מיט זיינע ערפינדונגען און זיין טהעטיגקייט אלס שעף פון דיא אויסלענדישע מיליטערישע שפּיאָנען. ער האָט געוואוסט, אז דייטשלאנד וועט זעהר פיעל פערליערען, ווען ער זאָל זיין אמט אויפגעבען.

24טעם קאַפּיטעל.

איין איבערראַשונג נאָך דער צווייטער.

וויא לאַנג האָפּמאַן איז געווען פערזונקען אין זיינע געדאנקען נאָכדעם וויא ער האָט זיך דערוואוסט פון געאָרג'ען יאָהאַנאַ לינד'ס סוד, האָט ער

אליין ניט געוואוסט. אָבער דיא געדאַנקען האָבען איהם אַזוי בעהערשט, אַז ער האָט ניט געהערט, וויא מען האָט עטליכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין דער טהיר. דאָס קלאַפּען האָט זיך ווידערהאָלט עטליכע מאָל און יעדעס מאָל אַלץ שטאַר־קער און שטאַרקער.

פון דעם שטאַרקען קלאַפּען האָט האָפמאַן וויא האַלב ערוואַכט פון שלאָף — האַלט ערוואַכט, ווייל ער האָט נאָך אַלץ ניט קלאָר בעגריפען, וואָס דאָ קומט פאָר און ער האָט בלויז אויס געוואָהנהייט געזאָגט:

— העריין!

עס איז אַריינגעקומען אַ מאַטראָז, האָט אַוועקגעלעגט אַ פּעקעל בריעף און איז צוריק אַרויס פון דער קאַיוטע.

האָפמאַן האָט גענומען מעכאַניש איבערקוקען דיא אַדרעסען און פּלוצלונג האָט ער מיט שרעק און ערשטוינונג גענומען קוקען אויף איין בריעף. דיא האַנדשריפט אויף׳ן קאָנווערט איז איהם פאַרגעקומען בעקאַנט, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען, וועמעס האַנדשריפט דאָס איז. דאָך האָט זיין האַרץ גענומען שטאַרק קלאַפּען. אַ געשריי האָט זיך פּלוצלונג אַרויסגעריסען פון זיין האַרצען. זאָל עס מעגליך זיין? — איז איהם אַ געדאַנק דורכגעפלויגען אין מוח.

מיט ציטערענדע הענד האָט ער אויפגעריסען דעם קאָנווערט און האָט שנעל אַ קוק געטהאָן אויף דער אונטערשריפט. יאַ, ער האָט קיין טענות ניט געהאַט. אונטער דעם בריעף איז געשטאַנען: „דיין יאָהאַן״.

דער בריעף איז געווען פון זיין אונגליקליכען ברודער, וועלכער האָט רוּ־אינירט זיין לעבען צוליעב עלען פּעטערסאָן׳ס מוטער; פון דעם ברודער, וועגען וועלכען ער האָט אַזוי פיעל יאָהר שוין ניט געהערט און וועלכען ער האָט גערע־כענט פאַר טויט.

האָפמאַן האָט שנעל גענומען לייענען דעם בריעף, אָבער דיא בוכשטאַבען און דיא שורות האָבען געטאַנצט פאַר זיינע אויגען און ער האָט ניט פערשטאַנען אַ וואָרט.

— ניין, אַזוי וועט עס ניט געהן — האָט ער ענדליך צו זיך אַליין געזאָגט.

ער איז אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען איבער׳ן צימער, אום זיך צו בערוהיגען און בריינגען זיינע געדאַנקען אין אָרדנונג. דאָס איז איהם ענדליך געלונגען און ער האָט גענומען לייענען דעם בריעף.

„מיין טהייערער בערנאַרד — האָט איהם זיין ברודער געשריבען — דיך וועט וואַהרשיינליך ניט ווייניג איבעראַשען, ווען דו וועסט דיזען בריעף ערהאַלטען, אויב דו וועסט איהם נור ערהאַלטען, ווייל איך בין גאָר ניט זי־כער, אַז דער בריעף וועט צו דיר אָנקומען. איך האָב זיך פון דיא צייטונגען דערוואוסט, אַז דו מאַכסט איצטער אַ וועלט־רייזע אויף אַ שיף פון דיין איי־

גענער ערפינדונג, איך האָב אָבער ניט געוואוסט, וואוהין איך זאָל דיר שרייבען, האָב איך דעם בריעף אַדרעסירט צום דייטשען מיניסטעריום פון אינערליכע אַנגעלעגענהייטען און איך האָף דאָך, אַז דאָס מיניסטעריום וועט דעם בריעף דיר אַריבערשיקען.

"איך ענטשולדיג זיך ניט פאַר דיר, וואַרום איך האָב ביז יעצט קיין מאָל ניט געלאָזט הערען וועגען זיך. איך האָב עס פשוט ביז יעצט ניט געקענט. מיין אייגענער אונגליק און דער אונגליק פון דער פרוי, וועלכער איך האָב אַוועקגעגעבען מיין לעבען צוזאַמען מיט מיין ליעבע, האָט מיך געבראַכט צו אַזאַ שטופע, אַז איך האָב פערגעסען ניט נור אָן אַלע מיינע נאָהענטע און טהייערע, נאָר זאָגאַר אָן זיך אַליין.

"וואַהרשיינליך האָט איהר מיך אַלע שוין גערעכענט פאַר געשטאָרבען. איך אַליין האָב זיך צייטענווייז געוואונשען, איך זאָל זיין טויט, אום ניט צוצוזעהן דעם אונגליק פון דער עלענדער מרס. פעטערסאָן, וועלכע וואָלט געוועז געקענט זיין אַזוי גליקליך אַלס מרס. האָפמאַן. איבריגענס דאַרף איך דיר ניט בעשרייבען איהר אונגליק. איך וויים, אַז דוא האָסט זיא בעזוכט און דוא ווייסט אַליין אַלעס.

ווייטער האָט יאָהאַן דערצעהלט אין קורצען זיין לעבענס-געשיכטע זינט ער איז געקומען אין אַמעריקאַ און זיין געליעבטע איז געוואָרען פעטערסאָן'ס פרוי.

ער איז אַוועק פון דער שטאָדט, וואו מרס. פעטערסאָן האָט געוואָהנט, אָבער ער האָט זיך בעזעצט ניט ווייט פון זיי אונטער אַ פרעמדען נאָמען און האָט דיא גאַנצע צייט געהאַט אַן אויג אויף זיין געליעבטע. ער האָט דאָס געטהאָן צוליעב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, האָט ער געוואָלט זיין נאָהענט צו זיין געליעבטער, אום איהר צו קומען צו הילף, ווען זיא וועט זיך נויטיגען אין דעם, ווייל ער איז געוועזן זיכער, אַז זיא וועט זיין אונגליקליך אין איהר פערהייראַטען לעבען; צווייטענס, האָט ער דאָך געהאָפט, אַז זיא וועט זיך נאָך אַמאָל אומקעהרען צו איהם.

ער האָט זיך אָבער אויף קיין זאַך ניט דערוואַרט. באַלד נאָך מרס. פעטערסאָן'ס הייראַט איז געבוירען געוואָרען עלען און דאָס קינד האָט דיא ערשטע צייט אַביסעל נעהענטער פערבונדען דעם פאָטער און דיא מוטער. יאָהאַן'ס האָפנונגען ווען-עס-איז צו בעזיצען זיינע געליעבטע שוואַכער געוואָרען, דערפאַר האָט עס איהם געפרעהט, וואָס דאָס גליק האָט אַ שמייכעל געטהאָן צו דער אונגליקליכער פרוי און מוטער.

— גאָט מיינער, וויא האָט דער מאַן גענומען אַזוי פיעל ליעבע! — האָט מיט בעוואונדערונג געטראַכט בערנאַרד האָפמאַן לעזענדיג זיין ברודער'ס בריעף — דער מאַן איז דאָך פשוט אַ הייליגער אָדער אַ משוגע'נער. יעדענפאַלס

איז אזא ליעבע דיא אונגעוועהנליכסטע און דיא וואונדערבאַרסטע זאַך, וועלכע איך האָב ווען־עס־איז געזעהן און געהערט.

מיט טרעהרען אין דיא אויגען האָט ער ווייטער געלייענט.

יאָהאַן האָט ווייטער געשריבען, אז ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז פּעטערסאָן איז אונערוואַרטעטערהייד געשטאָרבען, האָט ער פערגעסען אָן אַלעס און איז געקומען אין דער שטאָדט, וואו דיא פּעטערסאָנס האָבען געלעבט. ער איז שוין אָבער געקומען צו שפּעט. ער האָט זיך דערוואוסט, אז מרס. פּעטערסאָן האַלט ביי הייראַטען מיט סטיווענס'ען. ער האָט זיך וועגען סטיווענס'ען אָנגעהערט פיעלע שוידערליכע געשיכטען און זיין הארץ האָט געבלוטעט ביים געדאַנק, אז זיין געוועזענע געליעבטע איז אַרויס פון איין אונגליק אום אריינצופאַלען אין אַן אַנדערען, נאָך אַ גרעסערען.

זיין ערשטער געדאַנק איז געוועזען צו קומען צו מרס. פּעטערסאָן און אָנווענדען אַלע מיטלען צו פערמיידען איהר נייעם אונגליק; ער האָט אָבער קיין מוטה ניט געהאַט דערצו און ער האָט בעשלאָסען ווידער צו פערשווינדען.

עס האָט זיך דאַמאָלט אין אַמעריקאַ אָנגעהויבען אַ בעוועגונג נאָך דער ווייטער וועסט, וואו דאָס לעבען איז געוועזען פול מיט געפאַהר און וואונדערבאַרע פּאַסירונגען, און יאָהאַן איז אַהין אַוועק ניט זוכען זיין גליק, וויא אַנדערע האָבען עס געטהאָן, נאָר זוכען צערשטרייאונג און פילייכט געפינען דעם טויט.

"אַ וואונדערליך לעבען איז דאַן פאָרגעקומען אין יענער פערוואָרפענער געגענד פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקאַ — האָט געשריבען יאָהאַן — אַלעס איז געוועזען ניי און פול מיט געפאַהר. מערדער און רויבער האָבען געהאַט אַ פרייע האַנד, מען איז געוועזען אַליין פערוואָרפען אין דער ווילדער פּריירי (סטעפּע), אָבער פאַר מיר איז דאָס לעבען געוועזען וויא צוגעפּאַסט".

יאָהאַן איז געוואָרען אַ רייכער פיה־ציכטער. אין אַ פּאָר יאָהר אַרום נאָך זיין אָנקומען אין דער ווייטער וועסט האָט ער פערמאָגט טויזענדער בהמות און איז געוואָרען אונגעהייער רייך. דאָס שטורמדיגע ווילדע לעבען האָט איהם אויך פערהאַרטעוועט און ער האָט ביסלעכווייז פערגעסען אָן זיין אונגליקליכער ליעבע אָדער, בעסער געזאָגט, דיא וואונד האָט זיך אַביסעל פערהיילט און האָט ניט אַזוי שטאַרק געבלוטעט.

אַ צופאַל האָט איהם אָבער געבראַכט צוריק אין דער שטאָדט, וואו עס האָט געוואָהנט מרס. פּעטערסאָן, וועלכע האָט זיך איצטער גערופען מרס. סטיווענס, און דאָ האָט ער זיך דערוואוסט שוידערליכע געשיכטען וועגען איהר לעבען מיט סטיווענס'ען. מען האָט איהם דערצעהלט, אז זיין אַמאָליגע געליעבטע איז פּשוט פערשקלאַפט ביי איהר מאַן דעם באַנדיט, אז צווישען סטיווענס'ען און זיין שטיעף־טאָכטער עלען איז פאָרגעקומען אַ מיאוס'ער סקאַנדאַל, נאָך וועלכען

עלען איז אויף אימער אוועק פון דער היים, און אז, ענדליך, סטיווענס איז איצ־טער ניטא אין דער היים.

דאס גאנצע בלוט האט אויפגעקאכט אין יאהאן'ען און עס איז פשוט גע־ווען איבער זיינע כחות זיך צוריקצוהאלטען און ניט צו בעזוכען זיין אמאליגע געליעבטע, וועלכע ער האט זיך נאך אלץ פארגעשטעלט אזוי וויא ער האט זיא געקענט מיט איבער צוואנציג יאהר צוריק. זיא איז שוין יעצט א פרוי פון עטליכע און פיערציג יאהר, דאס האט ער קלאר געוואוסט, זיין פאנטאזיע האט זיא איהם אבער געמאלען ניט אנדערש וויא זיא האט אויסגעזעהן מיט צוואנציג יאהר צוריק.

ער איז אוועק צו איהר און האט זיא געטראפען נאך מעהר אונגליקליך, נאך מעהר געבראכען און ניעדערגעשלאגען וויא ער האט זיא זיך געמאלען אין דיא פינסטערסטע מאמענטען פון צווייפעל.

זיא איז איהם ארויפגעפאלען אויף'ן האלז און האט לאנג און ביטער געוויינט.

זיא האט איהם אפענהערציג דערצעהלט אלעס וואס זיא האט איבער־געלעבט און איבערגעליטען פאר דיא פיעלע, שווערע יאהרען זינט זיי האבען זיך צושיידט.

— אה, וויפיעל מאל האב איך גע'חלום'ט — האט זיא איהם געזאגט — אז דוא וועסט קומען און וועסט מיך בעפרייען פון מיין אונגליק. אליין האב איך קיין מוטה ניט געהאט זיך צו נעהמען דאס לעבען. איך, וואס האב אמאל אלעס געוואגט, בין אזוי צובראכען געווארען, אז איך האב אויף קיין זאך קיין מוטה ניט געהאט, און איך האב גע'חלום'ט, אז דוא וועסט קומען און וועסט אויס רחמנות מיר שענקען דעם טויט.

זיא האט איהם פערטרויט א סוד, אז זיא האט מורא, אז סטיווענס האט פערטראכט עפעס שלעכטס וועגען עלען, ווייל אזוי שנעל וויא עלען איז אב־געפאהרען אויף איהר וועלט־רייזע, איז ער איהר נאכגעפאהרען. זיא האט געוויזען יאהאן'ען דאס בריוועל, וואס זיא האט פון סטיווענס'ען געקראגען פון ניו יארק, וואו ער האט איהר געמעלדעט, אז ער פאהרט נאך עלען, כדי זיא איבערצורייידען, זיא זאל זיך אומקעהרען צו איהר מוטער. זיא האט ניט געגלויבט קיין איינציגען ווארט פון זיין בריעף. איהר מוטער־הארץ האט איהר נביאות געזאגט, אז סטיווענס'עס צוועק איז גאר אן אנדערער.

— איך מוז רעטען עלען! — האט זיא געבראכען דיא הענד.

און פלוצלונג האט זיא ענטשלאסען געזאגט:

— יאהאן, דוא האסט קיין מוטה ניט געהאט צו קומען צו מיר און פא־דערען פון מיר אונזער גליק באלד נאך פעטערסאן'ס טויט. דוא האסט אבער געהאט גענוג מוטה צו ליידען און אפפערען מיט זיך צוליעב מיר. דוא האסט

קיין מוטה ניט געהאט צו זיין גליקליך, דוא האָסט אָבער געהאט מוטה צו זיין אַן אָפּפער. טאָ האָב זשע מוטה צום לעצטען מאָל צו אָפּפערען מיט זיך פאָר מיר. העלף מיר ראַטעווען מיין קינד. לאָמיר זיי נאָכפאָהרען! לאָמיר פער־היטען דעם אונגליק!

"און זיא האָט איהרם אויסגעפיהרט, וויא אַלע מאָל — האָט ווייטער יאָהאַן געשריבען אין זיין לאַנגען בריעף — איך האָב בעשלאָסען מיט איהר זיך ארויסצולאָזען איבער ימים און זוכען עלען און סטיוווענס'ען, מיר האָבען אין דיא צייטונגען געלייענט וועגען אַן איבערפאַל וואָס עלען האָט געמאַכט אויף אַ שיף וואָס האָט געפיהרט פערשקלאַפטע פרויען און מיר האָבען זיך דערוואוסט, אַז עלען'ס שיף דארף זיין ערגיץ אין אַלעקסאַנדריע אָדער נאָהענט דערביי, האָבען מיר בעשלאָסען צו פאָהרען גלייך אַהין. אום אָבער צו זיין זי־כערער, ווענדע איך זיך צו דיר, פיליכט ווערסטו אונז קענען געבען מעהר איינצעלהייטען און אונז בעהילפיג זיין. אויב מיין בריעף וועט דיך טרעפען ערגיץ, טעלעגראַפיר אונז אויף דעם אַדרעס פון דעם האָטעל "לאָנדאָן" אין אַלעקסאַנדריע. מיר פאָהרען מאָרגען ארויס קיין ניו יאָרק און מיר האָפען באַלד צו קריגען אַ שיף פון דאָרטען.

"און נאָך איין זאַך. אויב עס וועט פּאַסירען, אַז דוא וועסט זיך אָנשטויסען אין וועג אויף עלען'ס שיף, האָב איך צו דיר אַ וויכטיגע בקשה פון מרס. סטיוווענס (אַה, וויא שווער איז מיר זיא אָנצורופען מיט דיזען פערפלוכטען נאָמען!). דיזע בקשה בעשטעהט אין פאָלגענדען: גרייט צו עלען צו דער בעגעגניש מיט איהר מוטער! עלען האָט שלעכט פערשטאַנען דיא בעציהונגען צווישען איהר מוטער און איהר פאָטער און זיא פעראַכטעט איהר אונגליקליכע מוטער. דיא אונגליקליכע מוטער האָט מיר דערצעהלט, אַז דוא ביזט מעהר אָדער ווייניגער בעקאַנט מיט איהר לאַגע און איך גלויב, אַז דיר וועט ניט שווער זיין צו ווערען איהר אַדוואָקאַט פאַר עלען. טהו דאָס צוליעב מיר און צוליעב אַן אונגליקליכער פרוי און מוטער!

דאָ האָט געפאָלגט דיא אונטערשריפט: "דיין יאָהאַן", אָבער נאָך דער אונטערשריפט איז געקומען פאָלגענדעס:

"ליעבער בערנאַרד! עס קען זיין, אַז דיר קומט אין אַלגעמיין פאָר לעכער־ליך דיא געשיכטע פון מיין ליעבע. אין אונזערע צייטען קומט עס אוים אביסעל ווילד, אַז אַ מאַן זאָל רואינירען זיין גאַנצען לעבען צוליעב אַן אונגליקליכער ליעבע און זאָל דיא ליעבע טראָגען אין זיין הארצען צעהנדליגע יאָהרען. איך אליין קום מיר אָפט פאָר זעהר לעכערליך, אָבער וואָס קען מען דאָ העלפען? אזוי האָט מיך גאָט בעשאַפען און איך קען זיך ניט איבעראַנדערשען.

"אָבער, בערנאַרד, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס איך בין שוין אַלט פינף און פיערציג יאָהר און מיין אמאָליגע געליעבטע איז אויך ביי דיא פיערציג,

קלאפט נאך אלץ מיין הארץ אזוי שטורמדיג, ווען איך בין נאהענט נעבען איהר, פונקט וויא איך וואלט אלט געווען צוואנציג יאהר. מיר זיינעןביידע מיעד און פריהצייטיג פערעלטערט, אבער — גאט מיינער! — איך האב דאך נאך ניט געלעבט! עס קומען מיר אפט אין קאפ געדאנקען, מיט וועלכע איך שעהם זיך אליין, איך קען זיי אבער ניט פערטרייבען און זיי מאטערען מיך טאג און נאכט.

"בערנארד, דוא ביזט דער איינציגער מענש, פאר וועמען איך קען זיך אויסריידען דאס הארץ און אויסריידען דאס הארץ מוז איך דאך פאר אימעצען. איך וואלט אפשר ניט געוואגט דיר דאס צו זאגען, ווען איך וואלט מיט דיר גע־ווען אויג אויף אויג, אבער אין א בריעף איז עס לייכטער צו זאגען.

"עס קען זיין, אז עלען'ס מוטער זאל זיך צוגעהן מיט סטיווענס'ען. אזוי האט זיא מיר געזאגט. זיא האט מיר דערצעהלט, אז זיא האט זיך מיט איהם געוואלט צוגעהן באלד נאך זעהר הייראט, אזוי וויא עס האט אבער דערביי געמוזט קומען צו אן עפענטליכען סקאנדאל, ווייל סטיווענס האט בשום אופן זיא ניט געוואלט בעפרייען, האט זיא צוליעב עלען'ס כבוד און עלען'ס רעפוטאציע בעשלאסען צו ליידען און צו שווייגען. איצטער, זאגט זיא, קען זיא שוין מעהר ניט ליידען און אויב עלען זאל איהר צוריק אומקעהרען איהר טאכטער־ליעבע און זאל ניט האבען דאגעגען א גט, וועט זיא איין מאל פאר אלע מאל מאכען אן אנשטרענגונג צו ווערען פריי.

"איך ווייס ניט, צו זיא וועט איינשטימען דאן צו הייראטען מיט מיר און איך ווייס אויך ניט, אויב עס וואלט געווען גליך פון מיין זייט צו הייראטען, אויב זיא זאל אפילו איינשטימען, אבער דערווייל לאזט מיך ניט צו־רוהה דער געדאנק, אז דיעניגע פרוי, וועלכע איך האב געטראגען אין מיין הארצען א פיער־טעל יאהרהונדערט און וועלכע איז אהן מיר געווען אזוי אונגליקליך, קען ענדליך געפינען רוה און שטילע צופריעדענהייט מיט מיר.

"דוא וועסט אפשר זאגען, אז איך טאר איצטער ניט הייראטען, ווייל עס קען זיין, אז מיר זאלען ביידע זיין אונגליקליך. איך אליין זאג עס אויך אפט צו זיך אליין. איך טענה מיט זיך אזוי: דוא האסט איבער צוואנציג יאהר גע'חלום'ט וועגען דיין אמאליגער יונגער, פרישער, שעהנער כלה און דוא וועסט נאך אזוי פיעל ליידען קריעגען דיא ליעבע פון א פרוי פון צוויי מענער, א פרוי אן אויסגעמאטערטע פון דעם אונגליקליכען לעבען. זיא קען שוין ניט ליעבען מיט דעם אמאליגען פייער און דוא קענסט זיך ניט בעגנוגענען מיט אבגעלעבטער ליעבע.

"אזוי טענה איך צו זיך אפט. אבער דאס הארץ בענקט אזוי און דאס נארישע הארץ האט אויך זיינע טענות. דאס אלטע נארישע הארץ זאגט: ניט דיין ליעבע און ניט איהר ליעבע איז ביז יעצט בעפרידיגט געווארען. אייערע

ביידענס געפיהלען קענען נאך אויפגעפרישט ווערען אויפס־ניי. און אויב אפילו איהר זאלט זיך ניט ליעבען אזוי פריש און ליידענשאפטליך וויא צוואנציג־יעהריגע יונגע לייט, זיינט איהר ביידע אלט גענוג, צו שענקען איינער דעם צווייטען שטילע רוה און צופרידענהייט, וועלכע זיינען אמאל בעסער און בריינגען מעהר גליק וויא ליידענשאפטליכע ליעבע.

"אזוי טענה'ט מיט מיר דאס הארץ און מיר דאכט זיך, אז עס האט רעכט.

"מיט איינעם ווארט, בערנארד, דיין אלטער, נארישער ברודער חלומ'ט און האפט און בענקט און פערלאנגט אביסעל רוה און גליק. ועסטו האבען דעם מוטה איהם דערפאר צו פערדאמען? איך האף, אז ניט.

בערנארד האפמאן האט געענדיגט לייענען דעם בריעף און האט זיך טיעף פערטראכט.

עפעס איז איהם פארגעקומען, אז זיין פינף־און־פיערציג יעהריגער ברודער שטעהט פאר איהם אזא הילפלאזער און בעט זיך ביי איהם: ערלויב מיר צו ליעבען און זיין גליקליך כאטש אויף דער עלטער! טרעהרען האבען זיך דערביי געשטעלט אין האפמאן'ס אויגען.

אבער וואס טהוט מען ווענגען יאהאן'ס בקשה? זאל ער ווארטען אויף זיי אין אלעקסאנדריע אדער זאל ער זיי איבערלאזען א ידיעה אין דעם האטעל "לאנדאן" און אליין זיך ארויסלאזען זוכען עלען? און ווער ווייסט, וואס מיט עלען האט פאסירט? פיליכט האבען זיא דיא באנדיטען ערמארדעט?

ער האט ענדליך בעשלאסען פאלגענדעס: ער וועט ווארטען ביז הארלינגטאן וועט צוריקקומען פון זיין רייזע, אויף וועלכער ער האט זיך ארויסגעלאזען, אום צו זוכען עלען, און דאן וועט ער שוין ויסען וואס צו טהאן, און דערווייל לאזען וויסען אין האטעל "לאנדאן", אז אויב רייזענדע וועלען פרעגען אויף איהם, זאל מען זיי אבשיקען אויף דעם "בליץ".

דאס איז געוועזן דאס בעסטע וואס ער האט געקענט טהאן אונטער דיא אומשטענדען.

25טעם קאפיטעל.

אן אפענע ערקלערונג

— לארד הארלינגטאן, איהר מוזט איין מאל פאר אלע מאל אויסהערען מיין פאלשטענדיגע ודוי. גענוג זיך צו שפיעלען אין בעהעלטעניש. אלעס מוז ענדליך ווערען קלאר צווישען אונז.

— אבער אום גאטעס ווילען, עלען, קיינער פאדערט דאך פון דיר ניט קיין ערקלערונג.

דיזער געשפרעך צווישען עלען און לארד הארלינגטאן איז פארגעקומען א פאר שטונדען נאכדעם, וויא הארלינגטאן איז אנגעקומען אין אראבישען לאגער, וואו ער האט געפונען עלען. דיא ערשטע פאר שטונדען האבען אלע פערבראכט צוזאמען. עלען האט דערצעהלט, וויא אזוי זיא איז פערשוואונדען נאך זייער רייזע אין דער מדבר לעבען קאירא און וואס זיא האט איבערגעלעבט זייט דאן ביז איצטער. זיא האט דערביי בלויז פערשוויגען, אז דער מאן וואס האט זיא גערויבט איז געווען איהר שטיעף־פאטער און אז ער האט זיא שיער ניט געבראכט צו שאנדע. דיא אנגעקומענע, פון זייער זייט, האבען איהר איבערגעגעבען אלעס וואס זיי האבען זייט דאן דורכגעלעבט.

ווען דיא אנגעקומענע זיינען אוועק זיך אויסרוהען נאך דער לאנגער, שווערער רייזע, האט עלען אבגעהאלטען הארלינגטאן'ען און צווישען זיי האט זיך אנגעהויבען דער פריהער־דערמאנטער געשפרעך.

— לארד — האט עלען געזאגט — איך פאדער פון אייך, איהר זאלט מיך אויסהערען.

— אבער ווארום רופסטו מיך לארד? דוא ווייסט, אז דוא וואלסט מיך גליקליך געמאכט, ווען דוא וואלסט מיך גערופען ביים נאמען.

— און איך וואלט זיך אויך געפיהלט גליקליך, ווען איך וואלט געהאט דאס רעכט דערצו.

— אלץ דיעזעלבע אלטע געשיכטע.

— יא, אלץ דיעזעלבע אלטע געשיכטע און דערצו נאך עטוואס נייעס.

— נאך נייעס?

— יא. אום גאטעס ווילען, לארד, הערט מיך אויס... ווייסט איהר, ווער עס איז געווען דער מאן, וועמען איהר האט פריהער געזעהן אוועקרייטענדיג פון דעם לאגער?

הארלינגטאן האט געוואלט ענטפערען: "ניין!", אבער עלען האט איהם אריינגעקוקט אין דיא אויגען און ער האט איהר קיין ליגען ניט געקענט זאגען. אויסערדעם האט ער פערשטאנען, אז ער וועט זיך שוין איצטער ניט ארויסדרעהען און ער האט בעשלאסען זיך אפען צו ערקלערען. עלען האט בעמערקט, וויא ער וואקעלט זיך און זיא האט ענטשלאסען ווידערהאלט:

— ווייסט איהר, ווער עס איז געווען יענער מאן?

— יא — האט פעסט געענטפערט הארלינגטאן.

— איהר ווייסט... — איז בלאס געווארען עלען.

— דאס איז געווען דיין שטיעף־פאטער, עלען — האט ער געזאגט און האט מיט א גוטמוטיגען שמייכעל אנגענומען איהר האנד, אום זיא צו ענטמוטיגען — זעהסטו, איך ווייס און — גארניט. עס איז גארניט אזוי שרעקליך, וויא דוא ווילסט עס מיר פארשטעלען. איך ווייס זאגאר, אז ער איז בעפרייט

געוואָרען מיט דיין הילף און אַז דו האָסט איהם בעפרייט, ווייל דו האָסט גערעכענט, אַז עס וועט זיין אַ בעליידיגונג פאַר מיר און פאַר דיר, אַז איך זאָל זיך מיט איהם בעגעגענען. ריכטיג?

עלען איז געשטאַנען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און האָט גאָרניט גע־קענט ענטפערען. עס איז איהר איצטער קלאָר געוואָרען, אַז האַרלינגטאָן ווייס אַלע איהרע סודות, אָבער וואָס בעדייטעט דאָס, וואָס ער אַנטלויפט ניט פון איהר און שלאָגט איהר דאָך פאָר זיין ליעבע? דאָס האָט עלען זיך ניט געקענט ערקלע־רען. עס איז אמת, אַז האַרלינגטאָן האָט זיא ליעב ביז משוגעת. ער איז אָבער איינער פון דיא גרעסטע ענגלישע אַריסטאָקראַטען און וויא וואָגט ער עס צו הייראַטען אַ מיידעל פון אַזאַ פאַמיליע? עלען האָט געפיהלט, אַז ווען זיא וואָלט געוועזן אויף זיין פּלאַץ, וואָלט זיא ניט געוואָגט צו טהאָן אַזאַ זאַך.

זיא האָט געקוקט אויף'ן לאָרד מיט שרעק און ערשטוינונג געמישט מיט בעוואונדערונג און פערגעטערונג.

האַרלינגטאָן האָט זיא מיט ליעבע צוגעצויגען צו זיך און האָט איהר גע־זאָגט:

— ליעבסטע, דו האָסט איבערגעשעצסט דיינע כחות, ווען דו האָסט בעשלאָסען מיר צו ערקלערען אַלעס וואָס עס דריקט דיין האַרץ. דו ביזט צו שוואַך דערצו און איך וועל דיר אַרויסהעלפען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין געצעלט, אין וועלכען זיי האָבען זיך גע־פונען, האָט זיא אַוועקגעזעצט לעבען זיך און האָט אָנגעהויבען מיט אַ ציטערנדער שטימע:

— פריהער פאַר אַלעמען, עלען, מוז איך ביי דיר בעטען אום ענטשולדי־גונג, וואָרום איך האָב אויסגעפאָרשט דיינע סודות. אָבער גלויב מיר, אַז איך האָב אַנדערש ניט געקענט האַנדלען און בלויז מיין שטאַרקע ליעבע צו דיר האָט מיך געטריבען דערצו. וויא אַזוי איך האָב זיך דערוואוסט דיינע סודות, וועל איך דיר דערצעהלען אַן אַנדערס מאָל, אָבער איך ווייס זיי, עלען.

— און דאָך... — האָט קוים אויסגעשטאַמעלט עלען.

— און דאָך... — האָט האַרלינגטאָן ווידערהאָלט מיט אַ שמייכעל — דאָך, זעהסטו, בין איך פון דיר ניט אַנטלאָפען.

— דו ווייסט ניט אַלעס.

— איך ווייס, טהייערע, איך ווייס אַלעס.

ער האָט אָנגענומען איהר קאָפּ און האָט איהם צוגעשפּאַרט צו זיין ברוסט.

— אַט־אַזוי ליעג — האָט ער געזאָגט — ליעג מיט פערמאַכטע אויגען, כדי איך זאָל זיך ניט דאַרפען שעהמען פאַר דיר, וואָרום איך האָב אַרויסגעקראָ־גען דיינע סודות, און איך וועל דיר אַלעס, אַלעס דערצעהלען. איך האָב דיא

ערקלערונג געוואָלט אָבלעגען אויף אַ שטיקעל צייט, אויב אָבער דוא צווינגסט מיך דערצו, זאָל זיין אַזוי. און ווידער קען זיין, אַז אַזוי איז גלייכער.

ער האָט זיך צוגעדריקט מיט זיינע הייסע ליפּען צו איהרע האָר און האָט דערביי דערפיהלט, וויא אַ הייסער שטראָם בלוט איז מיט איין מאָל דורכגע־לאָפען דורך זיין גאַנצען קערפּער. ער האָט אויך געפיהלט, וויא עלען האָט ווילד אַ ציטער געטהאָן.

אין אַ מינוט ארום האָט ער וויא מיט גוואַלד אָבגעריסען זיינע ליפּען און האָט שטיל אָנגעהויבען:

— יא, איך וויים אַלעס, עלען! איך וויים, אַז דוא האָסט אַן אונגליק־ליכע מוטער...

— בלויז אַן אונגליקליכע? — האָט מיט שרעק ווידערהאָלט עלען.

— בלויז אַן אונגליקליכע און ניט קיין זינדיגע, וויא דוא האָסט אימער גערעכענט.

— ווייסטו עס זיכער?

— איך וויים עס זיכער, עלען! אַן אונגליקליכע און אַן עלענדע. און איך וויים, אַז דיין שטיעף־פאָטער...

עלען האָט דערביי ניט־ווילענדיג אַ ציטער געטהאָן. האַרלינגטאָן האָט עס בעמערקט און ער האָט זיא פעסטער צוגעדריקט צו זיין האַרצען, ווען ער האָט געענדיגט:

— אַז דיין שטיעף־פאָטער איז דער ערגסטער אויסוואורף, וועלכען דיא ערד האָט ווען עס איז אויף זיך געטראָגען.

— און מיט דער שטיעף־טאָכטער פון אַזאַ באַנדיט וויל זיך לאָרד האַר־לינגטאָן, דיא פּאָהן פון ענגלאַנד, פערבינדען!

— ניין, לאָרד האַרלינגטאָן וועט זיך קיין מאָל ניט פערבינדען מיט דער שטיעף־טאָכטער פון אַזאַ באַנדיט, נאָר...

עלען איז אויפגעשפּרונגען וויא אַ שלאַנג וואָלט זיא אַ ביס געטהאָן.

האַרלינגטאָן האָט זיא אָנגעכאַפּט ביי דיא הענד, האָט זיא מיט גוואַלט צוגעצויגען צו זיך און האָט געענדיגט:

— ניט מיט דער שטיעף־טאָכטער פון אַזאַ באַנדיט, נור מיט דער טאָכ־טער פון אַ נאָבעלען פאָטער.

דער שטורם פון געפיהלען וואָס עלען האָט איבערגעלעבט אין דיא עטליכע מינוטען פון איהר געשפּרעך מיט האַרלינגטאָן׳ען האָט זיא אַזוי אָבגעשוואַכט, אַז זיא האָט מעהר ניט געקענט ווידערשטעהן האַרלינגטאָן׳ען. וויא אַ פער־שכור׳טע איז זיא געלעגען אין זיין שוים און האָט וויא דורך׳ן חלום געהערט וואָס ער האָט ווייטער גערעדט. און גערעדט האָט ער אַזעלכעס וואָס האָט זיך איהר גאָר קיין מאָל ניט געחלומ׳ט.

— טהייערע — האָט ער געזאָגט — וועסט מיר מוזען ענטשולדיגען דער־פאַר וואָס איך האָב ניט געהאַלטען מיין פערשפּרעכען וואָס איך האָב דיר גע־געבען צוריק מיט צוויי יאָהר אין ניו יאָרק, ווען איך האָב זיך דיר ערקלערט אין ליעבע און דוא האָסט מיין ליעבע צוריקגעוויזען. איך האָב דיר דאַמאָלס פערשפּראָכען קיין מאָל זיך ניט צו אינטערעסירען מיט דיר און ניט זוכען קיין בעגעגעניש מיט דיר. איך האָב עס דיר פערשפּראָכען, כאָטש איך האָב גאָר ניט אָנגעהויבען צו דענקען דעם פערשפּרעכען צו האַלטען. איך האָב דיר עס פערשפּראָכען מיט דעם איינציגען צוועק דיך צו בערוהיגען. אָבער יעדעס טראָפּענדעל בלוט פון מיין הארצען, יעדער נערוו מיינער, מיין פערשטאַנד און מיין נשמה האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם פערברעכען, אז מיר זאָלען זיך ביידע ענטזאַגען פון גליק. איך האָב געוואוסט, אז דוא האָסט מיך ליעב, איך האָב אָבער ניט געוואוסט, וואָס עס צווינגט דיך צו קעמפּפען געגען דיין ליעבע. איך בין געווען זיכער, אז בלויז דיין צארטעס געוויסען איז דאָ שולדיג. איך האָב זיך אָנגעשטויסען, אז דוא איבערטרייבסט פיליכט צופיעל דאָס וואָס דוא האָסט בעטראַכט אַלס שטערונג צו אונזער גליק. און איך האָב זיך געזאָגט: איך מוז אַלעס וויסען און דאַן... דאַן בין איך זיכער, אז איך און מיין עלען וועלען אויסקעמפּפען דאָס רעכט צו ליעבען. האָב איך דערמיט געזינדיגט, עלען?

עלען האָט דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבען און האָט גאָרניט געענטפערט. דאָס בלוט האָט געשטורעמט אין איהר הארצען פול מיט ליעבע און האָפנונג און זיא האָט מורא געהאַט נאָכצוגעבען דיעזע געפיהלען, פיליכט וועט זיך נאָך אַרויסווייזען, אז הארלינגטאָן איז אויף אַ פאַלשען שפּור און איהרע האָפ־נונגען זיינען נאָך אומזיסטע.

— ניין, איך האָב דערמיט ניט געזינדיגט — האָט ווידערהאָלט הארלינג־טאָן — אַ זינד וואָלט געווען, ווען איך וואָלט זיך בלינד אונטערגעוואָרפען דיין פאָדערונג און וואָלט אויף אייביג געלאָזט ניט פערהיילט דיא וואונדען פון אונזערע ביידענס הערצער. איך בין אימער געווען זיכער, אז איך האָב אַ רעכט דערצו און דער רעזולטאַט פון מיינע אונטערזוכונגען האָבען עס בעשטע־טיגט אויף'ן גלענצענדסטען אופן.

— און ווען דאָס וואָלט ניט בעשטעטיגט געוואָרען? — האָט שטיל, מיט אַ פערהאַלטענעם אָטהעם געפרעגט עלען.

— און ווען ניט... ווען ניט... וואָלט עס מיך אויך ניט אָבגעהאַלטען — האָט געזאָגט הארלינגטאָן.

עלען האָט איהם שאַרף אריינגעקוקט אין דיא אויגען.

— איז עס אמת? — האָט זיא געפרעגט.

— אמת, ליעבסטע, אמת; איך בין ניט דער ערשטער אין אונזער אַריסטאָ־

קראטישער משפחה וואס האט פערבויגען זיין יחוס, זיין משפחה און זיינע פריינד, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען ליעבע. ווילסטו הערען דיא געשיכטע פון אזא ניט גלייכער ליעבע אין אונזער משפחה?

— אבער, דזשיימס, דאס פיהרט אונז דאך אוועק פון אונזער געשפרעך.

— ניט אויף א האר; פערקעהרט, עס געהער זיך דירעקט אן מיט אונזער געשפרעך, וויא דוא וועסט שפעטער זעהן. ווילסטו הערען?

— דערצעהל.

— ווען דוא וועסט אריינקומען אין גיכען אין אונזער משפחה, וועסטו אפט הערען דעם נאמען פון לארד מאנספיעלד. צווישען אונזערע בעריהמטע נעמען איז דיעזער נאמען דער בעריהמטעסטער. און דוא וועסט הערען, וויא איינער פון דער פאמיליע, דזשיימס מאנספיעלד האט זיך פערליעבט אין אן ארימער מיידעל וואס איז געקומען פון רוסלאנד, אן אידישע אימיגראנטקע. ווען דיא משפחה האט דערהערט וועגען דער ליעבע, האבען זיך אנגעהויבען סקאנדאלען, אבער דזשיימס האט ערקלערט, אז עס וועט זיי גאר ניט העלפען: ער וועט הייראטען זיין געליעבטע אסתר (אזוי האט דאס מיידעל געהייסען). דער סקאנדאל איז געווען א שרעקליכער: גאנץ לאנדאן און גאנץ ענגלאנד האט וועגען דעם גערעדט. מען האט אנגעווענדעט אלעס, אום צו ברייגען צום שכל, וויא זיי האבען עס גערופען, דעם פערליעבטען און ווען קיין זאך האט ניט געהאלפען, האט מען אנגעווענדעט א מיטעל, וועלכער האט, אין מיינע אויגען, אויף אייביג בעדעקט מיט שאנדע מיין אריסטאקראטישע משפחה.... הערסטו זיך אויפמערקזאם איין?

עלען האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ און הארלינגטאן האט ווייטער פארטגעזעצט:

— זיי האבען אויסגענוצט דער ארימער מיידעל'ס ליעבע צו דזשיימס'ען, אום זיא צו פער'מיאוס'ען אין זיינע אויגען. מען האט איהר געזאגט, אז מיט איהר ליעבע רואינירט זיא ניט נור דזשיימס'ען, נאר דיא גאנצע משפחה. מען האט איהר איינגערעדט, אז דיא משפחה איז פערארעמט און וועט מוזען באנקראטירען, אויב דזשיימס זאל ניט טהאן א רייכען שדוך. מען האט איהר בסוד דערצעהלט, אז דזשיימס'ען וועט אויסקומען זיך אריינצושיסען א קויל אין קאפ, אויב ער זאל דורך זיין ליעבע צו איהר פערלירען דיא מעגליכקייט צו בעצאהלען זיינע חובות. און אזוי וויא אין איהר איז געווען פערליעבט אן אלטער רייכער באנקיער, האט מען איהר איינגערעדט, זיא זאל ביים באנקיער נעהמען געלד, כדי צו ראטעווען איהר דזשיימס'ען. דיא אונשולדיגע, עהרליכע אסתר האט זיי געגלויבט און האט זיי געפאלגט. ניט קוקענדיג אויף איהר אייגענעם גוטען נאמען, האט זי ביים באנקיר גענומען געלד פאר דזשיימס'ען און דאס האבען דזשיימס'עס קרובים בענוצט אלס בעוויז, אז זיא איז אן

אונאנשטענדיגע פרוי. דאס האט דזשיימס'ען שיער ניט געטריבען פון זינען, אבער די משפחה האט איהרם אויסגעפיהרט: ער האט די ליעבע צו אסתר'ען אויסגעריסען פון זיין הארצען.

— וויא שוידערליך! — האט עלען א ציטער געטהאן.

— יא, עס איז שוידערליך — האט געזאגט הארלינגטאן — וויא דוא זעהסט, אלזא, האב איך זיך אויך צו שעהמען מיט עטוואס; אויב דיין נאמען ווערט פערפלעקט דורך דיין שטיעף-פאטער, ווערט מיינער פערפלעקט דורך אנדערע פון מיין משפחה... אבער הער ווייטער.

— האט זיך נאך דערמיט ניט געענדיגט?

— ניין, דא האט עס זיך ניט געענדיגט. בעסער געזאגט, דא האט זיך ערשט דער אונגליק אנגעפאנגען. די גאנצע צייט וואס מען האט אסתר'ען געמאטערט, זיא זאל קריעגען געלד ביים באנקיער, האט מען איהר געזאגט, אז דזשיימס טאר דערפון ניט וויסען און אז ער וועט זיך אויך וועגען דעם קיין מאל ניט דערוויסען. זיא וועט איהם אבער דערמיט רעטען דאס לעבען און דאן וועט ער קענען מיט איהר הייראטען. דאס עהרליכע מיידעל האט געוואוסט, אז זיא בעגעהט א שאנד-טהאט און האט בעשלאסען קיין מאל ניט צו הייראטען איהר געליעבטען. זיא האט געוואוסט, אז ער וואלט קיין מאל ניט אנגענומען אזא אפפער פון איהר זייט און אז ער וועט דאס איהר קיין מאל ניט מוחל זיין. זיא האט דעריבער גערעכענט צו שטארבען אזוי שנעל וויא זיא וועט דאס געלד ארויסקריעגען ביים באנקיער. זיא האט געוואלט אפפערען מיט איהר לעבען צוליעב דזשיימס'עס לעבען.

— האט זיא דעם באנקיער... — האט אנגעהויבען עלען און האט ניט געענדיגט.

הארלינגטאן האט פערשטאנען, וואס עלען וויל פרעגען, און ער האט געזאגט:

— זיא האט ניט בעצאהלט מיט איהר פרויען-עהרע פאר דעם באנקיער'ס געלד. דאס געבען צו אלע פון אונזער משפחה. זיא האט נור דאס געלד ביי איהם אויסגעשווינדעלט דערמיט וואס זיא האט ניט ענטמוטיגט זיין ליעבע.

— און וואס איז געוועזען די ענדע?

— אה, די ענדע איז געוועזען א שוידערליכע. אסתר האט גערעכענט, אז אויף'ן צווייטען טאג נאכדעם וויא זיא האט דאס געלד אויסגעשווינדעלט, זאל זיא אויף אייביג פערשווינדען פאר דזשיימס'ען, זיא האט אבער פאר דעם געוואלט צום לעצטען מאל זעהן איהר געליעבטען און איהם געבען דעם לעצטען קוש. ער איז אבער ניט געקומען אין דער בעשטימטער צייט. זיא האט געווארט נאך א טאג און ער איז אלץ ניט געקומען. זיא האט איהם געשריבען און ער האט ניט געענטפערט.

— ער האָט עס געטהאָן, ווייל ער האָט גערעכענט, אז זיא האָט פער־בינדונגען מיט'ן באנקיער?

— יא, אזוי האָבען איהם איינגערעדט זיינע קרובים.

— אונגליקליכע פרוי!

— יא, אַן אונגליקליכע אָפּפערווילינע פרוי! זיא האָט געלעבט וויא א מארטירערין און איז געשטאָרבען וויא א מארטירערין. ווען דזשיימס האָט ניט געענטפערט אויף איהר בריעף, האָט זיא אָנגעשריעבען א צווייטען. זיא האָט פערשטאַנען, אַז דיא ענדערונג מיט דזשיימס'ען איז געקומען דערפון וואָס ער האָט זיך דערוואוסט וועגען איהר שווינדעל. זיא האָט ניט פערדעכ־טיגט, אז דיא גאנצע געשיכטע איז פאָרבערייטעט געוואָרען פון דזשיימס'עס קרובים; זיא האָט בלויז גערעכענט, אַז ער האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט דורך א צופאל. און אויב ער ווייסט שוין יאָ, מעג ער דאָך אמוועניגסטען וויסען דעם גאַנצען אמת. זיא האָט איהם אָנגעשריבען א דריטען בריעף, וואו זיא האָט איהם אַלעס ערקלערט און האָט דעם בריעף געשיקט מיט דזשיימס'־עס א גוטען פריינד, וועלכער האָט איהר פערשפּראָכען אונבעדינגט צו זעהן, אז דזשיימס זאָל דעם בריעף איבערלייענען.

— און דער אמת איז ענדליך ארויסגעשוואומען?

— פאָלשטענדיג ארויסגעשוואומען. דזשיימס האָט דעם בריעף איבער־געלייענט און איז באלד אוועק צו אסתר'ען.

— ער האָט איהר געגלויבט?

— זיא האָט איהם געגעבען אַלע נויטיגע בעווייזע און ער האָט געמוזט גלויבען. ער איז אוועק צו איהר, אום איהר צו בעווייזען, אז זיא איז איהם איצטער נאָך טהייערער. ער האָט פערשטאַנען, אז דאָס איז געווען ניט מעהר און ניט וועניגער, וויא א שענדליכע אינטריגע פון זיינע קרובים, און ער האָט ביי זיין געליעבטער געוואָלט בעטען ענטשולדיגונג. ער איז געווען ענטשלאָסען איבערצורייסען אַלע פערבינדונגען מיט זיין אריסטאָקראַטישער משפחה.

— ער האָט געמוזט זיין א זעהר נאָבעלער מענש.

— דער נאָבעלסטער מענש, וועלכען דוא קענסט זיך נור פאָרשטעלען — דער נאָבעלסטער און דער אונגליקליכסטער.

— אָבער דיא ענדע? דיא ענדע!

— דיא ענדע איז געווען, אז ווען ער איז געקומען צו זיין געליעבטער, האָט ער זיא געטראָפען א שטאַרבענדע. וויא זיא האָט איהם נור אוועקגע־שיקט דעם בריעף, האָט זיא גענומען גיפט. זיא איז געווען אזוי ריין, אז זיא האָט זיך ניט גערעכענט פאַר בערעכטיגט צו געניסען דזשיימס'עס ליעבע נאָכ־דעם וויא זיא איז בעגאַנגען א שאַנד־טהאַט, כאָטש זיא האָט דאָס געטהאָן צוליעב איהם. דזשיימס איז געקומען צו שפּעט זיא צו רעטען. ער האָט נור

צייט געהאט איהר צו געבען דעם לעצטען קוש, איהר פערמאכען דיא אויגען און נאכדעם זיך ארייניאגען א קויל אין הארצען.

— גאט! —האט מיט שרעק אויסגעשריען עלען.

— מען האט איהם גערעטעט — האט ווייטער דערצעהלט הארלינגטאן — עטליכע וואכען האט זיך דזשיימס גראנגעלט צווישען לעבען און טויט. א וואך צייט איז ער געווען בעוואוסטלאז און וויא ער איז נור געקומען צו זיך, האט ער ערקלערט, אז ער וויל ניט זעהן קיינעם פון דיא קרובים. ווען ער איז געזונד געווארען, איז ער אוועק פון לאנדאן און זייט דאן האט מען פון איהם ניט געהערט.

עטליכע מינוטען זיינען נאכדעם הארלינגטאן און עלען געזעסען שטיל. ביידע זיינען געווען פערטיעפט אין זייערע געדאנקען. עלען האט נאך אלץ ניט פערשטאנען, וואס פאר א שייכות עס האט דיא געשיכטע פון דזשיימס מאנספיעלד מיט איהר ליעבע צו הארלינגטאן'ען. זיא האט ניט געוואגט דאס צו פרעגען און האט געווארט, ביז איהר געליעבטער דזשיימס זאל איהר ערקלערען דאס געהיימנים פון יענעם אונגליקליכען דזשיימס.

— זייט דאן האט מען ניט געהערט וועגען איהם — האט אין א פאר מינוטען ארום ווידער אנגעפאנגען הארלינגטאן — און ערשט דאמאלט, ווען איך האב גענומען נאכפארשען וועגען דיא אורזאכען, ווארום מיין טהייערע עלען וויל מיר ניט שענקען איהר ליעבע, האב איך זיך אנגעשטויסען אויף זיין שפור.

עלען'ס הארץ האט דערביי א ציטער געטהאן, כאטש זיא האט נאך ניט געהאט דעם קלענסטען בעגריף וועגען דעם וואס הארלינגטאן וועט אויס־פיהרען.

הארלינגטאן האט מיט א טרויעריגען שמייכעל איהר אריינגעקוקט אין דיא אויגען, ווען ער האט פארטגעזעצט:

— איך האב זיך דערוואוסט, אז מיין אונגליקליכער קרוב דזשיימס האט א שטיק צייט פערבראכט אין הינדאסטאן אדער אינדיען, אין דעם פראכט־פאלען לאנד אין אזיען, וואס ווערט מיט רעכט בעטראכט אלס דער שעהנסטער פערל אין דער ענגלישער קרוין. איך האב זיך דערוואוסט, אז ער האט דארט געהאט א פריינד, וועלכער איז איצטער דער הויפט קאמאנדיר פון דעם ענגלי־שען גארניזאן אין אן אינדישער פעסטונג און אז ביי איהם וועל איך קענען קריעגען אלע איינצעלהייטען וועגען מיין קרוב. וועגען זיין פריינד ווייס איך בלויז זיין נאמען. דאס איז דער קאלאנעל (פאלקאווניק) גאלדסמיטה.

— גאלדסמיטה?! — האט איבערראשט אויסגעשריען עלען.

הארלינגטאן האט זיא פערוואונדערט אנגעקוקט.

— איז דיר בעקאנט דער נאמען?

— נו, געווים. איינע פון די מיידלעך וואָס מיר האָבען בעפרייט פון שקלאַפעריי, טראָגט דעם נאָמען גאָלדסמיטה און זיא האָט מיר פערטרויט בסוד, אַז איהר פאָטער איז אַ פּראָמינענטער מאַן אין הינדאָסטאַן און איז אַ קאָלאָנעל. זיא האָט עס בלויז מיר פערטרויט, ווייל זיא וויל ניט, מען זאָל וויסען, אַז זיא איז געווען אין די הענד פון שקלאַפען־הענדלער.

— אויב אַזוי, קען זיין, אַז דאָס מיידעל זאָל אונז פיעלעס קענען ערקלערען — האָט האַרלינגטאָן געזאָגט — איך האָב במילא געדענקט, מיר זאָלען פאָהרען נאָך הינדאָסטאַן און איצטער וועלען מיר דאָס מיידעל אָבפיהרען אהין און אויס דאַנקבאַרקייט וועט איהר פאָטער אונז געבען אַלע נויטיגע אויסקינפטע. דיעזע רייזע האָב איך עס אין זינען געהאַט, ווען איך האָב דיך געבעטען, זאָלסט מיר געבען אַ פּאָר מאָנאַט צייט און דאַן וועל איך דיר אַלעס ערקלערען.

— אָבער וואָס האָט דאָס צו טהאָן מיט מיר?

האַרלינגטאָן האָט ניט באַלד געענטפערט. ער האָט נעהענטער זיך אַוועק־געזעצט נעבען עלען, האָט אַריינגענומען איהרע ביידע הענד אין זיינע און האָט לאַנגזאַם, וויא ער וואָלט געצעהלט זיינע ווערטער, געזאָגט:

— איך האָב גענוג אורזאַכען צו דענקען, אַז דזשיימס מאַנספיעלד האָט נאָך זיין פערשווינדען אָנגענומען דעם נאָמען פּעטערסאָן.

עלען איז וויא פערגליווערט געוואָרען פאַר ערשטוינונג. איהר האַרץ האָט זיך אָבגעשטעלט אין איהר ברוסט.

— גאָט, איז דאָס מעגליך? — האָבען שטיל, קוים הערבאַר, אַרויסגע־שעפּטשעט איהרע בלאַסע ליפּען.

— עס איז מעגליך, מיין טהייערע! ווען דזשיימס איז פערשוואונדען, בין איך נאָך געווען אַ קליין קינד און איך געדענק איהם ניט. איך האָב אָבער געזעהן זיינס אַ בילד פון דער צייט, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָהר צוואַנציג און ווען איך האָב דיך דערזעהן, איז מיר באַלד איינגעפאַלען, אַז עפּעס איז פאַראַן אַן עהנליכקייט צווישען אייך ביידע. אין וואָס דיעזע עהנליכקייט בעשטעהט, וואָלט איך נאָך איצטער ניט געקענט זאָגען, אָבער וואָס מעהר איך קוק זיך איין אין דיר, אַלץ מעהר זעה איך דיעזע עהנליכקייט.

— און אויף דיעזער שוואַכער עהנליכקייט בויעסטו?

— ניין, ניט נור דאָס. איך האָב נאָך בעווייזע, אויך זעהר שוואַכע, איך בין אָבער זיכער, אַז איך האָב ניט קיין טעות און אַז קאָלאָנעל גאָלדסמיטה וועט אַלעס קלאָר מאַכען. אויף דער עהנליכקייט צווישען דיר און איהם האָב איך אין אָנפאַנג ניט געבויט קיין זאַך. ערשט דעמאָלט, ווען עס זיינען מיר צוגעקומען אַנדערע בעווייזע, האָב איך אויך די עהנליכקייט אַריינגערע־כענט אין חשבון.

— און אויב דיין פערדאכט וועט זיך ארויסווייזען אונבעגרינדעט? — האט מיט א ציטערענדער שטימע געפרעגט עלען.

הארלינגטאן האט אבגעדרוקט א הייסען קוש אויף עלען'ס שטערען.

— מיך וועט דיא משפחה שוין ניט אבנארען — האט ער געזאגט מיט א שמייכעל — דיא געשיכטע פון דעם ערשטען דזשיימס וועט זיין א גוטע לעהרע פאר'ן צווייטען.

א הייסער קוש האט געדיענט אלס ענטפער אויף דיעזע ווערטער.

עלען האט פערגעסען אן אלע צווייפלען און האט נור געדענקט, אז זיא ליעבט אזוי איהר דזשיימס'ען, וויא יענע אסתר האט ליעב געהאט איהרען און אז פונקט וויא אסתר איז זיא גרייט צו אפפערען איהר לעבען פאר דעם גליק פון איהר געליעבטען.

26טעם קאפיטעל.

נאך איין אפענע ערקלערונג

אויף מארגען האבען דער "אמאר" און דיא "וועסטא" זיך געלאזט ארויסגעהן פון דעם סועץ־קאנאל אויף דער וויטער רייזע נאך הינדאסטאן. דיעזע רייזע איז בעשלאסען געווארען אויף דער "וועסטא" אזוי שנעל וויא עלען איז צוריקגעקומען נאך איהר בעפרייאונג. אלע פארבערייטונגען זיינען שוין געמאכט געווארען אויף ביידע שיפען און דיא וועסטאלקעס זיינען איצטער געשטאנען אויף'ן דעק און בעאבאכטעט דעם פראכטפאלען זונען־אונטערגאנג.

בעטראכטענדיג דעם זונען־אונטערגאנג, האבען זיי פאר איין וועג אויך ניט פערגעסען צו כאפען א קוק אויף דעם "אמאר", וועלכער איז געשטאנען אזוי נאהנט פון זיי, אז מען האט געקענט קלאר זעהן אלעם וואס דארט קומט פאר און זאגאר זיך דורכריידען פון איין שיף אויף דער צווייטער.

אויף'ן דעק פון "אמאר" איז קיינער ניט געווען אויסער דעם פרעהליכען וויליאמס.

— וואס איז דער מעהר מיט אונזערע ענגלענדער? — האט איינע פון דיא וועסטאלקעס געזאגט — דעם גאנצען טאג זעהט מען ניט קיינעם פון זיי אין דיא אויגען. נור דער ארימער וויליאמס שלעפט זיך ארום וויא א פער־בלאנדזשעטע שעפס.

— דערצו איז ער דעם גאנצען טאג אזוי אומעטיג און ווייזט ניט קיין פרעהליכע מיענע — האט א צווייטע געזאגט — דאס איז גאר געגען זיין נאטור. איך האב איהם ביז היינט נאך ניט געזעהן קיין צוויי מינוטען ניט לאכענדיג.

— ניט קוקענדיג אויף זיין שטענדיגען לאכען, איז ער דאך א מענש מיט

ערנסטע אבזיכטען — האט עלען בעמערקט און האט געווארפען א זייטיגען בליק אויף מיסס טהאמפסאן, וועלכע איז דערביי עטוואס רויט געווארען.

— יא — האט עלען ווייטער פארטגעזעצט זיך מאכענדיג ניט וויסענדיג דערפון וואס מיסס טהאמפסאן איז רויט געווארען — מיר דאכט זיך, אז דיא מענער פלאנעווען עפעס אין געהיים פון אונז. עס וואלט כדאי געווען זיך עס צו דערוויסען.

— אומזיסט דיא מיה — האט זיך אריינגעמישט דזשעסי מוריי — איך האב עס היינט שוין געוואלט אויספארשען פון לארד הייסטינגס און האב קיין זאך ניט געקענט דערגעהן. מען דארף זיך א נעהם טהאן צו וויליאמס'ען... מיסס טהאמפסאן, צייגט אייער קראפט!

— איך וועל פרובען — האט מיסס טהאמפסאן געזאגט — אבער געהט איהר פריהער ארונטער אין דיא קאיוטען און לאזט מיך אליין.

אלע האבען געפאלגט.

מיסס טהאמפסאן איז צוגעגאנגען צום עק פון דעק און האט אויסגערופען:

— העלאו, הערר וויליאמס! נאך וועמען טרויערט איהר היינט?

— איך האב זיך דערמאנט, אז איך בין אן עלענדער מענש אהן נאהענטע און קרובים, פערווארפען אין מיטען ים און דערפון איז מיר אזוי אומעטיג געווארען אויף'ן הארצען, אז איך בין גרייט צו פערלאזען דיא וואך אויף'ן "אמאר" און אריבערשפרינגען צו אייך אויף דער "וועסטא"...

— וואו איהר וועט אויך קיין קרובים ניט געפינען — האט פאר איהם פערענדיגט מיסס טהאמפסאן.

— אה, מיסס טהאמפסאן, וויא גרויזאם איהר זיינט! מיין הארץ...

— איז אייער הארץ וויעדער אויסער ארדנונג?

— אויסער ארדנונג, מיסס טהאמפסאן; איהר האט געטראפען. אימער אויסער ארדנונג. אה, וויא גרויזאם מענשען זיינען, מיסס טהאמפסאן, און איבערהויפט פרויען און מעהר פון אלעמען אמעריקאנערינס.

— נו, דער געשפרעך ווערט שוין אביסעל געפעהרליך — האט געלאכט מיסס טהאמפסאן — לאמיר בעסער ריידען פון פרעהליכערע זאכען... זאגט מיר נור, סערר וויליאמס...

— רופט מיך ניט" סער וויליאמס", נאר פשוט וויליאמס און דאן וועל איך אייך זאגען אלעס וואס איהר ווילט און אפילו זאכען וואס איהר ווילט ניט וויסען.

— גאר פלוצלונג, מיר־ניט דיר־ניט?

— און ווארום ניט, מיסס טהאמפסאן? אלע גרויסע מענשען רופט מען פשוט ביים ערשטען נאמען.

— און אייך ווילט זיך זעהר זיין א גרויסער מענש?

— זעהר און איבערהייפּט אין אייערע אויגען, מיסס טהאָמפּסאָן!

— אָבער הערט דאָך אַמאָל, וואָס איך וויל אייך פרעגען — האָט מיסס טהאָמפּסאָן געלאַכט אין פערלעגענהייט — ווארום זעהט מען ניט אייערע חברים אויף דער שיף?

— און וואָס וועט איהר מיר געבען, אז איך וועל אייך זאָגען?

— דאָס איז ניט העפליך פון אייער זייט.

— אָבער, מיסס טהאָמפּסאָן, דאָס איז אַ געפעהרליכער סוד און איך טאָר איהם ניט ענטדעקען. אַ שעהנער סוד איז עס יעדענפאַלס, דאָס קען איך אייך יאַ זאָגען.

— אַן איבערראַשונג?

— אַ גרויסע. עס וועט שפּיעלען און קנאַקען און... אָבער איך טאָר ניט אויסזאָגען.

— גאָט מיינער, איהר מאַכט מיך נייגעריג! זאָגט עס מיר בסוד, איך וועל קיינעם ניט דערצעהלען.

— מען טאָר ניט... אָבער וואַרט! איך האָב אַן איינפאַל! מילא אויסזאָגען טאָר איך טאַקע ניט, אָבער איהר האָט דאָך אַ רעכט צו טרעפען. ניט וואהר?

— ריכטיג, אָבער איך קען דאָך ניט טרעפען.

— פּרובט. איך וועל אייך אַרויסהעלפען. זאָגט מיר, וואָס איז דאָס וואָס פליהט אין דער לופט, שווימט אויף וואַסער, שפּרינגט און איז רונד?

— אין גאַנצען רונד?

— אין גאַנצען.

— און עס פליהט אין דער לופטען?

— אוי, פליהט עס!

— און עס שווימט?

— נאָך אַ מין שווימען.

— נו, ווייס איך ניט.

— יאַ, עס איז אַביסעל שווער צו טרעפען — האָט געלאַכט וויליאַמס — דאָך וועלען מיר דיא האָפנונג ניט אויפגעבען. איך וועל אייך ווייטער העלפען. עס הויבט זיך אָן מיט אַ "ב".

— איך ווייס אַלץ ניט.

— עס ענדיגט זיך מיט אַ "ל".

— אַ "באַל" (פּילקע, מיאַטש)? איך פערשטעה ניט.

— אוי, וואָס פאַר אַ פערשטאָפּטען קאָפּ איהר האָט, מיסס טהאָמפּסאָן, ווארום זאָל עס ניט קענען הייסען אויף באַל, וואו מען טאַנצט און מען שפּיעלט און מען הוליעט?

— אָה — האָט זיך מיסס טהאָמפּסאָן פרעהליך צולאַכט — הייסט עס, אייער חברה מאַכט אַ באַל פאַר אונז?

— נו, זעהט איהר שוין; אַז איהר האָט נור געוואָלט, האָט איהר געטראָפען. איצטער איז שוין אַלעס כשר, אי איך האָב דעם סוד אייך ניט אויסגעזאָגט, אי איהר ווייסט איהם.

ער האָט זיך דערביי צולאַכט וויא אַ משוגע'נער פון זיין אייגענעם איינפאַל.

— אָבער וואו וועט זיין דער באַל? — האָט מיסס טהאָמפּסאָן געפרעגט.

— אָה, וואָס פאַר אַ נייגעריג פאָלק דיא פרויען זיינען! — האָט טראַגיש אויסגעשריען וויליאַמס — ערשטענס, איז עס דאָך אַ סוד און צווייטענס, וואָס וועט אייך שוין אַרויסקומען, אַז איך וועל אייך זאָגען, אַז דאָס וועט פאָרקומען אין צוויי שטונדען אַרום אין האָטעל "קענטעיר" ביים סאַמע קאַנאַל?

— איהר זיינט דער סאַמע פּאַסיגסטער מענש אייך צו פערטרויען אַ סוד — האָט געלאַכט מיסס טהאָמפּסאָן — איך, אַם ווענינסטען, וועל אייך מיינע סודות ניט פערטרויען. אָבער פאַר אייער איצטיגען פעררעטה דאַנק איך אייך יעדענפאַלס.

— אָבער, אום גאָטעס ווילען, פעררעטה איהר מיך ניט! עס שמעקט פשוט מיט סכנת נפשות.

— נישקשה, מיר וועלען אייך ניט לאָזען הייננען; מיט דיא צייהן וועלען מיר אייך אַראָברייסען פון דער תליה.

מיט דיעזע ווערטער האָט זיא איהם פערלאָזען און איז אַרונטערגעלאָפען דערצעהלען דעם סוד דיא איבריגע וועסטאַלקעס.

* *
*

און דער באַל איז ווירקליך געווען אַ גרויסאַרטיגער. ער איז געמאַכט געוואָרען לויט דעם פּלאַן פון לאָרד האַרלינגטאָן, וועלכער האָט אויף אַזאַ אופן געוואָלט פייערען עלען'ס בעפרייאונג. עס האָט געזאָלט זיין אַן איבעררעשונג, אָבער וויליאַמס האָט אויסגעגעבען דעם סוד אַ שטונדע פריהער איידער אויף דער "וועסטאַ" זיינען אָנגעקומען דיא אָפיציעלע איינלאַדונגען.

דער עולם האָט זיך פיין אַמוזירט, ווען פּלוצלונג איז אַריינגעקומען אַן אונגעבעטענער גאַסט. דאָס איז געווען דער דייטשער אינזשיניר און קאַפּיטאַן האָפמאַן.

— איך בין נור־וואָס אָנגעקומען אַהער מיט מיין שיף — האָט ער ערקלערט — און האָב זיך ניט געקענט ענטזאַגען פון דעם פערגניגען צו קומען אונגעבעטען.

אַלע האָבען איהם וואָרעם בעגריסט, נאָר אויף עלען און יאָהאַנאַ לינד האָט זיין אָנקומען געמאַכט אַ זעהר ניט אַנגענעהמען איינדרוק.

האָפמאַן'ס אָנקומען האָט דערמאָנט עלען אָן איהר מוטער, וועגען וועלכער זיא האָט נאָך ניט בעשלאָסען וואָס צו דענקען און וויא צו האַנדלען געגען איהר, און איצטער, ווען זיא האָט זיך געפיהלט אַזוי גליקליך, איז דיעזע ערינערונג איהר געווען העכסט אונאַנגענעהם.

נאָך ערגער האָט זיך געפיהלט יאָהאַנאַ לינד. זיא האָט שוין געוואוסט פון ניק שאַרפ'ען, אַז געאָרג האָט אויסגעגעבען איהר סוד און זיא האָט ביי זיך בעשלאָסען, אַז האָפמאַן מוז זיא איצטער פעראַכטען. וויא שטאַרק זיא האָט געליטען בלויז פון דעם געדאַנק אַליין, אַז ניט נור האָט זיא פערלאָרען איהר האָפנונג אויף האָפמאַן'ען, נאָר אַז ער פעראַכטעט זיא זאָגאַר, האָט זיא נאָך מעהר געליטען פון דער מורא, טאָמער וועט איהר אַמאָל אויסקומען מיט איהם זיך צו בעגעגענען. זיא האָט זיך אויך געפיהלט אַלס פעררעטהעריין צו איהם דערמיט וואָס מיט איהר הילף איז ניק אַרויף אויף'ן "בליץ" און אויסגעפאָרשט פּאָליטישע סודות.

ביי זיין אַריינקומען איז יאָהאַנאַ לינד דעריבער געוואָרען בלאַס וויא דער טויט און האָט אונבעמערקט זיך פעררוקט אין אַ ווינקעל.

און אייגענטליך איז איצטער האָפמאַן געקומען צום באַל מיט דעם צוועק זיך דורכצורעדען מיט עלען און מיט יאָהאַנאַ'ן. ער האָט זיך לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה, וויא ער זאָל זיך איצטער פערהאַלטען צו יאָהאַנאַ לינד און עס איז איהם אויך שווער געווען צו בעשליסען, אויב ער זאָל דערצעהלען עלען וועגען דעם אָנקומען פון איהר מוטער. ער האָט דעריבער ביז יעצט אויסגעמידען זיך צו בעגעגענען אי מיט עלען אי מיט יאָהאַנאַ'ן.

נאָך פיעלע מאַטערנישען און איבערלעגונגען האָט ער בעשלאָסען עלען גאָר ניט צו זאָגען וועגען איהר מוטער. ער האָט געדענקט, אַז אַלעס וואָס ער האָט געקענט זאָגען עלען צו גונסטען פון איהר מוטער האָט ער שוין געזאָגט און אַז עס איז בעסער, אַז דאָס איבריגע זאָל איהר שוין דיא מוטער אַליין ערקלערען.

עס האָט איהם דערביי אָבגעהאַלטען נאָך איין געדאַנק. אַזוי וויא עלען האָט ניט זעהר קיין גוטע מיינונג וועגען איהר מוטער, קען אויף איהר מאַכען אַ שלעכטען איינדרוק דער פאַקט וואָס איהר מוטער פאָהרט איצט צו איהר אין בעגלייטונג פון יאָהאַן האָפמאַן, איבערהויפּט נאָך, ווען עלען פערגעסט וואָהרשיינליך, אַז איהר מוטער איז שוין אַן עלטערע פרוי און זיא שטעלט זיא זיך פאָר אין דיא געדאַנקען נאָך אַלץ אַזוי יונג וויא דאַן, ווען זיא איז אוועק פון דער היים. און ווירקליך: עלען קען אויסקומען, אַז איהר מוטער האָט פריהער אויסגעביטען האָפמאַן'ען אויף איהר פאָטער, איהר פאָטער האָט זיא

אויסגעביטען אויף סטיווענס'ען און וויא סטיווענס איז נור אבגעפאהרען, האט זיא זיך ווידער פערבונדען מיט האפמאן'ען.

פערענטפערען עלען'ס מוטער וועט קיינער ניט קענען אזוי גוט וויא זיא אליין, האט בעשלאסען האפמאן, און עס איז ביי איהם בעשטימט געווארען מיט עלען גאר ניט צו ריידען. ער האט איצטער נור בעדארפט אויספאר־שען וואוהין עלען פאהרט, אום עס צו לאזען וויסען איהר מוטער.

פיעל שווערער איז האפמאן'ען אנגעקומען עטוואס צו בעשליסען וועגען זיינע בעציהונגען צו מיסס לינד.

פיעלע שלאפלאזע נעכט און אונרוהיגע טעג האט ער פערבראכט איידער ער איז געקומען צום שלוס, אז זיא איז איהם טהייערער פון אלץ אין דער וועלט און אז ער קען זיך מיט איהר ניט שיידען. מיט דיעזען בעשלוס איז ער איצטער געקומען צום באל פון דיא וועסטאלקעס.

אין א פיערטעל שטונדע ארום נאך זיין אנקומען האט האפמאן אבגעזוכט יאהאנא'ן אויף דער וועראנדא פון האטעל. זיא איז געזעסען איינע אליין, פערזונקען אין שווערע געדאנקען. זיא האט זאגאר ניט געהערט, וויא האפמאן איז צו איהר צוגעקומען.

— וואס טרויערט איהר, מיסס לינד? — האט האפמאן שטיל געזאגט צוגעהענדיג צו איהר — וואלט אפשר מעגליך געווען, אז איהר זאלט א טהייל פון אייערע זארגען ארויפווארפען אויף מיינע ברייטע פלייצעס?

יאהאנא האט א ציטער געטהאן פאר שרעק צוליעב דער אונערווארטעטער שטימע און האט געזאגט:

— אה, הערר האפמאן!

— יא, דאס בין איך — האט ער געזאגט און האט זיך אבגעשטעלט, ווייל ער האט ניט געוואוסט, וויא ווייטער אנצופיהרען דעם געשפרעך.

יאהאנא האט זיך אויך געפיהלט אין א שרעקליכער פערלעגענהייט און ביידע האבען א שטיקעל צייט געשוויגען.

ענדליך האט האפמאן שטיל אנגעפאנגען:

— מיסס לינד, איך בין היינט געקומען אהער צוליעב אייך און נור צוליעב אייך. מיר מוזען זיך איין מאל פאר אלע מאל ערקלערען. דיא מאדנע פערהעלטניסע צווישען אונז זיינען שוין ממש אונערטרעגליך פאר מיר און מיר מוזען אמאל קומען צו א שלוס.

— וואס מיינט ער? — האט א טראכט געטהאן יאהאנא און איהר הארץ האט גענומען שנעל שלאגען — וויים ער דאך איצטער, אז איך בין א שפיאנין און עס קען דאך ניט זיין, אז ער זאל מיך נאך ליעבען! אדער וויל ער פיליכט וויסען, ווארום איך האב אויף זיין שיף ארייגגעשמוגעלט שפיאנען? גאט מיי־נער, וואס זאל איך איהם ענטפערען?

זיא האָט געשוויגען און האָפמאַן האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב אייך ליעב בעקומען באַלד וויא איך האָב זיך בעקענט מיט אייך און האָב דיא ליעבע ניט געקענט אַרויסרייסען פון מיין הארצען נאָכדעם וויא מיר האָבען זיך צושיידט. איך האָב אייך איבעראַל געזוכט און האָב אייך ניט געקענט געפינען. איך האָב שוין געהאַט בעשלאָסען, אַז איהר זיינט פאַר מיר פערלאָרען אויף אייביג, אָבער איך האָב אַלץ אָן אייך ניט געקענט פערגעסען. און פּלוצלונג האָבען מיר זיך בעגעגענט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט וויא ער וואָלט געוואַרט אויף איהר ענטפער, אָבער זיא האָט געשוויגען.

— מיר האָבען זיך אונערוואַרטעט בעגעגענט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל — האָט ער ווייטער גערעדט — אָבער איהר האָט זיך אין גאַנצען געענדערט צו מיר. וואָרום? איך האָב זיך געבראָכען דעם קאָפּ און האָב עס ניט געקענט פערשטעהן. מיך האָט געוואונדערט, וויא קומט איהר, אַן אָרימע לעהרערין, אין דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט פון דער "וועסטא"; איך האָב פערשטאַנען, אַז דאָס איז פערבונדען מיט אַ געהיימנים, וועלכע האָט פיליכט געבראַכט אויף דערצו, אַז אייער ליעבע צו מיר זאָל זיך אָבקיהלען. איך האָב זיך דעם קאָפּ צובראָכען, וועלענדיג אויפדעקען אייער געהיימנים און האָב ניט געקענט.

יאָהאַנאַ האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער זיא האָט געפיהלט, אַז אויב זיא וועט נור עפענען דאָס מויל, וועט זיא אויספּלאַצען אין אַ געוויין. האָפמאַן איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט ניט בעמערקט איהר צושטאַנד און האָט נערוועז ווייטער גערעדט:

— איהר האָט מיך דאַן געבעטען, איך זאָל אַרויפנעהמען אויף מיין שיף אַ מאַן, וועלכער דאַרף אויסשפּיאָנירען דיא באַנדיטען, וואָס פערפאָלגען מיסס פּעטערסאָן. איך האָב דאָס ניט געטאָרט טהאָן, ווייל מיין שיף איז אַ רעגיערונגס שיף פול מיט פּאָליטישע סודות, איך האָב אייך אָבער ניט געקענט ענטזאָגען און האָב עס געטהאָן פאַר אייך אין דער האָפנונג, אַז אייער הארץ וועט זיך דאָך צוריק אומקעהרען צו מיר. וואָרום איהר זיינט געוואָרען קאַלט צו מיר — דאָס האָב איך נאָך אַלץ ניט פערשטאַנען.

— אום גאָטעס ווילען, מאַטערט מיך ניט! — האָט זיך ביי יאָהאַנאַ'ן אַרויסגעריסען אַ קרעכץ.

— אָרימע יאָהאַנאַ! — האָט האָפמאַן געזאָגט — איך מאַטער זיך נאָך מעהר, אָבער מיר מוזען דורכגעהן דיא מאַטערנישען, אום איין מאָל פאַר אַלע מאָל פון זיי פּטור צו ווערען. איך וועל דעריבער געהן ווייטער. אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען בין איך אַריינגעקומען צו מיר אין קאַבינעט און האָב געטראָפען,

וויא מיין דיענער פארעט זיך צווישען מיינע פאפיערען. און — און דער סוד איז ענטדעקט געווארען. מיין דיענער האט מיר ערקלערט...

— איך וויים, איך וויים אלעס — האט זיך געבעטען יאהאנא — זאגט מיר, אז איהר פעראכטעט מיך, אז איהר קענט מיך ניט ליעבען מעהר, אבער פערשפארט מיר דיא ליידען!

— ענטשולדיגט, יאהאנא — האט טיעף גערירט געזאגט האפמאן — איהר פערשטעהט מיך ניט. לאזט מיך נור ענדיגען און זייט רוהיג. איך פעראכטע אייך ניט; א סימן האט איהר, איך בין איצטער געקומען צו אייך. איך ליעב אייך, ווייל איך קען ניט אויפהערען אייך צו ליעבען און ווייל איך גלויב אין אייער ריינקייט און עהרליכקייט.

יאהאנא האט מיט ערשטוינונג איהם אנגעקוקט.

— איהר מאכט שפאס? — האט זיא געזאגט.

— איך זאל שפאסען פון אייך? ניין, מיסס לינד! איך וויל נור וויסען אויף וויפיעל עס איז אמת דאס וואס איך האב זיך דערוואוסט פון מיין דיענער. איז ניק שארפ אייער ברודער?

— יא.

— זיינט איהר אנגעשטעלט אויף דער "וועסטא" אלס...

— אלס הארלינגטאן'ס שפיאנין? יא.

— צוליעב וואס האט איהר אנגענומען דיא שטעלע?

— ווייל איך בין ארויסגעיאגט געווארען פון יענעם הויז, וואו איהר האט מיך בעגעגענט, דערפאר וואס מיינע עלטערען זיינען געוועזען ארימע, און אונגליקליכע מענשען און מיין ברודער איז א דעטעקטיוו.

— און איהר האט זיך דערוויטערט פון מיר, ווייל איהר האט מורא געהאט, אז איך וועל אייך פעראכטען דערפאר?

— יא.

— און וואס וועט זיין, אז איך וועל דיר דאך פארשלאגען מיט מיר צו הייראטען?

יאהאנא איז אויפגעשפרונגען פון איהר פלאץ און איז געשטאנען א בלאסע אקעגען דער שיין פון דער לבנה. האפמאן'ען האט זיא אויסגעזעהן וויא א שעהנע געטין פון ליידען. מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס האט ער זיך דערנעהנטערט צו איהר, אבער זיא איז פון איהם אבגעשפרונגען.

— ווייסט איהר אלעס? — האט זיא איהם געפרעגט.

— איך וויים אלעס — האט ער געזאגט און האט געוואלט אננעהמען איהר האנד.

— ניין, ניין — האט זיא זיך געבעטען — איהר ווייסט ניט. לאזט מיך זיך בערוהיגען פריהער. מיר מוזען זיך נאך וועגען פיעלעס דורכריידען.

ניט ווייסענדיג נאָך וועגן וואָס זיא וויל מיט איהםריידען, האָט דאָך האָפמאַן אָבגעטראָטען פון איהר. עס איז איהם געווען שווער אָנגעקומען זיך צו ענטשליעסען צו פערבויגען איהר אָבשטאַמונג און איהר בעשעפטיגונג, און איצטער קומט גאָר נאָך עפּעס וואָס עס שיינט צו זיין נאָך שרעקליכער.

— רעדט! — האָט ער געזאָגט מיט א הייזעריגער שטימע.

יאָהאַנאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן א זייל, אום זיא זאָל ניט אומפאַלען, אזוי שוואַך האָט זיא זיך געפיהלט.

— מאַטערט מיך ניט! רעדט! — האָט זיך געבעטען האָפמאַן.

— הערר האָפמאַן — האָט יאָהאַנאַ אָנגעהויבען מיט א ציטערענדער שטימע — גלויבט מיר, אז איך האָב ניט געמיינט אייך שלעכטעס צו טהאָן. עס האָט פּאַסירט געגען מיין ווילען. איך האָב וועגען קיין זאַך ניט געוואוסט און האָב זאָגאר קיין זאַך ניט פערדעכטיגט. איך וואָלט עס קיין מאָל ניט ערלויבט.

— אָבער איך פערשטעה ניט, וועגען וואָס איהר רעדט.

— איהר וועט באַלד פערשטעהן דיא שוידערליכע וואַרהייט. אָבער איידער איהר דערוויסט זיך אַלעס, וויל איך אייך פערזיכערען אין מיין אונשולד. איהר פערשטעהט דאָך, אז איך האָב שוין ניט וואָס צו פערלירען און זאָג אייך דעם אמת, ניט אום זיך צו ראַטעווען.

זיא האָט אָבגעכאַפּט דעם אָטהעם און האָט ווייטער גערעדט, ניט קוקענדיג אויף האָפמאַן'ען.

— ווען מיין ברודער האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהם געבען א בריעף צו אייך און אייך בעטען, איהר זאָלט איהם ארויפנעהמען אויף אייער שיף, האָט ער מיר מיט קיין איינציגען וואָרט ניט געגעבען קיין אָנצוהערעניש, אז ער האָט דערביי אויך אַנדערע צוועקען.

— אַנדערע צוועקען? — האָט דערשראָקען ווידערהאָלט האָפמאַן — וועלכע אַנדערע צוועקען?

— ער האָט מיר ניט געזאָגט, אז ער וויל שפּיאָנעווען אייך אליין און אז ער האָט שוין ארויפגעשמוגעלט אויף אייער שיף א שפּיאָן, וועלכער האָט געדיענט ביי אייך אונטער'ן נאָמען געאָרג.

— איז געאָרג געווען א פּאָליטישער שפּיאָן?

— יא.

— און געזוכט האָט ער ביי מיר ניט וואָס איך שרייב אין טאָגעבוך וועגען אייך?

— ניין, ער האָט געזוכט אייער געהיימע פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענץ. דיא מעשה וועגען אייער טאָגעבוך האָט ער אויסגעטראַכט, אום אייך אָבצונאַרען און מיין סוד האָט ער אויסגעגעבען, אום איהר זאָלט איהם גלויבען, אז ער האָט קיין אַנדער זאַך אויסער אייער טאָגעבוך ניט געזוכט.

— פון וואַנען ווייסט איהר עס?

— מיין ברודער האָט מיר אַלעס מודה געווען, נאָכדעם וויא איהר האָט געכאַפּט געאָרג׳ען ביי דער האַנד.

האָפמאַן האָט זיך מיטביידע הענד אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. יאָהאַנא האָט זיך היסטעריש צואוויינט. האָפמאַן איז זיך אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען דורך דער ווערענדע. ער האָט געציטערט מיט׳ן גאַנצען קערפּער און זיינע אויגען זיינען געווען אָנגעגאָסען מיט בלוט. ער איז גרייט געווען זיך אַרויפצוואַרפען אויף יאָהאַנא׳ן און זיא דערשטיקען.

עס זיינען פּאַריבער פולע פינף מינוט איידער ער האָט זיך בערוהיגט אויף אַזוי פיעל, ער זאָל קענען קאָנטראָלירען זיין כעס און דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו יאָהאַנא׳ן:

— וועט איהר זיין אַזוי גוט, מיר צו ענטפערען אויף אַ פּאָר פראַגען?

— איך וועל אייך זאָגען אַלעס וואָס איך ווייס.

— איך גלויב אייך. אַלזאָ, זאָגט מיר: איז אייער ברודער געלונגען עט־וואָס צו דערגעהן פון מיינע סודות?

— זעהר פיעל.

— למשל?

— ער ווייסט דעם נאָמען פון דעם דייטשען אָפיציער וואָס האָט זיך אַריינגעשמוגעלט אין דער אַרמעע פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען און האָט אייך איבערגעגעבען מיליטערישע סודות.

— איז עס זיכער?

— זיכער.

— קענט איהר מיר זאָגען זיין נאָמען?

— יא. זיין נאָמען איז שטיינער.

האָפמאַן האָט אַ קריץ געטהאָן מיט דיא ציין פאַר כעס.

— ניק האָט אויך איבערגעכאַפּט שטיינער׳ס עטליכע בריעף צו אייך און האָט זיי איבערגעגעבען צו דער אַמעריקאַנער רעגיערונג — האָט געזאָגט יאָהאַנא — און אין דער מינוט, ווען מיר ריידען איצטער, קען זיין, שטעהט שוין שטיינער פאַר אַ מיליטערישען גֶעריכט אָדער איז שוין פיליייכט געשאָסען גע־וואָרען.

— און דאָס האָט איהר מיר געטהאָן! — האָט אויסגעשריען האָפמאַן און האָט מיט האַס אַ קוק געטהאָן אויף יאָהאַנא׳ן.

— איך האָב עס ניט געמיינט צו טהאָן.

— אָבער וואָלט איהר מיר אויסגעזאָגט דעם סוד פריהער איידער אייער ברודער האָט אַרויסגעקראָגען מיינע סודות?

יאָהאנא האָט זיך אויף א ווײלע פערטראַכט און האָט ענטשלאָסען גע־ענטפערט:

— ניין. איך וואָלט ניט בענוצט אייער ליעבע, אום אייך אריינצושמוג־לען שפּיאָנען; איך וואָלט אָבער צוליעב מיין ליעבע קיין מאָל ניט פערראַטהען דיא אינטערעסען פון מיין לאַנד.

— איך דאַנק אייך! — האָט מיט א בייזען שמייכעל געזאָגט האָפּמאַן — איהר האָט מיר איצטער געגעבען א גוטען ביישפּיעל. עס האָט שיער ניט געהאַלטען דערביי, אַז איך זאָל צוליעב מיין ליעבע צו אייך פערראַטהען דיא אינטערעסען פון מיין לאַנד. איהר האָט מיר אָבער אַנגעצייגט מיינע פּפליכ־טען און איהר וועט מעהר פון מיר קיין מאָל ניט הערען א וואָרט וועגען ליעבע.

— איך האָב געוואוסט, אַז דערמיט וועט זיך ענדיגען, ווען איך האָב בעשלאָסען אייך צו זאָגען דעם אמת — האָט שטיל געזאָגט יאָהאנא — און מיר בלייבט נור איבער נאָך אמאָל אייך צו בעטען, איהר זאָלט גלויבען אין מיין עהרליכקייט. איך שווער אייך נאָך אמאָל, אַז איך האָב גאָר ניט גע־וואוסט וועגען ניק'ס פּלענער. איך פערליער אייער ליעבע, איך וויל אָבער ניט פערלירען אייער אכטונג.

— וועט איהר מיר אפשר ענטפערען אויף נאָך א פראגע? — האָט האָפּ־מאַן געפרעגט.

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך וועל אייך זאָגען אַלעס וואָס איך וויים — האָט יאָהאנא געענטפערט — איך בעטראַכט דאָס אַלס מיין שולד צו אייך. פרעגט!

— האָט ניק שארף אויך פּרובירט אויסצופאָרשען מיין שיף?

— יאָ.

— און איז עס איהם געלונגען?

— יאָ.

— למשל?

— ער האָט דעם פאָלשטענדיגען פּלאַן פון אייער שיף און פון אַלע מאַ־שינען. אַלע פּלענער זיינען שוין אָוועקגעשיקט נאָך וואַשינגטאָן.

— פערדאַמט! — האָט האָפּמאַן א קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פויסט איבער דער פּאַרענטשע פון וועראַנדע.

ער האָט געפיהלט, אַז ער פערלירט דיא קאָנטראָלע איבער זיך און אַז ער איז גרייט אויפצוהויבען א האַנד אויף יאָהאנא. אום אויסצומיידען א פער־ברעכען, איז ער שנעל אראָב פון דער וועראַנדע און האָט זיך געלאָזט לויפען צו זיין שיף.

ווען ער וואָלט ניט געווען אַזוי אויפגערעגט, וואָלט ער געווען געהערט הינטער זיך א שווערען פאַל. דאָס איז יאָהאנא לינד געפאַלען חלשות.

אין א פּאָר מנוטען ארום האָבען זיא א פער'חלש'טע געפונען עלען און הארלינגטאָן. בעת מען האט זיא געמונטערט האט עלען פלוצלונג א פרעג געטהאָן איהר געליעבטען:

— איז זיא אָנגעשטעלט פון דיר?

דיא פראַגע איז געוועזן אזוי אונערוואַרטעט, אז הארלינגטאָן האט קיין צייט ניט געהאט זיך צו איבערלעגען און האט געענטפערט:

— יא.

— אלס שפּיאָנין?

— אָה ניין, עלען! בעליידיג ניט דיא אונגליקליכע! ניט אלס שפּיאָנין, נאָר אלס וועכטערין, אלס שומר פון מיין משוגע'נער עלען.

27טעם קאַפּיטעל.

ווידער דיא געהיימניספאָלע גייסטער־שיף

שוין דיא פיערטע וואָך געפינען זיך דער "אמאַר" און דיא "וועסטא" אויף דער רייזע נאָך אינדיען אָדער הינדאָסטאַן, דער האלב־אינזעל אין אזיען, וועלכער ווערט בעוואוינדערט זייט טויזענדער יאָהרען און וועלכער בעלאַנגט יעצט צו ענגלאַנד. אינדיען ווערט גערופען דער "שעהנסטער פערל פון דער ענגלישער קרוין" און דיעזע ענגלישע פראָווינץ איז ווירקליך דאס פּאָעטישסטע און שעהנסטע לאַנד אויף דער גאַנצער וועלט.

דער געדאַנק, אז באַלד וועלען זיי זעהן דאס וואונדערבאַרע לאַנד, וועגען וועלכען זיי האָבען זיך אזוי פיעל אָנגעהערט און אָנגעלעזען, האט אזוי בעגייסטערט אונזערע רייזענדע, אז זיי האָבען מיט אונגעדולד ערוואַרטעט דיא מינוט, ווען זיי וועלען שוין אהין קומען. ליידער האָבען זיי דיא גאַנצע צייט געהאט שטורמדיגען וועטער און דיא רייזע איז צוגעגאַנגען זעהר לאַנגזאם.

דער געדאַנק וועגען דעם, אז זיי וועלען באַלד זיין אין אינדיען, האט ביי אונזערע רייזענדע פערטריבען אלע אנדערע געדאַנקען און זיי האָבען נור גערעדט וועגען דעם "שעהנסטען פערל פון דער ענגלישער קרוין".

פיעל געטראַכט וועגען דיא איינדריקע פון דעם לאַנד האט אויך עלען, אָבער זיא האט נאָך מעהר געטראַכט וועגען איין מענשען דאָרטען, נעמליך דעם קאָלאָנעל (פּאָלקאָווניק) גאָלדסמיטה, וועלכער דאַרף איהר ערקלערען, ווער איהר פאָטער איז געוועזן.

זיא האט וועגען דעם גערעדט מיט מערי גאָלדסמיטה, דעם קאָלאָנעל'ס טאָכטער, וועלכע זיא האט בעפרייט פון שאַנדע און שקלאַפעריי, אָבער יענע האט איהר קיינע אויסקינפטע ניט געקענט געבען.

— עפּעס האָב איך יאָ געהערט וועגען אַן ענגלישען אַריסטאָקראַט, וועל־כער האָט צוליעב אַן אונגליקליכער ליעבע זיך ענטזאָגט פון זיין רייכטהום און זיינע קרובים און האָט פיעלע יאָהרען אַרומגעוואַנדערט — האָט מערי גאָלד־סמיטה געזאָגט — איך וויים אָבער ניט זיין נאָמען און וויים ניט וואָס פון איהם איז געוואָרען. וויא איך האָב געהערט פון מיין פאָטער, האָט יענער אונגליקליכער, דאַכט זיך, פערלאָזען אינדיען נאָך איידער איך בין געבאָרען געוואָרען.

— ווייסט איהר פילייכט, אויב אייער פאָטער וויים גענויערעס וועגען איהם? — האָט עלען געפרעגט.

— איך גלויב, אַז ער דאַרף וויסען זעהר פיעלעס. אויף וויפיעל איך וויים, זיינען זיי געוועזען דיא בעסטע פריינד און זיי האָבען זיך געשריבען בריעף נאָכדעם וויא דער ענגלישער אַריסטאָקראַט האָט פערלאָזען אינדיען.

— דערמאָהנט זיך, אפשר ווייסט איהר דאָך עפּעס גענויער! — האָט זיך געבעטען עלען.

מערי גאָלדסמיטה האָט זיך פערטראַכט און האָט פּלוצלונג מיט פרייד אויסגעשריען:

— איך האָב זיך דערמאָנט! יאָ, איצטער וויים איך עס זיכער!

— וואָס איז דאָס?

— איך דערמאָהן זיך איצטער, אַז מיין פאָטער האָט יענעם מאַן'ס טאָגע־בוך.

— זיין טאָגעבוך? געשריבען פון איהם אליין?

— יאָ.

— האָט איהר דעם טאָגעבוך אַמאָל געזעהן?

— ניין. קיינער האָט איהם ניט געזעהן. ער ליעגט פער'חתמ'עט און אפילו מיין פאָטער האָט איהם ניט געעפענט. דאַכט זיך, אַז ער האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל איהם עפענען ערשט נאָך זיין טויט.

— נו, און יענער מאַן איז נאָך ניט געשטאָרבען? — האָט מיט אַ פער־האַלטענעם אָטהעם געפרעגט עלען.

— דאַכט זיך, אַז ניין. אַם וועניגסטען וויים נאָך מיין פאָטער ניט וועגען דעם.

— קען עס זיין, אַז מיר זיינען אויף אַ פאַלשען שפּור? — האָט עלען זיך געבראָכען דעם קאָפּ.

אַך, ווען זיא וואָלט געהאַט דעם פאָטער'ס אַ בילד. דורך דעם בילד וואָלט זיא שוין אויסגעפינען, אויב יענער מאַן איז איהר פאָטער. ליידער, האָט איהר פאָטער קיין מאָל זיך ניט געוואָלט פאָטאָגראַפירען און זיא האָט דעריבער ניט זיין בילד.

עלען האָט איהר געשפּרעך מיט מערי'ן איבערגעגעבען הארלינגטאָן'ען און זיא האָט אויסגעדריקט איהר מיינונג, אז הארלינגטאָן האָט א טעות.

— איך האָף, אז ניט — האָט ער זיא געטרייסט.

צוליעב דער לאַנגזאַמער רייזע און דיא צווייפלען איז עלען דיא גאַנצע צייט ארומגעגאַנגען א נערוועזע און אויפגערעגטע. הויפּטזעכליך האָט זיא זיך געפיהלט אונרוהיג, ווען זיי האָבען אויף א פּאָר טעג געמוזט אָבלעגען זייער רייזע צוליעב אַן אונגליקס־צופאַל ניט ווייט פון דעם אינזעל מאַדאַגאַסקאַר — א צופאַל, ביי וועלכען עטליכע פון דיא וועסטאַלקעס זיינען שיער ניט אומגעקומען און וועלכער האָט זיי געצוואונגען צו אַנקערען דיא שיפען אין האַפען.

וויא שוין געזאָגט, איז דיא גאַנצע צייט פון זייער רייזע דער ים געווען א שטורמדיגער. אין דעם טאָג אָבער, אין וועלכען דיא דערמאָהנטע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען, האָט דער שטורם דערגרייכט זיין העכסטע שטופע און ווען דיא זון איז אונטערגעגאַנגען, האָבען זיך דיא לייטע פון "אמאָר" און פון דער "וועסטאַ", וועלכע זיינען געשוואומען אויף א היבשע שטרעקע איינע פון דער צווייטער אוים מורא פאַר א צוזאַמענשטויס, פּלוצלונג געכאַפּט, אז זיי האָבען זיך איינע דיא צווייטע פערלאָרען.

דאָס איז געווען צוליעב א מיספערשטענדניס. דורכרעדענדיג זיך דורך סיגנאַלען, האָבען זיי זיך צופלאָנטערט אין זייער בעדייטונג און דיא "וועסטאַ" האָט גענומען א פאַלשע ריכטונג.

הילפלאָז האָט זיך דיא "וועסטאַ" געשליידערט אויף דיא שטורמדיגע כוואַליעס. אַלע זעגלען זיינען שוין געווען ארונטערגעשניטען און בלויז דיא ניט־איבריג שטאַרקע דאַמפף־מאַשין האָט געאַרבייט מיט דיא לעצטע כחות. דיא מעהרסטע וועסטאַלקעס זיינען געשטאַנען אויף'ן דעק געבענדיג סיגנאַלען צום "אמאָר", וועלכען זיי האָבען ניט געזעהן, און צוזעהענדיג מיט מורא און פערצווייפלונג, וויא זייער שיף ווערט געשליידערט וויא א שפּינדעל פון דעם ווינד און פון דיא כוואַליעס.

עס איז געווען אַזוי פינסטער, אז מען האָט גאָר ניט געקענט זעהן ארום. פּלוצלונג האָט זיך דיא "וועסטאַ" מאָדנע א הויב געטהאָן, האָט זיך אוועקגע־לייגט אויף א זייט און האָט א טרעשטשע געטהאָן אַזוי וויא אָט־אָט ווערט זיא צושאָסען אין שטיקער. און ווען זיא האָט זיך קוים אויסגעגלייכט צוריק, האָט א ריעזיגע כוואַליע זיא פערשוויינקט איבער דער גאַנצער לענג.

דיא וועסטאַלקעס, וועלכע זיינען געשטאַנען ארומגעבונדען מיט שטריק, זיינען שיער ניט מיטגעריסען געוואָרען פון דער כוואַליע. עלען, וועלכע האָט זיך געהאַלטען פעסט איינגעקלאַמערט אין מאַריע טהאָמפּסאָן, וואָס איז גע־שטאַנען נעבען איהר, איז אָבגעריסען געוואָרען פון איהר חבר'טע און ווען

דיא כוואַליע איז פאַראיבער, האָט זיא בעמערקט, אַז מיסס טהאָמפּסאָן איז פערשוואונדען.

עס האָט בעדאַרפט נעהמען בלויז אַ מינוט, אום זיך צו איבערצייגען, אַז דיא כוואַליע האָט מיטגעשלעפּט מיסס טהאָמפּסאָן און עס האָט בעדאַרפט נעהמען בלויז נאָך אַ פּאָר מינוט, אום עלען מיט נאָך 5—6 וועסטאַלקעס, פון דיא בעסטע שווימערינס, זאָלען שוין זיצען אין אַ שיפעל און זיך אַרויסלאָזען זוכען דיא פערשוואונדענע אין דיא שטורמדיגע, שרעקליכע כוואַליעס.

יאָהאַנאַ לינד, אַלס דיא בעסטע שווימערין פון אַלע, האָט אויך געוואָלט אַריינשפּרינגען אין באָוט, אָבער עלען האָט איהר שטרענג געזאָגט:

— איהר זיינט דער צווייטער אָפיציער פון דער "וועסטאַ" און ווען איך און מיסס טהאָמפּסאָן, דער ערשטער אָפיציער, זיינען ניטאָ, מוזט איהר בלייבען אויף דער "וועסטאַ" און זיא פיהרען. איך בעפעהל עס אייך, אַלס אייער קאַפּיטאַנשע.

יאָהאַנאַ האָט געמוזט פאָלגען.

מיט טויט־אַנגסט איז זיא געבליבען שטעהן אויף דער שיף און האָט צוגעזעהן, וויא דאָס קלייניגקע שיפעל פערשווינדט אין דער שוואַרצער נאַכט אין שוואַרצען ים.

ערשט אין אַ מינוט־צוויי אַרום איז זיא געקומען צו זיך און האָט זיך בע־רעכענט, אַז עס קען זיין, אַז דער באָוט זאָל פערשליידערט ווערען ווייט פון דער "וועסטאַ" און אַז מען מוז געבען סיגנאַלען אי דיא פערשוואונדענע וועס־טאַלקעס, אי דעם "אַמאָר".

דורך דער פינסטערניש פון דער נאַכט האָבען אין דער הויך גענומען פלי־הען ראַקעטען. וויא פייערדיגע צונגען האָבען זיי זיך איינגעשניטען אין דער פינסטערניש, האָבען זיך אויפגעהויבען הויך, הויך, האָבען אַלע מאָל געביטען דיא קאָלירען און זיינען אויסגעלאָשען געוואָרען פּונקט אַזוי שנעל און אונ־ערוואַרטעט וויא זיי האָבען זיך אָנגעצונדען.

עס איז אָבער אַוועק אַ האַלבע שטונדע און נאָך אַ האַלבע שטונדע און פון דיא פערשוואונדענע האָט מען ניט געהערט און ניט געזעהן. מען האָט אויך גאָר ניט געהערט פון דעם "אַמאָר". עס איז אַוועק נאָך אַ שטונדע און נאָך אַ שטונדע. דער ים האָט אַלץ געשטורעמט, דער ווינד איז געווען אונ'ברחמנות'־דיג און דיא נאַכט איז געווען שוואַרץ וויא דער גהינם.

דיא וועסטאַלקעס זיינען פּשוט אויסגעגאַנגען פאַר אַנגסט. זיי האָבען שוין אין גאַנצען פערגעסען, אַז זיי אַליין מיט דער "וועסטאַ" זיינען אין גע־פאַהר און זייער האַרץ האָט געבלוטעט פאַר זייערע חבר'טעס. זיי זיינען געווען זיכער, אַז יענע זיינען אומגעקומען.

עס האָט שוין געהאַלטען ביים אָנהויבען טאָגען, דער שטורם האָט זיך

שוין אָנגעהויבען בערוהיגען און דיא שטארק בעשעדיגטע "וועסטא" האָט שוין ווידער געקענט זיך עטוואָס בעוועגען: עלען און איהרע חבר'טעס זיינען נאָך אַלץ ניט געוועזן.

* *
*

א גאַנץ טרויעריג בילד האָט אויך פאַרגעשטעלט מיט זיך דער "אמאָר" ווען עס האָט נור־וואָס אָנגעהויבען צו טאָגען און דער ים האָט אָנגעהויבען צו צייגען דיא ערשטע צייכענס פון בערוהיגונג.

— נאָך איין נאַכט אַזעלכע און איך בין אייך מוחל דיא גאַנצע רייזע — האָט מיט ביטערניש געזאָגט הענדריקס — גאָט מיינער, איך האָב געמיינט, אז אונזערע אַלעמענס לעצטע שטונדע האָט שוין געשלאָגען. זעהט, וויא איך בין צובראָכען, דורכגענעצט און דורכגעפראָרען. איך קען מיט קיין איין־איינציגען אבר ניט ריהרען.

— נו, דאָס צווייטע מאָל וועלען מיר שוין קלוגער זיין — האָט געענטפערט טשארלס וויליאמס — מיר וועלען זיך בעזאָרגען מיט רעגענשירמס.

— איהם ליעגט אפילו איצטער אין זינען זיך צו וויצלען — האָט בייז אַ בורטשע געטהאָן לאָרד הייסטינגס.

וויליאמס האָט זיך געקליבען עפּעס צו ענטפערען, אין דער מינוט אָבער האָט זיך דערהערט לאָרד הארלינגטאָן'ס אויסגעשריי:

— דיא גייסטער־שיף!

אין דער האַלב־פינסטערניש האָט דיא געהיימניספאָלע שיף מיט אַ וואונ־דערבארער לייכטקייט און שנעלקייט דורכגעשניטען דיא כוואַליעס. וויא אין דיא פריהעריגע צוויי מאָל, ווען אונזערע ענגלענדער האָבען זיא בעגעגענט, האָ־בען זיי אויך איצטער ניט געזעהן קיין צייכען פון לעבען אויף איהר פערמאכטען, האַלב־קיילעכדיגען דעק.

מיט שרעק האָבען זיי בעטראַכט דיעזען וואונדער, ווען פּלוצלונג האָט זיך פון דער גייסטער־שיף אויפגעהויבען אַ פייערדיגער צייכען, וועלכער האָט צוזאַמענגעשטעלט דיעזע ווערטער:

"שנעל. פיהרט דיא שיף גלייך נאָך אָסט־זיד".

דיעזע פייערדיגע ווערטער האָבען געשיינט פולע צוויי מינוט און דאַן זיינען זיי פערשוואונדען. ווען דיא ענגלענדער זיינען געקומען צו זיך פון איבערראשונג, איז שוין דיא גייסטער־שיף געוועזן וויט אוועק.

— וואָס זאָל דאָס בעדייטען? — האָבען אַלע געפרעגט.

פיעל טראַכטען וועגען דעם איז אָבער קיין צייט ניט געוועזן. הארלינגטאָן האָט געגעבען אַ בעפעהל צו פיהרען דיא שיף מיט'ן פולען דאמפף נאָך אָסט־זיד.

איינינע האבען גענומען פראטעסטירען, אבער הארלינגטאן האט קיינע אנ־וועגדונגען ניט געוואלט הערען.

ביי א האלבער שטונדע איז דער "אמאר" אבגעשוואומען, אבער קיין זאך האט מען ארום און ארום ניט געזעהן.

— וועלכע טייוואלים האבען אונז געגעבען דעם בעפעהל צו געהן נאך אסט־זיד און צו וועלכע טייוואלים שלעפען מיר זיך אין דיעזער ריכטונג?

— האט געזאגט וויליאמס.

אבער פלוצלונג האט דער וואכמאן אויף דער מאסט אויסגערופען:

— א באוט!

עס זיינען פאראיבער נאך פינף מינוט און דיעניגע, וואס האבען גע־האלטען אין דיא הענד טעלעסקאפען, האבען מיט איין קול אויסגעשריען:

— דיא וועסטאלקעס!

אין א פאר מינוטען ארום זיינען דיא האלב־פערפראָרענע וועסטאלקעס געוועז אויף'ן "אמאר". זיי זיינען אלע געוועזן האלב־טויט פאר מיעדקייט, קעלט און שרעק און מיסס טהאמפסאן איז געלעגען בעוואוסטלאז אין היץ. מען האט זיי דא געגעבען דיא ערשטע מעדיצינישע הילף און אין א האלבע שטונדע צייט זיינען אלע געקומען צו זיך — אלע, אויסער מאריע טהאמפסאן, וועלכע מען האט איבערגעלאזט אין א בעזונדערער קאיוטע אונטער דער אויפזיכט פון'ם שיפס־דאקטאר און אונטער דער בעוואכונג פון טשארלס וויליאמס, וועל־כער איז געוועזן אזוי דערשלאגען, אז עס איז איהם, פיליכט דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען, ניט געלעגען אין זינען זיך צו וויצלען.

אויף'ן דעק האבען זיך פערזאמעלט אלע ענגלענדער און דיא גערעטעטע וועסטאלקעס און האבען איינע דיא צווייטע דערצעהלט אלעס וואס מיט זיי האט פאסירט אין פערלויף פון דער שרעקליכער נאכט.

— אבער האט איהר געזעהן דיא גייסטער־שיף? — האט הארלינגטאן געפרעגט דיא וועסטאלקעס.

— וואס פאר א גייסטער־שיף? — האבען זיי אלע געפרעגט פערוואונ־דערט.

— אט דיעזעלבע, וועלכע מיר האבען שוין צוויי מאל בעגעגנט זינט אונזער רייזע און וועגען וועלכער מיר האבען אייך שוין דערצעהלט.

— האט איהר זיא ווידער געזעהן?

— פריהער מיט א האלבע שטונדע.

— נו — האט געלאכט דזשעסי מורי — מיר דאכט זיך, דזשענטלמען, אז איהר זעהט חלומות אויף'ן וואהר. ווארום זעהען מיר ניט דיעזען וואונדער?

— לאכט ניט — האט גאנץ ערנסט בעמערקט לארד הייסטינגס — דיא גייסטער פון יענער שיף האבען גערעטעט אייער לעבען.

ער האט זיי דערצעהלט וועגען דעם צייכען אויף דער גייסטער־שיף, וועלכער האט זיי אנגעצייגט דיא ריכטונג, אין וועלכער זייער באוט האט זיך געפונען.

— איז עס אמת? — האבען דיא וועסטאלקעס נאך אלץ געצווייפעלט.

מען האט זיי פון אלע זייטען פערזיכערט, אז דאס איז דער ריינסטער אמת.

— אבער וויא ערקלערט איהר זיך דיעזען וואונדער? — האט עלען געפרעגט.

קיינער האט ניט געקענט געפינען קיין ערקלערונג.

אין א שטונדע ארום האט זיך דער "אמאר" בעגעגענט מיט דער "וועסטא" און דיא פרייד פון דיא איבערגעבליבענע אויף דער שיף, ווען זיי האבען זיך דערוואוסט, אז זייערע פריינדינען זיינען גערעטעט, איז געוועזן אונבעשרייבליך.

אויף דער "וועסטא" האבען זיי אויך קיין בעגריף ניט געהאט וועגען דער גייסטער־שיף. זיי האבען זיא אין דיא אויגען ניט אנגעזעהן.

אזוי וויא דיא "וועסטא" איז געוועזן שטארק בעשעדיגט, איז בעשלאסען געווארען זיך אבצושטעלען אין האפען פון אינזעל מאדאגאסקאר און זיא צו־ריק ברייננגען אין ארדנונג.

דיעזער געצוואונגענער אבהאלט אין דער רייזע האט געמאכט נערוועז און אונגעדולדיג אלע וועסטאלקעס, וועלכע האבען וואס שנעלער געוואלט זעהן דאס וואונדערבארע לאנד אינדיען. אם מעהרסטען איז געוועזן אונגעדולדיג עלען. זיי האבען זיך געמוזט טרייסטען דערמיט וואס הארלינגטאן און ווי־ליאמס, וועלכע זיינען שוין אמאל געוועזן אין אינדיען, האבען זיי אין פאראויס בעקענט מיט דיעזען וואונדערבארען לאנד.

דאס וואס זיי האבען דערצעהלט וועט אויך זיין אינטערעסאנט פאר אונ־זערע לעזער און מיר וועלען עס איבערגעבען אין קומענדען קאפיטעל.

28טעם קאפיטעל.

דער שעהנסטער פערל פון דער ענגלישער קרוין

הינדאסטאן אדער אינדיען ווערט געשטודירט, בעשריבען און בעזונגען זייט פיעלע, פיעלע הונדערטע יאהרען. זייט פיעלע צעהנדליגע יאהרען הערשט איבער אינדיען ענגלאנד און א דאנק דעם ווערט דיא בעקאנטשאפט מיט דעם וואונדערבארען לאנד אלץ נעהענטער און גענויער. און דאך איז אינדיען נאך ביז איצט פערבליבען און וועט נאך לאנג, לאנג פערבלייבען דאס אונבעקאנטע, פאעטישע, וואונדערבארע לאנד, וואוהין מענשען וועלען געהן שטודירען אן

אַלטע ציוויליזאַציאָן, אין וועלכער עס זיינען אויף אַ מאָדנעם אופן צוזאַמענ־געפלאָכטערט דיא העכסטע רעליגיעזע בעגריפע מיט דיא נארישסטע אבער־גלויבענס.

ביי דריי הונדערט מיליאָן מענשען זיינען צונויפגעדריקט אין הינדאָסטאַן און דאָך איז אינדיען דאָס לאַנד פון אונענדליכע וועלדער, וואו עס הערשט אונבעשרענקט דער טיגער, דער לעאָפּאַרד, דיא פּאַנטהער און דיא גיפטיגע שלאַנג.

אין ערגיץ איז דיא נאַטור ניט אַזוי רייך, אַזוי מילד, אַזוי פרייגיביג און דערביי שטאַרבען אָפטמאָל פיעלע מיליאָנען מענשען פאַר הונגער.

הויכע מאָראַלישע פּרינציפּען ענטהאַלטען אין זיך דיא אינדישע רעלי־גיאָנען, הויכע בעגריפע וועגען גאָט און מענשען און דערביי גרענעצט זיך אָפט דיא רעליגיאָן מיט געצענדיענעריי און דיא פערגעטערונג פון חיות איז אַ גע־וועהנליכע ערשיינונג.

אַלעס איז אין אינדיען אונגעוועהנליך: דיא אונגעהייער רייכע נאַטור, דיא מאָדנע מענשען, זייערע בעגריפע, זייערע מנהגים, זייער אַרט לעבען, זייער גלויבען און אבערגלויבען. מיט עהרפורכט ווערט דאָרט אָנגעפילט דער ריי־זענדער אויף שריט און טריט. עהרפורכט פליסט אין איהם אַריין דיא נאַטור, דיא "פּאַגאָדאַ" (דער טעמפּעל) און דער גלויבען פון דיא אינדישע פּריסטער. מיט עהרפורכט ווערט ער איבערפילט ביים געדאַנק, אַז פון דאַנען שטאַמען עס דיא מעהרסטע פעלקער (דיא אַרישע ראַסע) און זייערע שפּראַכען. מיט עהר־פורכט פילט איהם איבער דיא רעליגיאָן, וועלכע איז איינע פון דיא עלטעסטע צווישען אַלע רעליגיאָנען.

נאָך אינדיען געהט דער ציוויליזירטער אייראָפּעער און אַמעריקאַנער, אום זיך אָבצופרישען.

אַהער, אין דעם "דזשאַנגעל" געהט ער אויף יאַגד אויף טיגערען, לייבען און אַנדערע שרעקליכע ווילדע חיות. אַהער, נאָך אינדיען, קומט ער אָבפרי־שען זיין געמיטה אונטער דעם טיעפען בלויען הימעל, ביי דיא ריעזיגע אזיא־טישע הימאַלאַיען־בערג, ביי דיא וואַסערען פון דעם פּראַכטפאָלען פערגעטער־טען טייך גאַנגעס. אַהער, אין דיא אינדישע טעמפּלען, צו דיא אינדישע היי־ליגע און פּריסטער, צו דיא בראַהמינען און פאַקירען, קומט ער אָנזאַפּען זיין פערטריקענטע אונגלויביגע נשמה מיט נייעם גלויבען. אַהער, אין דעם לאַנד פון גלויבען, פּאָעזיע און שעהנקייט, קומט ער איבערהויפּט זיך אָבפרישען פון דעם טומעלדיגען, טרוקענעם, ציוויליזירטען לעבען פון דער ציוויליזירטער, פערביזנעסטער אייראָפּאַ און אַמעריקאַ.

עס איז איצטער ניט קיין זעלטענהייט צו הערען וועגען אייראָפּעער, וועלכע האָבען אָנגענומען דיא אינדישע רעליגיאָן — דעם בודהיזם. עס איז ניט

זעלטען צו זעהן אין אינדיען מענער און פרויען פון אייראָפּאַ, אי דאָס פון דיא געבילדעטסטע, וואָס לערנען פילאָזאָפיע און רעליגיאָן ביי דיא אינדישע בראה־מינען — דיא גלחים־קאַסטע אין אינדיען.

דיא אַלטע אינדישע רעליגיאָן מיט איהר הויכער מאָראַל פרישט אָב דיא נשמה פון דעם אונגלויביגען קריסטליכען אייראָפּעער. דיא טויזענד־יעהריגע אינדישע טעמפּלען פליסען אין איהם איין עהרפורכט. און נאָך מעהר עהר־פורכט פליסט אין איהם איין דער אינדישער אַסקעט (פרוש), וועלכער זאָגט זיך אָפּט אָב פון רייכקייט, פערגעניגען און אַלע ליידענשאַפטען און לעבט אַ לעבען פון אַ וואַנדערענדען בעטלער און גיט זיך אָב בלויז דערמיט וואָס ער דענקט נאָך וועגען דיא אייביגע סודות פון דער וועלט און פון דער געטליכקייט.

אין אינדיען זעהט מען אויף שריט און טריט וואַנדערענדע גרופּען בעט־לער. זיי זיינען אָבער ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע בעטלער. צווישען זיי געפינט מען אויך מענשען, וועלכע האָבען איבערגעלאָזט אַ רייכע היים. זיי לעבען דערפון וואָס מען שענקט זיי. זיי נעהמען אָבער נדבות נור אין שפּייז און וואַסער. קיין אַנדער זאַך וועלען זיי ניט נעהמען. זיי וועלען אויך ניט נעה־מען מעהר שפּייז וויפיעל עס איז פאַר זיי נויטיג באַלד צו שטילען דעם הונגער. פיעלע פון זיי טהוען זיך אויך אָן יסורים און מאַכען זיך וואונדען אויף'ן לייב. עס זיינען אויך פאַראַן צווישען זיי אַזעלכע וואָס מאַכען זיך פאַר קאַ־ליקעס.

למשל: איינינע טהוען אַ נדר יאָהרען לאַנג צו האַלטען דיא רעכטע האַנד אויפגעהויבען איבער'ן קאָפּ. און זיי האַלטען זייער נדר אַזוי לאַנג ביז דיא האַנד ווערט אויסגעטריקענט וויא אַ שטעקעל און קען זיך מעהר ניט בעווע־גען. אַן אַנדערער האָט אויף זיך גענומען אַ שטראָף צו געהן אויף אַלע פיער און ער געהט אַזוי ביז ער פערלירט שוין אין גאַנצען דיא פעהיגקייט צו געהן אויף אַ נאַטירליכען שטייגער.

דאָס פאָלק אין אינדיען בעטראַכט אַזעלכע בעטלער און קאַליקעס אַלס הייליגע און רעכענט פאַר אַ מצוה זיי אויסצוהאַלטען מיט דער נויטהיגער שפּייז.

אַן אַנדער אינטערעסאַנטע ערשיינונג אין אינדיען איז דער "פאַקיר" אָדער "פייקיר". דאָס זיינען האַלב־הייליגע, האַלב־שוואַרצקינסטלער. זיי ווייזען פערשיעדענע קונצען, אַנפאַנגענדיג דערמיט וואָס זיי שניידען זיך דאָס לייב און עס געהט ניט קיין בלוט און עס בלייבט ניט קיין סימן פון דעם שניט, און ענדיגענדיג דערמיט, וואָס זיי לאָזען זיך לעבעדיגערהייט בעגראָבען אין אַ קבר און קומען דאָך אַרויס לעבעדיגע נאָכדעם וויא זיי זיינען געווען בעגראָבען גאַנצע וואָכען.

מען וויל דיעזע וואונדער ערקלעהרען דערמיט וואָס דיא פאַקירען האָבען

טאַקע דורך דער קראַפט פון גייסט בעזיעגט דעם קערפּער אַזוי, אַז זיי קענען איהם פּאָלקאָם בעהערשען. דיא אייראָפּעער און אַמעריקאַנער ווידער, בעהויפּטען, אַז דאָס אַלעס איז ניט מעהר וויא קונץ־שטיק. ביז איצט אָבער איז נאָך קיינעם ניט געלונגען פאַלשטענדיג צו בעווייזען דעם שווינדעל, וואָס ליעגט אין דיעזע וואונדער.

אויף וואונדערבאַרע סצענעס און ערשיינונגען קען מען זיך אָנשטויסען אין אינדיען.

מען קען, למשל, זעהן אַ טויטען בראַהמין וואָס זיצט צוגעפעסטיגט צו אַ בוים מיט'ן פּנים צו דער אויפגעהענדער זון. יעדער פערבייגעהער קוקט אויף איהם מיט גרויס דרך ארץ. דאָס איז אַ הייליגער וואָס איז געשטאָרבען כמעט פאַר הונגער און אויסצעהרונג קוקענדיג אין דיא הימלען און נאָכדענקענדיג וועגען גאָט'ס געהיימניסע און גאָט'ס גרויסקייט. מען לאָזט איהם דעריבער אויך נאָך'ן טויט בלייבען אַ שטיק צייט אין דרעזעלבער לאַגע.

אינדיען איז אַ לאַנד פון אַן אַלטער מערקווירדיגער ציוויליזאַציאָן. דיא ציוויליזאַציאָן איז אָבער פערגליווערט געוואָרען אין דיא גאָר, גאָר אַלטע צייטען און האָט זיך, פּיעלייכט פאַר טויזענדע יאָהרען, ניט אַ ריהר געטהאָן פון אָרט. עס זיינען דעריבער דאָרטען פערבליבען אַלטע מנהגים און גלויבענס, וועלכע שטערען שטאַרק דיא ענטוויקלונג פון דעם לאַנד. אויסערדעם זעהט מען אין אינדיען, וויא אין אַלע לענדער מיט אַן אַלטער פערגליווערטער ציוויליזאַציאָן, וויא דאָס ערהאַבענסטע מישט זיך צונויף מיט'ן ניעדריגסטען.

האַנד אין האַנד מיט דיא הויכע מאָראַלישע בעגריפע און מיט דער וואונדערבאַרער דענקונגס־פעהיגקייט פון דיא בראַהמינען, עקזיסטירט צווישען פּשוט'ען פאָלק כמעט אַ גראָבע געצענדיענעריי און שרעקליכע אַבערגלויבענס, וועלכע זיינען אַן אונגליק פאַר'ן לאַנד און מיט וועלכע ענגלאַנד קעמפּפט מיט זעהר ווייניג ערפאָלג.

אַזוי, למשל, עקזיסטירט אין אינדיען אַ פערהייליגונג פון געוויסע חיות. און דערפון קומט עס, אַז טויזענדער מענשען קומען יעדען יאָהר דאָרט אום פון שלענג און אַנדערע בעשעפּעניסען, מיט וועלכע אינדיען איז איבערפילט. אַם מעהרסטען קומען אום מענשען פון שלענג און אַליגאַטאָרס (קראָקאָדילען). עס ווערט אָבער גאָר ניט געטהאָן פון דיא הינדוסען דיעזע שרעקליכע בעשעפּעניסען צו פערניכטען, ווייל דאָס ווערט פערעכענט פאַר אַ גרויסע זינד.

עס איז ביז איצטער אויך ניט געלונגען אין גאַנצען אויסצוואָרצלען דעם מנהג לעבעדיגערהייד צו בעגראָבען צוזאַמען מיט דעם פערשטאָרבענעם מאַן זיין איבערגעבליבענע אלמנה. דיא ענגלישע רעגיערונג בעשטראָפט זעהר שווער פאַר דיעזען פערברעכען, דער מנהג איז אָבער אַזוי טיעף איינגעוואָרצעלט, דיא אלמנות אליין געהן צו זייער טויט מיט אַזוי פיעל גלויבען און פרייד און

דיא בעפעלקערונג פערהאַלט זיך מיט אזוי פיעל סימפּאַטהיע צו אזא לעבעדיג־בעגראָבענער, אז זעלטען ווען עס געלינגט אזא געשיכטע צו ענטדעקען און צו בעשטראָפען דיא שולדיגע.

און דאָס זיינען בלויז צוויי פעלע פון מאָדרנע מנהגים, בלויז צוויי פון פיעלע, פיעלע אַנדערע, וואָס זיינען אַן אונגליק פאַר דעם רייכען אינדיען, וועלכע וואָלט געקענט פערוואַנדעלט ווערען אין אַ מענשליכען גן עדן אויף דער ערד און ווערט גאָר אָפט פערוואַנדעלט אין אַ יאָמער־טהאָל.

דער הויפּט־אונגליק פאַר אינדיען איז דיא צוטהיילונג אין קאַסטען, וועלכע האַלט זיך דאָרט מיט אַ מערקווירדיגער עקשנות. דיא מיטגליעדער פון דיא פערשיעדענע קאַסטען טאָרען זיך ניט אויסמישען און האָבען וועלכע ניט איז פערבינדונג. און דאָס איז דיא גרעסטע שטערונג פאַר דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג פון אינדיען.

אינדיען איז איבערפילט מיט טעמפּלען און געטער. דיא טעמפּלען גע־פינען זיך איבעראַל: אין דיא שטעדט, אין דיא דערפלעך און אין מיטען פון דיא וועלדער. איבעראַל זעהט מען אויך חורבות פון אַלטע טעמפּלען, חורבות, וועלכע זיינען אַלט טויזענדער יאָהרען.

אַם מעהרסטען טעמפּלען פערמאָגט דיא שטאָדט בענאַרעס, דיא הייליגסטע שטאָדט אין אינדיען. דיא הייליגקייט פון דער שטאָדט קומט דער־פון, וואָס דאָ האָט געלעבט מיט 26 יאָהרהונדערטע צוריק דער גרינדער פון דער בודדיסטישער רעליגיאָן — בודדא. נאָך בענאַרעס קומען זיך יעדען יאָהר צו־נויף צעהנדליגע טויזענדע הינדוסען פון גאַנצען לאַנד, אום דאָ מתפלל צו זיין אין דיא טעמפּלען און זיך אָבבאָדען אין דיא וואַסערען פון דעם הייליגען טייך גאַנגעס. דיא בודדיסטישע רעליגיאָן איז אַם מעהרסטען פערשפּרייט אין אינ־דיען און יעדען פרומען בודדיסט'ס העכסטע שטרעבונג אין לעבען איז צו זיין אין בענאַרעס, זיך צו באָדען אין גאַנגעס און אויב מעגליך, שטאַרבען אין בענאַרעס, כדי דער אַש פון זיין פערברענטען קערפּער זאָל קענען אריינגעוואָר־פען ווערען אין גאַנגעס.

אַנקוקען בענאַרעס הייסט אָנקוקען איינע פון דיא גרעסטע וועלט־וואונדער. עס איז אַ מערקווירדיג בילד צו זעהן דיא אונגעהייערע צאָהל פּראַכטפאָלע טעמפּלען ביים ברעג פון גאַנגעס און דיא טויזענדער מענשען וואָס קומען זיך אַהער צונויף. אַם מערקווירדיגסטען איז דאָס בילד ביים זונען־אויפגאַנג. עס ווערט בעטראַכטעט ביי דיא הינדוסען פאַר אַ מצוה צו באָדען זיך אין גאַנגעס גראַדע ביים סאַמע אויפגאַנג פון דער זון.

ווען דיא זון קומט אַרויס אויף'ן רייניגעם אונפערוואָלקענטען אינדישען הי־מעל, בעלייכט זיא אַ ריעזיגע רייהע טעמפּלען ביים סאַמע ברעג. פון דיא טעמפּלען געהן טרעפּ צום סאַמע גרונד פון טייך און דיעזע טרעפּ זיינען בע־

־עקט מיט מחנות מענשען אין קליידער פון פערשיעדענע קאלירען. פון וויי־טען זעהט עס אויס, וויא דא וואלט זיך בעוועגט א לעבעדיגער ריעזיגער בלומען־גארטען. דיא לעבעדיגע בלומען בעוועגען זיך, בילדען פערשיעדענע פיגורען און בעקומען א וואונדערליכען אויסזעהן אונטער דיא גלענצענדע זונען־שטראה־לען.

אבער אט זיינען שוין פיעלע אין וואסער. דיא מענערווארפען פון זיך אראב דיא קליידער און דיא זונען־שטראהלען גלאנצען אב מיט א מאדנער פארב פון זייערע בראנזענע קערפער. דיא פרויען טראגען ביים באדען זיך א שטיקעל לייכטען צודעק. דיא מעהרסטע טראגען דערביי קראנצען בלומען ארום האלז. דאס זיינען דיא יעניגע וואס האבען פריהער בעזוכט א געוויסען טעמפעל, וועלכער טהיילט אויס דיעזע קראנצען צו דיא מתפללים. באדענדיג זיך טונקען זיי זיך ביסלעכוויז איין אזוי, אז דיא קראנצען גליטשען זיך אראב פון זייערע העלזער און ווערען פערטראגען מיט דעם שטראם. דאס איז א מין קרבן פאר דעם הייליגען טייך. אנדערע ברייגגען אנדערע קרבנות, וועלכע זיי ווארפען אריין אין טייך.

אין איין פלאץ ביים ברעג טייך זעהט מען דיקע וואלקענס רויך. דאס איז דער פלאץ, וואו מען פערברענט דיא טויטע. דעם אש צושפרייט מען נאכ־דעם איבער'ן טייך. וויא שוין דערמאנט, איז דאס העכסטע שטרעבען פון א הינדו, אז זיין קערפער זאל נאך זיין טויט פערברענט ווערען ביים גאנגעס און זיין אש זאל פערטראגען ווערען פון דיא וואסערען פון דעם הייליגען טייך. אבער בלויז דיא רייכע קענען זיך פערגינען אזא פערגניגען. דיא ארימע בע־נוגענען זיך דערמיט, וואס זיי לאזען איבער בצואה זייער אש צו א פריינד, וועלכער נעהמט איהם מיט אויף זיין בעזוך נאך בענארעס און ווארפט איהם דארט אריין אין גאנגעס.

נאך דעם באדען זיך זעצען זיך דיא הינדוסען אויס אקעגען דער זון, אום זיך אבצוטריקענען, זיינען מתפלל, לייענען הייליגע ביכער אדער ווערען פער־זונקען אין מחשבות אויף שטונדען לאנג.

דער בעריהמטעסטער טעמפעל איז דער "מאלפען־טעמפעל", וואו קרבנות ווערען געבראכט פאר א מחנה מאלפעס. דער צווייטער וויכטיגסטער טעמפעל איז דער "גאלדענער טעמפעל". ער ווערט אזוי גערופען, ווייל זיין דאך איז שווער בעדעקט מיט גאלד. נעבען דעם טעמפעל געפינט זיך דער "ברונעם פון וויסען", וואו, וויא עס ווערט געגלויבט אין אינדיען, עס לעבט דער גאט סיווא. דער ברונעם איז תמיד איבערגעפילט מיט בלומען. דאס זיינען קרבנות פאר דעם גאט.

יעדע מעהר אדער וועניגער בעדייטענדע שטאדט אין אינדיען פערמאגט איינעם אדער עטליכע טעמפלען, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער פראכט,

גרויס און הייליגקייט. דער גרעסטער טעמפעל אין גאַנץ אינדיען איז דער סריראַנגאַם־טעמפעל אין דער שטאָדט טריכינאָפּאָלי. ער פערנעהמט צוזאַמען מיט'ן הויף אַ האַלבע מייל אין דער ברייט און אַ האַלבע מייל אין דער לענג. דאָס מערקווירדיגסטע אין דיעזען טעמפעל איז דער "הויף פון טויזענד זיילען" און דער "פערדען־הויף", וועלכער געפינט זיך אין פראָנט פון דעם "טויזענד־זיילען־הויף". דער "פערדען־הויף" ווערט אַזוי גערופען, ווייל דיא זיילען שטע־לען מיט זיך פאַר פיגורען פון פערד. וועגען דער גרויס פון דעם טעמפעל קען מען זיך מאַכען אַ שטיקעל בעגריעף דערפון, וואָס, וויא עס ווערט בעהויפּ־טעט, דיא פריסטער און זייערע פאַמיליען, וואָס וואָהנען אין דעם טעמפּעל, צעהלען ניט וועניגער פון צוואַנציג טויזענד נפשות.

ניט וועניגער אינטערעסאַנט איז דער בודדיסטישער טעמפעל ניט ווייט פון דער שטאָדט באָמבעי. דער טעמפעל געפינט זיך אויף אַן אינזעל. ער איז אויסגעהאַקט אין אַ פעלז און איז בעציערט מיט ריעזיגע פיגורען פון אינדישע געטער און חיות. און דאָס אַלעס איז אויסגעהאַקט פון דעמזעלבען פעלז. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ ריעזיגע ארבייט דאָס איז געוועזן. מען רעכענט, אַז דער טעמפעל איז אַלט ביי עלף הונדערט יאָהר.

אויסער דיא בודדיסטען זיינען אַם מעהרסטען אינטערעסאַנט אין אינ־דיען דיא פּאַרסען אָדער דיא פייער־דיענער, ווייל זיי פערהייליגען דאָס פייער און צוליעב דעם אויך דיא זון אַלס דעם קוואַל פון פייער. אין באָמבעי קען מען יעדען אַבענד זעהן דיא פּאַרסען ביים האַפען, וויא זיי שטעהן און זיינען מתפלל אַנטקעגען דער אונטערגעהענדער זון.

דיא פייער־פערעהרונג קען מען אויך זעהן פון דיא פּאַרסישע מנהגים וועגען דיא טויטע. דער פּאַרס וויל ניט מחלל זיין דאָס פייער. ער וויל אויך ניט פער־שוועכען דיא ערד דורך גראָבען אַ קבר. ביים ים געפינט זיך דיא בעריהמטע "פעסטונג פון שטילקייט". דאָרט לעגען זיי אַוועק דיא טויטע און דיא ווילדע פויגלען פרעסען זיי אויף. פינף אַבטהיילונגען זיינען פאַראַן אין דיעזער "פעסטונג פון שטילקייט". איינע פאַר רייכע, איינע פאַר זעלבסטמערדער און אַזעלכע וואָס זיינען געשטאָרבען מיט אַן אונגאַטירליכען טויט און דיא איב־ריגע דריי פאַר געוועהנליכע טויטע קבצנים.

דיא ריעזיגע וועלדער פון אינדיען זיינען גוט בעקאַנט יעדען איינעם, ווער עס האָט נור אַמאָל עפּעס געלייענט. דער אינדישער דזשאָנגעל מיט דיא וואונדערבאַרע פּאַלמען און באַנאַניא'ען בוימער און מיט דיא פערשיעדענע אַנ־דערע בוימער און פלאַנצונגען איז נאָך ביז יעצט אין אַ ווילדען צושטאַנד, וויא ער איז געוועזן מיט הונדערטע און פיעלייכט טויזענדע יאָהרען צוריק.

דער דזשאָנגעל אָדער דער אינדישער וואַלד איז דיא היים פון פיעלע ווילדע חיות. דער אמת'ער הערשער פון דעם דזשאָנגעל איז דער טיגער. אינ־

דיען האט אמאל פערמאגט אויך פיעל לייבען, זייער צאהל איז אבער איצטער זעהר קליין. דער קעניג פון דיא חיות אין אינדיען איז איצטער דער טיגער. וועלכער טרעט ניט אב אין קראפט דעם לייב און איז פיעל שרעקליכער פון איהם.

דער טיגער איז ניט נור שרעקליך אין דיא וועלדער, נאר אויך ארום דיא דערפער. עס טרעפט ניט זעלטען, אז א טיגער בעזעצט זיך ניט ווייט פון א דארף און בריינגט אריין פערניכטונג צווישען דיא בהמות. דער אונגליק איז נאך מיט'ן טיגער, וואס ער טויטעט פשוט "אויס ליעבע צו דער קונסט", דאס הייסט, ער טויטעט ניט נור ווען ער איז הונגעריג און נימ דוקא אזוי פיעל וויפיעל עס פאדערט זיך פאר איהם זיך אנצוזעטיגען, נאר ער טויטעט רעכטס און לינקס, וואס עס קומט איהם נור צו דער האנד.

אם שרעקליכסטען זיינען אבער יענע טיגערס וואס זיינען בעקאנט אונ־טער'ן נאמען "מענשען־פרעסער". דער "מענשען־פרעסער" פיהרט אן זיין יאגד נור אויף מענשען. פאסירט עס נור איין מאל, אז א טיגער פערזוכט מענשען־פלייש, ווערט ער שוין א "מענשען־פרעסער" און זוכט נור מענשליכע קרבנות. אזא טיגער ווערט אפט דער שרעק פון גאנצע געגענדען. צוליעב איין "מענשען־פרעסער" ווערען אפט גאנצע דערפער אויף א גרויסער שטרעקע ארום און פערלאזען און פערוויסטעט. מען צולויפט זיך און פאר מיילען ארום ווערט אלעס טויט און אבגעשטארבען.

דער "מענשען־פרעסער" רייסט זיך אריין אין הייזער און שלעפט פון דארט אוועק מענשען. מיט איין קלאפ טויטעט ער זיין קרבן, כאפט איהם אריין אין זיין מויל און פערטראגט איהם אין וואלד, וואו ער מאכט פון איהם א סעודה. עס זיינען בעקאנט פעלע, ווען איין "מענשען־פרעסער" האט פער־ניכטעט צעהנדליגע מענשען־לעבענס איידער עס איז געלונגען אן ענגלישען יעגער איהם צו טויטען.

דיא יאגד אויף טיגערס ווערט געפיהרט אויף צווייערליי אופנים: אדער א געניטער יעגער בעהאלט זיך ערגעץ ניט ווייט פון דעם פלאץ, וואו דער טיגער קומט געוועהנליך צום טייך טרינקען און לעגט איהם אוועק דורך א גוט גע־ציעלטען שאס; אדער עס ווערט אויף איהם געפיהרט א יאגד אויף עלעפאנטען. דיעזע יאגד איז פונקט אזוי אינטערעסאנט וויא געפעהרליך. אויף עלעפאנטען ברעכט מען זיך דורך דורך דיא געדיכטעניששען ביז מען צווינגט דעם טיגער ארויסצוקומען אין אן אפענעם פלאץ און דאן בעשיט מען איהם מיט א האגעל קוילען. גליקליך זיינען דערביי דיא יעגער, ווען זיי געלינגט אוועקצולעגען דעם טיגער מיט איין מאל. וועה איז אבער צו זיי, ווען דער טיגער ווערט נור פערוואונדעט. ערווארפט זיך ארויף אויף אן עלעפאנט און אויף א יעגער און ניט זעלטען פאלען זיי ביידע אונטער זיינע שארפע אייזערנע נעגעל.

דער צווייטער קעניג פון דער אינדישער דזשאנגעל איז דער עלעפאנט.

דיא מעהרסטע עלעפאנטען זיינען איצטער שוין הויז־חיות. עס זיינען אבער נאך פאראן פיעלע ווילדע עלעפאנטען, וועלכע געהן געוועהנליך ארום מחנות־ווייז. קיין יאגד מיט דעם צוועק זיי צו דערשיסען ווערט אויף עלע־פאנטען ניט געפיהרט; זיי זיינען צו טהייער מען זאל זיך דאס ערלויבען. עס ווערט אבער אויף זיי אנגעפיהרט א יאגד מיט דעם צוועק זיי צו פאנגען און זיי מאכען פאר הויז־חיות. אי דיא יאגד אויף עלעפאנטען אי דיא צוימונג פון דיא געפאנגענע עלעפאנטען איז פערבונדען מיט געפאהר. עס פאדערט זיך דערביי פיעל אויסדויער און בעזונדערע פעהיגקייטען.

נאך דעם טיגער און דעם עלעפאנט קומען דער לעאפארד און דיא פאנטהער, וועלכע קענען לויפען אזוי שנעל וויא א לעאפארד און קריכען אויף בוימער וויא א מאלפע. געפעהרליך איז דיא פאנטהער דערמיט, וואס איהר פעל גיסט זיך צונויף מיט דיא ארומיגע פלאנצען און קען זעלטען בעמערקט ווערען. זיא פאלט תמיד אן אונערוואַרטעט. דיא פאנטהער איז שרעקליך בלוטדורשטיג. דאס געפעהרליכסטע אין איהר איז אבער דאס, וואס זיא קעמפפט ביז'ן לעצ־טען, ווען זיא ווערט פערוואונדעט. זיא קלייבט ניט נור אויס אלס קרבן איי־נעם פון דיא יעגער, נאר זיא פאלט אן אויף יעדען פון זיי אויף איינעם נאך'ן צווייטען.

ניט ווייניגער געפעהרליך זיינען דיא אינדישע ווילדע חזירים, בערען און אנדערע חיות. זיי קענען זיך אבער ניט פערגלייכען אין דער הינזיכט מיט'ן אליגאטאר (קראקאדיל), וועלכער איז אזוי שטארק, אז ער טרעט אריין אין קאמפף זאגאר מיט'ן טיגער, ווען יענער קומט צום טייך טרינקען. מעהרסטענ־טהייל בלייבט אין אזא קאמפף דער זיעגער דער אליגאטאר. ער כאפט אן דעם טיגער מיט זיינע שרעקליכע צייהן, שלעפט איהם נאך א פערצווייפעלטען קאמפף אריין אין וואסער, וואו ער דערטרינקט איהם און פרעסט איהם אויף.

פיעלע מענשען פאלען אלס קרבנות פון דעם אליגאטאר, ווען זיי באדען זיך אדער קומען שעפפען וואסער אדער קומען ביים טייך מתפלל זיין. דער הויפט אונגליק איז דערביי דאס, וואס דער אליגאטאר איז פערהייליגט אין אינדיען און מען טאר איהם ניט טויטען. דערזעלבער אונגליק איז אויך דארט מיט דיא שלאנגען.

אינדיען פערמאגט דיא געפעהרליכסטע מינים שלאנגען. מען קען זיך אין ערגעץ ניט א ריהר טהאן, מען זאל זיך ניט אנשטויסען אויף גרעסערע און קלע־נערע שלאנגען. דיא מעהרסטע פון זיי זיינען גיפטיג. דיא שרעקליכסטע פון אלע שלאנגען איז דער ריזיגער "באא־קאנסטריקטאר", וועלכער איז פון 20 ביז 25 פוס לאנג און גאנץ דיק. דיעזער ריעז דערשטיקט זיין קרבן ארומ־

וויקלענדיג זיך אַרום זיין קערפּער, און דערנאָך שלינגט ער איהם איין גאַנ־צערהייד.

די שלאַנגען זיינען אַזוי געפעהרליך, ווייל, וויא געזאָגט, לויט אַן אַבער־גלויבען, פערניכטעט מען זיי ווייניג. די ענגלישע רעגיערונג קעמפּפט מיט אַלע מיטלען צו פערניכטען די שלאַנגען און די בלוטדורשטיגע חיות. טויזענדער דאָלאַר ווערען יעדען יאָהר אויסגעצאָהלט פון דער רעגיערונג צו די יעגער וואָס טויטען די חיות און שלאַנגען. גרויסע צאָהלען פון זיי ווערען יעדען יאָהר געטויטעט. אָבער אַז זייער צאָהל איז נאָך ביז איצטער אונגעהייער גרויס קען מען זעהן פון די הונדערטע און אָפטמאָל טויזענדע מענשען, וועלכע פער־לירען יעדען יאָהר זייערע לעבענס דורך חיות.

און ביי די אַלע שרעקענס שטעלט מיט זיך דער אינדישער דזשאָנגעל פאָר אַזאַ פּראַכטפאָלעס בילד, וועלכעס האָט פיעלייכט צו זיך קיין גלייכען ניט. אַלעס איז פּראַכטפאָל, גרויסאַרטיג און אונגעוועהנליך. די רייכקייט, פערשיעדענאַרטיגקייט און אונגעוועהנליכקייט פון די פלאַנצען לאָזט זיך פשוט ניט בעשרייבען.

דער ריעז צווישען די אינדישע בוימער איז דער בעריהמטער באַנאַניאַנ־בוים, פון וועלכען יעדע צווייג לאָזט נייע וואָרצלען אין דער ערד און בילדעט אַ נייעם בוים, אָבער די פיעלע צווייגען־בוימער בילדען דאָרט איין בוים, וועל־כער פערנעהמט אַן אונגעהייערע שטרעקע און קען געבען שוץ פאַר הונדער־טע מענשען.

פיעלייכט אין קיין פלאַץ קען מען ניט אַזוי גוט בעאָבאַכטען דאָס אמת'ע לעבען אין אינדיען, וויא אין דער שטאָדט אודאיפּור, די בעריהמטעסטע און שעהנסטע שטאָדט אין אינדיען.

דאָ קען מען זעהן די אינדישע אַדעליגע געקליידעט אין זייד, בעדעקט מיט דימאַנטען און בריליאַנטען און בעגלייט פון אַ גאַנצע מחנה נאָכפאָלגער און טעלער־לעקער. דאָ זעהט מען אין די גאַסען גאַנצע רייהען עלעפאַנטען מיט פּראַכטפאָלעביידלעך אויף די רוקענס, טראָגענדיג אויף זיך די אינ־דישע פּרינצען און אַדעליגע. די ביידלעך זיינען קונסטפאָל געשניצט. זיי זיינען בעדעקט מיט גאָלד און אַרומגעהאַנגען מיט ווערטהפאָלע און פּראַכטפאָלע פאָרהאַנגען, די פראַנזען און שפּיצען פון וועלכע דערגרייכען ביז דער ערד. דאָ זעהט מען די אינדישע פרויען, געקליידעט אין דינעם, דורכזיכטיגען זייד פון פערשיעדענע קאָלירען, אַזוי, אַז אַ מחנה פרויען זעהט אויס וויא אַ בע־וועגליכער בלומען־גאָרטען.

די מענער זיינען שעהן און זיינען שטאַרק געבויט. וויא די פרויען זעהן אויס, קען מען ניט זאָגען, ווייל זייערע פּנים'ער זיינען צוגעדעקט. וואָס עס וואַרפט זיך אָם מייסטען שטאַרק אין די אויגען ווענגן די פרויען, איז די

אונגעהייערע צאָהל ציערונג וואָס זיי טראָגען אויף זיך. זיי זיינען פשוט אָנגעלאָדען מיט ציערונג. ביי דיא רייכערע פרויען איז דיא ציערונג געמאַכט פון גאָלד און דימאַנטען, ביי דיא אָרימע — פון זילבער. עס איז ניט קיין זעלטענהייט צו זעהן אַ פרוי, וועמעס ציערונג בעשטעהט פון אַ פּאָר צעהנדליג רינגלעך אויף דיא פינגער און אַ פּאָר צעהנדליג בראַסלעטען, וואָס בעדעקען איהרעביידע הענט פון אויבען ביז אראָב. אויסערדעם זיינען זיי בעהאַנגען איבער'ן גאַנצען לייב מיט לאַנגע זילבערנע אָדער גאָלדענע קייטען.

ניט ווענינער בעהאַנגען מיט גאָלד, זילבער, דימאַנטען און טהייערע שטאָפּען זיינען דיא מענער. דיא הויפּט־ציערונג אָבער פון אַ מאַן אין אודאיפּור (אין דעם "לאַנד פון דיא ראַדזשפּוטס" — אַזאַ פּראָווינץ אין הינדאָסטאַן) איז זיין לאַנגע באָרד, וועלכע ער צוקעמט אויף ביידע זייטען אויף אַ בעזונדערען, קונציגען אופן. פערשיעדענע מיטלען ווערען אָנגעווענדעט, אַז דיא באָרד זאָל זיין וואָס לענגער, וואָס וויכער, וואָס גלאַנציגער און וואָס גרייזעלדיגער.

אודאיפּור ווערט גערעכענט פאַר דער שעהנסטער שטאָדט אין הינדאָסטאַן (אָדער אינדיען), און ניט אומזיסט. דיא געביידעס זיינען פּראַכטפאָל און יעדע געביידע איז בעציערט מיט געשניצטע פיגורען און מיט אַ בעזונדערער שניצערײ־אַרבייט אין שטיין, וועלכע זעהט אוים וויא דיא שעהנסטע און קונסטרייכסטע שטריקערײ.

דיא מערקווירדיגסטע געביידעס אין אודאיפּור זיינען דריי פּאַלאַצען פון דעם הערשענדען פּרינץ, צוויי פון וועלכע זיינען געבויט אויף אינזלען אין מיטען פון אַן אָזיערע (לייק). עס זיינען דאָרט אויך פאַראַן פיעלע טעמפּלען.

אָם בעסטען זעהט זיך דער גאַנצער גלאַנץ און מערקווירדיגקייט פון דעם אינדישען לעבען אין דיא הויפען פון דיא פּרינצען און הערשער. דיעזע הערשער האָבען אייגענטליך איצטער קיין מאַכט ניט איבער זייערע פּראָווינצען. דיא אמת'ע הערשער זיינען דיא בעאַמטע פון דער ענגלישער רעגיערונג. לפנים אָבער הערשען זיי נאָך און פיהרען דעם שטאַט וויא אין דיא אַלטע גוטע צייטען. דיא אינדישע הערשער אליין זיינען ניט זעהר פרום און האַלטען ניט שטאַרק פון דיא אַלטע צערעמאָניעס און מנהגים, ווען זיי שאַרלאַטאַנעווען אין לאָנדאָן אָדער פּאַריז. ביי זיך אין דיא הויפען אָבער פיהרען זיי זיך מיט דעמזעלבען גלאַנץ און מיט דיעזעלבע צערעמאָניעס וויא זייערע עלטער־עלטער־זיידעס.

דיא בעזוכער פון'ם הערשער'ס פּאַלאַץ פיהרט מען אין פּאַלאַטקעס אויף עלעפאַנטען, וועלכע שימערען מיט זייער גאָלד און טהייערע שטאָפען. ביים אריינגאַנג אין פּאַלאַץ שטעהן אויסגעשטעלט אינדישע סאָלדאַטען אין פערשיעדענע קליידער פון פערשיעדענע רייכע פאַרבען און נאָך מעהר פערשיעדענ־

אַרטיגע און גלענצענדע וואַפען. אַם גלענצענדסטען איז אָבער דעם הערשער'ס סוויטע אין פּאַלאַץ. אַלעס ווערט דאָרט ממש דערטרונקען אין גאָלד, זילבער, דימאַנטען און רייכע פאַרבען. דער הערשער ערוואַרטעט דיא געסט אין אַ בעזונדערען צימער זיצענדיג אויף אַ רייכען, אויגען בלענדענדען טהראָן. אַרום איהם שטעהן דיענער און פאָכען אויף איהם מיט פאָכערס (פענס) פון פערדישע האָר אָדער פעדערען. אַ פאָכער פון פערדישע האָר ווערט אין אינדיען געברויכט נור פאַר הערשער. אַזאַ פאָכער איז אַ צייכען פון הערשאַפט. ביי אַזעלכע אוידיענצען ערשיינען אָפט שעהנע מיידלעך געקליידעט אין דורכזיכטיגע שטאָפען און טאַנצען און זינגען פאַר דיא געסט. אין אַבענד קומען אין פּאַלאַץ פאָר פראַכטפאָלע פייערווערק.

אָבער ניט אַלעס אין אינדיען גלאַנצט און איז בעדעקט מיט ציערונג. דאָס לאַנד איז אונגעהייער רייך, אָבער דיא אָרימקייט צווישען דיא גרויסע מאַסען פון פאָלק דערגרייכט אָפט דיא שוידערליכסטע שטופען. הונגער־יאָהרען זיינען אָפטע ערשיינונגען אין הינדאָסטאַן און דאַן שטאַרבען אויס פון הונגער טויזענדע און אָפט זאָגאַר צעהנדליגע טויזענדע מענשען. אָבער אפילו ניט אין הונגער־יאָהרען איז דיא אָרימקייט זעהר גרויס און דאָס לעבען פון דיא גרויסע פאָלקס־מאַסען איז ניט אַזאַ, אַז מען זאָל דאַרויף דאַרפען מקנא זיין.

אינדיען פערמאָגט אויך אידען. דיא אינדישע אידען זיינען פאַראַן צווייערליי: דיא ווייסע אידען און דיא שוואַרצע אידען. דיא אידען האָבען זיך דאָרט בעזעצט באַלד נאָך דעם חורבן פון צווייטען בית המקדש.

אַם בעסטען איז צו בעאָבאַכטען דיא ביידע מינים אידען אין קאָכין, וועלכע האָט אַמאָל בעלאַנגט צו דיא האָלענדער און פּאָרטוגעזער, אין דער שטאָדט מאַנטאַשערי.

דיא אידען אין דער שטאָדט, וויא אויך אין אַלע אַנדערע שטעדט, לעבען אין אייגענע בעזונדערע קוואַרטאַלען און קעהרען זיך וועניג־וואָס אָן מיט דער אַרומיגער בעפעלקערונג.

דיא אידישע גאַס אין מאַנטאַשערי איז גאָרניט עהנליך צו דיא איבעריגע גאַסען. דיא הייזער זיינען הויכע, כמורנע, מיט שמאָלע פענסטער און צוזאַמענגעדרענגט. דיא גאַס איז עהנליך צו דיא אַלטע אידישע געהטאָס אין דיא אַמאָליגע אייראָפּעאישע שטעדט. דיעזע גאַס איז אויסגעבויט געוואָרען פון דיא האָלענדער אויף דעמזעלבען שטייגער וויא מען פלעגט דאַן בויען גאַסען אין דיא גרויסע אייראָפּעאישע שטעדט. זיא איז געבויט געוואָרען ניט פאַר אידען, אָבער ווען דיא האָלענדער האָבען פערלאָזען אינדיען, האָבען דיא אידען פערנומען דיא גאַס. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אין מיטען אינדיען, אונטער דעם שטראַהלענדען אינדישען הימעל, צווישען דיא פרייע אינדישע פּאַלמען־וועלדער געבילדעט אַן אייראָפּעאישע מיטעלאַלטערליכע געהעטאָ.

אין דיעזער געהעטא זעהט מען אידען און נור אידען, און דערצו אידען, אויף וועלכע אינדיען האט ניט ארויפגעלעגט איהר אייגענעם שטעמפעל, כאטש זיי לעבען דא כמעט צוויי טויזענד יאהר. זיי זעהען אויס און זיי קליידען זיך וויא דיא אידען אין ירושלים. זייער צאהל איז זעהר קליין, כאטש, וויא מען בעהויפטעט, זיינען זיי דא אמאל געווען ניט ווייניגער פון צעהן טויזענד. וויא עס ווייזט אויס, האבען זיי זיך ניט געקענט צופאסען צום אינדישען קלימאט.

דאס מערקווירדיגסטע אין דיעזער געהעטא איז דיא שוהל. אלעס איז דא אלט און מערקווירדיג. דער באדען איז אויסגעלעגט מיט פראכטפאלען זעל־טענעם בלויען פארצעלאי. דיעזער טהייערער באדען־צודעק איז געמאכט גע־ווארען מיט 600 יאהר צוריק אין כינא און איז אהער אריבערגעבראכט געווא־רען מיט פיעל מיה און קאסטען. עס זיינען אין דער שוהל אויך פאראן פיעל־הונדערט־יעהריגע ספרי תורות, בעציערט מיט גאלד און זילבער און אנדערע עהנליכע טהייערע, אלטע, הייליגע זאכען.

דאן געפינט זיך אין שוהל אויך א בראנזענע פלאטע, אויף וועלכער עס זיינען אויסגעקריצט דיא רעכטע וואס זיינען אין יאהר 319 פאר דער קריסטלי־כער צייטרעכנונג געגעבען געווארען פון דעם הערשער פון מאלאבאר (דער טהייל פון אינדיען, אין וועלכע עס געהט אריין קאכין) צו דיא אידען.

נאך דעם קווארטאל פון דיא "ווייסע אידען" קומט דער קווארטאל פון דיא "שווארצע אידען". דיאביידע מינים אידען זיינען פיינדליך איינע צו דיא אנדערע און האבען ווייניג שייכות צווישען זיך. ניט נור טהוען זיי ניט קיין שדוכים צווישען זיך, נאר זיי קעהרען זיך לחלוטין ניט אן איינע מיט דיא אנדערע. דיא מיוחסים זיינען דיא "ווייסע אידען". זיי בעהויפטען, אז דיא "שווארצע אידען" זיינען הינדוסען, אי דאס פון דער נידריגסטער קאסטע (דיא פאריער), וועלכע האבען אין גאר אלטע צייטען זיך מגייר געווען. דיא "שווארצע אידען", פון זייער זייט, בעהויפטען, אז זיי זיינען ניט קיין גרים. זיי דענקען אויך, אז זיי זיינען געקומען פון ארץ ישראל נאך אינדיען מיט עט־ליכע יאהרהונדערטע פריהער פאר דיא "ווייסע אידען".

דיא "שווארצע אידען" זיינען אייגענטליך ניט אין גאנצען שווארץ, זיי זיינען אבער פיעל טונקעלער וויא דיא "ווייסע אידען" און פיעלע גלויבען ווירקליך, אז דאס זיינען גרים.

דיא "שווארצע אידען" אין מאנטאשערי האבען זייער אייגענע שוהל, וועלכע איז פיעל ארימער פון דער פריהער דערמאהנטער שוהל.

דיא צאהל פון אידישע געמיינדעס אין אינדיען איז ניט זעהר גרויס. זיי האבען פאר דיא פיעלע, פיעלע יאהרהונדערטע וואס זיי לעבען דא, קיין מאל ניט געליטען קיין פערפאלגונגען פאר זייער גלויבען. אין אינדיען האט מען קיין מאל ניט גענוואוסט וואס עס הייסט פערפאלגען אימיצען פאר זיין גלויבען.

דאך האט מען זיך געהאלטען פון דיא אידען פון ווייטענס און זיי האבען קיין מאל קיין ראָלע ניט געשפיעלט אין דעם לאנד.

אינדיען ווערט צוטהיילט אין פערשיעדענע פראווינצען. דיא מנהגים און דיא רעליגיאָן אין יעדער פון דיזע פראווינצען איז ניט פיעל פערשיעדען, דערפאר איז דיא נאטור און דער כאראקטער פון בעפעלקערונג א זעהר פער־שיעדענארטיגער. געוועהנליך איז אנגענומען, אז דיא הינדוסען זיינען פויל, נאכלעסיג, גערולדיג און פריעדליך. דאס ערקלערט מען מיט דעם הייסען קלי־מאט פון דעם לאנד. דאס איז ניט אין גאנצען אמת, דאס הייסט, עס איז אמת בלויז אין בעצוג צו דיא הינדוסען פון דיא גאר הייסע טהיילען. הינדאסטאן איז אבער זעהר פערשיעדען איז דער כאראקטער פון דער בעפעלקערונג. עס זיינען אין אינדיען פאראן זעהר קאמפף־לוסטיגע שבטים, מיט וועלכע ענגלאנד האט געמוזט פיהרען א ביטערען לאנג־יעהריגען קאמפף איידער זיא האט זיי אונטעריאכט און נאך איצט מוז ענגלאנד האלטען אין אינדיען א גרויסע ארמעע אויס מורא פאר אן אויפשטאנד.

29טעם קאפיטעל.

ליעבע און האס פון אן אינדישער פרוי

שוין ביים ערשטען טריט אין אינדיען האט זיך עלען פעטערסאן בע־געגענט מיט א ביטערער ענטטוישונג. זיא האט ערווארטעט, אז זיא וועט אין דער שטאדט באמבעי טרעפען דעם קאלאנעל (פאלקאווניק) גאלדסמיטה, זיא וועט איהם איבערגעבען זיין יונגע, שעהנע טאכטער, וועלכע איז שיער ניט פעראונגליקט געווארען און וועלכע איז בעפרייט געווארען פון דיא וועס־טאלקעס צוזאמען מיט דיא איבריגע זיעבצעהן פרויען פון דער שקלאפען־הענדלערישער שיף ניט ווייט פון קאנסטאנטינאפאל, און וועט פון איהם קריגען דיא ערווארטעטע בעוויזע, אז לארד הארלינגטאן׳ס פערשוואונדענער קרוב איז געוועזן איהר פאטער.

עלען האט אבער דעם קאלאנעל אין באמבעי ניט געטראפען. לארד האר־לינגטאן און טשארלס וויליאמס, וועלכע האבען אמאל געדיענט אלס אפיציערען אין דער ענגלישער ארמעע אין אינדיען, האבען דא געהאט פיעלע בעקאנטע און דורך דיזע בעקאנטע האבען זיי זיך דערוואוסט, אז קאלאנעל גאלדסמיטה איז איבערגעפיהרט געווארען מיט זיין רעגימענט נאך דער פעסטונג אין סא־בולפאר, וואו מען האט ערווארטעט אן אויפשטאנד פון דעם דארטיגען ראדזשאה (אינדישער הערשער).

דאס איז געווען ערשט א פאר יאהר נאכדעם וויא דיא הינדוסען האבען

געמאכט א בלוטיגען אויפשטאנד געגען דער ענגלישער רעגיערונג און מען איז איצטער געווען זעהר פארזיכטיג, ווייל עס איז געווען זיכער, אז דיא הינ־דוסען זיינען נאך ניט אין גאנצען בערוהיגט און אז יעדע מינוט קען מען אין פערשיעדענע געגענדען ערווארטען אן אויפשטאנד.

עס איז, אליזא, בעשלאסען געווארען, אז דיא ענגלענדער פון "אמאר" און דיא וועסטאלקעס זאלען באלד אבפאהרען נאך סאבולפאר און דערוויל האט מערי גאלדסמיטה, דעם קאלאנעל'ס בעפרייטע טאכטער, טעלעגראפיש געמעלדעט צו איהר פאטער וועגען איהר אנקומען.

פון אייניגע פריינד אין באמבעי האט זיך מערי דערוואוסט, אז איהר פאטער האט ניט גערוהט קיין איינציגע מינוט זינט זיא איז פערשוואונדען און האט זיא געזוכט איבער גאנץ אינדיען. איהם איז גאר ניט איינגעפאלען, אז זיא איז פערשלעפט געווארען נאך אייראפא. נאך יעצט, א האלב יאהר נאך מערי'ס פערשווינדען — אזוי האבען איהר דיא פריינד איבערגעגעבען — הערט נאך אלץ דער קאלאנעל ניט אויף צו קלאגען נאך איהר, אבער ער איז נאך ביז יעצט איבערצייגט, אז ער וועט זיין טאכטער נאך אמאל זעהן. וויא זיין טאכטער איז פערשוואונדען, האט דער קאלאנעל קיין בעגריף ניט געהאט.

דערפאר האט וועגען דעם געהאט א שטיקעל פערדאכט מערי אליין, אב־וואהל זיא איז ניט געווען אין גאנצען זיכער.

אט וויא זיא האט וועגען דעם דערצעהלט פאר עלען:

— ווער עס האט מיך אוועקגערויבט — האט מערי געזאגט — קען איך נאך ביז יעצט בעשטימט ניט זאגען. איך בין אמאל ארויסגעפאהרען רייטענ־דיג הינטער דער שטאדט און בין פערפאהרען גאנץ ווייט. איך בין געווען פערטיעפט אין מיינע געדאנקען און האב אליין ניט בעמערקט, וויא ווייט איך בין פון דער שטאדט. ערשט, ווען עס האט אנגעהויבען טונקעל צו ווערען, האב איך זיך געכאפט, אז עס איז צייט זיך אומצוקעהרען אהיים. אבער וויא איך האב נור אויסגעקירעוועט דאס פערד, זיינען עטליכע פערמאסקירטע מענ־שען, וועלכע זיינען, ווייזט אויס, מיר נאכגעפאהרען פון הינטען, מיך בעפאלען, האבען מיר פערבונדען דאס מויל און האבען מיך ערגיץ פערפיהרט.

— און איהר האט גאר ניט געמאכט קיין פערזוך זיך צו בעפרייען? — האט עלען געפרעגט.

— איך האב עס ניט געקענט טהאן. מען האט מיך דיא גאנצע צייט שטרענג בעוואכט, בייטאג פלעגען זיך מיינע רויבער אויסבעהאלטען מיט מיר אין דיא וועלדער און בלויז בייניאכט פלעגען זיי מיט מיר פאהרען ווייטער.

— און וואוהין האבען זיי אייך ענדליך געבראכט?

— דאס ווייס איך נאך אליין ניט בעשטימט. נאר מיר דאכט זיך, אז

זיי האָבען מיך פערשלעפּט נאָך טיבעט און פון דאָרט האָט מען מיך פערקויפט צו אַ פּערזישען אָדער טערקישען פרויען־הענדלער און יענער האָט מיך געבראַכט אויף אַ שיף נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

— האָט איהר אַ פּערדאַכט, אין וועמענס אינטערעסען עס איז געווען פון אייך פּטור צו ווערען? — האָט עלען געפרעגט.

— אַ שטיקעל פערדאַכט האָב איך יאָ, אָבער דאָס איז טאַקע ניט מעהר וויא אַ פערדאַכט.

— איז דאָס אַ סוד?

— יאָ, אָבער ניט פאַר אייך, איבערהויפּט יעצט, ווען איהר וועט פּיליכט אין גיכען אליין האָבען דיא מעגליכקייט דעם סוד אויסצוגעפינען, ווען איהר וועט זיין אין מיין פאָטער'ס הויז.

— אויב אייך איז אונאַנגענעהם צו דערצעהלען, שווייגט בעסער — האָט עלען געזאָגט, בעמערקענדיג וויא מערי איז אַביסעל רויט געוואָרען.

— אָה, ניין! איך וועל אייך דערצעהלען — האָט מערי געזאָגט.

זיא האָט אַ פּאָר מינוטען געטראַכט, וויא זיא וואָלט ניט געוואוסט, פון וואָס אָנצופאַנגען, און דאַן האָט זיא שטיל און אַביסעל אין פערלעגענהייט אָנגעפאַנגען איהר ערצעהלונג.

— מיין מוטער איז געשטאָרבען מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק — האָט מערי אָנגעהויבען — זיא איז געשטאָרבען אין איהרע בליהענדע יאָהרען, קוים פיער־ציג יאָהר אַלט און מיין פאָטער, וועלכער האָט זיא שטאַרק געליעבט און געאַכ־טעט, האָט זיך מיט קיין זאַך ניט געקענט טרייסטען נאָך איהר טויט. איך פערשטעה, אַז ווען ניט צוליעב מיר, זיין איינציגען קינד, וואָלט ער דעם קלאַפּ ניט געווען אריבערגעטראָגען.

"איך האָב אויך שטאַרק געליטען און כאָטש איך האָב אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו פערבאָרגען מיין שמערץ צוליעב מיין פאָטער, האָט ער דאָך געזעהן, אַז צוליעב מיין איינזאַמקייט האַלט איך אין איין טראַכטען וועגען מיין מוטער און געה ממש אויס וויא אַ ליכט. דאָס האָט איהם ענדליך געצוואונגען אריינ־צונעהמען אין הויז אַ יונגע פרוי, מיינע אַ מוהמע, זיא זאָל מיט מיר פערר־בריינגען.

"איידער איך געה ווייטער מיט מיין ערצעהלונג, מוז איך אייך דער־צעהלען דיא געשיכטע פון מיין מוהמען. זיא איז אַ האַלבע אינדיער און אַ האַלבע ענגלענדערין, ווייל איהר פאָטער איז געווען אַן ענגלענדער און איהר מוטער אַן הינדוסין. זיא האָט אַביסעל בילדונג, איז קלוג וויא אַ טייפעל, שעהן וויא אַ מלאך און פערדאָרבען ביז'ן מאַרך פון איהרע ביינער. מיין מוטער'ס ברודער האָט זיך אין איהר פערליעבט ביז משוגעת און האָט מיט איהר געהייראַט, כאָטש ער האָט געוואוסט פּאַראויס, אַז ער וועט מיט איהר זיין

אונגליקליך. איהר טייפעלשע שעהנקייט האט איהם אזוי בעצויבערט, אז ער איז אין גאנצען געווען אין איהרע הענד.

"מיין אנקעל איז זיך פון זיין שעהנעם ווייבעל אויסגעשטאנען געברענטע צרות. זיא האט איהם בעהערשט וויא א שקלאף, האט פערשווענדט זיין גאנ־צען פערמעגען און האט איהם פערשאפט דיא שרעקליכסטע ליידען מיט איהרע פרייע אויפפיהרונגען מיט מענער. איך ווייס ניט, אויף וויפיעל דאס איז אמת, אבער יעדער איינער האט געהאט צו דערצעהלען פיעלע ניט שעהנע געשיכטען וועגען מיין אינדישער מוהמע. נאך אלס קינד האב איך זיך אנגעהערט פער־שטעלטערהייד מעשיות וועגען איהר, אז עס האט מיך פשוט געשווידערט. מיין אנקעל האט זיך וועגען אייניגע סקאנדאליעזע געשיכטען דערוואוסט, און דאס האט איין מאל געבראכט דערצו, אז ער האט זיך געשאסען. מען האט איהם אבער אבגעראטעוועט. יעדער האט געוואוסט, אז מיין אנקעל'ס פאמיליען־לעבען וועט זיך ענדיגען דערמיט וואס ער וועט דערשיסען אדער זיך אדער זיין פרוי, און אויב עס איז דערצו ניט געקומען, איז עס נור א דאנק דעם וואס מיין אנקעל איז געטויטעט געווארען אין דעם לעצטען אויפשטאנד אין אינדיען.

"מיין מוטער איז געשטארבען פריהער מיט א האלב יאהר און ווען מיין פאטער האט געזעהן, אז דיא איינזאמקייט און דער צער פון מיין מוטער'ס טויט מאכען פון מיר א תל, האט ער בעשלאסען אריינצונעהמען אין הויז מיין טאנטע עוועלין.

עלען האט דערביי ערשטוינט אנגעקוקט מערי'ן.

— האט אייער פאטער דען ניט געוואוסט וועגען אייער מוהמע'ס שענד־ליכע אויפפיהרונגען? — האט עלען געפרעגט.

— אה, ער האט שוין געוואוסט צו־פיעל.

— טא וויא האט ער געוואגט אזא פרוי אריינצונעהמען אין הויז אלס אייער חבר'טע?

— דאס איז פארגעקומען אזוי — האט מערי געענטפערט — באלד נאך מיין אנקעל'ס טויט האט זיך עוועלין אין גאנצען געענדערט. זיא האט זיך אבגעשלאסען פון אלע איהרע בעקאנטע און האט זיך גענומען אויפפיהרען אזוי אנשטענדיג וויא מען וואלט עס פון איהר קיין מאל ניט ערווארטעט. זיא פלעגט אין ערגיץ ניט געהן און מיט קיינעם זיך ניט בעגעגענען. גאנצע טעג פלעגט זיא איבערזיצען ביי אונז אין הויז און קלאגען און אויסדריקען חרטה.

— האט זיא עס ערנסט געמיינט?

— איך און מיין פאטער האבען איהר געגלויבט און האבען גערענקט, אז זיא האט ווירקליך חרטה און דאס האט געבראכט דערצו, אז מיין פאטער זאל איהר פארשלאגען זיך צו בעזעצען ביי אונז. דעם אמת געזאגט, האב איך זיא

זעהר ניט ליעב געהאט און מיר האט זיך אפט געדאכט, אז זיא האט מיך אויך פיינט, כאטש זיא האט צו מיר אימער ארויסגעצייגט פיעל ליעבע.

— און זיא האט עס וואהרשיינליך אייך געוואלט פטר'ען און האט אייך אבגעריסען פון אייער פאטער און פון אייער היים? — האט עלען זיך גענומען אנשטויסען צו וואס מערי'ס ערצעהלונג וועט פיהרען.

— איך וויים עס ניט זיכער, אבער איך דענק אזוי.

— אבער מיט וועלכען צוועק האט זיא עס געטהאן?

— אט וועגען דעם וויל איך עס אייך דערצעהלען — האט געזאגט מערי — וויא איך האב זיך גאר גיך איבערצייגט, איז מיין מוהמע געווארען גוט און פרום בלויז מיט א געוויסען צוועק: זיא האט געהאט אן אויג אויף מיין פאטער, וועלכער איז א קאלאנעל, איז רייך, אנגעזעהן און דערצו נאך ניט קיין גאנץ אל־טער מאן. זיא האט גערעכענט, אז מיט איהר יוגענד און שעהנקייט וועט זיא זעהר לייכט געווינען מיין פאטער'ס ליעבע. עס האט זיך אבער ארויסגעצייגט, אז איך שטעה איהר אין וועג. צווישען מיר און מיין פאטער איז געוועזן צו־פיעל געמיינשאפטליכעס און אונז האט אזוי שטארק פערבונדען אונזערביידענס טרויער נאך מיין מוטער, אז איך האב פערנומען מיין פאטער'ס גאנצע אויפ־מערקזאמקייט און עוועלין האט קיין וועג ניט געקענט קריעגען צו זיין האר־צען.

— האט זיא דען געליעבט אייער פאטער אזוי שטארק, אז דאס זאל זיא טרייבען אזוי וויט צו בעגעהן אזא שרעקליכען פערברעכען געגען אייך?

— האט עלען געפרעגט.

מערי האט טרויעריג א שמייכעל געטהאן.

— ווען איהר וועט דערקענען עוועלין — האט זיא געזאגט — וועט איהר אליין צוגעבען, אז זיא קען ניט ליעבען. אזעלכע פרויען קענען ניט ליעבען, זיי ווייסען ניט פון ליעבע, נאר פון ווילדער ליידענשאפט. עוועלין האט מיין פאטער ניט געליעבט און האט זאגאר צו איהם קיין ליידענשאפט ניט געפיהלט. אין דעם האב איך זיך גאר שנעל איבערצייגט. זיא האט פשוט געוואלט טהאן א גוטען שדוך.

— און אום צו דערגרייכען איהר צוועק, האט זיא בעשלאסען אייך אבצור־ראמען פון וועג, וויל איהר האט איהר געשטערט?

— יא. אבער דא איז פאראן נאך א סוד. עוועלין האט מיך געמוזט אב־ראמען, וויל איך האב צו־פיעל געזעהן און געוואוסט. איך האב געזעהן דאס וואס מיין פאטער, וועלכער איז געווען פערנומען מיט זיין דיענסט, וואלט קיין מאל ניט דערזעהן, און איך האב געוואוסט זאכען, וועגען וועלכע ער וואלט זיך קיין מאל ניט דערוואוסט. איך בין אויף אזא אופן געווען געפעהרליך פאר עוועלין ניט נור דערמיט, וואס מיין פאטער האט צוליעב מיר איהר קיין אויפ־

מערקזאמקייט ניט געשענקט, נאר אויך דערמיט וואס איך האב געקענט ענט־
דעקען איהרע סודות, און דאס וואלט שוין אויף אימער צושטערט איהרע אויס־
זיכטען.

— און וואס זיינען דאס געווען פאר סודות?

— צום אלעם ערשטען האב איך בעמערקט, אז עוועלין׳ס אנשטענדיגקייט
און חרטה זיינען ניט ווערטה קיין פערבויגענעם סענט. זיא האט פונקט וויא
פריהער געפיהרט איהרע ליעבע־אינטריגעס מיט אלע אפיציערען פון מיין פא־
טער׳ס רעגימענט און איהרע ליעבעס־פערהעלטניסע זיינען געווען נאך שענדלי־
כער וויא אמאל. ניט מעהר, זיא האט עס איצטער געטהאן אזוי געהיים, אז
קיינער, אויסער מיר, האט עס ניט געוואוסט.

— און איהר האט איהר ערלויבט ווייטער צו בלייבען ביי אייך אין הויז?

— איז עלען געווארען אן אנגעצונדענע.

— איך וואלט דאס איהר קיין מאל ניט ערלויבט, איך וואלט אלעס דער־
צעהלט מיין פאטער און זיא וואלט נאכדעם קיין איין סעקונדע ניט געבליבען
ביי אונז אין הויז, ווען, דערוויסענדיג זיך וועגען דיעזע סקאנדאלען, וואלט איך
זיך אויך ניט דערוואוסט אויף אן אנדער געשיכטע. איך געדענק שוין איצטער
ניט וויא אזוי, נאר באלד וויא עוועלין איז אריינגעקומען צו אונז אין הויז,
איז מיר איינגעפאלען א פערדאכט, אז זיא האט עפעס מאדנע, געהיימע פער־
בינדונגען מיט דיא איבערגעבליבענע פיהרער פון דעם אינדישען אויפשטאנד.
דער פערדאכט איז וואס ווייטער אלץ מעהר געוואקסען און זיך בעפעסטיגט
און ענדליך בין איך כמעט געווען זיכער, אז עוועלין איז ביי אונז אין הויז אויך
מיט דעם צוועק צו פערראטהען דיא ענגלענדער בכלל און מיין פאטער בפרט.

— הייסט עס, אז זיא האט ניט געמיינט צו הייראטען אייער פאטער? —
האט עלען געפרעגט.

— איך דענק, אז דיא זאך איז פארגעקומען אזוי. דיא פערבינדונגען
מיט דיא רעוואלוציאנערען אדער בונטאוושטשיקעס האט זיא געהאט נאך
פון פריהער און האט זיי פיליכט אויסגעגעבען סודות וואס זיא האט זיך
דערוואוסט פון איהר מאן. הייראטען מיט מיין פאטער האט זיא זעהר גע־
וואלט, אזוי וויא אבער איהר האפנונג דאס צו דערגרייכען איז ביי איהר אלץ
שוואכער געווארען, האט זיא, ווייזט אויס, בעשלאסען כאטש אויף אזא שטייגער
צו ציהען נוצען פון מיין פאטער. און אמאל, הערט איהר, דאכט זיך מיר גאר,
אז זיא האט אייגענטליך אין זינען געהאטביידע זאכען: אי צו הייראטען
מיין פאטער, אי איהם צו פערראטהען.

— דאס איז שוידערליך! — האט אויסגעשריען עלען.

— עס איז מעהר וויא שוידערליך — האט געזאגט מערי — פאר אזעלכע
זאכען האט גאר דיא מענשליכע שפראך קיין נאמען ניט.

— זיינט איהר עפּעס דערגאַנגגען?

— מעהר וויא גענוג אום אליין צו ווערען איבערצייגט, אז עוועלין פּער־ראטה דיא ענגלענדער און מיין פאָטער, אָבער דאָך ניט גענוג, איך זאָל מיט פאקטען עס קענען בעווייזען. איך האָב בעשלאָסען צו ווארטען און קריגען בעווייזע, אָבער פּונקט דעמאָלט, ווען איך בין שוין געווען נאָהענט צום ציעל, האָט מען מיך מיט גוואלד אוועקגעשלעפּט פון דער היים און פערקויפט צו דיא שקלאַפען־הענדלער.

— ווייסט איהר ניט, אויב דיעזע פרוי איז נאָך ביי אייער פאָטער?

מערי איז רויט געוואָרען, ווען זיא האָט געענטפערט:

— יא. אזוי, אם וועניגסטען, האָבען מיר איבערגעגעבען מיינע בעקאַנטע אין באָמבעי. זיא איז געוואָרען דיא אויפזעהערין אין מיין פאָטער׳ס הויז און, וויא איך האָב פערשטאַנען פון מיינע פריינד׳ס רייד, האַלט עס דערביי, אז מיין פאָטער זאָל מיט איהר חתונה האָבען. און איך גלויב עס אויך. מיין פאָטער איז צו עהרליך, ער זאָל קענען א צווייטען פערדעכטיגען אין אונעהר־ליכקייט און דיא דורכגעטריבענע עוועלין האָט איהם וואהרשיינליך פערדרעהט דעם קאָפּ.

א פּאָר מינוטען האָט געהערשט א שטילקייט. עוועלין און מערי זיינען ביידע געווען פערנומען מיט זייערע געדאַנקען. פּלוצלונג האָט מערי געזאָגט:

— יא, איך בין זיכער, אז זיא האָט מיין פאָטער׳ס פּולען צוטרויען און איז אַלעס ביי אונז אין הויז. און א בעוויז האָב איך, וואָס איך האָב פון אַלעק־סאנדריע און פון אַן אנדער פּלאַץ געשיקט מיין פאָטער צוויי בריעף וועגען מיין בעפרייאונג און וועגען דער געשיכטע פון מיין פערשווינדען און איצטער צייגט זיך אַרויס פון דיא רייד פון מיין פאָטער׳ס היגע פריינד, אז מיין פאָטער קלאָגט נאָך אַלץ אויף מיין פערשווינדען. איך בין זיכער, אז עוועלין האָט דיא בריעף איבערגענומען, ווייל זיא ווייסט, אז מיין בעפרייאונג מיינט איהר מפּלה, כאָטש איך בין געווען גענוג פאָרזיכטיג ניט צו דערמאָהנען אין מיינע בריעף וועגען עוועלין׳ס סודות.

אָט דיעזע געשיכטע פון מערי גאָלדסמיטה׳ס פאמיליען־אַנגעלעגענהייטען האָט זיך עלען דערוואוסט אין באָמבעי איידער איהר קאָמפּאַניע האָט זיך אַרויסגעלאָזען אין וועג נאָך דער פעסטונג, וואו עס האָט זיך איצטער געפונען מיט זיין רעגימענט קאָלאָנעל גאָלדסמיטה. ווען עלען האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָט זיא בעשלאָסען, אז זיי זאָלען ווארטען מיט׳ן אָבפאָהרען, ביז עס וועט ניט קומען אַן ענטפער פון מערי׳ס פאָטער אויף דער טעלעגראַמע, וועלכע האָט איהם געמעלדעט וועגען דעם, אז מערי איז אין באָמבעי.

אין דער טעלעגראַמע האָט מערי אויסדריקליך געלאָזט וויסען איהר פאָ־

טער, אז ער זאָל ניט קומען קיין באַמבעי זיא אָבנעהמען, ווייל זיא פאָהרט באַלד ארוים צו איהם און זיא וועט נור וואַרטען אויף זיין טעלעגראַפישען ענטפער.

אויף דיעזען ענטפער איז איהר אָבער אויסגעקומען צו לאַנג צו וואַרטען אזוי אז מיסס פעטערסאָן האָט שוין געהאַט בעשלאָסען ניט צו וואַרטען מעהר און באַלד אָבפאָהרען נאָך סאַבולפאָר. ווען זיא האָט אָבער אויסגעהערט מערי'ס געשיכטע וועגען איהר מוהמע, האָט זיא בעשלאָסען צו וואַרטען. אַן ענטפער איז ערשט געקומען אויף'ן צווייטען טאָג. דאָס איז געווען א טעלעגראַמע פון עוועלין, אין וועלכער זיא האָט אויכגעדריקט איהר פרייד וואָס מערי האָט זיך ענדליך געפונען און האָט געמעלדעט, אז קאָלאָנעל גאָלדסמיטה איז אָבגעפאָהרען אויף א מיליטער'שער עקספעדיציע אין א ווייטער געגענד און וועט פיללייכט פאַר א וואָך צייט ניט זיין צוריק. זיא האָט איהם געמעלדעט דיא בשורה, כאָטש זיא ווייסט ניט געגוי, וואו ער איז.

דיעזע טעלעגראַמע האָט געבראַכט א נייע ענטווישונג אי פאַר מערי'ן, אי פאַר עלען.

נאָך דעם וואָס מערי האָט דערצעהלט עלען, איז געווען קלאָר, אז אזוי וויא דער קאָלאָנעל איז ניטאָ אין דער היים, קען זיין, אז עוועלין זאָל זוכען אַן אַנדער וועג פּטור צו ווערען פון מערי'ן און מען האָט געמוזט זיין פאָרזיכטיג. דערצו איז דאָך געווען קלאָר, אז אין יענער געגענד איז עס אונרוהיג און עס האָט פיללייכט ביי אַן אויפשטאַנד; דאָס האָט בעוויזען דער פאַקט וואָס מערי'ס פאָטער האָט געמוזט מיט א טהייל פון זיין רעגימענט אָבפאָהרען פון סאַבול־פאָר. דאָס האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט דיא געפאַהר פאַר מערי'ן און צוליעב איהר אויך פאַר איהרע נייע פריינד.

עלען האָט אין אָנפאַנג גערעכענט, אז עס איז גלייכער איבערצוואַרטען נאָך עטליכע טעג אין באַמבעי, ביז זיי וועלען קריגען א ידיעה, אז קאָלאָנעל גאָלדסמיטה האָט זיך צוריקגעקעהרט. מערי האָט אָבער קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטען און זיא האָט מיט טרעהרען אין דיא אויגען געבעטען עלען באַלד צו פאָהרען אָדער, אָם וועניגסטען, איהר ערלויבען אליין צו פאָהרען. עלען האָט זיא פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט לאָזען אליין און דעריבער האָט זיא געשטעלט מערי'ן א בעדינגונג, זיא זאָל איהר ערלויבען צו דערצעהלען איהרע סודות פאַר האַרלינגטאָן'ען און נאָך איינעם אָדער צווי פון דיא ענגלענדער, אום זיי זאָלען נעהמען אויף זיך דיא אויפגאַבע צו שיצען מערי'ן, ווען זיא וועט זיך צונויפקומען מיט איהר מוהמע.

מערי האָט דערויף איינגעשטימט.

דעם סוד האָט עלען פערטרויט האַרלינגטאָן'ען און וויליאַמס'ען.

ווען עלען איז אַוועקגעגאַנגען, איז ערשט פאָרגעקומען א געהיימע בע־ראַטהונג צווישען וויליאַמס'ען און האַרלינגטאָן'ען, ביי וועלכער האַרלינגטאָן

האָט פערטרויט וויליאַמס'ען דעם סוד, אַז אויב ער וועט זיך אונטערנעהמען צו שיצען מערי'ן פון עוועלין, וועט ער איהם געבען צו הילף דעם בעריהמטען דעטעקטיוו ניק שאַרפּ.

דיא נייע, אינטערעסאַנטע אינטריגע האָט שטאַרק בעגייסטערט דעם לע־בעדיגען וויליאַמס'ען.

— איהר וועט זעהן, וואָס פאַר וואונדער מיר וועלען אויפטהאָן! — האָט בעגייסטערט געשריען וויליאַמס.

דעמזעלבען טאָג זיינען אייניגע וועסטאַלקעס און אייניגע פון דיא ענגלענ־דער אַרויסגעפאָהרען נאָך סאַבולפאַר. דיא איבריגע זיינען געבליבען צו בע־וואַכען דעם "אַמאַר" און דיא "וועסטאַ" מיט דיא בעפרייטע פרויען, וועלכע זיינען יעצט געבליבען צעהן אין צאָהל. פון דיא אַכטצעהן בעפרייטע פרויען איז סולימאַ אָבגעפיהרט געוואָרען צו איהר אַראַבישען שבט, מערי גאָלד־סמיטה האָט מען איצטער געפיהרט צו איהר פאָטער און נאָך זעקס פרויען האָט מען אויף שיפען צושיקט נאָך זייערע היימען. דיא מעהרסטע איבער־געבליבענע זיינען געוועזן אָדער פון אַזיען, אָדער פון אַפריקאַ, און מען האָט גערעכענט זיי ערשט אָבצופיהרען אָדער אָבצושיקען נאָך זייערע היימען אויף דער צוריק־רייזע.

30טעם קאַפּיטעל.

אַ פערשווערונג אין זעלבסט־פערטהיידיגונג

ווען עלען פעטערסאָן און האַרלינגטאָן זיינען מיט זייערע בעגלייטער אָנגעקומען אין סאַבולפאַר און האָבען מערי גאָלדסמיטה געבראַכט אין איהר פאָטער'ס הויז, האָט אויף זיי דאָ געוואַרט אַ נייע ענטוישונג: דער קאָלאָנעל גאָלדסמיטה איז נאָך אַלץ ניט געוועזן צוריק פון זיין מיליטערישער עקספּעדיציע און מען האָט ניט נור ניט געקענט דערגעהן, ווען ער וועט קומען, נאָר זאָגאָר, וואו ער געפינט זיך.

עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז דיא גאַנצע פּראָווינץ, צו וועלכער סאַבול־פאָר האָט בעלאַנגט, איז געוועזן אונרוהיג און מען האָט יעדע מינוט געקענט ערוואַרטען אַן אויפשטאַנד איבער דער גאַנצער געגענד. דערוויייל האָבען דיא אונרוהען אויסגעבראָכען אין עטליכע דערפלעך און אַזוי וויא עס איז נויטיג געוועזן דעם אויפשטאַנד אונבעדינגט באַלד צו דערשטיקען, האָט דער קאָלאָ־נעל בעשלאָסען אַליין צו פיהרען אַהין אַ טהייל פון זיינע סאָלדאַטען.

פון אַ פּאָר פלעצער אויף'ן וועג זיינען פון איהם געוועזן צוויי קורצע בריוו־לעך צו עוועלין און צום קאַפּיטאַן, וועלכען ער האָט איבערגעגעבען דיא קאָמאַנדע איבער'ן רעגימענט. ער האָט זיי געמעלדעט, אַז דיא בונטאַווסטשיקעס זיינען

זיך צולאָפּען, אָבער ער וועט זיי פערפאָלגען ביז ער וועט זיי אַלע אריינקריגען אין זיינע הענד און דעריבער ווייס ער נאָך אליין ניט, וואו ער וועט זיך מאַר־גען געפינען און קען ניט אָנגעבען קיין בעשטימטען פּלאַץ, וואוהין מען זאָל איהם אַדרעסירען דיא בריעף.

אַט־דאַס האָט מען זיך דערוואוסט פון עוועלין, וועלכע האָט כלומר'שט מיט גרויס פרייד אויפגענומען מערי'ן און מיט פיעל פריינדליכקייט איהרע נייע פריינד. עוועלין איז בעשטאַנען דאַרויף, אַז דיא פרויען זאָלען זיין איהרע געסט און זאָלען וואָהנען אין דעם קאָלאָנעל'ס הויז אַזוי לאַנג וויא זיי וועלען בלייבען אין סאַבולפּאַר. עלען האָט אפילו קיין חשק ניט געהאַט אָנצונעהמען עוועלין'ס גאַסט־פריינדליכקייט, ווייל עוועלין האָט אויף איהר פון אָנהויב אַן געמאַכט זעהר ניט קיין גוטען איינדרוק, ניט קוקענדיג אויף איהר זעלטענער שעהנהייט. דאָ האָט נאַטירליך געווירקט אויך דאָס וואָס זיא האָט וועגען עוועלין פריהער געהערט פון מערי'ן. עלען און איהרע פריינדינען זיינען אָבער דאָך געבליבען וואָהנען אין קאָלאָנעל גאָלדסמיטה'ס הויז, ווייל מערי האָט זיי געבעטען דאָס צו טהאָן צוליעב איהר.

— ערשטענס — האָט מערי געזאָגט — בין איך זיכער, אַז מיין מוהמע וועט זיך בענוצען מיט מיין פאָטער'ס אָבוועזענהייט, אום אויף וועלכען ניט איז אופן ווידער אַמאָל פּטור צו ווערען פון מיר. צווייטענס, איז מיר ניט אָנגענעהם צו בלייבען מיט איהר אליין אין הויז און דריטענס...

דאָ האָט זיא זיך אָבגעשטעלט, האָט זיך צוגעבויגען צו עלען'ס אויער און האָט איהר שטיל געזאָגט:

— און דריטענס, האָב איך בעמערקט פאַרבייגעהענדיג אין גאָרטען, וויא עוועלין שושקעט זיך מיט דעם ראַדזשאַה'ס (אַן אינדישער הערשער) הויפּט־ראַטהגעבער.

עלען האָט ניט פערשטאַנען, וואָס זיא מיינט, און מערי האָט איהר דייט־ליכער ערקלערט:

— דער ראַדזשאַה האָט גענומען אָנטהייל אין דעם לעצטען אויפשטאַנד, אין דעם איז ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט, ער איז אָבער געווען קלוג גענוג זיך אויסצודרעהן, און אַזוי וויא דיא ענגלישע רעגיערונג האָט ניט געוואָלט צו־פיעל אויפרייצען געגען זיך דיא היגע בעפעלקערונג, האָט זיא ניט בע־שטראָפט דיעניגע וועמעס אָנטהייל אין אויפשטאַנד איז ניט קלאָר בעוויזען געוואָרען, און צווישען דיעזע איז אויך געווען דער סאַבולפּאַרער ראַדזשאַה. אַזוי וויא אָבער איצטער האַלט עס ביי אַן אויפשטאַנד, בין איך מעהר וויא זיכער, אַז אַלעס ווערט געפּלאַנעוועט פון דעם ראַדזשאַה.

— און איהר דענקט, אַז עוועלין שטעהט מיט איהם אין פערבינדונג?

— עס לעגט זיך מיר גאַנץ גוט אויף'ן שכל — האָט מערי געזאָגט —

עוועלין פערשטעהט, אז זיא וועט מיאוס אבשניידען, ווען עס זאל איצטער פאלען אויף איהר א פערדאכט, אז זיא האט מיך געוואלט פערזונגליקען און זיא בעזארגט זיך פאראויס מיט דעם ראדזשאה׳ס הילף.

דיעזער געשפרעך האט עס געבראכט דערצו, אז עלען און איהרע פריינדינען זאלען זיך ענטשליסען זיך צו בענוצען מיט עוועלין׳ס פריינדשאפט און בלייבען דארטען אין הויז. פון דיא ענגלענדער וויעדער האבען זיך איינינע בעזעצט אין א האטעל און הארלינגטאן און וויליאמס האבען זיך אבגעשטעלט ביי זייערע פריינד, אפיציערען פון דעם רעגימענט, מיט וועלכע זיי האבען אמאל געדיענט צוזאמען.

דריי טעג זיינען אזוי פאראיבער און פון קאלאנעל גאלדסמיטה איז נאך אלץ קיין ידיעה ניט געווען. מערי און עלען זיינען געוועזן אויסער זיך פאר ערגערניש. מערי האט געוואלט זעהן איהר פאטער און עלען האט דורך מע־רי׳ס פאטער וואס שנעלער געוואלט אויסגעפינען עטוואס וועגען איהר איינע־נעם פאטער.

דיא איינציגע צערשטרייאונג זייערע פאר דיעזע דריי טעג איז געווען דאס וואס זיי האבען זיך אמוזירט מיט דער ליעבע, וועלכע האט, וויא זיי האבען בעמערקט, פלוצלונג אויפגעפלאקערט ביי דער ליידענשאפטליכער עוועלין צום שעהנעם, לוסטיגען, וויציגען טשארלס וויליאמס. דיא היים־בלוטיגע, ליידענ־שאפטליכע עוועלין האט איהרע געפיהלען ניט געקענט בעהערשען און איהר ליידענשאפט האט זיך ארויסגעצייגט פון׳ם ערשטען טאג אן.

מערי האט אויך אין זינען געהאט איהר פערדאכט, אז עוועלין שטעהט אין א פערעטהערישער פערבינדונג מיט׳ן ראדזשאה און זיא האט ניט דורכ־געלאזט דיא קלענסטע געלעגענהייט נאכצושפירען עוועלין. איהר פערדאכט האט זיך וואס ווייטער אלץ מעהר פערשטארקט. דיא לאגע איז געווארען אלץ געפעהרליכער און עס איז אונבעדינגט נויטיג געווען צו וויסען, וואו מען איז אין דער וועלט, וויל עס האט געקענט פאסירען, אז דער ראדזשאה זאל זיך בע־נוצען מיט׳ן קאלאנעל׳ס אבוועזענהייט און וואס שנעלער ארויסרופען אן אויפ־שטאנד.

מערי האט זיך אין געהיים וועגען דעם בעראטהען מיט עלען און מיט לארד הארלינגטאן און דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז עלען האט אוועק־געשיקט א בריוועל צו טשארלס וויליאמס, וועלכער איז גראדע היינט אין דער פריה אבגעפאהרען אין א דערבייאיגען שטעדטעל צו זיינעם אן אלטען פריינד, און האט איהם געבעטען באלד זיך צוריקצוקעהרען און זיא אין געהיים בעגעגענען אין א געוויסען פלאץ אין סאבולפאר.

עס איז בעשלאסען געווארען, אז גראדע עלען זאל שרייבען דאס בריוועל און ניט הארלינגטאן, וויל מען האט גערעכענט, אז איהר בקשה זאל האבען

א שנעלערע ווירקונג. דאס ווידער וואס עלען האט וויליאמס'ען ניט פשוט געבעטען צו קומען, נאר האט איהם בעשטימט אלס בעגעגעניש־פלאץ א גע־היימניספאלען ארט איז געקומען דערפון, וואס, ערשטענס, האבען זיי טאקע דיא גאנצע געשיכטע געוואלט האלטען בסוד; און צווייטענס, האבען זיי דער־מיט געוואלט וויליאמס'ען מאכען נייגעריג.

דער אויפטהו איז געלונגען. פונקט אין דער בעשטימטער צייט, אום אכט א זייגער אין אבענד, איז וויליאמס ערשיענען אין דעם בעשטימטען ארט, אין א קליינעם רעסטאראן אויסער דער שטאדט, לעבען א וועלדעל, ביים ברעג טייך. ער האט זיך אוועקגעזעצט ביי א טישעל, האט זיך געהייסען דערלאנגען עפעס צום טרינקען און האט גענומען אונגעדולדיג ווארטען. אין א פיערטעל שטונדע ארום איז עלען ערשיענען.

— איך האב געוואוסט, אז איהר וועט קומען — האט איהם עלען געזאגט מיט א שמייכעל.

— איך בין ניט געקומען, מען האט מיך געטראגען אויף א טראג־שטוהל — האט זיך וויליאמס אויך איצטער ניט געקענט אבהאלטען פון א וויץ.

— איך גלויב, אז מיר קענען דא אונגעשטערט ריידען — האט עלען גע־זאגט, זיך ארומקוקענדיג — איך קען ווערען, אז איהר ברענט פאר אונגע־דולד זיך צו דערוויסען צוליעב וואס איך האב איך אהער אויף אזא געהיימ־ניספאלען אופן ארויסגערופען.

— איך מוז צוגעבען, אז — יא. אייער בריוועל איז געווען אזוי גע־היימניספאל און אזוי פול מיט אנצוהערענישען, אז איך האב שוין אין פאר־אויס בעשלאסען, אז דא מוז זיך האנדלען אדער אום ליעבע אדער אום א מארד. אויב עס האנדעלט זיך וועגען ליעבע, קען איך נאך וויא עס איז בע־שטעהן, אויב אבער מען דארף אימעצען ערמארדען...

— נו, אזוי ווייט געהט עס נאך ניט — האט זיך עלען צולאכט — מאר־דען וועט איהר קיינעם ניט דארפען; ליעבען אבער — פיליייכט.

וויליאמס האט געמאכט א קאמישע מיענע און האט א פייף געטהאן.

— איך האף — האט ער געזאגט — אז ניט איהר זיינט פערליעבט אין מיר?

— אה, ניין! — האט זיך נאך שטארקער צולאכט עלען — זאל אייך דאס הארץ זיין גרינג. ניט וועגען מיר האנדעלט עס זיך.

— ווירקליך, איהר האט א שווערען שטיין אראבגענומען פון מיין הער־צען — האט אלץ מיט דערזעלבער קאמישער מיענע געזאגט וויליאמס.

— אזוי ווייניג געפעהל איך אייך?

— פערקעהרט, מיסס פעטערסאן! ווען איהר וואלט מיר ניט געפעהלען, וואלט קיין געפאהר ניט געווען. איהר געפעהלט מיר אבער זעהר שטארק

און זיך פערליעבען אין אייך קען איך זיך נאָך שטאַרקער. אָבער בערעכענט נור, וואָס פאַר אַן אונגליק דאָס וואָלט געווען! צוליעב אונזער ליעבע וואָלטען מיר זיך דאָך ביידע בעדאַרפט צוקריעגען מיט דזשיימס האַרלינגטאָן און מיט...

ער האָט זיך אָבגעשטעלט און עלען האָט פאַר איהם דערענדיגט:

— און מיט מיסס טהאָמפּסאָן.

זיי האָבען זיך ביידע צולאַכט.

— אָבער שפּאַס אָן אין אַ זייט. איך מוז מיט אייך ערנסט ריידען וועגען אַ זעהר וויכטיגען ענין און דערצו אַ זעהר אונאַנגענעהמען — האָט עלען געזאָגט.

זיא האָט נעהנטער צוגערוקט איהר בייַנקעל צו זייַנעם, האָט זיך צוגעבויגען צו איהם און שטיל גענומען ריידען. זיא האָט איהם דערצעהלט וועגען עוועלין אַלעס וואָס איז פריהער בעשריבען געוואָרען. ער האָט אויפמערקזאַם אַלעס אויסגעהערט און ווען זיא האָט געענדיגט, האָט ער פערוואונדערט געפרעגט:

— אָבער וואָס האָט דאָס אַלעס מיט מיר צו טהאָן?

—זעהר פיעל — האָט עלען געזאָגט — עס איז פאַראַן אַ מאַן וואָס האָט זיך אונטערגענומען ארויסצוקריגען אַלע סודות ביי עוועלין, אָבער דערצו מוז ער האָבען אייער הילף.

— וואָס איז גראַד מיין הילף?

— דאָס ווייס איך שוין ניט גענוי, אָבוואָהל איך שטוים מיך אָן — האָט עלען געזאָגט אין פערלעגענהייט.

וויא עס האָט געשיינט, האָט זיא געוואוסט פיעל מעהר, וויא זיא האָט געוואָלט אָדער געקענט זאָגען. וויליאַמס האָט עס בעמערקט, אָבער ער האָט זיך ניט־וויסענדיג געמאַכט. ער האָט בלויז געפרעגט:

— און ווען וועל איך זעהן דיעזען מאַן?

— ער האָט פערשפּראָכען דאָ צו זיין אום ניין אַ זייגער. איך האָף, אַז איהר וועט זיין אַזוי גוט דאָ אויף איהם צו וואַרטען, ווייל איך מוז אייך, לײדער, באַלד פערלאָזען. אַלע וואַרטען שוין אויף מיר וואַהרשיינליך מיט אונגעדולד.

זיי האָבען זיך געזעגנט און עלען איז אַוועקגעגאַנגען.

וויליאַמס האָט געהייסען דעם קעלנער דערלאַנגען נאָך אַ פלאַש וויין און וואַרטענדיג האָט ער דערווייל גענומען עפּעס פערצייכנען אין זיין נאָטיץ־ביכעל.

— מעג איך ביי אייך בעטען פייער פאַר מיין סיגאַר? — האָט וויליאַמס פּלוצלונג דערהערט נעבען זיך אַן אונבעקאַנטע שטימע.

וויליאַמס האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט דערזעהן אַ רייך־גע־

קליידעטען מאן פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג. ער האָט דעם אונבעקאַנטען געגעבען צו פערוויכערען דעם סיגאר און האָט זיך ווידער גענומען צום נאָטיץ־ביכעל. דער אונבעקאַנטער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים זעלבען טישעל און האָט, ווייזט אויס, גאָר קיין חשק ניט געהאַט אַוועקצוגעהען.

— שעהנעם וועטער היינט — האָט ער אין א מינוט אַרום געזאָגט.

וויליאמס האָט איהם ניט געענטפערט און האָט ווייטער געשריבען.

— איך זאָג: שעהנעם וועטער היינט — האָט דער אונבעקאַנטער ווידער־האָלט.

וויליאמס האָט א קוק געטהאָן אויף'ן הימעל, וועלכער איז געווען ריין און טיעף־בלוי און אָנגעפילט מיט גרויסע, העל־שיינענדע שטערען, און האָט קאַלט געזאָגט:

— עס וועט באַלד רעגענען.

— ביי אזא לויטערען הימעל?

— ווייסט איהר ניט אז אין דריי מאָנאַט אַרום וועט זיך אָנהויבען דיא רעגענדיגע צייט? — האָט וויליאמס געזאָגט.

— אָה, דאָס מיינט איהר? — האָט קאַלטבלוטיג געזאָגט דער אונ־בעראַנטער.

וויליאמס האָט מיט אָפענעם האַס א קוק געטהאָן אויף דעם אונבעקאַנטען און האָט בעשלאָסען איהם דאָ איבערצולאָזען און זיך אַוועקזעצען ביי אַן אַנדער טישעל. ער האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבען, ווען דער אונבעקאַנטער האָט פּלוצלונג געזאָגט.

— קענט איהר מיר ניט זאָגען, וואָס מיסס פּעטערסאָן האָט גערעדט מיט אייך?

וויליאמס האָט געוואָרפען אויף'ן אונבעקאַנטען א פערוואונדערטען בליק, האָט לאַנגזאַם פערמאַכט זיין נאָטיץ־ביכעל, האָט עס אריינגעלייגט אין קעשענע און האָט קאַלט געזאָגט:

— אייער אָפענע פראַגע פאָדערט אַן אָפענעם ענטפער.

— און וואָס איז אייער ענטפער? — האָט געפרעגט דער פרעמדער.

— מיין ענטפער איז — האָט וויליאמס שטרענג געזאָגט — אז דאָס איז ניט אייער באָבע'ס דאגה.

— דאָס איז זעהר ניט העפליך — האָט געזאָגט דער פרעמדער.

דאָס האָט שוין וויליאמס'ען ארויסגעבראַכט פון געדולד און ער האָט בייז געזאָגט:

— מיין העדר, איך קען אייך ניט און וויל אייך ניט קענען און...

— דאָס איז שעהן! — האָט קאַלטבלוטיג בעמערקט דער פרעמדער —

איהר האָט מיין וויזיט־קארטעל ביי אייך אין נאָטיץ־ביכעל און זאָגט, אז איהר קענט מיך ניט. דאָס איז ניט העפליך, סער וויליאמס.

— אייער וויזיט־קארט? — האָט וויליאמס איבערגעפרעגט.

— מיין וויזיט־קארט — האָט מיט אַ שמייכעל ווידערהאָלט דער פרעמ־דער.

וויליאמס האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר געוואונדערט. איהם איז איינ־געפאַלען, אז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט אַ משוגע'נעם: דאָך האָט ער, וויא געגען זיין אייגענעם ווילען, ארויסגענומען דאָס נאָטיץ־ביכעל און האָט עס געעפענט. פון דאָרט איז ארויסגעפאַלען אַ וויזיט־קארטעל. מיט ערשטוי־נונג האָט וויליאמס דאָס קארטעל אויפגעהויבען און האָט איבערגעלייענט דיא ווערטער: "ניקאָלאָס שאַרפּ."

דער נאָמען "ניקאָלאָס אָדער ניק שאַרפּ" האָט וויליאמס געוואוסט נאָך פון אַמעריקאַ און דאָ ניט לאַנג צוריק האָט איהם הארלינגטאָן ענטדעקט דעם סוד, אז דער בעריהמטער דעטעקטיוו איז פון איהם אַנגעשטעלט צו בעשיצען עלען פעטערסאָן. דעמזעלבען סוד האָט ער אויך שוין פערטרויט צו עלען, ווען ער האָט געזעהן, אַז זיא פערדעכטיגט שוין יאָהאַנאַ לינד, און ער האָט איהר אַלעס גענוי אָפען ערקלערען.

וויליאַמס האָט דעריבער מיט נייגעריגקייט אַנגעקוקט דעם דעטעקטיוו און האָט געזאָגט:

— אַלזאָ, זיינט איהר עס דער בעריהמטער מיסטער שאַרפּ? מילאָ, דאָס איז שוין גוט. אָבער וויא קומט אייער קארטעל צו מיר אין נאָטיץ־ביכעל?

— איך האָב עס אהין אונבעמערקט אריינגעלעגט אין דער מינוט, ווען איהר האָט פערמאַכט דאָס נאָטיץ־ביכעל. אָבער דאָס איז ניט וויכטיג. וויכ־טיג איז, וואָס איך בין עס דער מאַן, וועלכער האָט אייך דאָ בעדאַרפט בעגע־גענען. זיינט איהר גרייט מיך אויסצוהערען?

— רעדט! — האָט קורץ געזאָגט וויליאמס.

דער דעטעקטיוו האָט זיך נעהענטער צוגערוקט, האָט זיך אַנגעגאָסען אַ גלאָז וויין און האָט אַנגעהויבען:

— מיסס פעטערסאָן האָט אייך שוין וואהרשיינליך ערקלערט דיא לאַגע?

וויליאמס האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— אַלזאָ — האָט דער דעטעקטיוו פאָרטגעזעצט — עס האַנדעלט זיך דאָ ניט מעהר און ניט ווייניגער וויא וועגען דעם, אַז, אויב עס איז אמת מיסס גאָלדסמיטה'ס פערדאַכט, זאָל היינט־מאָרגען אויסברעכען אַ שרעקליכער אויפ־שטאַנד און דיא ערשטע קרבנות וועלען זיין מיסס גאָלדסמיטה און איהרע נייע פריינד, דאָס הייסט, מיסס פעטערסאָן, מיסס טהאָמפּסאָן, לאָרד הארלינגטאָן, איהר און אַלע איבריגע.

— האלט עס אבער ווירקליך דערביי?

— עס האלט דערביי — האט מיט זיכערהייט געזאגט ניק שארפ — און דיעזע בעהויפטונג בעגרינדע איך ניט נור אויף מיסס גאלדסמיטהס רייד, נאר אויך אויף מיינע אייגענע בעאבאכטונגען. מיין פלאן וואלט געווען, מיר זאלען זיך אלע באלד אבטראגען פון דאנען, ווייל אבער דערפון מיסס פעטערסאן ניט הערען. זיא זאגט, אז זיא וועט דא בלייבען אונטער אלע אומשטענדען און וועט בעשיצען מיסס גאלדסמיטה. און אויב אזוי, מוז מען זיך פערטהיידיגען און פערטהיידיגען קען מען זיך ערשט דאן, ווען מען ווייסט דעם שונא'ס פלענער.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— איך מיין, אז אזוי וויא אונזער נעהנטסטער שונא איז דעם קאלאנעל'ס שווענגערין עוועלין, מוזען מיר וויסען איהרע סודות. זיא האלט, ווייזט אויס, דעם קאלאנעל אין איהרע הענד און ניט נור פערוואלטעט זיא זיין הויז, נאר זיא און ניט ער, איז אייגענטליך דער קאמאנדיר פון דעם רעגימענט, הויפטזעכליך איצטער, ווען ער איז ניטא. זיא פיהרט דיא קאנצעלאריע פון דעם רעגימענט און האלט דיא וויכטיגסטע פאפיערען ביי זיך. צוליעב דעם האט זיא איהר אייגענע קאנצעלאריע און איך בין זיכער, אז צווישען דיא וויכטיגע פאפיערען פון דעם רעגימענט האלט זיא אויך ניט ווייניגער וויכטיגע פאפיערען וועגען איהרע פערהעלטניסע מיט דעם ראדזשאה. איך מוז קריעגען א צוטריט צו איהרע פערשלאסענע שופלאדען און אין דעם קענט איהר מיר פיעל העלפען.

— ווארום גראדע איך? — האט פערוואונדערט געפרעגט וויליאמס.

— שטויסט איהר זיך ניט אן?

— ניין.

— ווייל עוועלין איז אין אייך פערליעבט ביז משוגעת, דאס הייסט, זיא איז ניט פערליעבט, נור עס ברענט אין איהר א ווילדע ליידענשאפט צו אייך. האט איהר עס בעמערקט?

— אביסעל. איך פערשטעה אבער אלץ ניט, וואס איהר מיינט?

דער דעטעקטיוו האט זיך נאך מעהר צוגעבויגען צו וויליאמס'ען און האט א פאר מינוטען איהם עפעס שטיל איינגערוימט אין אויער.

וויליאמס האט ענטשלאסען געענטפערט:

— איך וועל פאר קיין פאל דא ניט ערלויבען צו געברויכען מיין נאמען.

— איך דענק גאר ניט צו געברויכען אייער נאמען — האט ניק שארפ געזאגט.

— וויא דען וועט איהר עס טהאן?

— עס דאַרף נור אויסקומען אזוי, אַז ווען דאָס בריוועל וועט זיין אָהן א נאָמען, זאָל זיא דענקען, אַז דאָס איז פון אייך.

— וויא אַזוי אָבער וועט איהר זיא אַרויפברייננגען אויף דיעזען געדאַנק?

— דורך דעם וואָס איהר וועט מאָרגען א גאַנצען טאָג פערברייננגען אין דעם קאָלאָנעל'ס הויז און וועט זיין העפליך צו עוועלין.

— פערשפּרעכט איהר מיר, אַז אויך שפּעטער וועט מיין נאָמען ניט דער־מאָנט ווערען?

— איך פערשפּרעך עס אייך.

וויליאַמס איז עטליכע מינוט געווען פערזונקען אין געדאַנקען. ענדליך האָט ער געזאָגט:

— איך קען דאָך ניט נעהמען קיין אַנטהייל אין דעם.

— וויא איהר ווילט — האָט ניק שאַרפּ קאַלט געזאָגט — דאַן בלייבט אייך איבער באַלד אָבצופאָהרען פון דאַנען אָדער שטעלען אַלע אייערע פריינד אין געפאַהר.

— ווייסען מיינע פריינד וועגען דעם פּלאַן?

— יא.

— און זיי רעכענען, אַז איך דאַרף דאָס טהאָן?

— נו, געוויס.

— גוט. איך וועל עס טהאָן. אָבער געדענקט: מיין נאָמען זאָל דערביי ניט דערמאָנט ווערען.

— איך גיב דאַרויף מיין עהרען־וואָרט. אַלזאָ, מאָרגען אין דער פריה קומט איהר זעהן אייערע פּרויען־פריינד אין קאָלאָנעל גאָלדסמיטה'ס הויז און איהר וועט דאָרט פערברייננגען ביז אין אָבענד.

— יא.

זיי האָבען זיך אויפגעהויבען, אום צו פערלאָזען דעם רעסטאָראַן, ווען עס איז צו זיי צוגעקומען אַן אינדישער בעטלער און האָט צו וויליאַמסען און צו שאַרפּ'ען אויסגעצויגען זיינעביידע הענד, וועלכע זיינען, וויא עס האָט גע־שיינט, געווען פערמאַכט אין פויסטען זייט פיעלע יאָהרען, ווייל דיא נעגעל פון דיא פינגער זיינען געווען דורכגעוואַקסען דורך דער האַנד דורך און דורך אַזוי, אַז זיי האָבען אַרויסגעשטעקט פון אויבען.

וויא שוין דערצעהלט אין א פריהעריגען קאַפּיטעל, זיינען אַזעלכע פער־קריפּעלטע, צוקאַליעטשעטע בעטלער קיין נייעס ניט אין אינדיען. דאָס מאַכען זיי זיך פאַר קאַליקעס, אַלס תשובה און אום צו ווערען הייליגע, און אויך דאָס בעטלען איז אויך ביי זיי א מיטעל צום זעלבען צוועק.

דער דעטעקטיוו און וויליאַמס האָבען דעם בעטלער געגעבען א פּאָר מטבעות, וועלכע ער האָט ביי זיי צוגענומען מיט'ן מויל.

וויליאמס האט זיך געלאזט אוועקגעהן, אבער ניק שארפ האט איהם א וואונק געטהאן, ער זאל ווארטען. ערשט, ווען דער בעטלער איז ארויס פון רעסטאראן, האט ניק געזאגט:

— דער בעטלער געפעהלט מיר ניט. עפעס קומט ער מיר פאר פערדעכטיג. גיט איהם ניט דיא געלעגענהייט אונז נאכצושפירען.

— דענקט איהר, אז ער איז א שפיאן?

— איך בין זיכער אין דעם. איך וויים, אז מען שפיאנירט אייך אלע נאך אויף שריט און טריט.

— אבער וויא קען אזא קאליקע זיין א שפיאן?

— נו, עס קען זיך טרעפען, אז ער איז גאר ניט קיין קאליקע. דיא "פייקירס" (פאקירען) קענען דא מאכען אזעלכע קונצען אויך.

— דאס וויים איך — האט געזאגט וויליאמס.

— אלזא, געהט איהר און איך וועל שוין זעהן, אז דער בעטלער זאל אייך ניט קענען נאכשפיאנירען.

דערמיט האבען זיי זיך צושיידט.

* *
*

אויפ'ן צווייטען טאג שפעט אין אבענד איז טשארלס וויליאמס געזעסען אין האטעל אין דעם צימער וואס עס האט פערנומען ניק שארפ און האט גע־ווארט אויף איהם, ווייל ער האט באלד געוואלט וויסען, וויא עס איז אויסגעפא־לען ניק שארפ'ס פלאן, וועלכער איז בעשטאנען אין פאלגענדען: ער וועט אונ־טערווארפען עוועלין א קוויטעלע, אז זיא זאל קומען אין גארטען זיך זעהן מיט איהם און אזוי וויא אלעס איז געמאכט געווארען אזוי, אז זיא זאל מיינען, אז דאס קוויטעלע איז פון וויליאמס'ען וועט זיא זיכער קומען און דאן וועט דער דעטעקטיוו, אביסעל פערשטעלט אלס וויליאמס, קענען אין דער פינסטער שפיע־לען זיין ראלע און געפינען א מיטעל צו דערגעהן איהרע סודות.

ערשט ארום 12 ביינאכט איז דער דעטעקטיוו אנגעקומען פון זיין ליעבע־בעגעגעניש און איידער וויליאמס האט נאך צייט געהאט איהם צו פרעגען, וויא עס איז מיט איהם צוגעגאנגען, האט שוין ניק אליין מיט געלעכטער גענומען אלעס דערצעהלען.

— אה, עס איז געווען עטוואס אזעלכעס פון וואס מען האט ממש געקענט פלאצען פאר געלעכטער — האט ער אנגעהויבען — עוועלין האט גענאסען אייער ליעבע מיט דער פולער מאס, כאטש דער פערגניגען איז איהר צו־לעצט אביסעל פערשטערט געווארען.

— האט איהר זיא בעגעגענט פערשטעלט אלס איך? — האט זיך ווי־ליאמס אנגעכמורעט.

— יא — האָט ניק אָפּענהערציג צוגעגעבען — אָבער איידער עס צו־ברענט זיך אייער גערעכטער צאָרן, לאָזט מיך אַלעס דערצעהלען און דאַן וועט איהר זעהן, אַז איך האָב מיין וואָרט געהאַלטען.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שטיק וואַקס און האָט עס גענומען בעטראַכטען. וויליאַמס האָט זיך אויך צוגעבויגען און ער האָט בעמערקט, וויא אין וואַקס זיינען אָבגעדריקט עפּעס צייכענס.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט?

— איהר זעהט דאָך — האָט ניק געענטפערט — אָבדריקע פון שליסלען. אין דער היץ פון דער ליעבע האָב איך ביי איהר אַרויסגענומען דיא שליסלען, האָב זיי אַריינגעדריקט אין וואַקס, האָב זיי אָבגעווישט, אַז עס זאָלען אויף זיי קיין שטיקלעך וואַקס ניט בלייבען און האָב זיי צוריק אַריינגעשטעקט אין עוועלין׳ס גאַרטעל.

— און זיא האָט עס גאָר ניט בעמערקט? דיא שליסלען האָבען דאָך געקענט אַ קלונג טהאָן.

— ניט נור דאָס קלינגען פון שליסלען, נאָר אפילו דאָס שיסען פון האַר־מאַטען וואָלט זיא אויך ניט געהערט — האָט געלאַכט דער דעטעקטיוו — אַ קליינינגקייט, וויא עס קען פער׳שכור׳ען דיא ליעבע פון אַזאַ מאַן, וויא סער טשאַרלס וויליאַמס!

— אָבער איהר האָט מיר נאָך גאָר ניט דערצעהלט, וויא אַלעס איז פאָר־געקומען — האָט געזאָגט וויליאַמס.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען בלויז איין מינוט — האָט געזאָגט דער דעטעקטיוו.

ער האָט געעפענט זיין טשעמאָדאַן, האָט אַרויסגענומען אַ בינטעל שליס־לען און האָט זיי געפּרובט צופּאַסען צו דיא סמנים אין וואַקס. ער האָט דאַן אַרויסגעשלעפּט אַ פייל און גענומען פיילען אַ שליסעל צומעסטענדיג איהם אַלע מאָל צום אָבדרוק אין וואַקס.

אין געצעהלטע צוויי־דריי מינוטען איז אַ שליסעל געווען פאַרטיג. וויליאַמס האָט מיט בעוואונדערונג בעטראַכט דעם דעטעקטיוו און האָט ניט געוואַגט איהם צו שטערען. ניק האָט גענומען דעם צווייטען שליסעל און אונ־געבעטען האָט ער דאַן גענומען דערצעהלען, וויא אַזוי עס איז צוגעגאַנגען זיין בעגעגעניש מיט עוועלין.

— נאַטירליך — האָט ער אָנגעהויבען — האָב איך זיך אַביסעל צוגע־פּוצט, איך זאָל זיין עהנליך צו אייך, אלא ניט, וואָלט דער גאַנצער פּלאַן שוין פון אָנהויב אָן געקענט צושטערט געוואָרען. איך האָב אויך אַביסעל נאָכגעמאַכט אייער שטימע. ערשט שפּעטער האָב איך איינגעזעהן, אַז איך וואָלט זיך געווען געקענט בעגעהן אָהן דעם אויך, ווייל אין דעם גערדיכטען גאַרטען איז געווען אַזוי

פינסטער, אז זיא האט מיך ניט געקענט זעהן, און גערעדט האבען מיר אין דער שטיל אזוי, אז מען האט קיין שטימע ניט געקענט אונטערשיידען. איבריגענס, אויב איהר ווילט, האבען מיר כמעט גאר ניט גערעדט. מיר זיינען געווען אזוי פער'שכור'ט פון ליעבע, אז מיר האבען מיט קושען און בעוועגונגען אויס־גערריקט דאס וואס מען קען קיין מאל ניט אויסדריקען מיט ווערטער.

ער האט זיך צולאכט. ווען ער האט אבער בעמערקט, אז וויליאמס זיצט אנגעכמורעט און אויף זיין פנים דריקט זיך אוים אן עקעל, האט ניק איבערגע־ריסען דאס געלעכטער און האט בעמערקט גאנץ ערנסט:

— וואס קען מען זיך העלפען? ביי מיין בעשעפטיגונג קען מען ניט זיין צו געוויסענהאפט און איבערקלייבען וואס עס איז מאראליש און אנשטענדיג און וואס ניט.

— דערצעהלט ווייטער! — האט קורץ געזאגט וויליאמס.

ניק שארף האט געהאט פארטיג דעם צווייטעל שליסעל און האט זיך גע־נומען צום דריטען, ווען ער האט ווייטער גענומען דערצעהלען:

— ווען איך בין געקומען, האב איך שוין עוועלין געטראפען אין געצעלט, וואו זיא האט בעדארפט אויף מיר ווארטען און שוין אין דער ערשטער מינוט איז זיא געהאנגען ביי מיר אויף'ן האלז און האט געציטערט פאר ליידענשאפט. זיא איז פערדאמט ליידענשאפטליך און איז א פערדאמט שעהנע און רייצענדע פרוי! עס האט שוין גאר ניט וויים געהאלטען דערפון, אז זיא זאל מיך פער'שכור'ען אזוי, אז איך זאל גאר פערגעסען, צוליעב וואס איך בין צו איהר געקומען.

"דעם אבדרוק פון איהרע שליסלען האב איך בעקומען שוין אין דיא ערשטע פופצעהן מינוטען נאך אונזער בעגעגעניש. זעלבסטפערשטענדליך איז עס פאר מיר געווען זיכערער וואס שנעלער זיך אבצוטראגען. איך האב אבער מורא געהאט צו ערוועקען איהר פערדאכט און האט געמוזט ווייטער בלייבען. צוויי שטונדען צייט האב איך אהן אויפהער געמוזט געניסען איהר ליעבע. פער־דאמט! זיא איז א פראכטפאלע פרוי!

— און איהר זיינט אזוי אוועק, איבערלאזענדיג זיא אונטער'ן איינדרוק, אז דאס בין איך געווען?

— אה, ניין! עס איז ביי איהר וועגען דעם קיין ברעקעל ספק ניט גע־בליבען.

— וויא האט איהר עס געטהאן?

— איך האב זיך איהר פארמעל ערקלערט אין ליעבע און געבעטען ביי איהר דיא האנד. זיא האט איינגעשטימט. איך האב איהר געזאגט, אז מארגען וועלען מיר אפען ערקלערען וועגען אונזער פערלאבונג און זיא האט מיך דער־פאר בעדעקט מיט קושען. מיר האבען זיך געלאזט ארויסגעהן פון'ם גארטען,

ווייל אין גאָרטען האָב איך מורא געהאַט איהר אויפצודעקען דעם סוד, אַז דאָס איז ניט איהר, טאָמער מאַכט זיא אַן אַלאַרם און מען כאַפּט מיך, ווייל איהר ווייסט דאָך, אַז ביים הויז געפינען זיך וועכטער. בין איך מיט איהר צוגעגאַנגען ביז צום סאַמע אַרויסגאַנג פון גאָרטען און דאַן האָב איך איהר געזאָגט: מאָר־גען, אַלזאָ, וועט מיין עוועלין אָפּען זיין דיא כלה פון איהר ראָבערט.

— ראָבערט? — האָט זיא זיך פערוואונדערט אָבגעשטעלט — איז ניט דיין נאָמען טשאַרלס?

— טשאַרלס! — האָב איך ווידערהאָלט מיט געמאַכטען שרעק — אָה, איצטער פערשטעה איך! דוא האָסט מיר געשענקט דיא ליעבע, וואָס דוא האָסט צוגעגרייט פאַר אַ צווייטען. אָה, איך אונגליקליכער! און איך בין געווען נאַריש גענוג צו גלויבען, אַז דיא געטליכע עוועלין האָט עס מיך ערוואַרטעט! אָה, וואָס פאַר אַ שרעקליכער טעות! גאָט מיינער, גאָט מיינער! איצטער בלייבט מיר איבער איין זאַך: זיך אריינצושיסען אַ קויל אין קאָפּ.

— **אָבער ווער זיינט איהר? — האָט עוועלין געציטערט.**

"זיא איז געשטאַנען וויא אַ פּאַראַליזירטע.

"איך האָב זיך בענוצט מיט איהר ערשטוינונג, בין אריבערגעשפּרונגען איבער'ן פּאַרקאַן און בין פערשוואונדען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

— און איצטער — האָט דער דעטעקטיוו פערענדיגט — זעהט איהר, אַז איך האָב אייך ניט פערראַטהען און האָב מיינס אויסגעפיהרט. און דיא שליסלען האָב איך אויך פאַרטיג. מאָרגען ביינאַכט וועל איך אָבשטאַטען אַ וויזיט צו עוועלין'ס שופלאָדען און דאַן וועלען מיר ווייטער ויסען, וואָס צו טהאָן.

31טעם קאַפּיטעל.

האָפּמאַן וויעדער דער שוץ-ענגעל

אין דער צייט, ווען עלען פּעטערסאָן איז אין סאַבולפאָר געווען פערנומען מיט פּלענער, וויא צו בעשיצען פון געפאַהר זיך און דיא טאָכטער פון דעם מאַן, וועלכער האָט פּילייכט געהאַט אין זיינע הענד דיא געהיימניס פון איהר פאָטער, איז אין באָמביי'ער האַפען צוגעקומען אַ נייע שיף, וועלכע האָט פערנומען אַ פּלאַץ צווישען דעם "אָמאַר" און דער "וועסטאַ". דאָס איז געווען האָפּמאַן'ס "בליץ".

דעם אָרימען דייטשען אינזשיניר איז אויסגעקומען אויסצושטעהן אַ נייעם קאַמפּף מיט זיך. נאָכדעם וויא ער האָט זיך דערוואוסט פון יאָהאַנאַ לינד'ס מויל אַליין, אַז ער איז דורך איהר פערראַטהען געוואָרען און אַז ניט נור פּיעלע

פון זיינע פּלענער זיינען אויף אַזאַ אופן צושלאָגען געוואָרען, נאָר דער פּלאַן פון זיין נייערפונדענער שיף געפינט זיך אין דיא הענד פון אַ פרעמדער רעגיערונג — נאָך דעם האָט ער בעשלאָסען, אַז ער וועט קיין מאָל זיך ניט בעגעגענען ניט מיט יאָהאַנאַ לינד, ניט מיט דיא וועסטאַלקעס.

וויא אויף להכעיס האָט עס אָבער בעדאַרפט פּאַסירען, אַז צוליעב פּאָליטישע צוועקען האָט ער געקראָגען אַ בעפעהל צו בעזוכען הינדאָסטאַן. ער האָט זיך געשלאָגען מיט דער דעה, אויב ער זאָל דיא רייזע אונטערנעהמען און וואָלט זיך פילייכט דאָך געוועזען אויסגעדרעהט אונטער פערשיעדענע אויסריידען, ווען עס וואָלט ניט אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע זיין ברודער יאָהאַן צוזאַמען מיט עלען'ס מוטער.

אין איינעם פון דיא ערשטע געשפּרעכען מיט'ן ברודער האָט בערנאַרד האָפּמאַן זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז ער האָט אַ רעגיערונגס־בעפעהל צו בעזוכען אינדיען, וואו עלען געפינט זיך יעצט, און עלען'ס מוטער האָט איהם מיט טרעהרען אין דיא אויגען גענומען בעטען, אַז ער זאָל זיא וואָס שנעלער ברייגען צו איהר טאָכטער. אָבוואָהל זיא האָט ניט געקראָגען עלען'ס בריעף מיט איהר ענטשולדיגונג, וואָס עלען האָט איהר געשיקט נאָך איהר געשפּרעך מיט האָפּמאַן'ען פאַר איהר אָברייזע נאָך קאַאירא, דאָך האָט דיא פיעל־ליידענדע מוטער געהאָפּט, אַז איהר טאָכטער וועט זיא בעגעגענען מיט פרייד נאָכדעם וויא האָפּמאַן האָט איהר אַלעס ערקלערט. וועגען זיין געשפּרעך מיט עלען האָט האָפּמאַן איהר דערצעהלט באַלד וויא זיי האָבען זיך בעגעגענט. דיא אָרימע מוטער האָט דעריבער געברענט פון אונגעדולד וואָס שנעלער צו אומאַרמען איהר טאָכטער.

זיא האָט ניט געוואוסט און האָט ניט געקענט וויסען, אַז עלען איז איצטער ווידער אַביסעל דערווייטערט פון איהר צוליעב דעם איבערפאַל וואָס סטיוועגס האָט אויף איהר געמאַכט, וויל זיא האָט קיין בעגריף ניט געהאַט וועגען סטיווענס'עס אַנטהייל אין דעם איבערפאַל. האָפּמאַן אליין האָט אויך ניט געוואוסט, אַז סטיווענס האָט עס געריבט עלען פון קאַאירא, וויל דער דעטעקטיוו ניק שאַרפּ איז געוועזען גענוג פאָרזיכטיג דיעזען סוד איהם ניט צו ענטדעקען.

בערנאַרד האָפּמאַן'ס פרייד, ווען ער האָט דערזעהן זיין ברודער, וועלכען ער האָט אַזוי פיעל יאָהרען ניט געזעהן און וועלכען ער האָט שטאַרק געליעבט און געאַכטעט, האָט געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל געגען זיין אייגענעם ווילען ערפילען מרס. סטיווענס'עס פערלאַנג און מיט זיי פאָהרען נאָך אינדיען.

דיא וועסטאַלקעס און דיא ענגלענדער, וואָס זיינען אין באָמבעי געבליעבען אויף דיא שיפען, האָבען זיך שטאַרק דערפרעהט מיט האָפּמאַן'ען. זיי איז שוין מיאוס געוואָרען צו זיצען און היטען דיא שיפען און אַזוי וויא אויך צו זיי האָבען דערגרייכט קלאַנגען, אַז אין סאַבולפאָר ערוואַרטעט מען אַן אויפ־

שטאנד, האבען זיי גערעכענט, אז עס איז גלייכער, זיי זאלען אהין פאהרען און — איינס פון דיא ביידע: אדער וואס שנעלער ארויסרייסען פון דארטען זייערע פריינד אדער בלייבען מיט זיי צוזאמען, אום זיי צו בעשיצען אין פאל פון א געפאהר.

מען האט זיך דעריבער געווענדעט צו האפמאן'ען מיט א בקשה, ער זאל זיי צום צווייטען מאל טהון דיא טובה און בעוואכען זייערע שיפען פאר דיא עטליכע טעג וואס זיי וועלען פערברייגגען אויף זייער רייזע נאך סאבולפאר. וויא אונאנגענעהם האפמאן'ען איז ניט געוועזן צו נעהמען אויף זיך דיעזע אויפגאבע און אויף אזא אופן וויעדער קומען אין נאהענטע פערבינדונגען מיט דיא וועסטאלקעס און ענגלענדער, האט ער זיי דאך ניט געקענט ענטזאגען און האט זייער ביטע ערפילט. ער האט דאס געטהאן וויעדער טאקע צוליעב זיין ברודער און עלען'ס מוטער, וועלכע האט אונבעדינגט געוואלט פאהרען נאך סאבולפאר און דיא בעסטע געלעגענהייט דערצו איז געוועזן דיא רייזע אהין פון דיא וועסטאלקעס און ענגלענדער.

איבריגענס האט האפמאן דאך ניט אין גאנצען איבערגענומען אויף זיך דיא וואך איבער דיא צוויי שיפען, ווייל ער האט באלד בעדארפט אבפאהרען נאך אן אנדער האפען. ער האט בלויז פערשפראכען איבערצולאזען זיינעם אן אפיציער מיט צוויי מאטראזען אויף דער "וועסטא" און אויף'ן "אמאר", האט ער געזאגט, זיינען דאך פאראן דיא דיענער, וועט עס זיין גענוג. זיין אפיציער האט ער בעפוילען, אז ער זאל פאלגען עלען פעטערסאן'ס בעפעהלע אזוי לאנג וויא ער וועט זיך געפינען אויף דער "וועסטא".

אויב האפמאן האט ווירקליך בעדארפט אבפאהרען נאך א צווייטען אינדישען האפען אדער דאס איז געוועזן ניט מעהר וויא אן אויסרייד, אום צו זיין וואס ווייטער פון דער "וועסטא" און פון יאהאנא לינד — דאס איז געבליבען זיין סוד.

אויף מארגען אין דער פריה האט מרס. סטיווענס, עלען'ס מוטער בעדארפט פערלאזען דעם "בליץ" אום אבצופאהרען נאך סאבולפאר און בערנארד האפמאן האט דעם לעצטען אבענד פערבראכט איינער אליין מיט זיין ברודער, ווייל מרס. סטיווענס האט דיעזע נאכט פערבראכט אויף דער "וועסטא". ווען דיא וועסטאלקעס האבען זיך דערוואוסט, אז דאס איז עלען'ס מוטער, האבען זיי זיא פאר קיין פאל ניט געלאזט בלייבען אויף'ן "בליץ". פאר דיא וועסטאלקעס האט זיך עלען'ס מוטער, אויף האפמאן'ס ראטה, אנגעגעבען אלס מרס. פעטערסאן.

ביים געזעגענען זיך האט עלען'ס מוטער צום לעצטען מאל געשטעלט האפמאן'ען דיא פראגע, וועלכע זיא האט איהם שוין געשטעלט א מאל הונדערט:

— דענקט איהר, אז עלען וועט מיך פריינדליך אויפנעהמען?

און האפמאן האט איהר צום הונדערטען מאל געענטפערט:

— איך בין זיכער אין דעם. איך ווייס בעשטימט, אז מיין דאמאלסדיגער געשפּרעך מיט איהר וועגען אייך האט אויך איהר געמאכט א זעהר שטארקען איינדרוק.

— אבער האט דען איין ערקלערונג אייערע געקענט אויסרייסען פון איהר הארצען דעם האס פון פיעלע יאהרען? — האט אלץ געצווייפעלט דיא אונגליקליכע מוטער.

— איך האף אזוי — האט זיא בערוהיגט בערנארד האפמאן — איך פערשטעה, אז איהר הארץ האט זיא דאך אימער געצויגען צו אייך. ווען זיא וואלט ניט געוואלט גלויבען אין אייער ריינקייט, וואלט זיא ניט געווען געקומען הערען, וואס איך האב איהר צו דערצעהלען.

— אה, איך דאנק אייך, איך דאנק אייך! — האט מיט טרעהרען אין דיא אויגען געזאגט עלען׳ס מוטער.

ערשט דיעזען לעצטען אבענד איז בערנארד האפמאן׳ען, וויא געזאגט, געלונגען צו בלייבען אויג אויף אויג מיט זיין ברודער און אויסהערען, וואס יענער האט צו דערצעהלען וועגען זיך, ווארים ביז יעצט האט יאהאן האפמאן בלויז אין זינען געהאט עלען און איהר מוטער. ער איז נור געווען פערנומען מיט זיי און האט אימער גערעדט וועגען זיי. דער מאן האט נאך אלץ געלעבט בלויז פאר זיין אמאליגער געליעבטער. אויף אזא אופן האט בערנארד ביז איצטער גאר ניט געקענט דערגעהן פון איהם וועגען זיין לעבען פאר דיא לעצטע יאהרען.

איצטער האט ער ענדליך בעשלאסען עפּעס צו דערגעהן וועגען דעם.

— הער אויס, יאהאן — האט ער איהם געזאגט — מיך אינטערעסירט אויך עלען פּעטערסאן און איהר מוטער, שוין צוליעב דעם אליין וואס דוא אינטערעסירסט זיך מיט זיי אזוי, דאך ביזטו מיר פיעל אינטערעסאנטער און וועגען דיר אליין האב איך נאך קיין צייט ניט געהאט צו הערען אפילו איין־איינציגווארט זינט מיר האבען זיך בעגעגענט. דערצעהל מיר עפּעס פון זיך.

יאהאן האט גוטמוטהיג א מאך געטהאן מיט דער האנד:

— עט, וואס איז דא פאראן צו דערצעהלען. דיא צרות זיינען דאך שוין פאריבער און קיין פריידען זיינען דא נאך ניט געווען.

בערנארד האט מיט רחמנות א קוק געטהאן אויף זיין שוין גרויען ברודער, וועלכער איז נאך אלץ געווען א קינד אין זיינע געפיהלען.

— אבער וואס זיינען דאך דיינע פּלענער? עס האט דאך קיין זין ניט, אז דוא זאלסט זיך אזוי ארומשלעפּען.

יאהאן האט זיך וויא פערשעהמט, אבער ער האט פעסט געזאגט:

— אויב דוא האסט שוין אזוי געשטעלט דיא פראגע, וועל איך דיר ענט־

פערען. איך האָף, אַז דוא וועסט מיך פערשטעהן. שטעלסטו זיך פאָר דיא לאַנגע פון איינעם, וואָס האָט יאָהרען־לאַנג טאָג און נאַכט געוואַכט איבער אַ טהייערען קראַנקען, ניט האָבענדיג אין זינען קיין אַנדער זאַך און פערגעסענדיג אָן דער גאַנצער וועלט? שטעלסטו זיך ווייטער פאָר, אַז נאָך יאָהרען פון קראַנקהייט ווערט דער קראַנקער ענדליך געזונד, אָבער דער וועכטער איז שוין צו איהם אַזוי צוגעבונדען געוואָרען, אַז ער קען זיך שוין פון איהם ניט אָברייסען און איז שוין אַזוי אָבגעריסען פון דער גאַנצער וועלט, אַז עס דאַכט זיך איהם אויס, אַז אויב ניט צו וואַכען איבער דעם קראַנקען, איז ער אין גאַנצען אונניצליך אויף דער וועלט? שטעלסטו זיך עס פאָר?

בערנאַרד האָט גאָר ניט געענטפערט און יאָהאַן האָט פאָרטגעזעצט:

— דוא פערשטעהסט מסתמא, וואָס איך מיין. אין מיינע יונגע יאָהרען, ווען איך האָב געליעבט ביז משוגעת אַמאַליאַ מילער, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען מרס. פּעטערסאָן און איז איצטער מרס. סטיווענס, איז מיין געליעבטע פּלוצלונג קראַנק געוואָרען. זיא האָט געהאַט צו־פיעל לעבען און עס האָט זיא געשטיקט אין דעם קליינעם דייטשען שטעדטעל. זיא האָט געהאַט צו־פיעל כחות און האָט זיי דאָרט ניט געקענט אויסברייטען. זיא האָט מיך געליעבט, ווייל איך בין געווען דער בעסטער און אינטערעסאַנטסטער צווישען אַלע יונגע לייט ביי אונז. אָט איז אָבער פאָר איהר ערשיענען פּעטערסאָן, אַ מענש מיט אַ געהיימניספאָלער פערגאַנגענהייט און מיט אַן אונרוהיגען חלום אין דיא אויגען. איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מיט איהם וועט זיא זעהן נייע וועלטען און זיא האָט אָן מיר פערגעסען און האָט זיך אין איהם פערליעבט.

— דאָס וויים איך און איך פערשטעה עס אויך — האָט שטיל געזאָגט בערנאַרד.

— אויב אַזוי, טאָ פּרוביר אויך צו פערשטעהן דעם צושטאַנד פון מיין נשמה. איך האָב זיך פון אַמאַליאַ'ן ניט געקענט ענטזאַגען, איך האָב זיא צו שטאַרק געליעבט. איך האָב אָבער פערשטאַנען, פון וואַנען עס קומט איהר ליעבע צו פּעטערסאָן'ען און איך האָב זיך געזאָגט אַזוי: זיא ליעבט איהם, ווייל ער זעהט איהר אויס נייע און געהיימניספאָל; זאָל זיא זיך אָבער מיט איהם נעהנטער בעקענען, וועט דיא נייקייט און דיא געהיימניספאָלקייט פערשווינדען און אַמאַליאַ וועט צוריק זיין מיינע.

— דאָס האָט אָבער ניט פּאַסירט.

— ניין. און ווייסטו, וואָרום? ווייל פּעטערסאָן האָט זיא קיין מאָל ניט געליעבט און איז אויף אימער פערבליבען פאַר איהר אַ געהיימניס. איך האָב דאָס אין אָנפאַנג ניט פערשטאַנען און איך האָב אַלץ געוואַרט, דאָס הייסט, איך האָב אַלץ אַמאַליאַ'ן בעטראַכט פאַר אַ קראַנקע און האָב געוואַכט איבער איהר. ביסלעכווייז האָב איך זיך צוגעוואָהנט צו מיינע און איהרע ליידען

אזוי, אז דיא ליידען אליין זיינען מיר געוואָרען טהייער. איך האָב אליין ניט געוואוסט, אז דאָס איז אזוי. פערשטאַנען האָב איך עס ערשט דעמאָלט, ווען אמאַליא האָט מיר געזאָגט, אז זיא ווערט זיך גט'ען מיט סטיווענס'ען. איך האָב מיט איהר נאָך ניט גערעדט וועגען דעם, איך גלויב אָבער, אז זיא וואָלט אפשר ניט געווען דאַגעגען, מיר זאָלען הייראַטען, איך וויל עס אָבער ניט.

— פון דיין בריעף האָב איך אַנדערש פערשטאַנען — האָט ערשטווינט בע־מערקט בערנאַרד.

— און דוא האָסט דעם בריעף ריכטיג פערשטאַנען — האָט מיט א טרויעריגען שמייכעל בעמערקט יאָהאַן — און ווען איך האָב דיר דעם בריעף געשריבען, האָב איך ווירקליך געדענקט, אז מיין וואונש איז צו הייראַטען מיט אמאַליא'ן. איך האָב זיך אָבער שפּעטער איבערצייגט, אז ניט דאָס איז מיין וואונש. אמאַליא'ן ליעב איך ניט שוין פון לאַנג. איך האָב נור ליעב געהאַט איהרע און מיינע ליידען. איך בין צוגעוואָהנט געוואָרען דערצו, זיא זאָל זיין קראַנק און אונגליקליך און איך זאָל פאַר איהר אָפּפערען דאָס לעבען. איצטער אָבער, ווען זיא האָט זיך אויסגעאיילט פון איהר קראַנקהייט, האָב איך מיט איהר ניט וואָס צו טהאָן, וויל געליעבט האָב איך דיא יונגע, ווילדע אמאַליא און הייראַטען דאַרף איך מיט אַן אָבגעלעבטער, עלטערער, צובראָכענער מרס. סטיווענס.

— טאָ וואָרום פערלאָזטו זיא ניט? וואָרום רואינירסטו זיך נאָך אַלץ צו־ליעב איהר?

אין יאָהאַן'ס אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען.

— פערשטעהסטו דען ניט? — האָט ער געזאָגט — וויל איצטער בין איך שוין אליין קראַנק און אַלט און צובראָכען און האָב ניט קיין ברעקעל אינ־טערעס אין לעבען. וויל איך, וועלכער האָט געוואַכט איבער מיין קראַנקער אזוי פיעל יאָהרען, קען קיין אַנדער אינטערעס אין לעבען שוין ניט געפינען אויסער'ן וואַכען איבער איהר, כאָטש זיא דאַרף מיך שוין ניט האָבען.

א היבשע צייט זיינען ביידע ברידער נאָכדעם געזעסען און געשוויגען. פּלוצלונג האָט יאָהאַן זיך אויפגעהויבען און האָט געגומען נערוועז ארומגעהן איבער'ן צימער. וויא עס האָט אויסגעזעהן, האָט איהם געדריקט א געדאַנק, וועלכען ער האָט געוואָלט ארויסזאָגען און האָט ניט געוואַגט. אָבער ענדליך האָט ער זיך ענטשלאָסען, האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט אויף זיין פריהריגען פּלאַץ און האָט געזאָגט:

— איך וויל דיר פערטרויען א סוד. איך האָב זיך ענטזאָגט מיטצופאָה־רען מיט אמאַליא'ן צו איהר טאָכטער אוים מורא.

— אוים מורא? — האָט איבעררראשט איבערגעפרעגט בערנאַרד.

— אוים מורא — האָט ווידערהאָלט יאָהאַן — עס וועט דיר פּילייכט

אויסקומען ווילד, אָבער אַזוי איז עס. איך האָב געהערט, אַז עלען פּעטערסאָן איז וויא צוויי טראָפּען עהנליך צו איהר מוטער, דאָס הייסט, זיא זעהט איצטער אוים פּונקט וויא יענע אַמאַליאַ, וועלכע איך האָב געליעבט און וועלכע איך טראָג נאָך ביז יעצט אין מיין זכרון. און איך האָב מורא זיא צו זעהן, עס זאָל זיך ביי מיר מיט נייער קראַפט ניט עפענען דיא אַלטע וואונד און איך זאָל... איך זאָל זיך גאָר אין דער טאָכטער ניט פערליעבען פּונקט וויא אַמאָל אין דער מוטער. איך וויים, עס איז אַ משוגעת, אָבער אַזוי איז עס.

— אונגליקליכער יאָהאַן! — האָט שטיל געזאָגט בערנאַרד.

— אָבער — האָט פּלוצלונג ענערגיש אַ טרייסעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ יאָהאַן — גענוג וועגען מיר. איך בין שוין אַלט און מיין צייט איז שוין פאַריבער. און וויא האַלט עס מיט דער? איך האָב מורא, ברודער, אַז דיין האַ״ץ איז געמאַכט פון דעמזעלבען מאַטעריאַל וויא מיינס.

— איך האָב אויך מורא — האָט צוגעגעבען בערנאַרד.

און איידער יאָהאַן האָט נאָך צייט געהאַט איהם צו שטעלען אַ צווייטע פראַגע, האָט ער איהם גענומען דערצעהלען וועגען זיינע פערהעלטניסע צו יאָהאַנאַ לינד. ער האָט איהם דערצעהלט אַלע איינצעלהייטען, ניט בעהאַלטענדיג קיין זאַך. ער האָט זיך מודה געווען, אַז, ניט קוקענדיג אויף זיין פעסטען בעשלוס קיין מאָל ניט צו זעהן יאָהאַנאַ׳ן, איז ער ביי זיך פעסט איבערציינגט, אַז ער וועט דאָס ניט אויסהאַלטען און וועט דאָך קומען צו איהר, אויפאָפּפּערענדיג זיינע פפליכטען.

יאָהאַן האָט אַלעס אויפמערקזאַם אויסגעהערט, טרויעריג צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ. ווען בערנאַרד האָט געענדיגט זיין ערצעהלונג, האָט יאָהאַן געפרעגט:

— רעכענסטו זיא פאַר אַן עהרליך קינד?

— אונבעדינגט.

— ליעבט זיא דיך?

— קיין פראַגע ניט.

— דאַן קוק ניט אויף קיין זאַך און הייראַט זיא! — האָט ענטשלאָסען געזאָגט יאָהאַן.

— אָבער... — האָט געפּרובט ענטפערען בערנאַרד.

יאָהאַן האָט איהם איבערגעשלאָגען:

— מיין ליעבער בערנאַרד, דו ווייסט אַליין, אַז דו מיט דיין כאַראַקטער וועסט זיך ענדליך מוזען דאַרויף ענטשליסען. איך האָב אָבער מורא, אַז דיין בעשלוס וועט קומען ערשט דעמאָלט, ווען עס וועט שוין זיין צו שפּעט און דאַן וועסטו בלייבען דערזעלבער אונגליקליכער מענש וויא איך.

— יא — האָט צוגעשטימט בערנאַרד — איך פיהל עס אַליין אויך, אַז

אזוי וועט עס זיין. אבער וויא קען איך זיך ענטשליסען, ווען עס שטעהט אין קאן מיין קאריערע, מיין עהרע, דיא צוקונפט פון מיין ערפינדונג און דיא פפליכטען צו מיין פאטערלאנד?

— און דאך וואלט איך דיר גראטהען צו געפינען אן אויסוועג — האט זיך געהאלטען ביי זיינעם יאהאן.

— איך קען אזא אויסוועג ניט געפינען — האט מיט וועהטאג געזאגט בערנארד.

— נו, טא לאמיר עס דערוויל לאזען — האט בעשלאסען יאהאן — און לאמיר דערוויל אנגעהן מיט אונזער פלאן. לאמיר לאזען אמאליא'ן און דיין יאהאנא לינד פאהרען נאך סאבולפאר. און מיר ביידע וועלען אויף'ן "בליץ" אנטלויפען: איך פון מיין געליעבטער און דוא פון דיינער. אפשר שפעטער וועלען מיר דאך געפינען אן אויסוועג, אויב שוין ניט פאר מיר, טא, אם ווענינגסטען, פאר דיר.

דערמיט האט זיך דער געשפרעך געענדיגט.

אויף מארגען, ווען דיא וועסטאלקעס מיט דיא ענגלענדער האבען פערלאזען דיא שיפען, אום צו רייזען נאך סאבולפאר, האבען זיי שוין דעם "בליץ" אין באמבעי'ער האפען ניט געפונען. ביידע ברידער האפמאן זיינען אויף דער שיף אנטלאפען פון זייער שיקזאל.

דיא וועסטאלקעס און דיא ענגלענדער האבען זייערע שיפען פערלאזען מיט פרעהליכע געלעכטערס. דיא בעפרייטע פרויען, וועלכע זיינען געבליבען אויף דער "וועסטא", האבען זיך מיט זיי פרעהליך געזעגענט.

ארימע! זיי האבען ניט געוואוסט, וואס פאר א שרעקליכע געפאהר עס שוועבט איבער זייערע קעפ!

32טעם קאפיטעל.

אין דיא העגד פון דעם ראדזשאה

זיין אין אינדיען און ניט בייצוואוואהנען א יאגד אין דיא גרויסארטיגע וועלדער און "דזשאנגלס" — דאס קען זיך ניט פערגינען קיין רייזענדער, וועלכער האט נור וועלכע עס איז לוסט צו יאגד און וואס האט הנאה פון אלעס וואס איז ניי, אינטערעסאנט און געפעהרליך.

דאס האבען זיך אויך ניט געקענט פערגינען אונזערע וועסטאלקעס און דיא ענגלענדער וואס האבען זיי בעגלייט און דעריבער האבען זיי זיך אנגעכאפט מיט ביידע העגד אן דער איינלאדונג פון דעם סאבולפארער ראדזשאה (אינדי־

שער הערשער) איהם צו בעגלייטען אויף א גרויסארטיגער יאגד אויף הירשען און אויך אויף אנדערע מעהר געפעהרליכע חיות.

דיא יאגד האט ווירקליך פערשפראכען צו זיין א זעהר אינטערעסאנטע, ווייל אויסער דיא אמעריקאנערינס און דיא ענגלענדער זיינען אויך איינגעלא־דען געווארען דיא מעהרסטע אפיציערען פון דעם ענגלישען רעגימענט. אויך דער הויפט קאמאנדיר פון דער רעגימענט, וועלכער האט איצטער פערנומען דעם קאלאנעל גאלדסמיטה'ס פלאץ, איז איינגעלאדען געווארען.

מען איז ארויסגעפאהרען גאנץ פריה, אבער ווען מען איז זיך צונויפגעקומען אויף'ן בעשטימטען פלאץ, האט זיך ארויסגעצייגט, אז די יאגד וועט זיין וועניגער אינטערעסאנט וויא מען האט ערווארטעט. געוועהנליך פאהרט מען אויף יאגד געגען דיא טיגערען אויף עלעפאנטען, וועלכע זיינען דערצו ספעציעל געלערענט. דא האט מען אבער קיין עלעפאנטען ניט געזעהן; הייסט עס, מען וועט שוין ניט קענען בייוואהנען דיא אינטערעסאנטע און געפעהרליכע יאגד. דיא וועס־טאלקעס און דיא ענגלענדער זיינען דערפון געווען שטארק ענטוישט.

עס האבען אויף דיא איינגעלאדענע געווארט עטליכע פערד און טראג־שטוהלען. דיא פרויען האט מען געזאלט טראגען און דיא מענער האבען גע־זאלט רייטען. אויך ניט פאר אלע איז געווען גענוג פערד און פיעלע האבען געמוזט געהן צו־פוס.

דאס אלעס האט געמאכט זעהר ניט קיין גינסטיגען איינדרוק אויף דיא איינגעלאדענע און דער פערדאכט, וואס זיי האבען געהאט אויף'ן ראדזשאה נאך פון פריהער, האט זיך יעצט נאך מעהר פערשטארקט.

פון דיא פאר דאקומענטען, וואס ניק שארפ האט ארויסגעקראגען פון עוועלין'ס שופלאדען, האט מען ניט געקענט בעקומען קיין דירעקטע בעווייזע, אז דער ראדזשאה קלייבט זיך צו מאכען אן אויפשטאנד און אז עוועלין שטעהט מיט איהם אין וועלכע עס איז פערבינדונגען, א שטארקען פער־דאכט האט אבער דער אינהאלט פון דיעזע בריעף און פאפיערען דאך ארויסגע־רופען. מען האט פון זיי, למשל, געזעהן, אז עוועלין האט גאר נאהענטע פער־העלטניסע, און זאגאר ליעבע־פערהעלטניסע, מיט'ן ראדזשאה.

עס האט אויך פאסירט, אז פון דער נאכט, ווען ניק שארפ האט זיך פער־שטעלט אלס וויליאמס און האט געהאט א ליעבע־בעגעגניש מיט עוועלין, איז עוועלין געווארען זעהר צוריקגעהאלטען מיט איהרע געסט.

דאס אלעס האט קלאר געוויזען, אז דיא וועסטאלקעס און דיא ענגלענדער דארפען זיין זעהר פארזיכטיג. דאך האבען זיי זיך ניט געקענט ענטזאגען פון דעם פערגניגען אנצונעהמען דעם ראדזשאה'ס איינלאדונג בייצוואוואהנען א יאגד, באטש זיי האט זיך גאנץ גוט געלעגט אויף'ן שכל, אז דער אינדישער הערשער זאל דערביי אין זינען האבען עפעס שלעכטס.

וויא געזאגט, האט זיך זייער פערדאכט פערשטארקט, ווען זיי האבען געזעהן, אז דיא יאגד איז גאר ניט אזא, וויא מען האט זיי פערשפראכען. זיי האבען זיך דערביי געטרייסט בלויז מיט איין זאך: אז עוועלין איז געבליבען אין דער היים און אז זיא געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון ניק שארפ און פון טשארלס וויליאמס, וועלכער האט זיך פערמאסקירט אלס ניק׳ס דיענער. וויליאמס האט זיך ענטזאגט פון דער יאגד, ווייל פאר איהם איז עס קיין נייעס ניט געווען. זייענדיג מיט יאהרען צוריק אין אינדיען, האט ער עטליכע מאל געפיהרט יאגד אין דיא אינדישע וועלדער. דערצו האט ער גערעכענט פאר נויטיג צו בלייבען אויף׳ן פלאץ און װארענען זיינע פריינד ווענען א געפאהר, אויב אזעלכע זאל זיך בעווייזען.

דאס איינציגע וואס האט דערמאהנט אן דעם, אז דעם ראדזשאה׳ס געסט שטעהט דאך פאר אן אינטערעסאנטע אינדישע יאגד, זיינען געווען א פאר שטייגען מיט געלערענטע לעאפארדען צו פיהרען יאגד אויף אנטילאפען.

מען האט זיך געלאזט געהן אין דעם טיעפען גראז. הינדוסען זיינען ארויסגעשיקט געווארען פאראויס אין אלע ריכטונגען צו בעאבאכטען, אויב עס געפינען זיך נאהענט אנטילאפען. איבער א שטונדע צייט איז מען אבגעגאנגען איידער מען האט זיך אנגעשטויסען אויף א סטאדע פון דיעזע שעהנע בעשעפעניסען.

— יעצט גיט אכטונג אויף דיא לעאפארדען — האט הארלינגטאן געזאגט צו עלען.

עלען האט זיך אומגעקוקט צו דיא שטייגען מיט דיא געלערענטע ווילדע חיות. זיי זיינען געשטאנען אויסגעצויגען דיא העלזער, דיא גליעדער שטייף אנגעצויגען און דיא אויגען פערגאסען מיט בלוט.

— אה, וויא שרעקליך זיי זעהן אויס! — האט מיסס טהאמפסאן געזאגט און האט דערביי א ציטער געטהאן.

דיא וועכטער האבען געעפענט דיא שטייגען און אין דערזעלבער רגע זיינען דיא לעאפארדען ארויס פון דיא שטייגען און זיינען פערשוואונדען אין דעם הויכען גראז. אין דערזעלבער מינוט האבען דיא אנטילאפען דערשמעקט דיא געפאהר און האבען זיך געלאזט פליהען וויא א פייל פון א בויגען.

— נו, זיי וועלען שוין איצטער זיך ניט רעטען — האט הארלינגטאן געזאגט — דיא לעאפארדען לויפען אונגעהייער שנעל און זיי וועלען זייערע קרבנות זיכער דערגרייכען אין עטליכע מינוט.

— ליידער וועט איהר ניט קענען זעהן פון דער ווייטענס אין הויכען גראז, וויא דיא לעאפארדען וועלען טויטען דיא אנטילאפען — האט זיך איין אפיציער אבגערופען — און דאס צו זעהן איז זעהר אינטערעסאנט. ווען דער לעאפארד קומט צו נאהענט צו דער געיאגטער חיה, ציהט ער זיך אויס און טהוט

א שפרונג מיט אזא קראפט וויא א ריעזיגע קויל געשלײדערט פון א הארמאט. ער טהוט עס אויף'ן זעלבען שטייגער וויא דער טיגער. ער שפרינגט ארויף צו דער אנטילאפע אויף'ן האלז און אין איין סעקונדע בייסט ער איהר איבער דעם אדער פון האלז.

— נו, מיר געפעהלט לחלוטין ניט דיעזע יאגד — האט בעמערקט עלען — עס קומט מיר פאר, וויא א מארד דורך געדונגענע מערדער. עס איז דא ניט פאראן קיין אויפרעגונג און קיין געפאהר און דיא יעגער קענען ניט ארויסווייזען זייער געשיקטקייט. אלעס ווערט געטהאן מיט זיכערהייט פון דיא לעאפאר־דען. איך וואלט בעסער געוואלט האבען א יאגד אויף א טיגער.

— אין דיעזער געגענד זיינען קיין טיגערען ניטא — האט בעמערקט דער אפיציער.

— דאס איז גאר ניט אזוי זיכער וויא איהר דענקט — האט זיך אריינגע־מישט איינער פון דעם ראדזשאה'ס בעגלייטער — צוריק מיט א פאר טעג האבען איינינע פון דעם ראדזשאה'ס דיענער בעמערקט שפורען פון א טי־גער.

— אויב אזוי, איז דאך געפעהרליך דא זיך ארומצושלעפען, ניט זייענדיג פארבערייטעט צו דער יאגד אויף דער געפעהרליכער חיה — האט איינער פון דיא ענגלענדער בעמערקט.

— מורא האבען דארף מען יעדענפאלס ניט — האט איהם בערוהיגט דער אפיציער — מיר זיינען דא צו־פיעל מענשען, אום דער געוואגטעסטער טיגער זאל זיך ערלויבען אויף אונז אנצופאלען. און אפילו ווען ער זאל עס יא וואגען, זיינען דא פאראן גענוג גוטע שיסער, זיי זאלען דעם טיגער טויטען איידער ער וועט צייט האבען אימיצען צו בעפאלען.

זייער געשפרעך איז איבערגעריסען געווארען, ווען דעם ראדזשאה'ס דיענער האבען זיך אומגעקעהרט מיט דיא לעאפארדען און מיט א פאר געטויטעטע אנטילאפען. דער ראדזשאה אליין איז צוגעגאנגען און האט בעטראכט דיא שעהנע טויטע חיות. ער האט צופרידען געשמייכעלט אבער זיין שמייכעל האט אויסגעזעהן וויא א געמאכטער.

אין אלגעמיין איז דעם ראדזשאה'ס האלטונג דיא גאנצע צייט געווען אביסעל פערדעכטיג. ער איז צו יעדען געווען זעהר פריינדליך, דיא פריינדליכ־קייט איז אבער געווען וויא געמאכט אויף בעשטעלונג. מען האט קלאר גע־זעהן, אז ער איז צושטרייט און אז ניט דיא יאגד ליעגט איהם אין זינען.

דער ראדזשאה האט געמאכט א פארשלאג, מען זאל זיך אוועקזעצען און עפעס עסען. מען איז דעריבער אבגעפאהרען ביי א מייל ווייט פון דעם פלאץ, וואו דיא יאגד איז נור־וואס פארגעקומען. דארט, אויף א הויכען פלאץ איז שוין אלעס געווען צוגעגרייט פאר דעם מאהלצייט אונטער'ן פרייען הימעל.

ביים עסען האָט עלען אָפען אויסגעדריקט דעם ראַדזשאַה איהר אונצור־פריעדענהייט מיט דער יאַגד.

— אויב איך ווילט זיך דוקא שיסען און זיין אין געפאַהר — האָט דער ראַדזשאַה געזאָגט — וועלען מיר איך פערשאַפען דאָס פערגניגען. דאָ, ארום דעם פּלאַץ; וואו מיר געפינען זיך איצטער, זיינען פאַראַן א סך ווילדע חזירים, און איהר וועט שפּעטער קענען פיהרען אויף זיי יאַגד. איך וואָלט עס אייך אָבער דאָך ניט געראַטהען צו טהאָן, ווייל, וויא מען האָט מיר איבערגעגעבען, האָט זיך זייט עטליכע טעג דאָ בעוויזען א טיגער פון דיא "מענשען־פרעסער", דאָס הייסט, א טיגער, וועלכער האָט שוין פערזוכט מענשען־פלייש און טויטעט מענשען רעכטס און לינקס, ניט קוקענדיג אויף קיין געפאַהר. וואַרט אויס, איך וועל מאָרגען ארויסשיקען יעגער צו טויטען דעם "מענשען־פרעסער" און דאַן וועט איהר שוין אָהן גרויסער געפאַהר פאַר זיך קענען דאָ פיהרען יאַגד.

אין דער מינוט האָט איינער פון דעם ראַדזשאַה'ס דיענער, וועלכער איז דיא גאַנצע צייט געשטאַנען וויא אויף דער וואַך און געקוקט אין אלע זייטען, גענומען מיט פיעל אויפמערקזאַמקייט זיך איינקוקען אין איין ריכטונג. אזוי וויא דיא געסט זיינען געזעסען, האָבען זיי גאָר ניט געזעהן. דער ראַדזשאַה האָט אויך אונרוהיג גענומען קוקען אויף זיין דיענער.

— וואָס איז דאָרט? — האָט איינער פון דיא אָפיציערען געפרעגט.

דער ראַדזשאַה האָט גענומען מיט דעם אָפיציער פערפיהרען א געשפּרעך. דער אָפיציער האָט באַלד פערשטאַנען, אַז דאָס וויל דער כיטרער ראַדזשאַה אָבציהען זיין אויפמערקזאַמקייט און ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט א קוק געטהאָן אין דערזעלבער ריכטונג, וואוהין דער דיענער האָט געקוקט. עס איז אויך אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ קאַפּיטאַן אָקאָנעל, וועלכער האָט איצטער קאָמאַנ־דירט דיא סאָלדאַטען אין סאַבולפּאַר אנשטאָט דעם קאָלאָנעל גאָלדסמיטה.

— א רייטער קומט אָהער — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט — ער פליהט וויא א משוגע'נער. וואָס זאָל עס בעדייטען?

— דאָס קומט ער וואַהרשיינליך צו מיר — האָט טרוקען און מיט אונ־צופריעדענהייט בעמערקט דער ראַדזשאַה.

דער קאַפּיטאַן האָט גאָר ניט געענטפערט און האָט אַלץ ניט אַראָבגעלאָזט קיין אויג פון דעם רייטער. ער האָט אַרויסגענומען א בינאָקל, האָט א קוק געטהאָן און האָט געזאָגט:

— ניין, דאָס קומט ער וואַהרשיינליך ניט צו אייך, ראַדזשאַה, נאָר צו מיר. דאָס איז אַן אָפיציער פון אונזער רעגימענט.

דער ראַדזשאַה איז דערביי בלאַס געוואָרען, אָבער ער האָט גאָר ניט גע־ענטפערט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום און איז געוואָרען נאָך אונרוהיגער.

— יא, דאָס איז אונזערער אַן אָפּיציער — האָט ווידערהאָלט קאַפּיטאַן אָקאָנעל — איך האָב מורא, אַז עפּעס אַן אונגליק האָט פּאַסירט אין.פעסטונג.

דער רייטער איז שוין געווען ניט ווייט פון דיא יעגער. נאָך פינף מינוטען און ער וועט צוקומען צו זיי. פּלוצלונג האָט זיך ביים קאַפּיטאַן ארויסגעריסען א שרעקליכער געשריי. אַלע זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע פּלעצער, אָבער זיי האָבען גאָר ניט געזעהן, אפילו ניט דעם רייטער.

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? — האָבען אַלע דערשראָקען געפרעגט.

און פּאַסירט האָט אָט־וואָס: וויא דער רייטער איז געפלויגען אויף זיין פערד, האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען פון דעם גראָז עטוואָס עהנליכעס צו א גרויסען געפלעקטען קנויל, האָט א שוועב געטאָן אין דער לופט און איז אין דער־זעלבער סעקונדע פערשוואונדען צוריק מיט'ן רייטער, בלויז דאָס פערד איז אוועק א צוואווילדעטעס ערגיץ ווייטער. דער געפלעקטער קנויל איז געווען א טיגער. דאָס איז וואהרשיינליך געווען דער געפעהרליכער "מענשען־פרעסער", וועגען וועלכען דער ראַדזשאַה האָט פריהער דערצעהלט.

— נאָך מיר! — האָט קאַפּיטאַן אָקאָנעל אויסגעשריען — אפשר וועלען מיר נאָך דעם אונגליקליכען קענען ארויסרייסען א לעבעדיגען פון דעם טיגער'ס נעגעל.

דער קאַפּיטאַן האָט געכאַפּט זיין ביקס און האָט זיך געלאָזט לויפען. דיא אָפּיציערען און דיא ענגלענדער האָבען איהם נאָכגעפאָלגט. אָבער דער ראַ־דזשאַה און זיינע בעגלייטער האָבען זיך ניט געריהרט פון אָרט.

דעם טיגער איז שווער געווען צו אַנטלויפען שנעל מיט זיין קרבן און דיא פערפאָלגער, נאָכגעהענדיג נאָך דיא בלוט־שפּורען האָבען איהם אָנגעהויבען דערגרייכען. לויפענדיג נאָך'ן טיגער האָבען זיי אויך געהאַלטען אין איין שיסען. דאָס האָט ענדליך געצוואונגען דעם טיגער צו אַנטלויפען און איבערלאָזען זיין קרבן.

אין עטליכע מינוטען אַרום האָבען דיא אָפּיציערען און דיא ענגלענדער געפונען דעם אָפּיציער, וועלכער איז בעפאַלען געוואָרען פון טיגער. זיין גאַנצער קערפּער איז געווען שוידערליך צוריסען פון דעם טיגער'ס שרעקליכע נעגעל. קאַפּיטאַן אָקאָנעל איז צוגעפאַלען צו דעם אונגליקליכען'ס ברוסט און האָט זיך איינגעהערט.

— ער לעבט נאָך! — האָט ער אויסגעשריען — מען מוז איהם באַלד ברייגען אין אונזער לאַגער. מאַכט באַלד א טראָג־בעטעל.

— אָבער פון וואָס? — האָט אימיצער געפרעגט.

— טהוט אויס אייערע רעק און בינדט זיי צו צו פיער ביקסען אַנשטאַט שטעקענס און אַזוי וועלען מיר איהם טראָגען.

דאָס טראָג־בעטעל איז פאַרטיג געוואָרען אין געצעהלטע מינוטען. מען

האט דארויף אוועקגעלעגט דעם פערוואונדעטען און מען האט זיך אוועקגעלאזט צוריק צום יעגער־לאגער.

ערשט איצטער האט מען זיך געכאפט, אז קיינער פון דעם ראדזשאה'ס בעגלייטער איז ניט געגאנגען ראטעווען דעם פערוואונדעטען אפיציער.

— וואס זאל עס בעדייטען? — האט גערעדט וויא צו זיך אליין קאפיטאן אקאנעל — זאל עס מעגליך זיין, אז דער ראדזשאה וויים עפעס וועגען דער שליחות, וואס דער אונגליקליכער האט געבראכט? אבער וואס פאר א שליחות האט דאס געקענט זיין?

— דענקט איהר ניט, אז עפעס האט פאסירט אין פעסטונג? — האט איין אפיציער געפרעגט.

— וואס מיינט איהר דערמיט? — האט געפרעגט דער קאפיטאן.

— איך מיין... איך מיין... — האט יענער גענומען שטאמלען — איך מיין: קענט איהר זיך ניט פארשטעלען, אז אין סאבולפאר זאל האבען אויסגעבראכען דער אויפשטאנד, וועלכען יעדער פון אונז האט שוין פון לאנג אין געהיים ערווארטעט?

דער קאפיטאן איז בלאס געווארען.

— יא — האט ער געזאגט — עס קען זיין. דער כיטרער ראדזשאה האט דיא מעהרסטע אפיציערען פערנארט אויף דער יאגד, כדי ער זאל דארט האבען א פרייע האנד! פערדאמט!... אום גאטעס ווילען, קומט שנעלער!

— אויב דאס איז אמת, איז עס שוידערליך — האט הארלינגטאן געזאגט — און אז דאס קען זיין אמת, קען מען פערשטעהן פון דעם ראדזשאה'ס מאדנער האלטונג היינט דעם גאנצען טאג. גאט מיינער, וואס וועט זיין מיט אונזערע פרויען וואס זיינען געבליבען אין דעם ראדזשאה'ס הענד!

מען האט גענומען כמעט לויפען שוין ניט קימערענדיג זיך וועגען דעם, טאמער שאדעט דער שנעלער גאנג דעם פערוואונדעטען.

— וואס פאר מיטלען האט דען דער ראדזשאה צו מאכען אן אויפשטאנד? — האט געפרעגט לארד הייסטינגס.

— אה, מיטלען האט ער שוין גאר פיעל — האט געענטפערט קאפיטאן אקאנעל — ערשטענס, איז דיא גאנצע בעפעלקערונג מיט איהם און דיא בעפעלקערונג איז דא זעהר א קריעגערישע. און צווייטענס, בעשטעהט א טהייל פון דעם רעגימענט פון הינדוסען, אויף וועלכע מען קען זיך קיין מאל ניט פערלאזען.

— דענקט איהר, אז אייערע סאלדאטען קענען בעזיעגט ווערען?

— איך האב מורא. זייער צאהל איז איצטער ניט גרויס, ווען מען זאל ארונטעררעכענען דיא סאלדאטען, וואס זיינען אוועק מיט קאלאנעל גאלדסמיטה, און דיא אינדישע סאלדאטען, וועלכע קענען צו יעדער צייט איבערגעהן צום

ראַדזשאַה. אויסערדעם, זיינען דאָך דיא סאָלדאַטען ניט געווען פאַרבעריי־טעט פאַר׳ן איבערפאַל.

— און וואָס דענקט איהר צו טהאָן, אויב עס זאָל זיך אַרויסצייגען, אַז דער אויפשטאַנד איז ווירקליך פאַרגעקומען ?

— איך וועל טהאָן מיין פפליכט — האָט פיעל־בעדייטענד געענטפערט דער קאַפּיטאַן.

זיי זיינען שוין געווען נאָהענט צום יעגער־לאַגער. זיי האָבען שוין געקענט זעהן, וויא דאָרט טומעלט זיך און אַז עס זיינען דאָרט פאַראַן מעהר מענשען וויפיעל זיי האָבען איבערגעלאָזט. זיי האָבען אויך בעמערקט עטליכע סאָלדאַ־טען פון דעם ראַדזשאַה׳ס וואַך, וועלכע זיינען פריהער ניט געווען.

איצטער איז שוין אַלעס געווען קלאָר: דער ראַדזשאַה האָט, ווייזט אויס, אַלעס פאַרבערייטעט צום אויפשטאַנד און אום איהם דורכצופיהרען מיט מעהר זיכערהייט, האָט ער פערנאַרט פון דער פעסטונג דיא הויפּט אָפיציערען. ער האָט זיי דאָ, ווייזט אויס, געהאַלטען, ביז ער וועט ניט קריעגען אַ ידיעה, אַז דיא פעסטונג איז אין זיינע הענד. ווען ער האָט דערזעהן דעם רייטער, האָט ער פערשטאַנען, אַז איינעם פון דיא ענגלישע סאָלדאַטען איז געלונגען זיך צו ראַ־טעווען און לויפען אַנזאָגען וועגען אַלעס צו דיא אָפיציערען.

אָבגעשמועסט האָט דער ראַדזשאַה מיט זיינע העלפער, אַז אַזוי שנעל וויא דיא פעסטונג וועט זיין אין זייערע הענד, זאָל מען איהם לאָזען וויסען, דאַן וועט ער אַרעסטירען דיא ענגלענדער און דיא אָפיציערען. צו דיעזען צוועק האָט ער צוגעגרייט אַ פּאָר צעהנדליגע סאָלדאַטען אַרום דעם יאַגד־פּלאַץ.

קיין ידיעה, אַז דיא פעסטונג בעלאַנגט צו איהם, האָט דער ראַדזשאַה נאָך ניט געקראָגען; וואַרטען אָבער האָט ער שוין קיין צייט ניט געהאַט. זע־הענדיג, וויא מען טראָגט דעם פערוואונדעטען אָפיציער, האָט ער מורא געהאַט, אַז דיא ענגלישע אָפיציערען ווייסען שוין פון איהם וועגען דעם אויפשטאַנד, און ער האָט בעשלאָסען, באַלד זיי צו פאַנגען.

צום אַלעם ערשטען האָט ער ערקלערט אַלס געפאַנגענע דיא וועסטאַלקעס און נאָכדעם האָט ער געגעבען אַ בעפעהל שטיל אַרומצורינגלען דיא אָפיציערען און דיא ענגלענדער.

וויא דיא ענגלענדער זיינען נור צוגעקומען נאָהענט צום יעגער־לאַגער, זיינען וויא פון דער ערד אויסגעוואַקסען אַ פּאָר צעהנדליג הינדוסען און האָבען זיך אויף זיי אַרויפגעוואָרפען און זיי אין איין מינוט געבונדען. דיא איינציגע וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען און האָבען זיך געכאַפּט צו זייערע ביקסען זיינען געווען: קאַפּיטאַן אָקאָנעל, האַרלינגטאָן און הייסטינגס. זיי האָבען געוואָלט אָנהויבען שיסען, ווען דער ראַדזשאַה האָט צו זיי אויסגעשריען:

— אויב איהר וועט געבען נור איין שאָס, וועלען מיר צולעכערען מיט קוילען אייערע פרויען!

הארלינגטאָן און הייסטינגס האָבען אַ קוק געטהאָן ארויף און דאָס בלוט איז פערקיהלט געוואָרען אין זייערע אָדערען: דיא וועסטאַלקעס זיינען געשטאַנען ארומגערינגעלט פון סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געהאַלטען אָנגעשטעלט אַנטקעגען זיי דיא ביקסען.ביידע ענגלענדער האָבען אָהן טענות אַוועקגעוואָרפען זייער געוועהר און זיינען גענומען געוואָרען געפאַנגען.

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט אַ שאָס. דאָס האָט קאַפּיטאַן אָקאָנעל זיך אַליין אריינגעיאָגט אַ קויל אין קאָפּ.

דער ראַדזשאַה האָט זיך דערביי טייפעלש צולאַכט.

ער האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז דיא פעסטונג איז נאָך ניט אריינגעפאַלען אין זיינע הענד און אַז דיא ענגלישע סאָלדאַטען פערטהיידיגען זיך דאָרט וויא לייבען.

33טעם קאַפּיטעל.

צוריק אין דיא הענד פון דיא שקלאַפען־הענדלער

צוויי טעג זיינען אַוועק זינט דיא וועסטאַלקעס זיינען אין דער בעגלייטונג פון דיא ענגלענדער אָבגעפאָהרען נאָך סאַבולפאָר און איבערגעלאָזט דיא "וועסטאַ" מיט דיא בעפרייטע פרויען אונטער דער וואַך פון האָפמאַן'ס אַ מענשען. דיא פרויען, וואָס זיינען געבליבען אויף דער שיף, האָבען זיך זעהר געלאַנגווייליגט. זיי האָבען גערעכענט, אַז זיי וועלען דאַרפען פערברייננגען אין אינדיען בלויז אַ פּאָר טעג און דאַן וועלען זיי זיך אומקעהרען מיט דער "וועסטאַ" אין אַ האַפען, פון וואַנען זיי וועלען קענען אָבגעשיקט ווערען נאָך זייערע היימען; און דאַ האָט עס שוין גענומען איבער אַ וואָך צייט און זיי האָבען נאָך אַלץ ניט געוואוסט, ווען דיא צוריקרייזע פון דער "וועסטאַ" וועט זיך אָנהויבען.

זיי האָבען זיך דעריבער העכסט דערפרעהט, ווען אויף'ן דריטען טאָג נאָך דער אָברייזע פון דיא וועסטאַלקעס איז אויף דער "וועסטאַ" ערשיענען אַ מאַן מיט אַ בריעף פון עלען פּעטערסאָן, אַז דיא שיף זאָל פון דעם באָמביי'ער האַפען איבערגעפיהרט ווערען אין אַן אַנדער פּלאַץ, וואו זיא וועט אויפנעהמען דיא וועסטאַלקעס און מיט זיי אָבפאָהרען נאָך איירָאָפּאַ אָדער אַמעריקאַ.

דאָס בריוועל וואָס דער אונבעקאַנטער האָט געבראַכט פון עלען פּעטערסאָן האָט זיך געלייענט אַזוי:

"איהר וועט זיין אַזוי גוט איבערצוגעבען דיא "וועסטאַ" אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם מאַן, וועלכער וועט אייך דאָס דאָזיגע בריוועל איבערגעבען.

מיר ערוואַרטען דיא שיף מיט אונגעדולד, ווייל מיר איילען זיך אָבצופאָהרען פון דאַנען. גיט איבער אַ הערצליכען דאַנק דעם קאַפּיטאַן האָפּמאַן פאַר זיין גוטסקייט צו בעוואַכען מיט זיינע לייטע אונזער שיף און זייט זיכער, אַז איך וועל אויך אייער טובה ניט פערגעסען דערפאַר וואָס איהר האָט אונזער שיף בעוואַכט.

ערגעבענסט אייער

עלען פעטערסאָן".

דאָס בריוועל איז געווען אַדרעסירט צום מאַן, וועלכען האָפּמאַן האָט איבערגעלאָזט אויף דער "וועסטאַ".

דיעזער מאַן האָט אפילו ניט געהאַט דיא קלענסטע אורזאַכע צו פערדעכ־טיגען, אַז מען וויל איהם דאָ בעשווינדלען, דאָך האָט ער בעשלאָסען זיך צו איבערצייגען, אויב דער בריעף־איבערברייגנער איז ווירקליך געשיקט געוואָרען פון עלען פעטערסאָן. ער האָט עלען'ס בריוועל געדרעהט אויף אַלע זייטען, אָבער אַזוי וויא ער האָט ניט געקענט עלען'ס האַנדשריפט, האָט ער ניט געקענט וויסען, אויב עס קומט פון איהר. אויך דיא פרויען אויף דער שיף האָבען קיין מאָל עלען'ס האַנדשריפט ניט געזעהן און דעם צייטווייליגען קאָמאַנדיר פון דער "וועסטאַ" איז געבליבען צו גלויבען, אַז דאָס בריוועל ענטהאַלט ניט קיין שווינדעל.

פון דעם דאַנק, וואָס עלען האָט געשיקט אין איהר בריוועל צו איהם און צו האָפּמאַן'ען, האָט האָפּמאַן'ס אָנגעשטעלטער אויף דער "וועסטאַ" פערשטאַ־נען, אַז עלען ערוואַרטעט ניט, אַז ער זאָל מיטפאָהרען מיט דער שיף צו יענעם האַפען, וואו דיא וועסטאַלקעס ערוואַרטען זיא. עס האָט, אַלזאָ, געהייסען, אַז ער מיט זיינע העלפער דאַרפען באַלד פערלאָזען דיא שיף און זיא איבערגעבען צום אונבעקאַנטען, וועלכער האָט געבראַכט עלען'ס בריוועל.

ער איז געווען צוגעגרייט צו אַזאַ פאַל, ווייל האָפּמאַן האָט איהם פאַראויס געזאָגט, וויא ער זאָל אין אַזאַ פאַל האַנדלען און וואו ער וועט דעם "בליץ" קענען געפינען, אויב איהם זאָל אויסקומען צו פערלאָזען דיא "וועסטאַ", איידער האָפּמאַן וועט זיך אומקעהרען נאָך באַמביי.

דאָך האָט האָפּמאַן'ס אָנגעשטעלטער בעשלאָסען דיא שיף ניט צו פער־לאָזען. ער האָט אליין ניט געוואוסט, וואָרום, נאָר עפּעס איז דער שליח איהם געוואָרען פערדעכטיג, וויא נור ער האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן.

ער האָט בעשלאָסען איהם צו שטעלען אויף דער פראַבע און ער האָט געזאָגט:

— איך ווייס ניט, אויב איהר ווייסט דעם אינהאַלט פון דעם בריוועל וואָס איהר האָט מיטגעבראַכט...

— איך ווייס עס יא — האָט יענער אונטערגעכאַפּט — ווייל מיסס פּעטערסאָן האָט עס מיר פאַרגעלייענט, איידער זיא האָט עס מיר געגעבען.

— אויב אַזוי — האָט דער צייטווייליגער קאָמאַנדיר פון דער "ווענסטא" געזאָגט — אויב אַזוי, ווייסט איהר מסתמא, אַז זיא שרייבט מיר, איך זאָל אייך איבערגעבען דיא קאָמאַנדע פון דער שיף.

— יאָ.

— איך וועל דאָס פאַר קיין פאַל ניט טהאָן — האָט שאַרף אָבגעשניטען האָפּמאַן'ס פערטרעטער.

— אָבער וויא וואַגט איהר? — איז דער שליח געוואָרען אָן אַנגעצונדענער — האָט דאָך מיסס פּעטערסאָן אַ רעכט צו טהאָן מיט איהר שיף וואָס זיא וויל!

— דאָס איז אמת — האָט צוגעגעבען דער צייטווייליגער קאָמאַנדיר — איך האָב אָבער אַ רעכט ניט צו גלויבען אין איהר בעפעהל אַזוי לאַנג וויא איך קען אייך ניט און בין ניט בעקאַנט מיט איהר האַנדשריפט.

דערביי האָט דער קאָמאַנדיר שאַרף אַריינגעקוקט אין דעם שליח'ס אויגען און ער האָט בעמערקט, וויא יענער איז געגען זיין אייגענעם ווילען געוואָרען שטאַרק אונרוהיג.

זיין פערדאַכט האָט זיך דערפון נאָך מעהר פערשטאַרקט.

— אָבער וואָס זשע דענקט איהר דאָך צו טהאָן? — האָט דער שליח נערוועז געפרעגט.

— איך דענק צו טהאָן אָט־וואָס — איז געוועזען דער ענטפער — איך אליין וועל פיהרען דיא שיף צו מיסס פּעטערסאָן און איהר קענט מיטפאָהרען, אויב איהר ווילט.

וויא עס איז לייכט געוועזען צו זעהן, איז דיעזער פּלאַן זעהר שטאַרק ניט געפעהלען געוועזען דעם שליח, אָבער עס זיינען אַוועק היבשע עטליכע מינוט איידער ער איז געקומען צו זיך פאַר איבערראַשונג און האָט געקענט עטוואָס בעשליסען. וויא עס האָט אויסגעזעהן, האָט דעם קאָמאַנדיר'ס עקשנות איבערגעקעהרט אַלע זיינע פּלענער. דאָס אַלעם האָט גאַנץ גוט בעמערקט דער קאָמאַנדיר, און זיין האַרץ האָט פּשוט געטאַנצט פאַר פרייד ביים געדאַנק, אַז איהם איז פּיליכט געלונגען צו פערהיטען אַ גרויסען שווינדעל און אפשר גאָר אַ פערברעכען. בעאָבאַכטענדיג דעם שליח, איז ער שוין איצטער געווען זיכער, אַז יענער איז געקומען אויף דער "ווענסטא" מיט שלעכטע געדאַנקען.

דער שליח איז אין גיכען געקומען צו זיך און האָט גענומען פּראָטעסטירען, אָבער האָפּמאַן'ס אָנגעשטעלטער האָט קיינע ארגומענטען ניט געוואָלט הערען און איז געשטאַנען אויף זיינעם: אַז ער אליין וועט פיהרען דיא שיף. דער

שליח האָט געזעהן, אַז ער קען מיט איהם גאָר ניט מאַכען, און ער האָט ענדליך איינגעשטימט.

— גוט — האָט ער געזאָגט — אויב איהר האָט זיך דוקא איינגעשפּאַרט, טאָ זאָל זיין אַזוי. פאָהרט אויך מיט און זייט איהר דער קאָמאַנדיר. איך וועל זיך נור אויף אַ פּאָר שטונדען אומקעהרען אין שטאָדט, וועל פערכאַפּען מיינע זאַכען און וועל מיטבריינגען מיינע חברים, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען, אום מיר צו העלפען פיהרען דיא שיף.

דיעזער פּלאַן איז דעם קאָמאַנדיר פון דער "וועסטאַ" וויעדער ניט געפעה־לען. אויף דער "וועסטאַ" זיינען איצטער געווען בלויז דריי מענער און אויב עלען׳ס שליח מיינט עפּעס שלעכטס, איז עס אַ געפאַהר אַרויפצולאָזען אויף דער שיף עטליכע מענשען. אָבער וויא זאָגט מען עס דעם געשיקטען, אַז מען וויל זיינע לייטע ניט אַרויפלאָזען? און וויעדער, אפשר איז זיין פערדאַכט דאָך אַן אונבעגרינדעטער און דער מאַן איז ווירקליך געשיקט געוואָרען פון עלען?

— וויפיעל מענשען וועט איהר מיטברייגנען? — האָט ער געפרעגט דעם שליח.

— אָה, זייט רוהיג — האָט זיך יענער צולאַכט — בלויז צוויי מענשען. איהר האָט, אַלזאָ, ניט וואָס מורא צו האָבען. אויב איהר דענקט, אַז מיר ווילען ביי אייך אַוועקרויבען דיא "וועסטאַ", קענט איהר זיך איצטער בערוהיגען: מיר וועלען זיין דריי מענער געגען דריי.

דיעזער שפּאַס האָט געבראַכט דעם קאָמאַנדיר אין פערלעגענהייט. דער שפּאַס איז געווען אַ צו אָפענער און זיין פערדאַכט איז אַביסעל אָבגעשוואַכט געוואָרען. דערצו האָט ער טאַקע גערעכענט, אַז ווען זיי וועלען זיין דריי געגען דריי, וועלען זיי קענען בעשטעהן זייער שטעדטעל. ווען זיי וועלען נור זיין פאָרזיכטיג.

ער האָט דעריבער געזאָגט:

— גוט, ברייננגט אייערע חברים און מיר וועלען אַרויספאָהרען.

דיא פּראַכטפאָלע אינדישע זון האָט געוואָרפען איהרע לעצטע גאָלדענע שטראַהלען, ווען דיא "וועסטאַ" האָט פערלאָזען דעם באָמביי׳ער האפען. לייכט און גראַציעז האָט זיא זיך בעוועגט איבער דיא בלוי־גרינע וואַסערען און אין איהר האָבען דיא הערצער פון אָנדערטהאַלבען צעהנדליגע מענשען געשלאָגען מיט פערשיעדענע געפיהלען. דיא בעפרייטע פרויען האָבען זיך דערזעהן אַ שריט נעהענטער צו זייער היים, האָפמאַן׳ס וועכטער אויף דער "וועסטאַ" האָבען אין זינען געהאַט זיך צו פערהיטען פון אַ מעגליכער געפאַהר, וואָס האָט געזאָלט קומען פון דיא אונבעקאַנטע דריי מענשען, וועלכע געפינען זיך איצטער אויף דער שיף, און דיא דריי אונבעקאַנטע האָבען געהאַט זייערע אייגענע געהיימע גע־דאַנקען.

ביי פיער שטונדען איז שוין דיא "וועסטא" געווען אין אפענעם ים און פאר דער צייט האבען האפמאן'ס אנגעשטעלטע און עלען'ס דריי שליחים זיך נעהענטער בעקאנט און דיא בעציהונגען צווישען זיי זיינען געווארען פריינד־ליכער. דער ציטוויילינער קאמאנדיר האט אליין געפיהרט דיא שיף און האט קיין פעראנטווארטליכע ארבייט ניט אנפערטרויט דיא נייע־אנגעקומענע, אבער זיין אויפמערקזאמקייט און זיין פערדאכט זיינען דאך אבגעשוואכט געווארען. דער קאמאנדיר האט זיך זאגאר פון צייט צו צייט גענומען מאכען פארווירפע, ווארום ער האט דיא שליחים בעליידיגט מיט זיין פערדאכט.

ארום צוועלף ביינאכט, ווען אלע פרויען זיינען שוין געשלאפען אין זייערע קאיוטען און דיא שיפס־אנגעשטעלטע האבען זייער ארבייט געטהאן מיעד און שלעפעריג, האט זיך פלוצלונג דערהערט א געפאהר־סיגנאל. דאס האט וואהר־שיינליך א שיף זיך געפונען אין געפאהר און האט געבעטען הילף. דער קא־מאנדיר האט באלד געגעבען א בעפעהל צו פיהרען דיא "וועסטא" אין דער ריכטונג פון וואנען עס איז געקומען דער סיגנאל. איין סיגנאל וועגען הילף נאך'ן אנדערען איז געקומען און דיא דריי אנגעשטעלטע פון האפמאן'ס שיף, וואס האבען זיך געפונען אויף דער "וועסטא", האבען איצטער אין גאנצען פערגעסען אן דיא דריי פרעמדע, וועלכע האבען זיך געהאלטען זעהר פער־דעכטיג.

וויא עס האט אויסגעזעהן, האט דיא פרעמדע דער סיגנאל לחלוטין ניט איבערראשט. פערקעהרט, עס האט אויסגעוויזען, וויא זיי וואלטען זיך גאר דערפרעהט מיט איהם. זיי האבען זיך צווישען זיך איבערגעוואונקען און הא־בען וועגען עפעס שנעל זיך דורכגערעדט. דער ערשטער פערזוף זייערער איז געווען צו העלפען אין דער ארבייט אויף דער שיף, כדי וואס שנעלער צו קומען צו הילף יענער אונבעקאנטער שיף. זייער פלאן האבען זיי אבער באלד גע־ענדערט, וויא זיי האבען זיך נור דורכגערעדט צווישען זיך. שנעל האבען זיי זיך צוטהיילט און יעדער איינער האט אונבעמערקט פערנומען א פלאץ לעבען איי־נעם פון האפמאן'ס מאטראזען.

דיא פעראונגליקטע שיף, וועלכע האט געגעבען דיא געפאהר־סיגנאלען, איז שוין געווען נאהענט און דער ציטוויילינער קאמאנדיר האט שוין געגעבען דיא לעצטע קאמאנדע צום שטייערמאן, וויא צו ריכטען דיא שיף, ווען א פערברעכערישע האנד האט איהם פון הינטען אריינגעשטאכען א לאנגען מעסער אין רוקען. דער קאמאנדיר האט קיין צייט ניט געהאט א קרעכץ טהאן און איז געפאלען טויט. אין איין מינוט איז ער אריינגעשליידערט געווארען אין וואסער.

דאסזעלבע האט אין דערזעלבער צייט פאסירט אויך מיט דיא אנדערע צוויי פון האפמאן'ס מאטראזען.

דיא דריי מערדער האָבען שנעל איבערגענומען דיא קאָמאַנדע פון דער שיף. וויא עס האָט אויסגעזעהן, זיינען זיי געוועזען געניטע מאַטראָזען. אין עטליכע מינוטען אַרום זיינען זיי געווען נעבען דער שיף, וואָס האָט געגעבען דיא סיגנאַלען נאָך הילף און איינער פון דיא מערדער האָט דורך אַ רעהר, וואָס פערשטאַרקט דיא שטימע, אויסגערופען:

— אַלעס איז אין אָרדנונג! איהר קענט אַרויפקומען.

שנעל וויא טייוואַלים האָבען שוואַרצע פיגורען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט גענומען קלעטערען אויף דיא שטריק-לייטערס וואָס מען האָט זיי אַראָבגעוואָרפען פון דער "וועסטא". ביי אַ צעהן שטיק פון זיי זיינען אַזוי אַרויף און איינער האָט אַ פרעג געטהאָן:

— און וואו זיינען האָפמאַן'ס מאַטראָזען?

איינער פון דיא פריהעריגע דריי באַנדיטען האָט איהם געצייגט זיין פערבלוטיגטען מעסער.

— איהר זיינט זיי בעפאַלען? — האָט דער אָנגעקומענער געפרעגט.

— יא.

— און איהר האָט זיי אָוועקגעשיקט אויף יענער וועלט?

— מיר האָבען פון זיי געמאַכט אַ מאכל פאַר דיא פיש — האָט דער מערדער זיך צולאַכט און האָט אַ וויז געטהאָן אויף'ן ים.

— אָבער וויא האָט איהר עס געוואַגט? — האָט דער אָנגעקומענער שטרענג געפרעגט — איהר האָט דאָך אויף אַזא אופן געקענט צושטערען דעם גאַנצען פּלאַן. איהר האָט ניט געטאָרט שטעלען אין געפאַהר אונזער גאַנצע אונטערנעהמונג. איהר וואָלט געווען בעדאַרפט וואַרטען, ביז מיר וועלען אַרויפקומען אויף דער שיף!

דיא דריי באַנדיטען זיינען געשטאַנען וויא פערצווייפעלטע צום טויט און האָבען גאָר ניט געענטפערט. זיי האָבען געמיינט, אַז מען וועט זיי לויבען פאַר זייער העלדענטהאַט, צום סוף טאַדעלט מען זיי. דערצו האָבען זיי ווירקליך איינגעזעהן, אַז ווען זייער איבערפאַל אויף דיא מאַטראָזען פון דער "וועסטא" וואָלט זיך זיי ניט געווען איינגעגעבען, וואָלטען זיי געקענט מאַכען צו נישט דעם גאַנצען כיטרען פּלאַן.

דער פּלאַן איז בעשטאַנען אין פאָלגענדען: מען וועט צושיקען אַ בריוועל צו דיא מאַטראָזען פון דער "וועסטא", כלומר'שט פון עלען פּעטערסאָן, אַז זיי זאָלען איבערגעבען דיא שיף. מען האָט גערעכענט, אַז אַזוי וויא קיינער אויף דער שיף קען ניט עלען'ס האַנדשריפט, וועלען דיא מאַטראָזען דיא שיף איבערגעבען. דיא עקשנות פון דעם צייטווייליגען קאַפּיטאַן פון דער "וועסטא" האָט דיעזען פּלאַן צושטערט. עס איז דעריבער געווען נויטווענדיג צו געפינען אַן אַנדער מיטעל, וויא צו פערכאַפּען דיא "וועסטא".

דער שליח, וואס האט געבראכט אויף דער "וועסטא" דאס כלומר'שטדיגע בריוועל פון עלען, האט געזאגט, אז ער מוז מיטברייינגען צוויי חברים, ווייל ער האט געפלאנעוועט צו ערמארדען דיא דריי מאטראזען. ער האט געזאגט בלויז צוויי, ווייל ער איז געווען זיכער, אז מעהר מענשען וועט דער קאפיטאן ניט ערלויבען ארויפצוקומען; אויסערדעם האט ער מורא געהאט דערמיט צו ערוועקען געגען זיך נאך מעהר פערדאכט.

דיעזען נייעם פלאן האט עלען'ס כלומר'שטדיגער שליח איבערגעגעבען צו זיינע חברים אין באמביי'ער האפען און דער פלאן איז זיי ניט איבריג געפעהלען. דיא דריי מענשען האבען זיי טאקע בעשלאסען צו שיקען אויף דער "וועסטא"; זיי האבען אבער גערעכענט, אז ווען עס האנדעלט זיך וועגען אן איבערפאל פון דריי מענשען אויף אנדערע דריי, איז נאך א גרויסע פראגע, ווער עס וועט בלייבען דער זיעגער. עס איז דעריבער אנגענומען געווארען א דריטער פלאן, אז דיא איבריגע באנדיטען פון דער באנדע זאלען בעגלייטען דיא "וועסטא" אין מיטען ים און געבען געפאהר־סיגנאלען און ווען מען וועט זיי אלס פער־אונגליקטע ארויפנעהמען אויף דער "וועסטא" זאלען זיי פערכאפען דיא שיף.

דיא דריי באנדיטען אויף דער "וועסטא" האבען אבער דערזעהן א געלע־גענהייט פטור צו ווערען פון דיא מאטראזען איידער זייערע חברים זיינען זיי געקומען צו הילף, און זיי האבען דאס געטהאן.

אבער ווער זיינען געווען דיא באנדיטען?

ווען מיר וועלען זיך גוט איינקוקען אין זיי, וועלען מיר איינינע פון זיי באלד דערקענען. צום אלעם ערשטען וועלען מיר דערקענען דמיטרי'ן, דעם געריכישען קאפיטאן פון דער פרויען־הענדלערישער שיף "אינדיאנא", ביי וועל־כען דיא וועסטאלקעס האבען מיט גוואלד ארויסגעריסען אכטצעהן פרויען, וועלכע ער האט געזאלט פערקויפען צו שקלאפעריי און שאנדע. צווייטענס, וועלען מיר דערקענען דעם טערק, וועלכער האט געהאט אבגעקויפט ביי דמיטרי'ן דיא אכטצעהן פרויען און וועלכער איז אנוועזענד געווען אויף דער "אינדיאנא", ווען דיא פערשקלאפטע פרויען זיינען בעפרייט געווארען. און ענדליך וועלען מיר דא זעהן נאך איין בעקאנטען. דאס איז עלען'ס שטיעף־פאטער מר. סטיווענס.

דיעזע באנדיטען האבען זיך פעראייניגט אום צו נעהמען ראכע פון דיא וועסטאלקעס און פון עלען פעטערסאן. פאר סטיווענס'ען איז עס נאטירליך געווען וויכטיגער אריינצוקריגען אין זיינע הענד עלען פעטערסאן, אבער דמיטרי האט ניט געוואלט ריזיקירען און פאר איהם איז פיעל וויכטיגער גע־ווען צוריק צו קריעגען דיא פרויען, וועלכע מען האט ארויסגעריסען פון זיינע הענד. אמת, ער האט זיך אויך געוואלט אברעכענען מיט דיא וועסטאלקעס אי פאר דעם איבערפאל אויף איהם אי פאר זיין פריינד, דעם ים־וואלף, וועלכער

איז אַ דאַנק עלען ארייננעפאַלען אין דיא הענד פון דער גערעכטיגקייט; אָבער אַזוי וויא עלען איז יעצט שווער געווען אַנצוגרייפען און פאַר דמיטרי'ן איז געווען פיעל וויכטיגער צוריקצוקריעגען זיין "סחורה", וויא ער האָט גערופען דיא בעפרייטע פרויען, האָט ער בעשלאָסען פריהער צו פערכאַפּען דיא "וועסטאַ" מיט דיא בעפרייטע פרויען און דאַן וואַרטען אויף אַ געלעגענהייט, אום זיך אָבצורעכנען מיט דיא וועסטאַלקעס און מיט דיא ענגלענדער פון דעם "אַמאַר".

דער פּלאַן איז געלונגען.

סטיוועגס איז מיטגעגאַנגען מיט דיא באַנדיטען, ווייל ער האָט פּשוט ניט געהאַט וואוהין זיך אַהינצוטהאָן און ווייל דמיטרי האָט איהם פערשפּראָכען גאָר אין קורצען איבערצוגעבען אין זיינע הענד עלען.

— נו, וואָס מאַכען עפּעס מיינע שעפּסעלעך? — האָט דמיטרי געפרעגט באַלד נאָכדעם וויא ער האָט גוט אויסגעזידעלט דיא דריי באַנדיטען, וועלכע האָבען ניט געפאָלגט זיין בעפעהל און האָבען ערמאָרדעט דיא מאַטראָזען פון דער "וועסטאַ".

מיט דיא "שעפּסעלעך" האָט ער געמיינט דיא בעפרייטע פרויען.

— פון דיא אַכטצעהן זיינען איצטער פאַראַן ניט מעהר וויא צעהן — איז געקומען אַן ענטפער פון איינעם פון דיא דריי מערדער וואָס זיינען צום ערשטען ארויפגעקומען אויף דער "וועסטאַ".

— פון וואַנען ווייסטו עס? — האָט בייז געפרעגט דמיטרי.

— אַזוי האָבען אונז געזאָגט דיא מאַטראָזען.

— דאָנערוועטער! — האָט אַ ברום געטהאָן דמיטרי — אַכט פרויען האָבען זיי ביי מיר אַוועקגערויבט! אָה, זיי וועלען דערפאַר טהייער בעצאָהלען!

דמיטרי האָט געהאַט אַ ריינעם פערלוסט. דאָס וואָס ער האָט פערכאַפּט דיא "וועסטאַ" האָט זיין פערלוסט ניט געקענט דעקען, ווייל מיט דער "וועסטאַ" האָט ער ניט געקענט אַריינפאָהרען אין קיין האַפען, און ער וועט זיא מוזען איבערלאָזען ערגיץ אין מיטען ים. ער איז געווען זיכער, אַז מען וועט איבעראַל ארויסשיקען טעלעגראַמען איהם צו כאַפּען.

ער האָט דעריבער בעשלאָסען מיט דער "וועסטאַ" צו פאָהרען בלויז ווייט פון האַפענס, און ווען ער וועט קומען נאָהענט צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל, זאָל ער איבערלאָזען דיא "וועסטאַ" אין מיטען ים אָדער זיא אויפרייסען און דיא פרויען וואָס זיינען אויפס-ניי פערשקלאַפט געוואָרען, זאָל ער איבערנעהמען אויף זיין אייגענער קליינער שיף, וועלכע וועט איהם נאָכפאָלגען און פון וועלכער ער האָט עס געגעבען דיא סיגנאַלען וועגען אַ כלומר'שטדיגער געפאַהר און האָט אויף אַזאַ אופן געוואָלט ארייננאַרען דיא מאַטראָזען פון דער "וועסטאַ".

פערנומען מיט דער פערכאַפּונג פון דער "וועסטאַ" און מיט דיא פּלע־

נער וואס ווייטער צו טהאן, האבען דיא באנדיטען ניט בעמערקט, וויא אויף דיא טרעפ וואס פיהרען צום אויבערשטען דעק, וואו דיא באנדיטען האבען זיך געפונען, האט זיך בעוויזען דער קאפ פון דער שווארצער פערשקלאפטער סיערא־לעאנער קעניגין מעדאבא. זיא האט פארזיכטיג ארויסגעשטעקט דעם קאפ און האט אויפמערקזאם בעטראכט דיא פערזאמעלטע. איהרע שארפע אויגען האבען אויך בעמערקט דיא סמנים פון בלוט אויף'ן דעק.

זיא האט געציטערט מיט יעדען אבר און איהרע אויגען האבען געברענט וויא ביי א ווילדער חיה.

זיא האט צונויפגעדריקט איהרע הענד אין צוויי פויסטען און האט מיט זיי א טרייסעל געטהאן אין דער ריכטונג צו דיא באנדיטען. דאן איז זיא צו־ריק פערשוואונדען.

34טעם קאפיטעל.

עוועלין'ס פלענער דורכגעפאלען

מיר האבען איבערגעלאזט עלען פעטערסאן, לארד הארלינגטאן און זייערע בעגלייטער אויף דער יאגד, וואס דער סאבולפאר'ער ראדזשאה האט פאר זיי פעראנשטאלטעט, אין דער מינוט, ווען זיי זיינען פון דעם ראדזשאה גענומען געווארען געפאנגען.

וואס האט אבער פאסירט אין סאבולפאר, אין דער צייט, ווען זיי זיינען געווען אויף יאגד און וויא איז עס צוגעגאנגען מיט טשארלס וויליאמס און מיט ניק שארפ, וועלכע זיינען געבליבען אין סאבולפאר, אום צו האלטען אן אויג אויף עוועלין און האבען זיך צוליעב דיעזען צוועק פערשטעלט?

צוויי שטונדען נאכדעם וויא דעם ראדזשאה'ס יאגד־געזעלשאפט האט פערלאזען סאבולפאר איז א רייטער געקומען צופליהען אויף א שנעלען פערד און ארייגלויפענדיג אין קאלאנעל גאלדסמיטה'ס קאנצעלאריע, וואו עס האט זיך געפונען בלויז עוועלין, האט ער געפרעגט:

— נו, וויא געהט עס דא צו? דער ראדזשאה האט מיך געשיקט פרעגען, אויב דער אויפשטאנד האט זיך שוין אנגעפאנגען?

עוועלין האט צוגעלעגט א פינגער צום מויל, אלס צייכען, אז ער זאל ריידען שטילער, און האט געענטפערט:

— עס איז פלוצלונג געווארען אן אבהאלט. דעם לייטענאנט, וואס קא־מאנדירט איצטער דיא סאלדאטען אין פעסטונג, האט זיך פלוצלונג פערגלוסט צו מושטירען דיא סאלדאטען. אלע סאלדאטען זיינען אויף אזא אופן צוזא־מען און זיי זיינען בעוואפענט. עס איז דעריבער ריזיקאליש אנצופאנגען דעם

איבערפאַל. מען מוז וואַרטען ביז נאָך דער מושטירונג, ווען דיא סאָלדאַטען ווע־לען זיך אַוועקזעצען עסען. פאָהר באַלד אָב צוריק און לאָז וויסען דעם ראַדזשאַה, אַז איך וועל צו איהם שיקען אַ שליח אַזוי שנעל וויא דיא פעסטונג וועט זיין ביי אונז אין דיא הענד. דערווייל זאָל ער זעהן פערציהען דיא יאַגד.

דער שליח האָט שוין געזאָלט אַרויסגעהן, ווען עוועלין האָט איהם אָבגע־שטעלט און האָט נאָך צוגעגעבען:

— פערגעס איהם ניט צו זאָגען, אַז ער מוז אונטער אַלע בעדינגונגען פאַנגען אויך דיא פרויען און הויפּטזעכליך דעם קאָלאָנעל גאָלדסמיטה'ס טאָכ־טער. געדענק־זשע!

דער שליח האָט זיך פערנייגט און איז אַרויס. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין פערד און האָט זיך געלאָזט שנעל רייטען אין דער ריכטונג, פון וועלכער ער איז געקומען.

אין דערזעלבער מינוט איז פון דעם צימער, וואָס איז געווען נעבען דער קאַנצעלאַריע, וואו עוועלין האָט נור־וואָס גערעדט מיט דעם ראַדזשאַה'ס שליח, אַרויסגעלאָפען אַ מאַן און האָט מיט אַלע כחות גענומען לויפען צום פּלאַץ אין פעסטונג, וואו דיא סאָלדאַטען האָבען זיך מושטירט. בעגלייטענדיג דעם שליח, האָט עוועלין בעמערקט דעם מאַן אַרויסלויפענדיג פון צימער און זיא האָט איהם פערדעכטיג נאָכגעקוקט. דער מאַן איז געווען דער דיענער פון דעם ענג־לענדער, וועלכער איז דאָ דער איינציגער איבערגעבליבען, ווען דיא וועסטאַלקעס מיט דיא ענגלענדער זיינען אַוועק אויף יאַגד.

דער ענגלענדער, וואָס איז דאָ געבליבען איז געווען, וויא מיר ווייסען שוין, אונזער פערשטעלטער דעטעקטיוו ניק שאַרפּ און זיין דיענער איז געווען ניט קיין אַנדערער וויא דער פערשטעלטער טשאַרלס וויליאַמס.

וויליאַמס האָט געהערט דעם גאַנצען געשפּרעך צווישען עוועלין און דעם ראַדזשאַה'ס שליח און דאָס האַרץ איז אין איהם פערשטאַרבען געוואָרען פאַר שרעק ביים געדאַנק, וואָס פאַר אַן אונגליק עס קען פּאַסירען מיט זיינע פריינד אויף דער יאַגד און מיט איהם אַליין דאָ, אין פעסטונג. דאָס ערשטע, נאַטירליך, איז געווען צו לאָזען וויסען דעם קאָמאַנדיר פון דער פעסטונג, אין וואָס פאַר אַ געפאַהר דיא ענגלישע סאָלדאַטען געפינען זיך און איהם אויך בעטען צו שי־קען סאָלדאַטען אויף דעם יאַגד־פּלאַץ צו בעפרייען דיא ענגלענדער און אַמע־ריקאַנערינס. יעדע מינוט איז געווען טהייער און וויליאַמס האָט פערגעסען אָן אַלע פאָרזיכטיגקייטען און איז וויא אַן אונטערגעשאָסענער אַרויסגעפלויגען פון צימער, וואו ער האָט אונטערגעהערט דעם סוד, און זיך געלאָזט לויפען.

עוועלין האָט איהם בעמערקט און נאָך אַ קורצער איבערלעגונג איז זי געקומען צום שלוס, אַז ער ווייסט איהר סוד און אַז עס מוז איצטער געהאַנדעלט ווערען שנעל און ענטשלאָסען. זיא האָט באַלד אַרויסגעשיקט איין פערטרויעטען דיע־

נער צום פּלאַץ וואו דיא בונטאָוושטשיקעס האָבען זיך פערזאַמעלט, און זיי אָנ־געזאָגט, אַז דער איבערפאַל מוז באַלד פּאַרקומען, אויב זיי ווילען ניט אין גאַנ־צען פערלירען דיא האָפנונג צו געווינען, און נאָך אַ פּאָר דיענער האָט זיא אַרויסגעשיקט צו כאַפּען ווילִיאַמס׳ען.

ווען ווילִיאַמס וואָלט געווען בעדאַרפט לױפען צום סאַמע מושטיר־פּלאַץ, וואָלטען איהם דיא דיענער זיכער געווען איבערגענומען; צום גליק האָט ער ניט ווייט פון הויז בעגעגענט זיין בעקאַנטען לייטענאַנט ווערדען רייטענדיג צום מושטיר־פּלאַץ און ער האָט איהם אויף שנעל איבערגעגעבען אַלעס וואָס ער האָט געוואוסט. דער לייטענאַנט האָט קיין סך פראַגען ניט געשטעלט. דיא גאַנצע געשיכטע האָט זיך איהם גאַנץ גוט געלעגט אויף׳ן שכל און ער האָט אָהן ווייטערע טענות געגעבען זיין פערד דיא שפּאָרען און איז אַוועק צום מושטיר־פּלאַץ אָנזאָגען וועגען דער געפאַהר.

אין פינף מינוטען אַרום איז שוין דיא פעסטונג געווען פערמאַכט און דיא קליינע צאָהל סאָלדאַטען איז געשטאַנען בעוואָפענט, גרייט צו בעגעגענען דעם שונא. עס איז אויך באַלד אַרויסגעשיקט געוואָרען אַ קוריער צום יאַגד־פּלאַץ צו לאָזען וויסען דעם קאַפּיטאַן, וואָס האָט קאָמאַנדירט דעם גאַרניזאָן אין דער אָבוועזענהייט פון קאָלאָנעל גאָלדסמיטה.

וויא מיר ווייסען שוין, איז דער קוריער צוריסען געוואָרען פון דעם טיגער און זיין אָנקומען האָט געבראַכט דערצו, אַז דער ראַדזשאַה זאָל זיך צואײלען און אַרעסטירען זיינע געסט.

אָבער וואָס האָט פּאַסירט מיט ווילִיאַמס׳ען?

ווען ער האָט זיין סוד איבערגעגעבען צום לייטענאַנט ווערדען, האָט ער בעשלאָסען זיך אומצוקעהרען אַהיים, צו וואָרענען ניק שאַרפּ׳ען און צוזאַמען מיט איהם זיך רעטען אין דער פעסטונג. ער איז אָבער נאָך קיין צוואַנציג טריט ניט אָבגעגאַנגען, וויא ער איז פון הינטען בעפאַלען געוואָרען פון פינף קרעפטיגע הינדוסען, וועלכע האָבען איהם באַלד פערשטאָפּט דאָס מויל און האָבען איהם געבונדען, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז געווען אַ קרעפטיגער מאַן און האָט געקעמפּפט מיט אַלע כחות.

אין אַ פּאָר מינוטען אַרום איז טשאַרלס ווילִיאַמס געלעגען אַ געבונדענער אין קעלער פון קאָלאָנעל גאָלדסמיטה׳ס הויז.

— וואָס וועט איצטער זיין? — האָט זיך ווילִיאַמס געבראָכען דעם קאָפּ — קען עס זיין, אַז דער לומפּיגער פּרוי זאָל געלינגען דורכצופיהרען איהר טייר־פעלשען פּלאַן?

וועגען זיך אַליין האָט ווילִיאַמס ניט געזאָרגט. ער איז געוועזען צו פיעל לעבענסלוסטיג, אום ער זאָל גאָר ווען־עס־איז טראַכטען וועגען טויט. ער פלעגט אימער קאַלטבלוטיג זיך זאָגען: מען שטאַרבט בלויז איין מאָל און שטאַרבען

מוז מען דאָך אמאָל; טאָ וואָס איז דער אונטערשיעד ווען מען שטאַרבט? אזוי פלעגט ער זיך זאָגען, ווען ער פלעגט אמאָל א טראַכט טהאָן וועגען טויט, און ער האָט עס ווירקליך אזוי געמיינט. אויסערדעם, איז ער געווען אמאָל א סאָלדאַט טאַקע אין אינדיען אין יענע צייטען, ווען עס פלעגען פאָרקומען אָפטע צוזאַמענשטויסע צווישען דיא ענגלישע סאָלדאַטען און דיא הינדוסען, און ער איז געוואָהנט געווען צו קוקען דעם טויט גלייך אין דיא אויגען.

אלזאָ, פאַר זיך האָט זיך וויליאַמס ניט געקימערט. איהם האָט נור גע־מאַטערט דער געדאַנק וועגען דער געפאַהר, אין וועלכער זיינע פריינד געפינען זיך. הויפטזעכליך האָט איהם געמאַטערט דער געדאַנק, אז זיין געליעבטע מאַריא טהאָמפסאָן וועט אריינפאַלען אין דיא הענד פון דעם צולאָזענעם ברוּ־טאַלען ראַדזשאַה.

חוץ דעם, האָט עס איהם, אַלס פאַטריאָטישען ענגלענדער, שטאַרק גע־ערגערט, וואָס דיא הינדוסען וועלען בעקומען דיא אויבערהאַנד איבער דיא ענג־לענדער.

אָבער וואָס האָט ער געקענט העלפען? ער ליעגט א געבונדענער און זעהט פאַר זיך ניט דיא קלענסטע אויסזיכט זיך צו בעפרייען און קענען עפּעס טהאָן פאַר דיא סאָלדאַטען אין פעסטונג און פאַר זיינע פריינד אויף דער יאַגד.

צוויי שטונדען צייט איז ער אָבגעלעגען אין קעלער און האָט ניט גע־הערט דעם קלענסטען גערויש. פּלוצלונג האָט ער דערהערט דיא שריט פון פיעלע מענשען, דעם קלאַנג פון וואַפען און געמישטע געשרייען. ער האָט פער־שטאַנען, אז דאָס קומען אָן דיא הינדוסען, אום צו בעפאַלען דיא פעסטונג. דאָס הויז, וואו ער האָט זיך געפונען, איז געווען אויסער דער פעסטונג. ער איז, אלזאָ, פאָלשטענדיג געווען אין דיא הענד פון דיא שונאים.

עס זיינען אַוועק נאָך עטליכע מינוט און עס האָט זיך דערהערט א שי־סעריי.

— אלזאָ, דער אָפענער אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכען! — האָט צו זיך אליין געזאָגט וויליאַמס — וויא עס ווייזט אויס, איז דיא פעסטונג מיט דיא סאָלדאַטען בעלאַגערט און דער קאַמפּף האָט אויסגעבראָכען. איך וויל האָ־פען, אז מיין וואַרנונג איז נאָך געקומען אין צייט אזוי, אז דיא סאָלדאַטען זאָלען ניט בעפאַלען ווערען אומגעריכט. זייענדיג פערשלאָסען אין דער פעסטונג, קע־נען זיי אויסהאַלטען א לאַנגע בעלאַגערונג, און פאַר דער צייט וועט פיללייכט פון ערגיץ קומען הילף; אפשר וועט זיך פאַר דער צייט אומקעהרען קאָלאָנעל גאָלדסמיטה.

לאַנג טראַכטען וועגען דעם האָט ער קיין צייט ניט געהאַט, ווייל עס האָט זיך געעפענט דיא טהיר און עס איז אריינגעקומען — עוועלין.

ווען דיא הינדוסען זיינען אויף עוועלין'ס בעפעהל בעפאַלען וויליאַמס'ען

און ער האָט זיך גענומען מיט זיי ראַנגלען, איז פון זיין געזיכט אַראָבגעפאַלען די פאַלשע באָרד. די הינדוסען האָבען שוין דאַן אויך אַראָבגעריסען פון איהם דעם פּאַרוק. אויף אַזא אופן האָט עוועלין איצטער דערזעהן וויליאַמס'ען אין זיין ריכטיגער געשטאַלט און זיא האָט מיט ערשטוינען אויסגערופען:

— איהר?

וויליאַמס האָט געקוקט אויף זיין פיינד מיט בייזע בליקען און האָט גאָר ניט געענטפערט. עוועלין האָט אַ ווײַלע געטראַכט און האָט געהייסען די דיענער, וואָס האָבען זיא בעגלייט, זיי זאָלען אַרויסגעהן און זיא לאָזען אַליין מיט'ן געפאַנגענעם. איידער זיא האָט דאָס געטהאָן, האָט זיא זיך איבער־צייגט, אַז די שטריק, מיט וועלכע וויליאַמס איז געבונדען, האַלטען פעסט.

ווען די דיענער זיינען אַרויס, האָט עוועלין זיך געווענדעט צו ווי־ליאַמס'ען:

— הייסט עס, איהר, דער שטאָלצער ענגלישער אַריסטאָקראַט, האָט דאָ גע־שפּיעלט די ראָלע פון אַן עקעלהאַפטען שפּיאָן?

וויליאַמס האָט איצטער בעשלאָסען אַנצונעהמען גאָר אַן אַנדער טאָן. ער האָט פערשטאַנען, אַז וואָס לייכטער און וויציגער ער וועט זיך פערהאַלטען צו עוועלין, אַלץ מעהר וועט ער זיא קענען ערגערען. צווייטענס, האָט ער גע־רעכענט, אַז עס איז אפשר מעגליך, אַז עוועלין זאָל אוים ליעבע צו איהם דאָך איהם לאָזען לעבען ביז הילף וועט קומען, אויב ער זאָל זיך האַלטען אַביסעל לייכטזיניג און זיא וועט דורך דעם בעקומען עטוואָס האָפנונג אויף זיין ליעבע.

אויף איהר בייזען פאָרוואורף אין שפּיאָנעריי האָט ער דעריבער עלעגאַנט געענטפערט:

— שעהנעס וועטער היינט. ניט וואַהר, מיסס עוועלין?

— הערר וויליאַמס — האָט עוועלין שטרענג געענטפערט — **איך בין** אַהער **ניט** געקומען מיט'ן צוועק צו מאַכען מיט אייך שפּאַס.

— דאָס געהט מיר לחלוטין ניט אָן — איז געקומען אַן ענטפער — **איך** בין איצטער זעהר גוט געשטימט און מיר ווילט זיך שפּאַסען. אויב אייך געפעהלט עס אָדער ניט, הויבט מיך ניט אָן צו אַארען.

— אַ געבונדענער און אין אַ גוטער שטימונג! — האָט עוועלין אַ קנייטש געטהאָן מיט די פּלייצעס.

— וואָרום ניט? — האָט אונטערגעכאַפּט וויליאַמס — איך האָב היינט אויפגעטהאָן זעהר פיעל גוטעס. ערשטענס, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איהר זיינט אַ לומפּיגע פעררעטהערין; צווייטענס, האָב איך פערהיט די ענגלי־שע סאָלדאַטען פון אַן אונערוואַרטעטער אויסשלאַכטונג; דריטענס...

עוועלין האָט איהם ניט געלאָזט ענדיגען.

— דריטענס — האָט זיא פאַר איהם דערענדיגט — זיינט איהר געפאַנגען

געוואָרען און איהר וועט שוין קיין לעבעדיגער פון דאנען ניט ארויס; פיער־טענס, האָט איהר מיט אייער האנדלונג אונטערגעשריעבען דעם טויט־אורטהייל פון אייערע פריינד, וועלכע זיינען יעצט אין דיא הענד פון דעם ראַדזשאַה; און פינפטענס... אָבער דערווייל איז דאָס אויך גענוג. דאָס איז אָבער אַלץ איצטער ניט וויכטיג. איצטער וויל איך וויסען אַן אַנדער זאַך: מיט וועמען זיינט איהר געשטאַנען אין פערבינדונג אין אייער שפּיאָנסקער ארבייט?

וויליאַמס האָט זיא אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעל און האָט געזאָגט:

— שטעלט אַן אַנדער פראַגע, אויף דיעזער האָב איך אייך קיין חשק ניט צו ענטפערען.

עוועלין האָט אויף איהם געוואָרפען אַ ווילדען בליק און האָט לאַנגזאַם ארויסגעצויגען אַ רעוואָלווער.

— הערר וויליאַמס — האָט זיא געזאָגט — איהר פערשטעהט מסתמא, אַז אויב איהר וועט מיר אַזוי ענטפערען, וועט איהר מוזען בעצייטענס אָבזאָגען ודוי. איך וואָרען אייך צו ענטפערען אויף אַלע מיינע פראַגען.

— שרייבט זיי מיר אויס אויף אַ צעטעל, איך מיין, אייערע פראַגען — האָט געזאָגט וויליאַמס — און דאַן וועלען מיר זעהן. איבריגענס וויל איך אייך בעטען, איהר זאָלט עס מאַכען בקצור, ווייל איך איל מיך זעהר. איך וויל נאָך היינט אָבפאָהרען פון סאַבולפאָר.

עוועלין איז געוואָרען אַן אָנגעצונדענע.

— גוט! — האָט זיא געזאָגט — איהר וועט קריעגען דאָס וואָס איהר פערדיענט. אויב איהר ווילט מיר ניט ענטפערען פרייוויליג, וועט איהר ענטפערען מיינע דיענער אונטער בייטשען. סער וויליאַמס, דער גרויסער ענגלישער אַריסטאָקראַט מעג אויך אַמאָל פערזוכען דעם טעם פון בייטשען. עס וועט איהם גאָרניט שאַדען. אייערע ענגלענדער האָבען אַזוי פיעל געדריקט און געשטיקט אונזערע אָרימע הינדוסען, אַז עס שאַדט לחלוטין ניט, אַז איהר זאָלט אויך אַמאָל וויסען, וויא עס טהוט וועה, ווען מען בעליידיגט און ערנידריגט.

וויליאַמס האָט זיך ווילד צולאַכט.

— און דאָס רעדט אַ פרוי — האָט ער מיט פעראַכטונג געזאָגט — וועלכע איז גרייט צו פערקויפען דיא הינדוסען פאַר דער עהרע צו זיין פערהייראַט מיט קאָלאָנעל גאָלדסמיטה און פערקויפט באַלד קאָלאָנעל גאָלדסמיטה פאַר דעם פערגניגען צו זיין דעם ראַדזשאַה'ס געליעבטע! פוי!

עוועלין האָט אַ טופּע געטהאָן מיט'ן פוס און האָט זיך געלאָזט ארויסגעהן.

— איילט זיך ניט, מיסס עוועלין! — האָט איהר וויליאַמס נאָכגעשריען — איידער מיר שיידען זיך און איהר גיט מיך איבער אין דיא הענד פון אייערע דיענער, לאָמיר זיך אָפען דורכריידען וועגען נאָך אַן ענין.

עוועלין איז ווייטער געגאַנגען צום אַרויסגאַנג, ווען וויליאַמס האָט גע־ענדיגט:

— דערמאָהנט זיך אָן דער נאַכט, ווען איהר האָט מיך ערוואַרטעט אין אייער גאָרטען און זיינט גרייט געווען מיר צו שענקען אייער ליעבע. געדענקט איהר עס, מיסס עוועלין?

עוועלין האָט זיך מיט איין מאָל אָבגעשטעלט, האָט זיך אומגעדרעהט און איז מיט שנעלע טריט צוגעגאַנגען צו וויליאַמס'ען.

— וואָס מיינט איהר דערמיט? — האָט זיא געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— איך מיין — האָט וויליאַמס געזאָגט — אייך צו ענטפּלעקען, מיט וועמען איהר האָט דאַמאָלט פערבראַכט דיא נאַכט.

— איז דאָס געווען טאַקע איהר? — האָט עוועלין געפרעגט און אין איהר שטימע האָט זיך דערהערט אַ נאָטע פון ליעבע.

וויליאַמס'ען איז דורכגעלאָפען אין מוח אַ געדאַנק, אַז ער וואָלט זיך פיללייכט געקענט רעטען, ווען ער וואָלט איהר געזאָגט אַ ליגען, אַז דאָס איז טאַקע געווען ער, וואָס האָט זיא דעמאָלט בעגעגענט אין סאָד. ער האָט אָבער באַלד דעם געדאַנק צוריקגעשטויסען מיט עקעל. פערקעהרט, ער האָט בעשלאָסען אויסצונוצען יענע פּאַסירונג, אום דיעזע שרעקליכע פּרוי וואָס מעהר צו ערנידריגען.

— האָט איהר מיך ווירקליך געליעבט, מיסס עוועלין? — האָט וויליאַמס אָנגעפאַנגען.

— אויף דיעזער פראַגע האָב איך דערווייל ניט וואָס צו ענטפערען — האָט צווישען דיא ציין געזאָגט עוועלין — דערצעהלט ווייטער.

ביי איהר איז שוין איצטער כמעט געווען אַ בעשטימטע זאַך, אַז דאָס האָט זיא זיך דעמאָלט ווירקליך בעגעגענט מיט וויליאַמס'ען און איהר האַרץ האָט שנעל געגומען קלאַפּען ביים געדאַנק, אַז ניט אַלעס איז נאָך פערלאָרען און זיא וועט נאָך ווייטער קענען געניסען זיין ליעבע, כאָטש זיא האָט נאָך אַליין ניט קלאָר פערשטאַנען, וויא אַזוי דאָס איז מעגליך, ווען ער איז געפאַנגען אַלס שפּיאָן און זיא מוז איהם איבערגעבען אין דיא הענד פון דעם ראַדזשאַה.

מיט אונגעדולד האָט זיא געוואַרט, וואָס ער וועט ווייטער זאָגען. און וויליאַמס האָט לאַנגזאַם פאָרטגעזעצט:

— שוין דעם ערשטען טאָג, וויא איך בין אַהער אָנגעקומען, האָט מען מיך אויפמערקזאַם געמאַכט דאַרויף, אַז איהר זיינט צו מיר ניט גלייכגילטיג. איך אַליין האָב עס אויך בעמערקט. איהר זיינט שעהן, יונג און ליידענשאַפטליך. איך האָב אָבער וועגען אייך געהערט אַזוי פיעל שלעכטעס...

— ניט אַלעס איז אמת — האָט שטיל, וויא געגען אייגענעם ווילען גע־זאָגט עוועלין.

— יא, איך האָב אויך אזוי געדענקט — האָט געזאָגט וויליאַמס — איך האָב צו זיך אליין געזאָגט: עס קען ניט זיין, אז אין אזא שעהנעם קערפּער זאָל לעבען אַ טייפעל. מען האָט מיר דערצעהלט, אז איהר האָט געוואָלט אומ־ברייננגען מיסס גאָלדסמיטה, אום צו קענען הייראַטען דעם קאָלאָנעל. מען האָט מיר ווייטער דערצעהלט, אז איהר האָט געהאַט ליעבעס־פערהעלטניסע מיט אַלע, אָהן אויסנאהמע, מענער אין סאַבולפּאָר. מען האָט זאָגאר גערעדט, אז איהר זיינט שולדיג אין אייער מאַן'ס טויט, און מען האָט מיך פערזיכערט, אז איהר זיינט דעם ראַדזשאַה'ס געליעבטע.

— וויא וואָגט איהר! — האָט געפּרובט פּראָטעסטירען עוועלין.

— אזוי האָט מען מיר דערצעהלט — האָט קאַלטבלוטיג ווייטער גערעדט וויליאַמס — און ווייטער האָט מען מיר דערצעהלט, אז איהר האָט פערראַטהען דיא ענגלענדער ביים לעצטען גרויסען אויפשטאַנד אין אינדיען און אז איהר שטעהט אויך איצטער אין פערבינדונג מיט'ן ראַדזשאַה און איהר פּלאַנעוועט אונז אַלעמען אומצוברייננגען, אום צו פערדעקען אייער פערברעכען געגען מיסס גאָלדסמיטה. וויא שוין געזאָגט, האָב איך זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אז גאָט זאָל אין אזא וואונדערבארער שעהנער פאָרמע בעזעצען אַ טייפעל, און, וויא אונאָנגענעהם דאָס איז מיר ניט געווען, האָב איך בעשלאָסען אויסצוגע־פינען, אויב דאָס איז אמת.

ביי דיעזע ווערטער איז עוועלין געוואָרען בלאַס וויא דער טויט.

— און איהר זיינט געקומען מיר כלומר'שט פאָרצושלאָגען אייער ליעבע, כדי מיך צו שפּיאָנירען? — האָט זיא אויסגעשריען — אָה, איהר לומפּ!

וויליאַמס'עס אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט צאָרן.

— אָה, ניין! — האָט ער געזאָגט — טשאַרלס וויליאַמס איז נאָך ניט געפאַלען אזוי נידריג צו שענקען זיין ליעבע צו איינער, וועלכע יעדער סאָלדאַט פון דעם גאַרניזאָן האָט שוין געליעבט און וועלכע איז אַ שפּיאָנין, אַ פעררעטהע־רין און אַ מערדערין אין איין און דערזעלבער צייט!

עוועלין האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער ער האָט איהר איבערגעשלאָגען און האָט ווייטער גערעדט:

— מיר האָבען דאָ אַ שפּיאָן און איך האָב איהם ערלויבט זיך צו פער־שטעלען אַלס איך און מיט אייך זיך בעגעגענען אין גאָרטען. איהר האָט איהם געקושט און געהאַלזט, איהר האָט צו איהם גערעדט צערטליכע רייד, איהר האָט פאַר איהם אויפגעדעקט אייער פּראַכטפאָלען קערפּער און איהם געלאָזט זיך אָנזעטיגען מיט איהם, און ער האָט דערוויל אַראָבגענומען אויף וואַקס אַן אָבדרוק פון אייערע שליסלען און האָט אויפ'ן צווייטען טאָג דורכגעזוכט אייערע שופלאָדען... כאַ־כאַ־כאַ!

אויף איין מינוט איז עוועלין וויא פערשטאָרבען געוואָרען פאַר כעס און

שאנדע. דאן האט פון איהרע אויגען א שפריץ געטהאן מיט פייער. זיא האט ארויסגעכאפּט דעם רעוואלווער און האט איהם צוגעשטעלט צו וויליאמס'עס ברוסט, גרייט איהם צו טויטען אויף'ן ארט.

זיא האט אבער קיין צייט ניט געהאט אויסצושיסען. א קרעפטיגע האנד האט ארויסגעריסען דעם רעוואלווער פון איהר האנד און איידער זיא האט נאך צייט געהאט צו קומען צו זיך, איז איהר מויל געווען פערשטאפּט און דיא הענד געבונדען. אין דער נעכסטער מינוט זיינען וויליאמס'עס שטריק געווען צושני־טען. דאס אלעס האט פּאסירט אזוי אונערוואַרטעט און אזוי שנעל, אז אפילו וויליאמס איז אזוי צוטומעלט געווארען, אז ער האט גאר ניט פערשטאנען, וואס דא קומט פאר. ערשט אין א מינוט־צוויי ארום איז ער געקומען צו זיך און האט פערשטאנען, אז דער גאנצער וואונדער איז דיא ארבייט פון דעם דעטעק־טיוו ניק שארפּ.

— קומט — האט ניק שארפּ געזאגט — אבער שנעל! און העלפט מיר ארויסטראגען מיין געליעבטע — האט ער אנגעצייגט אויף עוועלין.

— אבער וואוהין געהן מיר? — האט געפרעגט וויליאמס.

— אין פעסטונג — האט געענטפערט דער דעטעקטיוו — פון דעם קע־לער צו דער פעסטונג איז פאראן א געהיימער דורכגאנג, וועלכען איך האב אויסגעפונען נאך מיט א טאג צוריק. ווען דער אויפשטאנד האט אויסגעבראָ־כען, איז מיר געלונגען זיך אריינצוכאפּען אין פעסטונג, איך האב אבער ניט געקענט רוהען, וואס איהר זיינט פערבליבען ביי דיא שונאים אין דיא הענד. איך האב בעשלאסען זיך צו בענוצען מיט דעם געהיימען דורכגאנג, וועגען וועלכען אפילו דיא אפיציערען ווייסען ניט, און בין אנגעקומען אין דער מינוט, ווען מיין געליעבטע מיסס עוועלין האט מיט איהר רעוואלווער געוואלט דורכ־לעכערען אייער גנעדיגע ברוסט... נו, קומט!

— און צו וואס שלעפּט איהר נאך זיא? — האט געפרעגט וויליאמס.

— אה, זיא וועט אונז זעהר צו־ניץ קומען — האט געלאכט דער דעטעקטיוו — ערשטענס, וועלען מיר זיך דורך איהר דערוויסען וועגען דעם ראדזשאה'ס פּלענער און צווייטענס, איז געפעהרליך אזא פויגעל צו לאזען פריי.

זיי האבען זיך געלאזט געהן אין דעם פינסטערען, פייכטען, ענגען טונעל.

— וואס הערט זיך אין פעסטונג? — האט געפרעגט וויליאמס.

— דארט איז דערוויל צרות. דער גארניזאן איז קליין און דער איבערפאל איז געקומען כמעט אונערוואַרטעט. עס איז נאך א גליק, וואס איהר האט זיי אין צייט געווארענט און וואס מיר איז געלונגען צו דערגעהן, וואו קאלאנעל גאלדסמיטה געפינט זיך.

— וויא זיינט איהר עס דערגאנגען?

— דורך א דאקומענט, וואס איך האב ארויסגעקראגען פון עוועלין'ס

שופלאד היינט אין דער פריה, וויא נור אייערע לייט זיינען אוועק אויף יאגד. איך האב זיך דערוואוסט, אז דער קאלאנעל שרייבט אפט צו עוועלין, אבער זיא לאזט קיינעם ניט וויסען וועגען דעם. איך האב גענומען זוכען דעם קאלאנעל'ס בריעף און האב איינעם געפונען. ווען איך האב דערטאפט דעם בריעף, פון וועלכען איך האב זיך דערוואוסט, וואו דער קאלאנעל געפינט זיך, בין איך אוועק אין פעסטונג, אום צו לאזען וועגען דעם וויסען דיא אפיציערען און ווען איך בין דארט געוועזען, איז געקומען צולויפען לייטענאנט ווערדען מיט אייער ווארנונג. מיר האבען דאן באלד אוועקגעשיקט א שליח אויף'ן יאגד־פלאץ און א צווייטען צום קאלאנעל.

— האט איהר געהערט עפעס וועגען אונזערע פריינד וואס זיינען אוועק אויף יאגד?

— דערווייל ניט, אבער איך האף נאך היינט עפעס צו דערגעהן.

דא זיינען זיי צוגעקומען צו דעם אריינגאנג אין דער פעסטונג. ניק האט גוט פערשפארט דעם אריינגאנג נאכדעם וויא זיי זיינען ארויס פון דעם געהיימען דורכגאנג.

עוועלין איז דיא גאנצע צייט געלעגען מיט פערמאכטע אויגען, כאטש זיא איז ניט געוועזען בעוואוסטלאז.

זיי האבען זיך געלאזט מיט דער געפאנגענער געהן ווייטער, ווען ניק שארף האט פלוצלונג א ריס געטהאן וויליאמס'ען און שטיל און דערשראקען געזאגט:

— צוריק.

דיעזע טהייל פון פעסטונג איז שוין געווען פערנומען פון הינדוסען. זיי זיינען צוריק אריין אין דעם געהיימען גאנג.

35טעם קאפיטעל.

דער טויט פון א פערדעטהערין

ביי א צוואנציג מייל פון סאבולפאר געפינט זיך א געדיכטער וואלד. גאנצע סטאדעס פון אפען (מאלפעס) יאגען זיך דארט ארום צווישען דיא בוימער, עס הערט זיך דארט דאס ברומען פון טיגערען און דיא לופט איז פול מיט קולות פון פערשיעדענע אנדערע חיות און פון פויגלען.

ביים אריינגאנג אין דיעזען וואלד זיינען איצטער פאנאנדערגעווארפען געצעלטען, עס ברענען איבעראל פייערען און פרעהליכע גרופען זיצען ארום דיא פייערען, ריידען און זינגען.

אין איינעם פון דיא געצעלטען זיצט אַ הויכער מאַן מיט אַ לאַנגער גרויער ליכער באָרד. ער איז נאָך קרעפטיג און זיין געזיכט איז פיעל יונגער פון זיינע גרויע האָר. אָבער טיעפע קנייטשען זיינען איינגעשניטען אין זיין הויכען שעהנעם שטערען. מען זעהט קלאָהר, אַז דער מאַן האָט זעהר פיעל דורכגעגעלעבט און דורכגעליטען אויף זיין לעבען און אַז אויך איצטער רייסען זיין הארץ שווערע דאגות.

דיעזער שעהנער גרויער מאַן איז קאָלאָנעל גאָלדסמיטה, וועלכער קעהרט זיך איצטער אום פון זיין מיליטערישער עקספעדיציע, אויף וועלכער ער איז אוועק מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק, אום צו אונטערדריקען אַן אויפשטאַנד פון אַ קריעגערישען אינדישען בערג־שבט.

דער קאָלאָנעל איז איצטער זעהר אונרוהיג. פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער איז אוועק פון סאַבולפּאָר האָט ער פון דאָרטען גאָר ניט געהערט. ער איז דיא גאַנצע צייט געווען אין אַ פערוואָרפענער געגענד, פון וואַנען מען האָט ניט געקענט טעלעגראַפירען און וואו עס איז אפילו קיין פּאָסט ניט געוועזן. דאָך האָט ער אַ פּאָר מאָל געשיקט ספּעציעלע קוריערען אין דיא נעהענטערע שטעדטלעך מיט בריעף, אָבער קיין ענטפער האָט ער קיין מאָל ניט געקראָגען.

אמת, עס איז שווער געווען איהם צו דערגרייכען און ניט אימער האָט מען אין סאַבולפּאָר געקענט וויסען גענוי, וואו ער געפינט זיך; דאָך האָט איהם שטאַרק בעאונרוהיגט דאָס וואָס ער האָט דיא גאַנצע צייט קיין ידיעה ניט געהאַט פון דער פעסטונג. אַז עוועלין זאָל איבערנעהמען זיינע בריעף און זיי פערשוויגען — דאָס איז דעם קאָלאָנעל גאָר ניט איינגעפאַלען. ער איז געווען אַזוי פערגלויבט אין איהר, אַז עס האָט זיך איהם אפילו ניט געקענט חלום׳ען, אַז זיא איז אַ פעררעטהערין. פערקעהרט, ער האָט גערעכענט, אַז זיינע מיטטהיילונגען זיינען זיכערער, ווען זיי זיינען אַדרעסירט צו איהר, ניט צו דעם צייטוויילינען קאָמאַנדיר, וועלכער האָט איהם איצטער פערטראָטען אין דער פעסטונג.

אַזוי וויא דיא צייטען זיינען אין יענער געגענד געווען אונרוהיגע און מען האָט ניט געוואוסט, ווען און וואו עס קען אויסברעכען אַן אויפשטאַנד און אויף ועמען מען קען זיך פערטרויען און אויף וועמען ניט, האָט דער קאָלאָנעל גערעכענט, אַז עס איז פיעל זיכערער צו שיקען אויף דיא אָפיציעלע מיליטערישע נאַכריכטען אויף׳ן פריוואַט־אַדרעס פון עוועלין. אַז דיעזע נאַכריכטען זיינען אָנגעקומען ניט צום ענגלישען קאָמאַנדיר פון דער פעסטונג, נאָר צום ראַדזשאַה, וועלכער האָט גאָר פאָרבערייטעט אַן אויפשטאַנד — דאָס האָט קאָלאָנעל גאָלדסמיטה ניט געוואוסט.

דער קאָלאָנעל האָט זיך אפילו געטרייסט מיט׳ן געדאַנק, אַז אַזוי וויא מען ווייס, וואו ער געפינט זיך, וואָלט מען וואהרשיינליך איהם געלאָזט וויסען,

ווען אין פעסטונג וואָלט עפּעס פּאַסירט. דאָך האָט איהם, פון דער צווייטער זייט, געמאַטערט אַן אַנדער געדאַנק: אפשר האָט מען דאָרט געמאַכט אַן אויפ־שטאַנד און ניט דערלאָזט צו לאָזען איהם וויסען? דיעזער געדאַנק האָט עס געצוואונגען דעם קאָלאָנעל זיך צוצואיילען צו קומען צוריק נאָך סאַבולפּאַר און דיעזער געדאַנק האָט איהם אויך איצטער ניט אויפגעהערט צו עגבערען אין מוח, ווען עס איז ערשיענען אַן אָפיציער און האָט איהם געמעלדעט, אַז דריי פּערזאָן, וועלכע זיינען פערהאַלטען געוואָרען ביים אריינגאַנג אין לאַגער, האָ־בען געבראַכט, וויא זיי זאָגען, זעהר וויכטיגע נייעס און ווילען איהם אונבע־דינגט באַלד זעהן.

— ווער זיינען זיי? — האָט געפרעגט דער קאָלאָנעל.

— זיי זאָגען — איז געווען דער ענטפער — אַז זיי קומען פון סאַבול־פּאַר און האָבען געבראַכט זעהר וויכטיגע נייעס.

— לאָזט זיי אריין — האָט בעפוילען דער קאָלאָנעל.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען ערשיענען פאַר איהם ניק שאַרפּ, טשאַרלס וויליאַמס און עוועלין.

וויא אַן אָבגעבריהטער איז דער קאָלאָנעל אויפגעשפּרונגען, ווען ער האָט דערזעהן זיין שוועגערין.

— עוועלין! — האָט ער אויסגעשריען — וויא קומסטו אהער?

אָבער עוועלין איז געשטאַנען מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און האָט גאָרניט געענטפערט. דער קאָלאָנעל האָט פערוואונדערט געקוקט טאַ אויף איהר, טאַ אויף איהרע בעגלייטער.

— וואָס בעדייטעט דאָס? — האָט ער געפרעגט.

דאַ איז אַרויסגעטראָטען פאָראויס טשאַרלס וויליאַמס און האָט געזאָגט:

— קאָלאָנעל, דיעזע פרוי איז אַ פּערזעהעריך, וועלכע האָט איבערגע־געבען דיא פעסטונג סאַבולפּאַר אין דיא הענד פון דעם ראַדזשאַה, וועלכער האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד. דורך אַ צופאַל בלויז איז דיעזע פרוי אריינגעפאַלען אין אונזערע הענד און אַן אַנדער צופאַל האָט אונז ענטדעקט, וואו איהר געפינט זיך, אָדער, בעסער געזאָגט, אין וועלכער ריכטונג מיר דאַרפען געהן, אום אייך צו געפינען, ווייל ערוואַרטעט האָבען מיר, אַז איהר דאַרפט זיין פיעל ווייטער פון סאַבולפּאַר.

— גאָט מיינער, וואָס הער איך! — האָט זיך דער קאָלאָנעל אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ — עוועלין, איז עס אמת?

עוועלין האָט ווידער גאָר ניט געענטפערט און האָט בלויז געוואָרפען אַ בליק פול מיט האַס אויף טשאַרלס וויליאַמס און ניק שאַרפּ.

— דערצעהלט, דערצעהלט שנעלער, וואָס עס האָט פּאַסירט! — האָט

זיך געבעטען דער קאלאנעל, זייענדיג יעצט איבערציינגט, אז דאס וואס דיעזע צוויי אונבעקאנטע מענער האבען איהם צו דערצעהלען איז אמת פון ערשטען ביז'ן לעצטען ווארט.

טשארלס וויליאמס האט זיך יעצט ניט לאנג געלאזט בעטען. ער האט אין קורצען דערצעהלט אלעס וואס ער האט געוואוסט: וויא אזוי דער דעטעקטיוו האט ענטדעקט עוועלין'ס געהיימנים, וויא מען האט זייערע מיטרייזענדע פערנארט צו א יאגד צוזאמען מיט דיא הויפט אפיציערען פון דער פעסטונג, וויא ער האט זיך דערוואוסט, אז מען קלייבט זיך צו מאכען אן אונערווארטעטען איבערפאל אויף דער פעסטונג, וויא ער האט געווארענט דיא סאלדאטען און וויא מען האט באלד געשיקט א קוריער צום יאגד־פלאץ און צו איהם, צום קאלאנעל.

— איך האב דעם קוריער אין דיא אויגען ניט געזעהן — האט געזאגט דער קאלאנעל.

— נו, אויב אזוי — האט וויליאמס געזאגט — האט מען איהם וואהרשיינליך איבערגעכאפט אויף'ן וועג.

וויליאמס האט ווייטער דערצעהלט, וויא מען האט איהם געפאנגען, וויא דער דעטעקטיוו האט איהם בעפרייט דורך דעם געהיימען אונטערערדישען גאנג און וויא זיי האבען שוין געטראפען הינדוסען אין יענער טהייל פון פעסטונג, וואו דער אונטערערדישער גאנג פאנגט זיך אן, ווען זיי האבען זיך אומגעקעהרט אין פעסטונג.

— פאר אונז איז קיין אנדער אויסוועג דאן ניט געווען — האט וויליאמס פארטגעזעצט — וויא זיך צו בעהאלטען אין אונטערערדישען גאנג און דארטווארטען ביז עס איז נאכט געווארען. דאן זיינען מיר שטיל ארויס, האבען אוועקגע'גנב'עט דריי פערד ביי דיא אינדישע סאלדאטען וואס האבען געהאלטען וואך ניט ווייט פון אייער הויז און זיינען אוועק אייך זוכען. נאטירליך האבען מיר זיך פריהער בעווארענט, אז עוועלין'ס מויל זאל זיין פערשטאפט און איהרע הענד געבונדען. צום גליק, האבען מיר זיך באלד אנגעשטויסען אויף אייער לאגער.

— אבער ווער זיינט איהר? — האט געפרעגט דער קאלאנעל — ווער זיינען אייערע חברים וואס זיינען פערנארט געווארען אויף דער יאגד און וואס פאר א שייכות האט איהר אין אלגעמיין מיט דעם אויפשטאנד?

— אט־דאס וועל איך אייך שפעטער ערקלערען און דאס וועט פאר אייך זיין א נייע איבערראשונג — האט וויליאמס געזאגט — יעצט וועל איך זיך ערלויבען אייך צו ראטהען באלד ארויסצומארשירען מיט אייערע סאלדאטען און קומען וואס שנעלער צו הילף דיא בעלאגערטע. אויף וויפיעל איך וויים, איז

זייער לאגע א פערצווייפעלטע און איך האב מורא, אז זיי וועלען זיך לאנג ניט קענען האלטען, אויב מען זאל זיי ניט קומען צו הילף.

— איהר האט רעכט — האט דער קאלאנעל געזאגט און האט זיך געלאזט ארויסגעהן, אום צו געבען דיא נויטיגע בעפעהלע.

ביים ארויסגאנג פון געצעלט האט ער זיך אנגעשטויסען אויף עוועלין. ער האט אויף איהר א ווײלע געקוקט מיט פעראכטונג און האס און דאן האט ער לאנגזאם געזאגט:

— איך קען זיך ניט פערגינען צו נעהמען אויף זיך דיא שאנדע צו זעהן, וויא מיין שוועגערין ווערט געהאנגען אלס פעררעטהערין און איך וואלט דיר געראטהען צו פערשפארען מיר און זיך דיעזע שאנדע.

ער האט א וואונק געטהאן צו וויליאמס'ען און שארפ'ען, זיי זאלען ארויס־געהן, האט דאן לאנגזאם ארויסגענומען פון קעשענע א קליין פלעשעלע און האט צוגעגעבען:

— דאס איז דער שטארקסטער גיפט וואס ווערט פראדוצירט אין אינדיען. דיעזען גיפט טראג איך ארום מיט זיך זינט מיין טאכטער איז פערשוואונדען, אום צו זיין גרייט צו ענדיגען מיין לעבען, ווען איך וועל שוין אין גאנצען פערלירען דיא האפנונג זיא צו געפינען. איך קען דיר איצטער א טובה טהאן און דיר שענקען דיעזען מיטעל צו ענדיגען דיין שענדליכען, עלענדען לעבען.

ער האט אוועקגעלעגט דאס פלעשעלע לעבען איהר, האט בעפוילען דעם סאלדאט אויף דער וואך, ער זאל שטעהן ביים אריינגאנג פון געצעלט און זעהן, זיא זאל ניט אנטלויפען, און איז לאנגזאם ארויס פון געצעלט.

א קליינע אבטהיילונג פון סאלדאטען איז באלד ארויסגעשיקט געווארען אין פאראויס אלס אן אויספארשונגס־עקספעדיציע און דיא איבריגע סאלדאטען האבען געקראגען א בעפעהל זיך פארטיג צו מאכען אנצוהויבען צו מארשירען נאך סאבולפאר אין א שטונדע ארום.

אבגעפארטיגט אלעס נויטיגעס, האט דער קאלאנעל זיך אומגעקעהרט צו טשארלס וויליאמס.

— און איצטער בין איך גרייט צו הערען אייער צווייטע איבערראשונג — האט ער געזאגט.

— קאלאנעל — האט וויליאמס אנגעהויבען — דיא איבערראשונג וואס איך האב פאר אייך איצטער איז אזא וואס קען צוטרייסלען דיא נערווען אפילו פון א העלד. איך וויים דעריבער ניט, אויב איך האב א רעכט עס אייך צו דער־צעהלען יעצט, ווען איהר זיינט אזוי אויפגערעגט.

— איהר שרעקט מיך, מיין הערר! — האט דער קאלאנעל געזאגט — אבער זאל זיין דאס ערגסטע — איך וויל עס וויסען.

— און וויא איז עס, ווען דיא איבערראשונג איז זעהר א פרעהליכע?

— א פרעהליכע ?

— זעהר. אזא פרעהליכע, אז א פאָטער־הארץ קען גאָר ניט איבערטראָגען אזא פרייד.

— א פאָטער־הארץ ? — האָט ווידערהאָלט דער קאָלאָנעל און איז געבליבען שטעהן בלאס וויא דער טויט.

וויליאַמס איז אויך געבליבען שטעהן און האָט געוואַרט. דער קאָלאָנעל האָט איהם בעטראַכט מיט פאָרשענדע בליקען און, וויא עס האָט אויסגעזעהן, האָט ער אליין אויך מורא געהאַט צו פרעגען ווייטער. ביי צוויי־דריי מינוט זיינען זיי אָבגעשטאַנען איינער נעבען צווייטען. ענדליך האָט דער אַלטער קאָ־לאָנעל געפּאַסט מוטה און האָט מיט א פעסטען טאָן געזאָגט:

— האָט קיין מורא ניט. איך בין אויף אַלעס גרייט. האָט איהר מיר עפּעס צו דערצעהלען וועגען מיין טאָכטער ?

— יא.

— וועגען מיין מערי׳ן ?

— יא, וועגען מיסס גאָלדסמיטה.

— וואָס ווייסט איהר וועגען איהר ?

— זיא געפינט זיך אין סאַבולפּאָר.

— וואָס ? ! . . .

מעהר האָט דער ליידענדער פאָטער ניט געקענט רעדען. ער האָט זיך אָנ־געכאַפּט ביים הארצען, וויא ער וואָלט געוואָלט פערהיטען, אז עס זאָל ניט ארויסשפּרינגען פון זיין ברוסט. און פּלוצלונג האָט א שטראָם טרעהרען א גאַס געטהאָן פון זיינע אויגען, אין דער צייט, ווען זיין גאַנץ געזיכט איז אַלץ מעהר און מעהר בעלויכטען געוואָרען פון פרייד.

גאַנצע פינף מינוטען צייט איז ער אַזוי געשטאַנען ביז ער האָט זיך אין גאַנצען בערוהיגט. א גליקליכער, האָט ער שטאַרק, שטאַרק געדריקט וויליאַמס׳עסביידע הענד און האָט געבעטען:

— דערצעהלט ! דערצעהלט מיר אַלעס וועגען מיין קינד !

וויליאַמס האָט איהם אין קורצען דערצעהלט אַלעס וואָס אונזערע לעזער ווייסען שוין וועגען מערי׳ס פערפיהרונג און איהר בעפרייאונג.

וויליאַמס האָט דערצעהלט און דער קאָלאָנעל איז געשטאַנען א נערוועזער, א ציטערענדער און האָט, דאַכט זיך, געהערט ניט נור מיט דיא אויערען, נאָר אויך מיט דיא אויגען, מיט׳ן גאַנצען קערפּער, מיט׳ן הארצען און מיט דער נשמה. ערשט, ווען וויליאַמס האָט געענדיגט, האָט דער קאָלאָנעל געפרעגט:

— און וויים זיא, ווער עס האָט זיא געוואָלט פעראונגליקען ?

— יא — האָט וויליאַמס געזאָגט.

— און ווער האָט עס פעראורזאַכט אַזוי פיעל ליידען צו מיין קינד ?

— עוועלין!

דער קאלאנעל האט אזש א קריץ געטהאן מיט די צייו פאר כעס.

— ווייסט איהר עס אויף זיכער? — האט ער געפרעגט.

— איך ווייס עס פון מיסס גאלדסמיטה אליין.

— קומט! — האט א ברום געטהאן ווי א צורייצטער לייב דער קאלאנעל, האט אנגעכאפט וויליאמס'עס האנד און האט זיך געלאזט לויפען צום געצעלט, וואו ער האט איבערגעלאזט עוועלין. וויליאמס האט ניט געוואגט איהם אב־צושטעלען.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין דעם געצעלט, האבען זיי זיך ניט־ווי־לענדיג אבגעשטעלט. זיי האבען דערזעהן עוועלין ליעגענדיג אויף דער ערד.

וויליאמס האט זיא אויפגעהויבען און האט אנגענומען איהר האנד.

— זיא איז טויט! — האט ער געזאגט מיט שרעק.

דער קאלאנעל האט איהם קאלטבלוטיג אנגעציינט מיט דער האנד אויף א פלעשעל וואס האט זיך געוואלגערט אויף דער ערד נעבען דער טויטער.

— וואס איז דאס? — האט וויליאמס געפרעגט.

דער קאלאנעל האט שטרענג געזאגט:

— אט־דאס פלעשעלע גיפט האב איך געהאלטען פאר זיך, אום צו ענ־דיגען מיין לעבען, ווען איך וועל זיך איבערצייגען, אז מיין קינד איז פאר מיר אויף אייביג פערלארען. איך האב עס אבער אוועקגעגעבען איהר — ער האט אנגעציינט אויף עוועלין'ס קערפער — ווען עס האט זיך ארויסגעציינט, אז זיא איז א פעררעטהערין. איך האב נאך דעמאלט, צוריק מיט א האלבער שטונ־דע, ניט געוואוסט, אז זיא איז עס געווען די אורזאכע פון מיין קינד'ס פער־שווינדען און אז איך דארף שוין מעהר ניט דאס פלעשעלע, ווייל מיין קינד איז גערעטעט, אם ווענינסטען פון שאנדע; פון דעם ראדזשאה'ס הענד, האף איך, וועל איך זיא אליין קענען רעטען. דער צופאל האט געוואלט, אז די לומ־פיגע פרוי זאל געפינען איהר טויט גראדע איצט און גראדע דורך דיעזען גיפט.

ער האט זיך אומגעקעהרט און האט בעפוילען דעם סאלדאט אויף דער וואך:

— שלעפ ארויס דיעזען קערפער און לאז איהם איבער אין וואלד!

און צו וויליאמס'ען האט ער געזאגט:

— קומט! מיר וועלען אנהויבען דעם מארש נאך סאבולפאר. איך האף, אז אין א פאר שטונדען ארום וועט איהר קענען זעהען אייערע פריינד און איך וועל האבען דאס גליק צו אומארמען מיין טאכטער.

אין א פיערטעל שטונדע ארום זיינען די סאלדאטען שטיל ארויס פון לא־גער נאך סאבולפאר.

36טעם קאפיטעל.

מעדאבא'ס בלוטיגע נקמה

אין דיא קאיוטען אויף דער "וועסטא", וואו עס האבען זיך געפונען דיא בעפרייטע פרויען, האט געהערשט שרעק און פערצווייפלונג. א דאנק דער שווארצער קעניגין, וועלכע האט דיא ערשטע זיך דערוואוסט, אז דיא "וועסטא" איז אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דיא פרויען־העגדלער, איז דיא טרויעריגע נאכריכט אנגעקומען אויך צו דיא איבריגע פרויען.

מעדאבא האט זיך דערוואוסט וועגען דעם באלד נאך דער ערמארדונג פון האפמאן'ס דריי מאטראזען. זיא איז דאן אריין צו דיא איבריגע פרויען און האט בייז און אויפגערעגט זיי גענומען דערצעהלען, וואס זיא האט נור וואס געזעהן, אבער קיינער האט ניט פערשטאנען איהר שפראך. מעדאבא האט דאן א כאפ געטהאן איינע פון דיא פרויען ביי דער האנד און האט זיא גענומען שלעפען צום אויבערשטען דעק. דערביי האט זיא געמאכט פערשיעדענע צייכענס, אז יענע זאל געהן שטיל. דיא צווייטע פרוי האט נאך אלץ ניט פערשטאנען, וואס דיא סיערא־לעאנער קעניגין וויל פון איהר, און זיא האט איהר נאכגעפאלגט מיט שרעק. עס האט איהר אבער ניט לאנג גענומען, אז דער גאנצער שרעקליכער אמת זאל פאר איהר אויפגעדעקט ווערען.

מעדאבא האט זיא ארויפגעפיהרט אויף דיא טרעפ וואס פיהרען צום אויבערשטען דעק, האט זיא געצוואונגען פארזיכטיג אויפצוהויבען דעם קאפ און האט איהר אנגעצייגט אויף א מאן וואס איז געשטאנען ניט ווייט פון זיי. דיא אונגליקליכע פרוי האט יענעם מאן באלד דערקענט. דאס איז געווען דער גרייכישער קאפיטאן פון דער פרויען־הענדלערישער שיף — דמיטרי.

ניט טויט, ניט לעבעדיג איז זיא אראבגעלאפען צו איהרע פריינדינען און האט זיי אלעס דערצעהלט. א טויט־שרעק האט ארומגעכאפט אלע פרויען, קיינע פון זיי האט אבער ניט געוואגט אפילו א קרעכץ צו טהאן.

וואס זאלען זיי איצטער טהאן? — אט דאס איז געווען דיא פראגע, וואס אלע האבען זיך געשטעלט, אבער קיינע פון זיי האט קיין ענטפער אויף דיעזער פראגע ניט געקענט געפינען. דיא איינציגע וואס האט וואהרשיינליך יא געוואוסט, וואס זיא האט צו טהאן, איז געווען מעדאבא. עפעס האט זיא מיט ענטשלאסענהייט גערעדט און געמאכט דראהענדע בעוועגונגען מיט דיא הענד, אבער קיינער האט זיא ניט פערשטאנען. קלאר איז אבער געווען, אז דיא שווארצע קעניגין שלאגט פאר עפעס זעהר שרעקליכעס.

פלוצלונג האבען דיא פרויען דערהערט טריט, וועלכע האבען זיך דערנע־

הענטערט צו זיי. שנעל האָבען זיי זיך ארייגעכאַפּט אין זייערע בעטען און האָבען זיך געמאַכט שלאָפענדיג. זיי האָבען געהערט, וויא צוויי מענער געהן אום צווישען זייערע בעטען. דיא צוויי מענער זיינען געווען דער קאַפּיטאַן דמיטרי און דער טערק, וועלכער האָט ביי דמיטרי'ן אָבגעקויפט דיא פרויען, איידער דיא וועסטאַלקעס האָבען זיי בעפרייט.

איינע פון דיא פרויען, וועלכע האָט פערשטאַנען טערקיש, האָט געהערט זייער געשפרעך און האָט שפּעטער איהם וויא־ניט־איז איבערגעגעבען צו איהרע פריינדינען.

— בלויז צעהן פרויען זיינען געבליבען פון דיא אַכטצעהן — האָט געזאָגט דער טערק — דוא וועסט מיר, אַלזאָ, מוזען אומקעהרען דאָס געלד, וואָס איך האָב דיר בעצאָהלט פאַר יענע אַכט פרויען וואָס זיינען פערשוואונדען.

דמיטרי האָט אויף איהם געוואָרפען אַ בייזען בליק און האָט געזאָגט:

— דוא ביזט טאַקע אַ גרויסער חכם, מאַחמעד, אָבער דאָס מאָל האָסטו ניט אָנגעטראָפען קיין נאַר. אין דער מינוט, ווען דוא האָסט מיר אָבגעצאָהלט פאַר דיא מיידלעך, זיינען זיי שוין געווען דיינע. איך האָב זיי דיר בלויז בעדאַרפט צופיהרען צום בעשטימטען פּלאַץ. אויב זיי זיינען פערלאָרען געגאַנגען, איז דער פערלוסט דיינער, ניט מיינער.

— זיי זיינען אָבער פערלאָרען געגאַנגען צוליעב דעם וואָס דיר האָט זיך פערגלוסט צו זיין אַ העלד און ראַטעווען דיא פערדאַמטע אַמעריקאַנערינס.

דמיטרי איז פּלוצלונג געוואָרען אַן אָנגעצונדענער.

מיט פערדריקטע פויסטען איז ער צוגעגאַנגען נאָהענט צום טערק און האָט צווישען דיא ציין געזאָגט:

— הער אוים, מאַחמעד, וואָס איך וועל דיר איצטער איין מאָל פאַר אַלע מאָל זאָגען. איך האָב מיט דיר געוואָלט האַנדלען וויא אַן אָנשטענדיגער מענש. איך זעה אָבער, אַז דאָס איז אונמעגליך. אַלזאָ, דאָ האָסטו מיין בעשלוס: דיא מיידלעך, וואָס דוא האָסט אַמאָל געקויפט ביי מיר, האָט מען ביי דיר אוועקגערויבט און דאָס איז געווען דיין פערלוסט, פון וועלכען איך וויל גאָר ניט וויסען. דיא צעהן מיידלעך, וויעדער, וואָס מיר האָבען איצטער פערכאַפּט אויף דער "וועסטאַ", בעלאַנגען צו מיר און ווייטער צו קיינעם ניט. אויב דוא ווילסט, קענסטו זיי אָבקויפען; אויב ניט, אַארט מיך אויך ניט; וועל איך געפינען אַן אַנדער סוחר.

דער טערק האָט מיט צושראָקענע בליקען געקוקט אויף דמיטרי'ן. ער האָט געזעהן, אַז דער רויבער־קאַפּיטאַן מיינט איצטער ערנסט וואָס ער זאָגט, און ער האָט פון זיין לאַנג־יעהריגער בעקאַנטשאַפט מיט דמיטרי'ן געוואוסט, אַז ווען יענער נעהמט זיך אַריין אַ משוגעת אין קאָפּ אריין, וועט מען זיא איהם שוין פון קאָפּ ניט אַרויסשלאָגען.

דער געדאנק אָבער, אז ער האָט פערלאָרען אַלע מיידלעך און איז אויף אזא אופן רואינירט געוואָרען, האָט איהם צוגעגעבען פערצווייפעלטען מוטה צו אונטערדריקען זיין מורא פאר דמיטרי'ן און ער האָט געזאָגט:

— דאָס איז אַן אָפענער רויב.

— זאָל זיין אזוי — איז געווען דער ענטפער.

— איך וועל עס ניט ערלויבען.

— איך וואָלט געוואָלט זעהן, וויא דוא וועסט עס ניט ערלויבען.

אין דער מינוט האָט אין דעם טערק'ס האנד א בליץ געטהאָן א מעסער, אָבער דמיטרי האָט זיך ניט פערלאָרען. ער האָט מיט א וואונדערבארער שנעל־קייט אויסגעמידען דאָס מעסער וואָס איז געווען געריכטעט געגען זיין ברוסט, האָט אָנגעכאַפּט דעם טערק'ס האַנד, און וועלכער יענער האָט דאָס מעסער גע־האַלטען און מיט דער צווייטער האַנד האָט ער דעם טערק גענומען שטיקען.

דער קאַמפּף צווישען דיא צוויי באַנדיטען איז געווען א שטילער, אָבער א שוידערליכער. מען האָט נור געהערט, וויאביידע אָטהעמען שטארק און שנעל. דיא פרויען זיינען געלעגען אויף זייערע בעטען און האָבען מורא געהאַט זיך א ריהר צו טהאָן. דיא פּאָר מינוטען וואָס דער קאַמפּף איז אָנגעגאַנגען האָבען געשיינט צו געדויערען גאַנצע יאָהרען. ענדליך האָט זיך דערהערט א שווערער פאַל. דמיטרי האָט בעזיעגט דעם טערק.

ער איז דאַן ארויפגעגאַנגען א פּאָר שטיעגען און האָט א רוף געטהאָן איי־נעם פון זיינע מאַטראָזען.

—דער לומפּ איז גע'פּגר'ט — האָט ער געזאָגט, אָנצייגענדיג אויף'ן טערק — נעהם איהם ארויס, גיב א זוך אין זיינע קעשענעס און וואַרף איהם אריין אין ים.

דער בעפעהל איז באַלד ערפילט געוואָרען.

דער קאַמפּף מיט'ן טערק און זיין ערמאָרדונג האָט אויף א האָר ניט אויפ־געגעגט דמיטרי'ן. ווען דער מאַטראָז איז ארויס מיט דעם טערק'ס קערפּער, האָט דמיטרי לאַנגזאַם ווידער גענומען געהן צווישען דיא בעטען פון דיא פרויען און זיי בעטראַכטען ביים שוואַכען ליכט. ער האָט זיך געוואָלט גענוי בעקענען מיט דער "סחורה", וואָס איז איהם געבליבען. וויא עס ווייזט אויס, איז ער מיט זיין אונטערזוכונג געווען פאָלשטענדיג צופריעדען. אַלע פרויען זיינען געווען יונג, שעהן און דיא מעהרסטע פון זיי זיינען געווען שוואַרץ־חנ'עווריגע אראַ־בינען.

ביים בעט פון דער יונגסטער און שעהנסטער אראַבין האָט זיך דמיטרי אָבגעשטעלט. ער האָט זיא גראָב אָנגענומען ביי דער האַנד און האָט זיא אויפ־געהויבען. יענע האָט דערביי ווילד א געשריי געטהאָן.

— האסט זיך ניט, וואס צו שרעקען, מיין טייבעלע! — האט דמיטרי גראב זיך צולאכט — דאס בין איך אליין. האסטו געבענקט נאך מיר?

ער האט צו איהר גערעדט אראביש.

— אה, האט רחמנות! — האט זיך דיא יונגע פרוי געבעטען און האט בעדעקט מיט דיא הענד איהר נאקעטע ברוסט.

— כא־כא־כא! — האט ווידער געלאכט דמיטרי — אה, דוא ביזט א מיידעל א צנועה, וויא איך זעה. איך האב זעהר ליעב צנועות און וועל שוין זעהן, אז דוא זאלסט בלייבען א כשר קינד.

ער האט גראב א ריס געטהאן פון איהר דאס העמד אזוי אז זיא איז שיער ניט אראבגעפאלען פון'ם בעט. אבער אין דער מינוט איז פאר דמיטרי'ן אויסגעוואקסען וויא פון אונטער דער ערד א ריעזיגע שווארצע פיגור. דאס איז געווען מעדאבא. איהרע אויגען האבען געברענט וויא צוויי צוגליהטע קויהלען, איהר ברוסט האט זיך הויך און שטארק געהויבען און איהר האנד מיט שרעקליכע מוסקעלען איז געוועזן אויפגעהויבען אין דער הויך.

ניט־ווילענדיג האט דמיטרי אבגעלאזט דיא צושראקענע אויף טויט אראבין און איז אבגעטראטען צוריק. וויא א שרעקליכע געטין פון ראכע איז דיא שווארצע קעניגין געשטאנען פאר דעם פרויען־הענדלער. עס איז קלאר געווען, אז זיא איז איצטער גרייט צו בעגעהן דיא ערגסטע טהאט און אפילו דער פיעל־יעהריגער באנדיט, וועלכער האט געפיהרט א לעבען פון געפאהרען, קעמפפע און מארדען, האט דערפיהלט א שרעק פאר דיעזער ווילדער פרוי.

ער האט מיט איין בליק אבגעמאסטען איהר געשטאלט. זיא איז געווען א פרוי א ריעז און ווען עס וואלט געקומען צו א קאמפף צווישען איהר און דמיטרי'ן וואלט עס זעהר לייכט געקענט פאסירען, אז זיא זאל בלייבען דיא זיעגערין.

נאטירליך וואלט דמיטרי געקענט קריעגען דיא הילף פון זיינע מאטראזען און טהון מיט דער שווארצער קעניגין וואס ער וויל. איהם האט זיך אבער ניט געלוינט און ניט געגלוסט צו מאכען א טומעל און ער האט מיט א געמאכטען שמייכעל זיך געלאזט ארויפגעהן אויף'ן דעק, ווען ער האט דערפיהלט א שוידערליכען קלאפ איבער'ן קאפ. איהם האט זיך אויסגעוויזען, וויא א בליץ וואלט איהם דערשלאגען. אין דיא אויגען האט איהם גענומען שווינדלען און מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג איז איהם געלונגען ארויסצושפרינגען אויף'ן דעק.

ערשט אויף'ן דעק איז איהם איינגעפאלען, אז פון זיין זייט איז עס געווען א פייגהייט צו אנטלויפען פון דער ניגערין און אז נאך דיעזען פאל וועט שוין אונמעגליך זיין זיא צו בעהערשען. יא, מען מוז זיא בעשטראפען און שווער בעשטראפען, דאס האט דמיטרי פעסט בעשלאסען. ער האט אבער אין דערזעלבער צייט געמוזט זיך מודה זיין פאר זיך אליין, אז ער אליין קען דאס ניט טהאן: ער האט פשוט מורא געהאט פאר זיין שקלאפין.

אויף דעם דעק איז געווען לעבעדיג. די "וועסטא" איז געגאנגען מיט איהר גרעסטער שנעלקייט און אלע מאטראזען זיינען געווען בעשעפטיגט. דמיטרי האט געגעבען א בעפעהל, אז דריי מאטראזען זאלען מיט איהם ארונטערגעהן צו דיא פרויען און ער האט זיי שטיל ערקלערט וואס זיי דארפען טהאן. איינציגווייז זיינען זיי ארונטערגעקומען אין דער אבטהיילונג, וואו עס זיינען געווען דיא פרויען, מאכענדיג דעם אנשטעל, אז זיי האבען אין זינען אלעס אין דער וועלט, נאר ניט מעדאבא'ן. ווען זיי זיינען אבער שוין געווען אלע צוזאמען, האבען זיי זיך פלוצלונג ארויפגעווארפען אויף איהר.

א שרעקליכער קאמפף האט אויסגעבראכען צווישען דער שווארצער פרוי און דיא קרעפטיגע מאטראזען. זיא האט געקעמפפט וויא א צורייצטע טיגערין, האט זיי געריסען מיט דיא נעגעל, האט זיי געביסען מיט דיא ציין און האט איינגעטהיילט קלעפ רעכטס און לינקס. ענדליך איז זיא געלעגען א געבונדענע, א צוקיילטע און א צובייזטע. זיא האט שוין איצטער גאר ניט געקענט טהאן איהרע שונאים, אבער איהרע אויגען האבען געווארפען בליקען, וואס זיינען געווען עהנליך צו גיפטיגע פיילען, אי אויף דמיטרי'ן און דיא מאטראזען, אי אויף דיא איבריגע פרויען, וועלכע האבען זיך צונויפגעקארטשעט פאר שרעק און האבען גאר ניט געטהאן, אום איהר בייצושטעהן אין איהר נויט.

איהר שטראף האט ערשט איצטער בעדארפט קומען. א נאקעטע האט מען זיא צוגעבונדען צו צוויי בעטען און דיא דריי מאטראזען האבען אויף דמיטרי'ס בעפעהל אהן רחמנות זיא געשלאגען מיט גראבע שטעקענס. שטיקער פלייש זיינען אויסגעריסען געווארען פון איהר קערפער און דאס בלוט האט פון איהר געגאסען שטראמענווייז. זיא האט אבער קיין קרעכץ ניט ארויסגעלאזט און האט קיין געשריי ניט געגעבען דיא גאנצע צייט פון דער שרעקליכער פייניגונג. זיא האט פערקריצט מיט דיא ציין און האט געשוויגען.

אויפגערייצט פון איהר עקשנות, זיינען דיא תלינים אלץ מעהר און מעהר אריין אין רציחה. זיי האבען שוין ניט געהערט דיא ווילדע געשרייען פון דיא איבריגע פרויען און האבען מעהר ניט געקענט פיהלען קיין רחמנות. ערשט, ווען מעדאבא איז געבליבען הייגגען א פער'חלש'טע צווישען דיא צוויי בעטען, וואו זיא איז געווען צוגעבונדען, האבען זיי זיא צו־רוה געלאזט און זיינען ארויס.

דיא איבריגע פרויען האבען דיא אונגליקליכע באלד אבגעבונדען, האבען זיא אוועקגעלעגט אויף'ן בעט און אנגעווענדעט פערשיעדענע מיטלען זיא צו ברייגגען צום בעוואוסטזיין. א לאנגע צייט איז אוועק, איידער זיא איז געקומען צו זיך. זיא האט געעפענט דיא אויגען, האט זיך ווילד ארומגעקוקט און האט זיך ווייזט אויס, דערמאנט אן אלעס וואס עס האט מיט איהר נור־וואס פאסירט, ויא האט דאן געווארפען א ווילדען בליק, פול מיט האס, אויף דיא פרויען, וואס

זיינען געשטאַנען אַרום איהר, און האָט זיי מיט כעס און פעראַכטונג אָבגע־שטויסען פון זיך. יענע זיינען מיט שרעק אָבגעטראָטען פון איהר.

נאָך אַ פּאָר מינוטען איז מעדאָבאַ געבליבען ליגען אויף'ן בעט, דאַן האָט זיא זיך אויפגעהויבען און האָט גענומען קריכען צו דיא שטיגען וואָס פיהרען צום אויבערשטען דעק. זיא האָט אַרויפגעקוקט. עס איז נאָך געווען נאַכט, אָבער דיא נאַכט איז שוין באַלד צו ענדע. זיא האָט זיך אומגעקעהרט צוריק, האָט בעטראַכט דיא פרויען מיט אַ בייזען בליק און האָט זיי אַ סטראַשע געטהאָן מיט דער האַנד. דאַן האָט זיא זיך געלאָזט געהן ערגיץ, אַ מאַך טהוענדיג צו זיי מיט דער האַנד, אַז זיי זאָלען ניט וואַגען איהר נאַכצוגעהן.

איהר בלוט האָט געברענט. מען האָט געשלאָגען זיא, דיא אָנפיהרערין פון אַ מעכטיגען שבט, דיא בעריהמטע סיערא לעאָנער קעניגין מעדאָבאַ! דאָס האָט זיא געבראַכט צו משוגעת. איהר כעס און צאָרן איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיא האָט זאָגאַר פערגעסען אָן איהר שוואַכקייט און אָן איהרע וואונדען. זיא האָט פערלאָרען פיעל בלוט און דער גאַנצער קערפּער האָט איהר שרעקליך וועה גע־טהאָן, זיא האָט זיך אָבער ניט געקימערט וועגען דעם. זיא איז אין איהר ווילדען לעבען, אַלעס קריעגס־פיהרערין פון אַ זיעגרייכען שבט, שוין צו אַלעס צוגע־וואָהנט געוואָרען.

זיא איז נאָך אַ מאָל פאָרזיכטיג צוגעקומען צום אויבערשטען דעק און האָט זיך אַרומגעקוקט. בלויז צוויי מאַטראָזען האָבען זיך דאָ געפונען. דיא איבריגע זיינען געשלאָפען אָדער זיינען געווען אין אַנדערע טהיילען פון דער שיף.

זיא איז וויא אַ קאַץ געלעגען ביי דיא שטיגען אַזוי, אַז איינער פון דיא מאַטראָזען, וואָס איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, איז צוויי מאָל פערבייגע־גאַנגען נעבען איהר און האָט זיא ניט בעמערקט. ביים דריטען מאָל האָט ער זיא שוין ניט געקענט בעמערקען. מיט איין שפּרונג איז זיא געווען נעבען איהם, האָט איהם אַריינגעשטאָכען אין רוקען אַ שאַרף מעסער און האָט איהם אַראָבגע־שלעפּט אַרונטער אויף דיא שטיגען.

מעדאָבאַ האָט זיך דאַן געלאָזט לאַנגזאַם קריכען צום צווייטען מאַטראָז. זיא איז געקראָכען שנעל און פאָרזיכטיג. זיא איז געווען געוואָהנט דערצו. אין דיא ווילדערנישען פון סיערא־לעאָנע איז איהר ניט איין מאָל אויסגעקומען אַזוי צו בעפאַלען אַ פיינד. אין דיזע איבערפאַלען פלעגט זיא זיך אימער אויסציי־כענען און איהר קונסט איז איהר איצטער צו־ניץ געקומען. אָהן אַ קרעכץ איז דער צווייטער מאַטראָז געפאַלען פון איהר האַנד. דער צווייטער אָפּפער איז געווען דער שטייערמאַן און עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל פיהרען דיא שיף.

איצטער האָט זיך מעדאָבאַ געמוזט צואיילען, ווייל אָהן דער ריכטונג פון דעם רודער האָט זיך דיא שיף גענומען שטאַרק וואַקלען און דיא איבריגע מאַט־ראָזען האָבען דערפון געקענט יעדע מינוט ערוואַכען.

זיא איז שנעל אַרונטער אין צווישענדעק. דאָרט האָט זיא זיך געלאָזט געהן פון איין פּלאַץ צום צווייטען, וויא ביי זיך אין דער היים. וויא עס האָט געשיינט, איז זיא גוט געווען בעקאַנט מיט דער שיף, זיא האָט דאָ עפּעס געזוכט און ניט געפונען. מיט אונגעדולד איז זיא פון דאַנען ארויס און האָט זיך געלאָזט געהן צו דער קאַיוטע, וועלכע האָט בעלאַנגט צו מיסס פּעטערסאָן. זיא האָט געעפענט דיא טהיר און איז אהין פאָרזיכטיג אריינגעגאַנגען.

מיט ווילדער פרייד האָבען זיך איהרע אויגען אָנגעצונדען, ווען זיא האָט דערזעהן, אַז דאָרט שלאָפט דער נייער קאַפּיטאַן פון דער "וועסטאַ", דמיטרי. זיא האָט זיך אוועקגעשטעלט און איהם אַ פּאָר סעקונדען בעטראַכט, וויא זיא וואָלט געוואָלט זיך וואָס לענגער אָנזעטיגען מיט איהר ראַכע און ערשט נאָכדעם האָט זיא מיט איין שטאַרקען קלאַפּ איהם איבערגעשניטען דעם האַלז.

שנעל האָט זיא גענומען זוכען ביי איהם אין דיא קעשענעס און נאָכדעם אין דיא שופלאָדען. ענדליך האָט זיא, ווייזט אויס, געפונען דאָס וואָס זיא האָט געזוכט. דאָס איז געווען אַ בינטעל שליסעל. זיא האָט אויך צוגענומען דמיטרי'ס רעוואָלווער און איז אוועק ווייטער.

זיא איז געגאַנגען אין אַ בעשטימטער ריכטונג — צום פּולווער־מאַגאַזין. עס האָט איהר לאַנג גענומען איידער זיא האָט צוגעפּאַסט דעם שליסעל און האָט דיא טהיר געעפענט. פּאָרענדיג זיך מיט דיא שליסעל, האָט זיא דערהערט טריט. זיא האָט דיא טהיר געוואָלט עפענען וואָס שנעלער און דאָס האָט גע־בראַכט דערצו, אַז דיא אַרבייט איז צוגעגאַנגען נאָך לאַנגזאַמער.

זיא האָט דערהערט, וויא אימיצער פרעגט:

— ווער איז דאָרט?

אין דער מינוט האָט זיך דיא טהיר פון דעם פּולווער־מאַגאַזין געעפענט.

שנעל האָט זיא געכאַפּט דעם רעוואָלווער און עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד אויס־געשאָסען אהין, אין דער מאַסע פּולווער.

עס האָט זיך דערהערט אַ געוואַלדיגער קראַך, דאַן נאָך איינער און אַ דריי־טער, דער לעצטער.

דיא "וועסטאַ" איז צוריסען געוואָרען.

דיא שקלאַפען־הענדלער און דיא "ווייסע שקלאַפינען" זיינען אַלע צוזאַמען געזונקען אין דעם אָבגרונד פון ים.

37טעם קאפיטעל.

דיא געפאַנגענע וועסטאַלקעם און ענגלענדער

עס איז שוין דיא העכסטע צייט זיך אומצוקעהרען צו דיא וועסטאַלקעם און זייערע בעגלייטער, וועלכע זיינען אזוי פעררעטהעריש געפאַנגען געוואָרען פון דעם סאבולפאָר'ער ראדזשאַה אויף דער יאגד, צו וועלכער ער האָט זיי איינגעלאַדען כלומר'שט אַלס פריינד.

מיר האָבען זיי איבערגעלאָזט אין דעם מאָמענט, ווען דיא ענגלענדער האָבען זיך פרייוויליג געמוזט אונטערגעבען, אום צו ראטעווען דיא לעבענס פון דיא פרויען, וועלכע זיינען שוין פריהער געפאַנגען געוואָרען, ווייל מען האָט זיי געסטראַשעט, אז אויב זיי וועלען נור מאַכען דעם קלענסטען פערזוך זיך צו פערטהיידיגען, וועט מען ערמאָרדען דיא געפאַנגענע פרויען.

געבונדענע זיינען איצטער געשטאַנען דיא ענגלענדער און דיא עטליכע אָפיציערען פון דער פעסטונג, פאַלשטענדיג אונטערוואָרפען צום בייזען ווילען און צו דער ראַכע-לוסט פון דעם ראַדזשאַה.

— נו, און וואָס וועט איצטער זיין? — האָט הארלינגטאָן שטיל געפרעגט איינעם פון דיא אָפיציערען — וואָס, דענקט איהר, וועלען זיי איצטער טהאָן מיט אונז?

— ערמאָרדען וועלען זיי אונז זיכער ניט, אַם וועניגסטען, ניט אזוי שנעל — האָט יענער געענטפערט אויך גאַנץ שטיל — איך רעכען, אז דער ראַדזשאַה וועט אונז אַלעמען האַלטען אַלס משכון, אין פאַל, דער אויפשטאַנד זאָל ניט געלינגען און ער זאָל זיין געצוואונגען צו קויפען זיין לעבען פאַר אונזערע לעבענס. ער איז זעהר אַ כיטרער יונג און ער פערשטעהט וואהרשיינליך, אַז איהם לוינט זיך בעסער אונז צו לאָזען לעבען.

עס האָט געשיינט, אַז דער אָפיציער האָט רעכט. אזוי, אַם וועניגסטען, האָט עס אויסגעזעהן פון דעם ראַדזשאַה'ס האַלטונג. ער האָט דיא געפאַנגענע געלאָזט צו-רוהע און האָט זיי זאָגאַר קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט. בלויז איינינע סאַלדאַטען האָבען געהאַלטען פון ווייטענס אַן אויג אויף דיא געפאַנגענע. דער ראַדזשאַה האָט זיך דערווייטערט פון זיי אויף אַ היבשע שטרעקע און האָט געהאַלטען אַ בעראַטהונג מיט זיינע בעגלייטער, וועלכע האָבען אַלע מאָל געוואָרפען אונגעדולדיגע בליקען אין דער ריכטונג פון סאַבולפאָר. זיי האָבען, וויא עס האָט געשיינט, נאָך ניט געהאַט קיין גענויע ידיעה וועגען דעם וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, און זיי האָבען ערוואַרטעט דיא נאַכריכט מיט דער גרעסטער **אונגעדולד.**

לארד הייסטינגס, וועלכער איז געשטאנען ווייט פון הארלינגטאן'ען, האט זיך אונבעמערקט צוגערוקט צו איהם און האט איהם א זאג געטהאן אין אויער:

— איך פיהל, אז איך וואלט געקענט צורייסען דיא שטריק, מיט וועלכע דיא באנדיטען האבען מיר געבונדען דיא הענד. איך קען, אלזא, פריי מאכען מיינע הענד און נאכדעם אייך אלע בעפרייען פון דיא פענטעס. מיר וואלטען דאן געקענט אונערווארטעטערהייד בעפאלען אונזערע וועכטער, צונעהמען ביי זיי דיא וואפען און...

הארלינגטאן האט איהם ניט געלאזט ענדיגען.

— דאס וואלט געווען א פשוט'ע משוגעת — האט ער שנעל א שעפטשע געטהאן — ווארט, פיליכט שפעטער.

הייסטינגס האט אונצופריעדען א בורטשע געטהאן און איז אוועק צוריק אויף זיין פריהריגען פלאץ.

אין דער מינוט האבען זיי בעמערקט, וויא א רייטער קומט אן פון סאבולפאר. דאס איז געווען א סאלדאט פון דער אינדישער מיליץ, וועלכע האט זיך געפונען אין סאבולפאר. דער ראדזשאה און דיא איבריגע הינדוסען זיינען איהם געלאפען אנטקעגען. זיצענדיג אויף'ן פערד האט ער זיי אין איילעניש איבערגעגעבען א בריעף. דער ראדזשאה האט דעם בריעף געעפענט און האט איהם איבערגעלייענט. דער בריעף האט איהם, וויא עס האט געשיינט, געבראכט אין פערלעגענהייט.

א נייע בעראטהונג האט זיך אנגעפאנגען. דיא געפאנגענע האבען געזעהן פון וויטענס, וויא דער ראדזשאה רעדט אויפגערעגט. וואס ער רעדט, האבען זיי ניט געקענט הערען.

ענדליך האט דער ראדזשאה און זיינע בעגלייטער זיך גענומען צוגרייטען צום אברייזען. דער ראדזשאה האט געגעבען עפעס א בעפעהל און צעהן סאלדאטען האבען ארומגערינגעלט דיא געפאנגענע און גענומען זיי אויסשטעלען אין איין רייהע, איינעם נאך'ן צווייטען. איין סאלדאט האט זיך אוועקגעשטעלט פון פארענט און איינער פון הינטען; דיא איבריגע זיינען געגאנגען צווישען דיא געפאנגענע. דער ערשטער אין דער רייהע געפאנגענע איז געווען דער ריעזיגער לארד הייסטינגס און צום לעצט איז געגאנגען עלען פעטערסאן.

דער ראדזשאה, זיינע בעגלייטער און אלע סאלדאטען, אויסער דיא צעהן, וואס האבען זיך אויסגעשטעלט צוזאמען מיט דיא געפאנגענע, זיינען שנעל אבגעפאהרען אין דער ריכטונג פון סאבולפאר און דיא געפאנגענע האט מען אוועקגעפיהרט אין א פערקעהרטער ריכטונג.

א שווערער שטיין איז אראבגעפאלען פון דיא הערצער פון דיא געפאנגענע, ווען זיי האבען זיך איבערצייגט, אז מען פיהרט זיי ניט קיין סאבולפאר און אז זיי וועלען בעוואכט ווערען פון בלויז צעהן סאלדאטען אין דער צייט, ווען

זייער צאָהל איז מעהר וויא צוויי מאָל אזוי גרויס, אַריינרעכענענדיג שוין אויך דיא פרויען, אָבער דיא פרויען זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען געקענט זייער שטערטעל בעשטעהן ניט ערגער וויא דיא מענער.

ריידען צווישען זיך האָבען דיא געפאַנגענע ניט געקענט, ווייל זיי זיינען געווען זיכער, אַז זייערע וועכטער פערשטעהן ענגליש, אָבער יעדער איז געווען בערנומען מיט'ן גערדאַנק וועגען אַנטלויפען און יעדער האָט געוואוסט, אַז דיא איבריגע בעשעפטיגען זיך אויך מיט דעמזעלבען גערדאַנק. יעדער איינער פון זיי האָט געזוכט פּלענער, וויא זיך צו בעפרייען פון דיא שטריק און איז געווען זיכער, אַז אויב עס וועט קומען צו אַן אָפענעם קאַמפּף צווישען איהם און זיין וועכטער, וועלען וואהרשיינליך אַ פּאָר פון זיינע חברים שוין געפינען אַ מעג־ליכקייט איהם צו קומען צו הילף.

צום אונגליק איז עס גראַדע אויסגעקומען אַזוי, אַז לאָרד הייסטינגס, וועל־כער האָט אַם לייכטסטען געקענט בעפרייען זיינע הענד, איז געגאַנגען פּאַראויס און דאָס האָט פערערגערט זיין לאַגע און איהם געמאַכט כמעט אוננוצליך פאַר זיינע חברים, ווייל זיין קלענסטע בעוועגונג איז בעוואַכט געוואָרען פון אַלע סאָלדאַטען, וואָס זיינען געגאַנגען הינטער איהם.

מען האָט זיי געפיהרט אין אַ וואַלדיגער געגענד איבער זומפּען און טהאָלען. עס איז אַוועק אַ שטונדע נאָך אַ שטונדע. זיי זיינען שוין געווען מיעד און דיא שטריק האָבען זיך ביי פיעלע טיעף איינגעשניטען אין לייב און האָבען פער־אורזאַכט שרעקליכע שמערצען. מיט יעדער נייער שטונדע און מיט דער וואַק־סענדער מיעדיגקייט איז זייער האָפנונג זיך צו בעפרייען געוואָרען אַלץ שוואַכער און שוואַכער.

לאָרד האַרלינגטאָן, וועלכער איז געגאַנגען נעבען דעם עלטסטען, וואָס האָט קאָמאַנדירט דיא סאָלדאַטען, האָט דער ערשטער אָנגעפאַנגען מיט איהם אַ גע־שפּרעך און דער סאָלדאַט האָט גענגען בעפעהל פון דעם ראַדזשאַה דעם געשפּרעך אויפגענומען. עס האָט איהם געלאַנגווייליגט און דערצו, האָט ער טאַקע ניט געוואָלט דורכלאָזען דיא געלעגענהייט זיך אַ רייץ צו טהאָן מיט דיא שטאָלצע ענגלענדער.

נאָך אַ פּאָר זייטיגע פראַגען האָט האַרלינגטאָן אַ פרעג געטהאָן:

— קען איך פיליכט וויסען, וואוהין מען פיהרט אונז?

— דאָס אייך זאָגען טאָר איך ניט און וויל אויך ניט — האָט דער סאָל־דאַט געענטפערט.

— האָסטו גאָר קיין מורא ניט פאַר דער שטראָף, וואָס דוא וועסט בעקומען פון דער ענגלישער רעגיערונג דערפאַר וואָס דוא האָלטסט אונז געפאַנגען?

דער סאָלדאַט האָט זיך צולאַכט.

— דיא ענגלענדער האָבען שוין דאָ זייער ראָלע אויסגעשפּיעלט — האָט

ער געזאָגט — גענוג שוין געהערשט איבער אונז און געצאַפּט אונזער בלוט! גענוג! מעהר וועלען מיר עס שוין ניט דולדען.

און ווען ער האָט בעמערקט, וויא האַרלינגטאָן האָט אַ שמייכעל געטהאָן, האָט ער צוגעגעבען:

— אָה, איהר קענט שוין איצטער לאַכען! דיא פעסטונג איז שוין אין דיא הענד פון דעם ראַדזשאַה און באַלד וועלען דיא פערדאַמטע ענגלענדער פערטריבען ווערען פון גאַנץ אינדיען.

אַ ווײַלע האָבען זיי ביידע געשוויגען. אָבער דער צורייצטער סאָלדאַט האָט זיך געוואָלט וואָס מעהר נוקם זיין אָן דיא געפאַנגענע.

— ווילט איהר וויסען, וואוהין מען פיהרט אייך? — האָט ער פּלוצלונג ווידער אָנגעהויבען אונגעבעטענערהייד — מיר פיהרען אייך אין דיא בערג, וואו מען וועט אייך האַלטען, ביז דער ראַדזשאַה וועט בעשליסען, וואָס מיט אייך צו טהאָן.

דאָס בלוט איז דערביי פערקיהלט געוואָרען אין דיא אָדערען פון דיא געפאַנגענע. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז דער סאָלדאַט האָט זיי איצטער געזאָגט דעם אמת, און דער געדאַנק, אַז מען וועט זיי איבערגעבען אין דיא הענד פון דיא האַלב-ווילדע, קריעגערישע בערג-שבטים, וועלכע צייכענען זיך אימער אויס מיט זייער האַס צו ענגלענדער, האָט זיי ממש געבראַכט צו פערצווייפלונג און האָט זיי געצוואונגען נאָך מעהר זיך אָנצושטרענגען און זוכען אַ מיטעל זיך צו בעפרייען אויף'ן וועג, איידער זיי פאַלען אַריין אין דיא הענד פון דיא בערג-איינוואָהנער.

אָבער וויא אַזוי זאָלען זיי זיך רעטען? וועגען דעם האָט נאָך קיינער פון זיי ניט געהאַט דעם קלענסטען בעגריף, ווען אַ שטיקעל האָפנונג דארויף האָט זיך בעוויזען.

דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי:

וויא שוין געזאָגט, איז עלען פּעטערסאָן געגאַנגען דיא לעצטע און דער סאָלדאַט, וואָס איז געגאַנגען הינטער איהר און האָט געשלאָסען דיא רייהע, האָט פון אָנהויב אָן בעקומען מיטלייד מיט דער שעהנער, יונגער אַמעריקאַנערין. ער אליין איז אויך געווען זעהר יונג און שעהן און דיא יוגענד און דיא שעהנקייט פון דער געפאַנגענער האָט איהם שטאַרק גערירט.

עלען האָט עס בעמערקט און זיא האָט בעשלאָסען זיין מיטלייד אויסצונוצען. זיא האָט גענומען זיך קנייטשען און אויסדריקען אויף איהר געזיכט וועהטאָג און ליידען. זיא האָט בעמערקט, אַז איהר אויפטהו ווירקט. דער יונגער הינדוס האָט ממש געליטען גלייך מיט איהר און יעדעס מאָל, ווען עלען האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם, האָט ער פאַר שאַנדע אַראָבגעלאָזט דיא אויגען.

וואָס ווייטער, האָט עלען אַרויסגעצייגט אַלץ מעהר ליידען. און איצטער האָט

זיא שוין ווירקליך געליטען. זיא איז מיעד געוואָרען פון דעם גאַנג און דיא שטריק האָבען איהר פערשאַפט פיעל ליידען. זיא האָט זיך פון צייט צו צייט אָבגעשטעלט און האָט שווער געזיפצט.

און פּלוצלונג האָט זיא דערפיהלט, וויא דער סאָלדאַט ריהרט אָן איהרע הענד, וועלכע זיינען געווען פערבונדען אויף הינטען.

— זאָל דיא ליידי זיך האַלטען רוהיג און מיך ניט פערראַטהען — האָט עלען אין דערזועלבער צייט דערהערט דעם סאָלדאַט'ס שטילע שטימע.

דאָס הארץ איז אין עלען'ס ברוסט פערשטאָרבען געוואָרען פאַר פרייד. עס האָט איהר געקאָסט פיעל מיה זיך צוריק צו האַלטען, אַז זיא זאָל איהר פרעהליכע איבערראַשונג ניט אויסדריקען מיט אַ געשריי. דאָך איז זיא גע־גאַנגען ·ווייטער, וויא קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט. זיא האָט געפיהלט, וויא דער סאָלדאַט צובינדט דיא שטריק אָן אַז זיא קען שוין בעוועגען מיט דיא הענד. דער סאָלדאַט האָט אָבער פעסט געהאַלטען איהרע הענד.

— זאָל דיא ליידי אַלץ האַלטען דיא הענד וויא פריהער — האָט דער סאָלדאַט ווידער שטיל געזאָגט — ביז זיא וועט האָבען אַ געלעגענהייט צו אַנטלויפען. און דאָס זאָל דיא ליידי גוט בעהאַלטען; עס וועט איהר צוניץ קומען.

עלען האָט געפיהלט, וויא דער סאָלדאַט האָט עפּעס אריינגעלעגט אין איהרע הענד. זיא האָט מורא געהאַט צו מאַכען דיא קלענסטע בעוועגונג און זיך אומצוקוקען, אָבער זיא האָט אונבעמערקט און לאַנגזאַם גענומען איבעררוקען אין דיא הענד דעם געגענשטאַנד, וואָס דער סאָלדאַט האָט איהר געגעבען, און זיא האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ שאַרפער מעסער.

דיא געפאַנגענע און זייערע וועכטער זיינען געגאַנגען אַלץ ווייטער און עלען, וועלכע איז געווען האַלב בעפרייט, האָט זיך אַלץ געבראָכען דעם קאָפּ, וויא צו קומען צו הילף איהרע פריינד און האָט קיין אויסוועג ניט געקענט גע־פינען. איהר פּלאַן איז געווען, אַז זיא זאָל אונבעמערקט איבערשניידען דיא שטריק פון אַ פּאָר פון איהרע פריינד און דאַן וועט מען שוין קענען אונערוואַר־טעטערהייד בעפאַלען אַ פּאָר סאָלדאַטען, צונעהמען ביי זיי דיא וואָפען און אין ערשטען טומעל פון קאַמפף בעפרייען אויך דיא איבריגע. אָבער וויא קומט מען צו צו דיא פריינד, ווען צווישען איהר און זיי געפינען זיך סאָלדאַטען?

דיא געפאַנגענע זיינען שוין געווען אין וועג ביי פיער שטונדען צייט און זיי זיינען געווען שרעקליך אויסגעמאַטערט. דערצו האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אָנגערוקט דיא נאַכט און דער הויפּט וועכטער האָט בעשלאָסען, זיך אָבצושטעלען אויף ביינאַכט. מען האָט צולעגט אַ פייער און מען האָט זיך אָבגעשטעלט.

צוליעב דער איילעניש, מיט וועלכער דער ראַדזשאַה האָט אַרויסגעשיקט דיא געפאַנגענע פון דעם יאַגד־לאַגער, האָט מען פערגעסען זיי צו פערזאָרגען

אויף׳ן וועג מיט שפּייז, און ניט נור זיי, נאָר אויך דיא סאָלדאַטען. אמת, מען וואָלט געוועהן געקענט קריעגען שפּייז אין דיא אַרומיגע דערפער, דיא סאָל־דאַטען האָבען אָבער געהאַט א בעפעהל אויסצומיידען בעפעלקערטע געגענ־דען אוים מורא, אַז דיא דאָרטיגע ענגלישע בעאַמטע זאָלען ניט בעפרייען דיא געפאַנגענע.

דיא פראַגע וועגען שפּייז איז דעריבער איצטער געוואָרען זעהר דרינגענד. דיא סאָלדאַטען האָבען זיך וועגען דעם לאַנג בעראַטהען און האָבען ענדליך בעשלאָסען, אַז פינף פון זיי זאָלען זיך אָוועקלאָזען אין א נאָהענטען דאָרף צו קריעגען שפּייז און דיא איבריגע זאָלען בלייבען בעוואַכען דיא געפאַנגענע. אַז דיא געפאַנגענע קענען אַנטלויפען — דאָס איז זיי גאָר ניט איינגעפאַלען, ווייל זיי זיינען אַלע געווען געבונדען און ווען עס זאָל זיך אפילו מאַכען, אַז איינעם זאָל געלינגען זיך צו בעפרייען, וועט ער אַלץ בלייבען הילפלאָז געגען דיא פינף גוט בעוואָפענטע סאָלדאַטען. אַז עלען איז פריי און איז בעוואָפענט און אַז הייסטינגס קען זיך יעדע מינוט בעפרייען און איז שטאַרק גענוג צו קעמפפען אָהן וואַפען געגען דריי בעוואָפענטע, וועגען דעם האָבען דיא סאָלדאַטען נאַטירליך קיין בעגריף ניט געהאַט.

איידער מען האָט זיך אָבגעשטעלט, איז עלען געלונגען אונבעמערקט צו פערשטעקען דאָס מעסער אין איהרע קליידער אַזוי, אַז קיינער האָט עס ניט געקענט בעמערקען, און האָט באַלד וויטער אריינגעשטעקט דיא הענד אין דיא שטריק. איצטער איז שוין עלען׳ס פּלאַן געווען פאַרטיג און איז בעשטאַנען אין פאָלגענדען: ווען דיא פינף סאָלדאַטען וועלען אַוועק, וועט זיא אונבעמערקט איבערשניידען דיא שטריק ביי איינינע פון דיא מענער און וועט איינעם פון זיי איבערגעבען דאָס מעסער. דיא בעפרייטע מענער וועלען זיך דאַן אַרויפ־וואַרפען אויף דיא סאָלדאַטען און צונעהמען ביי זיי דיא וואַפען.

דאָס איז געווען א זעהר ריזיקאַלישער שריט, וועלכער האָט זיך געקענט ענדיגען מיט זייער אַלעמענס טויט, און דאָך האָט ניט דיא ריזיקע אָבגעהאַל־טען עלען, נאָר גאָר אַן אַנדער זאַך. זיא האָט מורא געהאַט, אַז מיט דעם מעסער, וואָס דער יונגער אינדישער סאָלדאַט האָט איהר איבערגעגעבען, זאָל ניט אויס־קומען איהם אליין צו טויטען. אַזאַ זאַך האָט זיך עלען פאַר קיין פאַל ניט גע־קענט ערלויבען.

זיא האָט דעריבער פרייער אויפגעאָטהעמט, ווען איהר בעפרייער האָט זיך גענומען בעטען ביים עלטסטען, ער זאָל איהם לאָזען געהן אין דאָרף, און דער עלטסטער האָט זיין פערלאַנג נאָכגעגעבען. מיט א פיעל־בעדייטענדען בליק האָט זיך עלען׳ס בעשיצער געזעגענט מיט איהר, ווען ער האָט, צוזאַמען מיט דיא איבריגע פיער סאָלדאַטען, פערלאָזען זייער צייטווייליגען רוה־פּלאַץ.

דיא געפאַנגענע זיינען געזעסען אויף דער ערד, אַלע צוזאַמען און אַרום

זיי האבען זיך אויסגעלעגט דיא סאלדאטען. דיא געפאנגענע האבען זיך אויך געוואלט אוועקלעגען, אבער זיי האבען דאס ניט געקענט טהון צוליעב דעם וואס דיא הענד זיינען ביי זיי געוועזן געבונדען אויף הינטען. דאס האט זיי געמאכט אונבעקוועם אפילו דאס זיצען.

נעבען עלען איז געזעסען הענדריקס און עלען האט איהם א וואונק געטהאן, אז ער זאל שווייגען, האט הינטען־ארום לאנגזאם און פארזיכטיג איבערגע־שניטען דיא שטריק ארום זיינע הענד און האט איהם אריינגערוקט דאס מעסער אין דיא הענד. הענדריקס האט שוין פערשטאנען, וואס עלען'ס אבזיכט איז און ער האט זיך שוין געקליבען איבערצושניידען דיא שטריק ביי מיסס טהאמפ־סאן, וועלכע איז געזעסען נעבען איהם, ווען דער עלטסטער פון דעם סאלדאטען־וואך איז פלוצלונג איינגעפאלען, אז עס וועט זיין פיעל בעקוועמער, ווען ער וועט איבערפיהרען זיינע געפאנגענע צום ברעג פון טייך, וועלכער איז געלאפען ניט ווייט פון זיי.

ער האט געגעבען א קאמאנדע, אז אלע געפאנגענע זאלען זיך אויפהויבען און געהן צום ברעג פון טייך. דאס הארץ איז איינגעפאלען פאר שרעק ביי עלען און אויך הענדריקס האט זיך דערפיהלט אין א שרעקליכער פערלעגענהייט.

— אפשר שוין אנפאנגען? — האט הענדריקס א שעפטשע געטהאן צו עלען, אנשפארענדיג זיך אויף'ן עלענבויגען, אום זיך אויפצוהויבען און זיך דערנעהענטערענדיג אויף אזא אופן צו עלען.

— אה, ניין! אום גאטעס ווילען! — האט זיך געבעטען עלען — סיידען, אז עס וועט שוין קיין אנדער אויסוועג ניט זיין. האלט צו דיא שטריק הינטען מיט דיא הענד און איך וועל אייך פערשטעלען. רוימט נור איין דיא איבריגע, אויב מעגליך, זיי זאלען זיין גרייט.

דיא סאלדטען זיינען געווען אונצופריעדען מיט'ן נייעם בעפעהל פון זייער עלטסטען, ווייל זיי זיינען געווען מיעד און האבען זיך געוואלט אברוהען און דיערבער האבען זיי זיך ניט געאיילט זיך אויפצוהויבען. מיט זייער פוילקייט האבען זיך בענוצט עלען און הענדריקס, אום פארצובערייטען נאך איניגע פון זייערע מיט־געפאנגענע.

דיא ענגלענדער, דיא אפיציערען און דיא וועסטאלקעס זיינען איצטער געגאנגען צוזאמען. אין דער געדיכטקייט פון דיא בוימער איז געווען פינסטער גענוג, אז זיי זאלען אונבעמערקט קענען בעפרייען דיא הענד פון איינעם פון דיא אפיציערען און פון הארלינגטאן'ען. הייסטינגס האט זיך בעפרייט אהן זייער הילף.

איצטער האט מען נור געווארט אויף דעם גינסטיגען מאמענט, וועלכער איז געקומען ערשט דאמאלט, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום ברעג פון טייך. דא האט זיך דער וואלד געענדיגט און דיא העלע שיין פון דער לבנה האט אלעס

בעלויכטען כמעט וויא בייטאָג. לענגער צו וואַרטען איז שוין געווען געפעהרליך און מען האָט זיך געמוזט שנעל ענטשליעסען.

דער ברעג פון דעם טייך אויף דער זייט, וואו עס האָבען זיך געפונען דיא געפאַנגענע איז געווען אַ הויכער, שטיינערדיגער און אַ משופּע'דיגער, דער טייך איז ניט געווען גרויס, אָבער זעהר שטורעמדיג. ער האָט גערויזט און געקאָכט און זיך געשליידערט. דאָס האָט מען קלאָר געקענט הערען זאָגאָר פון דערווייטענס. צוקומענדיג נעהענטער, האָט מען געזעהן, אַז דיא שטורעמדיג־קייט קומט דערפון, וואָס ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו אונזערע געפאַנגענע האָבען זיך געפונען, איז פאַראַן אַ וואַסערפאַל. אין יענעם פּלאַץ איז דער טייך זעהר שמאָל און דאָרט געפינט זיך אַ הויכער פעלז, פון וועלכען דאָס וואַסער שטירצט אַרונטער מיט שרעקליכער קראַפט.

אויף אין דעם פּלאַץ, וואו דיא געפאַנגענע און זייערע וועכטער זיינען איצטער געשטאַנען, איז דאָס וואַסער געלאָפען מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ווער עס וואָלט אהין אַריינגעשליידערט געוואָרען, וואָלט שוין פון דאָרטען ניט אַרויס קיין לעבעדיגער. און אַריינגעשליידערט ווערען אהין איז געווען זעהר לייכט צוליעב דער הויכקייט און משופּע'דיגקייט פון דעם ברעג.

נאָך האָבען זיך דיא געפאַנגענע ניט ענטשלאָסען וואָס צו טהאָן, ווען אַ נייער צופאַל האָט זיי געצוואונגען אָהן ווייטערע טענות צו מאַכען דעם אי־בערפאַל אויף דיא וועכטער. דורך אַן אונפאָרזיכטיגער בעוועגונג איז עלען אומ־געפאַלען איבער אַ שטיין און, פערגעסענדיג אין דער מינוט, אַז זיא מוז האַל־טען דיא הענד צוזאַמען וויא זיי וואָלטען געווען געבונדען, האָט זיא אויסגע־שטרעקט איין האַנד, אום זיך צו פערהאַלטען. דאָס האָט בעמערקט איין סאָל־דאַט און ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהר מיט זיין ביקס.

אין דערזעלבער סעקונדע האָט זיך דערהערט הייסטינגס רוף:

— שלאָגט זיי, דיא לומפּען!

באַלד האָט פאַר אַלעמענס אויגען אַ שוועב געטהאָן אין דער לופטען דער סאָלדאַט, וואָס איז אָנגעפאַלען אויף עלען פּעטערסאָן, און נאָכדעם האָט מען געהערט, וויא אַ שווערער קערפּער האָט אַ פליך געטהאָן אין דעם רוישענדען וואַסער. דאָס איז געווען הייסטינגס אַרבייט. דער סאָלדאַט וואָס איז אַריינגע־שליידערט געוואָרען אין דעם רוישענדען וואַסער איז פערשוואונדען אין דער־זעלבער סעקונדע וויא ער איז אהין אַריינגעשליידערט געוואָרען; ער איז פער־שוואונדען, אום שוין מעהר ניט אַרויסצושווימען צוריק אַ לעבעדיגער.

אין דערזעלבער צייט האָבען זיך הענדריקס, האַרלינגטאָן און דער בע־פרייטער אָפיציער אַרויפגעוואָרפען אויף דיא דריי סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געשטאַנען אַם נעהענטסטען צו זיי און האָבען זיי ענטוואָפענט. בלויז דער עלטסטער פון דער וואַך איז געבליבען אונבעריהרט און ער האָט אָנגעכאַפּט

הייסטינגס'ען. אַ שווערער קאַמפּף האָט זיך אָנגעהויבען צווישען זיי, און איי־דער אימיצער האָט געקענט קומען צו הילף הייסטינגס'ען, האָבען זיי זיך ביידע — ער און דער סאָלדאַט — אַבגעריסען פון ברעג און זיינען פערשוואונדען אין דעם שטורעמדיגען טייך.

דיא איבערגעבליבענע דריי סאָלדאַטען זיינען יעצט געווען געבונדען אויף דעמזעלבען שטייגער וויא עס זיינען געווען פריהר זייערע געפאַנגענע; דיא גע־פאַנגענע זיינען געווען פריי, אָבער זייער זיעג און זייער פרייהייט איז זיי פער־שטערט געוואָרען צוליעב דעם אונגליק מיט הייסטינגס'ען.

אריינוואַרפען זיך אין טייך, צו רעטען הייסטינגס'ען האָט קיין זין ניט געהאַט, ווייל דאָס האָט געהייסען געהן אויף אַ זיכערען טויט; צווייטענס, זיי־נען אַלע געווען איבערצייגט, אַז הייסטינגס איז וואהרשיינליך צושמעטערט געוואָרען אָן דיא פעלזען און זיין קערפּער איז שוין פערטראָגען געוואָרען גאָר וויים וויא וויים.

טרויעריג, מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ זיינען געשטאַנען דיא נור־וואָס בע־פרייטע און האָבען ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן. דיא פרויען האָבען געוויינט און דיא מענער האָבען זיך געביסען דיא ליפּען.

— קומט, מיר וועלען געהן מיט'ן ברעג אין דער ריכטונג פון דעם שטראָם — האָט ענדליך געזאָגט הארלינגטאָן — אפשר וועלען מיר כאָטש קענען געפי־נען זיין קערפּער.

דאָס איז, אונטער דיא אומשטענדען, געווען דאָס בעסטע וואָס מען האָט געקענט טהאָן.

וויא דערשלאָגען זיי זיינען ניט געווען, האָבען זיי דאָך אין זינען געהאַט, אַז זיי קענען ערוואַרטען אַן איבערפאַל פון דיא סאָלדאַטען, וואָס זיינען אוועק אין דאָרף נאָך שפּייז און זיי האָבען זיך פאָרבערייטעט דערצו. זיי האָבען צום אַלעם ערשטען פערשטאָפּט דיא מיילער דיא געפאַנגענע דריי סאָלדאַטען, האָ־בען זיי אוועקגעפיהרט אַ היבשע שטרעקע ווייטער און האָבען זיי צוגעבונדען צו בוימער. דאַן האָבען זיי צוגענומען ביי זיי דיא וואַפען און זיינען אוועק אין דער ריכטונג פון דעם שטראָם.

שטיל, לאַנגזאַם, וויא צו אַ לויה זיינען זיי געגאַנגען. קיינער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. דער וועג איז געווען אַ שווערער, איבער פעלזען, צובראָכענע בוימער און טיעפע גראָזען. וואָס ווייטער זיי זיינען געגאַנגען, אַלץ נידריגער איז געוואָרען דער ברעג און אַלץ רוהיגער דאָס וואַסער.

אין איין פּלאַץ האָט זיך דאָס וואַסער שאַרף אויסגעדרעהט אין אַן אַנדער ריכטונג און ווען דיא וואַנדערער זיינען צוגעקומען צו יענעם פּלאַץ, האָט זיך ביי אַלעמען אַרויסגעריסען אַ געשריי פון פרייד. זיי האָבען דערזעהן הייס־טינגס'ען.

אַלע האָבען זיך אויף איהם אַרויפגעוואָרפען מיט פראַגען, אַלע האָבען איהם געדריקט די הענד, אָבער ער האָט אויף זיין שטייגער בלויז א בורטשע געטהאָן:

— נו, א באָד! אַלע ביינער האָט עס מיר שיער ניט צוּבראָכען!

— אָבער וויא אַזוי האָט איהר זיך דאָך געראַטעוועט? — האָט זיך ניט וויי־לענדיג צולאַכט דזשעסי מוריי.

הייסטינגס האָט אויף איהר געוואָרפען א האַלב־בייזען, האַלב־פערשעמטען, בליק און האָט געזאָגט:

— פרעגט מיך בחרם! איך וויים נור, אַז עס האָט מיך געטראָגען און געוואָרפען און געשליידערט און אויפגעהויבען און געזונקען און ווידער אויפגע־הויבען און ווידער געזונקען און מיך געקלאַפּט אָן פעלזען, ביז עס האָט מיך אַרויסגעקלאַפּט אָט־דאָ אויף'ן ברעג.

— שוין לאַנג צוריק?

— א היבש שטיקעל צייט, אָבער איך בין געווען אַזוי צושלאָגען, אַז איך האָב זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט.

— זיינט איהר פערוואונדעט?

— איך גלויב קוים. איצטער פיהל איך זיך שוין גאָר גוט. אַלזאָ, וואוהין געהען מיר?

הייסטינגס האָט געשטעלט די פראַגע, וועלכע איז געווען אַם וויכטיג־סטען פאַר זיי אַלע. טאַקע, וואוהין זאָלען זיי געהן?

— נאָך סאַבולפאַר — האָט געזאָגט איינער פון די אָפיציערען.

— די פעסטונג איז אָבער אין די הענד פון דעם ראַדזשאַה.

— איך מיין ניט, גלייך נאָך סאַבולפאַר, נאָר אין דער ריכטונג פון דער פעסטונג. עס קען גאַנץ מעגליך זיין, אַז די פעסטונג איז נאָך ניט איינגענומען און מיר וועלען דאָרט צוניץ קומען. און אויב אפילו יאָ, קענען מיר זיין פאַר־זיכטיג גענוג ניט אריינצופאַלען אין דעם ראַדזשאַה'ס הענד. יעדענפאַלס וועלען מיר פון דעם ערשטען פאַרביינגעהער אָדער פאַרבייפאָהרער זיך קענען דערוויסען גענוי, וויא עס האַלט דאָרטען.

אויף דעם האָבען אַלע איינגעשטימט. מען האָט נור בעשלאָסען זיך אָבצו־רוהען א פּאָר שטונדען און דאַן זיך אַרויסלאָזען אין וועג. מען האָט נור בע־דאַרפט זיין פאָרזיכטיג, זיך ניט צוזאַמענצוטרעפען מיט יענע פינף סאָלדאַטען, וואָס זיינען אוועק נאָך שפּייז, און ניט איבערלאָזען נאָך זיך קיין שפּורען.

38טעם קאפיטעל.

דיא וואונדער פון טויזענד און איין נאַכט

ניט ווייט פון סאַבולפאַר געפינט זיך אין מיטען פון אַ פּראַכטפאָלען וואַלד אַ וואונדערבאַרע געביידע,וועלכע פלעגט אימער צוציהען דיא גרעסטע אויפמערקזאַמקייט פון אַלע רייזענדע און וועלכע פלעגט פערנעהמען איינעם פון דיא וויכטיגסטע פּלעצער אין דיא בעשרייבונגען וועגען אינדיען. דיעזע געביידע איז געוועזען דער פּלאַץ פון דעם סאַבולפאַר'ער ראַדזשאַה סקינדיא.

דיא פּאַלאַצען פון דיא ראַדזשאַהס זיינען נאָך דיא טעמפּלען דיא צווייטע וואונדערבאַרע זאַך אין דעם וואונדערבארען לאַנד. זייט דורות און דורות האָבען דיא ראַדזשאַהס געקליבען אוצרות אין זייערע פּאַלאַצען און האָבען געהאַלטען אין איין בערייכערען און אין איין אויספּוצען זייערע וואָהנונגען.

שוין פון דרויסען דערקענט מען, אַז דיא פּאַלאַצען דאַרפען ענטהאַלטען אונגעהייערען רייכטהום; דיא פאַנטאַזיע ענטזאַגט זיך אָבער פאַרצושטעלען דעם גאַנצען גלאַנץ און פּראַכט פון אינוועניג. ערשט ווען מען קומט אַהין אריין, איבערציינגט מען זיך, אַז דיא מעשיות פון "טויזענד און איין נאַכט", אָט־דיעזע וואונדערבארע אראבישע פאַנטאַזיעס זיינען גאַר ניט קיין פאַנטאַזיעס, נאָר דיא ווירקליכקייט אַליין, ווייל אַלעס איז דאַ בעדעקט מיט גאָלד און בריליאַנטען, אַלעס ציינגט ארויס דעם העכסטען געשמאַק און דעם אונגלויבליכסטען לוקסוס.

דערביי דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז כאָטש דיא ראַדזשאַהס האָבען ליעב אַרויסצוצייגען גלאַנץ און פּראַכט, אַזוי אַז אפילו דיא עלעפאַנטען, אויף וועלכע זיי פאָהרען, ווערען פשוט פערטרונקען אין דיא רייכסטע שטאָפען און אין דיא טהייערסטע עדעלשטיינער — דאָך ערלויבען זיי ניט דיא רייזענדע זיך צו בעקענען מיט'ן גאַנצען רייכטהום פון זייערע פּאַלאַצען; הויפּטזעכליך ערלויבען זיי דאָס ניט זינט ענגלאַנד האָט גענומען הערשען אין אינדיען און דיא ראַדזשאַהס בעטראַכטען יעדען פרעמדען און הויפּטזעכליך יעדען ענגלענדער אַלס אַ שונא, מיט וועלכען מען מוז זיין זעהר פאָרזיכטיג.

אַלס דער רייכסטער ראַדזשאַה אין אינדיען איז מיט רעכט אַנערקענט געוועזען דער ראַדזשאַה סקינדיא פון סאַבולפאַר און אַלס דער רייכסטער און שעהנסטער פּאַלאַץ אין גאַנץ אינדיען איז אַנערקענט געוואָרען זיין פּאַלאַץ וואָס האָט זיך געפונען אין מיטען וואַלד ניט ווייט פון סאַבולפאַר.

אין דיעזען פּאַלאַץ פלעגען אָפט פאַרקומען הוליאַנקעס, וועלכע פלעגען אַרייסרופען ערשטוינונג איבער'ן גאַנצען לאַנד. דאָס געשיר, וואָס איז געוועזען

גענוג פאַר פיעלע הונדערטע געסט, איז געוועזן געמאַכט פון גאָלד און דערצו איז עס געוועזן אַזוי קונסטפאָל אויסגעאַרבייט, אַז יעדער מוזעאום וואָלט בע־צאָהלט שווערע טויזענדער פאַר איין שטיקעל בלויז. זעלטענע גלעזערנע כלים, ספּעציעל געמאַכט פון דיא בעסטע האַנדווערקער אין כינאַ, הונדערטע יאָהרען אַלט און געשאַצט אין שרעקליך־הויכע סומען, זיינען געוועזן פול מיט דיא זעלטענסטע ווייִנען און נאָך זעלטענערע בלומען, וועלכע מען קען געפינען נור אין דעם וואונדערבאַרסטען פון אַלע לענדער — אין אינדיען.

דער ראַדזשאַה האָט ליעב געהאַט מאַלפּעס. און ביי יעדער סעודה האָבען הונדערטע מאַלפּעס אַרומגעטאַנצט צווישען דיא געסט און זיך געוויעגט אויף גאָלדענע שטאַנגען, וועלכע זיינען ספּעציעל פאַר זיי אָנגעהאַנגען געוואָרען איבער׳ן גאַסט־זאַאל. יעדע מאַלפּע איז געוועזן אָנגעטהאָן אין אַ רייכען דורכ־זיכטיגען אַנצוג פון אַ פערשיעדענעם קאָליר, אַזוי אַז ווען דיא מאַלפּעס האָבען גענומען שפּרינגען ביים העלען שיין פון דיא לאָמפּען, וואָס האָבען אַרויסגע־געבען אַ שיין פון פערשיעדענע קאָלירען, האָט עס פּשוט געבלענדעט דיא אויגען מיט דער פערשיעדענאַרטיגקייט און רייכקייט פון פאַרבען.

דיא מאַלפּעס זיינען אויך געוועזן בעציערט מיט דימאַנטען און מיט פּע־רעל, וועלכע האָבען ביי דער שיין געגלאַנצט מיט אַלע פאַרבען פון דעם רע־גענבויגען.

אַם פּראַכטפאָלסטען איז אין אַזעלכע פעלע געוועזן געקליידעט דער ראַ־דזשאַה אַליין. ביי יעדער בעוועגונג זיינער האָט עס געגלאַנצט און געבלענדעט פון דיא טהייערע עדעלשטיינער, מיט וועלכע עס זיינען געוועזן בעדעקט זיינע קליידער. אַם פּראַכטפאָלסטען איז דער ראַדזשאַה געוועזן, ווען ער פלעגט ביי אַזעלכע געלעגענהייטען טראָגען זיין קרוין, וועלכע מען האָט געשאַצט אין פיעלע מיליאָנען. מען האָט בעהויפּטעט, אַז בלויז איין דימאַנט פון דער קרוין, וועלכער האָט בעציערט דעם סאַמע שפּיץ פון דער קרוין, איז ווערטה אַ פּאָר מיליאָן דאָלאַר. מען קען זיך דעריבער פאָרשטעלען, וויפיעל דיעזע קרוין איז ווערטה געוועזן, ווען מען וועט בערעכענען, אַז דיא גאַנצע קרוין איז געוועזן אָנגעפּיקעוועט מיט צעהנדליגע גרויסע און זעלטענע עדעלשטיינער.

און דאָס גאַנצע בילד פון גלאַנץ, פּראַכט און לוקסוס האָט פערענדיגט ערשט דער זאַאל אַליין, אין וועלכען דער ראַדזשאַה פלעגט געבען זיינע בעלער. דיא פּאָדלאָגע איז געוועזן אויסגעלעגט פון קליינינקע בעזונדערע שטיקלעך קאָ־לירטען גלאָז, וועלכעס מען האָט ספּעציעל פאַר׳ן ראַדזשאַה פאַר יאָהרען לאַנג פאַרבערייטעט אין כינאַ און געבראַכט נאָכדעם פון דאָרטען אויף אַ ספּעציעלער שיף. צונויפשטעלען די שטיקלעך גלאָז אין בעזונדערע פיגורען און אוזאָרען האָט גענומען אַ היבשע צייט און דיא גרעסטע קינסטלער פון כינאַ, יאַפּאַן און אינ־דיען האָבען דאַרויף געאַרבייט.

דיא הויכע געבויגענע סטעליע איז אויך געמאַכט געוואָרען פון גלאָז און ביי דער רייכער בעלייכטונג האָט זיא געמאַכט דעם איינדרוק, וויא מען וואָלט געשטאַנען אונטער דעם טיעפען, ערהאַבענעם אינדישען הימעל מיט זיינע גרויסע וואונדערבאַר־ליכטיגע שטערען; און אָפט מאָל האָט זיך זאָגאַר געדאַכט, אַז דיעזער קינסטליכער הימעל איז נאָך פיעל שעהנער וויא דער נאַטירליכער הימעל, כאָטש מבינים אויף נאַטור־שעהנקייט בעהויפּטען, אַז עטוואָס שעהנערעס פון דעם אינדישען הימעל קען זיך אַ מענש גאָר ניט פאָרשטעלען.

דיא הויפּט זאַך ביי דעם ראַדזשאַה סקינדיאַ׳ס פעסטליכקייטען פלעגט זיין דאָס טאַנצען פון אַ גאַנצער מחנה יונגינקע מיידלעך צווישען זיעבען און צוועלף יאָהר אַלט. אין אינדיען טאָרען פרויען, הויפּטזעכליך דיא מאַכמעדאַנישע פרויען, זיך ניט בעווייזען פאַר מענער מיט אָבגעדעקטע געזיכטער. דאָרט, וויעדער, ווערען מענשען שנעל רייף און אַ אַ צוועלף־יעהריג מיידעל איז שוין אַ פאָלשטענדיג־ענטוויקעלטע פרוי. עס טרעפט ניט זעלטען, אַז אַ מיידעל פון זיעבען יאָהר ווערט שוין פערהייראַטה און, דערצו, צו אַן עלטערען מאַן. עס ווערט גערעכענט, אַז אין אינדיען געפינען זיך עטליכע צעהנדליגע טויזענדע צוועלף־יעהריגע אלמנות.

אויף אַזאַ אופן, האָבען ביי דיא סעודות פון דעם ראַדזשאַה אייגענטליך געטאַנצט ניט קיין קינדער, נאָר פאָלשטענדיג ענטוויקעלטע פרויען, פיעלע פון וועלכע זיינען געווען טאַקע דעם ראַדזשאַה׳ס אייגענע פרויען, ווייל ער האָט געהאַט אַ האַרעם מיט פיעלע פרויען, אין עלטער פון זיבען יאָהר ביז פיערציג יאָהר.

דיעזע פרויען־קינדער פלעגען טאַנצען מוטער־נאַקעט, בלויז איינגעהילט אין דינע, דורכזיכטיגע שטאָפען. זיי זיינען אַלע געווען קינסטלערינען אין טאַנצען און זייערע יונגע, בויגזאַמע, צאַרטע קערפּערס, זייערע מונטערע בעוועגונגען און זייערע ברענענדע טיעפע אויגען האָבען שוין צום לעצטען פערפאָלקאָמט דאָס בילד און אַוועקגעטראָגען דעם צושויער אין דער וואונדערליכער וועלט פון דיא וועלט־בעריהמטע פאַנטאַסטישע מעשה׳לעך פון ״טויזענד און איין נאַכט״.

אָט־דאָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער גאַסט־זאַאל אין ראַדזשאַה סקינדיאַ׳ס פּאַלאַץ אין דער צייט פון אַ הוליאַנקע. ניט וועניגער פּראַכטפאָל זיינען אָבער געווען אויך דיא איבריגע צעהנדליגע צימערען און ניט וועניגער פּראַכטפאָל איז געווען דער גאַנצער פּאַלאַץ אפילו אין אַ רוהיגער צייט, ווען דער ראַדזשאַה האָט ניט געהוליעט און האָט ניט אויפגענומען קיין געסט.

אין דיעזען פּאַלאַץ האָט זיך איצטער געפונען דער סאַבולפאַרער ראַדזשאַה סקינדיאַ מיט איינינע פון זיינע נאָהענטע.

עס איז געווען פאַרטאָג. דיא זון האָט געהאַלטען ביים אויפגעהן. אַ וואונ־

דערבארער פריעדען איז געווען צוגאַסען אין דער גאַנצער נאַטור אַרום דעם ראַדזשאַה'ס פאַלאַץ. עס האָט זיך נור געהערט דאָס צווויטשערען פון פערשיעדענע פויגלען און פון צייט צו צייט אַ קוויטש פון אַ מאַלפּע.

דיא ערשטע שטראַהלען פון דער אויפגעהענדער זון האָבען בעגאָסען מיט גאָלד דיא געגילטע שפּיצען און טורעמס פון דעם פּאַלאַץ, וועלכער האָט זיך געפונען אויף אַ הויכען בארג און האָט אויסגעזעהן וויא אַ פעסטונג. און אַ פעסטונג איז דער פּאַלאַץ ווירקליך געווען. אויף איינינע טורעמס האָבען זיך געזעהן האַרמאַטען און בעוואַפענטע מענשען זיינען דאָרט אַרומגעלאָפען פון איין פּלאַץ אויף'ן אַנדערען.

דאָס איז געווען אַ נאַטירליכע פעסטונג, ווייל אַרום און אַרום האָבען זיך געפונען הויכע בערג און גערדיכטע וועלדער. צוקומען צום שלאָס האָט מען געקענט נור דורך אַ שמאָלען וועג, וואָס האָט געפיהרט נאָך סאַבולפאָר. קיין גרויסע אַרמעע האָט אויף דעם וועג ניט געקענט געהן, ווייל מען האָט געקענט געהן בלויז איינציגווייז, העכסטענס — פּאַרלעכווייז. אויף אַזאַ שטייגער האָבען געצעהלטע עטליכע מענשען מיט דער הילף פון דיא האַרמאַטען אויף דיא טור־רעמס געקענט ערפאָלגרייך קעמפּפען געגען אַ גאַנצער אַרמעע.

דיא ענגלישע רעגיערונג האָט שוין פון לאַנג איינגעזעהן, וויא וויכטיג דעם ראַדזשאַה'ס פּאַלאַץ קען זיין אין צייט פון קריעג אָדער פון אַן אויפשטאַנד און זיא האָט ניט איין מאָל שוין פערהאַנדעלט מיט'ן ראַדזשאַה, ער זאָל דעם שלאָס איהר פערקויפען. דער ראַדזשאַה האָט אָבער וועגען אַזאַ זאַך ניט גע־וואָלט הערען און צונעהמען דעם שלאָס מיט געוואַלט האָט דיא ענגלישע רעגיערונג ניט געוואַגט. און איצטער, ווען מען האָט פערכאַפּט פון סאַבולפאָר אַ פּאָר האַרמאַטען און דעם פּאַלאַץ בעפעסטיגט, האָט עס אויסגעזעהן, אַז דאָ וועט ראַדזשאַה סקינדיאַ זיין גאַנצען לעבען לאַנג קענען קעמפּפען געגען דיא ענגלענ־דער.

אַזוי האָט עס אויסגעוויזען, עס איז אָבער ניט געווען אַזוי אין דער ווירק־ליכקייט.

פערצווייפלונג און שרעק האָבען געהערשט אין דער פּאַלאַץ־פעסטונג.

דער ראַדזשאַה האָט פון דעם יאַגד־פּלאַץ, וואו ער האָט געפאַנגען, וויא מיר וויסען שוין, דיא וועסטאַלקעס, דיא ענגלענדער און דיא איינגעלאַדענע אָפּי־ציערען פון דעם סאַבולפאָרער גאַרניזאָן, זיך גלייך אומגעקעהרט נאָך סאַבולפאָר, וואו ער האָט ערוואַרטעט צו זעהן דיא פעסטונג אין דיא הענד פון זיינע מענשען. זיינע ערוואַרטונגען זיינען ניט אין גאַנצען ערפילט געוואָרען. בלויז אַ טהייל פון דער פעסטונג איז איינגענומען געוואָרען. אין דער צווייטער טהייל האָבען זיך פעסט געהאַלטען דיא ענגלישע סאָלדאַטען. אַ ביטערער קאַמפּף איז אָנגע־

גאַנגען אַ גאַנצען טאָג צווישען דיא בעלאַגערער און דיא בעלאַגערטע, דער זיעג פון דעם ראַדזשאַה איז אָבער געווען נאָך ווייט.

— וואו איז עוועלין ? — האָט דיא גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו פרעגען דער ראַדזשאַה — זיא איז גוט בעקאַנט מיט דער פעסטונג און וואָלט פיליכט אונז געקענט אָנצייגען אַ שוואַכען פונקט, דורך וועלכען מען קען זיך אריינרייסען אין יענער טהייל, וואו דיא פערדאַמטע ענגלענדער געפינען זיך.

מען האָט עוועלין געזוכט איבעראַל, אָבער אַלעס איז געווען אומזיסט. דאָס האָט שטאַרק בעאונרוהיגט דעם ראַדזשאַה. איהם איז איינגעפאַלען, אַז דיא ענגלענדער האָבען פיליכט אויסגעפונען עוועלין'ס פערראַטה. אָבער וואָס האָבען זיי מיט איהר געטהאָן ?

און דאַן האָט אַ נייער געדאַנק גענומען מאַטערען דעם ראַדזשאַה. אויב דיא ענגלענדער האָבען אויסגעפונען עוועלין'ס פערראַטה, האָבען זיי שוין פיליכט פאַר איין וועג דורך איהר ענטדעקט דעם סוד, אַז קאָלאָנעל גאָלדסמיטה געפינט זיך אויף זיין צוריק-רייזע נאָך סאַבולפאָר — אַ זאַך, וואָס נור ער, דער ראַדזשאַה און עוועלין האָבען געוואוסט, און דאָס גיט זיי פיליכט צו מוטה זיך צו האַלטען אַזוי פעסט.

אַ דריטער, אַ נאָך שרעקליכערער געדאַנק האָט באַלד אַ בליץ געטהאָן אין דעם ראַדזשאַה'ס מוח : האָבען פיליכט דיא ענגלישע סאָלדאַטען אַרויסגעשיקט שליחים צו לאָזען וויסען דעם קאָלאָנעל וועגען דיא פאַסירונגען אין סאַבולפאָר ? נאָך'ן ראַדזשאַה'ס אויסרעכנונגען איז אויסגעקומען, אַז דער קאָלאָנעל וועט מיט זיינע סאָלדאַטען ניט קענען אָנקומען אַהער פריהער וויא אין צוויי טעג אַרום און פאַר דער צייט האָט ער געהאָפט צו האָבען דיא פעסטונג אין זיינע הענד און מיט דיעזער פעסטונג, מיט זיין שלאָס און מיט דער הילף וואָס ער האָט ערוואַרטעט פון דיא אַרומיגע שבטים, האָט ער געהאָפט צו צושלאָגען דעם קאָלאָנעל און אויפהויבען אַן אויפשטאַנד פריהער איבער דער פראָווינץ און נאָכדעם איבער'ן גאַנצען לאַנד. דאָס זיינען געווען זיינע פריהעריגע אויסרעכנונגען, איצטער האָט ער שוין גענומען צווייפלען. ווער ווייס, אפשר איז גאָר דער קאָלאָנעל נעהענטער וויא ער האָט גערעכענט ?

ער האָט דעריבער בעשלאָסען אַרויסצושיקען ווייט אַרום שליחים, אום אויסצוגעפינען, אויף וויפיעל ער איז זיכער פון דעם קאָלאָנעל גאָלדסמיטה.

פיעלע לאַנגע שטונדען פון צווייפעל און ערוואַרטונג זיינען פאָראיבער, דיא ערשטע ידיעה, וואָס דער ראַדזשאַה האָט געקראָגען פון זיינע שליחים, האָט דערלאַנגט אַ טויט-קלאַפ דעם ראַדזשאַה'ס אַלע פלענער. דיא ידיעה איז בעשטאַנען אין דעם, אַז דער קאָלאָנעל איילט זיך צו סאַבולפאָר און וועט דאָרט פיליכט זיין אין אַ פאָר שטונדען אַרום.

דער ראַדזשאַה האָט זיך מיט זיין ניט איבעריג-גרויסער צאָהל מענשען איצ-

טער געפונען צווישען צוויי פייערען: צווישען דעם גאַרניזאָן פון דער פעסטונג און צווישען דעם קאָלאָנעל'ס סאָלדאַטען. נאַטירליך איז דאָס גלייכסטע געווען צו געהן אַנטקעגען דעם קאָלאָנעל און איהם בעפאַלען אונערוואַרטעטערהייד. ביי דער פעסטונג האָט ער גערעכענט איבערצולאָזען בלויז אַ קליינע צאָהל סאָלדאַטען, כדי אָבצונאַרען דיא בעלאַגערטע, אום זיי זאָלען ניט אַרויס פון דער פעסטונג און איהם בעפאַלען פון הינטען.

אַזוי איז עס בעשלאָסען געוואָרען. שטיל האָבען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט דיא הינדוסען זיך גענומען גרייטען צו געהן אַנטקעגען דעם קאָלאָנעל, ווען אַ נייער שליח איז אָנגעקומען און האָט געבראַכט אַ צווייטע ידיעה, אַז ער האָט געזעהן עוועלין'ס טויטען קערפּער ניט ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו דער קאָלאָנעל האָט געהאַט זיין לאַגער.

— הייסט עס — האָט דער טויט־בלאַסער ראַדזשאַה געזאָגט צו זיינע ראַטהגעבער — אַז דער קאָלאָנעל ווייס שוין אַלעס וואָס דאָ קומט פאָר. וועגען אַן אונערוואַרטעטען איבערפאַל קען שוין קיין רעדע ניט זיין.

זיינע ראַטהגעבער זיינען מיט איהם געווען איינשטימיג.

— יאַ, אַזוי שיינט עס — האָט איינער פון זיי געזאָגט — דיא ענגלענדער האָבען וואַהרשיינליך זיך דערוואוסט וועגען עוועלין'ס פערבינדונגען מיט אונז, האָבען זיא געפאַנגען און זיא געצוואונגען אויסצוזאָגען, וואו דער קאָלאָנעל געפינט זיך. זיי האָבען זיא דאַן מיטגענומען מיט זיך צום קאָלאָנעל און דאָרט האָט זיא מסתמא ארויסגעגעבען אַלע אונזערע פּלענער.

— טאָ וואָס בלייבט איצטער צו טהאָן? — האָט געפרעגט דער ראַדזשאַה.

לאַנגע, היציגע בעראַטהונגען זיינען אויף שנעל אָבגעהאַלטען געוואָרען און ענדליך איז בעשלאָסען געוואָרען פאָלגענדעס:

דעם פריהריגען פּלאַן וועגען אַרויסשיקען דעם ראַדזשאַה'ס מיליטער געגען דעם קאָלאָנעל זאָל מען ניט אויפגעבען. פערלירען האָט מען דאָך שוין במילא ניט געהאַט וואָס, זאָל מען אַם ווענינסטען פּרובען. אפשר וועט דאָך געלינגען צו בעזיעגען דעם קאָלאָנעל. און אויב אפילו ניט, וועט מען איהם, אַם ווענינסטען, פיללייכט קענען אָבהאַלטען פון צוצוקומען צו סאַבולפּאָר, ביז עס וועט קומען הילף פון דיא אַרומיגע שבטים.

עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען איבערצולאָזען אַ קליינע צאָהל מענשען ביי דער פעסטונג. זייער אויפגאַבע איז געווען צו שיסען אָהן אויפהער, אום צו מאַכען דעם איינדרוק, אַז אַ גרויסע אַרמעע בעלאַגערט דיא פעסטונג.

און אויף יעדען פאַל, טאָמער וועט דער פּלאַן ניט געלינגען, איז בעשטימט געוואָרען, אַז דער ראַדזשאַה מיט אַ פּאָר צעהנדליג מענשען זאָלען זיך בעפעסטיגען אין זיין פּאַלאַץ. דאָרט, האָבען זיי גערעכענט, וועלען זיי מיט אַ קליי־

נער צאָהל מענשען זיך קענען האַלטען לאַנג גענוג, ביז עס וועט צו זיי קומען הילף.

און אָט זעהן מיר איצטער דעם ראַדזשאַה אין זיין בעפעסטיגטען שלאָס.

ער שטעהט אויף אַ הויכען טורעם און קוקט אין דער ריכטונג פון סאַבול־פאָר. זיין שטערן איז אָנגעכמורעט, זיינע אויגען ברענען פיעבעריש. פאַר איהם שטעהט אַן אינדישער אָפיציער, וואָס האָט פריהער געדיענט אין דעם ענגלישען רעגימענט אין סאַבולפאָר און איז איבערגעגאַנגען אויף דעם ראַדזשאַה׳ס זייט, ווען דער אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכען. ער איז נור־וואָס געקומען פון סאַבולפאָר מיט דיא לעצטע ידיעות, וועלכע האָבען געבראַכט דעם ראַדזשאַה צו דער לעצטער שטופע פון פערצווייפלונג.

— אַלעס איז פערלאָרען! — האָט מיט ביטערקייט גערעדט דער אָפיציער — אונזערע סאָלדאַטען זיינען צושלאָגען און דיא מעהרסטע פון זיי זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען וויא שעפסען. זיי האָבען געקעמפפט וויא העלדען, אָבער זייערע אַלע אָנשטרענגונגען זיינען געווען אומזיסט. זיי איז אויסגעקומען צו קעמפפען איינער געגען פינף און זיי זיינען געפאַלען. געצעהלטע מענשען האָבען זיך גערעטעט. דיא איבריגע ליעגען טויט און פערוואונדעט אָדער זיינען געפאַנגען.

— דאָס ווייס איך שוין וועגען דיעניגע, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטען געגען קאָלאָנעל גאָלדסמיטה — האָט פינסטער געזאָגט דער ראַדזשאַה — וואָס הערט זיך אָבער מיט סאַבולפאָר?

— סאַבולפאָר איז שוין צוריק אין דיא הענד פון דיא ענגלענדער — האָט שטיל געזאָגט דער אָפיציער.

דער ראַדזשאַה איז געבליבען שטעהן וויא אַ פערגליווערטער.

— אַלעס פערלאָרען, אַלעס פערלאָרען! — האָט ער געמורמעלט.

— מיר קענען זיך נאָך לאַנג האַלטען אין דיעזען שלאָס — האָט בעמערקט איינער פון דעם ראַדזשאַה׳ס מקורבים.

דער ראַדזשאַה האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן אזוי ווי ער וואָלט זיך געמאַטערט צו פערשטעהן, וואָס יענער רעדט צו איהם, און וואָלט ניט געקענט. ענדליך האָט ער, ווייזט אויס, דאָך מיט מיה פערשטאַנען דיא בעדייטונג פון יענעמס ווערטער און האָט פערצווייפעלט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

— אַלעס פערלאָרען! — האָט ער געזאָגט — אונזער לאַנד וועט שוין אייביג בלוטען אונטער דעם יאָך פון דיא ענגלענדער. דאָס איז געווען אונזער לעצטער פערזוך.

אַ לאַנגע צייט איז ער נאָכדעם געשטאַנען פערזונקען אין שווערע מחשבות. אַלע אַרומיגע האָבען ניט געוואַגט זיך אַ ריהר צו טהאָן. פּלוצלונג האָט דער ראַדזשאַה זיך אומגעקעהרט צו זיי און גענומען אויף זיי קוקען מיט פרעהליכע

אויגען. דיעזע פרעהליכקייט האָט אָבער אויף זיי אַנגעוואָרפען אַ מורא. אין דעם ראַדזשאַה'ס בליק האָט זיך געזעהן משוגעת.

— צום לעצטען מאָל! — האָט ער געמורמעלט — צום לעצטען מאָל און שוין!

אַלע האָבען אויף איהם געקוקט מיט פערוואונדערונג.

— יאַ, צום לעצטען מאָל! — האָט ער ווידערהאָלט — און דאַן זאָל אַלעס געהן צום טייפעל! קיין זאַך זאָל ניט אריינפאַלען אין דיא הענד פון דיא פערדאַמטע ענגלענדער!

אין אַ מינוט אַרום האָבען זיך געהערט דעם ראַדזשאַה'ס מונטערע בעפעהלע און דיא דיענער האָבען גענומען וויא משוגעים אַרומפליהען איבער'ן גאַנצען פּאַלאַץ. אַלע צימערען זיינען פּראַכטפאָל בעלויכטען געוואָרען. אַם העלסטען איז געוועזען בעלויכטען דער גאַסט-זאַאַל, וואו דער ראַדזשאַה פלעגט מאַכען זיינע בעריהמטע הוליאַנקעס.

אין דיעזען זאַאַל האָבען איצטער דיא דיענער געשלעפּט קאַסטענס מיט גאָלדענעם, זילבערנעם און גלעזערנעם געשיר; אַהין זיינען צונויפגעבראַכט געוואָרען אַלע דימאַנטען, בריליאַנטען און פּערל וואָס דער ראַדזשאַה האָט פערמאָגט און אַהין זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע פרויען וואָס האָבען זיך געפונען אין פּאַלאַץ.

אַלע און אויך דער ראַדזשאַה האָבען געטראָגען זייערע גלענצענדסטע קליידער און זיינען געוועזען בעהאַנגען מיט דיא טהייערסטע עדעלשטיינער.

דער ראַדזשאַה האָט געהוליעט. וויין האָט זיך געגאָסען, מוזיק האָט געשפּיעלט, דיא פרויען האָבען געטאַנצט און דער ראַדזשאַה האָט מיט אַ משוגע'נער פרייד אַלעס צוגעזעהן. אַלע האָבען געמוזט טרינקען ביז שכרות.

ביי אַ שטונדע צייט האָט אַנגעהאַלטען דיא ווילדע הוליאַנקע. ווען אַלע זיינען שוין געוועזען טויט-שכור, האָט דער ראַדזאַשה צונויפגעשלעפּט אַלעס וואָס האָט זיך געפונען אין צימער, האָט עס צונויפגעוואַלגערט אין איין הויפען און האָט עס אַנגעצונדען. אין טויט-שרעק האָבען אַלע גענומען לויפען פון דעם זאַאַל, אָבער דער ראַדזשאַה האָט זיי פערשטעלט דעם וועג.

— וואַרט! — האָט ער געזאָגט — ניט אַלעס איז נאָך צו ענדע.

ער האָט לאַנגזאַם אַראָבגענומען פון זיך דיא קרוין און האָט זיא אריינגעוואָרפען אין פייער. נאָכדעם האָט ער אַראָבגענומען פון זיך איין שטיק ציערונג נאָך'ן צווייטען און אַלעס איז געפלויגען אין פייער אריין.

— וואַרפט אַלעס אין פייער! קיין זאַך זאָל ניט פערבלייבען פאַר דיא פערדאַמטע ענגלענדער! — האָט ער געשריען וויא אַ משוגע'נער.

אַלע זיינען געוואָרען אַנגעשטעקט פון זיין משוגעת און מיט ווילדער פרייד האָבען אַלע געפאָלגט.

דאָס פייער האָט פּרעהליך געקנאַקט, האָט געשמאָלצען דאָס גאָלד און דאָס זילבער, האָט אַ תל געמאַכט פון דיא עדעלשטיינער, האָט צושטערט דעם פּאָרצעליינעם קאָלירטען דיל (פּאָדלאָגע) און האָט זיך געדראָפּעט איבער דיא זעלטען־רייכע וואַנד צו דער סטעליע, וועלכע האָט דערמאָנט אָן דעם געטליכען אינדישען הימעל.

מעהר צו בלייבען אין זאַאל איז שוין געווען אונמעגליך.

— נאָך מיר! — האָט בעפוילען דער ראַדזשאַה.

ער איז געגאַנגען איבער פערשיעדענע צימערען, האָט אַלעס בעטראַכט מיט אַ שנעלען בליק און איז ווייטער געגאַנגען. ענדליך איז ער געקומען אין קעלער פון שלאָס, וואו ער האָט אָנגעזאַמעלט אַ מאַסע פּולווער, ווען ער האָט זיך אין געהיים געגרייט צום אויפשטאַנד.

דיא וואָס האָבען איהם נאָכגעפאָלגט האָבען שוין איצטער קלאָר פערשטאַנען זיין פּלאַן, אָבער זיי האָבען דיא קלענסטע בעוועגונג ניט געמאַכט איהם צו שטערען.

דער ראַדזשאַה האָט זיי אַלע אריינגעלאָזט אין קעלער, האָט פעסט פערמאַכט דיא טהיר, האָט זיא פערשלאָסען, האָט פערשליידערט דעם שליסעל אין מיטען פון דעם הויפען פּולווער, האָט אַראָבגענומען זיין מאַנטעל, האָט איהם צושפּרייט איבער׳ן פּולווער און האָט איהם אָנגעצונדען.

דיא איבריגע מענשען זיינען דיא גאַנצע צייט געשטאַנען וויא טויטע.

אין אַ סעקונדע ארום האָט זיך דערהערט אַ שרעקליכער קראַך, דאַן נאָך איינער נאָך אַ שרעקליכער און אַלעס איז געווען צו ענדע: אַלעס איז געלעגען אין חורבות, אַלעס איז געווען צוריסען און פערניכטעט.

דער ראַדזשאַה איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין בעריהמטען פּאַלאַץ מיט זיינע אונגעהייערע רייכטהימער.

צום לעצטען מאָל האָט דער ראַדזשאַה אָבגעהוליעט און קיין זאַך איז ניט געבליבען נאָך זיין טויט פאַר זיינע שונאים.

39טעם קאַפּיטעל.

צוויי פאַמיליען פעראייניגט

אין דעם הויז פון קאָלאָנעל גאָלדסמיטה איז פערזאַמעלט אַ קליינע געזעל־שאַפט — אַ געזעלשאַפט, וועלכע מען וואָלט פאַר קיין פאַל ניט געקענט צו־זאַמעננעהמען גאָר מיט אַ קורצער צייט צוריק צוליעב דיא פערשיעדענע פאָר־אורטיילע אָדער אונגליקס־צופעלע, וואָס האָבען זיי, וויא עס האָט געשיינט, צושיידט אויף אימער.

דאָ זיינען געווען דער קאָלאָנעל אליין און זיין טאָכטער, וועלכע איז אזוי געהיימניספאָל פערשוואונדען און איז אומגעקעהרט געוואָרען אהיים דורך עלען פעטערסאָן'ס הילף; עלען פעטערסאָן און איהר מוטער, וועלכע זיינען זיך געווען אזוי פרעמד זייט פיעלע יאָהרען און זיינען יעצט געווען פעראייניגט דורך שטאַרקע געפיהלען פון מוטער־ליעבע און טאָכטער־ליעבע; און, ענדליך, אויך לאָרד האַרלינטאָן, וועלכער האָט אזוי לאַנג אומזיסט געשטרעבט צו געווינען עלען'ס ליעבע און האָט זיא איצטער דאָך געוואונען.

שטילע רוה און צופריעדענהייט האָט אָנגעפילט דיא הערצער פון דיעזע מענשען.

דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג נאָך דעם צוריקקומען פון קאָלאָנעל גאָלד־סמיטה נאָך סאַבולפאָר, ווען ער האָט מיט איין קלאַפּ געמאכט אַן ענדע צום אויפשטאַנד.

עס האָט אזוי פּאַסירט, אַז פּונקט אויף'ן צווייטען פריהמאָרגען, נאָכדעם וויא דיא פעסטונג איז צוריק אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דיא ענגלענ־דער, איז אין סאַבולפאָר אָנגעקומען עלען'ס מוטער אין בעגלייטונג פון דיא וועסטאַלקעס און דיא ענגלענדער וואָס האָבען צוזאַמען מיט איהר פערלאָזען דיא שיפען. און ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם נור־וואָס געענדיגטען אויפשטאַנד און האָבען מיט מורא פאר דעם שיקזאַל פון זייערע פריינד, וואָס זיינען פון פריהער געווען אין סאַבולפאָר, זיך געווענדעט צו קאָלאָנעל גאָלד־סמיטה נאָך אויסקינפטע וועגען זיי, האָבען זיי דאָרט דיעזע פריינד שוין געפונען.

לאָרד האַרלינגטאָן, עלען פעטערסאָן און דיא איבריגע, וואָס זיינען גע־פאַנגען געוואָרען פון דעם ראַדזשאַה, האָבען נאָך זייער בעפרייאונג, וויא מיר ווייסען שוין, זיך געלאָזט געהן צוריק נאָך סאַבולפאָר. ווען זיי זיינען אהין צוגעקומען, האָבען זיי פון ווייטענס געהערט דיא לעצטע שיסעריי, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דיא ענגלישע סאָלדאַטען און הינדוסען. ניט ווייסענדיג, וואָס דאָרט קומט פאָר און ווער עס איז דער זיעגער, האָבען דיא מענער ניט געוואָגט צו ברייננגען אהין דיא פרויען.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז דיא אָפיציערען זאָלען אוועק אין סאַבול־פאָר ערפילען זייער דיענסט־פפליכט און ביי דער ערשטער געלעגענהייט לאָ־זען וויסען דיא ענגלענדער, אויב זיי קענען אריינקומען אין סאַבולפאָר, אָדער עס איז פאַר זיי בעסער וואָס פריהער זיך צו רעטען.

דיא אָפיציערען זיינען אוועק און באַלד האָבען דיא איבערגעבליבענע געהערט, וויא דיא שיסעריי האָט אויפגעהערט. וואָס דיא אורזאַכע דערפון איז געווען, האָבען זיי נאַטירליך ניט געקענט ווייסען. האָבען דיא ענגלענדער גע־

זיענט אדער די הינדוסען? אט דיעזע פראגע איז זעהר וויכטיג געוועזן צו פערענטפערען, אבער, ליידער, איז דאס געוועזן אונמעגליך פאר זיי.

שוועד און לאנגזאם האט זיך געצויגען די צייט און קיין ידיעה פון די אפיציערען פון סאבולפאר איז נאך אלץ ניט געקומען. ערשט אין צוויי שטונדען ארום האבען די ענגלענדער און די וועסטאלקעס פון דער ווייטענס בעמערקט א גרופע רייטער. זיינען דאס שונאים אדער פריינד? ווער ווייס? יעדענפאלס האט מען זיך בעדארפט צוגרייטען צום קאמפף מיט די ארימע מיטלען, וועלכע זיי האבען געהאט.

מען האט גענומען איינ׳טענה׳ן מיט די פרויען, אז זיי זאלען זיך צוריקציהען און זיך בעהאלטען און איבערלאזען די פערטהיידיגונגס־ארבייט פאר די מענער, אבער קיינע פון זיי האט וועגען דעם ניט געוואלט הערען. קיין פיעל צייט זיך צו קריעגען וועגען דעם איז שוין ניט געוועזן. מען האט קלאר געזעהן, אז די רייטער האבען בעמערקט די אמעריקאנערינס און די ענגלענדער און לאזען זיך צו זיי מיט מעהר שנעלקייט. רעטען זיך איז שוין דעריבער קיין מעגליכקייט ניט געוועזן. איין טרייסט איז געוועזן, וואס מען האט שוין איצטער קלאר געזעהן, אז די צאהל רייטער איז זעהר קליין און מען האט געקענט האפען אין פאל פון א פיינדליכען איבערפאל זיך צו קענען פערטהיידיגען מיט מעהר אדער וועניגער ערפאלג.

די מענער האבען זיך אויסגעשטעלט אין דער ערשטער רייהע און האבען געהאלטען גרייט די וואפען, וועלכע זיי האבען צוגענומען ביי די סאלדאטען, ווען זיי האבען זיך בעפרייט. די פרויען זיינען געשטאנען אין דער צווייטער רייהע.

אבער די פארבערייטונגען צום קאמפף זיינען געוועזן אומזיסטע. הענדריקס, וועלכער האט געהאט א שארפע ראיה, האט באלד דערקענט, אז די רייטער זיינען ענגלישע אפיציערען און קיין צוויי מינוטען זיינען נאך ניט פאראיבער נאך הענדריקס׳עס ענטדעקונג, ווי מערי גאלדסמיטה האט ווי ניט מיט איהר קול אויסגעשריען:

— מיין פאטער!

זי האט קיין טעות ניט געהאט: דאס איז געוועזן ווירקליך קאלאנעל גאלדסמיטה, וועלכער איז אוועק בעגעגענען זיין טאכטער אזוי שנעל ווי ער האט זיך דערוואוסט פון די אנגעקומענע אפיציערען, וואו זי געפינט זיך. מיט דעם קאלאנעל איז אויך געקומען טשארלס וויליאמס.

דאס בעגעגענען זיך פון דעם פאטער מיט דער טאכטער איז געוועזן עטוואס וואס א מענשליכע פעדער קען ניט בעשרייבען. דער קאלאנעל, וואס האט כמעט זיין גאנצען לעבען פערבראכט אין שטענדיגע בלוט־פערגיסונגען אין די אונ־

רוהיגסטע טהיילען פון אינדיען, האט איצטער געווײנט וויא א שוואכע פרוי, געווײנט מיט טרעהרען פון פרייד און גליק.

און אין דער צייט, ווען דער גליקליכער פאטער איז געווען פערנומען מיט דער טאכטער, האבען דערווייל דיא אפיציערען און טשארלס וויליאמס בעקאנט געמאכט דיא ענגלענדער און דיא וועסטאלקעס מיט אלעס וואס עס איז פארגע־קומען אין סאבולפאר.

— אה, איז דארט געווען היים! — האט דערצעהלט וויליאמס — אזוי היים, וויא דיא ליעבע פון אן ענגלענדער צו...

— צו א געוויסער וועסטאלקע — האט אונטערגעכאפט הענדריקס, און אלע האבען זיך פרעהליך צולאכט.

ווען זיי זיינען צוריק אנגעקומען אין סאבולפאר, האבען זיי דא געטראפען א שרעקליכע פערוויסטונג. אלעס איז געווען פערניכטעט, פערוויסטעט, צו־טראטען און צושאסען. איבעראל האבען זיך געוואלגערט מענשליכע קערפער, וועלכע מען האט נאך קיין צייט ניט געהאט אבצוראמען.

דיא מעהרסטע הייזער אין דער פעסטונג און ארום דער פעסטונג זיינען געווען צושטערט. א גליקליכער צופאל האט אבער געבראכט דערצו, אז קאלאנעל גאלדסמיטה'ס הויז איז געבליבען גאנץ און דארט האבען געפונען רוה דיא אויסגעמאטערטע און פערהונגערטע וועסטאלקעס און זייערע בעגלייטער.

— וואו איז עוועלין? — איז געווען מערי גאלדסמיטה'ס ערשטע פראגע, וויא זיא איז נור אריינגעקומען אין הויז.

דער קאלאנעל האט א מאך געטהאן מיט דער האנד, וויא ער וואלט דערביי דערפיהלט א זעהר שארפען וועהטאג, און האט געזאגט:

— זיא האט געקראגען איהר שטראף.

— אבער וואס האט מיט איהר פאסירט?

— זיא האט זיך פערגיפטעט... אבער, קינד מיינס, פרעג מיך איצטער מעהר ניט וועגען איהר...

מען האט זיך גענומען דערצעהלען איינער דעם צווייטען, וואס מיט יע־דען איז פארגעקומען אין דער צייט, וואס זיי זיינען געווען צושיידט. אלע זיינען געווען מיעד, אבער קיינער האט גארניט געטראכט וועגען רוה.

טשארלס וויליאמס האט זעהר קאמיש דערצעהלט וועגען אלעס וואס מיט איהם האט פאסירט, ווען א דיענער איז ערשיענען און האט געמעלדעט, אז לייטע, וועלכע בעהויפטען, אז זיי זיינען פון דיא שיפען "אמאר" און פון דער "וועסטא", ווילען זעהן דעם קאלאנעל.

דער קאלאנעל האט נאך קיין בעגריף ניט געהאט, וואס פאר שיפען דאס זיינען, אבער איידער ער האט צייט געהאט וועגען דעם צו פרעגען, זיינען שוין דיא וועסטאלקעס און דיא ענגלענדער אויפגעשפרונגען און זיינען ארויס בעגעגענען

זייער פריינד. עס האָבען זיך אָנגעהויבען אומאַרמונגען; עס האָבען זיך גע־שאָטען פראַגען און ענטפערס.

פלוצלונג האָט עלען דערפיהלט, וויא אימיצער ציהט זיא אָן אַ זייט. זיא האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן יאָהאַנאַ לינד.

— אָה, דאָס זייט איהר? — האָט עלען געזאָגט און האָט זיא געוואָלט אומאַרמען.

יאָהאַנאַ לינד האָט, ווייזט אויס, עלען'ס בעוועגונג ניט בעמערקט און האָט איהר אַ וואונק געטהאָן, זיא זאָל מיט איהר אָבגעהן אָן אַ זייט. עלען האָט זיא ערשטוינט אָנגעקוקט, האָט אָבער געפאָלגט.

— מיר האָבען אייך געבראַכט אַ גאַסט — האָט אָנגעהויבען יאָהאַנאַ לינד — אַ טהייערען גאַסט, מיט וועלכען איהר וועט זיך שטאַרק דערפרעהען און וועלכען איהר האָט ניט ערוואַרטעט. און טאַקע דערפאַר האָב איך גע־רעכענט פאַר נויטיג אייך פריהער צו וואָרענען.

— אַ גאַסט? — איז נאָך מעהר ערשטוינט געוואָרען עלען — ווער איז עס?

יאָהאַנאַ לינד האָט גאָר ניט געענטפערט, נאָר האָט זיא אָנגענומען ביי דער האַנד און זיא צוגעפיהרט צו אַ גרופּע וועסטאַלקעס. עלען האָט אַ קוק געטהאָן און איז פערשטאָרבען געוואָרען פאַר איבערראַשונג, פרייד און שרעק. זיא האָט דערזעהן איהר מוטער.

— וויא פערלעטערט און אונגליקליך זיא זעהט אויס! — איז דורכגע־לאָפען אין עלען'ס מוח און איהר האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט רחמנות און ליעבע צו איהר מוטער.

אין דיעזער מינוט האָט זיא זיך געפונען אין איהר מוטער'ס אומאַר־מונגען. זיי האָבען ביידע קיין וואָרט ניט גערעדט. זיי זיינען פערשטאָרבען געוואָרען איינע אין דער צווייטערס אומאַרמונגען.

ווען עלען איז שפּעטער געבליבען אליין מיט איהר מוטער, האָט אַמאַליא סטיווענסאָן אָנגעפאַנגען אַ געשפּרעך וועגען זייערע ביז־איצטיגע בעציהונ־גען, אָבער עלען האָט זיא ניט געלאָזט ווייטער ריידען.

— מען דאַרף ניט — האָט זיא געזאָגט — בעריהרען אַ וואונד, וועלכע טהוט אונז ביידע וועה. איך ווייס, אַז איך בין שולדיג געגען דיר; אָבער דוא וועסט דאָך צוגעבען, אַז איך בין מיינע זינד געגען דיר בעגאַנגען געגען מיין איינענעם ווילען. איך בין געווען פערבלענדעט און האָב אויך געהאַט אורזאַכען דערצו. לאָמיר בעסער וועגען דעם מעהר ניט ריידען.

— איבריגענס — האָט זיא צוגעגעבען נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגען — איז אין אונזערע פערהעלטניסע געווען שולדיג נאָך איינער. איך מיין מיין

פאטער. און איידער מיר וועלען ריידען וועגען אונזערע בעציהונגען, וועט כדאי זיין אויסצוהערען איהם.

— איהם? — האט פערוואונדערט איבערגעפרעגט עלען'ס מוטער.

— יא, איהם — האט ווידערהאלט עלען.

זיא האט אין קורצען איבערגעגעבען איהר מוטער וועגען הארלינגטאן'ס פערדאכט, אז קאלאנעל גאלדסמיטה האט גוט געקענט איהר פאטער און אז ער וויים פיליכט איינינע פון זיינע סודות, וועלכע וועלען ערקלערען פיעלעס וואס איז זיי געוועזען אונפערשטענדליך אין זיין לעבען און אין זיינע פיהרונגען.

דיעזער פערדאכט האט זיך אויך בעשטעטיגט, ווען לארד הארלינגטאן האט זיך אין אבענד דורכגערעדט וועגען דעם מיט קאלאנעל גאלדסמיטה.

אויסהערענדיג גענוי און אויפמערקזאם אלעס וואס הארלינגטאן האט איהם דערצעהלט וועגען עלען און זיך אליין, האט דער קאלאנעל נאך א קורצער איבערלעגונג געזאגט:

— עס איז יעצט נאטירליך ניטא קיין אורזאכע צו בעהאלטען דעם סוד. יא, פעטערסאן — דאס איז געוועזען אייער קרוב דזשיימס מאנספיעלד. איך האב געוואוסט וועגען זיין טויט. וועגען דעם האט מיר געמעלדעט אונזערער א געמיינשאפטליכער פריינד אין ניו יארק און נאך זיין טויט האב איך בעקומען דאס רעכט זיין סוד אויסצוזאגען. איך האב איהם אבער דאך געהאלטען ביז איצטער, ווייל קיינער פון דיא מענשען, וואס האבען דעם סוד בעדארפט וויסען, האט זיך צו מיר ניט געווענדעט.

— איך האב געהערט — האט לארד הארלינגטאן געזאגט — אז איהר האט דעם טאגעבוך אדער דיא עראינערונגען פון דזשיימס מאנספיעלד.

— ניט א טאגעבוך, נאר עראינערונגען; און ניט איך האב זיי, נאר איך האב זיי געהאט.

— געהאט? און וואו זיינען זיי יעצט?

— איך האב זיי פערניכטעט.

— ווארום?

— אזוי האט געפאדערט פון מיר מאנספיעלד א קורצע צייט פאר זיין טויט.

— צוליעב וואס?

— דאס קען איך אייך שוין ניט ערקלערען.

— און מיר וועלען זיך גאר ניט קענען דערוויסען?

— ווארום ניט? איך קען זיינע עראינערונגען כמעט אויסוועניג; אזוי פיעל מאל האב איך זיי געלייענט.

— און איהר וועט זיין אזוי גוט, אונז זיי צו דערצעהלען?

— געוויס.

דער רעזולטאט פון דיעזען געשפּרעך צווישען דעם קאָלאָנעל און האַר־לינגטאָן'ען איז געווען דאָס וואָס אויף'ן צווייטען טאָג האָבען זיך אין אבענד אין דעם קאָלאָנעל'ס קאבינעט פערזאמעלט עלען, עלען'ס מוטער און האַרלינג־טאָן, אום אויסצוהערען דיא געהיימנים פון דזשיימס מאַנספיעלד אָדער פּע־טערסאָן.

איידער דער קאָלאָנעל האָט אָנגעהויבען זיין ערצעהלונג, האָט ער גע־זאָגט:

— איך וויים ניט, וויא אַזוי אויף אייך אַלע דאָ וועט ווירקען מיין ער־צעהלונג, ווייל איך וויים ניט גענוי, אין וועלכע בעציהונגען איהר שטעהט איינער צום צווייטען און אין וועלכע בעציהונגען איהר זיינט געשטאַנען צו מיין פערשטאָרבענעם פריינד. איך מוז אייך דעריבער וואָרענען, אז איך וועל דערצעהלען אַלעס אַזוי וויא איך וויים עס פון דזשיימס'עס עראינערונגען און פון דיא פּערזענליכע געשפּרעכען מיט איהם.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַ ווייַלע און האָט בעטראַכט דיא אַנווע־זענדע. זיי זיינען אַלע געזעסען נערוועז און אונגעדולדיג. דער קאָלאָנעל האָט גוטמוטיג אַ שמייכעל געטהאָן און האָט נאָך צוגעגעבען:

— מיר טהוט באַנג, וואָס איך קען אייך ניט פּאָרלעזען מיין פערשטאָר־בענעם פריינד'ס עראינערונגען. פון זיינע אייגענע ווערטער וואָלט צו אייך גערעדט זיין אייגען האַרץ. וויא ליעב איך האָב ניט געהאַט מיין אָרימען דזשיימס'ען און וויא גענוי איך געדענק זיינע עראינערונגען, האָב איך מורא, וועט ביי מיר דיא ערצעהלונג דאָך אַרויסקומען צו טרוקען און איך וועל מיט מיינע ווערטער ניט קענען ריכטיג שילדערען יענע פּאַסירונג, וועלכע האָט צו־בראָכען דזשיימס מאַנספיעלד'ס לעבען.

און לאַנגזאַם און שטיל האָט דער קאָלאָנעל גענומען דערצעהלען און זיינע צוהערער זיינען געזעסען וויא צוגעשמידט און זיך ניט גערוהרט פון אָרט ביז ער האָט ניט געענדיגט. דיא ערצעהלונג האָט געדויערט שעהנע עטליכע שטונדען.

דאָס וואָס ער האָט דערצעהלט ווערט איבערגעגעבען אין דיא נעכסטע קאַפּיטלען.

40טעם קאַפּיטעל.

דזשיימס מאַנספיעלד'ס ליעבע

— דער העלד פון אונזער ערצעהלונג — אַזוי האָט קאָלאָנעל גאָלדסמיטה אָנגעפאַנגען — קענט איהר אַלע. דאָס איז דזשיימס מאַנספיעלד אָדער, וויא ער האָט זיך שפּעטער גערופען, סעמיועל פּעטערסאָן. איהר האָט איהם אָבער געקענט ערשט אין דיא עלטערע יאָהרען. אין דער צייט, ווען אונזער געשיכטע

הויבט זיך אָן, איז ער געווען א יונגערמאן פון עטליכע און צוואנציג יאָהר און האָט געפיהרט א צערשטרייט לעבען אין דער הויכער געזעלשאפט, האָט גע־שליידערט מיט געלד רעכטס און לינקס, האָט געהאַט פיעלע לינקע ראָמאנען און האָט געלעבט, וויא מען זאָגט, א גוטען טאָג.

דאָס איז דער העלד. און דיא העלדין איז געווען אַן אָרים אידיש מיידעל, אַן אימיגראַנטקע פון רוסלאנד, א פשוט אַרבייטער־מיידעל. איהר נאָמען איז געווען אסתר. איהר צווייטען נאָמען, דעם פאמיליען־נאָמען ווייס איך ניט און מיר דאכט זיך, אז קיינער האָט איהם ניט געוואוסט. יעדער האָט זיא גע־רופען אסתר און האָט גאָר פון קיין אנדער נאָמען ניט געוואָלט וויסען. דער נאָמען אסתר האָט דערמאָנט אָן יענער היסטאָרישער אסתר, אחשורוש'עס גע־ליעבטע, און ווען מען האָט געזעהן אונזער אסתר, האָט מען געמוזט צוגעבען, אז אויב דיא היסטאָרישע אסתר האָט פערמאָגט א העלפט פון איהר שעהנקייט, איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס אחשורוש האָט זיא אויסגעקליבען פון פיעלע, פיעלע הונדערטע מיידלעך.

בעגעגענט האָט זיך מאנספיעלד מיט דער שעהנער אסתר אין פאריז אין א קראָם, וואו זיא האָט געאַרבייט, און שוין ביי דער ערשטער בעגעגעניש האָט ער זיך אין איהר פערליעבט איבער דיא אויערען. מיט זיין געוועהנליכער אָפענהערציגקייט האָט ער וועגען דעם געמעלדעט זיינע עלטערען און דער סקאנדאַל האָט אויסגעבראָכען. דיא גאנצע פאמיליע איז געקומען צולויפען אין פאריז. מען האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אָבצורייסען דזשיימס'ען פון אסתר'ען, אָבער קיין זאך האָט ניט געהאָלפען.

עס איז דאן בעגאנגען געוואָרען א שרעקליכע נידערטרעכטיגקייט: דזשיימס'עס א קרובה, א שטאָלצע אַריסטאָקראטקע, האָט זיך אַמאָל אין אָבענד אריינגעריסען אין אסתר'ס אָרימע וואָהנונג און האָט איהר פאָרגעשלאָגען א געוויסע סומע געלד, זיא זאָל זיך ענטזאגען פון דזשיימס'ען. אסתר איז געוואָרען אָן אָנגעצונדענע און האָט דער אַריסטאָקראטקע אָנגעוויזען אויף דער טהיר. דערפאַר האָט זיא דיא אַריסטאָקראטקע אָנגערופען מיט דיא שענדליכסטע נע־מען און האָט זיא געסטראשעט, אז זיא וועט וועגען איהר מעלדען דער פאָליציי, ווייל זיא ווייס, אז זיא פיהרט אַן אונאנשטענדיגען לעבען.

און דזשיימס'עס קרובה האָט געהאַלטען וואָרט. אויף'ן צווייטען טאָג איז אסתר אַרעסטירט געוואָרען אַלס אונאנשטענדיגע פרוי. מען האָט זיא אפילו באַלד בעפרייט, אָבער אסתר האָט דיא בעליידיגונג ניט געקענט אַריבערטראָגען. וואָס זיא האָט געטהאָן אוים פערצווייפלונג, וועלען מיר וייטער זעהן.

דערווייל אָבער האָבען דזשיימס'עס עלטערען און קרובים זיך איבער־צייגט, אז דזשיימס'עס ליעבע וועלען זיי ניט ברעכען מיט קיין זאך און זיי האָבען בעשלאָסען אָנצונעהמען אנדערע מיטלען.

אסתר האט געוואהנט אין א גרויסען, שמוציגען הויז אין איינעם פון דיא ארימסטע קווארטאלען אין פאריז און צו דיעזען הויז איז אויף'ן צווייטען טאג נאך אסתר'ס ארעסט צוגעפאהרען א קארעטע און פון איהר איז ארויסגעשטיגען א הויכער, רייך־געקליידעטער מאן. ער האט זיך אנגעפרעגט ביי דער אויפזעהערין פון הויז, וואו אסתר'ס צימער געפינט זיך און האט זיך געלאזט ארויפגעהן אויף'ן צווייטען שטאק.

געטראגען האט דער בעזוכער גלח'שע קליידער.

ער איז צוגעקומען צו אסתר'ס טהיר און האט אנגעקלאפט. קיינער האט ניט געענטפערט. ער האט נאך א פאר מאל אנגעקלאפט און אלץ מיט דעמזעלבען ערפאלג. ער האט דאן זיך גענומען צוהערען און איהם איז פלוצלונג איינגעפאלען, אז פון אסתר'ס צימער שלאגט, דאכט זיך, א פערדעכטיגער גערוך פון ברענענדע קוילען.

ניט לאנג טראכטענדיג, האט ער א שפאר געטהאן דיא טהיר מיט'ן אקסעל און דיא טהיר האט זיך געעפענט. און דא האט ער דערזעהן פאלגענדעס:

אלע פענסטער זיינען געוועז פערמאכט. אין אייוועלע, דער קוימען פון וועלכען עס איז געוועז פערשטאפט, האבען געברענט קוילען און האבען אנגעפילט דאס צימער מיט א שטיקענדען גערוך. און לעבען דער וואנד, וואו עס איז געהאנגען דזשיימס מאנספיעלד'ס בילד, איז געלעגען א פער'חלש'טע אסתר.

דער גלח האט קאלטבלוטיג בעטראכט אלעס אין צימער, האט געלאסען אבגעלאשען דיא קויהלען און געעפענט א פענסטער און האט זיך ערשט נאכדעם איבערצייגט, אז דאס מיידעל איז ניט טויט, זיא איז נור געוועזן פער'חלש'ט פון'ם רויך. ער האט געקוקט אויף איהר און זיא גאר ניט געפרובט אויפמונטערען. מיט א קאלטען שמייכעל האט ער געקוקט, וויא דאס מיידעל קומט צו זיך. איהר זעלטענע שעהנקייט און איהר אויפגעדעקטער פראכטפאלער קערפער האבען אויף איהם קיין ברעקעלווירקונג ניט געהאט.

מיט נייגעריגקייט האט ער בעטראכט דאס צימער און דיא אויסשטאטונג אין צימער, וואו סמנים פון גרויסער ארימקייט און פערשוואונדערישער רייכקייט האבען זיך צונויפגעמישט. דאס מעבעל איז געוועז ארים, אויף'ן טיש האבען זיך געוואלגערט שטיקלעך פון אן ארימען אנבייסען און דא אויף דיא אבגעריבענע ביינקלעך זיינען געלעגען טהייערע קליינינגקייטען, וואס האבען געקאסט זעהר טהייער. דיא קליינינגקייטען זיינען געוועז דזשיימס'עס פרעזענטען.

עס האט אין אלגעמיין געמאכט דעם איינדרוק, וויא דא וואלט געוואהנט א מיליאנער, וועלכער איז איצט שטארק פעראָרימט געווארען און וועלכער פערלעבט איצט דיא שיריים פון זיין אמאליגען רייכטהום.

אבער ווער איז דער גלח און מיט וואס פאר אבזיכטען איז ער געקומען

אהער? איז ער אַ פערטרעטער פון אַ צדקה־געזעלשאַפט אָדער פון אַ געזעל־שאַפט וואָס בעשעפטיגט זיך מיט רעטען זינדיגע נשמות?

ווען אימיצער וואָלט דעם גלח יעצט געקענט בעטראַכטען אין דער מינוט, ווען ער איז געשטאַנען לעבען דער פער'חלש'טער אסתר, דיא הענד פערלעגט אויף זיין ברייטער ברוסט, דיא ברעמען אָנגעכמורעט און מיט אַ בייזען, טיפעל־שען שמייכעל אויף זיינע ליפען, און ווען דער "אימיצער" וואָלט נור כאָטש עטוואָס געקענט אורטהיילען אַ מענשען נאָך זיין אויסזעהן, וואָלט ער באַלד פערשטאַנען, אַז דער גלח האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט צדקה.

דערווייל האָט דער גלח בעמערקט, אַז אסתר הויבט אָן צו קומען צו זיך.

אָבער ער איז ניט צוגעגאַנגען צו איהר, האָט ניט געפּרובט זיא גיכער צו ברייגגען צום פולען בעוואוסטזיין און האָט זיא זאָגאַר ניט אויפגעהויבען.

ער איז געשטאַנען, האָט געקוקט פערטראַכט אויף דיא געטליכע פאָרמען פון איהר יונגען, פראַכטפאָלען קערפער און האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט.

אסתר איז ענדליך געקומען צו זיך און דאָס ערשטע וואָרט, וואָס איהרע ליפען האָבען אַרויסגעמורמעלט איז געוועזן: דזשיימס.

זיא האָט דאַן געעפענט דיא אויגען און האָט בעמערקט דעם גלח.

— ווער זיינט איהר? — האָט זיא שוואַך געפרעגט, האַלב דערשראָקען.

— איך קום צו דיר צו ריידען וועגען דעמזעלבען, וועמענס נאָמען דוא האָסט נור־וואָס דערמאָהנט — האָט דער גלח געענטפערט.

אסתר האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף'ן ערשטען שטוהל.

— גאָט מיינער! — האָט זיא געזאָגט — קומט איהר ווירקליך פון איהם? און איך האָב געדענקט, אַז נאָך דעם סקאַנדאַל וועט ער מעהר ניט וועלען הערען פון מיר. אָה, וויא גוט ער איז! אָבער וואָרום איז ער אַליין ניט געקומען?

דער גלח איז זיך אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער און האָט ענדליך לאַנגזאַם געזאָגט:

— הער מיך אויס, מיין קינד! צוליעב דיין אָבשטאַמונג זיינען דזשיימס'עס עלטערען אויסער זיך פון זיין ליעבע צו דיר. דוא ביזט געגוג שעהן, דוא זאָלסט איהם לאַנג קענען האַלטען לעבען זיך און רואינירען זיין לעבען. צוליעב דיר מוז ער אויפאָפּפערען זיינע עלטערען, זיינע פריינד, זיין גאַנצע צוקונפט. ווילסטו רואינירען זיין לעבען?

— אָה, ניין, ניין! — האָט געכליפּעט דיא אָרימע אסתר — אָבער וואָס זאָל איך טהאָן? איך קען אָהן איהם ניט לעבען.

— טאָ הער! — האָט ווייטער גערעדט דער גלח — אפילו ווען דזשיימס זאָל שוין וועלען אָפּפערען פאַר דיר אַלעס — זיינע עלטערען, זיינע פריינד,

זיין צוקונפט — וועט דאך אויך גאר ניט ווערען פון אייער גליק. ווייסטו וואָרום? ווייל דוא האסט ניט קיין בילדונג, ווייסט ניט פון קיין בעסערען לעבען און קענסט ניט דיא הויכע געזעלשאפט. איינס פון דיא ביידע, אדער דזשיימס וועט זיך דיר צועסען אדער דוא וועסט זיך איהם צועסען. בלויז קערפּערליכע ליעבע מוז זיך אמאל צועסען. און וואס קענסטו איהם געבען אויסער דעם? גאר ניט. אלזא, אויב דוא ווילסט אין אמת'ען ווערען גלייך צו איהם, פערדיענען זיין ליעבע און קענען אימער געניסען זיין ליעבע, האב איך פאר דיר א פּלאן.

— וואס איז דאס פאר א פּלאן? — האט געפרעגט אסתר.

דער גלח האט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען צימער און האט ערנסט, כמעט בייז געזאגט:

— איצטער קענסטו זיין בלויז זיין געליעבטע און איהם רואינירען. איך וויל אבער, אז דוא זאלסט קענען זיין זיין ווייב און איהם, דורך דיין שעהנקייט און בילדונג העלפען ארויפקלעטערען אויף'ן העכסטען שטאפּעל פון דעם לוי־טער פון גליק.

— אה, זאגט מיר, וואס איך זאל טהאן! — האט זיך פאר איהם אסתר א ווארף געטהאן אויף דיא קניע.

— מיין קינד — האט ווייטער גערעדט דער גלח — דוא ביזט געבוירען געוואָרען פון א אידישער מוטער, דוא מוזט אבער ווערען אן אמת'ע קריסטין. דוא ביזט אויסגעוואקסען אין ארימקייט און אונוויסענהייט, דוא מוזט אבער ווערען געבילדעט און זיך קענען האלטען וויא אן אריסטאקראטקע.

ער האט געשוויגען א ווילע און דאן האט ער געענדיגט:

— איך וועל דיך אריינגעבען אין א מאנאסטיר, וואו עס ווערען ערצויגען דיא טעכטער פון דיא רייכסטע פאמיליען אין פראנקרייך. אבער געדענק! דוא וועסט דיא גאנצע צייט פון דיין ערציהונג ניט זעהן דזשיימס'ען. און געדענק נאך עפּעס! מיט קיין בעוועגונג, מיט קיין וואָרט, אפילו אין חלום, טארסטו דארט ניט ארויסצייגען דיין אמת'ע אבשטאמונג... נו, געפעהלט דיר מיין פּלאן?

— איך בין גרייט אויף אלעס אויסער שמד! — האט געזאגט אסתר.

— אויב אזוי, צושלאגסטו דעם גאנצען פּלאן.

— איך קען אבער ניט! — האט זיך געבעטען אסתר.

וויפיעל דער גלח האט ניט צורעדט איבער איהר, האט זיא דאס ניט געוואלט נאכגעבען, און ער האט געמוזט איינשטימען, זיא אריינצוגעבען ניט אין א מאנאסטיר, נאר אין א רייכען פּאנסיאן.

— וויים אבער דזשיימס פון דעם פּלאן? האט אסתר געפרעגט.

— יא, אבער איך האב איהם געשטעלט דיעזעלבע בעדינגונג, אז פאר דע...

גאנצער צייט, וואס דוא וועסט זיין אין פאנסיאן זאל ער ניט וואגען צו האבען פערבינדונגען מיט דיר.

— און ער האט איינגעשטימט?

— געוויס.

— בין איך אויך צופריעדען.

און ווירקליך האט מען ביי דזשיימס'ען אויך גע'פועל'ט, אז אסתר זאל אריינטרעטען אין א מאנאסטיר אדער פאנסיאן און זיך בילדען און זיך אויס־לערנען וויא זיך צו פיהרען אין דער הויכער געזעלשאפט. דיא פראגע וועגען רעליגיאן האט ביי דזשיימס'ען קיין ראלע ניט געשפיעלט; ער האט אבער גע־וואוסט, אז אסתר איז א אידישע טאכטער מיט לייב און לעבען און ער האט מורא געהאט, אז איהר רעליגיאן זאל ניט זיין א שטערונג צו זייער הייראטה און ליעבע. ער האט דעריבער גערעכענט, אז זיא וועט אויף אלעס איינגעהן, ווען זיא וועט ערצויגען ווערען צווישען קריסטען.

אסתר, ווידער, האט זיך איצטער ניט געקענט פערטראכטען וועגען דעם, וואס עס וועט שפעטער זיין, דערוויל האט זיא זיך ניט בעדארפט שיידען מיט דזשיימס'ען אויף אייביג און, פערקעהרט, זיא האט געהאט אויסזיכטען נע־הענטער צו קומען צום ציעל צו ווערען זיין פרוי.

זיא האט, אלזא, צוגעשטימט און איז אנגעקומען אין א פאנסיאן.

אין א בעריהמטען פאנסיאן, ניט וויית פון פאריז, וואו עס האבען זיך ערצויגען דיא טעכטער פון דיא רייכסטע און אריסטאקראטישסטע פאמיליעס, איז אין א שעהנעם פריהמארגען צוגעקומען א נייע שילערין. דיא נייע שילע־רין האט באלד צוגעצויגען צו זיך אלעמענס אויפמערקזאמקייט. זיא האט באלד ארויסגערופען אלעמענס בעוואונדערונג מיט איהר זעלטענער שעהנקייט, אן עהנ־ליכקייט צו וועלכער עס איז שווער צו געפינען אפילו צווישען דיא שעהנע פא־ריזער פרויען פון דער העכערער געזעלשאפט. אלע אין פאנסיאן האבען געמוזט צוגעבען, אז זיי וואלטען זיך גאר ניט געקענט פארשטעלען אזא פאלקאמענע שעהנהייט וויא דיא נייע שילערין. אזא שעהנהייט האט מען געקענט זעהן נור צווישען דיא אידען און אראבער אין דיא אלטע צייטען. אפילו דיא בעריהמטע שעהנע בילדער פון דיא אמאליגע גריכישע געטינען האבען זיך קוים געקענט פערגלייכען מיט דער שעהנקייט פון דער נייער שילערין.

דאס איז געוועזען אונזער בעקאנטע אסתר.

איהר גאנצע פיגור איז געוועזען וויא אויסגעטאקט פון א גרויסען קינסטלער, איהר הויט איז געוועזען צארט און דורכזיכטיג. דאס וואונדערבארסטע אין איהר איז אבער געוועזען איהרע אויגען. זיי זיינען געוועזען שווארץ וויא די נאכט און טיעף וויא דער ים און ווען זיא האט אויף אימיצען א קוק געטהאן מיט איהרע אויגען, האט יענער געפיהלט, וויא א ליעבע, שטילע ווארימקייט צוגיסט זיך אין זיינע

אָדערען, וויא עס וואַקסען איהם אָן פליגלען און וויא ער הויבט זיך אויף הויך, הויך אין דיא הימלען.

מיט איהר קוק האָט אסתר געוועלטיגט איבער מענשען. אַלע האָבען זיא געמוזט פערגעטערען. און ווירקליך: שוין ביים ערשטען אָנקומען אין פּאַנסיאָן האָט אסתר יעדען בעצויבערט.

דיא איבריגע שילערינען פון דעם פּאַנסיאָן זיינען אין אָנהויב געווען שטאַרק אייפערזיכטיג אויף אסתר'ס שעהנקייט, אָבער ענדליך האָט זיא זיי אויך בע־זיעגט מיט איהר שעהנקייט, מיט איהר מילדקייט און מיט איהר בעצויבערענ־דען קוק.

זיי האָבען אויך אויף איהר שטאַרק רחמנות געהאַט, ערשטענס, דערפאַר, ווייל זיא איז אַ אידיש מיידעל; צווייטענס, ווייל זיא איז געווען אַזוי אונ־גליקליך, אַז צו 18 יאָהר האָט זיא כמעט ניט געקענט לייענען און שרייבען.

און אַזוי וויא זיי האָבען זיך געפיהלט פיעל העכער פון אסתר'ען דערפאַר וואָס זיא איז ניט קיין קריסטין און איז ניט געבילדעט, האָבען זיי זיך שוין געקענט פערגינען איהר מוחל צו זיין איהר שעהנקייט.

אסתר האָט גאָר שנעל איבערגענומען דיא אַריסטאָקראַטישע מאַניערען פון איהרע חבר'טעס. אין אַ פּאָר וואָכען צייט האָט זיא זיך אַזוי געענדערט, אַז קיינער האָט זיא כמעט ניט דערקענט.

דיא לעהרערינס האָבען זיך אויך גאָר ניט געקענט אָבלויבען פון איהר. זיי האָבען בעוואונדערט, וויא שנעל אסתר לערענט אַלעס, וויא גוט און אָנ־שטענדיג זיא איז.

אין דער צייט ווען אסתר פלעגט זיין פריי פון איהר לערנען, פלעגט זיא אונבעמערקט אויספרעגען ביי איהרע חבר'טעס, וויא אַזוי מען פיהרט זיך ביי דעם אָדער ביים צווייטען פּאַל ביי דיא אַריסטאָקראַטען, און אויף אַזאַ אופן האָט זיא געלערענט ביסלעכוויין וויא זיך צו פיהרען אין יענעם לעבען, אין וועלכען זיא האָט געהאָפט אריינצוטרעטען צוזאַמען מיט איהר געליעבטען דזשיימס'ען.

אָבער אין דערזעלבער צייט האָט יעדער אין פּאַנסיאָן בעמערקט, אַז אסתר געהט אונטער פון טאָג צו טאָג.

וואָס האָט דאָס בעדייטעט? האָט זיך אין איהר ערוועקט אַ ביינקעניש נאָך איהר אַלטען לעבען? האָט זיא זיך געפיהלט אין דער נייער לופט אַזוי וויא אַ בלום וואָס מען טראָגט איבער פון דער פרייער לופט אין אַ הויז? אָדער האָט זיא געביינקט נאָך דזשיימס'ען? אסתר אליין וואָלט אפשר קיין ענטפער ניט געקענט געבען אויף דיעזער פראַגע. דער ריכטיגסטער ענטפער וואָלט פיעל־לייכט געווען, אַז אַלעס צוזאַמען האָט געווירקט אויף איהר.

זיא האָט געבענקט נאָך איהר אַמאָליגען לעבען, כאָטש זיא האָט זיך גע־

וואָלט ארויסרייסען דערפון. עס האָט זיא געשטיקט אין פּאנסיאָן. און דיא אונבעפריעדיגטע ליעבע צו דזשיימס׳ען האָט אויפגעפרעסען איהר קערפּער, כאָטש זיא האָט עס קיינעם, און אפילו זיך אליין אויך ניט געוואָלט מודה זיין.

א משוגעת פלעגט זיא אָפט בעפאַלען. זיא פלעגט דאַן ארומלויפען איבער דעם גרויסען גאָרטען, וואָס איז געווען ארום פּאנסיאָן, קריכען אויף דיא בוי־מער און אָבטהאָן פערשיעדענע משוגעת׳ען. און אַמאָל, פערקעהרט, פלעגט זיא גאַנצע טעג אָבליגען אויף איהר בעט און וויינען.

אסתר איז געוואָרען קראנקער און מעלאנכאָלישער פון טאָג צו טאָג. דער פּאנסיאָן־דאָקטאָר האָט אָבער דאָך ניט געקענט אויסגעפינען דיא אורזאכע פון דער קראנקהייט און דיא אויפזעהערין פון דעם פּאנסיאָן האָט ענדליך געלאָזט וויסען וועגען דעם צום גלח, וואָס האָט אסתר׳ען אריינגעגעבען אין פּאנסיאָן.

מען האָט געמוזט אסתר׳ען בעפרייען פון דעם פּאנסיאָן ניט נור צוליעב איהר אליין, נאָר אויך צוליעב דזשיימס׳ען.

ער האָט אין אָנפאנג געהאַט פערשפּראָכען געדולדיג צו ווארטען א יאָהר־צוויי; ווען עס איז אָבער געקומען דערצו, האָט ער דערפיהלט, אַז דאָס איז איבער זיינע כחות. ער האָט ניט גערוהט און ניט געלעבט און האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, זיך צו דערוויסען, וואו אסתר איז. און פּונקט דעמאָלט, ווען דיא אויפזעהערין פון דעם פּאנסיאָן האָט געלאָזט וויסען, אַז אסתר איז קראַנק, איז דזשיימס פּלוצלונג ערשיענען אין פּאנסיאָן און האָט אָהן ערלויבנים פון דאָרט ארויסגענומען אסתר׳ען.

דער גאַנצער פּלאַן פון דזשיימס׳עס עלטערען און פון זיין משפחה איז אויף אזא אופן צושלאָגען געוואָרען. זיי האָבען גערעכענט, אַז פאר דער צייט וואָס ביידע געליעבטע וועלען זיין צושיידט, וועט דזשיימס׳עס ליעבע צו אסתר׳ען אָבשטאַרבען. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער פּונקט פערקעהרט און מען האָט גע־מוזט נעהמען זוכען נייע פּלענער.

— גוט — האָט מען ווידער געזאָגט דזשיימס׳ען — אויב דוא קענסט זיך פון אסתר׳ען ניט אָברייסען, האַלט זיא אויס מיט אַל־דעם גוטען, בעזוך זיא, אָבער אייל זיך ניט זיא צו הייראַטהען. גרייט זיא מעהר צו צו דעם לעבען, אין וועלכען דוא ווילסט זיא אריינפיהרען און זעה צו ווירקען אויף איהר, אַז זיא זאָל זיך שמד׳ען.

און דזשיימס, וועלכער האָט קיין מוטה ניט געהאַט איבערצורייסען אַלע פערבינדונגען מיט זיינע עלטערען און קרובים, האָט ווידער איינגעשטימט.

ער האָט פאר אסתר׳ען געדונגען א פּראַכטפאָלע וואָהנונג, האָט זיא בע־זאָרגט מיט אַלעם נויטיגען, האָט פאר איהר גענומען דיא בעסטע פּריוואט־לעהרער און ער אליין פלעגט זיא בעזוכען צוויי מאָל אין מאָנאט. ער פלעגט צוליעב דעם ספּעציעל קומען פון לאָנדאָן נאָך פּאַריז.

אין איהר פּראַכטפּאַלעץ הויז האָט אסתר געלעבט אין גאַנצען אָבגעזונ־דערט פון דער גאַנצער וועלט. זיא פלעגט זיך זאָגאר ניט בעווייזען אין גאַס בייטאָג. בלויז ביינאַכט פלעגט זיא אַרויספאָהרען אין אַ פערמאַכטער קאַרעטע אונטער דער שטאָדט.

זיא האָט זיך פלייסיג געגרייט צו ווערען אַן אַריסטאָקראַטקע.

41טעם קאַפּיטעל.

אַ טייפעלשער פּלאַן

אין איין שעהנער נאַכט אין אויגוסט איז דער בעריהמטער אין פּאַריז אַלטער באַנקיר באַראָן דע־נוסינגען געפאָהרען פון זיינעם אַ פריינד׳ס דאָרפּס־וואָהנונג צוריק קיין פּאַריז. אי דער באַראָן אי דער אָנטרייבער אי דער בעדיענער זיינען געוועזען אַביסעל פער׳שכור׳ט און האָבען צוגעדרעמעלט און דיא פערד זיי־נען דערוויילע געגאַנגען לאַנגזאַם.

דיא פערד זיינען זיך געגאַנגען וואוהין זיי האָבען געוואָלט און ווען זיי האָ־בען זיך אונערוואַרטעט אָנגעשטויסען אויף אַ פּאָר אַנדערע פערד, וואָס זיינען געשטאַנען אויף׳ן וועג איינגעשפּאַנט אין אַ קאַרעטע, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט.

דער באַראָן האָט זיך אויפגעכאַפּט. דיא לבנה האָט געשיינט און עס איז גע־ווען אַזוי ליכטיג, אַז מען האָט ביי איהר שיין געקענט לייענען אַ צייטונג. און ביי דער שיין פון דער לבנה האָט דער באַראָן דערזעהן אַ געטליכע ערשיינונג. דאָס איז געווען אַ יונגע פרוי פון אַזאַ זעלטענער שעהנקייט, אַז דער באַראָן איז פּשוט פערבלענדעט געוואָרען. ער האָט זיא דערזעהן אין דער מינוט, ווען זיא איז אריינגעשטיגען אין איהר קאַרעטע און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט צו קומען צו זיך, האָט זיך דיא קאַרעטע גערירט פון׳ם אָרט און דיא געטליכע ערשיינונג איז פערשוואונדען.

דער אַלטער באַנקיר איז שרעקליך אויפגערעגט געוואָרען. דאָס בלוט האָט פערלאָזען זיינע פּיס און זיי געלאָזען קאַלט און אַ שטראָם געטהאָן צום באַנ־קיר׳ס מאַרך און פון דאָרטען צום הארצען. ער האָט פּשוט געפיהלט, אַז אָט־אָט ווערט ער דערשטיקט.

— פאָלג זיי נאָך! — האָט ער געגומען שרייען צו זיין קוטשער — צום טייפעל, דוא שלאָפסט, דאַכט זיך! הונדערט פראַנק וועסטו קריגען, ווען דוא וועסט איבעריאָגען יענע קאַרעטע.

ביי דיא ווערטער "הונדערט פראַנק" האָט דער קוטשער ערוואַכט.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ ווילדע יאָגעניש. אָבער יענע קאַרעטע מיט דער געטליכער שעהנהייט איז וויא אין דער ערד אריין.

יענע שעהנהייט איז געוועזן אונזער גוט־בעקאַנטע אסתר.

און איצטער וועלען מיר זיך אַביסעל בעקענען מיט דעם נייעם העלד פון אונזער ראָמאַן, מיט דעם אַלטען באַנקיר באַראָן דע־נוסינגען, ווייל ער וועט שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָלע אין דעם לעבען פון דזשיימס׳ען און אסתר׳ען.

דער באַראָן איז אַלט געווען אַ יאָהר זעכציג. ער האָט זיך שוין גאַנץ ווענינ געקימערט וועגען פרויען און אַם וועניגסטען איז איהם אָנגעגאַנגען זיין איינענע פרוי. ער פלעגט זיך בעריהמען, אַז ער איז קיין מאָל ניט געווען פער־ליעבט אַזוי, אַז ער זאָל צוליעב דער ליעבע פערליערען דעם קאָפּ. ער פלעגט זאָגען, אַז ער איז זעהר צופריעדען, וואָס ער האָט אויפגעגעבען דיא פרויען, ווייל דיא בעסטע פרוי איז ניט ווערטה דאָס געלט, וואָס זיא קאָסט, אפילו ווען זיא קאָסט אייך גאָר ניט.

קיין פּאַריזער פרוי האָט זיך ניט געקענט בעריהמען, אַז דער באַראָן שענקט איהר זיין אויפמערקזאַמקייט. זיין ווייב איז נאָך ניט געווען אַלט און זיא האָט געהאַט ליעבעס־פערהעלטניסע מיט אַנדערע מענער. דער באַראָן האָט עס גע־וואוסט, אָבער עס האָט איהם ניט אָנגעהויבען צו אַארען.

ער האָט שוין אויף זיין לעבען פערזוכט אַלע סאָרטען ליעבעס, אָבער ער האָט נאָך קיין מאָל ניט געפיהלט יענע ליעבע וואָס כאַפּט דיך אַרום וויא אַ ווילדער שטורם.

דיעזע ליעבע איז איהם בעשעהרט געווען צו דערפיהלען ערשט איצטער, ווען ער איז אַלט געווען זעכציג יאָהר און האָט געלאַכט פון ליעבע.

דיא פרוי, וועלכע האָט מיט איהר שעהנקייט איצט אויפגעשטורעמט דעם אַלטען געלט־זאַק, אונזער באַראָן — מיר מיינען: אסתר — האָט אויסגעזעהן דעם באַראָן וויא אַ זעלטענע, וואונדערבאַרע ערשיינונג. ערשטענס, איהר שעהנ־קייט, צווייטענס, איהר אַריסטאָקראַטישע האַלטונג האָבען איהם פּשוט בעצווי־בערט. און דער באַראָן האָט דערפיהלט, אַז ער קען אָהן איהר ליעבע ניט לעבען, און ער האָט בעשלאָסען, אַז ער מוז זיא בעזיצען.

נאַכט נאָך נאַכט האָט דער באַראָן אַרומגעזוכט אסתר׳ען אין דיא אומגע־גענדען פון פּאַריז, אָבער — אומזיסט. ער האָט אסתר׳ען אין ערגיץ ניט בע־געגענט.

דער באַראָן איז געוואָרען בלאַס, האָט פערלאָרען דעם אַפּעטיט און איז געווען שטענדיג אויפגערעגט.

איין מאָל, ביי אַ גלענצענדען באַל וואָס דיא באַראָנעסע האָט געגעבען לכבוד דעם באַראָן׳ס געבורטסטאָג און ביי וועלכען עס איז אויך געווען דער גלח, וואָס האָט געפיהרט דיא גאַנצע אינטריגע געגען אסתר׳ען און אויך דזשיימס מאַנספּיעלד, זיינען ביים קאָרטען־טיש איינינע געסט צוגעשטאַנען צום באַראָן, ווארום ער זעהט אויס אַזוי שלעכט.

— ווייסט איהר, באַראָן — האָט זיך איינער אָבגערופען — איהר זעהט אוים אזוי וויא עס וואָלט געהאַלטען ביים וועלט־אונטערגאַנג... איהר זיינט געוואָרען אַזוי דאַר. דער עולם שמועסט, אַז איהר זיינט פערליעבט.

— דער אונגליק איז אָבער — האָט געענטפערט דער באַראָן — אַז איך וויים ניט, אין וועמען איך בין פערליעבט.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט אַ צווייטער אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער — זיינט איהר, הייסט עס, טאַקע אין אמת'ען פערליעבט?

— יאַ — האָט בייז געענטפערט דער באַראָן — אין מיינע אָהרען, וויים איך, איז אַזאַ געשיכטע אַביסעל לעכערליך. אָבער וואָס קען מען זיך העלפען? אַזוי איז עס.

— טאָ צו וואָס דאַרפט איהר זיך אַזוי נעהמען צום הארצען? — האָט איינער פון דיא געסט בעמערקט — איהר זיינט, דאַכט זיך, רייך גענוג צו קויפען אַלע פרויען אין דער וועלט. איז עס מעגליך, אַז עס איז דאָ אַזאַ פרוי, וועלכע מען קען ניט קויפען?

— איך וויים ניט, ווער זיא איז — האָט אַ זיפץ געטהאָן דער באַראָן — הערט, מיינע פריינד — האָט ער צוגעגעבען — דיא באַראָנעסע איז דאָך דאָ ניטאָ, מעג איך עס אייך זאָגען: ביז איצט האָב איך נאָך מיין גאַנצען לעבען לאַנג ניט געוואוסט, וואָס עס הייסט: ליעבע... ליעבע! פון ליעבע קען מען ווערען דאַר.

— און וואו האָט איהר בעגעגענט אַט־דיעזע אונשולד? — האָט אימיצער געפרעגט.

— אין אַ קאַרעטע, אין מיטען דער נאַכט אין וואַלד אונטער פּאַריז... זיא האָט געטראָגען אַ ראָזעווע קלייד, אַ ווייסען שאַרף, אַ ווייסען וואַאַל. דאָס פנים וויא אויסגעשניטען פון דער ביבעל. אויגען וויא פייער.

— איך האָב מורא, אַז דאָס האָט זיך אייך גע'חלום'ט, באַראָן! — האָט זיך דאָ דזשיימס אריינגעמישט מיט אַ שמייכעל.

— אויך מעגליך — האָט טרויעריג געענטפערט דער באַראָן — ווען איך האָב זיא בעגעגענט בין איך געשלאָפען. איך בין געוועזן אַביסעל אונטערגע־שכור'ט.

— איז זיא געוועזן איינע אליין? — האָט ווייטער אימיצער געפרעגט.

— צוזאַמען מיט אַ בעדיענערין — האָט געענטפערט דער באַראָן.

— נאָך דזשיימס'עס שמייכעל — האָט דאָ בעמערקט איינער פון דיא געסט — פערשטעהט איך, אַז ער וויים, ווער דיא יפה־פיה איז.

אָבער דזשיימס האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג און איז אַוועקגעגאַנגען פון דער קאָמפּאַניע.

און דער באַראָן דע־נוסינגען האָט פאָרטגעזעצט:

— זיא בעלאַנגט ניט צו אונזער געזעלשאַפט. ווייטער וואָלט איך זיא ערגיץ בעגעגענט. איך זוך זיא שוין איבעראַל פאַר דיא לעצטע זעקס וואָכען. איך זוך זיא אויף אַלע בעלער, איך זוך זיא אַרום פּאַריז יעדע נאַכט, אָבער אַלעס — אומזיסט. איך בין גרייט צו בעצאָהלען א מיליאָן פראַנק צו דעם, ווער עס וועט מיר דיא פרוי אויסגעפינען.

נאָך דיעזען געשפּרעך מיט דעם באַראָן האָט דער גלח אויסגעאַרבייט א פּלאַן, וויא צו מאַכען אַן ענדע פון דזשיימס'עס ליעבע צו אסתר'ען. דער פּלאַן איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פאַרזיכטיג, אָבער שנעל.

געהענדיג פון דעם באַל צוזאַמען מיט דזשיימס'ען, האָט דער גלח פּלוצ־לונג בעמערקט:

— וויסטו, מיין קינד, עס וואָלט דאָ געקענט אַרויסקומען אַן אינטערע־סאַנטער שפּאַס פון דעם באַראָן'ס ליעבע צו אסתר'ען.

— וואָס מיינט איהר? — האָט דזשיימס געפרעגט.

— פּשוט. עס וואָלט כדאי געווען צו זעהן, וויא אסתר וועט איהם אָבגע־בען זיין פּסק, ווען ער וועט קומען צו איהר און איהר זיך ערקלערען אין ליעבע.

א פּאָר מינוטען זיינען זיי ביידע געגאַנגען שטיל און דאַן האָט דער גלח ווידער א זאָג געטהאָן:

— און דאָ וואָלט געווען אינטערעסאַנט נאָך איין פּראָבע. מען זאָגט, אַז קיין פרוי קען ניט ביישטעהן דעם יצר הרע פון גאָלד. איך בין אָבער זיכער, אַז אסתר'ען וואָלטען דעם באַראָן'ס מיליאָנען פאַר קיין פאַל ניט געקענט אַראָב־פיהרען פון וועג.

— וואָס פאַר מאָדנע רייד איהר רעדט היינט — האָט אונצופריעדען בע־מערקט צווישען דיא ציין דזשיימס.

דער גלח האָט זיך פרעהליך צולאַכט.

— נאַטירליך — האָט ער געזאָגט — קען דאָ דיא פּראָבע שוין דערפאַר ניט זיין קיין געלונגענע, ווייל אסתר ליעבט דיך און דוא ליעבסט זיא און דוא ביזט אויך גענוג רייך.

דיעזע בעמערקונג האָט אַזוי אויפגערעגט דזשיימס'ען, אַז ער האָט זיך פּלוצלונג אויסגעדרעהט און אָהן א "זיי־געזונד" פערלאָזען דעם גלח.

דער גלח איז אָבער ביי זיך ניט אַראָבגעפאַלען. פערקעהרט, ערשט איצ־טער האָט ער בעשלאָסען זיין פּלאַן דורכצופיהרען.

ער איז געווען אַן אַלטער פריינד פון דזשיימס'עס פּאָטער און ער האָט דיא גאַנצע צייט אַנגעווענדעט אַלערליי מיטלען צו צושיידען דזשיימס'ען מיט אסתר'ען. אויסער דעם, האָט ער, אַלס פערביסענער קאַטהאָליק, פיינד געהאַט אסתר'ען, ערשטענס, דערפאַר, ווייל זיא איז א אידישע טאָכטער און צווייטענס, ווייל זיא האָט מיט אַזאַ עקשנות זיך ענטזאָגט פון שמד.

אויף'ן צווייטען טאָג איז דער גלח געקומען צו אסתר'ען. ער איז געווען פערטראַכט און טרויעריג.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט אסתר דערשראָקען געפרעגט.

— אַן אונגליק, מיין קינד, אַן אונגליק — האָט מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ געזאָגט דער גלח.

און נאָך פיעלע פראַגען און בקשות האָט ער איהר גענומען דערצעהלען פאָלגענדעס:

עס איז ניט אמת, אַז דזשיימס קריעגט זיין געלד אויסצוהאַלטען זיך און זיא פון זיין רייכען פאָטער דעם לאָרד, וויא דזשיימס האָט עס איהר ביז איצטער איינגערעדט. זיינע עלטערען האָבען זיך פון איהם ענטזאָגט, אַזוי שנעל וויא ער האָט זיך איינגעליעבט אין איהר, אין אסתר'ען.

אסתר האָט זיך מיט אַ פערשטאָרבענעם אָטהעם איינגעהערט צו אַלעם וואָס דער גלח האָט איהר דערצעהלט. זיא האָט געפיהלט, אַז איבער איהר קאָפּ שוועבט אַ געפאַהר.

— טאָ וואו האָט ער דאָך גענומען דאָס געלד? — האָט זיא שטיל געפרעגט.

— ער האָט געליהען — האָט געענטפערט דער גלח — ער האָט געליהען דאָס געלד אויף אונגעהייער־גרויסע פּראָצענטען אין דער האָפנונג, אַז זיינע עלטערען וועלען ווייכער ווערען און וועלען אָבצאָהלען זיינע חובות. און עס קען זיין, אַז אַזוי וואָלט עס טאַקע פּאַסירט, ווען ניט איין צופאַל, וועלכער האָט געבראַכט דערצו, אַז ער מוז ענטוועדער נאָכגעבען זיינע עלטערען און הייראַטהען אַ מיידעל, וועלכע זיינע עלטערען שדכנ'ען איהם, אָדער...

דער גלח האָט ניט געענדיגט. ער האָט געוואָלט זעהן, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע רייד האָבען געמאַכט אויף אסתר'ען. און דער איינדרוק איז ווירקליך געווען אַ שוידערליכער. אסתר איז געוואָרען בלאַס און איז געווען נאָהענט צו חלשות.

זיא האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז דער גלח איז צו איהר געקומען אָהן דזשיימס'עס וויסען און זיא האָט פערשטאַנען אַזוי, אַז דזשיימס'ען איז מיאוס געוואָרען צו קעמפּפען מיט זיינע עלטערען און ער האָט בעשלאָסען מיט איהר אויפצואָפּפערען. אמת, זיא האָט ניט געקענט פערדעכטיגען דזשיימס'ען אין אונטרייהייט; זיא האָט זיך אָבער בעטראַכט, אַז אַזוי וויא עס קען מעגליך זיין, אַז דזשיימס איז אין אַזאַ פערצווייפעלטער לאַגע, אַז עס קומט איהם אוים זיך צו ראַטעווען פון שאַנדע אָדער זאָגאַר זעלבסטמאָרד, האָט ער אין אַ מינוט פון שוואַכקייט בעשלאָסען זיך אונטערצוגעבען.

— הערט מיך אויס, פאָטער — האָט אסתר געזאָגט, נאָכדעם וויא זיא האָט געניי בעטראַכט דיא לאַגע און האָט אָנגענומען אַ בעשלוס — איך וועל

אייך ניט זאָגען, אַז איך ליעב דזשיימס׳ען. דאָס וואָלט געווען נאַריש. איהם צו ליעבען איז פאַר מיר אַזוי נויטווענדיג פּונקט וויא איינצואָטהעמען לופט. פון דעם ערשטען טאָג אָן וואָס איך האָב איהם דערקענט, האָב איך אימער געטראַכט, אַז ער וועט ענדליך מוזען הייראַטהען מיט אַן אַנדערער צוליעב זיינע עלטערען און צוליעב זיין קאַריערע און איך וויל ניט שטערען זיין גליק.

זיא האָט זיך אָפּגערוהט און דאַן פאָרטגעזעצט:

— זיין הייראַטה וועט זיין מיין טויט. אָבער איך וועל איהם ניט מאַטערען. איך וועל זאָגאַר ניט פּרובען זיך צו נעהמען דאָס לעבען אָט־דאָ, ערגיץ נאָהענט פון איהם. איך וועל אַוועק וויט, וויט פון פראַנקרייך. איך וועל שטאַרבען און ער וועט גאָר ניט וויסען פון דעם.

— איין בקשה נור האָב איך צו איהם און צו אייך — האָט זיא געענדיגט — נאַרט מיך ניט אָפּ! זינט איך קען דזשיימס׳ען, האָט ער מיר געגעבען גענוג גליק און איך האָב צו איהם קיין טענות ניט. טאָ האָט זשע קיין מורא ניט און זאָגט מיר דעם אמת. זאָגט מיר אָפען, אַז מיר מוזען זיך שיידען, ווייל ער וויל הייראַטהען. זאָגט מיר דעם אמת און איך וועל פון איהם מעהר קיין זאַך ניט פאָדערען, אויסער אַ פריינדליכען "זייגעזונד", און ער וועט פון מיר קיין מאָל מעהר ניט הערען.

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט. דער גלח האָט גאָר ניט געענט־פערט.

— קלייבט ער זיך צו הייראַטהען? — האָט ווידערהאָלט אסתר אריינ־קוקענדיג דעם גלח אין דיא אויגען מיט אַ בליק, וועלכער איז געווען שאַרף וויא אַ חלף.

— וועגען זיין הייראַטה — האָט ענדליך געענטפערט דער גלח — ווערט שוין פערהאַנדעלט זייט דיא לעצטע אַנדערטהאַלבען יאָהר און דיא פראַגע איז נאָך ביז איצט ניט געלעזט... דיא פראַגע איצט איז ניט וועגען זיין הייראַטה... דער באַראָן דע־נוסינגען האָט דיך געזעהן...

— יאָ!... — האָט געזאָגט אסתר — מיר האָבען זיך בעגעגענט. איך האָב איהם באַלד דערקענט.

— און ער האָט זיך אַזוי פערליעבט אין דיר, אַז ער איז זאָגאַר גרייט אויפצואָפּפערען צוליעב דיר זיין גאַנץ פערמעגען. ווען ער האָט אין זיין הויז דערצעהלט וועגען זיין ליעבע צו דיר, איז דזשיימס בעגאַנגען אַ נאַרישקייט און האָט אַ שמייכעל געטהאָן. ער האָט דערמיט אַרויסגערופען געגען זיך אַ פער־דאַכט...

— אָבער, גאָט מיינער! — האָט אסתר אויסגעשריען — איך פערשטעה דאָך ניט אַ וואָרט וועגען וואָס איהר רעדט. וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָ

מיין בעגעגעניש מיט'ן באַנקיר צו דזשיימס'עס הייראַטה און וואָס פאַר אַ פערדאַכט האָט ער עס אַרויסגערופען מיט זיין שמייכעל?

— טאָ לאָז מיר דיר אַלעס גענוי ערקלערען — האָט געזאָגט דער גלח.

ער האָט געזעהן, אַז דער באָדען איז צוגעגרייט און ער קען זיך נעהמען דורכפיהרען זיין טייפעלשען פּלאַן.

—איך האָב דיר שוין געזאָגט — האָט ער אָנגעפאַנגען — אַז דזשיימס האָט געליהען גרויסע סומען געלד, אום אויסצוהאַלטען זיך און דיך. דאָס געלד האָט ער געליהען ביים באַנקיער דע־נוסינגען. דער אַלטער פוקס האָט זיך בענוצט מיט זיין הילפלאָזיגקייט און געריסען פון איהם אונגעהייערע פּראָצענטען. ענדליך אָבער האָט ער זיך ענטזאַגט אין גאַנצען צו לייהען, אויב דזשיימס וועט איהם ניט געבען אַ פערזיכערונג פון זיין פאָטער. דוא פערשטעהסט דאָך, אַז דזשיימס האָט דיעזע פאָדערונג ניט געקענט נאָכקומען און אַזוי וויא אָהן דעם געלד איז איהם אויסגעקומען פּשוט זיך צו וואַרפען אין וואַסער אַריין, האָט ער געפעלשט זיין פאָטער'ס חתימה.

אסתר האָט דערביי אַ קרעכץ געטהאָן פאַר וועהטאָג.

— גאָט, וויא האָט ער עס געוואַגט צו טהאָן!

— אוים ליעבע זיינען יונגע לייט פעהיג אויף אַלעס — האָט געזאָגט דער גלח — בקצור, דזשיימס האָט דיא חתימה געפעלשט. אָבער וויא ער איז נור דיעזע שאַנדטהאַט בעגאַנגען, האָט ער מורא בעקומען און האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ בקשה איהם צו רעטען. אָבער וויא זאָל איך איהם רעטען? איך בין ניט רייך גענוג צו בעצאָהלען זיינע חובות. איך האָב זיך געווענדעט צו זיינע עלטערען און האָב געוואָלט שלום מאַכען צווישען זיי און איהם, אָבער זיי ווילען פון קיין זאַך ניט הערען. איך וואָלט זיי אפשר געצוואונגען צו בעצאָהלען זיינע חובות, ווען דזשיימס וואָלט מיר ערלויבט זיי אויסצוזאָגען וועגען דער פעלשונג. ער האָט עס מיר אָבער שטרענג פער־באָטען.

— איך פערשטעה נאָך אַלץ ניט... — האָט געפּרובט איבערשלאָגען אסתר.

— טאָ האָב גערולד — האָט זיך דער גלח ניט געלאָזט איבערשלאָגען — דיא לאַגע איז יעצט אַזאַ: דע־נוסינגען איז אין דיר פערליעבט ביז משוגעת, כאָטש ער האָט דיך געזעהן בלויז אַ וויילע, אי דאָס ביינאַכט. ער איז ממש קראַנק געוואָרען און ער וועט זיך ניט בערוהיגען ביז ער וועט דיך ניט געפינען. איצטער האָט ער אַ פערדאַכט, אַז דזשיימס וויים, ווער דוא ביזט און וואו דוא געפינסט זיך, און איך האָב מורא, ער זאָל ניט געוואָהר ווערען, אַז דוא ליעבסט דזשיימס'ען און ער זאָל אוים אייפערזוכט ניט וועלען רואינירען זיין געגנער.

— אָה, וואָס פאַר א שאַנדע! — איז אסתר אַזש רויט געוואָרען פאַר בעליידיגונג.

— יא, עס איז א שאַנדע — האָט צוגעגעבען דער גלח — אָבער אַזוי איז עס. וואָלט נאָך דזשיימס פשוט שולדיג געווען געלד, וואָלט נאָך געווען צו דערליידען. דער אונגליק איז אָבער מיט דער געפעלשטער חתימה. אויב דער באַנקיר זאָל דיא וועקסלען פּראָטעסטירען און דיא פעלשונג זאָל זיך דורך דעם ארויסצייגען, וועט דזשיימס'ען קיין אַנדער זאַך ניט בלייבען צו טהאָן, וויא...

— וויא שלום צו מאַכען מיט זיינע עלטערען און הייראַטהען אַן אַנדערע?
— האָט קוים אַרויסגערעדט אסתר.

— איך האָב מורא, אַז נאָך ערגער — האָט שטיל געזאָגט דער גלח — איך האָב מורא, אַז שלום ווערען וועט שוין זיין צו שפּעט און דאָס איינציגע וואָס עס וועט בלייבען פאַר דזשיימס'ען צו טהאָן, איז: זיך ארייניאָגען א קויל אין קאָפּ.

אסתר האָט פערצווייפעלט פערבראָכען דיא הענד.

— וואָס טהוט מען? — האָט זיא זיך וויא געבעטען ביים גלח — איז ווירקליך שוין קיין אויסוועג ניטאָ?

— בלויז איין מיטעל איז פאַראַן — האָט וויא פערשעהמט געזאָגט דער גלח און האָט זיך אָבגעשטעלט.

— וואָס איז דער מיטעל? זאָגט שנעלער.

— צו וואָס? — האָט זיך כלומר'שט דער גלח געלאָזט בעטען — אַז דער מיטעל איז במילא אַן אונמעגליכער.

— דאָך?

דער גלח איז א פּאָר מינוטען אַרומגעגאַנגען פערטראַכט איבער'ן צימער, וויא ער וואָלט זיך געשלאָגען מיט דער דעה און דאַן האָט ער פאַרזיכטיג גע־נומען ריידען:

— איין מיטעל איז פאַראַן און דאָס איז, אַז דוא זאָלסט אויפנעהמען ביי זיך דע־נוסינגען'ען און פּרובען ביי איהם אַרויסקריעגען דזשיימס'עס וועקסלען.

— וואָס מיינט איהר? — האָט אויפגערעגט געפרעגט אסתר.

— אָה, איך מיין, חלילה, ניט קיין שלעכטס. איך מיין בלויז, אַז דוא זאָלסט איהם אויפנעהמען ביי זיך אין הויז. דאָס וועט דיך צו קיין זאַך ניט פערפּפליכטען. ער וועט דיר ניט קענען ענטזאָגען, ווען דוא וועסט ביי איהם בע־טען דזשיימס'עס וועקסלען און...

— און איהר מיינט עס ערנסט? — האָט אסתר געפרעגט מיט א דראָ־הענדער שטימע — מיינט איהר ווירקליך, אַז א פרוי קען בעטען אַזאַ זאַך גלאַט אַזוי מיר ניט דיר ניט? מיינט איהר ווירקליך, אַז דער באַנקיער וועט מיר דיא טובה טהאָן אָהן הינטער־געדאַנקען? מיינט איהר אויך, אַז אפילו,

ווען דיזע טובה זאָל מיך גאָר ניט קאָסטען, וועט דזשיימס ניט האָבען אַ פערדאַכט אויף מיר און וועט מיך ניט אָבשטויסען פון זיך?

— נו, זעהסטו דאָך — האָט קאַלטבלוטיג געזאָגט דער גלח — איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז דיזער איינציגער מיטעל איז אַן אונמעגליכער. מילא, ווע׳לען מיר עס לאָזען געהן וויא עס געהט.

— אָבער וואָס וועט דאַן זיין מיט דזשיימס׳ען?

דער גלח האָט אַנשטאָט אַן ענטפער בלויז אַ קנייטש געטהאָן מיט דיא פּלייצעס.

אַ פּאָר מינוטען זיינען זיי ביידע געזעסען שטיל. ענדליך האָט זיך דער גלח אויפגעהויבען און זיך גענומען קלייבען אַוועקצוגעהן.

— וואַרט! — האָט געזאָגט אסתר — ווע׳לען מיר טאַקע ניט געפינען קיין מיטעל צו ראַטעווען דזשיימס׳ען?

— איך קען ניט געפינען.

— טאָ מאַכט שלום צווישען איהם און זיינע עלטערען. איך וועל איהם בעפרייען.

— דזשיימס וועט ניט ווע׳לען.

— פערשטעהט אָבער, אַז איך קען ניט געהן צום באַראָן דע־נוסינגען.

— איך פערשטעה.

— אָבער דזשיימס?

— ער וועט מוזען זאָרגען פאַר זיך אליין.

— דענקט איהר, אַז ער וועט קענען איבערטראָגען דיא שאַנדע?

— איך בין זיכער, אַז ניט.

— דאָס הייסט...

— דאָס הייסט, אַז ער וועט דיא שאַנדע ניט איבערלעבען.

— עס הייסט, אַז דאָ שטעהט אין קאָן זיין לעבען?

— יאָ.

— קען איך זיך מיט איהם דורכריידען וועגען דעם?

— זאָל דיך גאָט היטען.

— גוט! בעקענט מיך מיט׳ן באַנקיער! — האָט אסתר פלוצלונג ענט־שלאָסען געזאָגט.

דעם גלח האָט געקאָסט פיעל מיה, ער זאָל דערביי ניט נעהמען טאַנצען פאַר פרייד. זיין פּלאַן איז איהם פאַלשטענדיג געלונגען.

— איצטער — האָט ער געזאָגט, קוים איינהאַלטענדיג זיין פרייד — מוז מען דעם פּלאַן גענוי בעטראַכטען. עס וועט אפשר זיין ניט שעהן פשוט צו בעטען ביים באַראָן דזשיימס׳עס וועקסלען, נאָר מען קען דאָס מאַכען אַנדערש. איך האָב אַן אַנדער פּלאַן.

— טהוט, וויא איהר פערשטעהט. איך בין אויף אַלעס גרייט — האָט אסתר געזאָגט, איינהאַלטענדיג זיך מיט אַלע כחות, אום זיך ניט צו צוואויינען
— אָבער טהוט מיר א טובה: לאָזט מיך איצטער אליין.
— מיר וועלען זיך זעהן מאָרגען — האָט דער גלח געזאָגט, זיך געזעגענענדיג.

נאָך זיין אװעקגעהן איז אסתר איבער א שטונדע געלעגען אויף דער סאָפאַ און האָט געוויינט. זיא האָט זיך אָבער דערמאַנט, אז באַלד דאַרף צו איהר קומען דזשיימס און זיא האָט זיך גענומען גרייטען איהם צו בעגעגענען. זיא האָט היינט געוואָלט אויסזעהן אין זיינע אויגען נאָך שעהנער און נאָך פרעהליכער וויא אימער, ווייל זיא איז געוועזן זיכער, אז נאָך איהר בעגעגעניש מיט'ן באַראָן מוז זיך ענדיגען דזשיימס'עס ליעבע צו איהר.

זיא האָט זיך אליין מקריב געוועזן אויף'ן מזבח פון ליעבע.

42טעס קאַפּיטעל.

דיא ליעבע פון אַן אַלטען באַנקיער

אויף'ן צווייטען טאָג איז איינער פון דעם באַראָן דע־נוסינגען'ס בעקאַנטע און א פריינד פון דעם פראַנצויזישען גלח געקומען צום באַראָן און וויא ער איז נור אריינגעקומען צו איהם אין קאַבינעט און איז דאָרט געבליבען מיט איהם אַליין, האָט ער געזאָגט:

— הערר באַראָן, איך קום צו אייך מיט א בשורה. איך ווייס שוין, וואו אייער שעהנהייט געפינט זיך.

— וואו? — האָט אויסגעשריען דער באַראָן.

— זיא איז דזשיימס מאַנספיעלד'ס געליעבטע — האָט געענטפערט דער בעזוכער — און זיא וואָהנט אין טאַבו שטראַסע.

— האָט איהר זיא געזעהן? — האָט אונגעדולדיג געפרעגט דער באַראָן.

— יא — האָט געענטפערט דער בעזוכער — און ווען איך האָב זיא דערזעהן, האָב איך ערשט גוט פערשטאַנען, אז מען קען ווירקליך אַראָב פון זינען צוליעב איהר. אזא זעלטענע שעהנהייט האָב איך נאָך קיין מאָל אין מיין לעבען ניט געזעהן.

— טאָ וויא איז עס מעגליך — האָט געפרעגט דער באַראָן עטוואָס פערדעכטיג — וואָס אַזאַ שעהנהייט, וועלכע וואָהנט אזוי נאָהענט, האָט מען ביז איצט ניט געקענט אויסגעפינען?

— גאַנץ פשוט! — האָט יענער געענטפערט — דזשיימס איז זעהר אייפערזיכטיג און ערלויבט איהר ניט אַרויסצוקומען פון הויז אויסער שפעט

בייגאַכט אין בעגלייטונג פון אַ דיענערין, וועלכע איז איהם שטאַרק איבערגעבען. דאָס מיידעל וויעדער האָט אַזוי ליעב דזשיימס'ען, אַז זיא פאָלגט אַלעס וואָס ער פאָדערט פון איהר. זיא בעווייזט זיך ווירקליך ניט אין דרויסען אויסער בייגאַכט, ווען זיא פאָהרט שפּאַציערען אונטער דער שטאָדט און אפילו ביי דיעזע שפּאַציערען פאָהרט זיא אין אַ פערמאַכטער קאַרעטע כדי קיינער זאָל זיא ניט קענען זעהען.

— מערקווירדיג! — האָט אַ בורטשע געטהאָן דער באַראָן.

— אָבער אויסער אייפערזוכט — האָט צוגעגעבען דער בעזוכער — אויסער אייפערזוכט האָט דזשיימס נאָך אורזאַכען צו בעהאַלטען זיין געליעבטע. ערשטענס, האָט ער נאָך אַ רייכע, אַריסטאָקראַטישע געליעבטע, וועלכע עס לוינט זיך איהם אָנצוהאַלטען. און צווייטענס, קלייבט ער זיך חתונה צו האָבען.

— און איצט — האָט געענדיגט דער בעזוכער — זיינט איהר, הערר באַראָן, ביים ציעל. דזשיימס'ען וועט זיך ניט לוינען שטאַרק צו שלאָגען זיך מיט אייך פאַר זיין געליעבטער. איהר קומט נור צו צו איהר און געווינט זיא, און דזשיימס וועט זיא אייך מוזען אָבטרעטען. זשאַלעוועט נור ניט קיין געלד.

און דער באַראָן האָט געפאָלגט און האָט קיין געלד ניט געזשאַלעוועט. ער האָט אין אַ שטונדע אַרום אַוועקגעשיקט צו אסתר'ען אַ פּראַכטפאָלען בוקעט בלומען. דער בוקעט איז אָבער ניט געווען קיין לעדיגער. דאָרט האָט זיך געפונען אַ בראַסלעט אויסגעזעצט מיט טהייערע בריליאַנטען און צום בראַסלעט איז געווען צוגעטשעפּעט אַ צעטעלע מיט'ן נאָמען: באַראָן דע־נוסינגען.

דער באַנקיער וואָלט נאַטירליך קיין מאָל זיך ניט ערלויבט אַזוי ראַש צו האַנדלען, ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז אסתר איז אַן אַנשטענדיגע פרוי. דער פריהעריגער געשפּרעך פון זיין בעקאַנטען האָט אָבער אויף איהם געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אסתר איז פון יענע פאַריזער פרויען, וועלכע ווערען אויסגעהאַלטען פון דיא רייכע פּוסט־און־פאַסטניקעס, און צו אַזעלכע פרויען, האָט דער באַראָן געוואוסט פון ערפאַהרונג, קען מען צוקומען לייכט און שנעל נור מיט דער הילף פון רייכע מתנות.

שיקענדיג צו אסתר'ען דעם בוקעט מיט דער מתנה, איז שוין דער אַלטער באַנקיער געווען זיכער, אַז ער וועט געווינען אסתר'ען און ער האָט בעשלאָסען אָבצוואַרטען נור ביז מאָרגען און דאַן אַליין קומען צו איהר.

אַז אסתר וועט צונעהמען זיין פּרעזענט, אין דעם האָט ער קיין מינוט ניט געצווייפעלט, ווייל ער האָט אויסגערעכענט, אַז אויב אסתר איז פון דעם סאָרט פרויען, צו וועלכע ער האָט זיא צוגערעכענט, וועט זיא קיין איינציגע מינוט ניט טראַכטען און וועט אויסבייטען דעם יונגען ניט־איבריג רייכען דזשיימס מאַנספיעלד אויף איהם, דעם אַלטען מיליאָנער.

און זיינע ערוואַרטונגען האָבען איהם ניט אָבגענאַרט. זיין שליח איז צו־

ריקגעקומען און האָט איהם געמעלדעט, אַז אסתר האָט דעם בוקעט צוגענומ'ען. אמת, זיא האָט דערביי גאָר ניט בעפוילען צום באַנקיער און האָט איהם אפילו קיין דאַנק ניט געשיקט, דאָך האָט דער אַלטער באַנקיער בעשלאָסען, אַז אַלעס איז אין אָרדנונג און ער האָט מיט אונגעדולד ערוואַרטעט דעם מאָרגען, ווען ער וועט פערזענליך בעגעגנען דיא פרוי, וועלכע ער האָט אזוי לאַנג געזוכט.

און אין דער צייט, ווען דער באַראָן איז געווען אויף'ן זיעבענטען הימעל פאַר גליק, איז אסתר געווען נאָהענט צו זעלבסטמאָרד.

פונקט אין דער צייט, ווען דער באַראָן האָט געקראָגען דיא ידיעה, אַז דיא פרוי, וועלכע ער זוכט, האָט זיך געפונען — פונקט אין דער צייט איז צו אסתר'ען געקומען דער גלח. דאָס האָט ער אונטערגעשיקט זיין בעקאַנטען צום באַנקיער. ער האָט אויך אויסגעדרעהט אַזוי, אַז דזשיימס מאַנספיעלד זאָל פּלוצלונג אָבפאָהרען פון לאָנדאָן אזוי אַז ער זאָל קיין צייט ניט האָבען זיך צו געזעגענען מיט אסתר'ען. דזשיימס האָט וועגען זיין אָבפאָהרען געלאָזט וויסען אסתר'ען דורך געשריעבענע עטליכע ווערטער.

נאָך אַ קורצער בעגריסונג האָט דער גלח דערלאַנגט אסתר'ען דריי דאָקומענטען, אויף וועלכע אסתר האָט זיך בעדאַרפט אונטערשרייבען. אונטערשרייבענדיג זיך, האָט אסתר זיך פערפפליכטעט אָבצוצאָהלען לויט איין דאָקומענט — זעכציג טויזענד פראַנק, לויט דעם צווייטען — הונדערט און צוואַנציג טויזענד פראַנק, לויט דעם דריטען—אויך הונדערט און צוואַנציג טויזענד פראַנק. צוזאַמען, הייסט עס, האָט אסתר מיט איהר אונטערשריפט זיך געמאַכט שולדיג דריי הונדערט טויזענד פראַנק. דיא וועקסלען זיינען געווען אויסגעמאַכט אויף אַ דאַטום מיט עטליכע מאָנאַט צוריק אויף עפּעס אַ פרעמדען נאָמען. דיא וועקסלען זיינען געווען אויסגעמאַכט אַזוי, אַז לויט זיי האָט מען געקענט לויט דיא דאַמאַלסדיגע פראַנצויזישע געזעצע אריינוואַרפען אסתר'ען אין תפיסה.

אסתר, וועלכע האָט בעשלאָסען אַלעס צו פאָלגען דעם שרעקליכען גלח, האָט דאָך ניט געהאַט קיין איבריגען חשק אונטערצושרייבען דיא וועקסלען.

— צו וואָס איז דאָס? — האָט זיא געפרעגט.

— צוליעב דזשיימס'ען — האָט געענטפערט דער גלח — מיט דיעזע דריי הונדערט טויזענד פראַנק קען ער בעצאָהלען זיינע חובות און ערשט אָנהויבען לעבען אויפ'ס ניי.

— אָבער וואָס פאַר אַ ווערטה קענען דאָן האָבען דיא וועקסלען, ווען איך פערמאָג גאָר ניט? — האָט אַליץ אסתר ניט פערשטאַנען.

— אָה, אין דעם פערלאָז זיך שוין אויף מיר — איז געקומען אַן ענטפער. און אסתר האָט געפאָלגט.

— און איצט קומט מיין טויט! — האָט אסתר בלויז געקענט זאָגען, אונטערשרייבענדיג דיא וועקסלען.

— נאַרישקייטען! — האָט זיא געטרייסט דער גלח — ווערסט נאָך לאַנג לעבען און ווערסט זיין גליקליך.

אסתר'ס ליידען און ערנידריגונגען האָבען זיך דערמיט נאָך ניט געענדיגט. דאָס שרעקליכסטע האָט בעדאַרפט קומען, און דאָס איז געווען דער בוקעט מיט דער מתנה פון דעם באַראָן. דאָס גאַנצע בלוט האָט א קלאַפּ געטהאָן אסתר'ען אין קאָפּ, ווען זיא האָט דאָס דערזעהן. עפּעס האָט זיא זיך ביז יעצט ניט פאָרגעשטעלט, וואָס זיא ערווארטעט.

זיא האָט געוואוסט, אַז זיא מוז זיך בעקענען מיט'ן באַראָן און ביי איהם אויסשווינדלען אָדער אויסבעטען א גרויסע סומע געלד, אום צו ראַטעווען דאָס לעבען פון איהר דזשיימס'ען. דאָס איז געווען אַן ערנידריגונג און א פערברעכען. אַזוי האָט זיא עס בעטראַכט און דאַרויף האָט זיא זיך ענטשלאָסען.

אָבער דיא בלומען און דיא מתנה האָבען איהר איצטער געעפענט דיא אויגען און איהר געצייגט דאָס גאַנצע שוידערליכע בילד פון איהר שאַנדע. ערשט איצטער האָט זיא פערשטאַנען, אַז דער באַראָן ווערט ניט פּשוט קומען זיך בעקענען מיט איהר, נאָר אַז ער קומט צו איהר, אום צו קויפען איהר עהרע. דיעזער געדאַנק האָט פערקיהלט דאָס גאַנצע בלוט אין איהרע אָדערען און האָט ביי איהר כמעט געראַובט דאָס בעוואוסטזיין.

צום ערשטען האָט זיא געוואָלט א שליידער טהאָן דעם בוקעט דעם שליח אין פּנים אריין. עס איז פאַר איהרע אויגען אָבער ארויסגעשוואומען דאָס בילד פון דזשיימס'ען, וויא ער ליעגט א בלאַסער מיט א קויל אין זיין צושמעטערטען קאָפּ און זיא האָט דעם בוקעט צוגענומען.

דערפאַר האָבען זיא שוין אין גאַנצען פערלאָזען דיא כחות, ווען אויף'ן צווייטען אָבענד אַרום צעהן א זייגער איז פאַר איהר ערשיענען דער באַראָן אַליין. וויא זיא האָט זיך ניט געשטאַרקט, האָט זיא דאָך ניט געקענט אויסהאַלטען איהר ראָלע. זיא האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אויסצורעדען דיא ערשטע עטליכע ווערטער, וויא זיא איז געגען איהר אייגענעם ווילען א פאַל געטהאָן אויף דער סאָפאַ און האָט זיך היסטעריש צוואויינט.

דער באַראָן האָט זיך פערלאָרען און ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן. ער האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען זיא צו בערוהיגען, אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען.

ערשט אין א שטיק צייט אַרום איז אסתר'ס היסטעריקע פאַראיבער און זיא האָט זיך אויף אַזוי פיעל בערוהיגט, אַז זיא האָט געקענט זיצען שטיל און דיא טרעהרען האָבען לאַנגזאַם געטריפט איבער איהרע שעהנע באַקען.

לעבען איהרע פיס האָט זיך אַוועקגעזעצט דער באַראָן, האָט אַוועקגעלעגט

זיין גרויען קאָפּ אויף איהרע קניע, האָט געצערטעלט איהרע הענט און גערעדט צו איהר ליעבע רייד אין דער צייט, ווען אסתר'ס טרעהרען זיינען שטיל געפאַלען אויף זיין קאָפּ.

— אסתר! — האָט דער באַראָן געזאָגט — איך וויל ניט זיין גראָב צו דיר און וויל שאָנעווען דיינע געפיהלען. געה אַליין אריין אין דיין שלאָף־צימער און בערוהיג זיך. איך וועל בלייבען דאָ.

דער באַראָן האָט דיזע ווערטער אַרויסגערעדט מיט אַזוי פיעל אמת'ער ליעבע און צערטליכקייט, אַז אסתר איז גערירט געוואָרען. זיא האָט ווארים א דריק געטהאָן זיינע הענט און האָט געזאָגט:

— איך וועל אייך אייביג זיין דאַנקבאַר פאַר אייער עדעל הארץ.

און אסתר איז אריין אין איהר שלאָף־צימער.

נאָך אסתר'ס אַוועקגעהן האָט דער באַראָן א לאַנגע צייט ארומגעשפּאַנט איבער'ן צימער און געטראַכט.

— עפּעס אונערקלערליכעס איז דאָ פאַראַן אין דער גאַנצער געשיכטע! — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער פערמאַכטער טהיר פון אסתר'ס שלאָף־צימער און האָט שטיל א רוף געטהאָן:

— אסתר!

אסתר האָט ניט געענטפערט.

— דאַכט זיך, זיא וויינט נאָך אַלץ! — האָט געזאָגט דער באַראָן.

מיעד פון אויפרעגונג, האָט ער זיך ענדליך פאַרטאָג צוגעשפּאַרט אויף דער סאָפאַ און איז באַלד איינגעשלאָפען.

ביים אויפוואַכען האָט איהם ערוואַרטעט אַ נייע איבערראשונג.

אויפגעכאַפּט האָט זיך באַראָן דע־נוסינגען פון אסתר'ס דינסט'ס ווילדע געשרייען:

— אוי, מאַדאַם! דיא פּאָליציי! מען איז געקומען אייך אַרעסטירען!

ווען דער באַראָן איז געקומען צו זיך, האָט ער דערזעהן פון איין זייט, וויא דיא צושראָקענע אסתר קומט אַרויס פון איהר שלאָף־צימער אַ האַלב־געקליידעטע און פון דער צווייטער זייט עטליכע זשאַנדאַרמען און דעטעקטיווס.

איינער איז צוגעגאַנגען צו אסתר'ען, האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנד אויף איהר אַקסעל און האָט געזאָגט:

— זיינט איהר מאַדאַם אסתר גאָבסעק?

— אוי, מאַמעליך! — האָט דאָ אויסגעשריען דיא דינסט — זיי ווע־לען ערמאָרדען מיין טהייערע מאַדאַם.

דער זשאַנדאַרם האָט געזאָגט:

— מאדאם, איך ארעסטיר אייך פאר דיא חובות, וואס עס מאהנט ביי אייך דער באנקיער דעסטארני.

— גוט! — האט געענטפערט אסתר — ערלויבט מיר נור אויף א פאר מינוט ארייינצוגעהן אין צווייטען צימער און זיך אנטהאן.

אבער דא האט זיך אריינגעמישט דער באראן, וועלכען קיינער האט ביז איצט אין טומעל ניט בעמערקט און וועלכער איז פון אנהויב וויא פערגליווערט געווארען פאר איבערראשונג.

— וואס טהוט זיך דא? — האט דער באראן אויסגעשריען.

— אה, הערר באראן! — האט געזאגט דער הויפט זשאנדארם און ער האט באלד געגעבען א צייכען דיא איבריגע זיי זאלען פערלאזען דאס צימער.

— ועט איהר בעצאהלען דעם חוב? — האט דער זשאנדארם געפרעגט דעם באראן, ווען זיי זיינען געבליבען אליין.

— יא! — האט געזאגט דער באראן — אבער איך וויל וויסען, וויפיעל.

— דריי הונדערט טויזענד פראנק אויסער געריכט־אויסגאבען.

— דריי הונדערט טויזענד פראנק! — האט ערשטוינט אויסגעשריען דער באראן.

אבער דא האט זיך אריינגעמישט אסתר'ס דיענסט.

— אה, מיין הערר! — האט זיא געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען — וועט איהר קענען ערלויבען אזא שרעקליכע זאך, אז מיין גוטע, עדעלע מאדאם זאל ארעסטירט ווערען? ניין! נעהמט אייך מיינע פערדיענסטען! איך וועל אוועקגעבען אלעס וואס איך האב מיין גאנצען לעבען געשפארט, אבי צו ראטע־ווען מיין מאדאם.

און דיא דיענסט האט געכאפט אסתר'ס האנד און האט זיך צוגעדריקט צו איהר.

דיא סצענע איז אויסגעקומען זעהר א ריהרענדע.

— גוט! — האט ענדליך געזאגט דער באראן — איך וועל דעם חוב בעצאהלען.

ער האט באלד אויסגעמאכט א טשעק אויף זיין באנק און איז אוועק אין געריכט ערפילען די נויטווענדיגע פארמאליטעטען, אום ריינצוואשען אסתר'ען.

אסתר האט איצטער לייכטער אויפגעאטהעמט. דזשיימס איז איצטער גע־רעטעט. דיא דריי הונדערט טויזענד פראנק, וואס זיא און דער גלח האבען אויסגעשווינדעלט פון דעם באנקיער, וועלען העלפען דזשיימס'ען אויסצולעזען זיינע וועקסלען ביים באראן און דיא פעלשונג פון דער חתימה וועט ניט אויפ־געדעקט ווערען. דזשיימס וועט קענען ווייטער לעבען.

אבער זיא? קען זיא ווייטער לעבען? ניין, ניט נאך דיעזער שאנדע. זיא מוז שטארבען אי צוליעב דעם, זיא זאל אבווישען דיא שאנדע פון דעם

פערברעכען וואָס זיא איז בעגאַנגען געגען דעם באַנקיער, אי אום ניט אריינ־צושלעפּען אין דעם סקאַנדאַל דזשיימס'ען. און אַז דער באַנקיער וועט מאַכען אַ סקאַנדאַל, ווען ער וועט ענטדעקען איהר שווינדעל, אין דעם איז אסתר כמעט געווען זיכער. ווען זיא וועט אָבער שטאַרבען, וועט ער עס פיליכט פערשווייגען.

איבריגענס, האָט זיא ווייטער געטראַכט, קען זיין, אַז דער באַנקיער וועט קיין סקאַנדאַל ניט מאַכען; פיליכט וועט ער זיך שעהמען. יעדענפאַלס קען זיא ניט בלייבען לעבען. וויא וועט זיא קענען קוקען דזשיימס'ען אין דיא אויגען, נאָכדעם וויא זיא האָט אויפגענומען ביי זיך דעם באַנקיער און איז בעגאַנגען אַזאַ מיאוס'ען שווינדעל? אמת, זיא האָט עס געטהאָן צוליעב איהם, צוליעב איהר דזשיימס'ען; אָבער האָט ער עס דען געפאָדערט פון איהר? זיא האָט גוט געקענט דזשיימס'עס נאַטור און זיא איז געווען זיכער, אַז בלויז דער געדאַנק, אַז דער אַלטער באַנקיער האָט געקוקט אויף איהר מיט פערליעבטע אויגען און האָט געהאַט וועגען איהר זינדיגע געדאַנקען — אַז בלויז דער געדאַנק וועגען דעם וועט טרייבען דזשיימס'ען צו מאָרד אָדער זעלבסטמאָרד.

אַלזאָ, זיא מוז שטאַרבען. זיא קען אָבער ניט געהן פון דער וועלט, ניט געזעגענענדיג זיך מיט דזשיימס'ען. יאַ, זיא מוז איהם זעהן און איהם גיבען דעם לעצטען קוש און דאַן וועט זיא שטאַרבען מיט פרייד, וויסענדיג, אַז זיא שטאַרבט פאַר איהם.

דזשיימס וועט בלייבען לעבען, ווייל ער וועט זיך קיין מאָל ניט דערוויסען דעם סוד, וויא אַזוי און ווער עס האָט אָבגעצאָהלט זיינע חובות, ווייל דער גלח האָט איהר פערשפּראָכען איהם איבערצוגעבען דאָס געלד כלומר'שט אַלס הלואה פון אַ פריינד.

אסתר האָט זיך געאיילט אָנצושרייבען דזשיימס'ען אַ בריעף און איהם בעטען, ער זאָל באַלד קומען נאָך פּאַריז. זיא מוז זיך איילען, ווייל זיא איז זיכער, אַז דער באַנקיער וועט קומען צוריק און וועט פאָדערען פון איהר, אויב ניט ליעבע, טאָ, אַם וועניגסטען, אַ גוט וואָרט פאַר זיינע דריי הונדערט טויזענד פראַנק. און דאָס איז געווען דאָס שרעקליכסטע וואָס אסתר האָט זיך נור געקענט פאָרשטעלען.

זיא האָט דעם בריעף אַוועקגעשיקט און האָט זיך אַביסעל בערוהיגט. לעב וואָהל, דוא שעהנע וועלט!

דזשיימס איז אָבער אויף'ן צווייטען טאָג ניט געקומען. דערפאַר איז געקומען דער באַנקיער דע־נוסינגען.

פאַר דיא פאַר וואָכען וואָס דער באַראָן דע־נוסינגען האָט געזוכט אסתר'ן און זיא ניט געקענט געפינען, האָט ער אין גאַנצען פערנאַכלעסיגט זיין באַנק און האָט זאָגאַר זעלטען בעזוכט דיא בערזע אויף וועלכער ער האָט געקעניגט.

זיינע שותפים האָבען זיך ניט איינמאָל געקלאָגט דאָרויף, אָבער ער האָט זיי ניט געהערט.

אזא ריעזיגע באַנק מיט אזוי פיעל מיליאָנען־געשעפטען האָט נאַטירליך ניט געקענט רואינירט ווערען צוליעב דער נאַכלעסיגקייט פון א פּאָר וואָכען. דאָך האָט זיך דיא נאַכלעסיגקייט גאַנץ גוט געפיהלט און אויסער דעם כמעט האַלבען מיליאָן פראַנק וואָס דער באַראָן האָט פערשוועגדט ביז איצט אויף אסתר'ען, האָט דיא באַנק פערלאָרען פיעל דורך נאַכלעסיגקייט.

יעצט אָבער, ווען אסתר איז שוין געפונען געוואָרען און האָט בעלאַנגט צום באַראָן דע־נוסינגען, האָט ער מיט דאָפּעלטער קראַפט זיך צוריק א נעהם געטהאָן צו דיא באַנק געשעפטען.

זעקס א זייגער אין דער פריה איז דער באַראָן דע־נוסינגען שוין געזעסען אין זיין צימער אין זיין באַנק און גערעכענט און געטראַכט און געמאַכט פּלע־נער, וויא אויפצוהויבען דיא אַקציעס און לאָזען פאַלען אַנדערע, וויא צו רואי־נירען אַנדערע באַנקען און רייכער צו מאַכען זיין אייגענע.

דער באַראָן האָט זיך געגרייט צו א שלאַכט אויף דער בערזע היינט נאָכ־מיטאָג, ווען עס איז ערשיענען איינער פון דיא קלענערע פּאַריזער באַנקירען און איהם דערצעהלט, אַז זיינער א פריינד, א קליינער באַנקיער איז נעכטען רואינירט געוואָרען און זיין באַנק האָט געפּלאַצט.

— ער האָט געמוזט ברעכען — האָט קאַלטבלוטיג בעמערקט דער באַראָן — ער האָט צו היציג געשפּיעלט אויף דער בערזע געגען אונז.

— אונגליקליכער מענש! — האָט מיט בעדויערען בעמערקט דער, וואָס האָט געבראַכט דיא ידיעה — ער האָט אַזוי וועניג ערוואַרטעט דעם אונגליק, אַז ער האָט ערשט צוריק מיט א פּאָר וואָכען איינגעאָרדענט א גאַנצען פּאַלאַץ פאַר זיין געליעבטער. איבער הונדערט און פופציג טויזענד פראַנק האָט ער בע־צאָהלט בלויז פאַר דעם מעבעל און פאַר דיא בילדער, וואָס ער האָט איינגעקויפט פאַר'ן הויז.

— אָה! — האָט געזאָגט דער באַראָן — און איצטער מוז דאָס אַלעס פער־קויפט ווערען אונטער דעם האַמער (פער אויקציאָן).

— יא — האָט געענטפערט דער צווייטער — אַלעס: דאָס הויז, דאָס מעבעל — אַלעס.

— גוט! — האָט געזאָגט דער באַראָן — קומט אריין מאָרגען גאַנץ פריה און איך וועל געהן מיט אייך אָנקוקען דאָס הויז. אויב ביז מאָרגען וועט ער נאָך ניט ערקלערט ווערען אַלס באַנקראָט, וועל איך שטילערהייד אָבקויפען אַלעס. איהר וועט עס דאַן אויף שנעל אָבקויפען און איך וועל עס איבערנעהמען. נאַ־טירליך, אויב ער וועט ניט פאָדערען פיעל.

— איך האָף, אַז מיר וועלען עס קענען לייכט טהאָן — האָט יענער געענט־פערט.

דיא ידיעה וועגען דעם באַנקראָט האָט אויך געבראַכט דעם באַראָן דע־נוסינגען צום בעשלוס, אַז ער מוז באַלד זיין אויף דער בערזע, ווייל ווער ווייסט, וואָס פאַר ענדערונגען דאָרטען קענען פאַרקומען צוליעב דעם באַנקראָט. ער מוז זיין אויף דער בערזע, כדי עפּעס צו קענען געווינען פון דעם באַנקראָט און אויב ניט, טאָ זעהען אַם וועניגסטענס פערהיטען, אַז ער זאָל דערביי גאָר ניט פערלי־רען. ערוואַרטעט אָבער האָט ער כמעט מיט זיכערהייט, אַז פון דעם באַנקראָט וועט ער געווינען גענוג צו דעקען דיא אויסגאַבען, וואָס ער האָט געמאַכט אויף אסתר׳ען.

דיעזער געדאַנק האָט איהם געמאַכט אַזוי פרעהליך, אַז ער האָט בעשלאָסען אויף׳ן וועג צו דער בערזע אַריינצולויפען צו אסתר׳ען און איהר אָנזאָגען דיא בשורה, אַז גאָר אין גיכען וועט ער זיא בעזעצען אין אַן אייגענעם פּאַלאַץ.

ער האָט ערוואַרטעט צו טרעפען אסתר׳ען אַ פרעהליכע, אַ לוסטיגע און געטראָפען האָט ער זיא אַ האַלב־טויטע פאַר שרעק.

— זיי ניט אַזוי טרויעריג! — האָט געזאָגט דער באַראָן, זיך אָוועקזעצענ־דיג לעבען איהר — איך וועל בעצאָהלען אַלע דיינע חובות. אין אַ מאָנאַט אַרום וועסטו פערלאָזען אָט דיא וואָהנונג און וועסט זיך בעזעצען אין אַ קליינעם, אָבער פּראַכטפאָלען פּאַלאַץ. ניט געזאָרגט! גיב מיר דיין האַנד!

ער האָט גענומען איהר האַנד.

— אָה, וואָס פאַר אַ שעהן הענטעל! — האָט ענטציקט אויסגעשריען דער באַראָן — יאָ, דוא גיסט מיר דיין האַנד, אָבער ניט דיין האַרץ און איך וויל האָבען דיין האַרץ.

דיעזע ווערטער זיינען אַרויסגערעדט געוואָרען מיט אַזוי פיעל ערנסט און ליעבע, אַז אסתר האָט ניט ווילענדיג אַ קוק געטהאָן אויף׳ן באַראָן מיט רחמנות און האָט שטיל געזאָגט:

— אָרימער מאַן! ער ליעבט ווירקליך!

דער באַראָן איז געריהרט געוואָרען.

— איך ליעב דיך — האָט ער געזאָגט — וויא איך ליעב מיין טאָכטער און איך פיהל אָט־דאָ (ער האָט אָנגעוויזען אויף זיין האַרץ), אַז איך פערלאַנג קיין אַנדער זאַך ניט, וויא דיך צו מאַכען גליקליך.

— אָה, ווען איהר וואָלט ווירקליך געוועזען מיין פאַטער! — האָט געענטפערט אסתר.

— דוא האָסט ביז איצט געהאַט, וויא יעדע שעהנע פרוי, דיינע קאַפּריזען, דאָס אַלעס — האָט געזאָגט דער באַראָן — לאָמיר מעהר ניט רעדען וועגען דעם.

דיא אויפגאַבע פון אונז מענער, איז צו פערדיענען געלד פאַר אייך, פרויען. זיי גליקליך! איך וועל ווירקליך זיין בלויז א פאַטער צו דיר.

ער האָט זיך געפיהלט זעהר ניט בעקוועם און האָט באַלד פערלאָזען אסתר'ען.

אין איהר אָנוועזענהייט האָט ער זיך געפיהלט מוטהלאָז. ער האָט פון איהר ניט געקענט פאָדערען קיין ליעבע און האָט איהר געמוזט פערשפּרעכען צו זיין צו איהר בלויז א פאַטער. ווען ער איז אָבער אַרויס פון איהר, האָט ער זיך דער־פאַר אליין אויסגעזידעלט מיט דיא ערגסטע ווערטער.

ער האָט דעריבער בעשלאָסען אָפּען זיך דורכצורייִדען מיט אסתר'ען דורך א בריעף. און אויף'ן צווייטען טאָג, אַנשטאָט א בריעף פון דזשיימס'ען, האָט אסתר געקראָגען פאָלגענדען בריעף פון דעם באַראָן:

"מיין טהייערע אסתר!

"איך האָב דיך גענאַרט, ווען איך האָב דיר פערשפּראָכען דיך צו ליעבען וויא א פאַטער. איך האָב גענאַרט אי דיך אי זיך. ווען איך האָב דאָס דיר געזאָגט, האָב איך דערמיט געוואָלט בלויז אויסדריקען דיא הייליגקייט פון מיינע געפיהלען, וועלכע האָבען צו זיך קיין גלייכען ניט, ווייל, ערשטענס, בין איך שוין אַן אַלטער מאַן, און, צווייטענס, האָב איך נאָך קיין מאָל אין מיין לעבען ניט געליעבט. איך ליעב דיך אַזוי שטאַרק, אַז אפילו, ווען דוא זאָלסט מיך קאָסטען מיין גאַנץ פער־מעגען און איך זאָל דורך דיר ווערען אָרים, וואָלט איך דיך דאָך ניט ווייניגער געליעבט.

"זיי גערעכט צו מיר, אסתר! דיא מייסטע מענער וואָלטען אויף דיר ניט געקוקט, וויא איך, וויא אויף אַן אונשולדיגען מלאך. אָבער איך האָב גאָר ניט גע־וואָלט טראַכטען וועגען דיין פערגאַנגענהייט. איך ליעב דיך וויא איך ליעב מיין טאָכטער און וויא איך וואָלט געוועז געליעבט מיין ווייב, ווען זיא וואָלט נור מיך געוועזן געליעבט. דו ביזט דיא פרייד און דיא טרייסט פון מיינע אַלטע יאָהרען. דוא ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַזוי לאַנג וויא איך וועל לעבען, וועל איך זעהען אַז דוא זאָלסט זיין אַזוי גליקליך וויא א פרוי קען זיין גליקליך. דוא ווייסט אויך אַז נאָך מיין טויט וועסטו זיין רייך גענוג אַז אַלע פרויען זאָלען דיר מקנא זיין. פון אַלע מיינע געשעפטען וועל איך אראָבציהען א געוויסען פּראָצענט פערדיענסט און עס פערשרייבען אויף דיין נאָמען. אין א פּאָר וואָכען אַרום וועסטו וואָהנען אין א רייכען הויז, וועלכעס וועט אין גיכען בעלאַנגען אין גאַנצען צו דיר, אויב דוא וועסט נור וועלען.

"ענטשולדיג מיר, וואָס איך שרייב צו דיר אַזוי אָפען. איך מוז עס טהאָן דורך א בריעף, ווייל ווען איך בין צוזאַמען מיט דיר, פעהלט מיר דער מוטה דיר עס צו זאָגען. איך פיהל זיך דאָן אין גאַנצען אין דיין רשות.

"האָב רחמנות אויף מיר, אסתר!

"איך וויל דיך ניט בעליידיגען, איך וויל דיר נור זאָגען, וויא איך לייד און

וויא אַזאַ ליידען איז שווער אין מיינע יאָהרען. דוא זעהסט, וויא דעליקאַטנע איך האַנדעל געגען דיר און דאָס איז דער בעסטער בעוויז פאַר דיר, אַז איך מיין גאַנץ ערנסט מיט דיר."

— שנעלער, וואָס שנעלער מאַכען אַן ענדע! — האָט בעשלאָסען אסתר, ווען זיא האָט געקראָגען דיעזען בריעף.

זיא האָט פעסט בעשלאָסען, אַז דעם באַראָן וועט זיא מעהר ניט זעהן. זיא האָט דעריבער אָנגעזאָגט איהרע דיענער, אַז ווער עס וועט נור קומען, אויסער נאַטירליך דזשיימס'ען, זאָל מען זאָגען, אַז זיא איז אויף אַ פּאָר טעג אַרויסגעפאָה־רען פון פּאַריז. צו דזשיימס'ען וויעדער האָט זיא טעלעגראַפירט, ער זאָל באַלד אונבעדינגט קומען.

דיא טעלעגראַמע, איז זיא געווען זיכער, וועט איהם שוין ברײנגען.

אַלזאָ, נאָך אַ טאָג צו לעבען.

43טעם קאַפּיטעל.

אַ קרבן פון ליעבע

אסתר האָט געהאַט אַ טעות. אויך דיא טעלעגראַמע האָט צו איהר ניט גע־בראַכט דזשיימס'ען. דאָס האָט זיא אַ געוואונדערט אי געמאַכט אונרוהיג. זיא האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז דזשיימס זאָל קריעגען איהר בריעף און איהר טעלעגראַמע און זאָל ניט קומען און ניט ענטפערען. זיא האָט אויך ניט גע־גלויבט, אַז דזשיימס זאָל האָבען פערלאָזען לאָנדאָן און זאָל איהר וועגען דעם ניט מעלדען. אָבער וואָס זאָל דאַן בעדייטען זיין שווייגען און זיין ניט קומען? ניט אַנדערש, אַז מיט איהם האָט פּאַסירט עפּעס אַן אונגליק.

אסתר'ען איז איינגעפאַלען, אַז דזשיימס איז פיליכט בעגאַנגען זעלבסט־מאָרד צוליעב זיינע חובות און צוליעב דער געפעלשטער חתימה. זיא האָט גע־טראַכט, אַז פיליכט איז איהר אָפּפער פאַר איהם געקומען צו שפּעט און, אויס מורא פאַר אַ סקאַנדאַל, האָט ער זיך גענומען דאָס לעבען. דיעזער געדאַנק האָט זיך איהר געלעגט אויף'ן שכל. זיא האָט זיך געפרעגט: וואָרום איז דזשיימס אָבגע־פאָהרען אין איילעניש, ניט געזעגענענדיג זיך מיט איהר? איז עס אפשר געווען דערפאַר, ווייל ער האָט שוין דעמאָלט בעשלאָסען צו בעגעהן זעלבסטמאָרד?

איהר איז אפילו געווען קשה, וואָרום זיא האָט גאָר ניט בעמערקט אין דיא צייטונגען וועגען דעם. דער טויט פון אַזאַ מענשען וויא דזשיימס, און דערצו נאָך אַ זעלבסטמאָרד, וואָלט ניט פאַרבייגעגאַנגען אונבעמערקט אין דיא צייטונגען פון פּאַריז, וואו דזשיימס איז געווען גוט בעקאַנט. און דאָ האָט זיא דורכגעזוכט אַלע צייטונגען און האָט אין ערגיץ ניט בעמערקט דזשיימס'עס נאָמען.

אין אן אנדער צייט וואלט אסתר פיעל ניט געקלערט און וואלט באלד אבגעפאהרען נאך לאנדאן, אום זיך אליין צו איבערצייגען, אויב איהר פערדאכט איז בעגרינדעט. איצטער אבער, ווען זיא האט זיך געפיהלט אזוי געשענדעט און ערנידריגט, האט זיא ניט געוואגט עס צו טהאן.

אבער אויסגעפינען האט זיא דאך געמוזט. זיא האט בעשלאסען זיך צו ווענדען צום גלח, ועלכען זיא האט ניט געזעהן פון דער מינוט אן, ווען ער האט ביי איהר ארויסגעקראגען דיא וועקסלען. זיא איז אוועק צו זיין וואהנונג. ארויס-טייגענדיג פון דער קארעטע, האט זיא בעמערקט, וויא דער גלח שטעהט ביים פענסטער. אזוי שנעל אבער, וויא ער האט זיא בעמערקט, איז ער אבגעשפרונגען פון פענסטער און האט פערצויגען דיא פארהאנגען. אסתר האט אנגעקלונגען און א דיענער האט געעפענט פאר איהר דיא טהיר. איידער זיא האט נאך צייט גע-האט עפעס צו זאגען, האט דער דיענער ערקלערט:

— דער היילינגער פאטער איז ניטא אין דער היים.

דיעזע ווערטער האבען וויא א דונער געטראפען אסתר'ען. וואס זאל דאס בעדייטען? ווארום בעהאלט זיך דער גלח פאר איהר?

— עס איז ניט אמת! — האט זיא אויסגעשריען — דיין האר איז אין הויז. איך האב איהם אליין געזעהן. איך מוז איהם זעהן. געה פרעג איהם נאך אמאל און זאג איהם מיין נאמען. איך בין זיכער, אז ער וועט מיך אויפנעהמען.

דער דיענער האט זיך אבער פון ארט ניט געריהרט.

— דער היילינגער פאטער איז ניטא אין דער היים — האט ער ווידערהאלט.

אסתר האט זיך מיט גוואלט געוואלט ארייגרייסען אין הויז, אבער דער דיענער איז געשטאנען ביי דער טהיר און האט זיא ניט געלאזט.

— האט ער דיר בעפוילען מיך ניט אריינצולאזען? — האט אסתר מיט טרעהרען אין דיא אויגען געפרעגט.

דער דיענער האט, ווייזט אויס, בעקומען מיטלייד מיט איהר און ער האט איהר שטיל געזאגט:

— ער האט געהייסען אייך ניט אריינצולאזען.

מיט וואקלענדע טריט איז אסתר ארויס פון דעם גלח'ס הויז און איז צוריק אריין אין איהר קארעטע.

— וואוהין וועט דיא מאדאם בעפוילען זיא צו פיהרען? — האט דער קו-טשער געפרעגט.

— פאהר, וואוהין דוא ווילסט — האט אסתר געזאגט, קוים איינהאלטענ-דיג דיא טרעהרען.

דער קוטשער האט זיא פערוואונדערט אנגעקוקט. ער האט אבער ניט גע-וואגט נאך אמאל איבערצופרעגען און האט א טרייב געטהאן דיא פערד.

וואס בעדייטעט עס? — האט אסתר זיך געבראכען דעם קאפ. ווארום

האָט דער גלח זיא ניט געוואָלט זעהן? האָט ער דאָס געטהאָן, ווייל איהם איז געווען אונאנגענעהם איהר מיטצוטהיילען עפּעס שלעכטס וועגען דזשיימס'ען?

אָבער ניין. זיא קען דעם גלח זעהר גוט און זיא וויס, אַז ער איז קיין מאָל ניט געווען צופיעל ווייכהארציג. טאָ וואָס איז דאָך דיא אורזאכע פון זיין האנדלונג?

איז עס מעגליך, אַז ער האָט זיך בענוצט מיט איהר בלויז אום אויסצושווינדלען דורך איהר דאָס געלד פון דעם באראָן? אָבער פאר וועמען האָט ער בעדארפט דאָס געלד: פאר דזשיימס'ען אָדער פאר זיך? אויב פאר דזשיימס'ען, טאָ וואָרום בעהאַלט ער זיך פון איהר? און אויב פאר זיך...

ביי דיעזען געדאנק איז דאָס גאַנצע בלוט אין אסתר'ס קערפּער מיט איין מאָל פערקיהלט געוואָרען. קען עס ניט פּאַסירען, אַז דיא גאַנצע געשיכטע, וואָס דער גלח האָט איהר דערצעהלט, איז אַ ליגען פון אָנהויב ביז'ן סוף?

אסתר האָט דערביי שיער ניט אַ געשריי געטהאָן פאר וועהטאָג און שאַנדע.

— פאָהר צו דער באַנק פון דעם באַנקיער דע־נוסינגען! — האָט זיא בעפוילען דעם קוטשער, ארויסשטעקענדיג דעם קאָפּ פון דער פערמאַכטער קארעטע — וויסטו, וואו דיא באַנק געפינט זיך?

— יאָ.

— טאָ פאָהר שנעל!

עס איז געווען אַ היבשע שטרעקע צו פאָהרען און פאר דער צייט האָט זיך אסתר אַליין גוט גענומען אין דיא הענד און האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען זיך צו בערוהיגען. דאָס איז איהר געלונגען אַזוי, אַז ווען זיא איז ארייננגעקומען אין דעם באַנקיער'ס פּריוואַט־צימער, האָט ער אויף איהר ניט בעמערקט קיין סימן פון אונרוהיגקייט.

וויא דער אַלטער באַנקיער האָט זיא דערזעהן, האָט ער באַלד געגעבען אַ בעפעהל זיין סעקרעטער, ער זאָל ארויסגעהן און מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס איז ער געגאַנגען אסתר'ען אַנטקעגען. ער האָט ניט אַנדערש געדענקט, אַז זיא איז צו איהם געקומען צוליעב זיין בריעף, אַז זיא איז געקומען איהם זאָגען, אַז זיא האָט חרטה וואָס זיא האָט איהם ביז איצטער אַזוי קאַלט בעהאַנדעלט און אַז פון איצטער אָן וועט זיא זיך שוין אויפפיהרען בעסער.

ער האָט זיא אָנגענומען בייביידע הענד און האָט זיא אָוועקגעזעצט.

— אָה, וויא גליקליך איך בין! — האָט ער דערביי געמורמעלט און געדריקט איהרע הענד.

אסתר האָט פון דיעזען האַנד־דרוק דערפיהלט אַזאַ עקעל, פּונקט וויא זיא וואָלט זיך אָנגערירהט אָן אַ מיאוס'ער זאַך. זיא האָט ארויסגעריסען איהרע הענד און האָט אויפגערעגט גענומען ריידען:

— לאָזט, באַראָן, איך בין צו אייך געקומען...

דער באַראָן איז געבליבען שטעהן, אזוי וויא מען וואָלט איהם אָבגעגאָסען מיט אַן עמער קאַלט וואַסער.

— וואָס בעדייטעט עס? — האָט ער קוים געקענט אַרויסריידען.

אסתר האָט שוין אָבער ניט געהערט, וואָס ער רעדט צו איהר.

— באַראָן — האָט זיא געזאָגט — טהוט מיר אַ טובה! זאָגט מיר: איז דזשיימס מאַנספיעלד אייך שולדיג געווען געלד?

— דזשיימס מאַנספיעלד? — האָט איבערגעפרעגט דער באַראָן — ניין, ער איז מיר קיין מאָל קיין געלד ניט שולדיג געווען.

— באַראָן! — האָט שיער ניט געוויינט אסתר — איך בעט אייך: זאָגט מיר דעם אמת. פון אייער ענטפער היינגט אָב דאָס לעבען פון אַ מענשען.

— אָבער גאָט מיינער! — איז שוין דער באַראָן געוואָרען דערשראָקען — איך שוועהר אייך, אַז דזשיימס מאַנספיעלד האָט קיין מאָל ביי מיר קיין געלד ניט געליהען.

אין דער מינוט איז אסתר אויפגעשפרונגען און איידער דער באַראָן האָט צייט געהאַט צו בעגרייפען, וואָס זיא וויל טהאָן, האָט זיא אַן עפען געטהאָן דיא טהיר און איז אַרויסגעלאָפען.

איצטער האָט אסתר שוין קלאָר פערשטאַנען, אַז דער גלח האָט זיא אריינגעשלעפּט אין אַ מיאוס'ען, שענדליכען שווינדעל, ביי וועלכען זיא האָט אויפגעאָפּפערט ניט נור מיט איהר געוויסען און מיט איהר גוטען נאָמען, נאָר אויך מיט דזשיימס'עס ליעבע און אכטונג. איצטער מוז זיא זיך נעהמען דאָס לעבען ניט נור אום אָבצואוואַשען איהר זינד געגען איהר אייגענעם געוויסען, נאָר אויך געגען דזשיימס'ען.

אָבער צוליעב וואָס האָט דאָס דער גלח געטהאָן? דאָס האָט זיא נאָך אַלץ ניט פערשטאַנען. האָט ער עס געטהאָן צוליעב דעם געלד? דאָס איז אונמעגליך. זיא האָט וועגען דעם גלח געהאַט ניט קיין איבריג־הויכע מיינונג; דאָך האָט זיא פאַר איין־איינציגע מינוט ניט געקענט גלויבען, אַז ער זאָל וועלען פּשוט בערויבען דעם באַנקיער. ניין! — האָט אסתר בעשלאָסען — דער גלח האָט דערביי געהאַט אַן אנדער ציעל. וועלכען? אפשר פּשוט זיא שענדען און אויף אזא אופן מאַכען אַן ענדע צו דזשיימס'עס ליעבע צו איהר? יא, דאָס קען זיין! אַ בעוויז איז: דזשיימס קומט ניט צו איהר.

דיעזער געדאַנק האָט אסתר'ען געשיינט צו זיין דער לאָגישסטער. עס האָט זיא נור געמאַטערט דיא פראַגע: וואָס פאַר אַ ראָלע שפּיעלט דזשיימס אין דיעזער עקעלדיגער געשיכטע? האָט ער עפּעס געוואוסט וועגען דעם פריהער? ניין, פאַר קיין פאַל ניט. ווייסט ער יעצט אַלעס? וואַהרשיינליך. אָבער וואו איז ער? אין פּאַריז אָדער אין לאָנדאָן? וויא האָט ער אויפגענומען דעם גלח'ס בעוויזע וועגען איהר שאַנדטהאַט?

די געדאנקען האבען זיך געפלאנטערט אין איהר קאפ און דאס הארץ האט איהר געקלעמט ביז חלשות.

ביי אן אפטייק האט אסתר געהייסען דעם קוטשער זיך אבשטעלען און אריינגעהן קויפען א שטארקען גיפט פאר מייז. דער קוטשער האט דערביי פער־דעכטיג א קוק געטהאן אויף איהר, האט אבער גאר ניט געזאגט און האט גע־פאלגט. ער האט זיך לאנג געזאמט אין אפטייק און אסתר האט אונגעדולדיג ארויסגעשטעקט דעם קאפ פון דער קארעטע. דערביי האט זיא דערהערט, וויא אימיצער בעגריסט זיא.

דאס איז געווען דזשיימס'עס א פריינד און איהרער א גוטער בעקאנטער.

— איך קען אייך אבגעבען א גרוס פון דזשיימס מאנספיעלד — האט ער געזאגט נאך דער ערשטער בעגריסונג.

— ווען האט איהר איהם געזעהן?

— אט נור־וואס.

— ווען איז ער צוריקגעקומען פון לאנדאן?

— נעכטען.

— איהר ווילט מיר טהאן א טובה? — האט אסתר געפרעגט.

— נו, געוויס.

— אויב אזוי, פאהרט מיט מיר צו צו מיר אהיים.

— גוט! — האט יענער געזאגט, האלב פערוואונדערט.

דער קוטשער האט זיך אומגעקעהרט מיט'ן גיפט און זיי האבען גענומען פאהרען צו אסתר'ס הויז. דעם גאנצען וועג האט אסתר קיין ווארט ניט גע־רעדט. איהר מיטפאהרער האט זיא בעטראכט מיט שרעק און פערוואונדע־רונג און האט ניט געוואגט א ווארט ארויסצורעדען.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין הויז, האט אסתר קורץ געזאגט:

— ווארט אויף מיר א פאר מינוט.

עס האט געדויערט ניט א פאר מינוט, נאר מעהר וויא א האלבע שטונדע, איידער אסתר איז צוריקגעקומען.

זיא איז אריינגעקומען מיט א בריעף אין דיא הענד. איהרע אויגען הא־בען פיבעריש געברענט, איהרע הענד האבען געציטערט. זיא האט אויסגעזעהן מיעד און צובראכען.

— איך האף — האט זיא געזאגט — אז איהר וועט מיר ענטשולדיגען, וואס איך האב אייך געלאזט ווארטען און איך האף ווייטער, אז איהר וועט מיר טהאן דיא טובה, וועגען וועלכער איך וויל אייך בעטען.

זיא האט איהם דערלאנגט דעם בריעף.

— דאס איז פאר דזשיימס מאנספיעלד — האט זיא געזאגט — און איך וויל, אז איהר זאלט מיר שווערען, אז איהר וועט דעם בריעף באלד איהם

איבערגעבען, אָבער טאַקע באַלד. נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלעס: איך וויל, אַז איהר זאָלט איהם צווינגען, דעם בריעף איבערצולייענען. פערשפּרעכט איהר מיר עס?

יענעם האָט דיא גאַנצע געשיכטע אויסגעזעהן זעהר פערדעכטיג, דאָך, זע־הענדיג אסתר׳ס שרעקליכע אויפרעגונג, האָט ער ניט־ווילענדיג איהר אַלעס פערשפּראָכען און איז אַוועק צו דזשיימס׳ען, וועלכען ער האָט געטראָפען כמעט אין דעמזעלבען שרעקליכען צושטאַנד וויא אסתר׳ען.

— איך האָב צו דיר אַ שליחות — האָט דזשיימס׳עס פריינד געזאָגט — איך האָב נור־וואָס געזעהן פריילײן אסתר און...

דזשיימס איז דערביי אויפגעשפּרונגען, וויא אַ שלאַנג וואָלט איהם אַ ביס געטהאָן.

— הער — האָט ער געזאָגט — אויב דוא ווילסט, מיר זאָלען ווייטער בלייבען פריינד, לאָמיר בעסער ניט ריידען וועגען איהר.

דזשיימס׳עס פריינד האָט מיט איין מאָל פערשטאַנען, אַז עפּעס שרעק־ליכעס איז פאָרגעקומען צווישען דיא צוויי געליעבטע און אַז קיינער קען ניט ערוב זיין, אַז דאָס וואָס עס איז צווישען זיי פאָרגעקומען וועט ניט ברייגנען צו אַ שוידערליכען אונגליק. ער איז געווען אַ פריינד פון דזשיימס׳ען און ער האָט אימער שטאַרק רעספּעקטירט אסתר׳ען, און האָט דעריבער איצטער בע־שלאָסען אונטער אַלע אומשטענדען צו ערפילען דעם פערשפּרעכען וואָס ער האָט געגעבען אסתר׳ען און אויף אַזאַ אופן פיליכט ראַטעווען איהר לעבען און דזשיימס׳עס לעבען, כאָטש ער האָט דעם קלענסטען בעגריף ניט געהאַט וועגען דעם וואָס צווישען דעם פּאָרעל איז פאָרגעקומען.

ניט קוקענדיג אויף דזשיימס׳עס פּראָטעסטען און אונצופרידענהייט, איז ער דאָך בעשטאַנען אויף זיינעם, אַז דזשיימס מוז אסתר׳ס בריעף איבערלייענען, און דזשיימס האָט זיך ענדליך אונטערגעגעבען, מיט דער בעדינגונג, אַז זיין פריינד זאָל דערביי ניט אַנוועזענד זיין, דאָס הייסט, פּשוט: אַז יענער זאָל באַלד אַוועקגעהן.

דזשיימס האָט געוואוסט פון דעם גלח, אַז אסתר איז געוואָרען דעם באַנ־קיער דע־נוסינגען׳ס געליעבטע און ער האָט איצטער געהאַט פאַר זיך אַ קלאָרען בעווייז דאָס, וואָס דער באַנקיער האָט אָבגעצאָהלט איהרע חובות און האָט זי בע־זוכט ביי איהר אין הויז. דזשיימס׳ען איז אויף אַזאַ אופן אויסגעקומען, אַז אסתר האָט אייגענטליך אימער געקוקט אויף איהם וויא אויף אַ מיטעל צו ווערען רייך און זיך אריינרייסען אין דער הויכער אריסטאָקראַטישער ענגלי־שער גע־זעלשאַפט, אַז זיא האָט איהם קיין מאָל ניט געליעבט, אַז זיא איז ניט מעהר וויא אַ ביטרע אויסגעלאַסענע פרוי, וועלכע האָט פאַר איהם געשפּילט דיא ראָלע פון אַן אונשולדיגער מיידעל, כדי איהם לייכטער אריינצונאַרען, אַהע־

הינטער זיינע פּלייצעס האָט זיא, ווייזט אויס, געפיהרט גאָר אַן אַנדער מין לעבען. אַ סימן האָט ער איצטער געהאַט דאָס, וואָס זיא האָט געהאַט אַזוי פיעל חובות, כאָטש ער האָט זיא אויסגעהאַלטען מיט אַלעמען און דאָס וואָס זיא איז געוואָרען אַזוי נאָהענט צום באַנקיער אַזוי שנעל וויא יענער האָט איהר נור פאָרגעשלאָגען זיינע טויזענדער פראַנק.

ווען דזשיימס האָט זיך וועגען דעם צום ערשטען דערוואוסט, איז ער גרייט געווען צו ערמאָרדען אסתר'ען און זיך. דער גלח האָט דאָס פאָראויסגעזעהן און ער האָט שוין בעצייטענס אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אַז דאָס זאָל ניט פּאַסירען. איהם איז דאָס געלונגען: דזשיימס איז ניט געלאָפען צו אסתר'ען, זיא צו ערמאָרדען און ער האָט אויך זיך אַליין ניט געטויטעט, אָבער געליטען האָט ער שרעקליך און אסתר'ס בריעף האָט איצטער מיט מעהר קראַפט געווירקט, אַז דיא ליידען זאָלען ווערען טויזענד מאָל שטאַרקער.

נאָך זיין פריינד'ס אַוועקגעהן, האָט דזשיימס לאַנג געדרעהט אסתר'ס בריעף אין זיינע הענד און האָט ניט געוואַגט איהם צו עפענען און נעהמען לייענען. וואָס קען זיא איהם שרייבען? פערענטפערט זיא זיך? אָבער וויא וואַגט זיא דאָס צו טהאָן נאָך איהר שענדליכען פערברעכען? אָדער פיליכט ווייסט אסתר נאָך ניט, אַז איהם איז בעקאַנט איהר שאַנדטהאַט?

איהם האָט זיך אַנדערש ניט פאָרגעשטעלט, וויא אַז אסתר דענקט מסתמא, אַז ער ווייס נאָך פון קיין זאַך ניט און אַז זיא וויל מיט איהם שפּיעלען דיא אַלטע ראָלע, אָדער אַז זיא וויל איהם וויעדער פערבלענדען, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס ער ווייס שוין אַלעס. דאָס האָט איהם שרעקליך אויפגעבראַכט.

פון דער צווייטער זייט האָט זיך ביי איהם איצטער אפשר צום הונדערטען מאָל זינט ער האָט זיך דערוואוסט וועגען אסתר'ס שאַנדטהאַט, דערוועקט אַ צווייפעל אין דער גאַנצער געשיכטע. אפשר צום הונדערטען מאָל האָט ער זיך איצטער געפרעגט: אָבער וויא איז עס מעגליך, אַז אסתר, דיא צאַרטע, געטליכע אסתר זאָל זיין אַזוי פערדאָרבען?

מיט ציטערענדע פינגער האָט ער אויפגעריסען דעם בריעף און האָט איבערגעלייענט דיא ערשטע שורה: "מיין טהייערער, ליעבער דזשיימס!" וואָס זאָל דאָס בעדייטען? איז זיא טאַקע אונשולדיג אָדער רעכענט זיא, אַז ער איז אַזוי נאַריש, אַז זיא וועט איהם פערריידען דיא צייהן?

ער האָט גענומען לייענען ווייטער. דיא האַנדשריפט איז געווען ניט קלאָר. עס האָט אויסגעזעהן, אַז אסתר האָט דעם בריעף געשריבען אין דער העכסטער אויפרעגונג און עס איז איהם געווען זעהר שווער צו לייענען. דערצו איז דזשיימס אַליין אויך געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז דיא בוכשטאַבען און דיא ווערטער האָבען געטאַנצט פאַר זיינע אויגען און ער האָט ניט געקענט לייענען און מיט מיה האָט ער פערשטאַנען דאָס וואָס ער האָט שוין יא קוים איבערגעלייענט.

ער האָט אָבער דאָך וויא־ניט־וויא איבערגעלייענט איין וואָרט נאָך'ן צוויי־טען און איין פראַזע נאָך דער צווייטער. און וואָס ווייטער ער האָט געלייענט, אַלץ בלאַסער און בלאַסער איז ער געוואָרען און אַלץ מעהר און מעהר האָט ער געציטערט מיט יעדען אבר.

אסתר האָט איהם אָפען דערצעהלט אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט. און כאָטש זיא האָט געשריעבען אין איילעניש, אַזוי אַז ערטערווייז האָט זיך ממש אַ וואָרט צו אַ וואָרט ניט געקלעפּט, דאָך האָט דזשיימס איצטער גלייך מיט איהר פערשטאַנען, אַז דיא גאַנצע געשיכטע איז געווען ניט מעהר וויא אַ שענדליכע אינטריגע פון דער זייט פון זיינע עלטערען און זיינע קרובים, דורך זייער אַגענט, דעם פראַנצויזישען גלח, צו שענדען אסתר'ען און צו מאַכען אַן ענדע פון זיין ליעבע צו איהר. און דערביי איז אסתר'ס געשטאַלט זעהר הויך אויסגעוואַקסען אין דזשיימס'עס אויגען.

זיא, דיא ריינע, דיא אונשולדיגע אסתר, איז גרייט געווען אויף אַלעס, אַבי צו רעטען פון שאַנדע איהם, דזשיימס'ען! זיא, דיא יונגע, לעבענסלוס־טיגע אסתר, האָט בעשלאָסען צו אָפּפערען איהר לעבען, כדי ער, דזשיימס, זאָל קענען לעבען!

דיעזע געדאַנקען האָבען געשטורעמט אין דזשיימס'עס מוח אין דער צייט, ווען ער האָט געלייענט אסתר'ס בריעף. אָבער ווייטער, ווייטער! וואָס שרייבט זיא דאָרט צו ענדע?

און צו ענדע האָט אסתר געשריעבען פאָלגענדעס:

„איך האָב פריהער אַליין ניט געוואוסט, וויא שרעקליך עס איז דער אָפּפער, וועלכען איך האָב געבראַכט פאַר דיר. פריהער האָב איך געדענקט, אַז איך בענעה בלויז אַ שווינדעל. איצטער זעה איך, אַז דאָס איז אויך אַ שאַנדע. אַן אייביגע שאַנדע פאַר מיר אַלס פרוי. איך האָב געהאַנדעלט מיט מיין שעהנקייט און האָב ערלויבט אַן אַלטען בעל־עברה'ניק צו קוקען אויף מיר וויא אויף אַ געפאַלענע פרוי. נאָך אַזאַ פאַל בין איך מעהר ניט ריין גענוג צו געניסען דיין ליעבע, און אַזוי וויא אָהן דיין ליעבע קען איך ניט לעבען, וועל איך בעסער ניט לעבען.

„וואָרום שרייב איך דיר? בלויז מיט איין צוועק: מיך אַרט ניט, וואָס דיא וועלט וועט דענקען וועגען מיר; אין דיינע אויגען אָבער וויל איך בלייבען ריין און אונשולדיג. איך בין זיכער, אַז דוא ביזט צו מיר ניט געקומען ביז איצ־טער, ווייל דוא האָסט געגלויבט מיינע שונאים, אַז איך בין ווירקליך אַן אויס־וואורף. וועט מיין בריעף דיך קענען איבערצייגען? אויב ניט, גלויב, אַם ווע־ניגסטען, מיין לעצטען בעוויז: מיין טויט."

מעהר האָט דזשיימס ניט געקענט לייענען. וויא אַ משוגע'נער איז ער ארויסגעלאָפען פון הויז, האָט געכאַפּט דיא ערשטע קאַרעטע, וואָס ער האָט בעגעגענט אין גאַס און געהייסען דעם אַנטרייבער טרייבען דיא פערד מיט אַלע

כחות. דזשיימס איז געלאָפּען צו אסתר'ען, אום צו פאַלען פאַר איהר אויף דיא קניע און איהר ערקלערען, אַז ער ליעבט זיא און פערגעטערט זיא איצטער טויזענד מאָל מעהר וויא פריהער.

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט: ער וועט פאַלען פאַר אסתר'ען אויף דיא קניע און וועט גאָר ביי איהר בעטען אום ענטשולדיגונג, פאַר וואָס ער האָט זאָגאַר איין מינוט אפילו געצווייפעלט אין איהר ריינקייט און אונשולד. ער וועט מיט קושען אָבווישען איהרע טרעהרען און וועט אָבוואַשען איהר שאַנדע דערמיט וואָס ער וועט טאַקע נאָך היינט מיט איהר הייראַטהען. ער וועט מעהר ניט וואַרטען ביז זיא וועט שוין זיין גענוג ערצויגען אריינצוקומען אין דער הויכער געזעלשאַפט. ער וועט שוין מעהר ניט קוקען דאַרויף, וואָס זיא איז אַ אידין און וויל זיך ניט שמד'ען. ער וועט זיך שוין איצטער ניט רעכענען מיט זיינע עלטערען, מיט וועלכע ער שעהמט זיך גאָר פאַר דער ניעדערטרעכטיגקייט וואָס זיי זיינען בעגאַנגען געגען אסתר'ען.

אַזוי האָט דזשיימס בעשלאָסען אויף'ן וועג צו אסתר'ען. וועגען איהר טויט האָט ער גאָר ניט געטראַכט אָדער האָט פערגעסען צו טראַכטען. איהרע ווערטער אַז זיא וועט איהר שאַנדע אויסקויפען מיט איהר טויט זיינען איהם גאָר ארויס פון זינען.

וויא אַ וואַהנזיניגער האָט ער זיך אַריינגעריסען אין אסתר'ס הויז און ניט שענקענדיג קיין אויפמערקזאַמקייט דער דיענערין, וואָס האָט איהם געעפענט דיא טהיר, איז ער דורכגעלאָפען איין צימער נאָך'ן צווייטען. אסתר איז אין ערגיץ ניט געווען. אַ טויט־שרעק האָט אַרומגעכאַפּט דזשיימס'ען. נאָך אין איין צימער איז ער ניט געווען. דאָס איז געווען אסתר'ס שלאָפצימער. ביי דער פערמאַכטער טהיר פון דיעזען צימער האָט זיך דזשיימס אָבגעשטעלט און האָט גענומען רופען אסתר'ען, אָבער קיינער האָט איהם ניט געענטפערט.

ער האָט געעפענט דיא טהיר און איז אַהין אריין. דיא פאָרהאַנגען אויף דיא פענסטער זיינען געווען אַרונטערגעצויגען און עס איז געווען אַזוי פינסטער, אַז עס האָבען געמוזט פאַראיבער אַ פּאָר מינוטען איידער דזשיימס איז געווען פעהיג צו בעמערקען, אַז אסתר ליעגט אין בעט. ער איז צוגעלאָפען צו איהר און האָט אָנגעכאַפּט איהר האַנד. דיא האַנד איז געווען קאַלט וויא אייז.

מיט שרעק איז דזשיימס אָבגעשפרונגען, איז צוגעלאָפען צום פענסטער און האָט אַרויפגעצויגען דאָס פאָרהענגעל.

ערשט איצטער האָט ער דערזעהן פאַר זיך דאָס גאַנצע שוידערליכע בילד: אסתר איז געלעגען אויף'ן בעט מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלז.

זיא האָט גענומען דעם סם, וואָס דער קוטשער האָט פאַר איהר געקויפט, אָבער וויא עס האָט אויסגעזעהן, האָט דער סם ניט שנעל גענוג געווירקט אָדער

פילייכט האט ער אסתר'ען פערשאפט צו פיעל שמערצען און זיא האט אלס צור גאב נאך טיעף איינגעשניטען דעם האלז מיט א שארפען מעסער.

דאס גאנצע בעט איז געווען פערגאסען מיט בלוט און לויט דער לאגע פון אסתר'ס קערפער און לויט דעם אויסדרוק אויף איהר געזיכט, האט מען לייכט געקענט זעהן, אז איהרע ליידען פאר'ן טויט זיינען געווען שוידערליך.

בלויז איין מינוט איז דזשיימס געשטאנען וויא א פאראליזירטער און האט געקוקט אויף דעם קערפער פון זיין געליעבטער. דאן האט ער לאנגזאם ארויסגעשלעפט א רעוואלווער פון זיין קעשענע, האט איהם צוגעלעגט צום שטערן און האט אויסגעשאסען.

ווען דיא דיענער האבען דערהערט דעם שאס און זיינען אריינגעלאפען אין אסתר'ס שלאפצימער, האבען זיי דערזעהן אסתר'ען א טויטע אויף'ן בעט און דזשיימס'ען א גוסס'ען לעבען איהר בעט.

44טעם קאפיטעל.

מיט קין'ס צייכען אויפ'ן שטערן

מיט איינגעהאלטענע אטהעמס זיינען געזעסען עלען פעטערסאן, איהר מוטער און לארד הארלינגטאן דיא גאנצע צייט, וואס קאלאנעל גאלדסמיטה האט אזוי שפאנענד דערצעהלט דיא געשיכטע פון דער אונגליקליכער ליעבע פון דזשיימס מאנספיעלד אדער, וויא ער האט זיך שפעטער גערופען, סעמיועל פעטערסאן. פון דיעזער געשיכטע איז פאר עלען און איהר מוטער קלאר געווארען פיעלעס וואס זיי האבען ניט פערשטאנען אין דעם כאראקטער און אין דעם לעבען פון פעטערסאן'ען.

אבער עלען'ס געפיהלען זיינען דערביי געווען גאר אנדערש וויא דיא געפיהלען פון איהר מוטער. פאר עלען'ס אויגען איז איצטער דיא געשטאלט פון איהר פאטער איינגעוויקעלט געווארען אין דערנער פון א מארטירער. זיא האט ממש געפיהלט זיינע ליידען. זיא האט זיך דערמאנט אן זיינע יונגע אויגען, וואס האבען געשמייכעלט אזוי טרויעריג, און איהר האט זיך אזוי געוואלט איצטער א קוש טהאן דיעזע אויגען און כאטש מיט וואס עס איז פערהיילען דיא וואונד פון איהר פאטער'ס הארצען, וואס האט אזוי היים געקענט ליעבען.

גאר אנדערע געפיהלען האבען געברויזט אין דעם הארצען פון עלען'ס מוטער, דער געוועזענער מרס. פעטערסאן. איהר האט וועה געטהאן דאס הארץ אויף איהרע פערלארענע יאהרען, וואס זיא האט געמוזט פערברייננגען נעבען א קראנקען, וועמענס קראנקהייט זיא האט ניט פערשטאנען. זיא האט אוועקגע-

געבען איהר יונג הארץ צו איינעם, וועלכער האט געקענט ליעבען נור דאס געדעכניס פון זיין ערשטער געליעבטער.

זיא האט זיך פערגליכען מיט איהר מאן'ס ערשטער געליעבטער, מיט אסתר'ען. יענע האט געקענט ליעבען אזוי, אז זיא זאל אין גאנצען פערגעסען אן זיך און אויפאפפערען איהר עהרע און זאגאר איהר לעבען פאר איהר געליעבטען. אסתר האט געליעבט וויא א אידישע פרוי. גאר אנדערש האט געליעבט אמאליא מילער, דיא דייטשקע. איהר ליעבע האט געפאדערט, אז דער געליעבטער זאל אלעס אפפערען פאר איהר.

עלען'ס מוטער האט זיך איצטער געמאכט פארווירפע, ווארום זיא האט ניט געפרובט צו פערשטעהן פעטערסאן'ס פערגאנגענהייט און אנשטאט צו פאדערן פון איהם וואס מעהר ליעבע, איהם גיבען וואס מעהר ליעבע. דאן, קען זיין, וואלט זיא געווען געקענט פערנעהמען אין זיין הארצען אסתר'ס פלאץ.

פערזונקען אין זייערע אייגענע געדאנקען, האבען דיא אנוועזענדע זיך קיין ריהר ניט געטהאן פון ארט און האבען קיין ווארט ניט ארויסגערעדט, וועו קאלאנעל גאלדסמיטה איז אין זיין ערצעהלונג געקומען צו דעם פונקט, ווען אסתר איז געפונען געווארען א טויטע און דזשיימס מאנספיעלד האט זיך אריינגעשאסען א קויל אין קאפ.

דער קאלאנעל האט אויפמערקזאם בעטראכט זיינע צוהערער און האט געזאגט:

— אייגענטליך ענדיגט זיך דערמיט דיא געשיכטע, וועלכע איך האב אייך בעדארפט דערצעהלען. דיא געשיכטע האט אבער א פארטזעצונג און איך פערשטעה, אז דיא פארטזעצונג וועט פאר אייך זיין ניט ווייניגער אינטערעסאנט וויא דיא געשיכטע אליין. איך וואלט אבער געווען זעהר צופריעדען, ווען איהר וואלט מיך בעפרייט פון דערצעהלען ווייטער.

— ווארום? — האט עלען געפרעגט.

— ווייל אין דיא ווייטערע פאסירונגען נעהמען שוין אנטהייל מענשען, וועלכע זיצען איצטער פאר מיר און הערען מיין ערצעהלונג.

— איהר מיינט וואהרשיינליך מיך — האט טרויעריג בעמערקט עלען'ס מוטער — אבער גראדע איך וואלט געוואלט הערען אלעס וואס איהר האט ווייטער צו דערצעהלען. וויא איך האב זיך איצטער איבערצייגט, האב איך קיין מאל פעטערסאן'ען ניט פערשטאנען, און דערפון האט זיך גענומען אונזער אונגליק. איך וויל אם ווייניגסטען איצטער פערשטעהן, וואס עס זיינען געווען זיינע בעציהונגען צו מיר.

זיא האט דאן געווארפען א שמערצליכען בליק אויף עלען און האט טיעף געריהרט געזאגט:

— און ניט נור האב איך און דזשיימס זיך ניט פערשטאנען איינער דעם

צוּוויטען, נאָר אַם וועניגסטען האָט מיך פערשטאַנען מיין טאָכטער. און — ווער ווייסט — אפשר וועט אייער ווייטערדיגע ערצעהלונג, קאָלאָנעל, העלפען מיין טאָכטער אויך מיך צו פערשטעהן. איך אַליין האָב ניט דעם מוטה, איהר אַלעס צו ערקלערען.

דיעזע ווערטער האָבען אַזוי געריהרט עלען, אַז זיא האָט זיך אַרויפגעוואָרפען דער מוטער אויף'ן האַלז און האָט זיא בעדעקט מיט קושען.

— אונגליקליכע מוטער מיינע! — האָט עלען געשעפּטשעט.

האַרלינגטאָן און גאָלדסמיטה האָבען ניט געוואַגט איבערצורייסען דיעזע ריהרענדע סצענע און האָבען זיא בעטראַכט מיט טרעהרען אין דיא אויגען.

ווען ביידע פרויען האָבען זיך בערוהיגט, האָט דער קאָלאָנעל פאָרטגעזעצט זיין ערצעהלונג.

— וויא איהר פערשטעהט מסתמא אַליין — האָט ער געזאָגט — איז דזשיימס ניט געשטאָרבען פון דער קויל, וואָס ער האָט זיך אַליין אריינגעשאָסען אין קאָפּ. ער האָט אָבער אַ לאַנגע צייט געשוועבט צווישען לעבען און טויט. דיא ערשטע ווערטער, וואָס מען האָט פון איהם געהערט, ווען ער איז געקומען צום בעוואוסטזיין, זיינען געווען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל צו איהם ניט צולאָזען זיינע עלטערען און קיינעם פון זיינע קרובים. אַזוי וויא מען האָט מורא געהאַט איהם אויפצורייצען און דערמיט נאָך געפעהרליכער מאַכען זיין לאַגע, האָט מען זיין פערלאַנג געמוזט נאָכגעבען.

און ער האָט זייט דאַן מעהר ניט געזעהן זיינע עלטערען און זיינע אייגענע, ניט קוקענדיג אויף אַלע אָנשטרענגונגען פון זייער זייט שלום צו ווערען מיט איהם. ווען ער איז געזונד געוואָרען, האָט ער פערקויפט זיינעם אַ מאַיאָנטעק, וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון זיין אָנקעל, און איז פערשוואונדען, קיינער האָט ניט געוואוסט, וואוהין.

—ערשט אין שעהנע עטליכע יאָהר ארום—האָט פאָרטגעזעצט דער קאָלאָנעל — האָב איך זיך מיט איהם בעגעגענט אין אינדיען. איך האָב איהם געקענט נאָך אין לאָנדאָן און האָב איהם באַלד דערקענט, כאָטש פאַר דיא עטליכע יאָהר וואָס איך האָב איהם ניט געזעהן, האָט ער זיך שרעקליך געענדערט. ער איז דעמאָלט אין גאַנצען אַלט געווען אַ יאָהר דרייסיג, אָבער ער איז שוין געווען אין גאַנצען גרוי.

איך האָב זיך מיט איהם שטאַרק בעפריינדעט און האָב זיך פון איהם דערוואוסט, אַז זינט ער איז פערשוואונדען פון זיינע פריינד און קרובים, האָט ער עטליכע יאָהר געוואָנדערט איבער דער גאַנצער וועלט, אויסער אייראָפּאַ. ער האָט אַרומגערייזט אַלע לענדער, וועלכע זיינען נאָך ניט אָנגעשטעקט געוואָרען מיט דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציאָן. אָבער אויך דאָס איז איהם ענדליך מיאוס געוואָרען און ער האָט זיך ענדליך בעזעצט אין אינדיען.

בעזועצט האָט ער זיך ניט אין א גרויסער שטאָדט, נאָר אין אַ פּערוואָרפּע־נעם דערפעל, וואו ער האָט ניט געקענט בעגעגענען קיין אייראָפּעער. ער האָט אזוי אָבגעלעבט א פּאָר יאָהר. און ווען איך האָב בעמערקט, אז אויך דער סאָרט לעבען האָט זיך איהם ענדליך צוגעגעסען, האָב איך זיך בענוצט מיט דיזער געלעגענהייט, אום איהם איינצורייידען, ער זאָל פאָרנעהמען א רייזע איבער אייראָפּאַ. איך האָב געהאָפט, אז זייענדיג אין אייראָפּאַ, וועט ער זיך בעגעגענען מיט זיינע אַמאָליגע פריינד און וועט זיך אפשר אומקעהרען צום אַמאָליגען לעבען.

ער האָט מיך געפאָלגט און איז אָבגעפאָהרען נאָך אייראָפּאַ. פאָר זיין אָבפאָהרען האָב איך איהם געבעטען, אז ער זאָל מיר שרייבען אָפטע בריעף, אָבער ער האָט מיר גענטפערט:

— איך האָב פיינט צו שרייבען בריעף; סיידען איך וועל דיר דאַרפען שיקען מיין צוואה.

ער האָט זיין וואָרט ניט געהאלטען און ער האָט מיר יא געשריבען און זאָגאר ניט איין מאָל. דעם ערשטען בריעף האָב איך געקראָגען אין א האלב יאָהר אָרום פון דייטשלאַנד.

דאָ האָט זיך דער קאָלאָנעל אָבגעשטעלט אין פערלעגענהייט.

— דאָ קום איך ווידער צו אַ זעהר אונאַנגענעהמען פאָר מיר פּונקט — האָט ער געזאָגט, קוקענדיג אין פערלעגענהייט אויף עלען'ס מוטער — אין דעם בריעף האַנדעלט זיך וועגען דזשיימס'עס בעגעגעניש מיט אייך, מרס. פּע־טערסאָן. דער בריעף געפינט זיך נאָך ביי מיר. איך האָב איהם צוגעגרייט, ווען איך בין געגאַנגען אהער אייך דערצעהלען דיא געשיכטע פון מיין אונגליקליכען פריינד. אויב איהר ווילט, קען איך אייך איהם פאָרלייענען.

— לייענט! — האָט שטיל געזאָגט דיא געוועזענע מרס. פּעטערסאָן.

— אפשר וואָלט גלייכער געווען דעם בריעף ניט פאָרצולייענען? — האָט אויך שטיל און אין פערלעגענהייט בעמערקט עלען.

— וויא איהר ווילט — האָט געזאָגט דער קאָלאָנעל.

— ניין, איך וויל אַלעס וויסען! — האָט פעסט געזאָגט עלען'ס מוטער.

דער קאָלאָנעל האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בינטעל בריעף, האָט זיי צולעגט אויף'ן טיש, האָט אָבגעקליבען איינעם פון זיי, איז איהם דורכגעלאָ־פען פון אָנפאַנג מיט דיא אויגען און האָט אָנגעהויבען לייענען פון מיטען.

— איך פאַנג אָן פון מיטען — האָט ער געזאָגט — ווייל דער אָנפאַנג איז שייך צו אונזערע פערזענליכע בעציהונגען מיט דזשיימס'ען און דאָס וועט אייך ניט זיין אינטערעסאַנט. און וועגען זיינע בעציהונגען צו אייך, מרס. פּע־טערסאָן, שרייבט ער מיר פאָלגענדעס:

„עס האָט דאָ מיט מיר פּאַסירט עטוואָס, וואָס עס וואָלט געקענט ווערען

אי א גליק אי אן אונגליק פאר מיר. איך האב זיך בעגעגענט מיט א יונגער דייטשקע, וועלכע האט מיר פון ערשטען בליק אוועקגעגעבען איהר יונג הארץ. זיא פערמאגט אזוי פיעל ליעבע, אז זיא איז געווען פעהיג אנצוצינדען אפילו מיין טויט הארץ. איך האב א דאנק איהר פלוצלונג ווידער אויפגעלעבט. איך האב פערגעסען אן מיינע אלטע וואונדען און אן מיינע גרויע האר. מיר האט געשיינט, אז איך קען ווידער אנהויבען ליעבען און לעבען פון דאס־ניי.

"און דאך בין איך פון איהר אנטלאפען. ערשטענס, האט אונזער ליעבע געזאלט צוברעכען דאס הארץ פון איהר אלטען פאטער; צווייטענס, האט אמאַ־ליא צוליעב מיר בעדארפט פערלאזען איהר חתן, א מערקווירדיג נאבעלען יונ־געמאן. דיעזער יונגערמאן (יאהאן האפמאן איז זיין נאמען) האט מיר אויף א זאנדערבארען אופן דערמאנט אן מיין אסתר'ען — מיט זיין שטילער, אויפ־אפפערענדער ליעבע. ער איז פשוט גרייט געווען מיר אליין אריינצואווארפען אין דיא ארעמס זיין כלה, אבי זיא זאל זיין גליקליך, כאטש ער האט שרעקליך געליטען פון זיין כלה'ס פערראטה. ביי אזא חתן האב איך דיא כלה ניט גע־קענט צונעהמען. מיר איז פארגעקומען, אז איך בעגעה געגען יאהאן מילער דיעזעלבע ניעדערטרעכטיגקייט, וואס מיינע עלטערען און קרובים זיינען בע־גאנגען געגען אסתר'ען.

"אבער דאס איז נאך ניט אלעס וואס עס האט מיך געצוואונגען צו אנטלויפען פון דער פרוי, וועלכע איז געווען דיא איינציגע אין דער וועלט, וואס האט מיך געקענט צוריק לעבעדיג מאכען. נאך איין אורזאכע איז געווען איהר שטורמדיגע ליידענשאפט, וועלכע איז גרייט געווען צו געהן צו איהר ציעל אפילו איבער דיא טויטע קערפערס פון איהר פאטער און פון איהר חתן. דיעזע ליידענשאפט האט מיך געשראקען. דיעזע אונגעוועהנליכע ליעבע האט אויף מיר ארויפגעווארפען א מורא. איך האב געפיהלט, אז איך בין ניט קיין פאר פאר איהר, אז איך, דער האלב־טויטער מענש, וועל זיא קיין מאל ניט קענען בעפרידיגען און אז אונזער צוזאמענלעבען וועט זיך ענדיגען מיט אן אונגליק.

"איך האב מורא געהאט, אז אמאליא זאל מיך אין גיכען ניט אנהויבען האסען פונקט מיט דערזעלבער קראפט, וויא זיא ליעבט מיך איצט. איך האב באלד פערשטאנען, אז זיא ליעבט מיך פאר דעם געהיימנים וואס רינגעלט מיך ארום און דערפאר, ווייל איך בין אזוי ווייניג עהנליך צו דיא גוטע, פשוט'ע מענשען, וועלכע רינגלען זיא ארום. און איך האב געוואוסט, אז אזוי שנעל וויא זיא וועט מיך דערקענען נעהענטער און איך וועל מעהר ניט זיין פאר איהר קיין נייעס און קיין וואונדער, וועט זיא דערפיהלען א פוסטקייט אין איהר שטורמדיגען הארצען.

" און דעריבער בין איך אנטלאפען.

דער קאַלאָנעל האָט געענדיגט לייענען, האָט פאַרזיכטיג צוריק צונויפגע־לעגט דעם בריעף, האָט איהם אַוועקגעלעגט אויף'ן טיש און האָט בעטראַכט זיינע צוהערער. אַלע זיינען געזעסען מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ און דיא געוועזענע מרס. פעטערסאָן האָט פאַר אויפרעגונג געציטערט מיט אַלע גליעדער.

— גאָט, וויא גוט און וויא שלעכט אין איין און דערזעלבער צייט ער האָט מיך פערשטאַנען! — האָט זיא געזאָגט וויא צו זיך אַליין.

נאָך א קורצען שטילשווייגען האָט זיא זיך געווענדעט צום קאָלאָנעל:

— וועט איהר מיר טהאָן דיא טובה און לייענען דיא וויטערדיגע בריעף?

דער קאָלאָנעל האָט גאָר ניט געענטפערט, נאָר ער האָט גענומען א צוויי־טען בריעף און האָט אָנגעהויבען, אויך פון מיטען, צו לייענען פאָלגענדעס:

"אמאליא האָט מיר נאָכגעפאָלגט נאָך אמעריקא. דיא וואונדערבארע ענער־גיע פון דער פרוי שרעקט מיך נאָך מעהר וויא פריהער, אָבער איהר ליעבע האָט מיך ענדליך בעזיעגט, נאָך א שווערען קאמפף און ווידערשטאַנד פון מיין זייט. איך ליעב זיא און איך האָב מורא פאַר איהר. זיא מאַכט מיך יונג און אין דער־זעלבער צייט זעה איך, וואָס פאַר א שרעקליכער אָבגרונד עס ליעגט צווישען מיין אָבגעלעבטקייט און צווישען איהר ברענענדען, קאָכענדען לעבען.

"זיא איז געקומען אהער אין בעגלייטונג פון איהר געוועזענעם חתן, יאָהאַן האָפמאן. ער האָט זיך פערהאַלטען צו איהר וויא א פאָטער, כאָטש ער געהט אוים פאַר ליעבע צו איהר. דאָס איז א מערקווירדיגער מענש, וועלכער קען אזוי פיעל אָפּפערען, אז עס גלויבט זיך קוים, אויב א מענש קען אזוי פיעל אָפּפערען. ער האָט געליטען מיט איהר און פאַר איהר און איז פערשוואונדען אזוי שנעל, וויא אמאליא האָט מיך בעזיעגט מיט איהר ברענענדער ליעבע.

"איך האָב געהייראַטה מיט אמאליא'ן. איך בין צוריק געוואָרען יונג. איך אינטערעסיר זיך מיט'ן לעבען, איך ארבייט, איך שטרעב, איך בויע זיך א צוקונפט. איך קען זיך אָבער אין דערזעלבער צייט ניט בעפרייען פון גע־דאַנק, אז דיא געביידע פון מיין גליק שטעהט אויף זאַמד. איך ווייס, אז אמא־ליא וועט מיך אויפהערען צו ליעבען, ווען איך וועל פאַר איהר מעהר ניט זיין קיין געהיימנים.

— אָה, וויא שלעכט ער האָט מיך פערשטאַנען! — האָט אויסגעשריען מיט א קרעכץ דיא געוועזענע מרס. פעטערסאָן — און דערפון האָט זיך גענו־מען אונזער גאַנצער אונגליק. דעמאָלט האָב איך עס ניט פערשטאַנען, ווארום ער איז אימער געווען צו מיר אזוי פרעמד און אזוי קאלט. איצטער פערשטעה איך. ער האָט מיט זיין קאלטקייט געוואָלט אויפהאלטען מיין ליעבע; אָנשטאָט דעם האָט ער מיך פערביטערט און געמאַכט אונגליקליך.

— יא, אזוי איז דאָס געווען — האָט צוגעגעבען קאָלאָנעל גאָלדסמיטה און האָט מיט מיטלייד א קוק געטהאָן אויף דער אונגליקליכער פרוי — און ער

האָט עס שפּעטער אויף פערשטאַנען; ליידער איז שוין געווען צו שפּעט זיך אומצוקעהרען צוריק.

א שווערע שטילקייט האָט א פּאָר מינוטען געהערשט אין צימער. שווערע טרעהרען האָבען זיך געגאָסען איבער דיא האַלב־פערוועלקטע באַקען פון דער אמאָליגער מרס. פּעטערסאָן. עלען איז געזעסען מיט פערבראָכענע הענט און מיט פערקריצטע צייהן. לאָרד האַרלינגטאָן האָט דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבען, אום זיך ניט צו בעגעגענען מיט דיא אויגען מיט עלען אָדער מיט איהר מוטער, און דער קאָלאָנעל האָט געקוקט אויף איין פונקט, וויא ער וואָלט גאָר פערגעסען, אויב אין צימער געפינען זיך נאָך מענשען.

פּלוצלונג האָט זיך האַרלינגטאָן אויפגעהויבען, האָט זיך געלאָזט געהן צו דער טהיר און האָט אַ וואונק געטהאָן דעם קאָלאָנעל, ער זאָל איהם נאָכ־פאָלגען. יענער איז איהם נאָכגעגאַנגען. ווען זיי זיינען אַרויס פון צימער און האָבען הינטער זיך פערמאַכט דיא טהיר, האָט דער קאָלאָנעל געזאָגט:

— איהר האָט געטהאָן זעהר גליידך, וואָס איהר זיינט אַרויסגעגאַנגען און האָט מיך מיטגערופען. עס איז געווען פאר מיר אונמעגליך פּאַרצולייענען דזשיימס'עס וויטערע בריעף. און דערצו, איז עס איצטער געווען דיא העכסטע צייט, אַז דיא מוטער און דיא טאָכטער, וועלכע זיינען אַזוי פיעל יאָהרען געווען פרעמד איינע דער צווייטער, זאָלען זיך ענדליך אָפען ערקלערען און זיך שענקען איינע דער צווייטער דיא מוטער־ליעבע און דיא טאָכטער־ליעבע, פון וועלכע זיי האָבען ביז יעצט ניט געוואוסט. איך האָב דאָס אייז אויפגעבראָכען, און איך האָף, אַז דאָס איבריגע וועלען זיי שוין אַליין טהאָן.

דער קאָלאָנעל האָט קיין טעות ניט געהאַט.

נאָכדעם וויא דיא מוטער און דיא טאָכטער זיינען געבליבען אליין, האָט זיך מרס. פּעטערסאָן נעהענטער צוגערוקט צו עלען און, ניט קוקענדיג איהר אין דיא אויגען, האָט זיא גענומען ריידען שטיל און מיט אַ ציטערענדער שטימע, וועלכע האָט זיך יעדע ווייַלע איבערגעריסען, פּונקט וויא איהר וואָלט אויסגע־פעהלט לופט צום אָטהעמען.

— איך האָב ניט געבעטען דעם קאָלאָנעל צו לייענען דיא וויטערע בריעף פון דיין פאָטער — האָט עלען'ס מוטער געזאָגט — ווייל דאָס וואָלט געווען צו שמערצליך אי פאַר מיר אי פאַר דיר. איך רעכען אָבער פאַר מיין פפליכט דיר אַליין צו דערצעהלען דיא וויטערע געשיכטע פון מיין אונגליקליכען לעבען מיט דיין פאָטער.

— מאַמע, האָב רחמנות! — האָט זיך געבעטען עלען — איך וויל מעהר פון קיין זאַך ניט וויסען.

— ניין, ניין! — האָט דיא מוטער זיא וויטער ניט געלאָזט ריידען — אַלעס מוז דיר ענדליך קלאָר ווערען. דאָס וואָס איך האָב מיט דיר ניט געקענט

ריידען, ווען דוא ביזט געווען א קינד, דאס מוז איך און קען מיט דיר איצטער ריידען.

זיא האט אבגעצויגען דעם אטהעם און האט ווייטער גערעדט:

— דיין פאטער האט דורך קאלטקייט און געהיימניספאלקייט געוואלט אויפהאלטען מיין ליעבע און איך בין דערפון געווען אזוי אונגליקליך, אז איך בין ניט איין מאל גרייט געווען צו בעגעהן זעלבסטמארד. בערעכען: איך האב אויפגעאפפערט מיט מיין פאטער, בעסער געזאגט, איך בין געווען מיין פאטער'ס מערדערין. איך האב אויף אייביג פעראונגליקט מיין פריהעריגען חתן, דעם איידעלסטען מענשען, וואס האט נור ווען־עס־איז געלעבט אויף דער וועלט. אלעס האב איך געטהאן פאר דעם רעכט צו ליעבען דזשיימס'ען. און פאר דעם אלעמען האט ער מיר בעצאהלט דערמיט, וואס איך האב קיין מאל פון איהם ניט געזעהן קיין סימן פון ליעבע!

— מאמע! מאמע! — האט זיך געבעטען עלען — זאל שוין זיין גענוג!

מיט א לאנגען, הייסען קוש האט זיא דער מוטער פערמאכט דאס מויל.

— דאס איז דער ערשטער קוש, דער ערשטער אמת'ער קוש פון מיין טאכטער — האט געשעפטשעט דיא אונגליקליכע מוטער — גאט, וויא זיס דאס איז! אויף דיעזען קוש האב איך געווארט אזוי לאנג.

— אבער — האט זיא צוגעגעבען אין א מינוט ארום — איך וויל מיין טאכטער זאל שוין איהר גאנצען לעבען קענען רעספעקטירען און ליעבען איהר מוטער. און דעריבער מוזטו מיך אויסהערען, עלען, וויא פיינליך דאס זאל ניט זיין פאר אונז ביידע... איך רייד, אלזא, ווייטער... אויסער דיין פאטער'ס קאלטקייט האט מיך געמאטערט נאך א זאך: איך האב אימער פערדעכטיגט, אז דיא אורזאכע פון זיין פריהצייטיגער אלטקייט איז געווען אן אונגליקליכע ליעבע. איך האב אויך פערדעכטיגט, אז אויך נאך זיין הייראטה מיט מיר האט ער זיין ערשטע געליעבטע ניט פערגעסען; ער האט געלעבט מיט איהר געדענכנים און האט געביינקט נאך איהר.

— דאס איז שרעקליך! — האט זיך ביי עלען ניט־ווילענדיג ארויסגעריסען.

— יא, דאס איז געווען שרעקליך פאר מיר — האט ווידערהאלט דיא מוטער — און נאך שרעקליכער איז געווען דאס, וואס אויך דוא, אלס קינד, האסט זיך געשטעלט אויף זיין זייט. אויך דיך האט ער צוגענומען ביי מיר און...

זיא איז אויף א ווײלע אנשוויגען געווארען און האט פלוצלונג בייז אויסגעשריען:

— איך האב ניט געזינדיגט, עלען! עס איז ניט אמת: איך האב ניט געזינדיגט! סטיוועגס האט מיך פערפאלגט מיט זיין ליעבע און איך בין דאך

געבליבען אן עהרליכע פרוי. איך האב אמאל גערעכענט סטיווענס'ען פאר אן אנשטענדיגען, עהרליכען מענשען און האב געגלויבט, אז ער ליעבט מיך עהרליך און אויפריכטיג, אבער איך בין געבליבען געטריי צו מיין פפליכט. גלויבסטו מיר, עלען?

— ארימע, עלענדע מוטער מיינע! — האט בלויז געענטפערט עלען און א שטראם טרעהרען האט זיך א גאס געטהאן פון איהרע אויגען.

זיא האט אנגעשפארט דעם קאפ אויף דער מוטער'ס ברוסט און טרעהרען פון פרייד און גליק האבען זיך געגאסען פון איהרע אויגען. זיא איז געווען גליקליך, וואס זיא האט צוריקגעקראגען איהר מוטער, וועלכע זיא קען ליעבען און אכטען. זיא איז געווען גליקליך, וואס זיא קען איצטער אננעהמען האר־לינגטאן'ס ליעבע.

אלץ שטארקער און שטארקער האט זיא זיך געדריקט צו איהר מוטער און אלץ ליעבער און טהייערער איז איהר געווארען דיעזעלבע מוטער, וועלכע זיא האט געהאסט און פעראכטעט איהר גאנצען לעבען.

אבער פלוצלונג האט איהר א קלאפ געטהאן א געדאנק אין קאפ: נו, און סטיווענס? איז ער דען ניט נאך ביז איצטער איהר מוטער'ס מאן? און איז ער דען ניט דערזעלבער, וועלכער האט זיא געוואלט שענדען? וויא קען זיא פאר־שלאגען הארלינגטאן'ען אזא מחותן וויא סטיווענס? איז דען סטיווענס אויך איצטער ניט דער גרעסטער פלעק, וועלכער וועט און דארף אבשטויסען פון איהר הארלינגטאן'ען, כאטש זיא און ער זיינען, וויא עס צייגט זיך ארויס, קרובים?

זיא האט ניט־ווילענדיג זיך אבגערוקט פון דער מוטער און א שווארצער וואלקען האט זיך פערצויגען איבער איהר געזיכט, וואס האט נור־וואס גע־שטראהלט מיט גליק.

דיא מוטער האט באלד בעמערקט דיא ענדערונג, וואס איז פארגעקומען מיט עלען. זיא האט איהר טיעף אריינגעקוקט אין דיא אויגען און האט מיט איהר מוטער־הארץ פערשטאנען עלען'ס געדאנקען. איהר געזיכט האט דערביי אויסגעדריקט אזוי פיעל ליידען, אז ווען עלען וואלט עס בעמערקט, וואלט זיא איהר דיא מינוט מוחל געווען אפילו דאס, וואס זיא הייסט מרס. סטיווענס. עלען האט עס אבער ניט בעמערקט, ווייל איהר קאפ איז געווען טיעף געזונ־קען און זיא האט אויסגעמידען א קוק צו טהאן אויף איהר מוטער.

— איך ווייס, וואס דוא טראכטסט איצטער, עלען! איך ווייס דיינע גע־פיהלען און איך פערשטעה דיך. סטיווענס וועט דיר ניט שטעהן אין וועג. איך האב בעשלאסען זיך צו גט'ען מיט איהם. און אויסערדעם, וועל איך אפילו, אלס געוועזענע מרס. סטיווענס, דיך ניט פערשעהמען. איך וועל זיין ווייט פון דיר אזוי, אז ניט דוא און ניט הארלינגטאן וועט אמאל הערען פון

מיר. איך וויל נור דערביי האָבען דיא איינציגע טרייסט, אַז דוא פערשטעהסט מיך און בעשולדיגסט מיך ניט אין קיין זאַך. קענסטו מיר גיבען דיעזע טרייסט?

עלען האָט זיך געקליבען עפּעס צו ענטפערען, אָבער דיא ווערטער האָבען זיך ענטזאגט אַרויסצוקומען פון איהר מויל. איהרע ליפּען האָבען זיך בעוועגט, אָבער קיין קלאַנג האָט זיך פון איהר האלז ניט ארויסגעריסען.

— איך פערשטעה, איך פערשטעה אַלעס — האָט עלען'ס מוטער געזאָגט מיט וועהטאָג — טאָ זיי מיר געזונד, מיין טאָכטער! איך האָב דיך געפונען אויף אַ ווײַלע, אום בלויז דיך באַלד צוריק צו פערלירען. זיי געזונד! איין טרייסט קען איך דיר געבען, אַז איך וועל דאָך ניט זיין אין גאַנצען עלענד. איין אמת'ער פריינד וועט בלייבען מיט מיר: מיין אמאָליגער חתן, יאָהאַן האָפּמאַן. ער וועט מיר פערמאַכען דיא אויגען, ווען איך וועל ענדיגען מיין אונגליקליך לעבען. זיי געזונד!

מיט וואַקלענדע טריט האָט זיא זיך געלאָזט אַרויסגעהן פון צימער, ווען עלען האָט מיט אַ היסטערישען געשריי זיך אַ וואַרף געטהאָן צו איהר.

— ניין, וועסט ניט געהן! — האָט עלען געבליפּעט — וועסט בלייבען מיט מיר! איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט אויף דיעזער גליקליכער שעה צו געפינען מיין מוטער און איך קען דיך צוריק ניט פערלירען.

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט אַ טומעל הינטער דער טהיר. דיא מוטער און דיא טאָכטער האָבען שנעל גענומען מאַכען דיא העכסטע אָנשטרענגונגען, אום זיך צו בערוהיגען.

— ווּעמענס שטימע הער איך? — האָט עלען'ס מוטער פּלוצלונג אויסגעשריען — יאָהאַן האָפּמאַן!

— יאָהאַן האָפּמאַן! — האָט וויעדערהאָלט עלען — וויא קומט ער אהער?

— ער האָט מיך דאָך געבראַכט צו דיר, אָבער ער איז אָבגעפאָהרען מיט זיין ברודער, ווען איך בין אוועק פון באָמבעי אהער. וויא קומט ער איצטער צו אונז?

— דוא האָסט מיר ניט געזאָגט, אַז ער איז געקומען מיט דיר! — האָט מיט אַ פאָרוואורף געזאָגט עלען.

דיא מוטער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערען, אָבער אין דער מינוט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טהיר און אויף דעם ענטפער: הערייִן! איז אריינגעקומען יאָהאַן האָפּמאַן אין בעגלייטונג פון הארלינגטאָן, קאָלאָנעל גאָלדסמיטה און מעהרערע וועסטאַלקעס און ענגלענדער פון דעם "אַמאָר".

אַלע האָבען זיי אויסגעזעהן זעהר שטאַרק אויפגערעגט.

45טעם קאפיטעל.

דיא וועסטאלקעס ברעכען זייער שבועה

אלע ענגלענדער און וועסטאלקעס, וואס זיינען אריינגעקומען צוזאמען מיט יאהאן האפמאן, זיינען געווען שטארק אויפגערעגט, אבער אם מעהרסטען איז געווען אויפגערעגט האפמאן אליין. אלע זיינען אריינגעגאנגען אייליענדיג און טומלענדיג; ער איינער איז געגאנגען לאנגזאם, וויא געגען זיין אייגענעם ווילען, און האט קיין ווארט ניט ארויסגערעדט.

עלען'ס מוטער האט זיך צו איהם אווארף געטהאן מיט פראגען וועגען דעם, וואס עס האט פאסירט און וואס עס האט איהם געבראכט אהער. ער האט איהר גאר ניט געענטפערט. לאנגזאם האט ער א קוק געטהאן אויף זיין געוועזענער געליעבטער און דערנאך אויף איהר טאכטער. זיין בליק האט געוואנדערט פון דער מוטער אויף דער טאכטער און צוריק פון דער טאכטער אויף דער מוטער.

— דאס איז דיא אמאליגע אמאליא — האט ער שטיל געזאגט אויף דייטש, אנצייגענדיג אויף עלען

עלען'ס מוטער האט זיך דערפיהלט אין פערלעגענהייט און האט שנעל פארגעשטעלט עלען פאר האפמאן'ען.

האפמאן האט גענומען עלען'ס האנד וויא מען נעהמט א זאך, וועלכע מען האט מורא צו צוברעכען.

— מיך פרעהט זעהר אייך צו קענען, הערר האפמאן! — האט געזאגט עלען און איז דערביי עטוואס רויט געווארען — איך האב זיך אזוי פיעל אנגעהערט וועגען אייך, אז איך בעטראכט עס פשוט פאר א גליק, אייך צו קענען פערזענליך. איך האף, אז מיר וועלען מיט דער צייט ווערען דיא בעסטע פריינד.

— איך האף אויך אזוי — האט געזאגט האפמאן — מיט איבער צוואנציג יאהר צוריק האב איך אין דייטשלאנד געקענט א פריילין, וועלכע איז געווען וויא צוויי טראפען עהנליך צו אייך. ווען איך זאל צוריק מיט צוואנציג יאהר געווען איינשלאפען און וואלט זיך אויפגעכאפט ערשט איצטער, וואלט איך געקענט שווערען, אז פאר מיר שטעהט ניט מיסס עלען פעטערסאן, נאר אמאליא מילער. ווען . . .

ער האט אין מיטען אבגעהאקט זיינע רייד. עס איז אויסגעקומען, וויא ער וואלט ווירקליך ביז יעצט האבען געדרעמט פון שלאף און ערשט איצטער האט ער זיך אויפגעכאפט און בעמערקט, אז ער האט פון שלאף גערעדט זאכען, וועלכע פרעמדע האבען ניט בעדארפט הערען.

פערשעהמט האט ער זיך אומגעקוקט אויף אלע אנוועזענדע און האט פלוצלונג כמעט בייז געענדיגט:

— עס ברעהט מיך אייך צו קענען, מיסס פעטערסאן!

אלע אנוועזענדע, פון וועלכע דיא מעהרסטע האבען קיין מאל ניט געהערט דעם נאמען יאהאן האפמאן און האבען גאר ניט געוואוסט וועגען זיינע בעציהונגען צו עלען׳ס מוטער, האבען מיט ערשטוינונג בעטראכט דיעזע סצענע.

טשארלס וויליאמס האט דער ערשטער פערלארען דיא געדולד און ער האט בעמערקט:

— ווי איך פערשטעה, האט הערר האפמאן אונז מיטצוטיילען א זעהר וויכטיגע פאסירונג, ער האט זיא אבער אונז געוואלט מיטטהיילען נור אין מיסס פעטערסאן׳ס אנוועזענהייט. אלזא, מר. האפמאן, מיר ווארטען אלע מיט אונגעדולד.

קאלאנעל גאלדסמיטה האט צוגערוקט האפמאן׳ען א ביינקעל און איינגעלאדען אויף דיא איבריגע זיך צו זעצען. האפמאן האט זיך אוועקגעזעצט און, זיך ווענדענדיג מעהרסטענס צו עלען, האט ער גענומען ריידען.

— איך קום צו אייך — האט ער געזאגט — ניט מיט קיין פרעהליכע בשורה. איך פערזענליך בין אבער זעהר צופריעדען, וואס איך האב אייך גע־טראפען אלע ניט בעשעדיגט. ווען איך בין מיט מיין ברודער, בערנארד האפ־מאן, אבגעפאהרען פון באמבעי און מיר האבען זיך אבגעשטעלט אין א געוויסען האפען, האבען מיר זיך דערוואוסט דיא נייעס, אז אין סאבולפאר גרייטען זיך דיא הינדוסען צו אן אויפשטאנד. איך האב דעריבער געצוואונגען מיין ברודער צו פאהרען צוריק נאך באמבעי און מיך לאזען פאהרען נאך סאבולפאר, צו זעהן מיט מיינע אייגענע אויגען, אויב עס האט ניט פאסירט קיין שלעכטס צו מיינע פריינד. מיין ברודער האט מיר דיא טובה געטהאן.

טשארלס וויליאמס האט ווידער פערלארען דיא געדולד און האט שטיל בעמערקט צו מיסס טהאמפסאן, וועלכע איז געזעסען נעבען איהם:

— איהר האט ניט ביי זיך קיין חלשות־טראפען? ווען דיעזער אלטער דייטש וועט נאך אזוי ווייטער ציהען ביי אונז דיא אדערען מיט זיין נודנער ערצעהלונג, וועל איך זיכער פאלען חלשות. געדענקט מיינע רייד, אז ער וועט מיט דערזעלבער קריכענדער שטימע דערצעהלען, וויא ער האט גענעסען אויף׳ן וועג דייטשע זויער־קרויט און האט פערטרונקען מיט דייטשען ביער...

מיסס טהאמפסאן האט איהם אונבעמערקט פערשטעלט דאס מויל, ער זאל ווייטער ניט ריידען, ווייל זיא האט מורא געהאט, זיא זאל ניט אויסהאלטען און ניט אויסשיסען מיט א געלעכטער.

און יאהאן האט דערוויל ווייטער דערצעהלט:

— ווען מיר זיינען צוגעקומען צום באמביי׳ער האפען, האבען מיר גע־

טראַפּען אַן אונגליק. פריהער מיט אַ פּאָר שטונדען האָט אויף אַ שיף פּאַ־סירט אַ קאַטאַסטראָפע. צו דורך אַ פערזעהן, צו צוליעב אַן אַנדער אורזאַכע, איז אַ שיף צוריסען געוואָרען און עס זיינען דערביי אומגעקומען אַ פּאָר צעהנדליג מענשען.

— גאָט גערעכטער, וואָס וויל טאַקע באמת דער דייטש האָבען פון אונז?

— האָט שוין איצטער מיסס טהאָמפּסאָן ניט אויסגעהאַלטען.

— אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס אַלעס מיט אונז? — האָט אונ־גערולדיג געפרעגט עלען'ס מוטער.

— אָה, אַ גרויסע שייכות! — האָט געזאָגט האָפמאַן— שטויסט איהר זיך ווירקליך ניט אָן?

— איז דיא אויפגעריסענע שיף געווען דיא "וועסטאַ"? — איז עלען אויפגעשפּרונגען.

יאָהאַן האָפמאַן האָט ניט געענטפערט. אַלע זיינען יעצט איבערראַשט און דערשראָקען אויפגעשפּרונגען פון דיא פּלעצער.

— איז דיא "וועסטאַ" צוריסען געוואָרען?

— וויא אַזוי? ווען?

— און וואָס האָט פּאַסירט מיט דיא אונגליקליכע פּרויען?

— און דער "אַמאָר"?

— וויא אַזוי האָט עס פּאַסירט?

אַזעלכע און עהנליכע פראַגען האָבען זיך געשאָטען פון אַלע זייטען.

— איצטער, אַז איהר ווייסט שוין דיא הויפּט זאַך, וואָס מיר איז שווער געוועזען אייך צו זאָגען, וועל איך אייך שוין בקצור דערצעהלען דאָס איבריגע — האָט האָפמאַן געזאָגט — איך האָב געהערט, אַז איין דזשענטלמען דאַ איז געווען זעהר אונצופריעדען, וואָס איך ציה ביי איהם דיא אָדערען און נודיע צו־פיעל... קומט אַהער, מיין הערר — האָט ער זיך געווענדעט צו וויליאַמס'ען, וועלכער איז דערביי רויט געוואָרען — קומט אַהער, שעהמט זיך ניט; נאָך אַלעמען האָט איהר דאָך רעכט געהאַט. איצטער וועל איך אייך דערפאַר בע־לוינען און דערצעהלען שנעל און אינטערעסאַנט.

וויא טרויעריג עס איז ניט געווען אויף'ן הארצען דיא אַנוועזענדע פון דער בשורה, האָבען זיך דאָך פיעלע ניט געקענט איינהאַלטען פון אַ שמייכעל און אַלע האָבען הנאה געהאַט דערפון, וואָס וויליאַמס איז אַזוי מיאוס אָבגע־שמיסען געוואָרען פאַר זיינע שטענדיגע וויצען.

— דיא "וועסטאַ" איז צוריסען געוואָרען — האָט האָפמאַן ווייטער גע־רעדט — וויא אַזוי און פון וועמען, האָט מען ניט געקענט דערגעהן. אַלע דיא יעניגע, וואָס זיינען געווען אויף דער שיף, זיינען אומגעקומען: אַלע פרוי־

דיא דריי מאַטראָזען, וואָס מיין ברודער האָט איבערגעלאָזט צו בעוואכען דיא שיף און נאָך אייניגע מענשען.

— נאָך אייניגע מענשען? — האָט יאָהאַנאַ לינד געפרעגט — ווער איז דען נאָך געווען אויף דער "וועסטאַ"?

— עס זיינען געווען נאָך אייניגע מענשען. וויא עס ווייזט אוים, האָבען יענע מיט געוואלט פערכאַפּט דיא שיף און האָבען ערמאָרדעט דיא דריי מאַט־ראָזען, ווייל זייערע קערפּער האָט מען געפונען עטליכע מייל ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו דיא "וועסטאַ" איז צוריסען געוואָרען און אַלע האָבען געהאַט טיעפע טויטליכע מעסער־וואונדען. דיא "וועסטאַ" אַליין איז צוריסען געוואָרען אין מיטען ים, זעהר ווייט פון דעם באַמבעי'ער האַפען. מיר זיינען געווען פון דיא ערשטע, וואָס האָבען זיך אויף דער שיף אָנגעשטויסען און האָבען אויפגעקלי־בען דיא קערפּער פון דיא אומגעקומענע. איך בין באלד אָבגעפאָהרען אהער און אויף אַזאַ אופן אייך געבראַכט דיא בשורה פאר דיא באַמבעי'ער ציי־טונגען.

האָפּמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און אין צימער האָט געהערשט א טויטע שטילקייט. ביי פיעלע וועסטאַלקעם האָבען זיך טרעהרען געגאָסען פון דיא אויגען און עלען איז געזעסען וויא א דערשלאָגענע. האָפּמאַן האָט אַלעמען בע־טראַכט מיט זיינע טרויעריגע אויגען און האָט זיך, ווייזט אוים, געשלאָגען מיט דער דעה, צו זאָל ער ווייטער דערצעהלען.

ענדליך האָט ער זיך, וויא עס האָט אויסגעזעהן, אָנגענומען מיט מוטה און האָט געבראָכען דיא שטילקייט.

— דיא באַמבעי'ער פּאָליציי אונטערזוכט איצטער דעם אונגליק און וויל אויסגעפינען, ווער עס זיינען געווען דיא זייטיגע פערזאָנען, וועלכע האָבען, נאָך מיין מיינונג, געראויבט דיא "וועסטאַ". איינעם פון דיא זייטיגע פערזאָנען האָבען מיר — איך און מיין ברודער — אליין דערקענט. דיא פּאָליציי וועט איהם אָבער קיין מאָל ניט אויסגעפינען, ווייל איידער דיא בעאַמטע האָבען צייט געהאַט איהם אריינצוקריגען אין זייערע הענד, איז ער דורך א צופאַל צוריק געזונקען אין ים, אום שוין קיין מאָל ניט אַרויפצוקומען אויף דער אויבערפלעכע.

אויף דעם וואָרט "צופאַל" האָט ער שטארק געדריקט און האָט דערביי פיעל־בעדייטענד געקוקט אויף עלען און אויף איהר מוטער. ביידע פרויען האָבען מיט שרעק געקוקט אויף האָפּמאַן'ען. זיי האָבען אָבער ניט געוואגט צו פרע־גען. עפּעס האָבען זיי יא זיך געשטויסען, ווענען ער מיינט; זיי האָבען אָבער מורא געהאַט צו גלויבען אין דעם.

— דאַרף איך אָנרופען דעם נאָמען פון יענער פערזאָן? — האָט האָפּמאַן שטיל געפרעגט, זיך צובויגענדיג צו עלען און צו איהר מוטער.

ביידע האָבען אַ ווילע געקוקט אין זיינע אויגען, פּרובענדיג דאָרטען אי־

בערלייענען דעם נאמען, און זיי האבען דעם נאמען דארטעןווירקליך איבער־געלייענט.

— סטיווענס! — האט שטיל, וויא פאר זיך, ארויסגערעדט מיט שרעק עלען׳ס מוטער און דאס ווארט איז ארויסגעקומען אזוי שטיל, אז נור עלען, האפמאן און הארלינגטאן האבען עס געהערט; בעסער געזאגט, זיי האבען עס ניט געהערט, נאר זיי האבען זיך פארגעשטעלט, אז זיי הערען עס, בעאבאכטענדיג דיא בעוועגונג פון אמאליא׳ס ליפען.

האפמאן האט א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ אויף יא.

אין דערזעלבער מינוט האט עלען מיט א פריידענס־געשריי זיך ארויפגעווארפען אויף דעם האלז פון איהר מוטער און האט לאנג, לאנג היסטעריש געלאכט און געוויינט, האט געקושט איהר מוטער, האט זיא געדריקט צו זיך און האט איהר געשעפטשעט אין אויער ליעבע־ווערטער.

דיא איבריגע אנוועזענדע, וועלכע האבען דא גאר ניט פערשטאנען, האבען זיך געבראכבען דיא קעפ, צו פערשטעהן דיא פאנטאמינע, וואס איז פארגעקומען פאר זייערע אויגען, און האבען ניט געקענט קלוג ווערען; איין זאך האבען זיי יא פערשטאנען, און דאס איז: אז עפעס וויכטיגעס האט פאסירט אין דעם לעבען פון עלען און איהר מוטער, און זיי האבען מיט מיטגעפיהל און רעספעקט בעטראכט דיא סצענע צווישען דער מוטער און דער טאכטער.

ווען דיא צוויי פרויען האבען זיך אין א פאר מינוטען ארום בערוהיגט און ביידע האבען געצייגט דיא אנוועזענדע זייערע שטראהלענדע געזיכטער, האט פלוצלונג לארד הארלינגטאן אויפגעהויבען דיא האנד, אלס צייכען, אז ער פערלאנגט דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא אנוועזענדע.

— אויב איהר דענקט צו האלטען א פעסט־רעדע אדער א לויה־רעדע, טא ערלויבט מיר פריהער צו פערלאזען דאס צימער — האט דערביי בעמערקט טשארלס וויליאמס — איך בין זיכער, אז אויב איך וועל אמאל בעגעהן זעלבסט־מארד, וועט עס זיין צוליעב דעם וואס א רעדנער וועט מיך טרייבען דערצו מיט זיין רעדע. און אזוי וויא איך האב נאך ניט בעשלאסען צו בעגעהן זעלבסט־מארד, טא...

— זיצט דאך אמאל רוהיג און זייט ניט קיין פאיאץ! — האט בייז אויף איהם אנגעשריען מיסס טהאמפסאן.

און הארלינגטאן האט מיט א שמייכעל בעמערקט:

— סער וויליאמס, איהר זיינט אן אונדאנקבארער מענש! מיין רעדע וויל איך האלטען אין אייערע אינטערעסען, פונקט וויא אין מיינע אייגענע.

— אויב אזוי, וועל איך דולדען — האט געענטפערט וויליאמס — דאך האב איך א בקשה: מאכט עס בקצור.

— הערט אויס, וויליאמס! — האט א ברום געטהאן לארד הייסטינגס —

איך ראטה אייך, וואָס שנעלער צו בעגעהן זעלבסטמאָרד; אָלאַ ניט, האָב איך מוראַ, אַז איך וועל בעגעהן אַ מאָרד, אויב איהר וועט ניט אַנטשווינגען ווערען.

דזשעסי מוריי, וועלכע איז געזעסען נעבען הייסטינגס'ען, האָט דערביי קאָלטבלוטיג ארויסגעשלעפט איהר רעוואָלווער, מיט וועלכען זיא האָט זיך קיין מאָל ניט געשיידט, האָט איהם אריינגערוקט אין הייסטינגס האנד און האָט דערביי שטרענג אַ מאַך געטהאָן מיט'ן פינגער צו וויליאַמס'ען.

אַלע האָבען אויסגעשאָסען אין אַ הילכיגען געלעכטער.

איבערהויפּט האָט עס עפּעס אויף אַ מאָדנעם אופן פּאַסירט, אַז דיא ידיעה וועגען דעם אונטערגאַנג פון דער "וועסטאַ" און וועגען דעם טויט פון דיא אונגליקליכע מענשען, וואָס האָבען זיך אויף איהר געפונען, האָט ניט געמאַכט דעם איינדרוק וואָס זיא האָט בעדאַרפט מאַכען. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל יעדער האָט געפיהלט, אַז פאַר איינינגע איז דאָס גאָר געוועזן אַ בשורה, כאָטש בלויז געצעהלטע מענשען פון דיא אַנוועזענדע האָבען פערשטאַנען, אין וואָס דיא בשורה איז בעשטאַנען.

הארלינגטאָן האָט אַלעמען צוריק אומגעקעהרט צו דיא טרויעריגע געפיהלען.

— איידער איך וועל ריידען וועגען דעם וואָס איך וויל אייגענטליך ריידען— האָט ער אָנגעהויבען — וויל איך, אַז מיר זאָלען זיך אַלע אויפשטעלען צום אנדענקען פון דיא קרבנות, וואָס זיינען אומגעקומען אויף דער "וועסטאַ".

אַלע האָבען געפאָלגט. ביי אַ מינוט צייט זיינען אַלע געשטאַנען מיט געזונקענע קעפּ.

— און איצטער, ווען מיר האָבען ערפילט אונזער טרויעריגע פּפליכט — האָט הארלינגטאָן פאָרטגעזעצט — וועל איך איבערגעהן צו מיין אייגענטליכער רעדע. דיא וועסטאַלקעס אין אַלטען רוים זיינען, וויא אייך איז בעקאַנט, געוועזן פּריסטערינען, וועלכע האָבען אַ נדר געטהאָן קיין מאָל ניט צו הייראַטהען און זייער אויפגאַבע איז געווען אויפצוהאַלטען דאָס אייביגע פייער אין דיא טעמפּלען, אין וועלכע זיי האָבען זיך געפונען. דערמיט וואָס זיי האָבען ניט געהייראַטה האָבען זיי נאָכגעטהאָן דער רוימישער געטין וועסטאַ.

— אָן אַלטע געשיכטע... — האָט אָנגעהויבען טשאַרלס וויליאַמס.

— יאַ, אָן אַלטע געשיכטע — האָט איהם איבערגעשלאָגען הארלינגטאָן — אָן אַלטע געשיכטע, וועלכע בלייבט אימער ניי. און דיזעלבע אַלטע געשיכטע האָט זיך בענייט אין אונזערע צייטען. אַ פּאָר צעהנדליג פון דיא נאָבעלסטע און שעהנסטע אַמעריקאַנערינס האָבען זיך אויפגעבויט אַ שיף, וועלכע זיי האָבען אָנגערופען "וועסטאַ" און זיי האָבען זיך ארויסגעלאָזט איבער דיא וואַסערען אַלס וועסטאַלקעס.

— און זיי זיינען פערפאָלגט געוואָרען פון דעם "אַמאָר", דעם רוימישען

גאָט פון ליעבע — האָט אונטערגעבראָכען וויליאַמס — ווידער אַ אַלטע גע־שיכטע... טהוט אַ טובה, מאַכט עס בקצור.

— און זיי זיינען פערפאָלגט געוואָרען פון "אַמאַר", וועלכער האָט פאַר קיין פאַל ניט געקענט צווינגען דיא וועסטאַלקעס צו ברעכען זייער נדר. אָבער ענדליך...

— אָה, איצטער קענט איהר שוין ריידען ניט בקצור! — האָט אויסגעשריען וויליאַמס — ערשט איצטער האָב איך, דומקאָפּ, פערשטאַנען, וואוהין איהר ציעלט.

— ערשט איצטער האָט ער פערשטאַנען, אַז ער איז אַ דומקאָפּ! — האָט אַ ברום געטהאָן הייסטינגס און האָט דערמיט ארויסגערופען אַלגעמיינעם געלעכטער.

— לאָזט דאָך ענדיגען — האָט אונגעדולדיג אויסגעשריען האַרלינגטאָן — איך זאָג אַלזאָ: דער "אַמאַר" האָט ביז איצטער קיין ערפאָלג ניט געהאַט. איצטער אָבער, ווען דיא "וועסטאַ" איז אַוועק אויף'ן עולם האמת און עס איז געבליבען אַלס זעלבסט-הערשער דער "אַמאַר", האָבען דיא וועסטאַלקעס גע־מוזט בלייבען הילפלאָז און אונבעשיצט און זיי מוזען ברעכען זייער נדר. איבריגענס, איז עס דאָך פאַר זיי אוננוצליך צו בלייבען וועסטאַלקעס, ווען דיא "וועסטאַ" איז שוין ניטאָ.

האַרלינגטאָן האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט זיך אויף אַ ווײַלע פערטראַכט. דאַן איז ער לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו עלען פעטערסאָן, וועלכע האָט זיך דערביי פערלאָרען און דיא פאַרב אין איהר געזיכט האָט זיך גענומען בייטען. ער האָט אָנגענומען איהר האַנד און האָט זיא אַ ציה געטהאָן צו זיך. עלען האָט אָהן ווידערשטאַנד און וויא בעוואוסטלאָז געפאָלגט און האָט זיך אַוועקגע־שטעלט נעבען האַרלינגטאָן'ען.

ביי אַלע אַנוועזענדע האָט עס פערכאַפּט דעם אָטהעם. אַלע האָבען שוין איצטער געוואוסט, וואָס עס וועט ווייטער קומען און דאָך זיינען זיי געזעסען געשפּאַנט און מיט אַ פערהאַלטענעם אָטהעם געוואַרט צו זעהן, וואָס עס ווייטער זיין.

האַרלינגטאָן האָט אַרויסגעפיהרט עלען אין מיטען צימער און מיט אַ שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך געפיהלט שטאַרקע אויפרעגונג און נאָך מעהר גליק, האָט ער געזאָגט, זיך ווענדענדיג מעהר צו עלען'ס מוטער און צו האָפּמאַן'ען, וויא צו דיא איבריגע:

— מיינע פריינד, איך האָב דיא עהרע אייך פאָרצושטעלען מיין כלה, ע'ען פעטערסאָן.

פון אַלע זייטען האָבען אויסגעבראָכען אַפּלאָדיסמענטען. אייניגע האָבען

געשריען הוראה. אלע האָבען זיך געשטופּט צו בעגריסען דאָס נייע פּאָרעל. ביי עלען׳ס מוטער האָבען זיך פון דיא אויגען געגאָסען טרעהרען פון גליק.

ווען דער טומעל איז פאַראיבער, האָט קאָלאָנעל גאָלדסמיטה בעפוילען, מען זאָל אריינברייגגען ווייז. אין פרעהליכע גרופען האָט מען זיך צוזעצט ארום טיש. דעם ערשטען טאָסט האָט געהאַלטען קאָלאָנעל גאָלדסמיטה, דעם צווייטען יאָהאַן האָפמאַן און דעם דריטען האָט געזאָלט האַלטען טשאַרלס וויליאַמס.

וויליאַמס האָט דערביי עפּעס אַ שעפּטשע געטהאָן אין אויער מיסס טהאָמפּסאָן, פון וועלכער ער איז דיא גאַנצע צייט ניט אָבגעטראָטען; מיסס טהאָמפסאָן איז דערביי רויט געוואָרען, אָבער זיא האָט איהם גאָר ניט געענטפערט. וויליאַמס האָט דאַן אָנגעהויבען זיין רעדע.

— איינגענטליך — האָט ער געזאָגט — וואָלט איך זיך בעדאַרפט נוקם זיין אָן האַרלינגטאָן׳ען און איהם אויך מאַטערען מיט מיין רעדע אַם וועניגסטען אַ האַלבע שטונדע. אַזוי וויא אָבער דיא ענדע פון זיין רעדע איז געווען זעהר אַ געלונגענע, וועל איך איהם מוחל זיין דיא זינד און וועל זיך פאַסען זעהר קורץ.

— אָהן פאָררעדעס! — האָט הענדריקס איבערגעשלאָגען.

— גוט, זאָל זיין אָהן פאָררעדעס — האָט וויליאַמס אונטערגעכאַפּט — און אויב שוין יאָ אָהן פאָררעדעס, וויל איך זאָגען, אַז אויב דיא הויפּט וועסטאַלקע האָט געמעגט ברעכען דעם נדר, מעג דאָך איהר אַרויסהעלפערין אודאי און אודאי. איך מיין...

— "דעם ערשטען אָפיציער" פון דער "וועסטאַ", מיסס טהאָמפּסאָן מיינט איהר — האָט דזשעסי מוריי אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער.

— כלעבען, איהר האָט געטראָפען — האָט זיך צו איהר אומגעקעהרט וויליאַמס — אַלזאָ, ביי מיר איז, וויא זאָגט מען, דיזעלבע אַלטע געשיכטע וויא ביי מיין פריינד לאָרד האַרלינגטאָן, מיט דעם אונטערשיעד בלויז, וואָס האַרלינגטאָן איז געווען גליקליך גענוג, אייך צו קענען פאָרשטעלען זיין כלה און איך קום בלויז צו אייך מיט אַ בקשה, איהר זאָלט בעשליסען מיט אַ מאַיאָריטעט שטימען, אַז מיסס טהאָמפּסאָן זאָל אָננעהמען מיין פאָרשלאַג צו ווערען מיין כלה. איהר, מיסס פעטערסאָן, אַלס איהר קאַפּיטאַנשע, קענט איהר זאָגאָר בעפוילען, און אויס מורא פאַר אַזאַ שרעקליכען פערברעכען וויא אונגעהאָרכזאַמקייט צו דער קאַפּיטאַנשע, וועט מיסס טהאָמפּסאָן מוזען צושטימען.

— איך בעפויל! — האָט זיך צולאַכט מיסס פעטערסאָן.

— און מיר בעטען! — האָבען זיך דערהערט אַנדערע שטימען.

— נו, וואָס פאַר אַ פראַגע! זיא נעהמט אָן! — האָט דיא לוסטיגע דזשעסי מוריי אויסגעשריען.

זיא איז צוגעשפרונגען צו מיסס טהאמפסאן און האט איהר געגעבען א קלינגענדען קוש.

אהן שום טענות האבען אלע גענומען ווינשען גליק וויליאמס'ען און מיסס טהאמפסאן.

— גאט מיינער, וואס ווילט איהר? איך האב דאך עלטערען! — האט געפרובט זיך אבשלאגען פון זיי מיסס טהאמפסאן, אין דער צייט, ווען איהר גאנץ געזיכט האט געשטראהלט מיט גליק.

— מיט דיעזער פעסטונג, איך מיין, מיט דיא עלטערען — האט וויליאמס געזאגט — וועל איך זיך שוין וויא־עס־איז ספראווען אליין... און איצטער, פריינד, ווער קומט אין דער נעכסטער רייהע צו בעזיעגען א וועסטאלקע? לארד הייסטינגס, איהר אפשר?

— לארד הייסטינגס! לארד הייסטינגס! — האבען זיך פון אלע זייטען גענומען הערען קולות.

דער כמורנער לארד הייסטינגס האט זיך נאך מעהר אנגעכמורעט. ער האט זיך זעהר קאמיש געבייזערט און האט זיך געפיהלט אין א שרעקליכער פערלע־גענהייט, דאך האט מען געזעהן, אז ער פיהלט זיך אין א זעהר געהויבענער שטימונג.

ער האט זיך אויפגעשטעלט, האט גענומען דעם בעכער ווין אין דער האנד און האט אנגעהויבען:

— דיא וועסטאלקעס...

מעהר האט ער ניט געקענט ריידען, ווייל פלוצלונג האט זיך פאר זיין סאמע נאז בעוויזען א בלישטשענדער רעוואלווער. דאס איז געוועזען דזשעסי מוריי'ס רעוואלווער. זיא איז געשטאנען לעבען איהם, האט געהאלטען דעם רעוואלווער נעבען זיין נאז און האט געקוקט אויף איהם מיט בייזע בליקען.

זיי האבען פארגעשטעלט א מאדנעם געגענזאץ. זיא איז געוועזען נאך כמעט א קינד אין יאהרען און האט אויך אויסגעזעהן זעהר קינדיש. זיא איז געוועזען לוסטיג, לעבעדיג און פערשייט. און ער איז געוועזען גרויס געוואקסען, האט אימער אויסגעוויזען צו זיין אונצופריעדען און אנגעכמורעט און איז געוועזען צוויי מאל אזוי אלט וויא זיא.

הייסטינגס האט געקוקט טא אויף'ן רעוואלווער, טא אויף דזשעסי מוריי און האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן און וואס צו זאגען. הילכיגע געלעכטערס האבען געקלונגען פון אלע זייטען. דער געלעכטער האט זיך פשוט פערוואנדעלט אין א דונער, ווען דזשעסי מוריי האט מיט איהר קינדערשער שטימע שטרענג געזאגט:

— אויב איהר וועט וואגען צו דערמאנען מיין נאמען, פאלט איהר א טויטער אויף'ן פלאץ. געדענקט: איך פערפעהל קיין מאל ניט קיין שאס.

— און איהר האט טאקע ניט פערפעהלט; איהר האט מיך שוין לאנג פערוואונדעט — האט הייסטינגס געזאגט.

— אי דאס ניט אין דער נאז, נאר גלייך אין הארצען — האט אונטער־געכאפט וויליאמס.

און הענדריקס האט צוגעגעבען:

— מיסס מוריי, אזוי וויא לארד הייסטינגס איז א גרויסער פייגלינג, וועל איך אייך מאכען א פארשלאג אין זיין נאמען.

דא האט שוין דזשעסי מוריי ניט אויסגעהאלטען איהרע ראלע, האט א שליידער געטהאן דעם רעוואלווער און האט זיך גענומען קייקלען פאר געלעכטער. אלע אנוועזענדע האבען זיך אנגעשטעקט מיט איהר הילכיגען געלעכטער. אפילו האפמאן האט געלאכט ביז טרעהרען.

דיא איינציגע וואס האט ניט געלאכט איז געווען יאהאנא לינד. זיא איז געזעסען טרויעריג און האט געשלונגען דיא טרעהרען. זיא האט זיך דערמאנט, אז זיא איז פיליכט דיא איינציגע וועסטאלקע, וועלכע קען ניט ברעכען איהר נדר, אפילו ווען זיא זאל וועלען, בעסער געזאגט, כאטש זיא וויל דאס טהאן.

הייסטינגס האט שוין זיין טאסט ניט געענדיגט; ביי זיך האט ער בע־שלאסען טאקע נאך היינט צו מאכען א פארשלאג דזשעסי מוריי.

לאנג, לאנג האבען דיא געוועזענע וועסטאלקעס און דיא ענגלענדער פער־בראכט צוזאמען, לאבענדיג, שטיפענדיג און זיך אונטערהאלטענדיג. און האפ־מאן און עלען׳ס מוטער האבען געקוקט אויף דער יונגוואַרג, האבען זיך דערמאנט אן זייער אייגענער יוגענד און זייערע הערצער האבען געבלוטעט דארויף וואס זיי האבען זייער גליק אזוי מיאוס פערשפיעלט.

46טעם קאפיטעל.

דער סוף פון א קריעגס־ערפינדונג

דער "בליץ" איז געלעגען אין באמבעי׳ער האפען, כאטש דער קאפיטאן און דער ערפינדער פון דער שיף, בערנארד האפמאן, איז געווען דערמיט זעהר שטארק אונצופריעדען. דער פערלאנג פון זיין ברודער, איהם צו ברייננגען צוריק נאך באמבעי, כדי ער זאל פון דארט קענען וואס גיכער קומען נאך סאַ־בולפאר און בעשיצען מרס. פעטערסאן פון געפאהר, האט בערנארד׳ען ניט גע־שמעקט, אבער ער האט זיין ברודער ניט געקענט ענטזאגען און האט ערפילט זיין בקשה.

דאס אומקעהרען זיך נאך באמבעי האט בערנארד׳ען ניט געשמעקט צו־ליעב פיעלע אורזאכען: ערשטענס, האט עס צושטערט דעם פלאן פון זיין

רייזע; צווייטענס, האָט ער געהאַט וויכטיגע אויפגאַבען אין אייניגע אַנדערע אינדישע האַפענס; און דריטענס, איז ער געווען צופריעדען צו זיין וואָס ווייטער פון דיא וועסטאַלקעס און פון יאָהאַנאַ לינד.

אין באָמבעי האָט בערנאַרד האָפמאַן געקראָגען אַ ידיעה, אַז דער דייטשער אָפיציער, וואָס האָט זיך אריינגעשמוגעלט אין דער אַמעריקאַנער אַרמעע און האָט איבערגעגעבען דער דייטשער רעגיערונג מיליטערישע סודות, וועלכע ער האָט נור געקענט דערגעהן, איז ארעסטירט געוואָרען פון דער וואַשינגטאָנער רעגיערונג און איז געשטעלט געוואָרען פאַר אַ קריעגס־געריכט. דיעזע ידיעה האָט שטאַרק געערגערט האָפמאַן׳ען. ער האָט מעהר אין אַמעריקאַ ניט געהאַט קיין מיליטערישע שפּיאָנען און האָט איצטער בעדאַרפט טראַכטען, וויא אריינצושמוגלען אַן אַנדערען אויף׳ן פּלאַץ פון דעם אַרעסטירטען אָפיציער. ווייטער איז איהם געווען ניט אַנגענעהם דער סקאַנדאַל, וואָס האָט צוליעב דעם אויסגעבראָכען. דיא בעציהונגען צווישען דער וואַשינגטאָנער און דער דייטשער רעגיערונג זיינען צוליעב דעם שפּיאָן׳ס אַרעסט געוואָרען זעהר אָנגעצויגען און מען איז אין דיא דייטשע רעגיערונגס־קרייזען געווען זעהר אונצופריעדען מיט האָפמאַן׳ען, ווייל מען האָט זיך דאָרט דערוואוסט, אַז ענטדעקט געוואָרען איז דער שפּיאָן צוליעב האָפמאַן׳ס נאַכלעסיגקייט.

מען האָט איהם אויך געגעבען אָנצוהערעניש פון דעם דייטשען גענעראַלשטאַב, אַז עס איז אַ סברא, אַז אויך דער סוד וועגען זיין שיף איז בעקאַנט דער אַמעריקאַנישער רעגיערונג און מען האָט ביי איהם שטרענג געפרעגט, וויא אַזוי ער האָט עס דערלאָזט, אַז מען זאָל ביי איהם דערגעהן אַזאַ וויכטיגען סוד. האָפמאַן האָט זיך בעדאַרפט פערענטפערען און ער האָט ניט געהאַט, מיט וואָס זיך צו פערענטפערען, ווייל ער האָט דאָך בעסער פון איטליכען געוואוסט, אַז דיא בעשולדיגונגען געגען איהם זיינען אמת פון אָנהויב ביז ענדע, אַז ער האָט אליין פעררעטהען אי זיך אי זיין רעגיערונג דערמיט וואָס ער האָט ניט געהאַט דעם מוטה צוריקצואווייזען דיא בקשה פון יאָהאַנאַ לינד און האָט אַרויפגעלאָזט אויף זיין שיף יאָהאַנאַ׳ס ברודער, דעם דעטעקטיוו ניק שאַרפּ.

ער האָט זיך אָהן אויפהער געהאַלטען אין איין פרעגען: וואָס וועט טאַקע זיין, אַז אַמעריקאַ וועט זיך בענוצען מיט דעם גע׳גנב׳עטען פּלאַן פון זיין שיף און וועט אָנהויבען בויען לויט דיעזען מוסטער ריעזיגע קריעגס־שיפען? עס איז דאָך אַ בעקאַנטע זאַך, אַז אין אַמעריקאַ ווערט אַלעס געטהאָן שנעל און אויף׳ן גרויסען שטייגער; עס איז דעריבער צו גלויבען, אַז אין דער צייט וואָס ער שלעפּט זיך אַרום אין דיא האַפענס פון אינדיען און פּרובירט זיין שיף, בויט מען שוין אין אַמעריקאַ, לויט זיין פּלאַן, גרויסע קריעגס־שיפען.

אויב דאָס זאָל פּאַסירען און אויב מען זאָל זיך אין דייטשלאַנד אויף

קלאָר דערוויסען, אַז דאָס האָט פּאַסירט צוליעב זיין נאַכלעסיגקייט, וועט האָפּ־מאַן זיכער געשטעלט ווערען פאַר אַ מיליטערישען געריכט און וועט שטרענג בעשטראָפט ווערען. דאָס האָט האָפּמאַן געוואוסט אויף זיכער. און אַז מען קען אין דייטשלאַנד זעהר לייכט זיך דערוויסען וועגען דעם, איז גאַר קיין צווייפעל ניט געווען. האָפּמאַן אליין וועט עס מודה זיין, ווען דאָס געריכט וועט וועגען דעם איהם פרעגען.

אַ שווארצע צוקונפט האָט זיך איצטער געמאָלען פאַר האָפּמאַן׳ען — פאַר דעמזעלבען האָפּמאַן׳ען, וועלכען עס איז ערשט ניט לאַנג צוריק פאָרגע־שטאַנען אַזאַ גלענצענדע צוקונפט, און ער האָט ניט געוואוסט, וויא אַרויסצו־קריכען פון דיא צרות און אויף וואָס זיך צו ענטשליסען.

און אויסערדעם האָט איהם נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו מאַטערען זיין ליעבע צו יאָהאַנאַ לינד, וועלכע ער האָט בשום אופן ניט געקענט אַרויסרייסען פון זיין הארצען. ער האָט געפיהלט, אַז ער מוז אַנטלויפען פון באַמבעי, כדי זיך ניט צו בעגעגענען מיט יאָהאַנאַ לינד, ווייל ער האָט גאַר ניט געקענט ערוב זיין פאַר זיך, אַז אונטער דיא איצטיגע בעדינגונגען זאָל ער ניט אַ מאַך טהאָן מיט דער האַנד אויף אַלעס און נאָכגעבען זיינע געפיהלען.

ער האָט דעריבער בעשלאָסען, אַזוי שנעל וויא זיין ברודער וועט זיך אומקעהרען נאָך באַמבעי, אָבצופאָהרען נאָך דייטשלאַנד, זיך אליין איבערצו־געבען צום קריעגס־געריכט און זיך אין אַלעס מודה זיין. אַזוי האָט ער בעשלאָ־סען. ווארום אָבער האָט ער געוואָלט ווארטען אויף׳ן ברודער? האָט ער דען ניט געקענט אָבפאָהרען פריהער און לאָזען וועגען דעם וויסען זיין ברודער דורך אַ בריעף? דארויף האָט בערנארד האָפּמאַן זיך אליין געענטפערט, אַז ער קען זיך אַזוי ניט שיידען מיט זיין ברודער, וועלכען ער האָט אַזוי פיעל יאָהרען ניט געזעהען.

דאָס איז געווען אַן אמת, אָבער בלויז אַ האַלבער אמת. אין דעם צווייטען האַלבען אמת האָט האָפּמאַן קיין מוטה ניט געהאַט זיך מודה צו זיין פאַר זיך אַליין. און דיעזער צווייטער האַלבער אמת איז געווען, אַז ער קען ניט אָבפאָהרען, ניט זעהענדיג נאָך אַמאָל און צום לעצטען יאָהאַנאַ לינד.

האָפּמאַן איז געווען זיכער, אַז ער וועט פאַר׳ן קריעגס־געריכט ערקלערט ווערען אַלס שולדיג און ער האָט שוין פאַראויס בעשלאָסען, אַז ער וועט דיא שאַנדע ניט איבערלעבען און וועט זיך נעהמען דאָס לעבען. און אויב אַזוי, האָט ער דאָך אודאי אַ רעכט זיך צו פערגינען אַ קוק צו טהאָן אויף זיין גע־ליעבטער צום לעצטען מאָל.

אמת, ער האָט שטאַרק מורא פאַר דיעזען לעצטען קוק, וועלכער קען אין גאַנצען ברעכען זיין שוואַכען כאַראַקטער און איהם צווינגען צו בלייבען מיט יאָהאַנאַ לינד. ער האָט געפיהלט, אַז ער מוז אַנטלויפען פון יאָהאַנאַ׳ן. ער

האָט אָבער אויך אין דערזעלבער צייט געפיהלט, אַז ער קען אזוי ניט אָבפּאָה־רען. און ער האָט בעשלאָסען צו ווארטען ביז זיין ברודער וועט זיך צוריק־קעהרען.

דיעזע פּאָר טעג פון ווארטען זיינען געווען דיא שווערסטע אין דעם לע־בען פון בערנאַרד האָפּמאַן.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען, ווען בערנאַרד האָפּמאַן איז געזעסען ביי זיך אין קאיוטע און איז געווען פערזונקען אין שווערע געדאַנקען, פון וועלכע ער האָט זיך פאר דיא לעצטע פּאָר טעג ניט געקענט בעפרייען, האָט איהם א מאטראָז געמעלדעט, אַז עפּעס א מאַן וויל איהם זעהן.

— ווער איז ער? — האָט געפרעגט האָפּמאַן.

— ער זאָגט, אַז ער איז א דייטש און אַז ער קומט פון בערלין.

— איז ער שוין אויף דער שיף?

— ניין, ער איז צוגעקומען מיט א שיפעל און ווארט אויף אייער ערלויב־ניס אַרויפצוקומען.

— גוט, זאָל ער אַרויפקומען.

האָפּמאַן איז אַזוי געווען פערנומען מיט זיינע געדאַנקען, אַז איהם איז גאָר ניט געוואָרען אויפפאַלענד, וואָס עפּעס א דייטש, וועלכער האָט זאָגאר זיין נאָמען ניט אָנגעגעבען, וויל איהם זעהן, און ער האָט גלייכגילטיג געוואַרט, יענער זאָל אריינקומען.

אין א פּאָר מינוטען אַרום האָט דער פריהעריגער מאַטראָז אריינגעפיהרט אַן אונבעקאַנטען מאַן און איז צוריק אַרויס, פערמאַכענדיג הינטער זיך דיא טהיר. דער אונבעקאַנטער האָט זיך העפליך פערנייגט, ניט ארויסריידענדיג קיין וואָרט. האָפּמאַן האָט זיך אויפגעהויבען, האָט געמאַכט א פּאָר טריט צום גאַסט און האָט געפרעגט:

— וועמען האָב איך דיא עהרע צו זעהן?

דער אונבעקאַנטער האָט גאָר ניט געענטפערט, נאָר האָט שנעל אַראָבגע־כאַפּט פון זיך דעם פּארוק פון קאָפּ און דיא פאַלשע באָרד און פאר דעם ער־שטוינטען האָפּמאַן'ען איז געשטאַנען — ניק שאַרפּ.

דאָס אַלעס איז פּאָרגעקומען אזוי אונערוואַרטעט, אַז האָפּמאַן האָט זיך אין אנפאַנג פערלאָרען. דאָס וואָס פאר איהם שטעהט ניק שאַרפּ, דער אמע־ריקאַנער שפּיאָן, וואָס האָט פערראַטהען זיין צוטרויען און האָט איהם פעראונ־גליקט, איז האָפּמאַן'ען פּאָרגעקומען אזוי אונגלויבליך, אַז איהם האָט זיך אָנ־געהויבען צו דאַכטען, אַז ער זעהט דאָס אַלעס אין חלום.

דאָס איז אָבער ניט געווען קיין חלום. און ניק שאַרפּ האָט זיך בענוצט מיט האָפּמאַן'ס ערשטוינונג און האָט באַלד גענומען ריידען:

— הערר האפמאן, איך קען אייך פערזיכערען, אז איך בין איצטער צו אייך געקומען ניט וויא א שונא, נאר וויא א פריינד, וויא אן אמת'ער פריינד.

— וויא וואגט איהר? — האט א דונער געטהאן האפמאן, שוין קור־מענדיג צו זיך און נעהמענדיג אין האנד א געלאדענעם רעוואלווער, וואס איז געלעגען ביי איהם אויף'ן טיש — וויא וואגט איהר זיך צו ווייזען אויף מיינע אויגען נאך דער נידערטרעכטיגקייט, וואס איהר זיינט בעגאנגען געגען מיר?

— מר. האפמאן — האט קאלטבלוטיג געענטפערט ניק שארפ, קוקענדיג גלייך אין דיא אויגען דעם צוקאכטען אינזשיניר — איך בין געקומען צו אייך אונבעוואפענט און בין פאלשטענדיג אין אייער מאכט. איך בין ביי אייך אויף דער שיף, ארומגערינגעלט מיט אייערע מענשען און איהר קענט מיט מיר טהאן, וואס איהר ווילט: מיך שיסען, מיך דערטרינקען, מיך מאר־טערען. אויב איהר האט חשק מיך צו טויטען, וועט איהר עס קענען טהאן צו יעדער צייט, ווען איהר וועט נור וועלען. איהר קענט זיך דעריבער, גלויב איך, פערגינען צו זיין גרויסמוטהיג און מיך אויסהערען, איידער איהר בעשטראפט מיך.

דיא האנד מיט'ן רעוואלווער האט זיך פון־זיך אראבגעלאזט ביי האפ־מאן'ען און ער האט מיט ווילדע בליקען בעטראכט זיין שונא. ענדליך האט ער א שליידער געטהאן דעם רעוואלווער, האט זיך שווער אוועקגעזעצט און קורץ געזאגט:

— רעדט!

— איך גלויב, אז איהר וועט מיר ערלויבען זיך אוועקצוזעצען? — האט געפרעגט ניק און, ניט ווארטענדיג אויף אן ענטפער, האט ער זיך אוועקגע־זעצט און גענומען ווייטער ריידען:

— איהר האט מיך געפרעגט: וויא וואג איך צו קומען צו אייך, נאכ־דעם וויא איך בין געגען אייך בעגאנגען אזא נידערטרעכטיגקייט? הערר האפ־מאן, איהר זיינט א געלעהרטער מאן און דאך קענט איהר ניט פערשטעהן דיא געוועהנליכסטע זאך, וועלכע א פשוט'ער מענש וויא איך בעגרייפט זעהר לייכט. איהר קענט ניט בעגרייפען, אז מירביידע שטעהן אויף איין שטופע און איינס פון דיא ביידע: אדער מיר זיינען ביידע העלדען אדער ביידע לומפען.

— איהר זיינט אביסעל צו פרעך! איך און איהר! א שעהנער פער־גלייך! — האט בייז בעמערקט האפמאן.

— עס קומט אייך אוים ווילד און דאך איז עס אזוי. לאמיר פערשטעהן. ווען איהר קומט אריין נאך אמעריקא אלס פערטרעטער פון א פריינדליכען לאנד, פון דייטשלאנד, און איהר שטעלט אן אייערע שפיאנען צו פערראטהען אמעריקאנישע מלוכה־סודות, בעגעהט איהר א העלדענטהאט, ניט וואהר?

טאַ ווארום זאָלט איהר אויך ניט בעטראַכטען אַלס העלדענטהאַט, ווען איך קום ארויף אויף אייער שיף אַלס פריינד און נאר אוים ביי אייך אייערע סודות פאר מיין לאַנד? אונזערעביידע האַנדלונגען זיינען פּונקט דאַסזעלבע, און אויב איהר זיינט אַ העלד, בין איך נאַך אַ גרעסערער, ווייל איהר האָט ניט ריזיקירט מיט אייער לעבען אין אַמעריקאַ און איך מיט מיין לעבען אויף אייער שיף האָב יאַ ריזיקירט. אויב, וויעדער, איך בין אַ ניעדערטרעכטיגער לומפּ, זיינט איהר ניט בעסער פון מיר.

וויא עס האָט געשיינט, האָבען דיעזע ווערטער אויף האָפּמאַן'ען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. פון דיעזען שטאַנדפּונקט האָט ער וואהרשיינליך נאַך קיין מאָל ניט געפּרובט בעטראַכטען זיין טהעטיגקייט. ער איז אַזוי איבעררעשט געוואָרען פון דער נייקייט פון דיעזען געדאַנק, אַז ער האָט גאָר ניט געקענט ענטפערען דעם דעטעקטיוו.

— וויא איהר זעהט, אַלזאָ, הערר האָפּמאַן — האָט ניק שאַרפּ ווייטער גערעדט — זיינען אונזערע בעציהונגען פיעל פּשוט'ער וויא איהר האָט פריהער געדענקט. מיר זיינען ביידע עהרליכע שונאים, וועלכע קענען ווערען עהרליכע פריינד, נאַכדעם וויא מיר האָבען שוין ניט איבער וואָס זיך צו שלאָגען. איהר האָט געוואָלט דערגעהן סודות פון מיין לאַנד און איך פון אייער לאַנד. איך בין געווען פעהיגער און איך האָב געזיעגט. איהר קענט זיין אין כעס אויף מיר, איהר קענט מיר ניט פערגינען מיין ערפאָלג; אָבער פעראַכטען מיך האָט איהר קיין רעכט ניט.

האָפּמאַן האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער ניק שאַרפּ האָט איהם אי־בערגעשלאָגען:

— זייט אַזוי גוט און לאָזט מיך שוין ענדיגען. און צו ענדע וויל איך אייך נאָך זאָגען אָט־וואָס: אַז נאָך וועניגער רעכט האָט איהר צו פעראַכטען מיין שוועסטער דערפאר וואָס איהר ברודער איז אַ שפּיאָן און דערפאר וואָס דיעזער שפּיאָן האָט געגען איהר ווילען און אָהן איהר וויסען אייך אָבגענאַרט. דאָס וואָס איהר רופט זיך מיליטערישער אַטאַשע און איך רוף זיך דעטעקטיוו, מאַכט צווישען אונז קיין אונטערשיעד ניט. אונזער ארבייט איז דיעזעלבע. און וואָס אַנבעלאַנגט מיין שוועסטער, איז זיא פיעל עהרליכער און ערנסטער און ריינער פון אונז ביידע, הערר האָפּמאַן, און ניט נור פון אונז, נאָר פון אַלע אייערע דיפּלאָמאַטען און פּאָליטיקער צוזאַמענגענומען.

האָפּמאַן איז דיא גאַנצע צייט געזעסען וויא אויף הייסע קויהלען.

— וואָס וויל דאָ דיעזער מאַן? — האָט ער זיך געפרעגט — וואָס איז דער צוועק פון זיין קומען? צו וואָס ציעלט ער מיט זיינע רייד? איז ער פּיליכט געשיקט געוואָרען פון זיין שוועסטער?

— איז דאָס אַלעס וואָס איהר האָט מיר צו זאָגען? — האָט געפרעגט האָפמאַן.

— ניט נור דאָס. ווען נור צוליעב דעם, וואָלט איך צו אייך ניט געקומען און וואָלט ניט געשטעלט אין געפאַהר מיין לעבען. איך וויל אייך אויך פאַראויס זאָגען, אַז מיין שוועסטער וויים גאָר ניט וועגען מיין בעזוך. איך זאָג אייך דאָס, ווייל איך וויל פאַר קיין פאַל ניט, אַז איהר זאָלט אפילו איין מינוט פערדעכטיגען, אַז איך וויל דערמיט געווינען אייער גנאָדע פאַר מיין שוועס־טער.

— קענט איהר עס ניט מאַכען אָהן פאַררעדען?

— איצטער, ווען מיין פאָררעדע איז שוין צו ענדע, קען איך אייך טהאָן דיא טובה — האָט אַ שמייכעל געטהאָן דער דעטעקטיוו.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אייניגע בריעף, האָט פון זיי אָבגעקליבען איינעם, וועלכען ער האָט אוועקגעלעגט נעבען זיך אויף'ן טיש, האָט דיא איבריגע צוריק אריינגעלעגט אין קעשענע, האָט גע־וואָרפען אַ פריינדליכען בליק אויף האָפמאַן'ען, וועלכער האָט דיא גאַנצע צייט פון איהם קיין אויג ניט אַראָבגענומען, און האָט גענומען ווייטער ריידען:

— הערר האָפמאַן, איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך קום צו אייך אַלס פריינד, ווייל מיר האָבען שוין מעהר ניט איבער וואָס זיך צו שלאָגען, און אַז דאָס איז אמת, וויל איך אייך איצטער בעווייזען. מיין בעוויז, בין איך זיכער, וועט פיליכט דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ פיעלע פון אייערע בעסטע האָפנונגען, עס וועט אָבער, האָף איך, זיין געזונדער פאַר אייך צו קריעגען דעם קלאַפּ פריהער.

— וואָס פלוידערט איהר! — האָט אונגעדולדיג בעמערקט האָפמאַן.

דער דעטעקטיוו האָט דערפון זיין קאַלטבלוטיגקייט ניט פערלאָרען.

— איך בין ארויפגעקומען אויף אייער שיף מיט דעם צוועק אויסצוגע־פינען, ווער עס זיינען אייערע שפּיאָנען אין אונזער ארמעע און וואָס עס בעשטעהט דיא נייע ערפינדונג אויף אייער שיף. ביידע זאַכען זיינען מיר פאָל־שטענדיג געלונגען. איך האָב זיך דערוואוסט דעם נאָמען פון אייער שפּיאָן און האָב געקראָגען דעם פאַלשטענדיגסטען פּלאַן פון אייער שיף.

האָפמאַן האָט דערביי אַ שמייכעל געטהאָן.

— וואָס, איהר גלויבט ניט? זעהט!

דער דעטעקטיוו האָט אַרויסגעשלעפט פון קעשענע אַ שטיק פּאַפּיער און האָט עס צולעגט אויף'ן טיש. האָפמאַן האָט זיך נייגעריג צוגעבויגען און האָט דעם פּלאַן גענומען בעטראַכטען. וואָס מעהר ער האָט געקוקט, אַלץ מעהר און מעהר איז ער ערשטוינט געוואָרען. דער פּלאַן איז געווען אַ פאָלשטענדיגער, ער אליין וואָלט קיין בעסערען ניט געקענט מאַכען.

— איז ער ריכטיג? — האָט געפרעגט ניק שאַרפּ.
האָפּמאַן האָט ניט געענטפערט.

— ער איז ריכטיג — האָט ווייטער געזאָגט דער דעטעקטיוו—דאָס וועט איהר אַליין איצטער מוזען צוגעבען. און דיעזען פּלאַן האָב איך אַוועקגעשיקט נאָך וואַשינגטאָן.

האָפּמאַן האָט ניט־ווילענדיג צונויפגעדריקט דיא פויסטען. דאָס גאַנצע בלוט האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען. ער האָט שוין איצטער ניט געקענט צווייפלען, אַז זיין סוד איז פאַלשטענדיג ענטדעקט, אַז זיין פּאַטערלאַנד איז פערראַטהען און אַז אין אַמעריקאַ, קען זיין, בויט מען שוין דיא נייע שיפען, וועלכע נור דייטשלאַנד האָט געזאָלט פערמאָגען. ער איז געוועזען אַזוי אויפגע־רעגט, אַז ער איז גרייט געוועזען דעם דעטעקטיוו צו צוצורייסען אויף שטיקער.

אָבער ניק שאַרפּ איז געזעסען קאַלטבלוטיג און האָט געקוקט אויף איהם מיט דיא פריינדליכסטע בליקען.

— איהר דאַרפט זיך ניט אויפרעגען פאַר דער צייט, הערר האָפּמאַן! — האָט ער געזאָגט — לאָזט מיך נור ווייטער ריידען און איהר וועט זיך איבער־ציינגען, אַז איך האָב אייך אייגענטליך גאָר אַ טובה געטהאָן... אַלזאָ, איך האָב דעם פּלאַן פון אייער שיף אַוועקגעשיקט נאָך וואַשינגטאָן און האָב מיט אונגעדולד געוואַרט אויף אַן ענטפער. איך בין געוועזען זיכער, אַז איך האָב מיט דיעזען פּלאַן פּשוט בעגליקט מיין לאַנד. און וויא ערשטוינט בין איך געוואָרען, ווען איך האָב נעכטען, צוריקקעהרענדיג נאָך באָמבעי, געפונען אַן ענטפער פון וואַשינגטאָן, וואו מען לאָזט מיר וויסען, אַז דער צוגעשיקטער פּלאַן פון אייער שיף איז גאָר ניט ווערטה.

— גאָר ניט ווערטה?! — איז אויפגעשפּרונגען האָפּמאַן.

— גאָר ניט ווערטה! — האָט ווידערהאָלט ניק שאַרפּ — און אום אייך צו איבערציינגען אין דעם און אויך אום אייך צו ציינגען, אַז איך בין איצטער צו אייך געקומען אַלס פריינד, וועל איך אייך איבערלייענען דעם בריעף פון וואַשינגטאָן. ווען איך וואָלט געוועזען אייער שונא, וואָלט איך אייך ערלויבט אריינצושלעפּען דייטשלאַנד אין אויסגאַבען צו בויען שיפען לויט אייער פּלאַן און נאָכדעם ערשט זיך צו איבערציינגען, אַז דיא שיפען טויגען ניט. דער סקאַנדאַל פאַר אייך וואָלט דאַן געוועזען פיעל שרעקליכער. איצטער אָבער וועט עס קענען הייסען, אַז איהר אַליין האָט אויסגעפונען אייער פעהלער און אייער נאָמען אַלס אינזשיניר און ערפינדער וועט ניט ליידען און איהר וועט אייער פּאַטערלאַנד, אם וועניגסטען, ניט אריינשלעפּען אין אויסגאַבען און אייער רעגיערונג וועט זיך ניט דאַרפען שעהמען, וואָס זיא איז אַזוי מיאוס אריינ־געפאַלען.

האָפּמאַן איז געזעסען וויא אַ בעטויבטער. ביז יעצט האָט ער קיין איינ־

איינציגע מינוט ניט געצווייפעלט, אַז זיין ערפינדונג איז אַ פאַלקאָמענע און דיא בעהויפּטונג, אַז זיא איז גאָר ניט ווערטה איז פאַר איהם געווען אַ פאַלשטענדיגע איבערראַשונג. איז עס אמת? האָט עס ניט געקענט פּאַסירען, אַז דיא אינזשינירען פון אַמעריקא, וואָס האָבען דעם פּלאַן פון זיין שיף אונטערזוכט, זאָלען האָבען אַ טעות? ער האָט דאָך אויף דעם פּלאַן אַזוי פיעל געטראַכט און ער האָט קיין מאָל קיין פעהלער אין איהם ניט געפונען. און דאָך האָט ער איצטער גענומען צווייפלען.

— וואָס שרייבט מען אייך? — האָט ער הייזעריג געפרעגט דעם דעטעקטיוו.

— מען שרייבט מיר — האָט יענער געענטפערט — אַז אייער פּלאַן קען געברויכט ווערען נור פאַר אַזאַ קליינער שיף וויא דער „בליץ“; ער טויג אָבער ניט פאַר גרויסע קריעגס־שיפען. ערשטענס, וועלען זיי זיך ניט קענען האַלטען ניט אויפ׳ן וואַסער, ניט אַ האַלב אונטער׳ן וואַסער, וויא דאָס איז דער פאַל מיט׳ן „בליץ“ און אפילו ווען דאָס זאָל שוין מעגליך זיין, וועלען דיא שיפען, געבויט נאָך אייער פּלאַן, זיין זעהר שוואַך און וועלען ניט קענען אויסהאַלטען דעם קלענסטען צוזאַמענשטויס מיט דיא איצטיגע געוועהנליכע קריעגס־שיפען.

— אָבער וואָרום? — האָט אַזש אַ קרעכץ געטהאָן האָפמאַן.

— זיי זאָגען, אַז איהר האָט געמאַכט עפּעס אַ וויכטיגען טעות אין אייערע אויסרעכנונגען. זיי שרייבען מיר אויך, אין וואָס אייער טעות בעשטעהט, אָבער איך פערשטעה דאָרט לחלוטין גאָר ניט... נאַט, אויב איהר ווילט, און לייענט אַליין דעם בריעף.

האָפמאַן האָט זשעדנע אַ כאַפּ געטהאָן דעם בריעף און איהם גענומען שנעל לייענען. אויף איין פּלאַץ האָט ער זיך אָבגעשטעלט און האָט איהם איבערגעלייענט עטליכע מאָל כסדר. ער איז בלאַס געוואָרען און זיינע הענד האָבען איהם געציטערט.

— עס איז אונמעגליך! — האָבען געמורמעלט זיינע בלאַסע ליפּען.

דער קלאַפּ פון דיעזער ענטדעקונג איז פאַר איהם געווען אַזוי שרעקליך, אַז עס האָט איהם אין גאַנצען פערטויבט. ער האָט פערגעסען, אַז דער דעטעקטיוו שפּירט נאָך יעדע בעוועגונג זיינע. ער האָט אין גאַנצען פערלאָרען דיא קאָנטראָלע איבער זיך. ער האָט אויסגעזעהן וויא אַ צודולטער.

ער האָט געכאַפּט דעם פּלאַן מיט דעם בריעף, איז צוגעלאָפען צום טיש און האָט אויף אַ גרויסער שטיק פּאַפּיער שנעל גענומען רעכענען און צייכענען. דיקע טראָפּענס שווייס האָבען זיך דערביי געקייקעלט פון זיין שטערן, זיינע אייגען האָבען געברענט און דיא הענד האָבען געציטערט. ביי אַ האַלבער שטונדע צייט האָט ער אַזוי געצייכענט און גערעכענט, פערגעסענדיג אָן דעם דע־

טעקטיוו און אן אלעס אין דער וועלט. וואס ווייטער, איז ער געווארען אלץ בלאסער און בלאסער.

ענדליך איז ער געבליבען זיצען וויא א דערשלאגענער, האט געקוקט מיט אונבעוועגליכע בליקען און האט, ווייזט אויס, גאר ניט געזעהן און גאר ניט פערשטאנען.

— זיי האבען רעכט! — האט ער, אליין ניט הערענדיג זיינע אייגענע רייד, געמורמעלט — זיי האבען רעכט. איך האב געמאכט א מיאוס׳ען טעות. דיא ערפינדונג, אויף וועלכער איך האב געארבייט מיין גאנצען לעבען לאנג, איז ניט ווערטה קיין שאס פולווער... זיי האבען רעכט.

פלוצלונג האט זיך זיין בליק אבגעשטעלט אויף׳ן דעטעקטיוו. דאס האט איהם געבראכט צו זיך.

— טהוט מיר א טובה און געהט אוועק! — האט ער געזאגט מיט א געבראכענער שטימע — לאזט מיך בלייבען אליין. איך דארף איצטער רוה... געהט!

ניט אויסריידענדיג קיין ווארט, האט דער דעטעקטיוו זיך אויפגעהויבען, האט זיך טיעף פערנייגט און האט זיך געלאזט ארויסגעהן.

— איהר האט פערגעסען אייער פלאן און אייער בריעף! — האט איהם האפמאן נאכגעשריען.

— אויב איהר ווילט, קען איך זיי אייך איבערלאזען, אלס בעוויז, אז קיי־נער וועט פון מיר דעם סוד ניט וויסען — האט שטיל און מיט מיטלייד בע־מערקט דער דעטעקטיוו.

— איך דאנק אייך! — האט געענטפערט האפמאן און האט זיך מאכט־לאז און שווער אראבגעלאזט אויף א ביינקעל.

דער דעטעקטיוו האט אויף איהם צום לעצטען מאל געווארפען א פריינד־ליכען בליק פול מיט מיטלייד און איז שטיל ארויס פון דער קאיוטע.

47טעם קאפיטעל.

דיא ענדע פון דער "גייסטער־שיף"

אויף׳ן "אמאר" זיינען געמאכט געווארען דיא לעצטע פארבערייטונגען צו פערלאזען דעם באמבעי׳ער האפען און אבצופאהרען פון דעם לאנד, וואו דיא וועסטאלקעס און זייערע בעגלייטער, דיא ענגלענדער, האבען אזוי פיעל דורכגעלעבט און דורכגעליטען און וואו אייניגע פון זיי האבען דאך ענדליך דערגרייכט זייער גליק אין דער ליעבע פון זייערע מיטרייזענדע.

דיא פראגע, וואוהין זיי זאלען פאהרען — נאך איירא פא אדער נאך

אַמעריקאַ — האָט אַרויסגערופען לאַנגע און היציגע דעבאַטען. דיא ענגלענדער זיינען געוועזען דאַפיר, מען זאָל פאָהרען נאָך ענגלאַנד; מעהר פון אַלעמען האָט דאָס געוואָלט לאָרד האַרלינגטאָן, ווייל ער האָט וואָס שנעלער געוואָלט הייראַטהען מיט זיין געליעבטער און ער האָט געוואָלט, אַז דיא חתונה זאָל פאָרקומען מיט'ן גרעסטען גלאַנץ גראַדע אין לאָנדאָן.

דיא אַמעריקאַנערינס, פערקעהרט, זיינען בעשטאַנען אויף זייערען, אַז זיי זיינען שוין מיעד פון דער רייזע און דערצו האָט דיא רייזע פערלאָרען דעם גאַנצען חן אין זייערע אויגען, נאָכדעם וויא דיא "וועסטאַ" איז אונטערגעגאַנגען, און זיי האָבען געוואָלט וואָס גיכער זיין אין דער היים, וואו עס האָבען אויף דיא מעהרסטע פון זיי מיט אונגעדולד געוואַרט זייערע עלטערען.

טשאַרלס וויליאַמס, וועלכער האָט ערשט בעדאַרפט קריעגען דיא צושטימונג פון מאַריע טהאָמפּסאָנ'ס עלטערען, האָט דאָס ניט געוואָלט אָבלעגען אין דער לאַנגער באַנק און ער האָט געהאַלטען מיט דיא אַמעריקאַנערינס, אַז דער "אַמאָר" זאָל פאָהרען נאָך אַמעריקאַ. אויף דער זייט פון דיא אַמעריקאַנערינס האָבען זיך אויך געשטעלט לאָרד הייסטינגס און הענדריקס, וועלכע זיינען אויך געוועזען פערליעבט: דער ערשטער אין דזשעסי מוריי און דער צווייטער אין מיסס ניקעלסאָן. פּונקט וויא טשאַרלס וויליאַמס, האָבען זיי וואָס שנעלער געוואָלט זיין אין אַמעריקאַ און קריעגען דיא צושטימונג פון דיא עלטערען פון זייערע געליעבטע.

אויף דער זייט פון דיא אַמעריקאַנערינס איז ענדליך איבערגעגאַנגען אויך לאָרד האַרלינגטאָן, ווען עלען פּעטערסאָן האָט זיך מיט איהם ערנסט דורכגערעדט וועגען דעם.

— מיר קענען ניט הייראַטהען — האָט זיא געזאָגט — איידער מיר קריעגען דיא צושטימונג פון מיין פאָטער.

— וואָס מיינסטו? — האָט ער געפרעגט.

— איך מיין — האָט זיא געזאָגט — אַז איידער איך וועל זיך ערלויבען צו געניסען אונזער ליעבע, וויל איך, אַז מיר ביידע זאָלען זיין אויף'ן קבר פון מיין פאָטער און, שפּעטער־צו, פיליכט אויך אויף'ן קבר פון אסתר'ען, וועלכע איז געפאַלען אַלס קרבן פון איהר ליעבע. אויף דיעזע צוויי קברים וועלען מיר זיך אויסלערנען, וויא מען דאַרף און וויא מען קען ליעבען.

דיעזע ווערטער האָבען שטאַרק געריהרט האַרלינגטאָן'ען.

— דוא האָסט רעכט, מיין טהייערע! — האָט ער געזאָגט.

עס איז דאַן בעשלאָסען געוואָרען, אַז אַלע זאָלען פאָהרען מיט'ן "אַמאָר" צו אַ האַפען, וואו מען קען קריעגען אַ גרויסע שיף דירעקט נאָך ניו יאָרק; פון דאָרטען זאָלען דיא אַמעריקאַנערינס, האַרלינגטאָן, וויליאַמס, הייסטינגס

און הענדריקס אָבפאָהרען נאָך אמעריקא און דיא איבריגע זאָלען מיט'ן "אמאַר" פּאַרטזעצען זייער רייזע נאָך ענגלאַנד.

מאָרגען האָט דער "אמאַר" געזאָלט אָנפאַנגען זיין צוריקרייזע און היינט אבענד איז אויף דער שיף פעראַנשטאַלטעט געוואָרען אַ גרויסאַרטיגער באַל. שאַמפּאַניער האָט זיך געגאָסען וויא וואַסער, מוזיק האָט געשפּיעלט, פרעהליכע פּאַרלעך האָבען זיך געדרעהט אין פערשיעדענע טענץ אויף'ן דעק; עס האָט זיך געהערט געזאַנג און פרעהליכער געלעכטער.

אפילו מרס. פּעטערסאָן האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער אַלגעמיינער פרעהליכקייט. זיא האָט פערגעסען אָן אַלע איהרע אמאָליגע ליידען און צרות און האָט זיך וויעדער געפיהלט גליקליך און יונג. עלען האָט ניט דורכגעלאָזט דיא קלענסטע געלעגענהייט איהר אַרויסצוצייגען ליעבע און דאָס זעלבע האָט געטהאָן אויך הארלינגטאָן. דיא אונגליקליכע מוטער האָט זיך איצטער גע־פיהלט פאָלשטענדיג בעלוינט פאַר איהרע פריהריגע ליידען.

דיא איינציגע אויסנאַהמע צווישען אַלע איז געוועזען יאָהאַנאַ לינד. איצטער, ווען אַלע ליעבענדע הערצער אויף'ן "אמאַר" האָבען געגאָסען אַזוי פיעל גליק, האָט אין איהר הארצען געהערשט אַ שוואַרצע נאַכט. דערצו האָט זיא זיך איצטער אַם מעהרסטען געפיהלט עלענד, פרעמד און פערשטויסען צווישען דיעזע פּרויען, צווישען וועלכע זיא איז דיא גאַנצע צייט געוועזען וויא אַ גלייכע צווישען גלייכע. איצטער האָט עלען שוין געוואוסט, וואָס פאַר אַ ראָלע יאָהאַנאַ האָט געשפּיעלט, יאָהאַנאַ האָט געוואוסט וועגען דעם און זיא האָט דעריבער געפיהלט, וויא אונווירדיג זיא איז צו זיין צווישען דיא וועסטאַלקעס; חוץ דעם, איז זיא דאָך ווירקליך שוין געוועזען אַן איבריגע צווישען זיי. אַם מעהרסטען האָט זיא געליטען פון דעם געדאַנק, אַז בערנאַרד האָפמאַן פעראַכטעט זיא און פערהאַסט זיא.

און נאָך איין געדאַנק האָט געמאַטערט יאָהאַנאַ לינד: וואָס וועט זיא טהאָן און וואוהין וועט זיא זיך אַהינטהאָן, ווען זיא וועט צוריקקומען נאָך אמעריקא? צו דער געזעלשאַפט, צו וועלכער זיא האָט אַמאָל בעלאַנגט, קען זיא זיך ניט צוריקקעהרען, און דיא געזעלשאַפט, צו וועלכער זיא האָט בעלאַנגט אויף דער "וועסטאַ", וועט זיא זיכער אַרויסשטויסען. וואָס וועט זיא דאַן טהאָן? זיא האָט זיך דערפון געפיהלט אַזוי פערצווייפעלט, אַז איהר איז ניט איין מאָל געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ צו מאַכען אַן ענדע צו איהר לעבען.

אין אַ טונקעלען ווינקעל אויף'ן דעק פון "אמאַר" איז איצטער געזעסען יאָ־האַנאַ לינד און איז געוועזען פערזונקען אין דיא שוואַרצעסטע געדאַנקען, ווען זיא האָט דערפיהלט אימעצענס האַנד אויף איהר אַקסעל. זיא האָט אַ ציטער געטהאָן, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט דערזעהן עלען.

— וואָס זיצט איהר אַזוי מרה־שחורה'דיג? — האָט עלען זיא געפרעגט

— איהר פערשטערט אונז דיא שמחה. איהר זיינט דיא איינציגע צווישען אונז, וואס נעהמט ניט קיין אנטהייל אין אונזער אלגעמיינער פרייד.

— איך קען זיך ניט פרעהען, ווען מיר איז ניט פרעהליך — האט יאהאנא געענטפערט און טרעהרען האבען זיך בעוויזען אין איהרע אויגען — אויסער־דעם בין איך דאך נאך אלעמען א פרעמדע און אן עלענדע צווישען אייך און, ווער וויים, אויב זיי וואלטען געוואלט זיך פרעהען צוזאמען מיט מיר, ווען זיי וואלטען פונקט וויא איהר, מיסס פעטערסאן, געוואוסט, ווער איך בין און וואס איך בין.

— רעדט ניט קיין נארישקייטען, יאהאנא! — האט עלען בעליידיגט אויסגעשריען — איהר זיינט דיא נאבעלסטע פרוי, וועלכע איך האב נור ווען־עס־איז בעגעגענט.

— איהר ווייסט ניט, מיסס פעטערסאן!...

— איך וויים, איך וויים אלעס! — האט איהר עלען איבערגעשלאגען — אייער ברודער האט מיר אלעס דערצעהלט, און איהר זיינט דערפון אויף א האר ניט אראבגעפאלען אין מיינע אויגען, נאר פערקעהרט. פון דעם ריינסטען הארצען מוז איך ביי אייך בעטען ענטשולדיגונג, פארוואס איך האב אפט גע־האט וועגען אייך שלעכטע געדאנקען. פערגעסט אבער ניט, אז דיעזע שלעכטע געדאנקען וועגען אייך האב איך געהאט גראד דאן, ווען איך האב נאך ניט געוואוסט דעם אמת וועגען אייך.

— אבער, מיסס פעטערסאן... — האט ווידער יאהאנא געוואלט עפעס זאגען.

— רופט מיך ניט מיסס פעטערסאן, רופט מיך פשוט: עלען, אזוי איז מיר אנגענעהמער. איך וויל מיר זאלען אויך אויף ווייטער בלייבען פריינד, אי דאס דיא בעסטע פריינד.

— אה, ווען דאס זאל נור מעגליך זיין! — האט שטיל געזאגט יאהאנא.

— ווארום ניט? — האט געזאגט עלען — און אלס בעוויז, אז איהר זיינט ווירקליך מיין פריינד, פאדער איך, אז איהר זאלט זיך בעזעצען צוזאמען מיט מיר און אזוי פערבלייבען ביז איהר וועט הייראטהען. נעהמט איהר עס אן?

דיעזער פארשלאג איז געקומען אונערווארטעט און יאהאנא איז צוטור־מעלט געווארען.

— איך... מיט אייך?... — האט זיא געמורמעלט.

— יא — האט פעסט בעשלאסען עלען — און איהר טארט זיך ניט ענט־זאגען דערפון, אויב איהר פיהלט צו מיר אזוי פיעל ליעבע און פריינדשאפט, וויא איך צו אייך. אלזא, בלייבט עס אזוי?

יאהאנא האט זיך געקליבען צו ענטפערען, ווען הארלינגטאן איז צוגעקומען צו זיי און האט געזאגט:

— עס זיינען נור־וואָס אָנגעקומען דיא ברידער האָפמאַן און זיי ווילען דיך בעגריסען, עלען!

— קומט, יאָהאַנא! — האָט עלען געזאָגט.

—ניין, ניין! איך וועל בלייבען דאָ! — האָט מיט שרעק געזאָגט יאָהאַנא.

האַרלינגטאָן האָט אַ וואונק געטהאָן צו עלען, אַז זיא זאָל יאָהאַנא'ן לאָזען צו־רוה. עלען האָט פערשטאַנען, וואָס דאָס מיינט.

— גוט! — האָט זיא געזאָגט צו יאָהאַנא'ן — זייט־זשע דאָ און וואַרט אויף מיר. איך וועל אין גיכען צוריקקומען. איך וויל זיך מיט אייך נאָך דורכ־ריידען וועגען אַ פּאָר וויכטיגע זאַכען.

יאָהאַנא איז געבליבען אַליין אַ דערשראָקענע, אָן אויפגערעגטע. בערנאַרד איז געקומען אויף'ן "אַמאָר"! בערנאַרד, וועלכער האָט צוליעב איהר אויס־געמידען דיא ענגלענדער און דיא וועסטאַלקעס, איז איצטער געקומען אַהער. וויא זאָל זיא דאָס ערקלערען? קען עס מעגליך זיין, אַז ער האָט שוין אויף אַזוי פיעל בעזיעגט זיין ליעבע צו איהר, אַז ער האָט שוין קיין מורא ניט מיט איהר זיך צו בעגעגענען? יאָ, אַזוי מוז עס זיין! עס איז זיכער, אַז בערנאַרד איז שוין פעסט מיט זיך. אָבער זיא? זיא ליעבט איהם נאָך אַלץ און פיהלט זיך געגען איהם אַזוי שולדיג! ניין, זיא וועט פאַר קיין פאַל מיט איהם זיך ניט בעגעגענען!

דיעזער נייער געדאַנק וועגען האָפמאַן'ען האָט געבראַכט דערצו, אַז זיא האָט אין גאַנצען פערגעסען אָן עלען'ס פאָרשלאַג, וועלכער האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין איהרע פּלענער וועגען דער צוקונפט. זיא האָט איצטער געקענט טראַכטען נור וועגען בערנאַרד האָפמאַן און נור וועגען דעם, וויא אויסצומיידען אַ בעגעגעניש מיט איהם.

זיא איז אַזוי אָבגעזעסען אַ מינוטען צעהן, ווען זיא האָט בעמערקט, אַז יאָהאַן האָפמאַן קומט צו צו איהר. מיט אַ פערשטאָרבענעם הארצען האָט זיא איהם ערוואַרטעט.

בערנאַרד'ס ברודער איז צו איהר צוגעקומען מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל, האָט זיא פריינדליך בעגריסט, האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהר און האָט בעמערקט:

— אַלץ אַליין און אַלץ פערכמורעט! דאָס איז זעהר ניט שעהן פון אייער זייט, פריילייןְ ליֶנד! יונגע מענשען דאַרפען לעבען און געניסען. טרויערען וועט איהר צייט האָבען אויף דער עלטער.

— און וואָס טהוט מען, אַז עס איז קיין פרייד ניטאָ? — האָט מיט ביטער־קייט געענטפערט יאָהאַנא.

— עס איז ניט אמת, מיין טהייערע! — האָט צערטליך געזאָגט יאָהאַן

— איך קען א יונגענמאַן, וואָס האָט פאַר אייך צוגעגרייט פיעל ליעבע, פרייד און גליק.

יאָהאַנאַ'ס האַרץ האָט זיך אָבגעשטעלט אין איהר ברוסט ביי דיעזע ווערטער און דער אָטהעם איז ביי איהר פערכאַפּט געוואָרען. יאָהאַן האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן מיט אַ געמאַכטען פאַרוואורף און האָט געזאָגט:

— און איהר פרעגט גאַר ניט, ווער דער יונגערמאַן איז?

— מר. האָפמאַן, האָט רחמנות, מאַכט ניט חוזק פון מיר! — האָט קוים אַרויסגערעדט יאָהאַנאַ.

האָפמאַן האָט אָנגענומען איהר האַנד.

— פריילין לינד — האָט ער געזאָגט — איך האָב אַליין מיין גאַנצען לעבען לאַנג געליטען פון אַן אונבעפרידיגטער ליעבע און ווייס, וואָס פאַר ליידען דאָס זיינען. איך וועל אימער זיין דער לעצטער חוזק צו מאַכען פון אַזעלכע זאַכען, און איבערהויפּט וואָלט איך זיך עס ניט ערלויבט אין בעצוג צו אייך, וועלכע איך האָב ליעב בעקומען פון ערשטען בליק און אָהן וועלכער עס קען ניט לעבען מיין אָרימער בערנאַרד.

— בערנאַרד! — האָט זיך געגען יאָהאַנאַ'ס ווילען אַרויסגעריסען ביי איהר.

— יא, בערנאַרד! — האָט ווידערהאָלט האָפמאַן — בערנאַרד, וועלכער פערמאָגט אַ שוואַך האַרץ פּונקט וויא זיין אַלטער נאַרישער ברודער. און דער אַלטער נאַרישער ברודער, וועלכער ווייס שוין, וואָס עס הייסט ליידען פון ליעבע, האָט בעסער פון בערנאַרד'ען פערשטאַנען, אַז אומזיסט וועט זיין זיין קאַמפּף מיט זיין האַרצען, און ער האָט איהם געזאָגט: בערנאַרד, וואַרף אַוועק אַלע נאַרישקייטען און פעראונגליק ניט זיך און דיא זעלטענע פרוי, וואָס ליעבט דיך און ווערט געליעבט פון דיר! און בערנאַרד האָט געפאָלגט און איז איצטער געקומען בעגליקען זיך און זיין אומעטיגע, עלענדע יאָהאַנאַ.

— הערר האָפמאַן, איז עס אמת? הער איך עס ניט אין חלום?

— ניין, מיין קינד! קום און בערנאַרד אַליין וועט עס דיר זאָגען. אָדער, בעסער געזאָגט, וואַרט און איך וועל איהם צושיקען אַהער און ער וועט עס דיר אַליין זאָגען.

איידער יאָהאַנאַ האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגען, האָט זיך האָפמאַן אויפגעהויבען און האָט זיך אומגעדרעהט, אום אַוועקצוגעהן. אומדרעהענדיג זיך, האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף בערנאַרד'ען, וועלכער איז פריהער געשטאַנען הינטער זיי און האָט געהערט זייערע לעצטע ווערטער, וויל ער האָט איצטער אָהן פאָררעדעס געזאָגט צו יאָהאַנאַ'ן:

— און איך וועל עס דיר אַליין זאָגען.

יאהאנא איז וויא פאראליזירט געווארען און האט זיך ניט געקענט א ריהר טהאן פון ארט.

יאהאן האפמאן האט אנגענומען יאהאנא'ס האנד און זיא אריינגעלעגט אין בערנארד'ס האנד.

— זייט גליקליך, קינדער! — האט ער געזאגט מיט טרעהרען אין דיא אויגען, האט זיך שנעל אומגעדרעהט און איז אוועק.

* * *

ביי א בעזונדערען טיש אין איין עק פון דעם דעק אויף דעם "אמאר" זיינען אין א האלבער שטונדע ארום געזעסעןביידע ברידער האפמאן, יאהאנא לינד, הארלינגטאן, עלען, טשארלס וויליאמס, מיסס טהאמפסאן, דזשעסי מוריי, מיסס ניקעלסאן, הייסטינגס, הענדריקס און מרס. פעטערסאן — מיט איינעם ווארט, אלע פערליעבטע. זיי זיינען געזעסען ביי דיעזען טיש, אום צו פייערען דיא פערלאבונג פון יאהאנא לינד מיט האפמאן'ען. דיא איבריגע פון דער קאמפאניע האבען זיך בעגנוגענט בלויז דערמיט, וואס זיי האבען דיא נייע חתן־כלה בעגריסט און זיי זיינען באלד וויטער אוועק טאנצען.

ארום דעם טיש האט געשוועבט דער גייסט פון ליעבע. עס האט געשיינט, אז דיא לופט איז דא פול מיט ליעבע. אלע בליקען זיינען געווען פול מיט צארט־קייט, אלע שטימען האבען געקלונגען מאדנע ווייך און אלע הערצער זיינען געווען איבערגעפילט מיט גליק. דא האט מען ניט געלארעמט און ניט גע־פילדערט, דא האט מען גערעדט שטיל און טיעף געריהרט. איינער האט זיך אנגעשטעקט פון צווייטען מיט גליק און פרייד און אלע האבען זיך געפיהלט וויא שוועסטער און ברידער, וועלכע האבען זיך בעגעגענט נאך א לאנגער אבוועזענהייט.

— וויא שפעט איז? — האט פלוצלונג געפרעגט בערנארד האפמאן.

— א פיערטעל צו איינס — האט אימעצער געענטפערט.

— פונקט דיא ריכטיגע צייט — האט בערנארד שטיל געזאגט צו זיין ברודער.

דאן האט ער אין דער הויך געזאגט:

— מיינע דאמען און הערען! איך וועל זיך ערלויבען צו רויבען ביי אייך עטליכע מינוט פאר א... א... א שטיקעל ודוי.

— א ודוי? — האט זיך פערקרימט וויליאמס — אוי, בעפרייט, האט רחמנות! א ודוי שמעקט מיט טויט, מיט לויה, מיט טרויער און איך וויל זיך איצטער פרעהען.

— איך האב זיך אביסעל אפשר ניט ריכטיג אויסגעדריקט — האט טרויע־ריג בעמערקט האפמאן — אויב איהר ווילט, איז עס ניט קיין ודוי, נאר אן אינטערעסאנטע געשיכטע פון אן אינטערעסאנטער געהיימניס.

— געהיימניסע האָב איך ליעב צו הערען! — האָט אויסגעשריען דזשעסי מוריי — דערצעהלט, מר. האָפמאַן!

יאָהאַנאַ לינד האָט דערביי דערשראָקען אַ קוק געטהאָן אויף איהר חתן און עפּעס האָט זיך ביי איהר וויא אָבגעריסען אין האַרצען. זיא האָט נאָך אַלץ ניט געגלויבט אין איהר גליק און אַלעס האָט אין איהר אַרויסגערופען אַ פעררדאַכט, אַז אָט־אָט וועט דאָס גליק, וואָס איז געקומען אַזוי אונערוואַרטעט, צובראָכען ווערען.

האָפמאַן האָט פערשטאַנען איהר שרעק און האָט מיט אַ שמייכעל זיא בערוהיגט. דאַן האָט ער גענומען ריידען:

— ניט ווייט פון גיבראַלטאַר האָבען זיך אין מיטעללענדישען ים צוריק מיט אַ פּאָר מאָנאַטען בעגעגענט צוויי שיפען. דאָס זיינען געווען דער "אמאָר" און דיא "וועסטאַ". אייניגע מינוטען פאַר זייער בעגעגעניש האָט איהר, מיינע הערען פון "אמאָר", בעמערקט אַ מאָדנע שיף. זיא איז געפלויגען וויא אַ פייל פון אַ בויגען, איז געווען כמעט אין גאַנצען אין וואַסער און אויף איהר קיילעבּדיגען, פערמאַכטען דעק האָט מען ניט געזעהן קיין סימן פון מאַסטען, קוימענס אָדער מענשען.

— דיא גייסטער־שיף — האָט בעמערקט הענדריקס.

— הייסט עס, אַז דיא מעשה מיט דער גייסטער שיף איז טאַקע אמת?

— האָט מיסס טהאָמפּסאָן געזאָגט — אבי מיר האָבען געדענקט, אַז דיא הערען פון דעם "אמאָר" האָט זיך אַזא שיף בלויז געחלום'ט.

— ניין, זיי האָבען זיא ווירקליך געזעהן — האָט געענטפערט האָפמאַן — און ניט איין מאָל, נאָר צוויי מאָל. דאָס צווייטע מאָל האָט דיא גייסטער־שיף זיך בעוויזען צו זיי, ווען מיסס טהאָמפּסאָן איז אין צייט פון אַ שטורם אריינגעפאַלען אין וואַסער. געדענקט איהר? דאַן איז דיא גייסטער־שיף פאַרביי־געלאָפען דעם "אמאָר" און האָט מיט פייערדיגע בוכשטאַבען איינגעלאָזט וויסען, מיינע הערען, וואו עס געפינט זיך דאָס שיפעל מיט דיא וועסטאַל־קעס, וועלכע זיינען אוועק זוכען מיסס טהאָמפּסאָן.

— אמת —האָט געזאָגט האַרלינגטאָן — אָבער פון וואַנען ווייסט איהר דאָס אַלעס?

האָפמאַן האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— דיעזע גייסטער־שיף, וויא איהר רופט זיא — האָט ער געזאָגט — איז געווען מיין "בליץ".

אַ טויטע שטילקייט האָט אַ פּאָר מינוטען געהערשט. אַלע האָבען ערשטוינט געקוקט אויף האָפמאַן'ען און ער האָט אויף זייערע בליקען געענטפערט מיט זיין געוועהנליכען מעלאַנכאָלישען שמייכעל.

— איז דאס געווען דאס געהיימניס פון אייער ערפינדונג? — האט הייסטינגס ענדליך איבערגעריסען דיא שטילקייט.

— יא.

— און ווארום האט איהר דאן אונזערע וועסטאלקעס אליין ניט געראטע־וועט? — האט וויליאמס געפרעגט.

— וויל איך וואלט ביי דיעזער געלעגענהייט געמוזט אויפדעקען דאס געהיימניס — איז געווען דער ענטפער.

— איז עס איצטער שוין מעהר ניט קיין געהיימניס?

אויף דיעזער פראגע האט האפמאן קיין ענטפער ניט געגעבען.

— איהר וועט מיר ערלויבען אנצוזעהן מיט מיין ודוי און דאן וועט אייך אלעס קלאר ווערען — האט ער געזאגט — אלזא, מיין שיף איז געווען אן ער־פינדונג, וועלכע האט אפילו אייך געקענט ארויפברייננגען אויף'ן געדאנק, אז דאס איז א גייסטער־שיף. אויף מיין ערפינדונג האב איך אבגעארבייט מיין גאנצען לעבען און איך האב פאר איהר שיער ניט אוועקגעגעבען מיין לע־בען. דיא ערפינדונג האט זיך אוועקגעשטעלט צווישען מיין ליעבע צו מיסס לינד, מיין איצטיגער כלה און צווישען מיין פפליכט צו מיין פאטערלאנד. מיינע פריינד, איך האב בעשלאסען קיין זאך ניט צו בעהאלטען פון אייך. מיסס לינד'ס ברודער, דער בעריהמטער דעטעקטיוו ניק שארפ האט, א דאנק מיסס לינד, כאטש אהן איהר דירעקטער מיטווירקונג, זיך אריינגעשמוגעלט אויף מיין שיף און האט מיין געהיימניס ענטדעקט פאר דער אמעריקאנער רעגיערונג און...

אלע האבען מיט נייגעריגקייט בעטראכט יאהאנא לינד, וועלכע איז גע־זעסען בלאס און אויפגערעגט. אבער קיינער האט ניט געוואגט איבערצו־שלאגען האפמאן'ען.

— ער האט מיין געהיימניס ענטדעקט — האט פארטגעזעצט האפמאן — און דורך דעם האב איך אויף זיך ארויפגעצויגען דעם צארן פון מיין רע־גיערונג. דאס האט מיר געוויזען, וויא ווענינ מען קען אונז שעצען, איך מיין דיא רעגיערונג, דאס פאלק, דיא געזעלשאפט, וויא ווענינ ווערטה מיר האבען ביי זיי, ווען מיר גליטשען זיך אויס געגען אונזער שולד, כאטש מיר האבען זיי דעם גאנצען לעבען לאנג געדיענט געטריי און איבערגעגעבען. דאך בין איך גרייט געווען דאס צו פערטראגען. עס האט אבער פאסירט נאך עטוואס. —יא וואשינגטאנער עקספערטען האבען פון ניק שארפ'ס צוגעשיקטען פלאן פון מיין שיף אויסגעפונען, אז מיין ערפינדונג איז גאר קיין ערפינדונג ניט.

— קיין ערפינדונג ניט! — האבען זיך דערהערט איינינע שטימען — איהר האט דאך א בעוויז אייער "בליץ".

— ניין, מיין "בליץ" איז קיין בעוויז ניט — האט געענטפערט האפמאן

— בויען דורך מיין ערפינדונג אַזעלכע שיפען וויא מיין "בליץ" איז אונ־ניצליך און בויען לויט דעם זעלבען מוסטער גרויסע קריעגס־שיפען איז אונ־מעגליך. אויף אַזאַ אופן איז דיא גאַנצע אַרבייט פון מיין לעבען אַוועק אין ניוועץ, מיינע בעסטע כחות זיינען אַוועק אויף גאָר ניט און אָנפאַנגען פון דאָס־ניי איז שוין פאַר מיר צו שפּעט.

ער האָט געשוויגען אַ ווײַלע וויא ער וואָלט בעקלערט, וויא ווייטער אויס־צודריקען זיינע געדאַנקען.

— איך האָב פערלאָרען דעם גלויבען אין זיך און אין דער דאַנקבאַר־קייט פון דיא, פאַר וועמען איך האָב אַוועקגעגעבען אַלע מיינע כחות — האָט ער פאָרטגעזעצט — איך וואָלט אָבער נאָך געקענט האָפען אויף אַ פּאָליטישער צוקונפט. איהר ווייסט דאָך און אויב איהר ווייסט ניט, וועל איך עס אייך זאָגען, אַז איך בין געוועזען דער הויפּט פון דייטשלאַנד'ס רעגיערונגס־דעפּאַרט־מענט וואָס בעשעפטיגט זיך מיט פּאָליטישער מיליטערישער שפּיאָנעריי אין פרעמדע לענדער. דיעזע אָבטהיילונג ווערט בעטראַכט אַלס איינע פון דיא וויכטיגסטע און פעראַנטוואָרטליכסטע, און איך האָב שטאָלצירט מיט דער עהרע זיא צו פערוואַלטען. אין דערזעלבער צייט האָב איך פעראַכטעט ניק שאַרפּ און, צוליעב איהם, אויך זיין שוועסטער, וועלכע איך ליעב שוין פון לאַנג, ווייל איך האָב גערעכענט, אַז צו זיין אַ דעטעקטיוו, אַ שפּיאָן איז אַ שאַנדע.

האָפמאַן האָט דערביי אַ קוק געטהאָן אויף יאָהאַנאַ לינד, וויא ער וואָלט ביי איהר געבעטען אום פערצייהונג, און האָט פאָרטגעזעצט:

— האָט מיר אָבער דערזעלבער ניק שאַרפּ געעפענט דיא אויגען און מיר אָנגעצייגט, אַז אויב איך טהו אַ נאָבעלע זאַך, אויסשפּיאָנירענדיג דיא גע־היימניסע פון פרעמדע רעגיערונגען, איז יעדער שפּיאָן וועלכען איך פער־אַכטע, פיעל נאָבעלער און מעהר העלד פון מיר, ווייל ער ריזיקירט מיט זיין אייגענעם לעבען און איך ריזיקיר ניט מיט קיין זאַך, ווייל ער געהט אויסשפּיאָ־נירען אַ שונא וויא אַ שונא און איך שמוגעל זיך אַריין כלומר'שט וויא אַ פריינד.

— דאָס האָט געעפענט מיינע אויגען — האָט ווייטער גערעדט האָפמאַן — הייסט עס, האָב איך געטראַכט, טהו איך אייגענטליך אַ זאַך, וואָס איז זעהר און זעהר ניט נאָבעל; שעצען מיין אַרבייט, דיא בעסטע און דיא נאָ־בעלסטע, קענען מענשען נור אַזוי לאַנג, וויא מיר געלינגט אַלעס, און מען איז גרייט מיך אויפצואָפּפערען ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט; אין מיין לעבענס־אַרבייט, אין מיין ערפינדונג בין איך ענטוישט. טאָ וואָס בלייבט מיר איבער? בלויז פערזענליך לעבען... איך האָב געקעמפּפט געגען מיין ליעבע אַזוי לאַנג וויא איך האָב אָנערקענט מיין פּפליכט. איך וויל מעהר ניט

האָבען קיין פּפליכטען אויסער צו זיך אליין. און דעריבער האָב איך בעשלאָסען איבערצורייסען מיט מיין גאַנצער פערגאַנגענהייט. איך וויל ווערען אַ פּשוט׳ער מענש און לעבען נור פאַר זיך און פאַר מיין געליעבטער. איך האָב אָוועקגעשיקט מיין רעזיגנאַציאָן צו מיין רעגיערונג; איך וויל מעהר ניט דיענען; און איך האָב מעהר ניט קיין אַמביציעס צו זיין אַן ערפינדער. איך וויל איבעררייסען אַלע מיינע אַלטע פערבינדונגען און פערברענען הינטער זיך אַלע בריקען, וויא מען זאָגט, איך זאָל שוין ניט קענען זיך אומקעהרען צוריק. איך וויל אָבמעקען אַלע סמנים פון מיין פערגאַנגענהייט.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט געוואָרפען אַן אונרוהיגען בליק אויף׳ן גאַנצען האַפען, וואו עס האָבען זיך געפונען פיעלע שיפען, און האָט ווידער געפרעגט:

— וויא שפּעט איז עס?

— איינס אַ זייגער — איז געקומען אַן ענטפער.

— וואָס קען זיין דיא אורזאַכע, וואָס זיי האָבען זיך פערשפּעטיגט?

— האָט געפרעגט בערנאַרד האָפמאַן זיין ברודער.

יענער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו ענטפערען, ווען דער גאַנצער האַפען איז מיט איין מאָל העל בעלויכטען געוואָרען. אַ גרויסער קנויל פייער האָט זיך בעוויזען און האָט מיט איין מאָל פערבלענדעט דיא אויגען.

— אַ שיף ברענט! — האָט איינער אויסגעשריען.

— אָבער זעהט, וויא זיא האָט זיך מיט איין מאָל אָנגעצונדען!

— זיא ברענט אין גאַנצען.

— דאָס איז שוידערליך!

— אין אַ פּאָר מינוטען וועט פון איהר קיין סימן ניט בלייבען!

— וואָס פאַר אַ שיף איז דאָס?

— אַלע איבריגע שיפען זיינען אין געפאַהר.

אַזעלכע און עהנליכע געשרייען האָבען זיך געהערט פון אַלע זייטען. בלויז האָפמאַן האָט גאָר ניט געזאָגט. ער איז געשטאַנען אויסגעצויגען אין זיין פולען וואוקס, בלאַס און ענטשלאָסען. זיינע אויגען האָבען געברענט מיט אַ פיבערישען פייער. ער האָט קיין אויג ניט אַרונטערגענומען פון דער ברענענדער שיף. נעבען איהם איז געשטאַנען יאָהאַנאַ לינד און האָט געקוקט אויף איהם מיט מורא און עהרפורכט. זיא האָט אַלעס פערשטאַנען און זיא האָט איצטער מיט דאָפּעלטער ליעבע געקוקט אויף האָפמאַן׳ען.

— מען דאַרף דער שיף קומען צו הילף! — האָט אויסגעשריען האַרלינגטאָן, קומענדיג צו זיך.

— איהר וועט איהר שוין ניט העלפען — האָט קאַלט בעמערקט האָפמאַן — און עס איז ניט נויטיג אויך.

— וואס מיינט איהר?

— איך מיין, אז איהר וועט מיין "בליץ" שוין ניט רעטען. איך האב איהם אנגעצונדען אזוי, אז קיינער זאל איהם ניט קענען ראטעווען.

— איז דאס אייער "בליץ"?

האפמאן האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ אויף יא. דאן האט ער זיך צוגעבויגען צו יאהאנא לינד, האט גענומען איהר האנד און האט פעסט געזאגט:

— אלע בריקען אויף צוריק־וועגס זיינען פערברענט. איצטער פאנגט זיך אן א נייער וועג, מיט דיר צוזאמען.

און ווענדענדיג זיך צו דיא איבריגע, האט ער צוגעגעבען:

— מיר פאהרען צוזאמען נאך אמעריקא.

יאהאן האפמאן איז צוגעקומען צו בערנארד'ען, האט איהם איינגעשלאסען אין זיינע ארעמס און האט געזאגט:

— דאס הארץ פון א האפמאן איז נור בעשאפען געווארען פאר ליעבע און נור אין ליעבע זאל ער זוכען גליק. זיי גליקליך, בערנארד!

— נו, און דוא? — האט בערנארד געפרעגט.

יאהאן האט א מאך געטהאן מיט דער האנד.

— איך האב ניט וואס צו פערברענען און בין שוין צו אלט אנצוהויבען פון דאס־ניי.

אין יאהאן'ס אויגען האבען זיך בעוויזען טרעהרען.

48טעם קאפיטעל.

דאס לעצטע געהיימניס

דיא ניו יארקער צייטונגען זיינען געווען פול מיט דיא נעמען פון דיא געוועזענע וועסטאלקעס און פון דיא טיטולירטע ספארטסלייט פון "אמאר", ווען עלען פעטערסאן, הארלינגטאן און דיא איבריגע זיינען אנגעקומען אין ניו יארקער האפען.

נאך פאר זייער אנקומען האבען זיך וועגען זיי ארומגעטראגען פערשיעדענע וואונדער־געשיכטען. מיט פערשיעדענע פאנטאסטישע איינצעלהייטען האבען דיא צייטונגען פאר וואכען לאנג דערצעהלט וועגען זייער רייזע אין עגיפטען און אינדיען, וועגען דעם, וויא זיי האבען בעפרייט א פאר צעהנדליג פרויען פון ווייסע־שקלאפען־הענדלער, וויא זיי זיינען אליין געווען אונטערוואָרפען צו פערשיעדענע געפאהכען און וויא זיי האבען גענומען אן אנטהייל אין דעם קאמפף געגען דיא הינדוסען ביי אן אויפשטאנד.

איין צייטונג האט געוואלט איבערשטייגען דיא צווייטע און יעדע קליי־נע פאסירונג האט מען צובלאזען אזוי, אז מען האט שוין ניט געקענט דערגעהן קיין טאלק, וואו עס ענדיגט זיך דער אמת און וואו עס הויבט זיך אן דיא פערפאסונג פון דיא רעפארטערס.

מען קען זיך דעריבער לייכט פארשטעלען, וואס עס האט זיך אבגעטהאן ביים ניו יארקער האפען, ווען די צייטונגען האבען געמעלדעט, אז די בעריהמטע וועסטאלקעס קומען אן אין ניו יארק. מען איז ממש געשטאנען אויף דיא קעפ, מען האט שטונדען לאנג געווארט, אבי צו זעהן דיא בעריהמטע העלדינען פון אזעלכע אונגעוועהנליכע פאסירונגען.

דיא נייגעריגקייט פון דעם עולם האט זיך נאך מעהר פערגרעסערט, ווען פונקט דעם פריהמארגען פאר זייער אנקומען זיינען דיא צייטונגען ארויס מיט א נייער געשיכטע, אז צוזאמען מיט דיא וועסטאלקעס פאהרען עטליכע בע־ריהמטע ענגלענדער ניט נור אלס פשוט'ע בעגלייטער, נאר גאר אלס חתנים און אז דיא ליעבעס זיינען געשלאסען געווארען אויף דער וואונדערבארער רייזע פון דיא וועסטאלקעס און ניט נור פשוט געשלאסען געווארען, נאר געבוי־רען געווארען א דאנק דעם, וואס דיא חתנים האבען ארויסגעצייגט גוואלדיגע העלדישקייט ראטעוועטדיג זייערע כלות פון שרעקליכע געפאהרען.

דאס אליין איז געווען גענוג אויפצורייצען דעם עולם'ס געשפאנטע ניי־געריגקייט ביז צו דער העכסטער שטופע.

דאס איז אבער נאך ניט געווען אלעס.

עס האט גראדע בעדארפט פאסירען אזוי, אז דעמזעלבען פריהמארגען זאל פלוצלונג ענטדעקט ווערען א שטיק געהיימנים, וואס האט געהאט צו טהאן מיט עלען פעטערסאן'ס פאטער.

וויא מיר ווייסען, איז דיא אורזאכע פון סעמיועל פעטערסאן'ס אדער דזשיימס מאנספיעלד'ס טויט געווען א געהיימניס אפילו פאר זיין פרוי און טאכטער. ביידע האבען זיי ניט געוואוסט בעשטימט, אויב ער האט זיך געשא־סען אדער איז דערשאסען געווארען, און ביידע זיינען געווען געניינט צו גלויבען, אז ער איז געטויטעט געווארען פון סטיווענס'ען.

דיעזער סוד האט ביז יעצט נאך פערביטערט דאס גליק פון עלען און איהר מוטער. דער טויט פון פעטערסאן'ען איז נאך ביז איצטער געשטאנען וויא א וואנד צווישען זייערע הערצער און האט זיי געשטערט צו ווערען איינע מיט דער צווייטער באמת נאהענט.

אמאליא פעטערסאן האט געוואוסט, אז עלען קען איהר צו יעדער צייט מאכען א פארוואורף, אז איהר געליעבטער און צווייטער מאן האט אבגערא‏מט איהר ערשטען מאן, און זיא האט ביי זיך טיעף אין הארצען געפיהלט, אז דער פארוואורף וועט זיין א בערעכטיגטער. זיא האט דעריבער ווען איין געקוקט

אויף זיך אליין וויא אויף א פערשולדיגטע און האט אימער פערדעכטיגט, אז דיא ליעבע, וואס עלען צייגט איהר ארויס, איז א געמאכטע.

עלען, פון איהר זייט, האט אין דיא צערטליכסטע מינוטען אין איהרע בעציהונגען צו איהר מוטער ניט געקענט פערגעסען, אז זיא קושט און צערטעלט א פרוי, וועלכע איז דירעקט אדער אינדירעקט געווען דיא אורזאכע פון איהר פאטער'ס טויט. ניט איין מאל, זיצענדיג נאהענט צו איהר מוטער, פלעגט זיך איהר פלוצלונג אויסדאכטען, אז צווישען זייביידע שטעלט זיך אוועק א שאטען און דיעזער שאטען צייגט אן מיט'ן פינגער אויף איהר מוטער און זאגט: זיא האט מיך ערמארדעט!

עלען האט דערפון שרעקליך געליטען און זיא האט ענדליך זיך ניט געקענט צוריקהאלטען און האט אלעס פערטרויט הארלינגטאן'ען.

— איך פיהל, אז דער שאטען פון מיין פריהצייטיג־אומגעקומענעם פאטער וועט מיך אייביג פערפאלגען — האט עלען געענדיגט — ער וועט מיך פערפאלגען אזוי לאנג, וויא איך וועל נור זיין נאהענט צו מיין מוטער.

— אבער, עלען — האט הארלינגטאן זיא געפרובט בערוהיגען — דוא האסט ניט דיא קלענסטע אורזאכע צו פערדעכטיגען דיין מוטער אין אזא שרעקליכער טהאט. דוא אליין ווייסט דאך צוגעבען, אז אויב עס איז אפילו אמת, אז סטיוועגס האט ערמארדעט דיין פאטער, האט דיין מוטער וועגען דעם קיין בעגריף ניט געהאט.

— יא, אין דעם בין איך זיכער — האט צוגעגעבען עלען.

— און דאן — האט פארטגעזעצט הארלינגטאן — איז דאך נאך ניט זיכער, אויב דיין פאטער איז ערמארדעט געווארען. האסטו בעוויזע, אז סטיוועגס האט איהם ערמארדעט?

— ניין — האט ווידער צוגעגעבען עלען — דאך קען איך זיך ניט בעפרייען פון דעם געדאנק, אז סטיוועגס האט איהם ערמארדעט און אז מיין מוטער איז דערביי געווען דיא אורזאכע דערפון, און דאס פערגיפטעט מיר מיין גליק.

אלע הארלינגטאן'ס רייד זיינען געווען ארויסגעווארפען און האבען אויף עלען קיין ווירקונג ניט געהאט. צו האפען, אז עלען וועט זיך אמאל קענען איבערצייגען, אז ניט סטיוועגס האט ערמארדעט איהר פאטער, איז ניט געווען דיא קלענסטע אורזאכע. אין אמת'ן, וויא אזוי וועט דאס קענען בעוויזען ווערען?

דאס איז אבער יא בעוויזען געווארען אין דעמזעלבען טאג, ווען עלען איז אנגעקומען קיין ניו יארק.

דיא וועסטאלקעס און דיא פאר ענגלענדער זיינען ערשטוינט געווארען ביי זייער אריינקומען אין ניו יארקער האפען, ווען זיי האבען בעמערקט דיא

גוואַלדיגע מחנות מענשען. זיי האָבען זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז דאָס האָט מען זיך פערזאַמעלט צוליעב זיי. אָבער די צייטונגס־רעפּאָרטערס, וואָס האָבען זיי בעגעגענט אויף דער שיף, האָבען זיי איבערצייגט, אַז זיי און ניט קיין אַנדערע, זיינען די אורזאַכע פון דער פערזאַמלונג.

— אויב אַזוי, געה איך ניט אַראָב פון דער שיף — האָט מיט קאָמישען שרעק בעמערקט טשאַרלס וויליאַמס — אַ מחנה ווילדע וואָס זוכען סענסאַ־ציאָנען, זיינען גרייט אפילו אונז צוצורייסען אויף שטיקלעך און האַלטען די שטיקלעך אַלס אַנדענקען.

די רעפּאָרטערס זיינען צוגעשטאַנען צו אַלעמען, און איבערהויפּט צו עלען, מיט פערשיעדענע פראַגען. זיי האָבען זיי דערצעהלט און זאָגאָר פאַר־געלעזען, וואָס די צייטונגען האָבען וועגען זיי ביז איצטער געשריבען און האָבען געפרעגט, אויב דאָס איז ריכטיג. די וועסטאַלקעס האָבען זיך וויא קינדער געפרעהט מיט זייער בעריהמטקייט און האָבען מיט צופריעדענהייט געענטפערט אויף אַלע פראַגען.

— און איצטער — האָט איינער פון די רעפּאָרטערס זיך אָבגערופען, ווען עלען האָט איהם שוין געענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגען — און איצטער וועל איך אייך דערצעהלען אַ נייעס טאַקע וועגען אייך אַליין, וואָס איהר אַליין האָט נאָך וועגען דעם קיין בעגריף ניט.

— דאָס איז אינטערעסאַנט — האָט אַ שמייכעל געטהאָן עלען — וואָס איז דאָס?

— דער מאַן, וואָס האָט אַמאָל ערמאָרדעט אייער פאָטער, איז ענדליך אריינגעפאַלען אין די הענד פון דער גערעכטיגקייט און האָט זיך אָפענהער־ציג מודה געוועזען אין אַלע פערברעכענס, וואָס ער איז בעגאַנגען פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָהר. אַלס איינעם פון די קרבנות האָט ער אָנגעגעבען אויף אייער פאָטער.

עלען האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן ביים האַרצען. די נייעס איז געוועזען פאַר איהר צו איבערראַשענד, און זיא האָט שיער ניט אַ געשריי געטהאָן — אַ געשריי געטהאָן פאַר פרייד, וויל מיט איין מאָל איז וויא אַ שווערער שטיין אַראָבגעפאַלען פון איהר האַרצען. דורך דיעזער נייעס איז איהר מוטער ריינ־געוואַשען געוואָרען אין איהרע אויגען און עלען האָט איצטער פאָלשטענדיג געקענט געניסען איהר גליק אין דער נאָהענטקייט פון איהר געליעבטען און פון איהר מוטער, וועלכע זיא האָט צוריק געפונען נאָך אַזוי פיעל יאָהרען פון פערפרעמדקייט.

— ווער איז ער, דער באַנדיט? — האָט זיא געפרעגט דעם רעפּאָרטער.

— אָה, דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע — האָט יענער געענטפערט — איך

קען איך אבער געבען א פאר ציטונגען, וועלכע איך האב ביי זיך און איהר וועט זיך פון זיי אלעס דערוויסען.

ער האט אין דיא ציטונגען אנגעצייכענט מיט א בלויען בליישטיפט דיא פלעצער, וואו עס האט זיך גערעדט וועגען פעטערסאן'ס מערדער, האט זיך געזעגענט מיט עלען און האט זיא פערלאזען. עלען האט זיך באלד גענומען שנעל דורכלויפען דיא אנגעצייכענטע פלעצער אין דיא ציטונגען.

און אט־וואס זיא האט זיך דערוואוסט:

דיא וועסט און זיד־וועסט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, דיא בעריהמטע "ווילדע וועסט" איז אימער געוועזן דער גינסטיגער פלאץ פאר מוטהיגע רויבער און מערדער. דאס לאנד איז געווען אונגעהייער גרויס און איז געווען ווייניג בעפעלקערט. דאס איז איינס. צווייטענס, איז דער שטראם פון דער אויסוואנדערונג אהין אין איניגע צייטען, וויא למשל, נאך דער ענטדעקונג פון גאלד אין קאליפארניען, געווען אזוי שטארק, אז דיא רעגיערונג האט פשוט קיין צייט ניט געהאט נאכצוקומען דיא פאדערונג צו שאפען זי־כערהייט, און דערווייל האט דער פערברעכער געהאט א פרייע האנד. דריטענס, האט אין דער ערשטער צייט קיינער פון דיא אנשטענדיגערע און פערמעגליכע־רע מענשען ניט געוואלט אויסוואנדערען נאך דער וועסט און אהין זיינען גע־קומען אדער מענשען וואס האבען ניט געהאט וואס צו פערלירען, אדער אנט־לאפענע פערברעכער, אדער מענשען וואס האבען בכלל ליעב געהאט א שטור־רעמדיג ווילד לעבען. אפילו דאן ווען עס האבען זיך גענומען בויען דיא איי־זענבאהנען וואס האבען פעראייניגט דיא אסט־טיילען מיט דער וועסט, האט דאס אויך דיא ערשטע צייט מעהר בייגעטראגען דערצו, אז דער פערברעכער עלעמענט זאל זיך דארט פערגרעסערען, ווייל געפאהרען אהין ארבייטען זיינען מעהרסטענטהייל אזעלכע וואס האבען אין זייער היים ניט געהאט וואס צו פערלירען.

און אט אויף אזא אופן האט עס פאסירט, אז אין א שטעדטעל פון דער וועסט אדער זיד־וועסט איז ניט פאריבער קיין טאג, מען זאל אימיצען ניט דערשיסען. אין פיעלע שטעדטלעך פלעגען פארקומען אמת'ע שלאכטען מיט צעהנדליגע קרבנות. איין אויסוואורף וואס האט אלעס געוואגט און ביי ווע־מען א מענשליך לעבען האט קיין ווערטה ניט געהאט, האט געהאלטען דאס גאנצע שטעדטעל אין איין שרעק ביז עס האט זיך ניט געפונען נאך א גרע־סערער באנדיט, וואס האט דעם ערשטען ערמארדעט און איז אליין אויף יע־נעמס פלאץ געווארען דער הערשער.

דאס שעהנסטע דערביי איז אבער פאלגענדעס: אז בעשיצען דאס לעבען און דאס פערמעגען פון דיא פרידליכע איינוואהנער פלעגען טאקע דיעזעלבע "דעספעראדאס", פערברעכער און אויסוואורפען. עס איז אמת, אז דיא מעהרסטע

ערשטע איינוואָהנער פון דער נאָרד־אַמעריקאַנישער וועסט און זיד־וועסט זיינען ניט געווען קיין שרעקעדיגע קינדער און האָבען געקענט מיט וואפען אין דיא הענד פערטהיידיגען זייער האָב און גוטס און זייער לעבען. אין אַ לאַנד, וואו דאָס געזעץ קען דעם מענשען ניט בעשיצען, לערענט ער זיך נויט־וועגדיגערווייזע אוים זיך אליין צו בעשיצען. דאָך איז דער עולם געווען הילפ־לאָז געגען דיא פּראָפעסיאָנעלע פערברעכער און, אום צו מאַכען דעם קאַמפּף געגען זיי ערפאָלגרייך, פלעגט מען מאַכען פאַר שעריפס אַנדערע "דעספּעראַ־דאָס", אַנדערע אויסוואורפען, ווייל בלויז זיי האָבען געקענט ערפאָלגרייך קעמפּפען געגען זייער־גלייכען.

וועגען דיא רעוואָלווער־העלדען און מעסער־קעניגע אין דער וועסט האָט מען געגומען הערען פערהעלטניסמעסיג ערשט ניט לאַנג צוריק. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז ערשט דעמאָלט זיינען זיי דאָרט ערשיענען. זיי זיינען דאָרט אימער געווען און אין דיא פריהעריגע יאָהרען זיינען זיי געווען פיעל געפעהר־ליכער. ניט מעהר, פריהער האָט מען פון זיי ניט געהערט, ווייל דיא איבריגע טיילען פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען האָבען זיך ווענינ אינטערעסירט מיט דער וועסט און ידיעות פלעגען פון דאָרטען זעלטען דערגרייכען אין אַנדערע טהיילען פון לאַנד. ערשט ווען דיא וועסט איז פערבונדען געוואָרען מיט דער איסט דורך אַן אייזענבאַהן און עס האָבען אין דער וועסט גענומען ערשיינען צייטונגען, האָט מען זיך דערוואוסט וועגען דיא מעשים טובים פון דיא רע־וואָלווער־העלדען.

דיא פעריאָדע פון מאָרד־העלדען הויבט זיך אָן אין קאַליפאָרניע אין יאָהר 1849, נאָכדעם וויא דאָרט איז ענטדעקט געוואָרען גאָלד און שטראָמען מענ־שען פון אַלע טהיילען פון אַמעריקאַ האָבען פערפלייצט דיא גאָלד־געגענד.

מענשען זיינען מיט איין מאָל רייך געוואָרען און מענשען זיינען געשטאָר־בען פאַר הונגער, צוזעהענדיג וויא אַנדערע ווערען רייך; מענשען זיינען גע־ווען צוזוואָרפען איבער וויסטענישען און מאָרדען און רויבערייען האָבען גע־קענט בעגאַנגען ווערען אונבעשטראָפט. דיא געזעצליכע מאַכט האָט ניט אי־בעראַל געקענט דערגרייכען און דאָרט וואו זיא האָט יא דערגרייכט, איז זיא אַמאָל געווען צו שוואַך און אַמאָל איז זיא געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט דיא פערברעכער. אין קאָן זיינען געשטאַנען גאַנצע גאָלד־גרובענס און מענשען האָבען פערלאָרען זייער מענשליכקייט.

דיא געשיכטע פון קאַליפאָרניע האָט דעריבער צו פערצייכענען אַן אונ־ענדליכע רייהע פון אָרגאַניזירטע און ניט־אָרגאַניזירטע, איינצעלנע און מאַ־סען־מאָרדען. גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנען פון פערברעכער האָבען עקזיסטירט און געגען־אָרגאַניזאַציאָנען האָבען זיך געגרינדעט. דאָס שעהנסטע דערביי איז געווען, אַז עס פלעגען אין איין צייט עקזיסטירען עטליכע אָרגאַניזאַציאָנען,

וועלכע האבען כלומר'שט געהאט דעם צוועק איינצופיהרען ארדנונג און גע־זעצליכקייט און האבען בעטראכט איינע דיא צווייטע פאר מערדער, רויבער און אויסוואורפען.

פון דיא אלע ארגאניזאציאנען, וואס האבען זיך אונטערגענומען איינצו־פיהרען ארדנונג דורך ביקסען, מעסערס, תליות און לינטשערייען, זיינען אם מעהרסטענס בעריהמט דיא "ווידזשילענטס". דריי מאל האבען זיי זיך ארגא־ניזירט און דריי מאל האבען זיי מאנאטען לאנג געמארדעט, געהאנגען, געשא־סען און געקוילעט.

דער בעריהמטעסטער באנדיטען־אנפיהרער אין דיא קאליפארניער גאלד־בערג איז געווען א געוויסער פלאמער, וועלכער איז אליין געווען א קאונטי־שעריף (א בעצירקס־פאליציי־בעאמטער). אין יענע צייטען איז עס אין קאלי־פארניע ניט געווען קיין נייעס, אז איין און דערזעלבער מענש איז געווען אי א שומר פון געזעץ אי א בעקאנטער פערברעכער. פלאמער איז געווען אזעל־כער. זיין באנדע, וועלכע, וויא מען דענקט, איז בעשטאנען פון א פינף הונ־דערט מענשען, זיינען געווען פערשפרייט איבער דיא גאלד־געגענדען און דיא געוואגטעסטע רויבערייען און מארדען זיינען בעגאנגען געווארען.

פון דיא וויכטיגסטע, כלומר'שט פאטריאטישע און געזעצליכע און אין אמת'ען פערברעכערישע ארגאניזאציאנען, וואס האבען דאן עקזיסטירט אין קאליפארניע, איז כדאי צו דערמאהנען איינע, וועלכע האט געהאט דיא אויפ־גאבע צו פערטריבען פון קאליפארניע אלע אויסלענדער. דיא באנדע האט אויס־געקוילעט פיעלע איינוואנדערער פון טשילי און מעקסיקא. אינטערעסאנט איז אבער דערביי, אז דיא מעהרסטע קרבנות פון דיא "ווידזשילענטס" זיינען אויך געווען אויסלענדער, הויפטזעכליך מעקסיקאנער.

איינער פון דיא מעקווירדיגסטע איינצעל־מערדער, דאס הייסט, מערדער, וועלכע האבען ניט געפיהרט קיין באנדעס, איז אין יענער צייט אין קאלי־פארניע געווען א געוויסער העלם. ער האט אויף זיין לעבען ערמארדעט פיעלע צעהנדליגע און פיליכט הונדערטע מענשען. ער פלעגט מארדען קאלטבלוטיג און אפען. זיינע קרבנות זיינען געווען פול אין קאליפארניען, אין קענטאקי, איידעהא און אין יוטאה. מעהרסטענטהייל אבער איז ער בעגאנגען זיינע מער־דערייען אין קאליפארניע.

ער איז אבער געווען ניט נאר א מערדער און רויבער, נאר אויך א מענ־שען־פרעסער און ער האט זיך דערמיט בעריהמט. איין מאל, אויף א ווינטער־רייזע דורך דיא בערג האט ער אויפגעפרעסען זיין מיטרייזענדען. אפילו זיין אויסזעהן איז געווען גיכער וויא פון א ווילדער חיה איידער וויא פון א מענשען.

ער איז געהאנגען געווארען פון דיא "ווידזשילענטס".

נאך איינער פון דיא באנדיטען, וועלכע זיינען אין יענער צייט געווען

בעריהמט איבער גאנץ אמעריקא און וועגען וועלכע דיא ציטונגען האָבען דער־צעהלט דיא שוידערליכסטע געשיכטען, איז געווען א געוויסער סלייד. ער איז פריהער געווען אן אָנטרייבער פון א "סטיידזש־קאָוטש" (א מין דיליזשאַנס). אין אָנהויב איז ער געווען א שונא פון דיא פּראָפעסיאָנעלע מערדער און רויבער און ניט איין רויבער איז פון איהם דערשאָסען און געהאנגען געוואָרען. בלויז זיין נאָמען האָט אָנגעוואָרפען א שרעק אויף דיא געוואָגטעסטע מערדער.

זיין בעריהמטקייט האָט איהם פערדרעהט דעם קאָפּ און ער האָט ביסלעכ־וויז געגומען אָנוואָרפען א שרעק אויך אויף דיא פריעדליכע איינוואָהנער. ער פלעגט אַרומשפּאַציערען מיט א רעוואָלווער אין די הענד איבער דיא שטעדטלעך און זיך ערלויבען יעדען צו בעליידיגען.

וועגען דיעזען סלייד'ען ווערט דערצעהלט פאָלגענדע געשיכטע: ווען ער איז נאָך געווען א שונא פון דיא באנדיטען און איז נאָך אליין ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער באנדיט, האָט א בעריהמטער באנדיט אריינגעיאָגט אין איהם 26 קוילען און האָט איהם געלאָזט א גוסס'דען אין מיטען פעלד. ער האָט איהם געלאָזט לאנגזאם שטארבען, כדי ער זאָל זיך מעהר מאטערען; אז סלייד וועט מעהר ניט לעבען, אין דעם איז דער מערדער געווען זיכער.

א גוסס'ער האָט סלייד ערקלערט זיין מערדער, אז ער וועט נאָך אמאָל איהם אָבשניידען דיא אויערען און וועט זיי טראָגען אַלס ציערונג אויף זיין זייגער־קייטעל. דער באנדיט האָט זיך פון דעם סטראשונאָק אויסגעלאכט, אָבער סלייד האָט געהאַלטען וואָרט. ער איז פון זיינע 26 וואונדען געזונד געוואָ־רען און אין א צייט אַרום האָט ער זיין סטראשונאָק אויסגעפיהרט און האָט דעם באנדיט'ס אָבגעשניטענע אויערען אימער אַרומגעטראָגען מיט זיך.

דיעזער סלייד האָט פאַר פיעלע יאָהרען אונבעשטראָפט געמאָרדעט און גערויבט אין קאַליפאָרניע און ווען דיעזע בעשעפטיגונג איז מיט דער איינ־פיהרונג פון מעהר געזעצליכקייט געוואָרען אביסעל צו געפעהרליך, איז ער פערשוואונדען איבער דער גרענעץ פון מעקסיקאָ, וואו ער האָט ווידער געהאַט א פרייע האנד ווייטער אָנצוגעהן מיט זיינע פערברעכענס.

עס איז פאַר איהם אָבער אויך דאָרט געוואָרען געפעהרליך צו בלייבען און ער איז צוריק געקומען נאָך דיא פעראייניגטע שטאאטען, וואו ער איז גאָר אין קורצען אריינגעפאַלען פאַר א נייעם מאָרד. ביי דיא געריכטס־פערהאנדלונ־גען האָט ער זיך אין אַלעם מודה געווען און צווישען זיינע פיעלע צעהנדליגע קרבנות האָט ער אריינגערעכענט אויך עלען'ס פאָטער, וועלכען ער האָט גע־טויטעט דערפאַר, וואָס יענער האָט איהם פערבאָטען צוצוקומען נאָהענט צו דיא גאָלד־גרובענס, וועלכע האָבען בעלאנגט צו פעטערסאָן'ען.

עלען האָט געלייענט דיעזע נייעס און איהר הארץ האָט געטאנצט פאַר פרייד.

— מאמע! — האט זיא א רוף געטהאן דיא מוטער, און ווען יענע איז צוגעקומען, האט זיא איהר אהן ווערטער דערלאנגט דיא צייטונגען און האט איהר מיט דיא פינגער אנגעציינט אויף דיא געצייכענטע פלעצער.

מרס. פעטערסאן האט אהן חשק גענומען דיא צייטונגען. אזוי שנעל אבער וויא זיא האט נור איבערגעלייענט דיא ערשטע פאר שורות, האט זיא, פונקט וויא עלען פריהער, מיט א קלאפענדען הארצען שנעל גענומען שלינגען איין שורה נאך דער צווייטער ביז זיא האט אלעס איבערגעלייענט.

זיא האט אוועקגעלעגט דיא צייטונגען און דאן האבען מוטער און טאכ־טער זיך א קוק געטהאן אין דיא אויגען און פארביידען איז מיט איין מאל קלאר געווארען, אז דיא לעצטע וואנד, וואס האט זיי צושיידט, איז געפאלען און אז ערשט איצטער וועט זייער ליעבע זיין אן אויפריכטיגע און ניט גע־שטערט פון קיין זאך. וויא פון זיך האט עס פאסירט, אז מוטער און טאכטער האבען זיך פעסט איינגעשלאסען אין דיא ארעמס און זיינען אזוי געבליבען וויא פער'חלש'טע א גאנץ היבשע צייט.

אין דיעזער לאגע האט זיי געטראפען לארד הארלינגטאן, ווען ער האט זיך צו זיי געאיילט מיט דערזעלבער נייעס, וועלכע האט פעראייניגטביידע פרויען און וועלכע ער האט זיך אויך דערוואוסט פון אן אנדער רעפארטער. ער האט א קוק געטהאן אויף דיא פרויען, דאן אויף דיא געצייכענטע צייטונגען, וואס האבען זיך געוואלגערט נעבען זיי און ער האט אלעס פערשטאנען.

טיעף גערירט איז ער שטיל געשטאנען און האט ניט געוואגט איבערצור־רייסען דיעזע סצענע פון ליעבע. ערשט, ווען דיא פרויען האבען איהם אליין בעמערקט, האט ער געזאגט:

— און איצטער, עלען, וועט שוין קיין זאך ניט שטערען אונזער אלעמענס גליק.

— ניין! — האט מיט שטראהלענדע אויגען געזאגט עלען — אבער פריה־ער מוזען מיר ערפילען אונזער פפליכט צו מיין אונגליקליכען פאטער.

— וואס מיינסטו? — האט געפרעגט הארלינגטאן.

— איך מיין, אז דאס ערשטע וואס מיר האבען איצטער צו טהאן איז צו פאהרען גלייך נאך קאליפארניע און געהן אויף מיין פאטער'ס קבר. דוא וועסט ביי איהם בעטען מחילה פאר דיא זינד, וואס דיין משפחה האט בעגאנגען גע־גען איהם, און איך מיט מיין מוטער וועלען... נו, וועלען זיך אויסוויינען אויף זיין קבר און איהם לאזען וויסען וועגען אונזער גליק, וועלכעס ער האט, ליידער ניט דערלעבט צו זעהן.

מיט הורראה־געשרייען האט דער גרויסער עולם ביים האפען בעגעגענט און בעגלייט אונזערע העלדען און העלדינען, ווען זיי זיינען ארונטער פון דער שיף און האבען זיך געלאזט אוועקפאהרען פון דעם האפען.

עלען, איהר מוטער און האַרלינגטאָן זיינען געפאָהרען צוזאַמען מיט דער פאַמיליע, מיט וועלכער עלען האָט געלעבט צוזאַמען זינט זיא האָט פערלאָזען איהר היים. זיי זיינען אַרויסגעקומען זיא צו בעגעגענען און זיי זיינען בעשטאַנען דאַרויף, אַז עלען, איהר חתן און איהר מוטער זאָלען זיין ביי זיי דיא צייט, וואָס זיי וועלען פערברייננגען אין ניו יאָרק.

טשאַרלס וויליאַמס איז געפאָהרען צוזאַמען מיט מיסס טהאָמפּסאָן און מיט איהרע עלטערען און פאַר דיא עטליכע מינוטען פון זייער בעקאַנטשאַפט האָט ער שוין צייט געהאַט שטאַרק אויסצונעהמען ביי זיי און ווערען מיט זיי אַזוי היימיש, אַז זיי האָט זיך געדוכט, אַז זיי קענען איהם שוין פון יאָהרען און יאָהרען. מיסס טהאָמפּסאָנ'ס עלטערען האָבען זיך באַלד אָנגעשטויסען, אַז דאָ שמעקט מיט אַ שדוך, און טשאַרלס וויליאַמס האָט נאָך זייער האַלטונג דערקענט, אַז דער שדוך געפעהלט זיי.

בלויז לאָרד הייסטינגס איז געוועזען אויף צרות און דיא לעבעדיגע דזשעסי מוריי האָט איהם געמוזט צו אַלעס צוטרייבען און איהם פיהרען וויא אַ בער אויף דער קייט. זיא האָט איהם אריינגענומען אין איהר אויטאָמאָביל און דיא גאַנצע צייט האָט זיא געהאַלטען אין איין אויפמונטערען איהם, אָבער וואָס מעהר זיא האָט איהם געמונטערט, אַלץ אין אַ גרעסערער פערלעגענהייט האָט זיא איהם געבראַכט. עפּעס האָט ער זיך געפיהלט אומגעלומפּערט גרויס, צו אַלט און צו טויט אין פערגלייך מיט דיעזען קינד, און איהם האָט זיך געדוכט, אַז ווען ער וועט ערקלערען פאַר דזשעסי'ס אייגענע, אַז ער ליעבט זיא, וועלען זיי זיך פון איהם אויסלאַכען. ער האָט געוואוסט אַז דזשעסי ליעבט איהם, און עפּעס האָט דאָס זיך איהם דאָך ניט געלייגט אויפ'ן שכל.

עלען, איהר מוטער און האַרלינגטאָן זיינען געבליעבען אין ניו יאָרק בלויז אַ פּאָר טעג, דאַן זיינען ביידע פּרויען אָבגעפאָהרען נאָך קאַליפאָרניע און האַרלינגטאָן איז נאָך אַ געהיימען געשפּרעך מיט עלען אָבגעפאָהרען נאָך אייראָפּאָ. אין וואָס דיעזער געשפּרעך איז בעשטאַנען האָט קיינער ניט געוואוסט, אפילו ניט מרס. פּעטערסאָן, כאָטש זיא האָט וועגען דעם אַ פּאָר מאָל געפרעגט.

אין אָנפאַנג איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז עלען און האַרלינגטאָן זאָלען צוזאַמען פאָהרען נאָך קאַליפאָרניע, און דאַן זיך אומקעהרען נאָך ניו יאָרק, וואו זיי וועלען הייראַטהען פאַר זייער אָפּפאָהרען נאָך ענגלאַנד. דיעזער בעשלוס איז פּלוצלונג געענדערט געוואָרען.

עלען און איהר מוטער זיינען אָבגעוועזען אין קאַליפאָרניע אַ פּאָר מאָנאַטען. פאַר דיעזער צייט האָט דער פערוואַלטער פון מרס. פּעטערסאָנ'ס פערמעגען אָנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטען, וואָס שנעלער אַלעס אויסצופערקויפען און פערוואַנדלען אַלעס אין מזומן געלד. דאָס איז איהם אין גיכען געלונגען. דער קאַפּיטאַל וואָס האָט בעלאַנגט צו עלען און איהר מוטער האָט בעטראָפען

א פאר מיליאן דאלאר. דער קאפיטאל וואלט געווען געקענט זיין נאך גרעסער, ווען עלען און איהר מוטער וואלטען געווען איינגעשטימט צו ירש'ענען סטי־ווענס'ען, זיי האבען אבער ניט צוזאמענגערעדטערהייד זיך ענטזאגט פון סטי־ווענס'עס ירושה און האבען זיין גרויסען קאפיטאל אוועקגעשענקט פאר פער־שיעדענע צדקה־אנשטאלטען. עלען האט פאר קיין פאל ניט געוואלט געניסען פון דעם פערמעגען פון יענעם שענדליכען מאן, וואס האט פעראונגליקט איהר פאטער, איהר מוטער און זיא. און מרס. פעטערסאן האט סטיווענס'עס ירושה ניט געוואלט נעהמען, ווייל זיא האט ניט געוואלט אנווערען דעם חן אין עלען'ס אויגען.

ווען אלעס איז שוין געווען אויספערקויפט און מרס. און מיסס פעטערסאן האבען זיך שוין געקליעבען צו פערלאזען קאליפארניע, האט עלען אין א שעה־נעם פריהמארגען געזאגט צו איהר מוטער:

— איצטער בלייבט אונז נור צו בעזארגען נאך איין זאך.

— וואס איז דאס? — האט דיא מוטער געפרעגט, בעמערקענדיג עלען'ס פערלעגענהייט.

— שטויסט דוא זיך ניט אן? — האט עלען געפרעגט.

— ניין.

— איך וויל מיטנעהמען מיט זיך דעם קערפער פון מיין פאטער — האט עלען שטיל געזאגט, פונקט וויא זיא וואלט געווען אין עפעס שולדיג.

— ווילסטו פיהרען דעם קערפער נאך לאנדאן, אום איהם צו בעגראבען צווישען דיא פאמיליען־קברים פון דיא מאנספיעלדס? — האט מרס. פעטערסאן געפרעגט.

— איך וויים נאך ניט — האט עלען געזאגט, רויט ווערענדיג — יעדענ־פאלס וויל איך איהם נאהענט נעבען זיך. דיך וועל איך האבען דאס גליק צו האבען נעבען זיך א לעבעדיגע און פון איהם וויל איך כאטש האבען דעם קבר.

מרס. פעטערסאן האט פערשטאנען אז עלען זאגט איהר ניט אויס דעם גאנצען אמת, נאכפרעגען זיך אבער צו שטארק האט זיא ניט געוואלט. אז עלען פלאנעוועט עפעס איבערראשענדעס, האט זיא פערשטאנען נאך פון האר־לינגטאן'ס פלעצליכען אבפאהרען. דער איצטיגער געשפרעך מיט עלען האט נאך מעהר פערשטארקט איהר פערדאכט. זיא האט זיך אנגעשטויסען אז עלען פלאנעוועט עטוואס וואס וועט איהר זיין ניט אנגענעהם; א סימן האט זיא געהאט דאס, וואס עלען בעהאלט עפעס פון איהר און דאס וואס זיא האט זיך געפיהלט וויא א שולדיגע ביי איהר געשפרעך וועגען איבערפיהרען פעטערסאן'ס קערפער. דאך האט זיא בעשלאסען צו שווייגען און געדולדיג צו ווארטען, וואס עס וועט ווייטער זיין.

מיט אן עקסטרא באהן־צוג האט מען פעטערסאן'ס קערפער געבראכט פון קאליפארניע נאך ניו יארק און פון ניו יארק האט מען איהם מיט אן עקסטרא־שיף אבגעשיקט נאך לאנדאן. מען האט זיך אבער ניט געריהרט פון ארט, ביז עס איז אין א געוויסען טאג אנגעקומען א בריעף פון הארלינגטאן'ען. דיעזען בריעף האט עלען אין גאנצען פערשוויגען פאר איהר מוטער. אויך דיא פריהעריגע בריעף פון הארלינגטאן'ען האט עלען קיין מאל ניט געגעבען לעזען איהר מוטער, נאר זיא האט איהר פון זיי פארגעלעזען טהיילווייז.

דאס אלעס האט אלץ שווערער און שווערער געמאכט מרס. פעטערסאן'ס הארץ. זיא האט שוין זאגאר אנגעהויבען צו טראכטען וועגען דעם, אז זיא זאל ניט מיטפאהרען מיט עלען, נאר זאל בלייבען אין אמעריקא. זיא האט אבער קיין מוטה ניט געהאט דאס צו טהאן און מיט א געבראכענעם געמיטה איז זיא מיט־געפאהרען מיט עלען נאך לאנדאן.

49טעם קאפיטעל.

טויטע און לעבעדיגע פעראייניגט

זייט א פאר וואכען האבען דיא איינוואהנער פון דער טאטבאר־גאס אין פאריז בעמערקט, אז אין זייער געגענד האבען זיך בעוויעזען א פאר ענגלענדער, אדער אמעריקאנער, וועלכע האבען זיך אין אנפאנג גלאט ארומגעדרעהט אין דער געגענד און נאכדעם האט זיך אין א געוויסען הויז בעזעצט א מיטעל־יעהריג פאר פאלק.

דיעזעס פאר פאלק האט צוגעצויגען צו זיך דיא אלגעמיינע אויפמערקזאמ־קייט, אבער וויא פיעל דיא שכנים און איבערהויפט דיא שכנות האבען זיך ניט געבראכען דיא קעפ, האבען זיי אלץ ניט געקענט אויסגעפינען דאס געהיימניס פון דיא ענגלענדער אדער אמעריקאנער. גאר אנשטענדיגע בעל־הבית'טעס האבען זיך ניט געשעהמט זיך צו בעפריינדען מיט דער פראנצויזישער דיענסט, וואס איז געוועזען אנגעשטעלט ביי דיא אויסלענדער, אבער אלעס וואס זיי איז געלונגען פון איהר זיך צו דערוויסען איז, אז דער נאמען פון איהרע בעלי־הבתים איז מר. און מרס. האפמאן און אז זיי זיינען אמעריקאנער.

ווייטער האבען דיא נייגעריגע פראנצויזקעס זיך דערוואוסט, אז דער מר. און מרס. האפמאן לעבען רוהיג און אבגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט און אז פאר דער גאנצער צייט, וואס זיי וואהנען אין פאריז, האבען זיי בלויז צוויי מאל געהאט בעזוכער : איין מאל איז ביי זיי געוועזען אויף א קורצען בעזוך דיא טאכטער פון דעם עלטערען פאר פאלק מיט איהר מאן און דאס צווייטע מאל מר. האפמאן'ס ברודער מיט זיין פרוי.

דיא דיענסט, פון וועלכער דיא שכנים האבען געשעפפט זייערע ידיעות וועגען דעם געהיימניספאלען פאר פאלק, האט דערצעהלט מאדנע געשיכטעס וועגען איהרע בעלי הבתים און וועגען זייער זאנדערבארען ארט לעבען, אבער עס איז קלאהר געווען, אז זיי זיינען אויף פאר איהר א געהיימניס און אז זיא ווייסט אויך זעהר ווייניג וועגען זיי.

אונזערע לעזער שטויסען זיך שוין מסתמא אן, אז דיא אמעריקאנער וואס האבען זיך בעזעצט אין פאריז אין דער גאס טאטבאו זיינען ניט קיין אנדערע וויא יאהאן האפמאן און דיא געוועזענע מרס. פעטערסאן, עלען'ס מוטער.

אבער וויא קומען זיי אהער ?

דאס האט פאסירט אויף א זאנדערבארען אופן.

קלייבענדיג זיך צו פאהרען נאך קאליפארניע, האט עלען פעטערסאן זיך אלץ געבראכען דעם קאפ וואו זיא זאל מאכען איהר היים נאכדעם וויא זיא וועט הייראטהען מיט לארד הארלינגטאן. זיא האט זעהר געוואלט זיך בעזעצען אין אמעריקא און הויפטזעכליך אין קאליפארניע, וואו זיא האט פערבראכט איהרע בעסטע יאהרען. זי האט אויך געוואלט איינריידען הארלינגטאן'ען, אז ער זאל דא בלייבען. נאכדעם וויא זיא האט זיך דערוואוסט דיא טרויעריגע געשיכטע פון איהר פאטער, האט זיא געפיהלט שרעק און עקעל צו אלע טיטולען און צו אלע אריסטאקראטען און זיא האט לחלוטין קיין חשק ניט געהאט אריינצוטרעטען אין הארלינגטאן'ס און אין איהר פאטער'ס אריסטאקראטישער פאמיליע.

עלען האט געוואוסט, אז הארלינגטאן איז אויך ניט שטארק בעגייסטערט פאר אריסטאקראטישע טיטולען בכלל און פאר זיין אייגענער אריסטאקראטישער פאמיליע בפרט. עלען האט איהם דעריבער געגומען איינריידען, אז ער זאל אויפגעבען זיין טיטול לארד, זיך בעזעצען אין אמעריקא און ווערען א פשוט'ער בירגער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, פון דיעזער גרויסער, שטאלצער אמעריקאנער רעפובליק.

— איך ליעב און אכטע דיא גרויסע פרייע רעפובליק, וואס איז געווארען דיין פאטערלאנד — האט הארלינגטאן געזאגט — איך ליעב אבער נאך מעהר מיין אייגען לאנד וואס איז ניט ווענינער פריי און גרויס. דאס וואס עטליכע פאמיליען זיינען געבליבען ביי זייער אלטען נארישען אריסטאקראטיזם בעווייזט נאך ניט, אז ענגלאנד איז ווענינער פריי און דעמאקראטיש וויא אמעריקא. אויב דיר וועט זיין ניט אנגענעהם אין דער געזעלשאפט פון מיינע קרובים, וועלכע זיינען אייגענטליך אויך דיינע קרובים פון דיין פאטער'ס צד, וועסטו קענען זיי אויסמיידען פונקט וויא דוא וואלסט געווען אין אמעריקא.

עלען איז געווען ניט אנגענעהם דער געדאנק צו פאהרען נאך ענגלאנד און זיך דארט בעזעצען. זיא האט אבער פערשטאנען, אז פון הארלינגטאן'ס זייט וועט

עס זיין א צו גרויסען אפפער זיך אבצוזאגען פון זיין פאטערלאנד, און זיא האט אויף זיינע לעצטע רייד גאר ניט געענטפערט. הארלינגטאן האט בעגריפען איהרע געפיהלען און ער האט נאך צוגעגעבען:

— עלען, איך פערשטעה דיינע געפיהלען און איך וואלט אפשר בעדארפט נאכגעבען דיין פערלאנג. געה אבער אריין אין מיין לאגע. דוא האסט אין אמע־ריקא קיין אנטהייל ניט גענומען אין דעם פאליטישען לעבען פון דעם לאנד און איך שפיעל אין ענגלאנד א בעדייטענדע ראלע אין דער פאליטיק. איך דענק, אז איך בין אויף מיין שטייגער ניצליך מיין לאנד. דערצו בין איך שוין צו אלט, איך זאל זיך קענען איינלעבען אין אמעריקא. איך וועל דארט אימער בלייבען א פרעמדער.

עלען איז געווען געצוואונגען נאכצוגעבען.

— יא — האט זיא געזאגט — דוא האסט רעכט... איך קען אבער דא ניט איבערלאזען דעם הייליגען קבר פון מיין פאטער.

הארלינגטאן איז געריהרט געווארען פון דער הארציגקייט, מיט וועלכער דיעזע ווערטער זיינען אויסגעשפראכען געווארען. ער האט זיך אויף א ווײלע פערטראכט. פלוצלונג האט א געדאנק א בליץ געטהאן אין זיין מוח.

— צו וואס זאלען מיר דא איבערלאזען דיעזען הייליגען פאר אונזביידען קבר? — האט ער געזאגט — מיר קענען איהם מיטנעהמען מיט זיך.

— וואס מיינסטו? — האט זיך עלען א צאפעל געטהאן.

— גאנץ פשוט: איך מיין, אז מיר זאלען דיין פאטער׳ס קערפער מיט־נעהמען נאך ענגלאנד און איהם בעערדיגען צווישען די קברים פון אונזער פאמיליע.

דיעזער געדאנק האט וויא מיט א האמער א קלאפ געטהאן אין עלען׳ס מוח. אין אנהויב האט זיא זיך שטארק דערפרעהט דערמיט. יא, זיא וועט מיט־נעהמען דיא ביינער פון איהר פאטער מיט זיך און זיא וועט אין איהר נייעם פאטערלאנד זיין נאהענט צו איהר פאטער. באלד אבער האט זיא זיך דערמאנט, אז איהר פאטער׳ס לעבען איז צובראכען געווארען פון דיעזעלבע מענשען, נעבען וועלכע זיא וויל איהם איצטער בעערדיגען.

— ניין! — האט זיא ענטשלאסען געזאגט — סעמיועל פעטערסאן וועט זיך קיין מאל ניט אומקעהרען אלס דזשיימס מאנספיעלד צו דיא יעניגע, וועלכע האבען איהם געצוואונגען אוועקצוווארפען זיין אריסטאקראטישען נאמען. ער האט זיך צו זיי ניט געוואלט אומקעהרען ביים לעבען און איך וויל איהם צו זיי ניט ברייננגען נאך זיין טויט.

עלען׳ס אויגען האבען דערביי געברענט מיט האס און צארן און הארלינגטאן האט פערצווייפעלט ארונטערגעלאזט דעם קאפ.

— טא וואס זאלען מיר דאך טהאן? — האט ער שטיל געפרעגט.

— איך האָב א פּלאַן — האָט עלען געזאָגט — איך וועל טאָקע מיטנעהמען מיט זיך דיאביינער פון מיין פאָטער, אָבער בעערדיגען וועל איך זיי ניט צו־זאמען מיט זיינע אריסטאָקראַטישע ענגלישע קרובים, נאָר צוזאמען מיט דער־יעניגער, צוליעב וועלכער ער האָט געליטען און וועלכע איז געפאַלען אַלס קרבן פון ליעבע צו איהם.

— דוא מיינסט: מיט אסתר'ן? — האָט ערשטוינט געפרעגט האַרלינג־טאָן.

— יא. און ווארום דען ניט? מיר וועלען אויפזוכען אסתר'ס קבר אין פּאַריז און אהין וועלען מיר אויך ברייגנען מיין פאָטער. דוא וועסט באַלד אָבפאָהרען נאָך איירָאָפּא, וועסט אויסגעפינען אסתר'ס קבר און ווען אַלעס וועט זיין גרייט, וועל איך קומען מיט מיין פאָטער'ס קערפּער.

דערביי איז עס געבליבען. איין אָבהאַלט איז נור געווען: וויא וועט דאַרויף קוקען עלען'ס מוטער? עס איז געווען זיכער, אַז זיא וועט זיך פון עלען'ס פּלאַן פיהלען טיעף בעליידיגט. דערמיט וואָס פּעטערסאָן וועט בעערדיגט ווערען צו־זאמען מיט אסתר'ען, וועט בעשטעטיגט ווערען, אַז זיא, מיסיס פּעטערסאָן, האָט קיין שום רעכט ניט אויף איהר געוועזענעם מאַן און אַז ער האָט אימער בעלאַנגט צו אַן אַנדערער. און דאָס ערגסטע וואָלט דערביי געווען דאָס וואָס דיעזע בעשטעטיגונג וועט קומען ניט פון קיין אַנדערען וויא פון איהר טאָכטער.

האַרלינגטאָן האָט דאַרויף אויפמערקזאם געמאַכט עלען און עלען האָט געמוזט צוגעבען, אַז ער האָט רעכט. אָבער וואָס זאָל מען טהאָן? עלען האָט געפיהלט איין זאַך: זיא מוז מיטנעהמען מיט זיך איהר פאָטער'ס ביינער און דער איינציגער פּאַסענדער קבר פאַר איהם איז נעבען אסתר'ען, ווייל וויא עס האָט איהר געשיינט, איז איהר פאָטער ביז'ן טויט געבליבען טריי צו זיין ערש־טער געליעבטער.

עלען האָט איצטער געליעבט און געשעצט איהר מוטער; אָבער נאָך מעהר ליעבע און אכטונג האָט זיא געפיהלט צו איהר פאָטער און צו זיין ערשטער געליעבטער. זיא האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקענט בעפרייען פון דעם געדאַנק, אַז איהר מוטער האָט אַזוי לייכט אויסגעביטען איהר פאָטער אויף סטיווענס'ען און זיא האָט נאָך, אויסערדעם, פערדעכטיגט, אַז איהר מוטער קלייבט זיך צו הייראַטהען מיט יאָהאַן האָפּמאַן. דאָס האָט, נאָך עלען'ס מיינונג, אין גאַנצען פערפרעמדט איהר מוטער פון איהר פאָטער.

אויף האַרלינגטאָן'ס פראַגע: "וויא וועט דאָך זיין מיט דיין מוטער?" האָט עלען דעריבער ענטשלאָסען געענטפערט:

— טהו, וויא מיר האָבען בעשלאָסען, און איך וועל שוין מיין מוטער וויא־עס־איז פאַרבערייטען דערצו.

און אזוי איז עס געווען.

האַרלינגטאָן איז אָפּגעפאָהרען נאָך אייראָפּאַ און עלען מיט איהר מוטער זיינען אוועק נאָך קאַליפאָרניע. עלען האָט עטליכע מאָל זיך געקליבען אָפּען צו ריידען מיט איהר מוטער וועגען דעם פּלאַן, און האָט קיין מוטה ניט געהאַט דערצו. דיא בריעף וואָס האַרלינגטאָן האָט איהר געשריבען וועגען דעם וויא ער האָט אויפגעזוכט אסתר׳ס קבר און וויא ער האָט אַלעס פּאָרבערייטעט לויט זייער אָבמאַך, האָט זיא דער מוטער ניט געצייגט. און אפילו דאַן, ווען זיי זיי־נען שוין אוועק אויף זייער רייזע נאָך אייראָפּאַ צוזאַמען מיט פּעטערסאָן׳סביינער, האָט עלען נאָך אַלץ קיין מוטה ניט געהאַט צו ערקלערען איהר מוטער, וואו זיא דענקט צו בעערדיגען איהר פאָטער.

ערשט אין לאָנדאָן, ווען עס איז שוין געוועזען אונמעגליך ווייטער אָבצו־לעגען דיא אונאַנגענעהמע ערקלערונג, האָט עלען געפאַסט מוטה זיך אָפּען דורכ־צוריידען מיט איהר מוטער.

זיא האָט זיך לאַנג געפּלאָנטערט אין דעם געשפּרעך איידער זיא האָט גע־קענט אָנהויבען דערפון וועגען וואָס זיא האָט אייגענטליך בעדאַרפט ריידען. זיא האָט זיך דערביי געלאַשטשעט צו דער מוטער און האָט איהר אויף פער־שיעדענע וועגען אַרויסגעצייגט איהר ליעבע, כדי לייכטער צו מאַכען פאַר איהר דעם קלאַפּ, וואָס זיא האָט איהר בעדאַרפט דערלאַנגען.

און ענדליך האָט זיא געזאָגט:

— איך האָב צו לאַנג זיך ערלויבט צו זיין דיין ריכטער, טהייערע מוטער, איך וויל זיך עס מעהר ניט ערלויבען. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז דוא און מיין פאָטער זיינט זיך געבליבען פרעמד און זיינט געוועזען אונגליקליך, כאָטש קיינער פון אייך איז אין דעם ניט געוועזען שולדיג. איין זאַך איז אָבער זיכער, אַז איהר ביידע זיינט זיך געבליבען פרעמד אייער גאַנצען לעבען לאַנג.

מרס. פּעטערסאָן איז ביי דיעזע ווערטער בלאַס געוואָרען.

— צו וואָס נאָך אַמאָל ריידען וועגען דעם? — האָט זיא זיך געבעטען ביי עלען.

— איך מוז, מוטער! — האָט עלען זיך פערענטפערט — און איך פערזי־כער דיך, אַז איך רייד מיט דיר וועגען דעם צום לעצטען מאָל. מעגסט מיר גלויבען, אַז מיר איז אויך ניט גרינג צו ריידען וועגען דעם. איך לייד דערפון פונקט אַזוי שטאַרק וויא דוא. איך מוז אָבער... קען איך ווייטער ריידען?

— רייד!

— דוא האָסט געפרעגט, וואו איך וויל בעערדיגען מיין פאָטער און איך האָב דיר אויף דער פראַגע ניט געקענט ענטפערען. איך האָב דיר ניט געוואָלט פערשאַפען קיין שמערצען. עס איז אָבער געקומען אַ צייט, ווען איך מוז דיר ענטפערען. איך וויל איהם בעערדיגען נעבען... נעבען...

עלען האָט ווייטער ניט געקענט ריידען. דאָס וואָרט "אסתר" איז פּשוט

ביי איהר פון מויל ניט געגאנגען. זיא האט געקוקט אויף דער מוטער מיט בע־טענדע אויגען, וויא זיא וואלט געוואלט זאגען: דוא ווייסט דאך, וואס איך מיין; טא העלף מיר ארויס! און דיא אונגליקליכע מוטער האט ווירקליך פער־שטאנען, וואס עלען האט געמיינט, און זיא האט מיט ציטערענדע ליפען גע־ענדיגט:

— געבען אסתר׳ען.

— יא, געבען אסתר׳ען — האט אונטערגעכאפט עלען — ווייל איך האב גערעכענט...

עלען האט ניט געענדיגט, ווייל איהר מוטער האט איהר איבערגעשלאגען.

— דוא דארפסט מעהר ניט ערקלערען — האט מרס. פעטערסאן געזאגט, זיך אויפהויבענדיג פון פלאץ — איך פערשטעה אלעס. דוא האסט רעכט. אויב דיין פאטער האט צו אימיצען בעלאנגט, איז נור צו אסתר׳ען. דוא האסט רעכט!

און עלען׳ס מוטער איז מיט א געוויין ארויסגעלאפען פון דעם צימער, איבערלאזענדיג עלען א צוטומעלטע.

מעהר האבען מוטער און טאכטער וועגען דעם ניט גערעדט ביז מיט א פאר וואכען שפעטער. עלען און הארלינגטאן האבען אבגעפיהרט דיא טרונע מיט פעטערסאן׳ס קערפער נאך פאריז און האבען איהם בעערדיגט אויף א פערוואָרפענעם פלאץ פון דעם פאריזער בית־עלמין, ניט ווייט פון אסתר׳ס קבר. א שעהנע מצבה איז אוועקגעשטעלט געווארען אויף פעטערסאן׳ס קבר און נאך א שעהנערע אויף אסתר׳ס קבר. פאר דעם אויפזעהער פון דעם בית־הקברות איז בעשטימט געווארען א וועכענטליכע בעלוינונג דערפאר, ער זאל האלטען ריין ביידע קברים און זאל יעדע וואך זיי בעציערען מיט א פרישען קראנץ בלומען.

ווען עלען איז מיט הארלינגטאן׳ען צום לעצטען מאל געוועזן אויף׳ן בית הקברות, ווייל זיי האבען זיך שוין געקליבען צו פערלאזען פאריז און אבפאהרען נאך לאנדאן, וואו זיי האבען געזאלט חתונה האבען, האט עלען פלוצלונג גע־זאגט:

— ווייסט, וואס מיר איז איינגעפאלען? איך וויל אבקויפען דאס הויז, וואו אסתר איז געשטארבען.

— ניט קיין שלעכטער פלאן — האט הארלינגטאן געזאגט.

— אויב אזוי, וועלען מיר מוזען נאך אויף א פאר טעג בלייבען אין פאריז און מיר וועלען צוליעב דעם מוזען אבלעגען אונזער חופה.

— דאס איז אונמעגליך — האט געזאגט הארלינגטאן — מיר האבען דאך שוין אויסגעשיקט איינלאדונגען.

— טא וואס טהוט מען?

— אה, מיר דארפען דא ניט ווארטען צוליעב דעם. איך וועל איבערגעבען

אַ בעקאַנטען אַגענט דיא פאָלמאַכט צו קויפען פאַר אונז דאָס הויז און ער וועט עס שוין אַלעס בעזאָרגען. דאָס איינציגע וואָס מיר דאַרפען טהאָן פאַר אונזער אוועקפאָהרען, איז אויסצוגעפינען, וואו דאָס הויז געפינט זיך, און דאָס קען איך לייכט אויסגעפינען דורך דעם מאַן, וואָס האָט אַמאָל איבערגעגעבען אסתר'ס לעצטען בריעף צו דזשיימס'ען, איידער זיא האָט זיך גענומען דאָס לעבען. איך וויים, וואו ער וואָהנט, און איך וועל באַלד צו איהם אַריבערפאָהרען.

נאָך דעמזעלבען טאָג זיינען עלען און האַרלינגטאָן אָבגעפאָהרען נאָך לאָנ־דאָן.

דיא בעפאָרשטעהענדע הייראַטה פון האַרלינגטאָן'ען מיט עלען איז געוועזען אַ געהיימניס ניט נור פאַר דיא לאָנדאָנער צייטונגען, נאָר אַפילו פאַר האַר־לינגטאָן'ס קרובים, ביז האַרלינגטאָן האָט ניט אויסגעשיקט קיין איינלאַדונגען. עלען האָט זיך אונטער אַלע בעדינגונגען ענטזאַגט זיך צו בעקענען מיט איהרע נייע קרובים אַזוי לאַנג וויא זיא האָט ניט ערפילט איהר לעצטע פליכט צו איהר פאָטער. דיא איינלאַדונגען צו דער האָכצייט האָט האַרלינגטאָן אַרויסגע־שיקט פונקט פאר זיין אָבפאָהרען נאָך פאַריז. צו איינינגע איינלאַדונגען האָט ער אויך צוגעשריבען עטליכע ווערטער און האָט זיינע נאָהענטסטע קרובים ערקלערט, ווער עלען איז.

דאָס האָט אַרויסגערופען אַ טומעל פריהער ביי האַרלינגטאָן'ס משפחה, נאָכדעם אין דער גאַנצער אַריסטאָקראַטישער לאָנדאָנער געזעלשאַפט, וואו פיעלע האָבען געוואוסט דיא געשיכטע פון דזשיימס מאַנספיעלד, עלען'ס פאָטער, און ענדליך אין אַלע צייטונגען. דיא צייטונגס־רעפאָרטערס און דורך זיי אויך האַר־לינגטאָן'ס קרובים האָבען אויסגעפונען דיא געוועזענע מרס. פעטערסאָן און זיי האָבען זיא פשוט פערמאַטערט מיט פראַגען וועגען איהר געוועזענעם מאַן און וועגען איהר טאָכטער. פאַר איין וועג האָט מען זיך שוין אויך דערוואוסט, אַז האַרלינגטאָן'ס כלה איז ניט קיין אַנדערע, וויא דיא בעריהמטע קאַפיטאַנשע פון דער "וועסטאַ", וועגען וועלכער מען האָט ערשט ניט לאַנג צוריק דערצעהלט אַזוי פיעל וואונדערבאַרע געשיכטעס.

גאַנץ לאָנדאָן האָט זיך געקאָכט און געטומעלט און מענשען האָבען שוין פאָראויס געזאָרגט וועגען דעם, וויא צו קריעגען פאַר זיך פלעצער אין קלויסטער, ווען עס וועט דאָרט פאָרקומען דיא הייראַטהס־צערעמאָניע.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, וואָס עס האָט זיך אָבגעטהאָן, ווען האַר־לינגטאָן און עלען האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון פאַריז און, נאָך מעהר, אין דעם טאָג, ווען זיי האָבען זיך געזאָלט פערהייראַטהען. מאַסען מענשען האָבען שוין מיט שטונדען פריהער פערנומען פלעצער אַרום דעם קלויסטער, וואו מען האָט ערוואַרטעט דיא חתן־כלה, און אין דיא גאַסען, דורך וועלכע זיי האָבען בעדאַרפט דורכפאָהרען.

דעם עולם איז אָבער אויסגעקומען צו לאַנג צו וואַרטען, ווייל די כלה האָט זיך פערשפעטיגט. אין דער צייט, ווען מען האָט אויף איהר געוואַרט אין קלויסטער, איז עלען געלעגען אין איהר מוטער'ס אָרעמס און האָט דורכגעפיהרט אַ פּלאַן, מיט וועלכען זיא האָט זיך שוין לאַנג ארומגעטראָגען און וועלכען זיא האָט קיינעם ביז איצטער ניט פערטרויעט, אפילו ניט האַרלינגטאָן'ען.

פונקט אין דעם טאָג פון עלען'ס הייראטה איז אין לאָנדאָן אַנגעקומען יאָהאַן האָפמאַן. בלויז עלען האָט געוואוסט, צוליעב וואָס און וויא אַזוי ער איז געקומען.

אין דער מינוט, ווען עלען האָט בעשלאָסען, אַז איהר פאָטער בעלאַנגט ניט צו קיינעם, נאָר צו זיין ערשטע געליעבטע, האָט זיא אויך בעשלאָסען, אַז איהר מוטער'ס זווג איז יאָהאַן האָפמאַן. אַז האָפמאַן האָט זיין גאַנצען לעבען לאַנג געליעבט נור איהר מוטער, אין דעם האָט עלען קיין מינוט ניט געצווייפעלט. דאָס איז דאָך געווען קלאָר פאַר יעדען. עלען האָט אָבער פערדעכטיגט, אַז אויך איהר מוטער האָט אייגענטליך איהר גאַנצען לעבען געליעבט האָפמאַן'ען. כאָטש, עס קען זיין, זיא האָט עס אַליין ניט געוואוסט.

עלען האָט דעריבער בעשלאָסען, אַז עס וואָלט גאָר ניט געווען קיין קרומע זאַך, ווען איהר מוטער'ס אַלטע ליעבע און פריינדשאַפט צו יאָהאַן האָפמאַן זאָל בעניייט ווערען.

עפּיס מאָדנע האָט עלען געקוקט אויף איהר מוטער. צוליעב דעם וואָס די מוטער האָט זיך געהאַלטען אַנטקעגען איהר וויא אַ שולדיגע, האָט זיך עלען אָפּט אויסגעוויזען, אַז דאָס איז גאָר ניט איהר מוטער, נאָר איהרע אַן עלטערע שוועסטער, אַן אונגליקליכע, אַ צובראָכענע, און אַז זיא, עלען, מוז זאָרגען, אַז דיעזע עלטערע שוועסטער איהרע, וועלכע האָט ביז יעצט ניט געוואוסט פון גליק, זאָל כאָטש אויף די עלטערע יאָהרען קענען לעבען שטיל און רוהיג צוזאַמען מיט אַ מענשען, וועלכער קען און וויל פאַר איהר זאָרגען.

איידער עלען איז נאָך אָבגעפאָהרען פון אַמעריקאַ, האָט זיא אין געהיים פון איהר מוטער אַוועקגעשיקט צו יאָהאַן האָפמאַן פאָלגענדען בריעף:

"נאָך לאַנגע מאַטערנישען און פּלאָגענישען, נאָך פיעלע ליידען און צווייפלען בין איך ענדליך געקומען צו אַ ברעג און האַפן, אַז איך וועל זיין גליקליך מיט דעם מאַן, וועלכען איך האָב געליעבט און פון וועמענס ליעבע איך בין אַנטלאָפען. איך פאָהר איצטער אָב נאָך איירופּא, וואו איך וועל הייראטהען. איך פיהר מיט מיר פאָהרט מיט מיין מוטער, וועלכע איך האָב צוריקגעפונען. איך פיהר מיט זיך אויך די ביינער פון מיין פאָטער, וועלכען איך בין זייט מיין קינדהייט געוואָהנט געווען צו פערגעטערען און מיט וועלכען איך קען זיך פאַר קיין פאַל ניט צושיידען.

"מיין פאָטער וועט מיך אָבער ניט קענען בענשען ביי מיין הייראטה. איך האָב דעריבער צו אייך אַ בקשה: איהר, וועלכער האָט פערבונדען אייער

לעבען מיט'ן לעבען פון מיין מוטער, זיינט דער פּאַסיגסטער מענש צו פערנעהמען מיין פאָטער'ס פּלאַץ אין דעם טאָג פון מיין חופּה. קענט איהר מיר טהון דיא טובה און קומען צו מיין האָכצייט און מיר גיבען דיא ברכה פון אַ ליעבענדען פאָטער? איהר וואָלט דערמיט בעגליקט אייער ליעבענדע עלען פּעטערסאָן."

און אַלס ענטפער אויף דיעזען בריוועל האָט האָפמאַן זיך צוגעאיילט און איז געקומען נאָך לאָנדאָן. ער איז געקומען פונקט אין דעם טאָג פון האָכצייט און איז ערשיענען פאַר עלען און איהר מוטער אין דער צייט, ווען זיי האָבען זיך שוין געקליבען צו פאָהרען אין קלויסטער.

עלען האָט זיך דעם אַלטען דייטש אַרויפגעוואָרפען אויף'ן האַלז און האָט איהם דערמיט אַזוי צוטומעלט, אַז ער האָט זיך אין גאַנצען פערלאָרען און האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טהאָן און וואָס צו זאָגען. מרס. פּעטערסאָן איז אויך געשטאַנען אַ צוטומעלטע פון איבעררַאשונג. איהר פרויען־האַרץ האָט באַלד דערפיהלט, אַז עפּעס וועט דאָ פּאַסירען אַזעלכעס, וואָס וועט מאַכען אַן איבערקעהרעניש אין איהר לעבען.

— איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך, הערר האָפמאַן! — האָט געזאָגט עלען מיט אייער קומען האָט איהר געגעבען דעם לעצטען בעוויז, אַז איהר זיינט דער נאָבעלסטער מענש אין דער וועלט, און איך שטאָלציר, וואָס אַזאַ מענש, וויא איהר, וועט ביי מיין האָכצייט פערטרעטען מיין פאָטער.

און ווענדענדיג זיך צו איהר מוטער, האָט עלען געזאָגט:

— ווערסט מיר, האָף איך, ענטשולדיגען, וואָס איך האָב דיר געמאַכט דיעזע איבעררַאשונג... איך האָב איינגעלאַדען מר. האָפמאַן צו קומען צו מיין האָכצייט, כדי ער זאָל צוזאַמען מיט דיר מיך פיהרען צו דער חופּה. איך האָב געפיהלט, אַז מיין גליק וועט ניט זיין פאָלשטענדיג, ווען מר. האָפמאַן וועט ניט זיין היינט נעבען מיר. האָב איך רעכט געהאַט, מוטער?

מיט אויגען, אין וועלכע עס האָט דורך טרעהרען געשטראַהלט גליק און פרייד, האָט עלען געקוקט טאָ אויף איהר מוטער, טאָ אויף האָפמאַן'ען. ביידע, האָפמאַן און מרס. פּעטערסאָן האָבען זיך געפיהלט אין פערלעגענהייט.

— נו, וואָס שווייגט איהר ביידע? — האָט זיך כלומר'שט געבייזערט עלען — עס זעהט אויס, וויא איהר וואָלט ביידע געווען אונצופריעדען מיט מיין אויפטהו. דאָס האָב איך שוין ניט ערוואַרטעט.

מיט זיין געוועהנליכען גוטען און טרויעריגען שמייכעל איז האָפמאַן צוגעגאַנגען צו מרס. פּעטערסאָן, האָט גענומען איהר האַנד און האָט זיא וואַרעם אַ דו"יק געטהאָן. דאַן האָט ער אַ וואונק געטהאָן צו ביידע פרויען, זיי זאָלען זיך אַוועקזעצען, האָט פערנומען אַ פּלאַץ צווישען זיי און האָט אַ היבשע צייט געקוקט אויף זיי ביידע, וויא ער וואָלט געמאַכט אַ פערגלייך צווישען זיי.

— עלען! — האָט ער ענדליך געזאָגט אין דייטש — מיט איבער צוואַנציג

יאָהר צוריק האָב איך זיך געקליבען צו פיהרען צו דער חופּה מיין כלה, וועלכע איז דאַן געווען וויא צוויי טראָפּען עהנליך צו דיר.

ער האָט דערביי א קוק געטהאָן אויף מרס. פּעטערסאָן און אין זיינע אויגען זיינען געשטאַנען טרעהרען.

— דאָס איז געווען דיין מוטער, עלען! מיר זיינען ביידע דאַן געווען פול מיט גליקליכע האָפנונגען פּונקט וויא דוא איצטער. אונזערע האָפנונגען זיינען ניט ערפילט געוואָרען, אָבער איך געדענק זיי נאָך ביז איצטער און מיט דער עראינערונג וועגען זיי האָב איך געלעבט דיא גאַנצע צייט ביז היינטיגען טאָג. ווען איך האָב פון דיר געקראָגען דאָס בריוועל מיט דיין איינלאַדונג, האָב איך דערפיהלט, אז איך קען דיר ניט ענטזאָגען, אז איך מוז קומען צו דיין חופּה ניט אַזוי צוליעב דיר, וויא צוליעב זיך אַליין, כדי זיך צו דערמאָנען אָן מיין אמאָליגען גליק און בייוואָהנענדיג דיין חופּה, זיך פאָרשטעלען, אז דאָס היי־ראַטה ניט הארלינגטאָן מיט עלען, נאָר איך מיט מיין אמאַליא׳ן.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט. איהם איז געווען שווער צו ריידען. ער האָט גע־וואַרט, אז דיא פרויען זאָלען איהם ארויסהעלפען, זיי האָבען אָבער געשוויגען און ער האָט אין א ווײַלע ארום פאָרטגעזעצט:

— דוא זעהסט, עלען, וויא לייכט און נאַטירליך עס איז פאַר מיר דיר צו זאָגען "דוא". און דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל איך האָב אין זינען, אז דוא ביזט דיא טאָכטער פון דער געוועזענער אמאַליא מילער, נאָר דערפאַר, ווייל מיר דאַכט זיך, אז דוא אַליין ביזט דיא אמאָליגע אמאַליא. און איך רייד צו דיר אין דייטש, ניט אין ענגליש, ווייל איך וויל צו דיר ריידען אין דערזעלבער שפּראַך, אין וועל־כער איך פלעג אין מיין יוגענד ריידען צו דיין מוטער.

— איין מינוט, לאָזט מיך ענדיגען — האָט ער אין איילעניש געזאָגט, בעמערקענדיג, אז מרס. פּעטערסאָן וויל עפּעס זאָגען — לאָזט מיך ענדיגען. איך בין, אַלזאָ, געקומען אהער דיך צו בענשען, עלען, ווייל מיר האָט זיך אויס־געוויזען, אז איך בין ווירקליך אַלט גענוג צו קענען פערנעהמען דעם פּלאַץ פון א פאָטער און פערגעסען אָן מיינע אייגענע חלומות. עס צייגט זיך אָבער ארויס...

— אום גאָטעס ווילען, יאָהאָן! — האָט זיך דאָ ניט־ווילענדיג ארויסגע־ריסען פון מרס. פּעטערסאָן׳ס ברוסט.

— יאָ — האָט יאָהאָן פאָרטגעזעצט אונגעשטערט — איך בין געקומען אהער זיך צו דערמאָנען אָן מיין אמאָליגען גליק און דיר געבען מיין ברכה, עלען — דאָס און ניט מעהר. צייגט זיך אָבער ארויס, אז איך בין נאָך אַלץ ניט גענוג אַלט און גענוג קלוג און איך נויטיג זיך אין דיין ברכה פּונקט אזוי וויא דוא אין מיינער.

ער האָט אָנגענומען עלען׳ס האַנד און האָט פאָרטגעזעצט, זיך ווענדענדיג צו איהר מוטער:

— אמאליא, אויב דיא צייט פון פלאמענדער ליעבע איז שוין פאר אונז אויף אייביג פאריבער, קענען מיר דאך, אם וועניגסטען, אבלעבען אונזערע לעצטע יאהרען צוזאמען אלס אלטע גוטע פריינד. עס איז געווען א גרויזאמער צופאל, וואס אמאליא מילער האט ביז היינט ניט געקענט טראגען דעם נאמען האפמאן, וועט זיא עס פיליייכט פון היינט אן קענען טהאן? מיר האט אימער געשיינט, אז עלען וועט אונז זיין אין וועג. עלען האט זיך אבער ארויסגעצייגט קליגער און בעסער פון אונז.

האפמאן האט ווייטער ניט געקענטריידען, ווייל דא האט פאסירט עטוואס אזעלכעס אויף וואס ער האט זיך קיין מאל ניט געקענט ריכטען. עלען האט זיך אוועקגעשטעלט אויף דיא קניע, האט אנגענומען האפמאן'ס האנד און איהר מוטער'ס האנד און האט געגען איהר מוטער'ס ווילען פעראייניגט זייערע ביידענס הענד; דאן האט זיא מיט טרעהרען אין דיא אויגען א קוש געטהאן איהר מוטער און האפמאן'ען און איז ארויסגעלאפען פון צימער.

ווען דיא הייראטהס-פראצעסיאן האט זיך אין א האלבע שטונדע ארום געריהרט פון הויז צום קלויסטער-צו, איז עלען געזעסען אנטקעגען איהר מוטער און האפמאן'ען און זייערע אלעמענס אויגען האבען געשטראהלט מיט גליק. אמאליא פעטערסאן איז מיט איין מאל יונגער געווארען אויף א צעהנדליג יאהר און ווער עס האט ניט געוואוסט, אז זיא איז עלען'ס מוטער, וואלט זיכער געדענקט, אז זיא איז עלען'ס עלטערע שוועסטער. האפמאן איז אויך מיט איין מאל יונגער געווארען, אזוי אז מען האט געמוזט פערזעהן זיינע גרויע האר.

צו דער האכצייט זיינען איינגעלאדען געווארען געצעהלטע מענשען. מען האט זיך געפיהלט אין א היימישען קרייז און עס האט וויא פון זיך פאסירט, אז אלע האבען בעטראכט האפמאן'ען און דיא געוועזענע מרס. פעטערסאן אלס דער כלה'ס פאטער און מוטער.

נאך דעמזעלבען אבענד זיינען עלען און הארלינגטאן אבגעפאהרען אויף הארלינגטאן'ס א לאנד-גוט, וואס האט זיך געפונען ניט ווייט פון לאנדאן און פאר זייער אבפאהרען האט עלען געהאט א געהיימען געשפרעך מיט האפמאן'ען.

— פאפא האפמאן — האט עלען געזאגט — אויב איהר דענקט, אז מיין בקשה צו אייך צו קומען אהער, איז געווען דיא לעצטע, האט איהר א טעות. איך האב נאך א ביטע.

זיא האט איהם אין קורצען בעקאנט מיט דער געשיכטע פון איהר פאטער'ס ליעבע צו דער אידישער מיידעל אסתר, האט איהם פערטרויט, אז זיא האט בעערדיגט איהר פאטער נעבען אסתר'ען, האט איהם מיטגעטהיילט, אז זיא האט אבגעקויפט דאס הויז, וואו אסתר איז געשטארבען, און האט געענדיגט:

— איך וויל, אויב עס איז נור מעגליך, אז איהר און מיין מוטער זאלט זיך בעזעצען אין אסתר'ס הויז.

— צוליעב וואס? — האט האפמאן פערוואונדערט געפרעגט.

— איך וויל, אז דער גייסט פון דער אונגליקליכער אסתר, ווען ער וועט אמאל קומען בעזוכען דאס הויז, זאל דארט געפינען א פאר פאלק, וואס וועט ערות זאגען, אז עס זיינען פאראן נאך מענשען אויסער איהר, וואס קענען אויפאפפערען זייער לעבען אוים ליעבע; איך מיין: אסתר'ס גייסט זאל געפינען אייך, פאפא האפמאן! דאס איז איינס. צווייטענס, וויל איך, אז צוזעהענדיג אייער ליעבע צו מיין מוטער און מיין מוטער'ס ליעבע צו אייך, זאל אסתר'ס גייסט זיך איבערצייגען, אז מיין פאטער בעלאנגט אין גאנצען צו איהר. און דריטענס, וויל איך, אז אייער גליק און מיין מוטער'ס גליק זאל זיין דאס ריינסטע וואס מען קען זיך נור פארשטעלען, און דאס קען אם בעסטען פאסירען אין אסתר'ס הויז. דארט וועט איהר זיך איבערצייגען, אז מיין פאטער, פעטערסאן, איז געוועזען בלויז א צופאל אין מיין מוטער'ס לעבען און איהר וועט זיא קענען בעטראכטען בלויז אלס אייער אמאליא.

— ביזט א וואונדערבאר קינד, עלען! — האט מיט בעגייסטערונג אויסגע־שריען האפמאן און האט איינגעשלאסען עלען אין זיינע ארעמס.

— שטימט איהר, הייסט עס, איין?

— יא.

— איך דאנק אייך, פאפא האפמאן!

דיעזעלבע וואך האט מען אין אסתר'ס געוועזענער וואהנונג גענומען אלעס צוגרייטען פאר דיא האפמאן'ס וועלכע האבען שטיל געהייראטה באלד נאך עלען'ס אבורייזע. אלעס איז געמאכט געווארען מיט דער ברייטער האנד, אבער אהן שרייענדען לוקסוס. דאס הויז איז פערוואנדעלט געווארען אין א שטילען, רוהיגען ערדישען גן־עדן. אלס ספעציעלע איבערראשונג פאר עלען האט האפמאן אין מיטען גארטען אין פראנט פון הויז געלאזט אויפשטעלען א גרופע סטאטוען: פון איין זייט איז געשטאנען דיא אלט־רוימישע געטין ווענוס, פון דער צווייטער דער רוימישער גאט פון ליעבע, אמאר און צווישען זיי איז גע־שטאנען דיא פיגור פון א פרוי, וועלכע איז געוועזען עהנליך צו דעם בילד פון אסתר'ען, וועלכען האפמאן האט מיט גרוים מיה געקראגען. אסתר'ס פיגור האט פארגעשטעלט א פרוי מיט א דערנער־קרוין אויף'ן קאפ און מיט שטילער, טיעפער ליעבע אין דיא אויגען.

דיעזע גרופע סטאטוען האט געבראכט אין העכסטער בעגייסטערונג עלען, ווען זיא איז אין א מאנאט ארום געקומען נאך פאריז בעזוכען איהר מוטער. איהר בעגייסטערונג האט עלען אויסגעדריקט מיט דיא ווערטער:

— פאפא האפמאן, ווען איך וואלט ניט געהאט אלס פאטער דזשיימס מאנספיעלד, וואלט איך קיין בעסערען פאטער וויא איהר, פאפא האפמאן, זיך גאר ניט געוואונשען.

און זיא האָט האָפמאַן'ען געשענקט אַ קלינגענדען קוש.

רוהיג, שטיל און אָבגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט האָבען געלעבט יאָהאַן און אַמאַליאַ האָפמאַן. זיי האָבען דורכגעלעבט אַ צווייטע יוגענד.

מיט זיין געוועהנליכער אָפענהערציגקייט און עהרליכקייט האָט האָפמאַן אַמאָל געזאָגט צו זיין ניי־געפונענער געליעבטער:

— דוא ווייסט, איך האָב שוין געהאַט בעשלאָסען קיין מאָל ניט צו הייראַ־טהען מיט דיר, ווייל דיא גאַנצע צייט האָב איך געטרוימט וועגען אַ יונגער אַמאַ־ליאַ און הייראַטהען האָב איך בעדאַרפט מיט אַן עלטערער מרס. פעטערסאָן. איך זעה איצטער, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. אַמאַליא איז געבליבען דיזעלבע און איך בין איצטער זיכער, אַז איהר גאַנצען לעבען האָט זיא געליעבט נאָר מיך.

אויף דיזע ווערטער האָט מרס. האָפמאַן געענטפערט מיט אַ גוטען שמייכעל.

זיא איז מיט איהם געוועזען איינפערשטאַנדען און זיא איז אויך געוועזען גליקליך.

50טעס קאַפּיטעל.

אַ מצבה אין דיא וואָלקענס

זינט דיא פּאַסירונגען, וואָס זיינען בעשריבען געוואָרען אין לעצטען קאַ־פּיטעל, זיינען פאַראיבער צוויי יאָהר. פאַר דיזער צייט האָבען אונזערע העל־דען און העלדינען, וועלכע האָבען מיט זייערע רייזען און אויפטהואונגען אַ שטיק צייט געהאַלטען צוגעשמידט צו זיך דיא אויגען פון מיליאָנען מענשען, געלעבט רוהיג און שטיל, יעדער אין זיין אייגענער היים, אין דעם ענגען קרייז פון זייערע פאַמיליען.

צוויי יאָהר זיינען פאַראיבער און אין איין שעהנעם טאָג האָט דיא לאָנ־דאָנער פּאָסט געקראָגען אַ פּעקעל בריעף מיט קאָנווערטען אויף וועלכע עס האָט זיך געפונען דער הערב פון דעם לאָרד האַרלינגטאָן. דיא בריעף זיינען גע־וועזען אַדרעסירט אין פערשיעדענע לענדער: נאָך פראַנקרייך, נאָך דייטשלאַנד, נאָך איטאַליען, נאָך עגיפּטען, נאָך אינדיען, נאָך דער שווייץ און נאָך אַמע־ריקאַ.

דיא בריעף האָבען זיך געלייענט אַזוי:

"טהייערער פריינד! מיט צוויי יאָהר צוריק האָבען מיר צוזאַמען דורכ־געלעבט און דורכגעליטען דיא וויכטיגסטע ערייגניסע אין אונזער לעבען. מיר מיינען: דיא וועלט־רייזע פון דער "וועסטאַ" און פון דעם "אַמאָר". דיזע רייזע האָט אַרויסגערופען דיא בעוואונדערונג פון דער גאַנצער ציוויליז־

זירטער וועלט. אַם וויכטיגסטען אָבער איז זיא געווען פאַר אונז זעלבסט. אויף דער רייזע האָבען דיא מעהרסטע פון אונז דורכגעלעבט אזוי פיעל, וויפיעל אַנדערע מענשען מאַכען ניט דורך זייער גאַנצען לעבען לאַנג. אייניגע פון אונז האָבען פיעל געליטען בעת דער רייזע און זיינען דיא ליידען איבערגעקומען. דיא אַנדערע, וויעדער, האָבען בעת דער רייזע דורכגעלעבט דיא גליקליכסטע מאָמענטען פון זייער לעבען. און אונז אַלע האָט דיא רייזע צו ענדע געבראַכט גליק, רוה און צופריעדענהייט.

”צוויי יאָהר זיינען פאָראיבער זינט דיא רייזע האָט זיך געענדיגט. פאַר דיעזער צייט זיינען מיר אַלע געווען צושיידט. וואָלט ניט געווען אַ פערגניגען פאַר אונז אַלע זיך וויעדער צו בעגעגענען און זיך צוזאַמען דערמאָהנען אָן יענע טעג? איהר וועט פרעגען: וואַרום גראַדע איצטער? אין אונזער פאַמיליע האָט פאַסירט עטוואָס, וואָס האָט אונז דערמאָנט אָן דיא אַמאָליגע וועסטאַלקעס. גאָט האָט אונז געבענשט מיט אַ זוהן, וועלכער טראָגט דעם נאָמען דזשיימס. דאָס איז אָבער ניט דער נאָמען פון זיין פאָטער, דזשיימס האַרלינגטאָן, נאָר פון ליידי האַרלינגטאָן׳ס פאָטער.

”איהר האָט אַמאָל געקענט דיא איצטיגע ליידי האַרלינגטאָן אַלס מיסס עלען פעטערסאָן. דאָס איז אָבער ניט געווען איהר ריכטיגער נאָמען. איהר פאָטער איז געווען ניט דער אַמעריקאַנישער גאָלד־גרעבער סעמיועל פעטערסאָן, נאָר דער ענגלישער לאָרד דזשיימס מאַנספיעלד, וועלכער האָט אומגעביטען זיין נאָמען צוליעב אַ מערקווירדיגער געהיימניס אין זיין לעבען.

”דיא געהיימניס האָט עס אַרויסגערופען אונזער אַמאָליגע רייזע. און מיר ווילען אייך איצטער דיא געהיימניס ענטדעקען. איהר זיינט בערעכטיגט דערצו אַלס מיטרייזענדע און מיטליידענדע.

”מיר האָבען בעשלאָסען צו שטעלען אַ מאָנומענט דעם פערשטאָרבענעם לאָרד מאַנספיעלד צווישען דיא בערג פון קאַליפאָרניע, דאָרט, וואו מאַנספיעלד האָט געלעבט און איז געשטאָרבען, דאָרט, וואו עס איז געבאָרען געוואָרען יענע פרוי, וואָס האָט פעראורזאַכט אונזער רייזע — דיא איצטיגע ליידי האַרלינגטאָן און דיא אַמאָליגע מיסס פעטערסאָן.

”איצטער איז דיא צייט פון זומער־רייזען. אַנשטאַט צו פאָהרען נאָך איטאַליען אָדער עגיפטען, וועט איהר אונז טהאָן דיא טובה און מאַכען אַ רייזע נאָך דעם אַמעריקאַנישען איטאַליען — נאָך קאַליפאָרניע.

”ביילעגענד וועט איהר געפינען אַ גרייטע שיפס־קאַרטע און אַן אייזענבאַהן־בילעט פאַר דער גאַנצער רייזע. ביילעגענד וועט איהר אויך געפינען אַ צעטעל פון האָטעלען אין אַלע שטעדט, וועלכע איהר וועט פאַרבייפאָהרען אויף אייער רייזע. אין דיא האָטעלען זיינען פאַר אייך בעשטעלט צימערען און עס איז דאָרט שוין אָבגעמאַכט, אַז פאַר אַלעס וועל איך בעצאָהלען. איך נעהם

זיך דאָס רעכט צו נעהמען אויף זיך דיא אויסגאַבען פון אייער רייזע, ווייל פון דער ערשטער מינוט אָן וואָס איהר וועט פערלאָזען אייער היים, בעטראַכט איך אייך אַלס מיינע געסט.

ווייטער זיינען אין דעם בריעף געווען אָנגעגעבען דאָס אָרט און דיא צייט, וואו און ווען זיי זאָלען זיך בעגעגענען אין קאַליפאָרניע און אונטען איז געווען אונטערגעשריבען דער נאָמען: לאָרד האַרלינגטאָן.

אַזעלכע איינלאַדונגען זיינען אויסגעשיקט געוואָרען צו לאָרד הייסטינגס, סער טשאַרלס וויליאַמס, סער הענדריקס, בערנאַרד האָפמאַן, קאָלאָנעל גאָלד־סמיטה, צום אַראַבישען שייך, דעם פאָטער פון סולימאַ און צו פיעלע אַנדערע פון דיא געוועזענע וועסטאַלקעס און דיא אַמאָליגע רייזענדע פון דעם "אמאָר".

* * *

דיא נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ רוהיגע און אַ געהיימניספאָלע. דיא טיעפע הימלען איבער דיא וואונדערבאַרע קאַליפאָרניער בערג, דיא בעריהמטע "סיערא נעוואַדאַ", זיינען געווען בעגאָסען מיט אַ מילדער שיין און דיא בערג־שפּיצען האָבען זיך פערלאָרען אין דיא וואָלקענס.

לאָרד האַרלינגטאָן, עלען און זייערע געסט האָבען זיך פערזאַמעלט ביי אַ באַרג און דאָ האָט מען געוואַרט אויף'ן סיגנאַל, מען זאָל זיך ריהרען אין וועג דורך אַ שמאָלען שטעג, וועלכער איז ספּעציעל דורכגעשניטען געוואָרען, אום מען זאָל קענען זיכער און אָהן געפאַהר אַרויפקלעטערען צו דעם פּלאַץ, וואו דער מאָנומענט האָט זיך געפונען און וואו עס האָבען אויף זיי געוואַרט דיא לייטע, וואָס האָבען דעם מאָנומענט אויפגעשטעלט.

אַלע פערזאַמעלטע האָבען זיך געהאַלטען אַזוי, וויא זיי וואָלטען מורא געהאַט צו שטערען דיא שטילקייט. מען האָט גערעדט שטיל און מען האָט זיך בעוועגט זעהר פאָרזיכטיג. דאָס איז ניט געווען זייער ערשטע צוזאַמענקונפט. זיי האָבען זיך שוין פריהער בעגעגענט אין דעם האָטעל. דיא געסט האָבען שוין פריהער אויך געזעהן עלען און האַרלינגטאָן'ען, אָבער זיי האָבען פון זיי ביז יעצט ניט געקענט אַרויסקריעגען קיין איינצעלהייטען וועגען דעם, וואָס עס ער־וואַרטעט זיי אויף'ן באַרג. זיי האָבען זיך אָבער אָנגעשטויסען, אַז זיי שטעהט פאָר אַ גרויסע איבעראַשונג, און זיי האָבען זיך געגרייט דערצו.

דיא אַרומיגע שטילקייט, דיא פּראַכטפאָלע נאַכט און דיא ריעזיגע בערג־שפּיצען, וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט פערשיעדענע פאַנטאַסטישע פיגורען, האָבען אויף זיי געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק.

ענדליך האָט זיך דערהערט האַרלינגטאָן'ס קאָמאַנדע:

— מיינע פריינד, פאָלגט אונז נאָך!

ער מיט עלען האָבען זיך געלאָזט געהן פאָראויס, נאָך זיי זיינען געגאַנגען עלען'ס מוטער און יאָהאַן האָפמאַן און נאָך זיי זיינען געקומען דיא איבריגע.

דער וועג איז געווען א שמאָלער און מעהר וויא צוויי מענשען האָבען ניט גע־קענט געהן צוזאמען. ביים געהן האָט מען געמוזט זיין זעהר פאָרזיכטיג. ערטער־וויז האָט מען ביי דער זייט פון וועג געזעהן א טיעפען אָבגרונד. אין אנדערע ערטער האָט מען זיך געמוזט שטאַרק אָנהאַלטען אָן בוימער, אום צו קענען ארויפשטייגען.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מען האָט אין זינען געהאַט נור דאָס געהען און מען האָט קיין צייט ניט געהאַט צו ריידען איינער מיט'ן צווייטען. מען האָט צייטענווייז זאָגאַר פערגעסען, צוליעב וואָס מען געהט.

מען איז געגאַנגען א היבשע צייט און עס האָט אַלץ קיין ענדע ניט גענומען.

מען איז שוין ארויפגעשטיגען אזוי הויך, אַז מען האָט געזעהן בלויז פער־שיעדענע פאַנטאַסטישע בערג־שפּיצען. אויף פיעלע איז אָנגעפאַלען א מורא, קוקענדיג אויף דיא שפּיצען, וואָס האָבען זיך אריינגעשניטען וויא שווארצע שאָטענס אין דער ליכטיגער לופט, און אין דיא אָבגרונדען צווישען זיי.

— מיר וועלען באַלד זיין אויף'ן הימעל! — האָט ענדליך ניט אויסגע־האַלטען טשאַרלס וויליאַמס.

— ניט אזוי שנעל — האָט געענטפערט האַרלינגטאָן — מיר וועלען פריי־הער זיך אראָבלאָזען אין אָן אָבגרונד.

— א דאַנק פאַר דער שעהנער האָפנונג! — האָט א בורטשע געטהאָן לאָרד הייסטינגס.

דיא געוועזענע דזשעסי מוריי און דיא איצטיגע ליידי הייסטינגס האָט זיך אויף איהר שטייגער הילכיג צולאַכט, וויא זיא פלעגט עס טהאָן יעדעס מאָל, ווען איהר מאַן פלעגט נעהמען בייז בורטשען. זיא האָט זיך אָבער באַלד דערשראָקען און האָט אָבגעהאַקט דאָס לאַכען אין מיטען, ווייל איהר געלעכטער האָט זיך ווייט און ברייט פאַנאַנדערגעטראָגען איבער דיא בערג, האָט זיך גע־קייקעלט פון איין בארג צום צווייטען און האָט ביי יעדען באַרג אָבגעקלונגען אויף אָן אַנדער שטייגער.

— עס שיינט, וויא א גאַנצע מחנה טייוואָלים וואָלטען דאָ געלאַכט — האָט ניט־ווילענדיג א שוידער געטהאָן ליידי וויליאַמס.

וואָס ווייטער, האָט מען זיך געפיהלט אַלץ אונהיימליכער.

פּלוצלונג האָט זיך דאָס ארויפשטייגען געענדיגט און זיי האָבען פאַר זיך דערזעהן עטוואָס וואָס האָט ווירקליך אויסגעזעהן וויא אָן אָבגרונד. דאָס איז געווען א גרויסע, טיעפע, פינסטערע אויסהוילונג. האַרלינגטאָן און עלען האָבען זיך געלאָזט געהן אין דעם אָבגרונד.

— וואַרט! וואוהין געהט איהר! — האָט אימעצער אויסגעשריען מיט שרעק.

האַרלינגטאָן האָט בלויז א שמייכעל געטהאָן.

— האָט ניט קיין מורא — האָט ער געזאָגט — איך האָב אייך ניט גע־בראַכט אהער, אום אייך דאָ לעבעדיגערהייד צו בעגראָבען.

און ער האָט זיך רוהיג, אָבער פאָרזיכטיג געלאָזט געהן ווייטער. אַלע האָבען איהם ניט־ווילענדיג נאָכגעפאָלגט.

— געהט פאָרזיכטיג! — האָט געוואָרענט עלען.

דער אָבגרונד, אין וועלכען זיי האָבען זיך איצטער אַרונטערגעלאָזט, איז געוועזען דאָס מויל פון אַן אויסגעלאָשענעם פייער־שפּייענדען באַרג, אין וועלכען עס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אייז, וואָס איז דאָ געלעגען, גאָט ווייס, וויא פיעל הונדערטע יאָהרען. ערטערווייז האָבען זיך אויך געפונען הויפענס שניי. דיא שיין פון דער פולער לבנה האָט שוואַך בעלויכטען דיא עפנונג, אָבער דער גלאַנץ פון דעם אייז און פון דעם שניי האָט געגעבען דיא מעגליכקייט צו געפינען דעם וועג.

דאָס בילד איז געוועזען אַזוי גרויסאַרטיג, אַז אַלע האָבען פערגעסען אָן דער געפאַהר און זיינען וויא בעצויבערטע נאָכגעגאַנגען האַרלינגטאָן׳ען.

פּלוצלונג האָט זיך האַרלינגטאָן פערדרעהט אָן אַ זייט, און ווען דיא איב־ריגע האָבען איהם נאָכגעפאָלגט, זיינען זיי שיער ניט פערבלענדעט געוואָרען פון אַ העלער שיין, וואָס האָט זיי אַ שלאָג געטהאָן אין דיא אויגען.

אין אָנפאַנג האָבען זיי זיך גאָר קיין רעכנונג ניט געקענט אָבגעבען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, באַלד אָבער זיינען זיי געקומען צו זיך און האָבען געקענט קלאָר זעהן און פערשטעהן.

פאַר זיי האָט זיך געעפענט אַ הייל, אין וועלכער דיא וועגד זיינען געוועזען וויא פון פּאָלירטען שטיין און אויף דיא וועגט זיינען געהאַנגען צעהנדליגע לאָמפּען. דיא הייל איז געוועזען גרויס און זעהר הויך. אַ שטאַרקע קעלט האָט זיי אַלע דורכגענומען.

— מיר זיינען אויף׳ן נאָרד־פּאָל! — האָבען ענטציקט אויסגעשריען אַ פּאָר שטימען.

— מיר וועלען דאָ פערפרוירען ווערען — האָט איינע פון דיא פרויען בעמערקט.

עס האָט איהר געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן פאַר קעלט.

פיעל ריידען וועגען דעם האָבען זיי קיין צייט ניט געהאַט. האַרלינגטאָן און עלען זיינען געגאַנגען אַלץ ווייטער און דיא געסט האָבען געמוזט נאָכפאָל־גען.

— באַלד זיינען מיר ביי אונזער ענד־ציעל — האָט געלאָזט וויסען האַר־לינגטאָן און האָט זיך פערדרעהט אָן אַ זייט.

זיי זיינען אַריינגעקומען אין אַ צווייטער הייל, נאָך אַ גרעסערער, און ביי יעדען האָט זיך אַרויסגעריסען אַ געשריי פון איבעראַשונג.

דיעזע צווייטע הייל איז געווען עהנליך צו דער ערשטער, אָבער פיעל גרע־סער. דערצו איז זיא געווען אָנגעפילט מיט אייז. דיא בעלייכטונג איז געווען נאָך אַ העלערע וויא אין דער ערשטער און דיא שיין האָט זיך נאָך פערגרעסערט דערפון, וואָס זיא האָט זיך אָבגעשלאָגען אָן דעם אייז.

איין טהייל פון דעם הויפען אייז איז געווען פערהאַנגען. דיא געסט האָבען באַלד פערשטאַנען, אַז דאָ געפינט זיך דער מאָנומענט. זיי האָבען ביים מאָ־נומענט דערזעהען אַ גרופּע מענשען. דאָס זיינען געווען דיא ארבייטער, וואָס האָבען געמאַכט דעם מאָנומענט. זיי האָבען דאָ אויך זיך דערפיהלט פיעל וואַ־רימער, ניט קוקענדיג אויף'ן אייז, און זיי האָבען באַלד בעמערקט אין אַ פער־טיעפונג אַ הויפען האָלץ, וואָס האָט פרעהליך און העל געברענט. אין מיטען פון דער הייל האָבען זיך געפונען פּשוט'ע הילצערנע טישען און לאַנגע הילצער־נע ביינק, צונויפגעקלאַפּט פון ניט געהובעלטע ברעטער.

דאָס איז ווירקליך געווען עטוואָס אונגעוועהנליכעס און אונערוואַרטעטעס און דיא בעגייסטערונג פון הארלינגטאָן'ס געסט איז געווען אונבעשרייבליך. יע־דער האָט אויף זיין שטייגער אויסגעדריקט איבערראַשונג און בעוואונדערונג און אַלע האָבען הארציג געדריקט הארלינגטאָן'ס און עלען'ס הענד. הארלינגטאָן און עלען זיינען געווען גערִיהרט און גליקליך.

אויף הארלינגטאָן'ס איינלאַדונג האָבען זיך דיא געסט אויסגעזעצט ביי דיא טישען, פול מיט ערוואַרטונג און נייגעריגקייט. הארלינגטאָן האָט פער־נומען איין ברעג פון טיש נעבען עלען, איהר מוטער און האָפּמאַן'ען.

— וועסטו זיך אפשר נעהמען דיא מיה זיי צו דערצעהלען דיא גאַנצע גע־שיכטע, וועלכע מיר ווילען זיי מיטטהיילען? — האָט הארלינגטאָן שטיל גע־פרעגט עלען?

— ניין — האָט זיא געענטפערט אויך שטיל — איך בין צו אויפגערעגט.

און הארלינגטאָן האָט זיך געווענדעט צו זיינע געסט און האָט מיט אַ טיעף־גערִיהרטער שטימע אָנגעהויבען:

— מיינע פריינד, פון אונזער איינלאַדונג ווייסט איהר שוין דעם צוועק צוליעב וועלכען מיר האָבען אייך צוזאַמענגעבראַכט אַהער. איהר זיינט געווען אַזוי גוט, אונזער איינלאַדונג אָנצונעהמען און זייט זיכער, מיר ווע־לען אייך דיא טובה קיין מאָל ניט פערגעסען. אַ שטיקעל בעלוינונג וועלען מיר אייך איצטער שוין געבען. מיר וועלען אייך ענטדעקען דעם סוד פון אייער איינגענער רייזע אויף'ן "אמאָר" און אויף דער "וועסטאַ" און מיר וועלען אייך בעקענען מיט אַ זעהר ראָמאַנטישער פּאַסירונג.

ער האָט לאַנגזאַם ארומגעקוקט זיינע געסט און האָט געוואַרט אויף אַ בעמערקונג. אָבער קיינער האָט זיך קיין ריהר ניט געטהאָן און קיינער האָט קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט. דיא פּאַרבערייטונגען, איידער זיי זיינען געקומען אין

דיעזען מאָדנעם פּלאַץ, דיעזע געהיימניספאָלע, בעצויבערענדע העהל און דער געהויבענער, הארציגער טאָן פון האַרלינגטאָן'ס ווערטער האָבען אויף זיי געמאַכט אזא טיעפען איינדרוק, אַז זיי האָבען נור געקענט זיצען שטיל און הערען.

האַרלינגטאָן האָט גענומען דערצעהלען.

ער האָט אָנגעהויבען מיט דזשיימס מאַנספּיעלד'ס אָדער סעמיועל פּעטערסאָן'ס ליעבע צו דער אָרימער אידישער מיידעל אסתר און האָט דערצעהלט וועגען אסתר'ס שווידערליכען טויט און וועגען פּעטערסאָן'ס וואַנדערונגען. ער האָט אַזוי דעליקאַט, וויא מעגליך, אָנגעדייטעט אויף עלען'ס ליידען צוליעב איהר פּאָטער'ס געהיימניס און האָט דערמאָהנט וועגען זיין בעגעגניש מיט עלען, וועגען דעם, וויא זיא האָט פערטראַכט איהר וועלט־רייזע, אויף דער "וועסטאַ", אום צו דערשטיקען איהר ליעבע צו איהם, און וועגען דעם, וויא ער האָט מיט זיין "אמאַר" צושטערט איהרע פּלענער.

מיט איינעם וואָרט, האַרלינגטאָן האָט געגעבען אַ מעהר אָדער וועניגער פאָלשטענדיגען איבערבליק איבער דיא פּאַסירונגען, וואָס זיינען ביז איצטער דערצעהלט געוואָרען אין דיעזען בוך, און דאַן האָט ער געענדיגט :

— עלען האָט אונבעדינגט געוואָלט, אַז דער מאָנומענט פאַר איהר פּאָטער זאָל געשטעלט ווערען אין קאַליפאָרניע, וואו ער האָט געלעבט צוזאַמען מיט איהר. דעם מאָנומענט האָט זיא בעשלאָסען צו שטעלען אין דיא פּראַכטפאָלע קאַליפאָרניער בערג, וואו עס הערשט רוה, שטילקייט און שעהנקייט. זיא האָט פאַר דעם מאָנומענט אויסגעקליבען אַ פּלאַץ, וואו קיין מענשליך אויג קען איהם ניט זעהן, ווייל זיא רעכענט, אַז דיא וועלט איז צו זינדיג צו זעהן דעם מאָנומענט פון יענעם, וואָס האָט פערמאָגט אַזוי פיעל עדעלע, היילינגע ליעבע. און אין דיא בערג האָט זיא אויסגעקליבען גראָד דאָס מויל פון אַן אויסגעלאָשענעם פייער־שפּייענדען באַרג, וואָס איז איצטער פול מיט אייז און שנעע, ווייל דאָס, דענקט עלען, דערמאָהנט אָן דעם היציגען, ליעבענדען האַרץ פון איהר פּאָטער, וואָס דאָס לעבען האָט פערפרוירען און פערשנעעט.

האַרלינגטאָן האָט דערביי געוואָרפען אַ בליק אויף עלען און האָט בעמערקט טרעהרען אין איהרע אויגען.

ניט קוקענדיג אויף איהר אויפרעגונג, האָט זיא איהם דאָך אַ וואונק געטהאָן, ער זאָל זיך ניט שטערען און זאָל אָנגעהן ווייטער.

האַרלינגטאָן האָט דאַן אַ וואונק געטהאָן צו דיא ארבייטער.

לאַנגזאַם האָבען זיי גענומען אַראָבציהען דעם פּאָרהאַנג, וואָס האָט פערדעקט דעם מאָנומענט און פּלוצלונג האָבען דיא פערזאַמעלטע דערזעהן עטוואָס, וואָס האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופען אַ געשריי פון איבערראַשונג.

פערטרונקען אין אַ ים פון העלער ליכט, איז פאַר זייערע אויגען אויסגעוואַקסען אַ ריעזיגע פיגור, נעבען דער נאָך איינע און דאַן נאָך איינע. דיא

פיגורען זיינען געווען אויסגעהאקט אין דיא שטיינערנע פאלירטע ווענד און זיי האבען פארגעשטעלט פאלגענדעס:

א מאן מיט א גרויען קאפ און מיט א געזיכט פון א היילינען האט געטראגען א קרוין פון דערנער אויף זיין קאפ. אין דיעזער פיגור האבען דיא האפמאנס און עלען׳ס מוטער באלד דערקענט דזשיימס מאנספיעלד אדער סעמיועל פעטערסאן. א צווייטע פיגור פון א מלאך האט געשוועבט איבער פעטערסאן׳ס קאפ, האט מיט איין האנד איהם דערלאנגט א הארץ און מיט דער צווייטער האנד האט זיא פערדעקט דיא וואונד אין איהר ברוסט, פון וועלכער זיא האט דאס הארץ נור־וואס ארויסגעריסען. דאס איז געווען דיא פיגור פון אסתר׳ען. א דריטע פיגור האט געקניעט פאר פעטערסאן׳ען און האט מיט ליעבע און לייךענשאפט זיך געצווינגען צו איהם. אין דיעזער לעצטער פיגור האבען אלע דערקענט אן עהנליכקייט צו אסתר׳ס מוטער.

אלע אנוועזענדע האבען זיך אויפגעשטעלט און האבען מיט עהרפורכט בעטראכט דיעזע מערקווירדיגע סטאטוע. דיא מענער האבען ניט־ווילענדיג ארונטערגענומען די היט פון דיא קעפ און דיא פרויען האבען געלאזט זייערע קעפ זינקען אויף דער ברוסט.

פלוצלונג האבען דיא ליכט ארום דער סטאטוע זיך גענומען איינציגווייז אויסלעשען. דיא שטיינערנע גרופע איז געווארען אלץ דונקעלער און דונקעלער, ביז זיא האט זיך קוים ארויסגעזעהן.

— יעצט קענען מיר געהן — האט שטיל געזאגט הארלינגטאן און האט מיט איין האנד גענומען אונטער׳ן ארעם עלען און מיט דער צווייטער — איהר מוטער.

— אט־דיעזער מאנומענט — האט הארלינגטאן צוגעגעבען — וועט אויף אייביג זיין פערבארגען פון מענשליכע אויגען. אין דיעזע טהיילען פון דיא סיערא נעוואדא בערג קומען איצטער קיין מאל ניט קיין מענשען. ווייניג מענשען ווייסען זאגאר, אז אין דעם הייסען קאליפארניע איז אויף דיא בערג פאראן אייביגער שנעע און אייז אין דיא העהלען. וויעדער טאקע אויף עלען׳ס פערלאנג, וועט דיעזע העהל פערוואלגערט ווערען און קיינער וועט קיין מאל צו איהר קיין וועג ניט געפינען. אום זיך צו פערזיכערען געגען נייגעריגע, האבען מיר דיא ארבייטער, וואס האבען דא אלעס געמאכט, געבראכט פון ענגלאנד און מיר נעהמען זיי באלד צוריק נאך ענגלאנד. אפילו ווען זיי זאלען וועלען, וועלען זיי אויך קיינעם דעם פלאץ ניט קענען ענטדעקען. זיי זיינען דא פרעמדע און ווייסען אליין ניט דעם וועג אהער.

אין דער צייט, ווען הארלינגטאן האט גערעדט, האבען דיא ארבייטער דערווייל אויסגעלאשען נאך פיעלע ליכט און לאמפען, האבען אנגעצונדען פא־

קעלען און האבען זיך געשטעלט ביים ארויסגאנג פון דער העהל, גרייט צו צייגען דעם וועג צוריקוועגס.

שטיל האט מען זיך געלאזט געהן צוריק — הארלינגטאן און עלען פאראויס און דיא איבריגע נאך זיי. אין א האלבער שטונדע ארום זיינען זיי ארויס פון דיא בערג. עס האבען אויף זיי שוין געווארט פערד און זיי זיינען אלע צוזא־מען אוועק אין האטעל, וואו מען האט פאר זיי צוגעגרייט א פראכטפאלען פריהשטיק. עס האט שוין אנגעהויבען צו טאגען. דעמזעלבען טאג האבען זיי זיך געזאלט פאנאנדערפאהרען און דאס האט געזאלט זיין זייער געזעגענונגס־מאהלצייט.

דיא טהיילוויז שווערע און טהיילוויז געהויבענע שטימונג, מיט וועלכער אלע זיינען געוועזען איבערגעפילט אין דיא בערג ביים מאנומענט, איז איצטער פערשוואונדען און מען האט זעהר לוסטיג פערבראכט.

דיא הויפט העלדען פון דיעזען פעסט זיינען איצטער געווארען ביידע ברי־דער האפמאן, וועלכע האבען ערקלערט, אז זיי בעזעצען זיך מיט זייערע פרויען אויף שטענדיג נעבען דיעזלבע בערג, וועלכע זיי האבען נור־וואס פערלאזען, און ניק שארפ, וועלכען בערנארד האפמאן האט איינגעלאדען זיך צו בעזעצען צו־זאמען מיט איהם און מיט יאהאנא׳ן און וועלכער האט דיא איינלאדונג מיט פרייד אנגענומען.

דעם לעצטען טאסט האט געהאלטען טשארלס וויליאמס.

— איך טרינק — האט ער געזאגט — פאר דעם געזונד פון דיא געוועזענע וועסטאלקעס, וועלכע זיינען אין אמת׳ען געוועזען קריעגס־פרויען, אמאזאנ־קעס און האבען אונז געפאנגען.

— און איך טרינק פאר דיא אמאזאנען! — האט אויסגעשריען הענד־ריקס — ווארום אין אמת׳ען זיינען מיר גאר געוועזען דיא קריעגער און מיר האבען געפאנגען דיא פרומע וועסטאלקעס און זיי געצוואונגען צו ברעכען זייער שבועה צו בלייבען אייביג אונפערהייראט.

אלע האבען איהם הארציג אפלאדירט.

דעמזעלבען טאג נאך זיינען זיך אלע פאנאנדערגעפאהרען. דאס איז גע־ווען דיא לעצטע צוזאמענקונפט פון דיא ענגלענדער פון ״אמאר״ און פון דיא אמעריקאנערינס פון דער ״וועסטא״.

ע נ ד ע.